STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08104

DI HELDN IN DER VELT-GESHIKHTE

Zvi Cahn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר צבי כהן

די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע

געשטאַלטן און בילדער פון די פירער פון דער וועלט;
די וואָס האָבן געווירקט אויף דער לעבנס־אַרענע אין
גאַנג פון דורות

ערשטער באַנד

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל
1961

Dr. ZVI CAHN
DI HELDN IN DER WELT-GESHIHTE

Publishing House I. L. Peretz
31, Allenby str., Tel-Aviv

Copyright 1961
by Dr. Zvi Cahn
All Rigths Reserved

פאַרלאַג י. ל. פּרץ
תל־אביב, רח׳ אלנבי, 31

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1961

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

דאָס בוך איז געווידמעט:

מיינע צענדליקער פריינד; הונדערטער אָנהענגער און טויזנטער לייענער, וועלכע האָבן מיר אָפּט געשיקט בריוו מיט ליב־ווערטער און דאַנקזאָגונג פאַר מיינע אַרבעטן.

די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן, וועלכע זוכן בילדונג און וויסן.

אַלע יידישע קולטור־טוער, וואָס זוכן צו פאַר־שפּרייטן בילדונג און וויסן ביי יידן.

פאַר זיי האָב איך געשריבן מיין ערשטע אַרבעט „די פילאָזאָפיע פון יידנטום״, כדי צו באַקענען זיי מיט די יידישע אוצרות, און איצט „די העלדן פון דער וועלט־געשיכטע״ — וועגן גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע און די העלדן, וואָס האָבן געווירקט אין די פאַרשידענע תקופות.

מחבר

אינהאַלט

פאָרוואָרט

I. די פירער פון דער וועלט, ווער זיינען זיי געווען?

1. די מעשה בראשית פון אונדזער וועלט . . . 13

II. אין ווייטן אַזיען

2. בודאַ דער געטלעכער מאַן וואָס האָט ניט געגלויבט אין גאָט 23
3. די צוויי גרויסע כינעזער — לאַאָ טצע און קאָנפוציוס . 35
4. סיירוס דער גרויסער 42

III. דאָס היסטאָרישע גריכנלאַנד

5. דאָס ערשטע לאַנד פון פילאָזאָפן און קינסטלער . 51
6. פעריקלעס, דער טאַטע פון דעמאָקראַטיע . . 58
7. די ערשטע דענקער פון אַמאָליקן גריכנלאַנד . . 65
8. נאָך פינף גריכישע דענקער 72
9. דער ערשטער גריכישער פילאָזאָף סאָקראַטעס . . 77
10. סאָקראַטעסעס בעסטער תּלמיד — פּלאַטאָן . . 84
11. דער גריכישער פילאָזאָף אַריסטאָטעל . . . 104
12. ווער איז געווען עפּיקורוס? 111
13. ווער זיינען געווען די סטאָאיקער? . . . 123
14. די לעצטע פילאָזאָפישע שולן אין גריכנלאַנד . . 129
15. די גריכישע שאַפונגען אויפן געביט פון ליטעראַטור . 136
16. די גריכישע שאַפונגען אויפן געביט פון קונסט, מוזיק און אַרכיטעקטור 142
17. ווער איז געווען אַלעקסאַנדער פון מוקדון? . . . 149

IV. דאָס מיליטאַריסטישע רוים

18. רוים און קאַרטאַגע 171
19. ווי אַזוי איז אויסגעבויט געוואָרן די רוימישע אימפּעריע? 189
20. יוליוס צעזאַר, וועלכער האָט געוואָלט ווערן אַ גאָט . 196
21. אַנדערע רוימישע מערדערישע הערשער . . . 209
22. דער קייזער נעראָ, וועלכער האָט דערמאָרדעט זיין מוטער 215
23. אויסגעלאַסנקייט אין רוים 228
24. די פינף גוטע הערשער פון רוים 235
25. וואָס האָט רוים בייגעשטייערט דער וועלט? . . 241
26. קריסטנטום אין רוים 253
27. דער קייזער קאָנסטאַנטין, וועלכער האָט אָנגענומען קריסטנטום 260
28. די נייע רוימישע מאַכט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל . . 267
29. דער קייזער יוסטיניאַן, דער געזעצגעבער . . 273
30. ווי אַזוי האָט זיך קריסטנטום אויסגעבויט אַלס אַ וועלט־רעליגיע? 286

V. דאָס אויפשטייגן פון איסלאַם

31. ווער איז געווען מאַכמעד? 295
32. וואָס איז אַזוינס דער קאָראַן? 308
33. ווי אַזוי דער מאַכמעדאַנישער גלויבן האָט זיך פאַרשפּרייט 315

VI. דער אָנהויב פון מיטלאַלטער

34. די ערשטע פּויפּסטן אין רוים 325
35. די פעאָדאַלע הערשערס אין איראָפּע . . . 337
36. מענטשן־רעכט אין פעאָדאַלן סיסטעם . . . 343
37. אין דער ניי־יאָר־נאַכט פון יאָר טויזנט . . . 349

פאָרוואָרט

מיר לעבן איצט אין אַ צייט, ווען די פּראָדוקציע פון ביכער איז זייער גרויס, דאָך איז עס אַ זיכערע זאַך, אַז יעדער מחבר האָט אַ ציל וואָס ער וויל דערגרייכן מיט זיין ווערק. דער דאָזיקער ציל איז על-פּי-רוב ניט קיין מאַטעריעלער און יעדנפאַלס ניט בלויז דאָס, ווייל קיינער ווייס ניט וועגן אַ ניי ווערק, ווי אַזוי עס וועט אויפגענומען ווערן. עס איז דעריבער מער אַ גייסטיקער ציל, וואָס דער מחבר האָט זיך געשטעלט און וואָס ער האָט געהאָט פאַר זיינע אויגן, ווען ער האָט געשריבן זיין ווערק.

אויך דער מחבר פון אָט דעם ווערק „די העלדן אין דער וועלט-געשיכטע" (אין צוויי טיילן) האָט ביים שרייבן דאָס ווערק געהאָט אַ ציל. ריכטיק געזאָגט איז עס ניט געווען איין ציל, נאָר גאַנצע דריי:

ערשטנס, צו געבן די יידישע מאַסן אַ בוך וועגן דער געשיכטע פון דער וועלט אין יידיש און אין אַ לייכטער שפּראַך, אַזוי, אַז אַלע זאָלן עס קענען פאַרשטיין. אָט די קאַפּיטלען פון דער וועלט-געשיכטע האָט דער מחבר אויסגעקליבן צו שרייבן דורך ביאָגראַפישע סקיצעס פון די העלדן, וואָס זיינען געווען טעטיק אויף דער לעבנס-אַרענע, ווייל אַזוי אַרום וועט פאַרן לייענער זיין פיל לייכטער צו געדענקען דאָס, וואָס עס איז פאַר-געקומען אין געוויסע צייטן, ווי אויך די געדאַנקען וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן און די פילאָזאָפישע שיטות, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן, אין די פאַרשידענע תקופות.

צווייטנס, צו געבן די העלדן אין דער וועלט-געשיכטע אָן שום באַפּוצונגען, אַזוי ווי זיי זיינען געווען אין לעבן, ניט צו לויבן און ניט אונטערצושעצן יעדן איינעמס מעלות און חסרונות, נאָר אַרויסצוברענגען די ליכטיקע זייט צוזאַמען מיט דער שאָטן-זייט, און דער לייענער זאָל זיין דער, וואָס וועט אורטיילן וועגן דעם, אָדער יענעם העלד, לויט זיין פאַרשטאַנד און אויפפאַסונג.

דריטנס, אַראָפּצונעמען די קרוינען און טיטלען פון יעדן העלד אין דער געשיכטע, וועלכע געוויסע היסטאָריקער

האָבן מיט אומרעכט זיי אָנגעטאָן; צו באַטראַכטן געגוי און זען צי עס איז ריכטיק אַזאַ באַצייכענונג ווי למשל, סיירוס „דער גרויסער״, אָדער דער „גרויסער אַלעקסאַנדער פון מוקדון״ און אַזוי אַלע אַנדערע ביזן קייזער פעטער דער גרויסער פון רוסלאַנד, דורך פעסטשטעלן יעדעס מאָל אין וואָס די דאָזיקע גרויסקייט באַשטייט.

מיר לייענען אין תנ״ך אין שמואל ב׳ (קאַפּיטל ז׳) און שפּעטער אין דברי הימים א׳ (קאַפּיטל ז׳) און נאָך מער אויס־פירלעכער דאָרטן אין קאַפּיטל כ״ב, אַז נתן הנביא האָט געזאָגט צו דוד המלך, אַז ער וועט ניט בויען דעם בית־המקדש פאַר גאָט, ווייל „דם לרוב שפכת ומלחמות גדולות עשית, לא תבנה בית לשמי כי דמים רבים שפכת ארצה לפני״ (פיל בלוט האָסטו פאַרגאָסן און גרויסע מלחמות האָסטו געפירט; דו וועסט ניט בויען אַ הויז פאַר מיר, ווייל צו פיל בלוט האָסטו פאַרגאָסן אויף דער ערד פאַר מיר). אָט דאָס זענען געווען די ווערטער פון גאָט צו דודן דורך זיין שליח נתן הנביא. די זעלבע ווערטער דאַרפן געזאָגט ווערן צו אַלע קריגס־העלדן. צו זיי דאַרף מען זאָגן, אַז זיי קענען ניט אַריינקומען אין טעמפּל פון דער אייביקייט, ווייל זיי האָבן פאַרגאָסן צו פיל בלוט. יעדער איינער וואָס האָט פאַרגאָסן בלוט דאַרף אָפּגעשטעמפּלט ווערן אַלס מערדער; זיינע הענט זיינען ניט ריין; אַזאַ איינער קען דעם טעמפּל פון גאָט ניט בויען און אין זיין טעמפּל ניט אַריינקומען. דעריבער זיינען די דאָזיקע קריגס־העלדן ניט קיין „גרויסע״, נאָר — פאַרברעכער, וואָס זייערע הענט זיינען פול מיט בלוט.

בלויז די, וואָס האָבן אויפגעטאָן אין זייער לעבן עפּעס פאַר דער מענטשהייט; די, וועלכע האָבן געליטן און געשאַפן פאַרן פּראָגרעס פון דער וועלט, נאָר די, קענען זיצן אויף די שטולן פון דער אייביקייט און די דורות נאָך זיי וועלן אַרויפ־קוקן צו זיי מיט אַ געפיל פון ערפורכט, דאַנק און באַגייסטערונג.

אָט דאָס זיינען געווען די דריי צילן פון מחבר פון דעם ווערק. ער וויל גלויבן, אַז ער האָט זיי אין די צוויי טיילן פון זיין ווערק מער אָדער ווייניקער דערגרייכט און דאָס איז זיין באַלוינונג.

צ. כ.

א.

די פירער פון דער וועלט־געשיכטע
ווער זיינען זיי געווען ?

1. די מעשה בראשית פון אונדזער וועלט

1. די מעשה בראשית פון אונדזער וועלט

צוויי וועגן צו באַקענען זיך מיט דער געשיכטע פון דער וועלט — דער וועג פון כראָניק און דער וועג פון ביאָגראַפיע פון די העלדן — ווי אַלט איז די וועלט? — פאַר־געשיכטע און געשיכטע. — איז מעסאָפּאָטאַמיע געווען דאָס וויגעלע פון דער מענטשהייט? — וועלכע פעלקער האָבן געשאַפן גרויסע ווערטן פאַר דער מענטשהייט?

עס זיינען דאָ צוויי וועגן ווי צו באַקענען זיך מיט דעם, וואָס עס איז אַמאָל געווען. איינער איז דורך דעם וועג פון כראָניק, פון דער געשיכטע פון די אַמאָליקע טעג, וואו עס ווערן איבערגעגעבן די פאַקטן איינער נאָכן אַנדערן. אַ צווייטער וועג איז דורך די הויפּט־העלדן פון דער געשיכטע, דאָס הייסט, דורך די, וואָס האָבן געמאַכט די געשיכטע. מיר וועלן גיין אויף דעם צווייטן וועג. מיר וועלן דעריבער דאָ אַרויספירן די הויפּט־העלדן, די סאַמע אויסגעקליבנסטע, וועלכע האָבן געדרייט מיט דעם ראָד פון דער היסטאָריע, און זען ווער עס זיינען געווען די פירער וואָס האָבן געוואָלט, אָדער האָבן טאַקע איינגענומען די וועלט.

* * *

אונטערן באַגריף „פירער פון דער וועלט" דאַרף מען פאַרשטיין פיר פאַרשידענע טיפּן. עס זיינען געווען: 1) די שווערד־העלדן, וועלכע האָבן געוואָלט איינגעמען די וועלט מיט מאַכט און זיך דערקלערן דערנאָך פאַר אַבסאָלוטע הערשער. 2) רעליגיעזע פירער, וועלכע האָבן אויך געוואָלט איינעמען די וועלט, אָבער דורך רעליגיעזע מיטלען (און אַ ביסל אויך מיט דער שווערד). 3) נאָך אַנדערע וואָס האָבן געזוכט צו באַהערשן די וועלט דורך פּאָליטיק אָדער דורך אידעען — אמתע אָדער פאַלשע (אויך זיי האָבן געברויכט דערצו אַ ביסעלע די שווערד, אָבער אין אַ קלענערער מאָס), און 4) די גייסטיקע פירער, וועלכע האָבן איינגענומען די וועלט אויף אַן אמת דורך זייער גרויסן גייסט (און דערצו גאָר ניט געברויכט די שווערד). אַלס מוסטער פון דער ערשטער גרופּע זיינען אַזעלכע מיליטערישע פירער ווי אַלעקסאַנדער פון מוקדון אין דער גאָר אַלטער צייט; דזשינגיס כאַן אין מיטלאַלטער און נאַפּאָלעאָן אין דער נייער צייט. אין דער צווייטער גרופּע זיינען געווען מאַכמעד, דער נביא פון איסלאַם; פיל פירער פון רעליגיעזע סעקטעס און אויך אַ טייל פון

די פויפסטן; אַלס מוסטער פון די פּאָליטיקער און פון קעמפער פון אידעען קען דינען אַ גאַנצע רייע פון פאַרשידענע פערזענלעכקייטן אין פאַרלויף פון דער געשיכטע און אין דער לעצטער צייט, אַזעלכע ווי לענין און סטאַלין; אין דער פערטער גרופּע, די אמתע גייסטיקע פירער פון דער וועלט, גייען אַריין אַזעלכע ווי די נביאים, בודאַ, קאָנפוציוס, די גריכישע פילאָזאָפן, שפּינאָזאַ, טאָלסטאָי און אַלע אַנדערע גייסטיקע ריזן, וועלכע זיינען די ליכט־טורעמס פאַר דער מענטשהייט. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף די הויפּט־פיגורן פון אַלע פיר גרופּן לויטן גאַנג פון די דורות.

* * *

פעסימיסטן און ציניקער זעען די וועלט־געשיכטע אַלס אַ לאַנגע קייט פון ניט אויספאָלגן די געבאָטן פון גאָט און די נאַטור און פון ברודער־האַס און מאָרד. שוין דער ערשטער מענטש, אדם, האָט ניט אויסגעפאָלגט דעם געבאָט פון גאָט און אין צווייטן דור, פון קין און הבל, איז שוין געווען מאָרד. לויט די פעסימיסטישע דענקער קומט אויס, אַז עס האָט געדויערט אַן ערך פון 40 מיליאָן יאָר אין דער פאָר־געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווען פון דער מאַלפּע איז געוואָרן אַנטוויקלט אַ מענטש־מאַלפּע. עס האָט געדויערט נאָך אַ דריי הונדערט טויזנט יאָר ביז אָט די מענטש־מאַלפּע האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און זיך געלערנט צו מאָרדן באַשעפעניש פאַר זיין לעבנס־געברויך, דורך אַ שטיין. מיט נאָך 50 טויזנט יאָר שפּעטער האָט ער צופעליק אַנטדעקט קופּער אין דער ערד און האָט זיך פאַרשאַפט שוין אַ בעסער מיטל צו קענען מאָרדן. צוויי טויזנט יאָר שפּעטער האָט ער אַנטדעקט אייזן און זיך געשאַפן שוין נאָך בעסער געווער אויף צו מאָרדן. מיט נאָך 5000 יאָר שפּעטער האָט ער אַנטדעקט דינאַמיט מיט וואָס מען קען מאָרדן טויזנטער מיט איין מאָל און ניט לאַנג נאָכדעם האָט ער ווידער אַנטדעקט די אַטאָמישע קראַפט און איצט די וואַסער־שטאָף־באָמבע.

און דער מענטש קען שוין אַרויסשיקן אַזאַ מחבל אין דער לופט, אַז אַ מענטש אפילו, וואָס קען חרוב מאַכן אַזעלכע ריזיקע צענטערס ווי מאָסקווע, ניו יאָרק און אַנדערע. ער קען אין אַ פּאָר טעג חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט. אויב דער מענטש האָט אין פאַרלויף פון די אַלע יאָרן פּראָגרעסירט — איז געווען נאָר אין מאָרדן.

אָבער די אָפּטימיסטן האָבן אַן אַנדערע מיינונג וועגן דעם אַלעם. לויט זיי איז דער פּראָגרעס פון מאָרד געשען אַלעמאָל אין אַן עת צרה,

בעת די מיליטערישע קאַמפן. לויט זיי האָט דער מענטש אין דער צייט פון מלחמה זיך געמוזט קליגן איבער זיין שונא צו שאַפן אַ שאַרפער געווער, אַ בעסער פאַרניכטונגס־מיטל. דערפאַר איז דער גאַנצער פּראָגרעס אויפן געביט פון מאָרד נאָר אַ רעזולטאַט פון מלחמות. יעדע מלחמה האָט גע־שאַפן אַ נייעם סאָרט פאַרניכטונגס־מיטל. אָבער דאָס איז ניט דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. דער אמתער פּראָגרעס איז אין די באַ־ציאונגען פון מענטש צו מענטש; אין עטיק און עסטעטיק; אין אָפּשאַפן גרויזאַמקייטן; אין היגיענע און אין העלפן דעם מענטש צו קענען לעבן אַ שענער און בעסער לעבן.

יאָ, עס איז אמת, אַז אויף דעם געביט האָט מען ניט צו פאַר־צייכענען אַזאַ גרויסן פּראָגרעס ווי ביי מאָרד. אָבער אַ ביסל איז דאָ. עס איז ניטאָ קיין אַנזעעוודיקער פאָרשריט, אָבער עס איז דאָך דאָ וואָס צו פאַרצייכענען.

און נאָך עפּעס: די נאַטור גייט ניט אויפן וועג צום פּראָגרעס פון שריט צו שריט, פון אלף צו בית. ניין, זי גייט אַ שריט פאָראויס און אַ שריט צוריק. אַמאָל צוויי שריט פאָראויס און איין שריט צוריק און אַמאָל אַ שריט פאָראויס און אַ האַלבן שריט צוריק. עס איז ווי עס פאַלט איין אַט דער קאַפּריזנער דאַמע, די מוטער־נאַטור. אין גריכנלאַנד אַמאָל איז געווען אַ העכערע ציוויליזאַציע ווי אין רוב פון די לענדער אין דער צייט פון מיטלאַלטער. אין רוים זיינען מיט 19 הונדערט יאָר צוריק געווען פּרעכטיקע באָד־הייזער; אַ סיסטעם ווי אַזוי צו פאַרניכטן דעם שמוץ דורך קאַנאַלן וואָס פירן עס אַרויס אויסער דער שטאָט, אַזוי אַז מען האָט דאָרטן אין יענער צייט ניט געזען אין ערגעץ קיין צייכן פון שמוץ און אָפּפאַל. די גאַסן זיינען געווען אַזוי ריין, אַז מען האָט זיך געקענט לייגן שלאָפן אין מיטן מאַרק. אָבער ערשט מיט דריי הונדערט יאָר צוריק, ווי די כראָניקער פון יענער צייט דערציילן אונדז איז אין די גאַסן פון בערלין געווען אַזוי פיל שמוץ און אָפּפאַל, אַז מען האָט זיך געמוזט צוהאַלטן די נאָז ביים אַריבערגיין די גאַס פון איין הויז צום אַנדערן. אין פּאַריז, אין דער שיינער און גאַלאַנטער שטאָט פון ראָמאַנס, האָט מען נאָך (אויך לויט אַ כראָניקער פון יענער צייט) אין יאָר 1650 געוואָרפן אין דער פרי אַרויס דאָס שמוץ פון די נאַכט־טעפּלעך אין די גאַסן אַריין. פונדעסטוועגן זיינען בערלין און פּאַריז און אַלע אַנדערע הויפּט־שטעט היינט צו טאָג גאַנץ אַנדערש, און ניט נאָר די הויפּט־שטעט נאָר אַפילו אין זייטיקע שטעט און שטעטלעך איז אַנדערש. דאָס ווייזט, אַז עס איז

יאָ געווען אַ פּראָגרעס אויפן געביט פון היגיענע (און אַזוי אויך אויף אַנדערע געביטן).

* * *

אָבער אויב מען וויל לערנען פון דער געשיכטע, מוז מען עס אָנהויבן פון פיל פריער, ניט בלויז פון דער צייט פון דער געשיכטע גופא, נאָר אויך — און איבערהויפּט — פון דער פאַר־געשיכטע, פון דער צייט וואָס די היסטאָריקער רופן אָן „פרע־היסטאָריע", די צייט איידער עס הויבט זיך אָן די געשיכטע. אָבער די „פאַר־געשיכטע" האָט אַ פיל לענגערן פעריאָד. אויב די געשיכטע ציילט בלויז אַ פּאָר טויזנט יאָר, ציילט די פאַר־געשיכטע שוין אַ צייט פון מיליאָנען יאָרן.

די וויסנשאַפטלער גיבן אונדז איבער, אַזאַ בילד פון דער פאַר־געשיכטע, צוזאַמענגעשטעלט לויט איבערבלייבונגען פון קערפּערס פון חיות און מענטשן און פון אַנדערע באַווייזן, וואָס מען האָט געפונען טיף אין דער ערד.

אין דער „פאַר־געשיכטע" צייט (פרע־היסטאָריע) איז דער קלימאַט אין אייראָפּע און אַזיע געווען פיל וואַרעמער ווי ער איז היינט צו טאָג. גאַנץ וועלט איז דעמאָלט באַשטאַנען פון אומענדלעכע וועלדער אין וועלכע די האַריקע באַשעפעניש, די מענטשן־מאַלפּעס, אונדזערע אור־אור־עלטערן, זיינען אַרומגעלאָפן זוכנדיק שפּייז, וואָס איז באַשטאַנען פאַר זיי קודם כל פון קרייטעכצער, וואָרצלען און פאַרשידענע יאַגדעס און שוואָמען, און אויב עס איז געווען מעגלעך — אויך פון רויען פלייש פון אַנדערע באַשעפענישן. די מענטשן־מאַלפּעס זיינען געווען קורצע און דיקע, מיט אַ נידעריקן פּיס־שענקל און זייער מוסקולאַר אויסגעבויט. זיי זיינען געווען פיל נידעריקער ווי דער מענטש היינט צו טאָג. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען נאַקעט און ניט געוואוסט נאָך ווי אַזוי צו מאַכן פייער. זיי האָבן געקענט צווישן זיך דורך געוויסע שטים־צייכנס און אויס־געשרייען, אָבער עס האָט ניט געהאַט קיין פאָרם פון אַ שפּראַך אָדער אַפילו פון איינצעלנע ווערטער. עס איז געווען מער אַ מין ברומען ווי פון אַ חיה. ווען זיי זיינען געווען הונגעריק האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט זוכן שפּייז אַליין אָדער אין גרופּן פון צוויי און דריי. דערנאָך זיינען זיי אַוועק אויף אַ בוים אָדער אויף אַ פעלדז און זיינען דאָרטן געלעגן, ביז דער הונגער האָט זיי ווידער געטריבן צו זוכן שפּייז. אַזוי האָבן זיי געלעבט פאַר מיליאָנען יאָרן ביז עס איז געקומען דער ערשטער אייז־פעריאָד, ווען דער רוב פון דער וועלט איז באַדעקט געוואָרן מיט אייז.

אַזעלכע פּעריאָדן זיינען געווען צום ווייניקסטן פיר, וועלכע זיינען גע־קומען אין פאַרשידענע צייטן. די אורזאַך פאַר די אייז־פּעריאָדן איז — נאָך אַלע פאַרשידענע טעאָריעס — ביט באַקאַנט.

אַלזאָ, עס איז געווען דער ערשטער אייז־פּעריאָד, וואָס האָט גע־מאַכט דעם מענטש־מאַלפּע צו זוכן פאַר זיך אַ נייע היים און צו געפינען וועגן און מיטלען צו קענען עקזיסטירן.

די יעניקע פון דער מענטש־מאַלפּע וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אייז אין היילן און אין גרובן אונטער דער ערד, האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען און דאָס האָט ביי אונדזער אור־זיידע געשאַפן דאָס ערשטע געפיל פון צוזאַמענלעבן, פון אַ סאָציאַלער אָרדענונג וואָס איז געווען נוי־טיק פאַר זיין קיום. ערשט איצט זיינען אָט די איבערגעבליבענע פון דער מוראדיקער קאַטאַסטראָפע אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער מענטשהייט.

דאָס פעלן פון שפּייז האָט זיי געצוואונגען צו הרגענען חיות און עסן דאָס פלייש און מיט דער פעל זיך איינהילן, כדי צו שיצן זיך פון דער קעלט. אַלס מיטל קעגן די פאַרשידענע ווילדע חיות וועלכע זיינען אַנגע־לאָפן פון אַלע זייטן און האָבן אויך באַזוכט די היילן און גרובן, האָט דער מענטש־מאַלפּע זיך אויסגעלערנט צו רייבן אַ שטיק האָלץ אָן אַ שטיק האָלץ און אַזוי אַרום געשאַפן פייער. אַ דאַנק דעם פייער האָבן זיי געזען דעם שונא וואָס קומט אָן און אים אויך איבערגעשראָקן מיטן פייער. די אַנטדעקונג פון פייער איז געווען מיט אַן ערך 50 טויזנט יאָר צוריק.

דער מענטש־מאַלפּע האָט איצט, געטריבן פון נויט, געלערנט זיך ריידן ווערטער, כדי צו קענען געבן צייכנס צו אַנדערע אין פאַל פון אַן אָנפאַל און אַזוי אַרום האָט דער דאָזיקער ערשטער מענטש גענומען מאַכן פּראָגרעס אויפן וועג צו ווערן אַן אמתער מענטש. ער איז געוואָרן אַ יעגער און האָט געשאַפן זיך דערצו מכשירים און אַזוי איז געגאַנגען דער פּראָגרעס וואָס אַמאָל ווייטער.

אָבער צוליב דעם וואָס עס זיינען געקומען אייז־פּעריאָדן איינע נאָך דער אַנדערער, האָט עס אים געצוואונגען צו זוכן כסדר שוץ ביי עמיצן און אַזוי אַרום האָט ער זיך דערטראַכט צו בוקן זיך צו אַ העכע־רער זאַך וואָס זאָל אים העלפן, זאָל עס זיין אַ באַשאַף פון דער נאַטור, צי זיין אייגנס; אַ לעבעדיקע זאַך אָדער אַ שטיק האָלץ, אַבי ער זאָל זיך קענען ווענדן צו עמיצן נאָך הילף אין אַ מינוט פון געפאַר. אַזוי אַרום איז געבוירן געוואָרן רעליגיע.

און אַזוי הויבט זיך אָן די געשיכטע פון דער מענטשהייט. די

געשיכטע פון די פּאַסטעכער, די צייט פון די אַקערער און זייער אין די שפּעטערדיקע צייטן, פון די וואָס האָבן זיך באַזעצט אַרום טייכן און אַזוי אַרום זיינען אַנטשטאַנען ישובים און וווין־ערטער, דערפער און שטעט.

* * *

די ערשטע געשיכטע פון מענטש איז פון מעסאָפּאָטאַמיע און אומגעגנט. אין עגיפּטן זיינען די פּיראַמידן געווען די ערשטע גיגאַנטישע זאַך וואָס דער נייער מענטשלעכער מוח האָט פאַרטראַכט — כאָטש אָן אַ ציל און אָן אַ באַזונדערן געדאַנק. דער נייער מענטש האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער קען שאַפן אין דער הויך עפּעס גרויסעס, שטאַרקעס, פעסטעס; ער קען שלעפּן ריזיקע שטיינער און זיי אַרויפפירן גאָר הויך.

אין מעסאָפּאָטאַמיע האָט דער מענטש אויך פּרובירט צו שאַפן לענדער און מלוכות (אייגנטלעך: מלוכהלעך). עס האָט זיך אָנגעהויבן אין אור־כשדים און מיר זעען באַלד ווי עס וואַקסן לענדער און מלוכות ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. נאָכן מבול (אָן אייז־פּעריאָד?) האָבן מיר שוין „אבימלך מלך גרר״, סדום און עמורה, די בני חת און ביים „ברית בין הבתרים״ ווערן שוין אויסגערעכנט די לענדער: „את הקיני ואת הקניזי ואת הקדמוני; את החתי ואת הפריזי ואת הרפאים, ואת האמורי ואת הכנעני ואת הגרשני ואת היבוסי״. די שטאַרקסטע מלוכה איז געווען די פון די „סומעריאַנס״ (אור־כשדים) אָדער כאַלדעער. דערנאָך איז געקומען דער קעניג פון די אַקקאַדיענס (דאָס לאַנד „שנער״), סרגון, און האָט באַזיגט די סומעריאַנס. אָבער די אַקקאַדיענס זיינען געווען קעמפערס און האָבן געקעמפט מיט אַלע אַרומיקע שכנים ביז זיי האָבן יענע פאַרניכטעט.

נאָך די אַקקאַדיענס איז געקומען דער „האמורי״, מיט זייער קעניג האמוראבי, וועלכער האָט דער ערשטער געשאַפן אַ בוך פון געזעצן. אָבער אויך ער איז געווען אַ שווערד־העלד, און אַזוי ווי סרגון האָט ער אַזוי לאַנג פאַרניכטעט אַנדערע לענדער ביז ער אַליין איז פאַרניכטעט געוואָרן.

נאָך זיי איז געקומען אויף דער וועלט־סצענע — אַשור, מיט גרויסע בערד, לאַנגע נעז און דינע ליפּן. זיי זיינען געקומען פון נינוה מיט קריגס רייט־וועגן און אַ צייט לאַנג טעראָריזירט די גאַנצע דעמאָלטדיקע מענטשהייט. זיי האָבן געזוכט נאָר צו הערשן און איינצונעמען די וועלט. זיי זיינען געווען אמתע רוצחים. די געפונענע בילדער פון די קעניגן פון אַשור, אויסגעהאַקט אין שטיינער, ווייזן ווי אַזוי זיי רייסן אויס די צונגען

און שטעכן אויס די אויגן ביי די קריגס־געפאַנגענע. אַשור האָט שוין פאַרמאָגט אַ גוט־פאַרמירטע מלחמה־מאַשין. זי האָט געהערשט אַן ערך פון 150 יאָר ביז זי איז פאַרשוואונדן פון דער וועלט־סצענע.

און אַזוי זעען מיר אויך פּראָגרעס ביי די אַנדערע פעלקער. אָפּ־געדעדט פון די ערשטע עברים, מיט זייער לערע פון מאָנאָטעאיזם, זעען מיר ווי דאָס פאָלק פון די כשדים (כאַלדעער) פאַרנעמט זיך מיט שטערן־זעעריי; די איינוואוינער פון קרעטאַ האָבן שוין דעמאָלט געבויט שיינע פּאַלאַצן און עס איז געווען דאָרט אַ הויכע ציוויליזאַציע לויטן באַגריף פון יענער צייט; די חתים, די איינוואוינער פון עלם (דערמאָנט אין חומש) מיט זייער הויכער ציוויליזאַציע, ספּעציעל אין פעלד־אַרבעט, און די סקיטיאַנס. אַזאַ פאָלק אין יענער צייט, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ גאָר הויכער מדרגה פון ציוויליזאַציע — העכער ווי אַנדערע פעלקער.

* * *

לויט די נייעסטע פּסיכיאַטרישע פאָרשונגען איז דאָ אַן אַלגעמיינער שטריך, וואָס ציט זיך ביי אַלע יעניקע וועלכע האָבן געזוכט צו באַהערשן די וועלט. סיי ביי די מיליטערישע פירער, סיי ביי די רעליגיעזע און סיי ביי די פּאָליטיקער (אַ חוץ נאַטירלעך ביי די מענטשן פון גייסט וועלכע ווילן באמת גאָר נישט באַהערשן די וועלט, נאָר זייער גרויסער גייסט, זייער געניוס, טוט עס פאַר זיי אָן זייער וויסן). דער דאָזיקער געמיינ־זאַמער שטריך איז אַ געוויסע אומנאָרמאַלקייט, וואָס איז באַקאַנט אין דער פּסיכיאַטריע אַלס „פּאַראַנאָיאַ". דער פּאַראַנאָיאַק איז אַ כמעט נאָרמאַלער מענטש. ער רעדט ניט פון וועג און איז פעאיק זיך צו פירן ווי אַלע מענטשן, אָבער אויב ער האָט עפּעס זיך אַריינגענומען אין קאָפּ איז עס פאַרפאַלן. ער וועט ניט אויפהערן פריער ביז ער וועט דאָס אויספירן. אַזאַ איינער וועט טאָן אַלץ אין דער וועלט צו דערגרייכן זיין ציל, מעג עס זיין ווי שווער און אפילו אוממעגלעך. אַזעלכע זיינען געווען אַלעקסאַנדער מוקדון, דזשינגיס כאַן, נאַפּאָלעאָן און אַלע אַנדערע, ווי היטלער, לענין און סטאַלין אין דער נייער צייט.

* * *

ווי געזאָגט, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף די פירער פון דער וועלט לויטן גאַנג פון די דורות. אָבער ווען מען קוקט זיך צו צו די פעלקער וואָס האָבן אַמאָל באַוואוינט אונדזער וועלט און זיינען פאַרשוואונדן, זעען מיר, אַז פון אַלע אַלטע פעלקער זיינען נאָר געבליבן פיר. זיי זיינען;

די אינדיאַנער (הינדוסן); די כינעזער; די יידן און די גריכן. פאַרוואָס זיינען לעבן געבליבן פון אַלע פעלקער בלויז די פיר? דער ענטפער דערויף איז — ווייל אָט די פיר פעלקער האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט דער שווערד אַליין, נאָר האָבן זיך אָפּגעגעבן דער עיקר מיט גייסט און דעריבער אַרויסגעגעבן גרויסע מענטשן, ריזן פון גייסט, געניאַלע דענקער. די אינדיאַנער — בודאַ; די כינעזער — קאָנפוציוס און לאַאָ טצע; די יידן — משה און די נביאים, און די גריכן — די פילאָזאָפן: סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, אַריסטאָטעלעס, און אַנדערע. דעריבער איז אין דער צייט ווען עס איז מער ניטאָ קיין „האמורי", „החתי", „הכנעני" און „היבוסי", זיינען נאָר דאָ אָט די פיר אויף דער וועלט־מאַפּע.

מיר וועלן זיך דעריבער אָפּשטעלן צום ערשטן אויף דעם גרויסן גייסט פון די אינדיאַנער אין יענער אַלטער פאַרנעפּלטער צייט און אַרומרעדן די געשטאַלט פון בודאַ.

.II

אין ווייטן אזיען

2. בודאַ דער געטלעכער מאַן וואָס האָט ניט געגלויבט אין גאָט

3. די צוויי גרויסע כינעזער — לאַאָ טצע און קאָנפוציוס

4. כיירוס דער גרויסער

2. בודאַ דער געטלעכער מאַן וואָס האָט ניט געגלויבט אין גאָט

ווער איז געווען בודאַ? — אַ יונגער פּרינץ וואָס אַנטלויפט פון פאַרגעניגנס און פייניקט זיך. — ער קומט שפּעטער צום געדאַנק אַז אַסקעטיזם איז ניט דער וועג צום אמת פון לעבן. — דער גרויסער דערפאָלג פון זיין נייער לערע. — האָט בודאַ ניט געגלויבט אין גאָט?

דאָס ערשטע ווינקעלע אויף גאָטס ערד נאָכן לעצטן אייז־פעריאָד (מבול) איז געווען, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט פריער אין מעסאָפּאָטאַמיע און אין דער גאַנצער געגנט וואָס מיר רופן איצט אַן קליין־אַזיע. דאָרט הויבט זיך אָן די געשיכטע פון דער מענטשהייט. דאָרט איז דער מענטש־מאָלפּע איבערגעטראָטן איבער דער שוועל פון דער פאָר־גע־שיכטע צו געשיכטע מיט אַן ערך 10.000 יאָר צוריק. נאָכן בלאָנדזשען אַרום אין דער נייער וועלט, זוכנדיק פאַר זיך שוץ און אַ גאָט, צום ערשטן אין באַשעפענישן, ווי חיות, בהמות, און עופות; שפּעטער אין פיגורן און געשטאַלטן וואָס ער האָט אַליין געשאַפן פון פאַרשידענע שטאָפן, ווי מעטאַל, האָלץ, געוועב א. ד. ג. און נאָך שפּעטער אין די הימלישע קערפּערשאַפטן, איז געקומען אברהם העברי און געגעבן זיין שטאָם דעם באַגריף פון אַ גאָט, וואָס מען קען ניט זען, אַ גאָט וואָס האָט אַלץ געשאַפן, אַן איין־איינציקן גאָט. דאָס איז געווען מיט אַן ערך 3.800 יאָר צוריק, 1.800 יאָר פאַר דער היינטיקער (קריסטלעכער) צייט־רעכענונג. שפּעטער מיט 500 יאָר איז געקומען משה און האָט פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין איין גאָט און האָט געגעבן זיין שטאָם די צען געבאָטן און דערנאָך — די תורה. דאָס איז פאָרגעקומען שוין מיט אַן ערך 1.300 יאָר פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג.

דער אָנהויב פון אַ ציוויליזירט לעבן אין יענעם ווינקל איז אָבער געווען מיט מלחמות וואָס גרעסערע לענדער האָבן געפירט מיט קלענערע כדי זיי איינצושלינגען און צו ווערן נאָך גרעסער. עס זיינען אַזוי אַרום אַנטשטאַנען עטלעכע גאָר גרויסע מלוכות, גאַנצע אימפּעריעס, אָבער זיי האָבן זיך ניט לאַנג געהאַלטן. פירנדיק כסדר מלחמות מיט אַנדערע פעלקער, האָבן זיי אפילו ווען זיי האָבן געזיגט, דאָך כסדר פאַרלוירן סיי מענטשן און סיי גוטס, און אַזוי אַרום האָבן זיי אומאויפהערלעך געבלוטיקט ביז זיי זיינען אַליין אונטערגעגאַנגען.

די ליכט־טורעמס אין יענעם פעריאָד זיינען געווען אונדזערע

גרויסע אָבות, משה רבינו און די נביאים. אויסער זיי האָבן זיך הינטער די הימאַלאַיען־בערג, באַוויזן עטלעכע גרויסע גייסטער, ריזן פון געדאַנק און עטיק, וועלכע האָבן ארויסגעגעבן לערעס צו זייערע שטאַמען און מיט זיי געלערנט יושר און סאָציאַלע גערעכטיקייט. אין יענעם וויטן, פאַרוואָרפענעם ווינקל אויף גאָטס ערד, טיף אין אַזיע, האָבן דעמאָלט געלעבט אַ ריי פעלקער וואָס האָבן קיין מלחמות ניט געפירט און דעריבער זיינען אַנטשטאַנען ביי זיי גרויסע גייסטיקע פירער. מיר מיינען די לענדער: א י נ ד י ע, וואו עס איז געבוירן געוואָרן ב ו ד אָ און כ י נ ע, וואו עס זיינען געוועזן צוויי גרויסע מייסטער: ל אָ אָ ט צ ע און ק אָ נ פ ו צ י ו ס.

* * *

כדי צו מאַכן אַט־דעם שפּרונג אין דער געשיכטע, האָבן מיר געמוזט איבערלאָזן, אויף דערוויל, גאַנצע 1.200 יאָר פון טומלדיק לעבן אין מעסאָפּאָטאַמיע, וויל די צייט פון וועלכער מיר גייען רעדן איצט איז שוין 600 יאָר פאַר דער קריסטלעכער וועלט־ציילונג; די צייט ווען אין ארץ ישראל איז שוין געוועזן נאָענט צום ערשטן חורבן; עס איז די צייט ווען עס האָט געלעבט און געווירקט דער גרויסער קעמפער פאַרן אמת, י ר מ י ה ו ה נ ב י א. די דריי גרויסע גייסטער ב ו ד אָ, לאָאָ טצע און קאָנפוצויס, האָבן געלעבט אין יענער צייט, אין זעקסטן יאָרהונדערט פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג.

אָבער פאַרוואָס גיין אַזוי וויט, אַזש ביז צו די הימאַלאַיען־בערג? און וואָס איז וועגן איירָאָפּע, וואָס איז וועגן דעם גאַנצן גרויסן קאָנטינענט פון אור כשדים ביז צו די הרי חושך פון אַזיע? דערויף איז דער ענטפער, אַז איירָאָפּע איז נאָך דעמאָלט ניט געוועזן אין גדר פון געשיכטע. עס זיינען נאָך דעמאָלט דאָרטן ניט געוועזן קיין שטעט און לענדער, נאָר נאָך אַלץ די גרויסע אור־וועלדער אין וועלכע דער נייער מענטש, דער אדם הראשון, האָט אין זיי אַרומגעוואָנדערט זוכנדיק שפּייז פאַר זיך און זיינע קינדער. אַ טייל פון די ערשטע מענטשן האָבן זיך באַזעצט ביי טייכן און וואַסערן, וואו זיי האָבן אויסגעבויט כאַטעס צו וואוינען אין זיי, ווייל דאָ האָבן זיי געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו דערנערן פון פיש־פאַנג און אויך צו טרינקען. יענע ערשטע מענטשן זיינען געוועזן קורץ־געוויקסיק, מיט פעסטע מוסקולן, און שטאַרק באַוואַקסן מיט האָר, און געלעבט אַ זייער פּרימיטיוו לעבן.

דערפאַר זיינען אָבער אין דעם אַנדערן ווינקל פון דער וועלט,

דאַרטן ביי די הימאַלאַיען, שוין געווען מער־ווייניקער ציוויליזירטע פעלקער וואָס האָבן געלעבט אין שטעט, מיט אַ געוויסער סאָציאַלער אָרדענונג, און דער עיקר, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין לוסט צו רויבן דאָס וואָס יענער האָט, און דערפאַר זיינען דאָרטן כמעט ניט געווען קיין מלחמות און קיין איבערפאַלן פון אַ גרעסער לאַנד איבער אַ קלענערן. דאָס האָט געפירט צום גייסטיקן שאַפן פון גייסטיקע ווערטן, צו העכערע פאַרטראַכטונגען אין מענטשלעכן דענקען.

* * *

ווי די אינדיאַנער זאָגן, איז שוין זייער ציוויליזאַציע אַלט 20 טויזנט יאָר. דאָס נעמלעכע זאָגן אויך די כינעזער און פיל אַנדערע פעלקער אין דער געגנט פון די הימאַלאַיען. זיי רימען זיך אויך דערמיט וואָס פון גאָר אַלטע צייטן אָן איז ביי זיי געווען פאַרערט דער מענטש פון בוך און אַז זיי האָבן פון אייביק אָן פיינט געהאַט דעם מענטש פון שווערד. מיר וועלן זיך דעריבער דאָ אָפּשטעלן אויפן ערשטן דענקער פון אינדיע — ג א א י ט א מ אַ ב ו ד אַ.

דאָס לעבן פון בודאַ איז איינגעהילט אין אַ שלייער פון לעגענדעס. דאָס איז אייגנטלעך קיין וואונדער ניט. אַלע לעבנס־געשיכטן פון גרויסע גייסטער, די אמתע פירער פון דער מענטשהייט, זיינען באַפּוצט מיט לעגענדעס. אָבער דאָך איז דאָ אַן אונטערשיד אין די לעגענדעס גופא. אין יעדער לעגענדע זיינען דאָ קערנדלעך פון אמת, געוויסע פונקטן וועלכע זיינען די אמתע פאַקטן. וועגדעט זיך דעריבער, ווי גרויס עס איז די צאָל פון די אמתן אין דער לעגענדע. פאַראַן לעגענדעס, וועלכע זיינען ממש ווילד און אויסטערליש. די גוזמאות זיינען זייער גרויס און די קערנדלעך פון אמת ווערן ממש אין זיי פאַרלוירן און עס זיינען פאַראַן לעגענדעס וואָס האָבן אין זיך אַ סך פונקטן פון אמת און די גוזמאותדיקע באַפּוצונגען זיינען ניט אויסערן וועג, אַזוי אַז די לעגענדע קען מען אויסהערן און אַנדערע קענען אפילו דעריין גלויבן. אַלס מוסטער דאַרף מען נעמען טאַקע די לעגענדעס אַרום בודאַ און פאַרגלייכן זיי מיט די לעגענדעס אַרום יעזוסן. ביידע שעפער פון גרויסע רעליגיעס. די לעגענדעס אַרום יעזוסן זיינען אויסטערלישע און אומגלויבלעכע, ווי למשל, די לעגענדע, אַז יעזוסעס מוטער מאַריאַ איז באַפרוכפּערט געוואָרן פון הימל. אָבער דאָך האָט זי, אים געטראָגן אין איר בויך ניין חדשים, ווי אַלע אַנדערע פרויען... אָדער די לעגענדע, אַז ער איז אַ זון פון גאָט, אָבער דאָך האָט מען אים געקרייצט צוזאַמען מיט אַנדערע

רויבער. ווי אויך די לעגענדע פון זיין אויפשטיין תחית המתים. דאָס זיינען אַלץ גוזמאות אין וועלכע עס זיינען ניטאָ קיין קערנדלעך פון אמת. פאַרגלייכט מען דאָס מיט די בודאַ־לעגענדעס, איז ממש ווי נאַכט קעגן טאָג, ווי אַ פשוטע מעשה קעגנאיבער אַ ווילד פאַנטאַסטישער:

די געשיכטע וועגן בודאַ גייט אַזוי:

מיט אַן ערך 560 יאָר פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג איז ביי אַ פירשט און אַ פירער פון אַ שבט אין אינדיע געבוירן געוואָרן אַ זון. מען האָט דעם קינד אַ נאָמען געגעבן סאַקיאַ־מוני גאַאיטאַמאַ בודאַ. ווען דאָס קינד, דער יונגער פּרינץ, איז אויסגעוואַקסן, האָט מען געזען אַז ער איז אויסערגעוויינלעך פעאיק. דערצו איז ער אויך געווען זייער שיין. דער יונגער פּרינץ פלעגט אָפט זיצן זייער פאַרטראַכט. אַז מען האָט אים אַמאָל געפרעגט פאַרוואָס ער איז אַזוי פאַרטראַכט, האָט ער געענטפערט, אַז די הימאַלאַיען־בערג מיט די ווייסע שניי־קעפּ, וועלכע זעען אויס אויף זיי ווי טורבאַנען און וועלכע שטייען שוין דאָרטן מיליאָנען יאָרן און האָבן דעם אויסזען ווי אַלטע געטער, מאַכן אים אַלעמאָל פיל צו טראַכטן איבער די וועגן פון גאָט און די מענטשן.

אַזוי ווי ער איז אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ רייכן פּאַלאַץ וואו עס זיינען געווען פיל יונגע פרויען, איז דער יונגער פּרינץ געוואָרן זייער ליבלינג. אין יענעם הויף, וואו עס זיינען ניט געווען קיין שום מיליטערישע זאָרגן, פלעגט מען כסדר פאַרברענגען אין זוכן פאַרגעניגנס.

אָבער בודאַ האָט אין די שמחות און פאַרווײַלונגען קיין אָנטייל ניט גענומען. יעדנפאַלס ניט צופיל, ווייל אים האָבן זיי ניט געבראַכט קיין פרייד, נאָר פאַרקערט, פיל טרויער. ער האָט אַלע מאָל געטראַכט וועגן סוף פון מענטש וואָס עס איז דער טויט און וועגן דעם וואָס אַלץ איז פאַרגייענדיק... פרייד איז ניט קיין פרייד אויף אייביק און אויך טרויער איז ניט אויף לאַנג און אָפט קומט נאָך יעדן טרויער אַן אנדערע און נאָך אַ צרה אַמאָל אַ פיל ערגערע... פאַרוואָס איז עס אַזוי? —

ווען בודאַ איז אַלט געוואָרן 19 יאָר, האָט מען אים חתונה געמאַכט מיט זיינער אַ קוזינע, זייער אַ שיין מיידל מיטן נאָמען יאַסאָדהאַראַ. ער איז געווען זייער צופרידן און געלעבט גליקלעך מיט איר אין דעם פּאַלאַץ פון זיין פאָטער גאַנצע צען יאָר ביז ער איז אַלט געוואָרן 29 יאָר. אין די יאָרן האָט בודאַ געפירט אַ קאַמף מיט זיך צי ער זאָל בלייבן אין פּאַלאַץ און אַנטיילנעמען ווייטער אין די פאַרגעניגנס און פאַרווײַלונגען וואָס קומען דאָרט פאָר און פאַרגעסן אין דער ליידנדער וועלט, אין דער געפּלאָגטער מענטשהייט, אָדער ער זאָל אַנטלויפן פון דאָרטן און גיין

צו די מענטשן און רעדן צו זיי און זאָגן זיי וואָס דאָס לעבן איז און ווי אַזוי זיי קענען העלפן איינער דעם אַנדערן, צו מאַכן די ליידן פון די מענטשן לייכטער. ס׳איז געווען אַ שווערער און ביטערער קאַמף וואָס איז אָנגעגאַנגען טאָג און נאַכט ביי אים אין האַרצן. ער האָט געוואויגן און געמאָסטן צי ער זאָל פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ, זיין יונג און געטריי ווייב און זיין נאָר־וואָס געבוירענעם זון און נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט, אדער זאָל ער בלייבן מיט זיי, מיט די, וועלכע זיינען אים אַזוי טייער און ליב...

אָבער איינמאָל ביינאַכט האָט ער באַשלאָסן, אַז ער מוז אַנטלויפן און ער האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון שלאָף־צימער, פון זיין ווייב און קינד. ער האָט געטראָטן איבער די האַלב נאַקעטע קערפּערס פון די שלאָפנדיקע זינגערינס און טענצערינס אויף די דיוואַנען פון פּאַלאַץ, וואו זיי זיינען אַוועקגעפאַלן מיד נאָך האַלבער נאַכט, נאָכן פאַרוויילן זיין פאָטער, דעם הערשער און זיינע מיטמענטשן. ער איז אַרויס אין דרויסן און זיך געלאָזט גיין צו אַ סעקטע פון אַסקעטן, גאָט־זוכער, וואָס ער האָט געוואוסט וועגן זיי. ער האָט געוואָלט ביי זיי לערנען דעם אמת פון לעבן און ער האָט איצט באַשלאָסן צו לעבן אַזוי ווי זיי. ער האָט באַלד אַוועקגעוואָרפן זיינע רייכע קליידער און זיך אָנגעטאָן קרוע־בלוע. ער האָט אויך אָפּגעשוירן זיינע שיינע גאָלדענע לאָקן פון זיין קאָפּ און זיך פאַרגענומען צו פּייניקן זיין לייב דורך הונגער און נויט, און, אַזוי ווי זיי, זאָל ער אויך בעטלען אַ שטיקל ברויט ביי מענטשן, ווען ער וועט שוין זיין גוט הונגעריק.

זעקס יאָר צייט האָט בודאַ אַזוי געלעבט אין דער וויסטעניש פון אורואָוועלאַ. ער האָט מיטגענומען מיט זיך 5 חברים, וועלכע ער האָט איבערגערעדט צו גיין מיט אים און צו לעבן אַזוי ווי ער. דאָס זיינען געווען ניט נאָר חברים, נאָר אויך תלמידים, אין וועלכע ער האָט שטאַרק געגלויבט, אָבער ביסלעכווייז זיינען זיי פון אים אַנטלאָפן, ווייל זיי האָבן ניט געקענט מיטמאַכן אַזאַ אַסקעטיש לעבן. איבערהויפּט האָט אים ווי געטאָן וואָס די לעצטע צוויי האָבן אים פאַרלאָזן ווען ער איז געווען קראַנק און האָט שטאַרק געליטן. בודאַ, וועלכער האָט וואָס אַמאָל אַליין פאַרקלענערט די פּאַרציעס שפּייז פאַר זיין טעגלעכן געברויך, איז שוין געווען דאַר ווי אַ שפּאָן. זיינע אָרעמס און פיס זיינען געווען טרוקן, אויסגעדאַרט און זיין גאַנצער קערפּער איז געווען אַזוי ווי אַ סקעלעט. ער איז שוין געווען כמעט נאָענט צום טויט, אָבער איצט האָט פּלוצים זיך אָנגעהויבן צו וועקן אין אים אַן אַנדער גייסט.

ער האָט איצט איינגעזען, אַז אין די זעקס יאָר פון אַסקעטיזם,

פון פייניקן זיך האָט ער גאָרניט דערגרייכט און ער האָט ביי די אַסקעטן און נזירים גאָר ניט געלערנט און אַז ער איז נאָך אַלץ ווייט פון צו וויסן דעם אמת פון לעבן פונקט אַזוי ווי פריער. ער האָט דעריבער איצט געזאָגט צו זיך:

— ניין, דאָס איז ניט דער וועג צו געפינען דעם אמת פון לעבן. מען מוז אים זוכן ערגעץ אַנדערשוואו.

און ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו זיין אַסקעטיזם. ער האָט צוריק אָנגעהויבן צו עסן און צוריק זיך גענומען אינטערעסירן מיטן לעבן און מיט די מענטשן. ער איז צוריקגעפאָרן אין דער שטאָט אַריין, אָבער אין פּאַלאַץ איז ער מער ניט צוריקגעגאַנגען.

און אין איין נאַכט איז צו אים געקומען די אַנטפּלעקונג וואָס דער אמת פון לעבן איז. עס איז ניט אַסקעטיזם און אָפּשיידן זיך פון דער וועלט און אויך ניט פירן אַ לעבן פון לוקסוס און פון פיל פאַרגעניגנס און רייכקייט, נאָר אין מעסיקייט, אין טאָן אַלץ מיט אַ מאָס. דער מענטש דאַרף עסן, אָבער מיט אַ מאָס; טרינקען — אויך מיט אַ מאָס, און אַזוי אויך ביי אַלע אַנדערע זאַכן פון לעבן. אומעטום דאַרף דער מענטש ניט איבערטרייבן, כדי אַליין צו לעבן און אויך געבן אַ מעגלעכקייט צו אַנדערע. בודאַ איז איצט אַרויסגעטראָטן אויף דער אַרענע פון דער וועלט צו פּרעדיקן אַ גאַנצע ריי פון אַנטפּלעקונגען וואָס זיינען געקומען צו אים און צו זאָגן זיין וואָרט צו דער מענטשהייט...

* * *

גאַאיטאַמאַ בודאַ איז געווען אַ מין משה רבינו פון אינדיע און פון אַלע לענדער, וואו ער ווערט עד היום פאַרגעטערט, ווי אין ציילאָן, טיבעט, בורמאַ און סיאַם, און אויך אין געוויסע טיילן פון כינע. ער איז געווען א פירער פון די מאַסן, אַ געזעץ־געבער, אַ מאָראַל־פּרעדיקער, א לערער פון זיטן און א נביא. אָבער אין די אַלע זאַכן איז ער געשטאַנען אויף אַ פיל נידעריקערער שטופע פון משהן, ווייל אין דער צייט ווען ביי משהן איז אַלץ קלאָר און דייטלעך, זיינען די זאַכן ביי בודאַ שטאַרק פאַרנעפּלט.

בודאַ האָט אין פיל הינזיכטן ענלעכקייטן צו משהן. ער איז געווען אַ פּרינץ פון אינדיע פונקט אַזוי ווי משה איז געווען אַן עגיפּטישער פּרינץ (לויט דער יידישער טראַדיציע, איז משה דערצויגן געוואָרן פון פּרעהס טאָכטער, אַ פּרינצעסין, אַלס איר זון). בודאַ האָט אויך ווי משה געגעבן זיין שטאַם 10 געבאָט, וואָס זיינען זייער ענלעך צו די עשרת

הדברות, אָבער ער איז ניט ענלעך צו משהן דערמיט, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטע גאָט־קאָנצעפּציע, אין דער צייט ווען משה האָט גערעדט פון אַן איין־איינציקן גאָט, פון מאָנאָטעאיזם. בודאַ האָט פאַר־וואָרפן די לערע וועגן די פיל געטער פון די בראַהאַמינען וואָס זיינען געווען אָנגענומען אין אינדיע, אָבער קיין אייגענע קאָסמאָגראַפיע האָט ער זיינע אָנהענגער ניט געגעבן.

בודאַ האָט גערעדט אַ סך וועגן דער נשמה פון מענטש און גע־גלויבט אין גלגול, אין דער צייט ווען משה לאָזט זיך אינגאַנצן ניט אַריין אין מעטאַפיזיק און זאָגט קלאָר „כי הדם הוא הנפש“ (דאָס בלוט פון מענטש איז די נשמה). דאָך האָט בודאַ געווירקט שטאַרק אין יענע לענדער פון ווייטן אַזיע מיט זיין גרויסער מאָראַל־לערע און מיט די געזעצן פון עטיק. בודאַ האָט אַזוי ווי משה ניט געוואָלט שאַפן קיין רע־ליגיע, נאָר ווייזן זיינע נאָכפאָלגער אַ וועג אין לעבן, געבן זיי מער אַ פילאָזאָפיע ווי אַ רעליגיע.

אָבער וואָס איז אייגנטלעך געווען די דאָזיקע לערע? האָט בודאַ ניט געהאַט קיין שום גאָט־קאָנצעפּציע? האָט ער באמת ניט געגלויבט אין קיין גאָט וואָס פירט־אָן מיט דער וועלט? — וועגן דעם וועלן מיר באַלד זען.

די צען געבאָט פון בודאַ

דער ענין פון געצן־דינסט האָט זיך אָנגעהויבן אין יענע אַלטע צייטן, מיט אַן ערך 10.000 יאָר צוריק, אין יענעם ווינקל פון מעסאָפּאָטאַמיע און אומגעגנט, וואו עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון דער מענטשהייט. דאָרט האָבן די ניי־אַנטשטאַנענע פעלקער דורכגעמאַכט די אַלע גלגולים פון די פאַרשידענע פאָרמען פון געצען־דינסט, אָנהויבנדיק פון דינען צו אַ שטיין און צו אַ בוים, ביז זיי זיינען געקומען צו דער מדרגה צו דינען צו די הימלישע קערפּערשאַפטן.

די דינסט צו דער זון האָט געשאַפן אַ זון־קולט, פון פאַרשידענע פאָרמען. געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך געבוקט צו דער זון ווען זי איז אַרויסגעקומען אין דער פרי צו לייכטן איבער דער וועלט. אַנדערע ווידער האָבן געבוקט זיך צו איר אין מיטן טאָג, ווען זי איז געשטאַנען אין מיטן הימל און געווען אַנדערע וואָס האָבן געדינט צו איר פאַרנאַכט, ווען זי פאַרגייט. אַזוי זיינען געווען נאָך אַנדערע דינסט־פאָרמען, וואָס זיינען געווען פאַרשידן פון דער דינסט „שימשא“ אין בבל (ווי די זון

האָט דאָרטן געהייסן) ביז צו דער „רא״־דינסט אין עגיפּטן (ווי די זון האָט זיך דאָרטן גערופן).

ערשט שפּעטער האָט די פּרימיטיווע מענטשהייט אָנגעהויבן צו שאַפן זיך אַ פאָרם פון קאָסמאָלאָגיע (וועלט־באַשאַף) און פאָרגעשטעלט זיך אַ גאַנצע ריי פון געטער, וועלכע פירן ליבעס, קריגן זיך, טוען אָפּ אַלערליי געמיינהייטן און פירן אָן מיטן גורל פון דער מענטשהייט. דאָס זיינען די מיטאָלאָגיעס פון די קליין־אַזיאַטישע פעלקער. מיר וועלן זיי באַטראַכטן ווען מיר וועלן קומען צו זיי שפּעטער. איצט ווילן מיר רעדן בלויז וועגן די מיטאָלאָגיעס פון ווייטן מזרח, אינדיע, כינע און די אַרומיקע לענדער.

אין אינדיע האָט זיך די ציוויליזאַציע אָנגעהויבן גאַנץ פרי. אויך אינדיע האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן וועג פון אַנטוויקלונג אין געצן־דינסט ביז מען איז געקומען צו אַ גלויבן, אַז די וועלט האָט דריי געטער. דער הויפּט־גאָט איז בראַהאַמאַ, און ער האָט צו זיך צוויי געטער, ווישנו און סיוואַ, און די אַלע דריי פירן אָן מיט דער וועלט. אָבער אַ חוץ די דריי זיינען פאַראַן נאָך פיל אַנדערע קלענערע געטער, וואָס זיינען איבער־געבליבן פון די פריערדיקע פאַרשידענע פאָרמען פון געצן־דינסט. עס עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אינדישע מיטאָלאָגיע, וואו געטער קריגן זיך מיט געטער און וואו עס קומען פאָר ענלעכע געשעענישן ווי ביי די מענטשן־קינדער. דערצו האָבן דעמאָלט די פּריסטער געשאַפן אַן איינטיילונג פון דער באַפעלקערונג אין קאַסטעס, און צום ערשטן קומט אין באַ־טראַכט די קאַסטע פון פּריסטערס (בראַהאַמאַס). די פּריסטער זיינען געווען די אויבערשטע און די העכסטע און זיך גערופן די בראַהאַמינען.

אַט די בראַהאַמינען האָבן געשאַפן אַ סך רעליגיעזע ביכער, אָבער ניט אַלע זיינען פון גרויסער באַדייטונג. די סאַמע וויכטיקסטע זיינען די ביכער וואָס רופן זיך „וועדאַס״ (וויסן) און „סקרוטי״ (אַנטפּלעקונג). די ביכער באַשטייען פון קלוגע ווערטער, געזאַנגען, מוסר־לערעס און לעגענדעס. די סאַמע וויכטיקסטע פון אַלע זיינען פיר ביכער, וועלכע זיינען הייליק ביי די בראַהאַמינען, דאָס איז זייער ביבל. די פיר ביכער הייסן: ריג־וועדאַ, סאַמאַ־וועדאַ, יאַדזשור־וועדאַ און אַט־האַרוואַ־וועדאַ. אַן אַנדער הייליק ווערק ביי די בראַהאַמינען זיינען אַ ריי „אופּאַנישאַדס״ (געהיימע שריפטן, ספרים נאָר פאַר יחידי־סגולה) וועלכע האָבן אַ מיסטישן כאַראַקטער ווי אַ שטייגער ביי אונדז קבלה.

די דריי געטער וואָס פירן אָן מיט דער וועלט לויטן בראַהאַמאַניזם, זיינען ניט פאַרפּליכטעט צו דער מאָראַל פון די מענטשן. בראַהאַמאַניזם

גלויבט אויך אין אַ גן־עדן פאַר די צדיקים און אַ גיהנום פאַר רשעים, אָבער עס איז ניט קלאָר ווער עס גייט אין גן־עדן אַריין און ווער אין גיהנום, ווייל די באַגריפן פון אַ צדיק און א רשע זיינען ביי די בראַהאַמינען ניט בולט אָנגעצייכנט.

* * *

איצט ווען מיר ווייסן שוין וואָס עס זיינען געווען די בראַהאַמינען און ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די סביבה אין וועלכער בודאַ האָט גע־לעבט, קענען מיר קומען צו באַטראַכטן זיין לערע.

בודאַס לערע באַשטייט ניט אין פאָרם פון רעליגיעזע געזעצן נאָר, פיל גיכער, אין אַ ריי עטישע כללים ווי אַזוי אַ מענטש זאָל זיך פירן. בודאַ דענקט, אַז דאָס לעבן איז אַן אָפּקומעניש, סיי פאַרן גוף און סיי פאַר דער נשמה. דעריבער דאַרף דער מענטש זיין קלוג אויף אויסצו־מיידן יסורים. אָט דאָס איז פאַרן גוף. וואָס עס איז שייך דער נשמה דאַרף ער זען, אַז זי זאָל אויסמיידן „קאַרמא״, דאָס מיינט, אַז ווען זי וועט זיין אין אַ צווייטן גלגול (בודאַ גלויבט אין גלגולים פון דער נשמה), זאָל זי דאַרטן ניט ליידן. ער זאָגט, אַז אויב אַ מענטש איז אַ צדיק אויף דער וועלט, וועט די נשמה ניט ליידן אין צווייטן גלגול, אויב אָבער ער איז א רשע, וועט זי אין צווייטן גלגול פיל ליידן. „קאַרמא״, מיינט ביי אים די ליידן פון דער נשמה אין צווייטן גלגול.

לויט בודאַן איז אויך ניטאָ קיין הויפּט־גאָט און ער זאָגט אַז די געטער פון די בראַהאַמינען זיינען נאָר אָרעמע געצן. ער טראַכט פון מענטש, אַז ער איז אַריינגעפּירט געוואָרן אין נעץ פון נאַרישן לעבן ווי אַ פליג אין געוועב פון אַ שפּין. עס איז אַ וועלט פון לויטער צרות. עס הויבט זיך אָן שוין מיטן געבורט, ווען אַ מענטש קומט אויף דער וועלט דורך וויטאָגן און ליידן; עס ציט זיך ווייטער דורך דער צייט פון זיין אויסוואַקסן, ווען דער מענטש מאַכט דורך זייער פיל אין קאַמף פון לעבן, סיי מיט מענטשן און סיי מיט דער נאַטור. און שפּעטער קומען אַנדערע צרות, קראַנקהייטן און דערנאָך דאָס עלטערן זיך און פאַרלירן די כוחות ביז ער גייט פון דער וועלט. וואָס איז דער הויפּט קוואַל פון אַלע צרות וואָס אַ מענטש האָט אין זיין לעבן? — פרעגט בודאַ, און ער ענטפערט: ווען מען קוקט זיך גוט צו, זעט מען, אַז עס איז אַלץ צוליב די מאַטעריעלע זאַכן, וועלכע פירן דערצו, אַז ער זאָל ווערן טעטיק צו קריגן זיי. אָט די טעטיקייט, ווידער, פירט צו קאַמף; קאַמף פירט צו

קראַנקהייטן און — צום טויט. דעריבער דאַרף אַ מענטש זיך באַגרענעצן און אויסמיידן די אַלע זאַכן.

און בודאַ לייגט פאַר „אַכט פאַרמען פון טאָן און ניט טאָן״, וואָס לויט זיי וועט דער מענטש גובר זיין ביי זיך דעם יצר הרע און וועט ניט האָבן מער קיין חשק צו די מאַטעריעלע זאַכן. די „אַכט פאַרמען״ זיינען אַ גאַנצע ריי פון עטישע יסודות פון גוטער אויפפירונג, וואָס ווען דער מענטש פאָלגט זיי אויס, קומט ער צו דער מדרגה פון א ר א ה א ט, דאָס מיינט: שלמות, פולקאָמקייט; דער מענטש דערגרייכט דעמאָלט צו אַ מצב ווען ער איז פריי פון אַלע תאוות פון דער וועלט. אַזאַ מענטש איז אַ צדיק און אַ מוסטער פאַר אַנדערע.

בודאַ האָט אויך געשטראָפט די פריסטער פאַר זייערע אַבערגלויבנס און קרבנות און זיי געזאָגט, אַז די קרבנות זיינען ניט נויטיק, כדי צו דינען די געטער, אַז זיי ווייסן ניט וואָס זיי טוען און אַז זייער לערע איז פאַלש. שפעטער האָט ער דערקלערט, אַז ווייל די פריסטער האָבן ניט געפונען דעם וועג צו גאָט איז דעריבער ניט אמת, אַז עס זיינען דאָ דריי געטער, אָבער ווייטער דערפון איז ער ניט געגאַנגען. צום געדאַנק פון איין גאָט איז ער ניט געקומען.

ווען מען האָט אים אַמאָל געפרעגט אויב זיי זיינען ניט קיין געטער, טאָ וואו איז די געטלעכע קראַפט? — האָט ער דערויף געשמייכלט און ניט געענטפערט.

בודאַ האָט בכלל געהאַט אַ טבע צו שמייכלען און ניט צו ענטפערן ווען מען האָט אים געשטעלט שווערע פראַגן. דאָס זעלבע איז אויך מיט זיין לערע וועגן דער נשמה. ער האָט געלערנט, אַז די נשמה מאַכט דורך פיל גלגולים. דאָס איז דער גלויבן אין גלגול, וואָס אַ טייל קאַבאַליסטן (קבלה־אַנהענגער) האַלטן דערפון. בודאַ האָט אין די שפעטערדיקע יאָרן איינגעהילט דעם געדאַנק אין אַ פאָעטישן לבוש און דערקלערט, אַז יעדע נשמה איז ווי אַ פלאַם, וואָס ווערט שפעטער פאַרוואַנדלט אין אַן אַנדער פלאַם און אַזוי כסדר און כסדר ביזן סוף פון די דורות. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז יעדער מענטש איז אַ טייל פון דער מענטשהייט. אָבער דאָס מיינט ניט, אַז דער מענטש איז אומשטערבלעך. די איינצעלנע נשמה איז אַ טייל פון דער וועלט־נשמה, דעריבער מיינט פאַרלאַנגען אומשטערבלעכקייט פאַר זיך, צורויבן אַ טייל פון דעם גאַנצן, פון דעם וואָס געהערט צו אַלעמען, אָבער וואָס איז דער ציל פון מענטש? וואוהין גייט זיין נשמה? וואָס איז דער תכלית פון אַלעם? — דערויף האָט בודאַ געענטפערט: — נ י ר וו אַ נ אַ.

אָבער וואָס איז אַזוינס נירוואַנאַ? — אָט דאָס האָט בודאַ קיינמאָל ניט קלאָר געמאַכט. ווען זיינע תלמידים האָבן אים דאָס געפרעגט, האָט ער ווידער אַמאָל געשמייכלט און געשוויגן. די תלמידים האָבן שפּעטער עס אויסגעטייטשט, אַז עס מיינט אויפצולייזן זיך און ווערן צו נישט.

זיינע אָנהענגער האָבן פּרובירט אויסטייטשן בודאַס מיינונג וועגן דער גאָטהייט אויף פאַרשידענע אופנים. אַ טייל זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי צו זאָגן, אַז ער איז געווען אַן אַטעאיסט, ווידער אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ פּאַנטעאיסט (איינער וואָס דענקט אַז די וועלט איז גאָט און גאָט איז די וועלט) און אַזוי זיינען געווען נאָך אַנדערע מיינונגען. אָבער וואָס עס זאָל ניט האָבן געווען בודאַס לערע וועגן דער גאָטהייט, איז פיל וויכטיקער דערפון, זיין לערע וועגן די מענטשן.

בודאַ האָט אָנגעהויבן דערפון, וואָס ער האָט דערקלערט, אַז אַלע מענטשן זיינען איין משפחה, ברידער אינעם צער פון דער וועלט, און ניט נאָר אַ בונד פון אַלע מענטשן, נאָר פון אַלע באַשעפענישן, אַלץ וואָס עס אָטעמט. יעדעס לעבן איז אַ „געזאַנג פון ליידן“. דערפון איז ער געקומען דערצו צו געבן זיין שטאַם צען געבאָט. זיי זיינען:

1. דו זאָלסט ניט צעשטערן קיין שום לעבן, אין וועלכער פאָרם עס זאָל ניט זיין.
2. ניט גנבענען.
3. ניט צו באַגיין קיין זנות־פאַרברעכן.
4. ניט צו זאָגן קיין ליגן.
5. ניט צו זיין שיכור.
6. ניט צו עסן צו פיל.
7. ניט אַנטייל נעמען אין פאַרוויילונגען, ווי טעאַטער־שפּילן טענץ א. ד. גל.
8. ניט צו געברויכן פאַרפומען און אַנדערע לוקסוס־זאַכן.
9. ניט צו שלאָפן אויף אַ צו ווייכן, גוט אויסגעבעטן געלעגער.
10. צוריקהאַלטן זיך פון געברויכן גאָלד אָדער זילבער.

די לעצטע 5 געבאָט שטאַמען פון זיין פריערדיקן אַסקעטיזם, די ערשטע פינף זיינען טיילווייז אַ קאָפּיע פון די צען געבאָט פון משה.

דערצו קומט זיין פילאָזאָפישער אויספיר:

דאָס לעבן איז אַן אומגליק. אָבער אַזוי ווי דער מענטש איז שוין געבוירן געוואָרן, זאָל ער זיך האַלטן צוזאַמען מיט אַנדערע מענטשן און שאַפן אַ גאַנצקייט. דאָס קען ער טאָן דורך ליבע. האַלטן זיך אָפּגע־זונדערט, אינדיווידואַליסטיש, מיינט באַגרענעצונג. די באַגרענעצונג פירט

צו פעלערן. פעלערן ווייזן אויף אומוויסנהייט. געבורט איז שוין דערמיט אַ צרה ווייל עס טיילט אָפּ דעם יחיד פון גאַנצן און שאַפט אומוויסנהייט. אָבער דאָס קען אויסגעבעסערט ווערן דורך ליבע פון איינעם צום אַנדערן. און בודאַ האָט געלערנט זיין שטאַם ליבע און עטיק.

* * *

ווי מיר זעען, האָט בודאַ 700 יאָר נאָך משהן נאָכגעמאַכט די צען געבאָט און אויף אַ שלעכטן אופן, אויסמישנדיק עיקרדיקע זאַכן, ווי ניט צו מאָרדן מיט נעבנדיקע זאַכן ווי עס זיינען די אַסקעטישע פאָרמולעס. ער האָט נאָכן צעברעכן די געטער און פאַרטרייבן זיי פון די הימלען, ניט אריינגעבראַכט דאָרטן קיין אַנדערן. ער האָט אויך ניט גערופן צו קיין קאַמף קעגן געצן־דינסט און כאָטש ער האָט גערעדט פון די גלגולים פון דער נשמה, האָט ער ניט געוואוסט וואוהין זי גייט און ניט געזען קיין שום גוטס פאַרן מענטש, ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט. דאָך איז זיין ווערק, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון זיינע תלמידים נאָך זיין טויט, „טריפּיטאַקאַ״ געוואָרן די ביבל פון די בודיסטן, ווייל עס איז פול מיט דער לערע פון מאָראַל און עטיק.

בודיזם איז עד היום פאַרשפּרייט אין גאַנצן וויטן מזרח. אַ חוץ אינדיע אויך אין טיבעט, ציילאָן, בורמאַ, סיאַם און אין אַ טייל פון כינע. אָבער אין גרעסטן טייל פון כינע האָט מען אַן אַנדערע לערע פון איינעם פון אירע גרויסע מייסטערס, דאָס איז ק א נ פ ו צ י ו ס.

3. די צוויי גרויסע כינעזער — לאַא טצע און קאָנפוציוס

די אַלטע ציוויליזאַציע פון כינע, וועלכע האָט ניט דערלאָזט קיין מלחמות. — לאַא טצע און קאָנפוציוס, די צוויי גרויסע גייסטער. — וואָס איז אַזוינס „טאַאיזם״? — וואָס קאָפוציוס האָט ניט געלערנט. — אַ ביבל אָן אַ גאָט און אָן אַ „יענע וועלט״. — אַ פילאָזאָף אַ פּראַג־מאַטיקער, און וואָס דאָס איז אַזוינס.

ווען מען לייענט די ווערק פון די כינעזישע שריפטשטעלער און היסטאָריקער, זעט מען, אַז אַזוי ווי די יידן האַלטן זיי אויך אַז זיי זיינען אַן אויסדערוויילט פאָלק, און אַז זיי זיינען אַ פאָלק וואָס שטייט העכער פון אַלע אַנדערע פעלקער. די כינעזישע היסטאָריקער ווייזן אויף אַז דאָס כינעזישע פאָלק האָט אַזעלכע מעלות וואָס קיין שום אומה ולשון אין דער וועלט האָט עס ניט. אַזוי האָבן זיי פון גאָר אַלטע צייטן אָן פיינט מלחמות. די כינעזער האָבן געהאַט אַן אַריסטאָקראַטיע, אַזוי ווי אַלע אַנדערע פעלקער, אָבער ביי זיי איז עס ניט געווען אַ זאַך וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון פאָטער צו זון, נאָר עס איז געווען אַן אַריסטאָקראַטיע פון גייסט, ווייל צו אָט דער העכערער גרופּע מענטשן האָבן געהערט נאָר די די יעניקע, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין גייסט. עס האָט ניט אויסגעמאַכט ווער ער איז געווען, צי אַ זון פון אַ מיניסטער אָדער אַ קינד פון אַ שוסטער. אויך די הערשער פון אַמאָליקן כינע זיינען געווען מער פילאָזאָפן ווי דיקטאַטאָרן און האָבן געפירט דאָס לאַנד מיט צדק און יושר. אָט צוליב דעם טאַקע, זאָגן די כינעזער, אַז זייער ציוויליזאַציע איז זייער אַלט. אַוודאי שוין 20 טויזנט יאָר. אָבער עס איז דאָ אַ סך אמת אין די באַרימערייען פון די כינעזער. קיין 20 טויזנט יאָר איז זייער ציוויליזאַציע טאַקע ניט אַלט, אָבער זי איז אַלט און אפשר אַזוי אַלט ווי די פון די יידן. עס איז אויך אמת, אַז מלחמה איז געווען אַמאָל אַ פרעמד וואָרט אין דער כינעזישער שפּראַך. דאָס פאָלק האָט אין תוך פיינט געהאַט קריג אַזוי ווייט, אַז אַ זעלנער איז געווען דער נידעריקסטער מענטש אין דער געזעלשאַפט. אין יענע גוטע אַלטע צייטן איז דער גע־לערנטער אין כינע געשטאַנען אין שפּיץ פון דער געזעלשאַפט. די הערשער זיינען אַליין געווען פילאָזאָפן און גייסטיקע מענטשן און זיי זיינען באַ־רימט געוואָרן ניט צוליב זייערע גרויסע נצחונות אויפן שלאַכט־פעלד, נאָר צוליב זייער אויפהאַלטן דעם שלום. דאָס כינעזישע פאָלק האָט פיינט

געהאַט צו גיין אין קריג, ווייל עס האָט ניט געוואָלט פאַרגיסן קיין בלוט. די כינעזער האָבן אויך די ערשטע גענומען אויסנוצן דעם זייד־וואָרים צו שפּינען פון זיינע פעדים זיידענע מלבושים. זיי האָבן אויך אַנטוויקלט אַן אייגענע אַרכיטעקטור, די „פּאַגאָדע״ (אַזוי הייסט די קונסט פון בויען די טעמפּלען, ווי אַ שטאָק איבער אַ שטאָק מיט שפּיצן איןביידע זייטן). זיי האָבן שטודירט מעדיצין, געשריבן פּאָעזיע און זיך אינטערעסירט מיטן גאַנג פון די שטערן. איבערהויפּט האָבן דאָס געטאָן די אַמאָליקע מאַנדאַרינען, וועלכע זיינען געווען אַ קלאַס פון גייסטיקע אַריסטאָקראַטן. די מאַנדאַרינען זיינען ניט אַרומגעגאַנגען ליידיק. זיי האָבן, על־פּי־רוב, געדינט אין דער רעגירונג און געהאָלפן פירן די מלוכה. עס האָט דעריבער דעמאָלט געהערשט אין כינע אַ פאָרם פון אַן אינטעליגענטער מאָנאַרכיע אָן אַ שפּור פון דעספּאָטיזם. נאַטירלעך דאַרף מען ניט איבערטרייבן און זאָגן, אַז אַלץ איז דאָרטן געווען ווי אין אַ וואונדערלאַנד. עס איז קיין אוטאָפּיע ניט געווען. פאַלן פון גנבה, גזלה און אַפילו מאָרד זיינען געווען געוויינלעך אין דער כראָניק פון טאָג־טעגלעכן לעבן, אַזוי ווי עס זיינען בכלל דאָ אַזעלכע פאַלן אין לעבן פון די מענטשן, אָבער די קרימינעלע פאַרברעכנס זיינען ניט געווען אין קיין גרויסער מאָס. דער עיקר איז אָבער דאָס, וואָס די הערשער זיינען געווען בעסערע מענטשן, וועלכע האָבן ווירקלעך געמיינט די טובה פון פאָלק. אַזוי איז עס געווען אין כינע מיט 900 יאָר פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג.

אָבער פּלוצים איז כינע באַפאַלן געוואָרן פון די הונען, אַ פאָלק פון האַלב־ווילדע פאַסטוכער, וואָס זיינען געקומען פון מערב און האָבן געוואָלט דעראָבערן דאָס לאַנד. עס זיינען פאָרגעקומען קאַמפן, כינע האָט געמוזט זיך נעמען צו דער שווערד קעגן איר ווילן. אָט־די קאַמפן האָבן אָנגעהאַלטן פאַר פיל דורות. מען רעכנט, פאַר אַ צייט פון דריי הונדערט יאָר, ביז צו דער צייט — זעקס הונדערט יאָר, פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג, ווען אין כינע זיינען געבוירן געוואָרן צוויי גרויסע פירער: לאַאָ טצע און קאָנפוציוס.

* * *

לאַאָ טצע איז געבוירן געוואָרן פופציק יאָר פאַר קאָנפוציוס, אין זעקסטן יאָרהונדערט פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג אין וועלכן עס איז אויך געבוירן געוואָרן בודאַ.

לאַאָ טצע איז דער באַשאַפער פון דער רעליגיע וואָס רופט זיך „טאַאיזם״ (וואָס „טאַאיזם״ איז, וועלן מיר דערקלערן שפּעטער).

וועגן אים ווייסט מען זייער ווייניק. מען ווייסט נאָר, אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסן אַמט אין קעניגלעכן הויז, אַלס דער אויפזעער פון קעניגלעכן אַרכיוו. מען ווייסט אויך, אַז ווען ער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן, האָט קאָנפוציוס אים באַזוכט און ביי אים געלערנט.

לאַאָ טצע האָט אָנגעשריבן אַ בוך וואָס הייסט „טאַאָ, טהע גינג" (דער טייטש פון די ווערטער איז — די לערע פון מאָראַל). אין דעם בוך האָט ער אָנגעצייכנט די יסודות פון דער לערע (אָדער רעליגיע) וואָס רופט זיך „טאַאיזם". לויט דער דאָזיקער לערע איז „טאַאָ" די גרעסטע זאַך צו וואָס אַ מענטש דאַרף שטרעבן. כדי דאָס צו דערגרייכן, דאַרף ער זיך פירן אויף אַ פשוטן אופן; אַנטלויפן פון לוקסוס; ניט זיין געלטגייציק, און בכלל ניט נאָכגעבן זיך צופיל. אין דעם בוך איז אויך דאָ אָנווייזונגען ווי אַזוי אַ הערשער דאַרף פירן זיין לאַנד. עס איז בכלל אַ בוך פון עצות פאַרן יחיד ווי פאַר דער געזעלשאַפט. מיט דער צייט איז „טאַאיזם" געוואָרן אַ רעליגיע וואָס ווערט פּראַקטיצירט אין געוויסע טיילן פון כינע. די רעליגיע באַשטייט איבערהויפּט אין דעם מיסטישן טייל פון בוך וואו ער רעדט ניט קלאָר וועגן נשמות און גלגולים און הייסט מאַכן געוויסע צערעמאָניעס. אין יענער כאַאָטישער צייט, נאָך דער אינוואַזיע פון די הונען, איז דאָס בוך, ווי בכלל די לערע פון לאַאָ טצע, געווען אַ ניי ליכט פאַר די פרידלעכע כינעזער און מיליאָנען האָבן דעריבער געצויגן צו אים, צו הערן זיינע רייד און נאָך זיין טויט האָבן זיי אים געמאַכט פאַר אַ גאָט און געקומען בעטן צו אים.

אָבער באַלד איז פּאָפּולער געוואָרן אַן אַנדערער גרויסער לערער — קאָנפוציוס.

קאָנפוציוס, אָדער „קונג־פו־טצע" מיינט אין כינעזיש, דער חכם קונג. קאָנפוציוס איז געווען דאָס קינד פון אַ זעלנער, וואָס האָט געוואוינט אין דער פּראָווינץ פון „לו". עס איז איצט געווען אַנדערש ווי ווען מען האָט אַראָפּגעקוקט אויף זעלנער אין כינע און פון זיי ניט שטאַרק געהאַלטן, ווייל צוליב די מלחמות מיט די הונען, האָט מען זיך שטאַרק גענויטיקט אין די זעלנער צו פאַרטרייבן דעם שונא און דעריבער האָט מען שוין גענומען קוקן אויף קריגס־מענטשן אַנדערש. קאָנפוציוסעס פאָטער שוה־ליאַנג היי, איז אָבער ניט סתם געווען אַ זעלנער, נאָר איינער וואָס האָט זיך געהאַט אַרויפגעאַרבעט צו אַ הויכן מיליטערישן אַמט און האָט געהאַט פיל מעדאַלן. ער האָט אָבער געליטן דערפון, וואָס זיין ווייב האָט געהאַט אים געבוירן ניין טעכטער און אפילו ניט קיין איין זון. ענדלעך האָט ער, ווען ער איז שוין אַלט געווען 70 יאָר, גענומען אַ ווייב, און מיט איר

געהאַט אַ קינד, אַ זון. דאָס איז געווען קאָנפוציוס. דאָס יאָר פון זיין געבורט איז געווען 551 (פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג). ווען קאָנפוציוס איז אַלט געווען דריי יאָר, איז זיין פאָטער געשטאָרבן.

קאָנפוציוס איז געווען א וואונדער־קינד. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן שכל שוין אין די קינדער־יאָרן. ער האָט געלערנט וויסנשאַפט, האָט ליב געהאַט פאָעזיע און צו 15 יאָר האָבן זיינע מלמדים געזאָגט, אַז זיי קענען מיט אים ניט מער לערנען, ווייל ער ווייסט שוין אַזוי פיל ווי זיי.

צוויי יאָר שפּעטער האָט ער געמוזט אַוועקלאָזן דאָס לערנען אינ־גאַנצן און העלפן זיין אָרעמער מוטער. ער האָט דעמאָלט אָנגענומען אַ שטעלע אַלס באַאַמטער אין מיניסטעריום פון אַגריקולטור. עס איז געווען אַ שווערער אַמט פאַר א יונגן בחור פון 17 יאָר, אָבער ער האָט זיך ניט געקלאָגט דערויף. צו 19 יאָר האָט ער חתונה געהאַט און צו 20 — האָט זיין ווייב אים געבוירן אַ זון.

אָבער די חתונה האָט זיך ניט איינגעגעבן. פאַרוואָס? — דער־ציילן די כראָניקער ניט. ער האָט דעמאָלט פיל געליטן אין דער היים. ווען ער איז אַלט געווען 24 יאָר, איז זיין מוטער געשטאָרבן. לויטן געזעץ וואָס עס האָט דעמאָלט געהערשט (און טיילווייז נאָך אויך היינט אין פיל כינעזישע פראָווינצן) דאַרף אַ זון קלאָגן נאָך זיין מוטער 2 מיט אַ האַלב יאָר. אין דער צייט דאַרף ער ניט טאָן קיין שום אַרבעט. קאָנפוציוס האָט דעריבער אויפגעגעבן זיין אַמט, אום צו באַקלאָגן זיין מוטער.

אָבער קאָנפוציוס האָט שוין געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ יונגן געלערנטן אין דער געגנט וואו ער האָט געוואוינט. ער האָט איצט געהאַט אַ גרופּע פריינט וואָס האָבן אים געשטיצט און ער איז געוואָרן אַ וואַנדער־לערער, ווי עס זיינען געווען דעמאָלט עטלעכע אַזעלכע אין כינע. ער איז געפאָרן אין אַ וועגעלע איינגעשפּאַנט צו אַן אָקס פון שטאָט צו שטאָט און האָט גערעדט צו זיינע צוהערער. לעבן אַ טייך אָדער ביי אַ פעלד פון רייז, אָדער אַמאָל אין אַ וואַלד, צי אַ גאָרטן. און מיט דער צייט איז די צאָל פון זיינע תלמידים געוואַקסן. פון די רייכע האָט ער גענומען אַ קליינע מטבע און ביי די אָרעמע אַ ביסעלע רייז אָדער אַ שטיקל פאַרטריקנט פלייש. ער האָט אומעטום געלערנט מיט זיינע תלמידים דעם וועג פון לעבן. דאָס הייסט ווי אַזוי צו לעבן מיט די מיט־מענטשן אויף דער וועלט און זיין גליקלעך.

אָבער קאָנפוציוס האָט געהאַלטן, אַז כדי די מענטשן זאָלן זיין גליקלעך דאַרפן זיי צום ערשטן האָבן אַן ערלעכע און אויפריכטיקע רעגירונג. צוליב דעם איז ער אין יעדער פראָווינץ וואו ער איז געקומען אַוועק צו

די פֿאַרשטייער פֿון לאַנד און מיט זיי געלערנט ווי אַזוי צו פֿירן די מדינה, אַזוי אַז די מענטשן, די איינוואוינער, זאָלן זיין גליקלעך. אין איין אָרט אין דער פּראָווינץ „טשי" האָט דער הערשער אים פֿאַרגעלייגט אַ מיניסטער אַמט, וואָס ער האָט אים אָנגענומען. אָבער אַן אַנדערער מיניס־טער, וואָס איז געווען אייפֿערזיכטיק אויף אים, האָט אָנגערעדט אויף אים צום קעניג און ער האָט דעם מיניסטאָרן־אַמט אים ניט געגעבן. קאָנפֿוציוס האָט זיך דאַן ווייטער אַוועקגעלאָזט וואַנדערן.

קאָנפֿוציוס האָט דאַן אין פֿיל פּראָווינצן אָנגענומען מיניסטאָרן־אַמטן אַפֿילו פֿאַר אַ קורצער צייט, כּדי צו האָבן אַ געלעגנהייט צו לערנען דעם קעניג ווי אַזוי צו פֿירן אַ לאַנד מיט יושר, אַזוי אַז די בירגער זאָלן זיין צופֿרידן.

קאָנפֿוציוס האָט אַמאָל אויך געדאַרפֿט אָנפֿירן מיט משפּטים צווישן מענטשן. אין אַזאַ פֿאַל האָט ער אַלע מאָל אויסגעהערט די מיינונג פֿון פֿאָלק, איידער ער האָט אַרויסגעגעבן אַן אורטייל. דאָס איז געווען אַ מין פֿאָרם פֿון אַ „דזשורי־געריכט" נאָך פֿיל פֿריער איידער ער איז איינגעפֿירט געוואָרן אין גריכנלאַנד.

קאָנפֿוציוס האָט אויך געלערנט, אַז מען דאַרף אַלע מאָל זיך באַ־מיען צו באַזייטיקן די אורזאַך פֿון אַ פֿאַרברעכן, פֿיל גיכער ווי צו באַ־שטראָפֿן דעם פֿאַרברעכער (דאָס איז אויך אין יידישן גייסט, לויט דער גמרא, וואָס זאָגט, אַז מען דאַרף בעטן צו גאָט, אַז עס זאָלן זיך ענדיקן די זינד, אָבער ניט די זינדיקער — „יתמו חטאים ולא הוטאים"). אין יענער צייט האָבן זיך געמערט אין לאַנד קרימינעלע פֿאַרברעכער פֿון גנבֿות און רויבערייען. ווען מען האָט געפֿרעגט קאָנפֿוציוסן וואָס קען מען טאָן דערצו אַז דאָס זאָל אויפֿהערן, האָט ער געענטפֿערט, אַז שולדיק אין דעם איז דער גייציג נאָך געלט און לוקסוס. אויב מען וועט ניט וועלן האָבן קיין אוצרות פֿון געלט און זיך אויך ניט נאָכגעבן אַלע תּאוות, אויף צו האָבן דעם גרעסטן לוקסוס, וועלן די גנבֿות און רויבערייען אויפֿהערן.

אין יענער צייט האָט קאָנפֿוציוסעס נאָמען שוין געשמט איבער גאַנץ כינע. דער קעניג פֿון דער פּראָווינץ, וואו ער האָט געוואוינט, האָט אים אָנגעבאָטן אַ מיניסטאָרן־שטעלע און איז געווען מיט אים זייער צופֿרידן. ער האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און דער פֿילאָזאָף־מיניס־טער האָט געהאַט אויף דעם קעניג אַ גרויסע השפּעה.

אָבער אַ הערשער פֿון אַ שכנותדיקער פּראָווינץ האָט ניט געקענט פֿאַרטראָגן די טענות פֿון זיינע בירגער פֿאַר וואָס דאָרטן באַהאַנדלט דער

קעניג זיינע בירגער גוט ווייל ער הערט זיך צו צו די רייד פון קאָנפוציוסן. האָט ער געפרעגט אַן עצה ביי זיינע מיניסטאָרן וואָס צו טאָן. האָבן זיי אים געראָטן אַריינצושיקן צום פילאָזאָפישן קעניג, דעם פריינט פון קאָנ־פוציוסן, 80 שיינע מיידלעך אַלס מתנה און די יונגע פרויען וועלן שוין פאַרטרייבן קאָנפוציוסן פון אים. אַזוי איז טאַקע געווען. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער קעניג איז געוואָרן פאַרנומען מיט די שיינע בתולות, אַזוי אַז ער איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. דעמאָלט האָט קאָנפוציוס ווידער גענומען דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט.

* * *

קאָנפוציוס האָט בעת זיין לעבן ניט אויפגעשריבן די רייד וואָס ער האָט גערעדט צו זיינע תלמידים. דאָס האָבן געטאָן זיינע תלמידים שוין נאָך זיין טויט. דאָס זיינען פינף ווערק, וועלכע זיינען די ביבל פון די כינעזער. אָבער איין ווערק, זאָל עס הייסן, האָט קאָנפוציוס אַליין געשריבן און דאָס איז דאָס פערטע ווערק פון זיין ביבל „טישון טשין״, וואָס עס מיינט „פרילינג און האַרבסט״. דאָס איז אַן אַנאַליטישע אָפּ־האַנדלונג וועגן דער געשיכטע פון כינע. באַזונדערס פון שטאָט „לו״, פון יאָר 721 ביז 480 פאַר אונדזער צייט־רעכענונג, אָבער מאָדערנע היסטאָריקער האָבן אויסגעפונען, אַז מען קען זיך אויף דעם בוך ניט פיל פאַרלאָזן, ווען מען קומט שרייבן די געשיכטע פון כינע. קאָנפוציוס האָט אויך איבערגעקוקט און אויסגעבעסערט פינף אַלטע ביכער וואָס זיינען געווען דער גרונד פון דער כינעזישער ליטעראַטור.

ווען מען קוקט זיך צו צו די ווערק פון קאָנפוציוס, זעט מען, אַז דאָס איז אַ ביבל אָן אַ גאָט און אָן אַ „יענע וועלט״. קאָנפוציוס איז געווען אַ זייער פּראַקטישער פילאָזאָף. ער האַלט פון פילאָזאָפיע וואָס איז נוצלעך און נויטיק פאַר מענטשן צו קענען לעבן אויף דער וועלט. אים אינטערעסירן ניט די פראַגן וועגן דער גאָטהייט, וואָס זי איז און ווי אַזוי. ער איז אויך ניט אינטערעסירט צו וועלן פאָרשן און וויסן וואָס עס געשעט מיטן מענטש נאָך זיין טויט. צי די נשמה בלייבט און באַקומט אַן אַנדערע לעבנס־פאָרם און צי עס איז דאָ אַ גן־עדן און אַ גיהנום אויף צו באַלוינען די גערעכטע און באַשטראָפן די שולדיקע. דאָס אַלץ, זאָגט קאָנפוציוס, דאַרף אונדז ניט אינטערעסירן, ווייל מיר וועלן אין די זאַכן קיינמאָל קיין טאָלק ניט קענען דערגייין. די צייט פון מענטשלעכן לעבן איז קורץ און אויב דער מענטש זאָל אָוועקגעבן פון זיין טייערער צייט אויף צו פאָרשן און זוכן וואָס עס איז געווען פאַר אים און וואָס עס וועט

זיין נאָך אים, וועט אים ניט בלייבן מער קיין צייט צו לעבן אין דער צייט וואָס עס איז דאָ פאַר אים.

דערפאַר האַלט קאָנפוציוס, אַז מען דאַרף זיך אינטערעסירן נאָר מיט איין זאַך, נעמלעך, צו לערנען די מענטשן ווי צו לעבן אויף דער וועלט: יעדער מענטש מוז אָנקומען צו אַן אַנדער מענטש. אין אונדזער וועלט און דאָס איז די גרעסטע זאַך און דאָס נויטיקסטע וואָס ער דאַרף וויסן. ער דאַרף קענען די חכמה פון לעבן, אָדער רופט עס אָן „די קונסט פון לעבן". ער דאַרף וויסן ווי אַזוי אָפּצולעבן זיינע יאָרן גליקלעך און צופרידן.

קאָנפוציוסעס פילאָזאָפיע איז די שיטה וואָס זוכט נאָר נוצלעכקייט, נאָר דאָס וואָס עס איז נויטיק פאַרן מענטש אַזוי לאַנג ווי ער איז אויף דער וועלט, סיי אַלס יחיד און סיי אַלס אַ טייל פון דער געזעלשאַפט. אין דער הינזיכט קען מען זאָגן, אַז קאָנפוציוסעס לערע איז דאָס ערשטע בוך וועגן פּראַגמאַטיזם, און אַז קאָנפוציוס אַליין איז געווען דער ערשטער פּראַגמאַטיקער. מען קען ניט זאָגן אויף קאָנפוציוסן, אַז ער איז אַן אַטעאיסט אָדער אַן אַפּיקורס (בנוגע דעם גורל פון דער נשמה פון מענטש), ווייל ער וויל זיך בכלל מיט די פראַגן ניט באַשעפטיקן. אים אינטערעסירט נאָר דער מענטש אַזוי ווי ער איז. ער וויל גערעכטיקייט, ערלעכקייט, אויפריכטיקייט, געטריישאַפט און אמת פון יעדן מענטש — אָט די פינף פונקטן זיינען דער עיקר. ער וויל, אַז יעדע רעגירונג זאָל זיין אַזאַ, וואָס זי זאָל ברענגען דעם פאָלק צופרידנקייט און גליק; אַ רעגירונג וואָס זאָל אויסטיילן גערעכטיקייט צו אַלע בירגער. ער גלויבט, אַז יעדעס לאַנד קען זיין אַן אוטאָפּיע פאַר די איינוואוינער, אויב נאָר די פירער וועלן ניט זיין פאַרדאָרבן. ווייטער לערנט ער דעם מענטש ווי אַזוי צו האַנדלען ביי יעדער געלעגנהייט. אין דער הינזיכט זיינען זיינע ביכער פיל ענלעך צום ספר „קהלת".

קאָנפוציוס האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף זיין לאַנד און נאָך זיין טויט האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ גאָט. אין יעדער שטאָט און שטעטל אין כינע איז געווען אַ טעמפּל וואו מען האָט געבעטן צו אים.

נאָך קאָנפוציוס איז אין יענעם טייל וועלט, אין אַזיע, שוין מער קיין גרויסער גייסט ניט געווען. מיר וועלן זיך דעריבער אומקערן איצטער צו מעסאָפּאָטאַמיע און צו די העלדן פון דער שווערד, וואָס האָבן דאָרטן געהערשט אין יענע צייטן.

4. סײרוס דער גרױסער

די ערשטע קעניגן. — בבל, אשור און פּערסיע. — די געשיכטע פון לידיאַ. — װער איז געװען סײרוס דער גרױסער? — זײן מאַרש אױף בבל און זײנע פּלענער װעגן עגיפּטן. — פאַרװאָס ער האָט די יידן געהײסן אױסבױען דעם בית־המקדש. — דער סוף פון דער פּערסישער אימפּעריע.

מיר קומען צוריק קײן מעסאָפּאָטאַמיע, װאָס װערט אָנגערופן „דאָס װיגעלע פון דער מענטשהײט" אָבער װאָס זעען מיר דאָרטן? — מלחמות און קאַמפן. די ערשטע מענטשן אױף גאָטס װעלט זײנען בלוט־דורשטיק. זײ פירן מלחמות און זוכן נאָר צו פאַרניכטן אײנער דעם אַנדערן. זײ האָבן שױן שכל אַרױסצוגעבן פון זיך הערשער, גרעסערע און קלענערע קעניגן, און אַט־די קעניגן האָבן שױן אױך שכל ניט צו באַגנוגענען זיך מיט זײער לאַנד אַלײן נאָר צו װעלן הערשן אױך איבער אַנדערע לענדער; זײ װײסן שױן צו באַפאַלן אַנדערע מדינות, צו נעמען געפאַנגען דעם הער־שער פון יענעם לאַנד און צו פאַרניכטן די באַפעלקערונג, איבערהױפּט די מענלעכע, און װערן די הערשער אױך פון יענעם לאַנד; זײ זײנען קלוג אױף צו בױען אַן אימפּעריע. אַזױ טוט בבל. אַזױ טוט אשור און אַזױ טוט אױך שפּעטער פּערסיע.

לאָמיר גײן כסדר:

* * *

עס איז 2.000 יאָר פאַר דער הײנטיקער צײט־רעכענונג. די גאַנצע געגנט װאָס מיר רופן איצט אַן קלײן־אַזיע איז באַװאױנט מיט אַ באַפעל־קערונג פון שבטים װאָס האָבן שױן אַ קעניג בראש. מיר זעען שױן די מלוכה פון „אור כשדים", („סימעריאַנס" און אױך כאַלדעער"). עס שטײט שױן אױף בײ זײ אַ גרױסער פירער, דער קעניג סרגון, װעלכער רעדט פון שאַפן אַ גרױסע מלוכה, װאָס דאָס מײנט מלחמה מיט די אַנדערע לענדער. ער גײט טאַקע שפּעטער אַרױס אין קריג און פאַרניכטעט אַלע קלײנע מלוכות אַרום זיך און ער פאַרװירקלעכט זײן טרױם פון װערן אַ גרױס־מאַכט, אָבער באַלד קומט אַן אַנדערער קעניג, װאָס האָט אױך אַזאַ אַמביציע, דער קעניג פון די אַקאַדיענס (דאָס לאַנד „שנער") און פאַרניכטעט די סימעריאַנס, שלאָגט דעם קעניג און נעמט אײן זײער לאַנד.

אין קורצן ווערט דאָס דערציילט אין חומש (בראשית, י״ד) אַזוי:

„און עס איז געווען אין די טעג פון אמרפל מלך שנער, אריוך מלך אלסר, כדרלעומר מלך עילם און תדעל מלך גוים. זיי האָבן פאַרפירט אַ מלחמה מיט ברע מלך סדום און ברשע מלך עמורה, שנאב מלך אדמה און שמאבר מלך צביים, און מלך בלע איז צוער. זיי אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין עמק השדים. דאָס איז דער ים המלח. צוועלף יאָר האָבן זיי געדינט כדרלעומרן און אויפן 13־טן יאָר האָבן זיי אין אים מורד געווען". אין אָט־די מלחמות זיינען די אַלע קליינע מלוכהלעך אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. די סימעריאַנס זיינען באַזיגט געוואָרן פון די אַקאַדיענס; די אַקאַדיענס ווידער זיינען באַזיגט געוואָרן פון האמורי מיט זייער קעניג האַמוראַבי, וועלכער האָט דער ערשטער געשאַפן אַ בוך פון געזעצן, און וועלכער איז אויך געווען אַ גרויסער קריגס־העלד. דער דאָזיקער קעניג האָט אויסגעבויט פאַר זיך אַ גרויסע שטאָט אַלס די הויפּט־שטאָט פון זיין לאַנד, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן בבל. דערמיט הויבט זיך אָן די ערשטע בבלישע אימפּעריע, מיט 4.000 יאָר צוריק.

אָבער לאַנג האָט די הערשאַפט פון בבל ניט געדויערט, ווייל ווידער האָט אָן אַנדערער הערשער פון אַן אַנדער לאַנד, אויך געהאַט אַזעלכע שטרעבונגען. דאָס איז געווען דאָס לאַנד אַשור (די אסיריענס), וועלכע האָבן אונטער דער פירונג פון זייער קעניג תיגלת פלאסר (דערמאָנט אין תנ״ך) איינגענומען בבל, מיט אַן ערך 1.100 יאָר פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. דער הערשער האָט אויסגעבויט זיין הויפּט־שטאָט אין נינוה, אַ שטאָט געבויט פון שטיינער מיטן אויסזען פון אַ פעסטונג, אָבער די באַבילאָניער האָבן זיך נאָך אין גאַנצן ניט אונטערגעגעבן און עטלעכע מאָל געקעמפט קעגן אשור און די מאַכט איז אַריבער צו זיי, אָבער ווידער אַמאָל האָט אַשור געקעמפט קעגן בבל און אָפּגעהאַלטן אַן ענטגילטיקן נצחון. אַזוי האָט זיך בסדר געביטן די פּאָליטיק פון יענער צייט און דער־מיט אויך די ראָל פון דעם, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַרן „קעניג פון דער וועלט".

פאַר אַ צייט פון 400 יאָר האָט אַשור ניט געקענט אויסברייטערן איר מאַכט, צוליב אַן אַנדער פאָלק, וואָס איז אויך געווען אַזוי בלוט־דורשטיק און האָט אויך געוואָלט איינגעמען אַנדערע לענדער. דאָס איז געווען דאָס לאַנד „ארם" (ווערט דערמאָנט אין תנ״ך) וואָס האָט געהאַט איר הויפּט־שטאָט אין דמשק. דאָס לאַנד איז דאָס וויגעלע פון די סיריער.

אָבער אשור איז נאָך אַלץ געווען שטאַרק און איר קעניג סנחריב האָט געפירט זיינע גרויסע אַרמייען קעגן עגיפּטן, און קעגן קעניגרייך יהודה.

אין יענער צייט איז געווען קעניג פון יהודה חזקיה, וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט אין תנ״ך אַז ער האָט געטאָן תפילה צו גאָט, אַז סנחריב זאָל ניט אַריינקומען קיין ירושלים (מלכים ב׳ קאַפּיטל י״ט), גאָט האָט זיך צוגעהערט צו חזקיהס געבעט און אין אשורס אַרמיי איז אויסגעבראָכן אַ מגפה און זיין גאַנצער חיל פון 185.000 מאַן איז אויסגעשטאָרבן אין איין נאַכט.

און ווידער אַמאָל באַווייזט זיך אַן אַמביציעזער קעניג נבוכדנאצר, וועלכער רופט זיך אָן „דער גרויסער״ און ער קעמפט קעגן אשור, מיט דער הילף פון צוויי נייע שטאַרקע פעלקער „פרס״ און „מדי״ (די פּערסיער און די מעדיער). ער באַזיגט אשור און בויט צוריק אויף זיין אימפּעריע אין בבל. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 539 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג, ווען עס האָט זיך באַוויזן אויף דער אַרענע — סיירוס דער גרויסער (כורש), דער גרינדער פון דער פּערסישער אימפּעריע, וועלכער האָט צעבראָכן די מאַכט פון בבל.

* * *

אין דער נייער גרויסער מלוכה וואָס האָט זיך גערופן „פרס ומדי״ (פּערסיער און מעדיער) האָבן דעמאָלט געלעבט פאַרשידענע שבטים, סעמיטישע, אָבער אַלע קריגערישע און בלוט־דורשטיקע. זיי האָבן זיך געקליידט אין לעדער פון קאָפּ ביז צו די פיס. זיי האָבן געגעסן גראָבע און רויע שפּייזן, און האָבן אויפגעצויגן זייערע קינדער נאָר צו קענען יאָגן זיך אויף פערד און קעמפן איינער מיטן אַנדערן. זיי האָבן באַטראַכט אַ פרידלעך לעבן, אָדער אַפילו האַנדל, פאַר ניט־ווירדיק. זיי האָבן ניט געהאַט קיין זין פאַר אייגנטום און געוואוסט נאָר איינס, אַז אויב זיי האָבן עפּעס געוואָלט, האָבן זיי עס געראַבעוועט. אויף מענטשן וואָס קויפן זיך דאָס וואָס זיי ווילן, האָבן זיי אַראָפּגעקוקט און באַטראַכט אַלס נידעריקע באַשעפענישן. די האַלב־ווילדע שבטים האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער גאַנץ קליין־אַזיע און וואו זיי זיינען געקומען, האָבן זיי אָנגעמאַכט אַ חורבן און איינגענומען פיל שטעט און לענדער.

אָבער נאָך פריער פאַר די פּערסיער, זיינען עס געווען די מעדיער, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט אַנדערע לענדער. אין יאָר 606 (פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג), האָט מדי באַקעמפט נינוה און אָפּגעווישט אשור פון דער ערד, אָבער מיט בלויז 56 יאָר שפּעטער, איז געקומען סיירוס (כורש) אויף דער סצענע און האָט צוגענומען די נצחון־קרוין פון די מעדיער, ווייל ער האָט מדי אַליין געמאַכט אונטערטעניק אונטער זיך.

סיירוס האָט זיך גערופן „דער גרויסער", אָבער מיט וואָס איז ער געווען גרויס? דאָס וועלן מיר באַלד זען.

וועגן סיירוסעס יונגע יאָרן ווייסן מיר כמעט גאָר ניט. לויט פערסישע לעגענדעס, האָט אַ הייליקער געזאָגט זיין מוטער, אַ קעניגס טאָכטער, אַז איר זון וועט זיין אַ שלעכטער כוח אין דער וועלט און די מוטער האָט אים דעריבער אין אַ ווינטער־נאַכט אַוועקגעלייגט אין דרויסן, כדי ער זאָל שטאַרבן פון דער קעלט, אָבער ער איז אויף אַ וואונדערבארן אופן געראַטעוועט געוואָרן פון אַ פּראָסטיטוטקע, וואָס האָט געקראָגן רחמנות אויף אים. שפּעטער האָט אַ פאַסטעך אים גענומען צו זיך און אים אויפגעצויגן אַלס זיין זון. ווען ער איז אויסגעוואַקסן, איז ער געוואָרן באַוואוסט אַלס שלעגער. ער האָט אַרום זיך געזאַמלט אַ גרופּע יונגע באַנדיטן און פאַרפירט קאַמפן מיט די פרידלעכע בירגער, ביי וועלכע ער האָט צוגערויבט זייער האַב־און־גוטס, און אַזוי איז ער אָנגעגאַנגען מיט זיין טעטיקייט ביז ער האָט איינמאָל געמאַכט אַן אָנפאַל אויף זיין זיידן — דעם קעניג פון לאַנד, אים דערמאָרדעט און זיך אויסגערופן אַלס דער קעניג פון פּערסיע און מעדיע.

אָבער סיירוס איז ניט געווען צופרידן צו זיין בלויז דער הערשער איבער פּערסיע און מעדיע. ער האָט געוואָלט איינגעמען די גאַנצע וועלט און אַז פּערסיע זאָל זיין דער צענטער פון דער וועלט. ער האָט דעריבער זיך באַלד אַרויסגעלאָזט אויף אַ מאַרש איינצונעמען נייע לענדער.

* * *

צען יאָר איידער סיירוס האָט פאַרכאַפּט די מאַכט פון פּערסיע איז אין לידיע געווען קעניג קרעזוס. לידיע איז געווען אַ פאַראייניקונג פון גריכישע קאָלאָניעס אין קליין־אַזיע ביים מזרח־ברעג פון עגעאישן ים. קרעזוס איז געווען זייער אַ רייכער מענטש, וועלכער איז געווען אַזוי שטאָלץ אויף זיין עשירות, אַז ער האָט איינגעלאַדן אַלע געסט וואָס זיינען געקומען אין זיין לאַנד צו זיך און זיי געוויזן זיין רייכטום, זיין גאָלד, זילבער און צירונג. ווען סיירוס האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער באַשלאָסן צו לאָזן זיך אין אַ מאַרש אויף לידיע כדי איינצונעמען דאָס לאַנד און צוצורויבן דאָס רייכטום פון קעניג. קרעזוס האָט אָבער ניט געוואַרט ביז סיירוס וועט אים באַפאַלן, און באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין אַ מלחמה מיט אים פריער, איידער ער פאַלט אָן אויף אים. סיירוס איז אָבער געווען אַ גרעסערער קריגס־העלד און האָט געשלאָגן קרעזוסן מיט זיין אַרמיי, אַזוי אַז ער האָט געמוזט אַנטלויפן צוריק אין זיין הויפּט־שטאָט

סאַרדיס. סיירוס האָט אים נאָכגעיאָגט, האָט באַלאַגערט די שטאָט און נאָך עטלעכע וואָכן זי איינגענומען, דעם קעניג האָט ער גענומען געפאַנגען און ביי אים צוגערויבט זיין גאַנץ גרויס פאַרמעגן.

סיירוס האָט זיך אָבער נאָך אַלץ ניט באַגנוגנט. ער האָט זיך דע־מאָלט געטראָגן איבער גאַנץ אַזיע מיט זיינע אַרמייען, ווי אַ בייזער גייסט. ער האָט געוואָלט אונטערדריקן באַבילאָניע און דערנאָך עגיפטן, די צוויי גרעסטע מלוכות אין יענער צייט. האָט ער צום ערשטן זיך געלאָזט אויף אַ מאַרש קעגן באַבילאָניע און אויף איר הויפט־שטאָט באַבילאָן, וואָס איז דעמאָלט געווען די שענסטע שטאָט אין דער וועלט. באַבילאָן האָט געהאַט פיל בנינים און גוט קולטיווירטע גערטנער און אַזוי איז אויך אין יענער צייט די באַבילאָנישע באַפעלקערונג געשטאַנען אויף אַ הויכער שטופע פון ציוויליזאַציע, פיל העכער ווי די פון פערסיע. באַבילאָן איז געווען אַ ריזיקע שטאָט, אַרומגערינגלט מיט אַ מויער אויף א שטח פון 60 מייל, מיט אייזערנע טויערן. גאָר הויך איבער אַלע בנינים זיינען געהאָנגען די באַרימטע הענגנדיקע גערטנער פון באַבילאָן, וואָס נבוכדנאצר האָט געהאַט איינגעאָרדנט . דאָס זיינען געווען אַזעלכע טעראַסן מיט ערד וואָס זיינען געהאָנגען אויף קייטן איינע איבער דער אַנדערער און אין וועלכע עס זיינען געווען פאַרפלאַנצט כלערליי בלומען און פרוכטן. עס איז געווען אַ פרעכטיק בילד, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג פון יעדן איינעם. די שטאָט האָט אויך געהאַט אַ גרויסע שטיינערנע בריק איבער דעם טייך פרת און אונטערן וואַסער איז געווען אויסגעבויט אַ מאָדערנער טונעל (אַ סאָבוועי) פאַרן גרויסן פאַרקער. דאָרטן איז אויך געווען אַ גרויסע ביבליאָטעק, געשריבן אויף טאָוולען פון ליים. דער קעניג פון יענער צייט איז גראָד געווען אַ פרידלעכער מענטש און געטראַכט נאָר ווי אַזוי אויסצובעסערן דאָס לעבן פון זיינע בירגער.

סיירוס האָט געזען, אַז עס וועט אים ניט זיין אַזוי לייכט איינצונעמען בבל, האָט ער באַשלאָסן צו וואַרפן מיט געלט, אויף אונטערצוקויפן די אָנגעזעענסטע מענטשן פון לאַנד. די הויכע באַאַמטע, די פּאָליציי, די גייסטלעכע און אַלע די, וואָס האָבן אַן איינפלוס אין לאַנד און אַפילו אויך אַ גרויסן טייל פון דער אַרמיי, ביז... מען האָט פאַר אים געעפנט די טויערן אין דער גרויסער וואַנט אַרום דער שטאָט און ער איז אַריינגעקומען מיט זיין ארמיי און איינגענומען דאָס לאַנד.

איצט האָט סיירוס באַשלאָסן צו גיין אויף עגיפּטן, אָבער דערצו האָט ער געדאַרפט האָבן, אַז ארץ־ישראל זאָל אים ניט זיין אין וועג און ער האָט דערפאַר צוגעוואָרפן די יידן א ביין. ער האָט זיי דערלויבט

צוריק אויפצובויען דאָס בית־המקדש. ביי די יידן איז דאָס געווען אַ גרויסע זאַך און זיי האָבן אים דערפאַר גערופן „משיח" און „אויסלייזער", און זיינען אים געוואָרן געטריי און איבערגעגעבן, און אים געגעבן דעם צייכן צו גיין אויף עגיפטן און זי איינגעמען.

אָבער אין איין פרימאָרגן איז ער ניט געווען פאָרזיכטיק גענוג אין קאַמף מיט די רעשטלעך פון דער אַרמיי פון בבל, און ווען ער האָט גערעדט צו די בבלישע סאָלדאַטן, האָט פלוצים איינער פון שונאס לאַגער געצילט מיט פייל און בויגן גלייך אין זיין האַרצן און ער איז געפאַלן טויט.

אָבער דער קאַמף קעגן עגיפטן איז אין זיין לאַנד ניט פאַרגעסן געוואָרן. באַזונדערס איז דאָס באַנייט געוואָרן אין די טעג פון כורשס אייניקל דריוש, וועלכער האָט אָנגעהויבן אַ גאַנצע ריי פון קאַמפן קעגן עגיפטן ביז ער האָט דאָס לאַנד איינגענומען. אויך דריוש האָט זיך באַנוצט מיט דעם פלאַן פון כורשן צו האַלטן זיך פריינטלעך צו די יידן, אין דער צייט פון זיין מאַרש אויף עגיפטן, ווייל ארץ־ישראל איז אויף זיין מאַפע געווען — די הינטער־טיר פון עגיפטן. דער נצחון איז שפּעטער צוגעשריבן געוואָרן צו כורשן, כאָטש ער איז שוין דעמאָלט געווען טויט, ווייל ער איז געווען דער, וועלכער האָט פאַרטראַכט דעם גאַנצן פלאַן.

כורש האָט זיך באַצייכנט אַלס דער גרויסער, סיירוס דער גרויסער. אָבער אויף דער פראַגע: אין וואָס איז באַשטאַנען זיין גרויסקייט, איז ניטאָ קיין אַנדערער ענטפער, ווי: אין מאָרד און פאַרניכטונג. ער האָט אויסגעבויט אַן אימפּעריע פאַר זיך, אָבער ער האָט פאַרניכטעט פיל אַנדערע לענדער, אומגעבראַכט מיליאָנען מענטשן און האָט צעשטערט אַ גרויסע ציוויליזאַציע, די פון בבל, וואָס איז געשטאַנען פיל העכער ווי די פון זיין לאַנד.

שפּעטער אָבער איז אויך אויף פּערסיע געפאַלן די האַק. אָבער דאָס איז שוין געווען ווייטער אין דער געשיכטע, נאָכדעם ווי עס איז אויפגעגאַנגען דער שטערן פון גריכנלאַנד, וואו עס האָבן געהערשטביידע כוחות: דער כוח פון גייסט און דער כוח פון דער שווערד.

III.

דאס היסטארישע גריכנלאנד

5. דאָס ערשטע לאַנד פון פילאָזאָפן און קינסטלער
6. פעריקלעס, דער טאַטע פון דעמאָקראַטיע
7. די ערשטע דענקער פון אַמאָליקן גריכנלאַנד
8. נאָך פינף גריכישע דענקער
9. דער ערשטער גריכישער פילאָזאָף סאָקראַטעס
10. סאָקראַטעסעס בעסטער תלמיד — פּלאַטאָן
11. דער גריכישער פילאָזאָף אַריסטאָטעל
12. ווער איז געווען עפּיקורוס?
13. ווער זיינען געווען די סטאָאיקער?
14. די לעצטע פילאָזאָפישע שולן אין גריכנלאַנד
15. די גריכישע שאַפונגען אויפן געביט פון ליטעראַטור
16. די גריכישע שאַפונגען אויפן געביט פון קונסט, מוזיק און אַרכיטעקטור
17. ווער איז געווען אַלעקסאַנדער פון מוקדון?

5. דאָס ערשטע לאַנד פון פילאָזאָפן און קינסטלער

אַ לאַנד אָן אַ רעליגיע. — פאַרוואָס האָט גריכנלאַנד אַרויסגעגעבן אַזוי פיל גרויסע גייסטער אויפן געביט פון פילאָזאָפיע און קונסט. — די קריגערישע שטאָט ספּאַרטאַ.

מיר גייען איצט אַרויס פון מעסאָפּאָטאַמיע און פון קליין־אַזיע, און מיר טרעטן איבער די שוועל פון אייראָפּע. מיר טוען דאָס דורך גריכנלאַנד, וואָס איז געווען דער קאָרידאָר צום נייעם קאָנטינענט, און וואו עס איז שוין דעמאָלט, אין יענע אַלטע צייטן (אָדער ריכטיקער — אין יענע יונגע צייטן פון דער מענטשהייט), געווען אַ הויכע ציוויליזאַציע געמישט מיט ווילדן באַרבאַריזם. עס זיינען דעמאָלט געווען צוויי לענדער וואָס זיינען געווען זייער פּאָפּולער. דאָס זיינען געווען ישראל און גריכנלאַנד אין מיטן פון אַ שטומפּער געצנדינערישער מאַסע. כדי דאָס צו פאַרשטיין דאַרף מען באַטראַכטן דעם געבורט און דעם וואוקס פון דער מענטשהייט פּונקט אַזוי ווי דעם לעבנס־גאַנג פון אַ קינד ביז עס ווערט גרויס. אַ קינד דאַרף האָבן שפּיל־זאַכן, ווי קלוג און שאַרף עס זאָל ניט זיין. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דער מענטשהייט, ווען זי איז געווען יונג, האָט זי געדאַרפט שפּיל־זאַכן. די צוויי וואונדער־קינדער, ישראל און גריכנלאַנד, די קלוגע, שאַרפע און הויך אַנטוויקלטע פעלקער, האָבן אויך צוליב זייערע יונגע יאָרן, געדאַרפט האָבן צאַצקעס, די געצן, צו שפּילן זיך מיט זיי. דעריבער זעען מיר ביי ביידע פעלקער די זעלבע שטריכן. ישראל האָט א תורה מיט אַ הויכער מאָראַל; אַ ציוויליזאַציע וואָס איז אַ מוסטער פאַר אַנדערע לענדער און אַ הויכן סטאַנדאַרד פון לעבן. ישראל איז געווען אַ וואונדער־קינד צווישן די פעלקער וואָס זיינען געשטאַנען אויף אַ נידעריקערער שטופע פון אַנטוויקלונג און דאָך האָט זי געדאַרפט די צאַצקעס, געצנדינסט. אין דער גאַנצער צייט פון די שופטים און שפּעטער אין דער צייט פון די מלכים, דאָס הייסט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט פון ערשטן בית־המקדש, האָבן די יידן סיי פון מלכות ישראל און סיי פון מלכות יהודה, געדינט צו געצן. ערשט שפּעטער קומט פאַר די דערוואַכונג, דאָס אויסוואַקסן, דאָס רייף ווערן און — מען וואַרפט אַוועק די צאַצקעס. מען שעמט זיך אַפילו שוין מיט זיי. עס איז די צייט פון יוגנט־רייפקייט. דאָס זעלבע זעען מיר אויך

אין גריכנלאַנד, אַ צווייט וואונדער־קינד פון דער מענטשהייט. אַזוי יונג און מיט אַ הויכער ציוויליזאַציע, מיט גרויסע פילאָזאָפן, גרויסע קינסטלער, גרויסע שטאַטס־מענער און צאַצקעס, געצן־דינסט, די מיטאָלאָגיע. די קינדערשע געשיכטע וועגן די געטער, זייערע ליבעס און קאַמפן. אַזוי איז געווען די יוגנט פון דער מענטשהייט. זי האָט זיך געמוזט שפּילן מיט צאַצקעס.

* * *

לאָמיר איצט באַטראַכטן נענטער דאָס אַמאָליקע גריכנלאַנד. אָבער איידער מיר גייען ווייטער, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויף דער רעליגיע פון היסטאָרישן גריכנלאַנד, ווייל די רעליגיע פון אַ פאָלק איז איר פּאַס־פּאָרט. אין דער רעליגיע זעט מען איר אַנהויב פון אַ גייסטיק לעבן. אירע געזעצן, איר מאָראַל, אירע באַגריפן פון קונסט און — דעם פונדאַ־מענט פון ליבע און פאַמיליע־לעבן.

די גריכן, אַ טויזנט יאָר פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג, האָבן ניט געהאַט קיין רעליגיע אין דעם זין ווי מיר פאַרשטייען עס איצט. דאָס מיינט „אָרגאַניזירטע רעליגיע". עס זיינען געווען טעמפּלען, אָבער ניט קיין באַשטימטע צייט ווען צו קומען אהין. עס זיינען ניט געווען קיין באַשטימטע תפילות און וואָס נאָך מער — אפילו ניט קיין באַשטימטער גאָט אָדער געטער. יעדער איינער האָט זיך געקענט אויסקלייבן וועלכן גאָט ער האָט געוואָלט. עס זיינען אויך ניט געווען קיין גייסטלעכע, ניט קיין מאָראַל־קאָדעקס און ניט קיין באַשטימטע געבאָטן און פאַרבאָטן. עס איז ניט געווען קיין רעליגיע. עס זיינען נאָר געווען רעליגיעזע מענטשן וואָס האָבן געהאַט אַ געברויך פאַר רעליגיעזע פאָרמען, אָבער עס איז ניט געווען קיין פירער, ניט קיין משה, אָדער אַ בודאַ, צי אַ קאָנפוציוס, וואָס זאָל זיי ווייזן אַ וועג אין לעבן; איינער וואָס זאָל מיט זיי לערנען עטיק, מאָראַל און לעבנס־אויפפאַסונג ווי אַזוי צו דינען צו גאָט און ווי עס דאַרף זיין די באַציאונג פון מענטש צו מענטש.

אין די טעמפּלען זיינען געווען סטאַטועס וואָס האָבן פאַרקערפּערט מענטשלעכן ווילן און געברויכן. דער עלטסטער פון אַלע איז געווען צ ע א ו ס, וועלכן מען האָט אָנגערופן „דער פאָטער פון גאָט און מענטש". ער איז געווען אַ שרעקלעכער גאָט, וואָס האָט געבראַכט שטורעמס און אויך אָנגעשיקט דונערן און בליצן. אַ פּ אָ ל אָ, דאַקעגן איז שוין געווען אַ מילדער גאָט, דער גאָט פון ליכט, וואָס האָט ניט געוואָלט קיין שלעכטס. ער איז דעריבער געווען זייער באַליבט. ער איז געווען דער גאָט פון שיינ־

הייט, פון מוזיק, פון פּאָעזיע און אויך פון היילונג. נאָך אַ גאָט, דיאָניסוס, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם כוח פון וואַקסן. דער גאָט פּאָסעידאָן, אַ ברודער פון צעאוס, האָט געהערשט איבער די ימים. הערא, דאָס ווייב פון צעאוס, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס פרויענטום, דאָס ווייבלעכע אין לעבן. איבערהויפּט — הייראַט און געבורט פון קינדער. אַטענאַ, וועלכע איז, לויט דער מיטאָלאָגיע, אַרויסגעשפּרונגען שוין אַ רייפע, פון צעאוסעס שטערן, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט פרויאישע צאַרטקייט און איידלקייט. אַפראָדיטע, וואָס איז געקומען פון שוים פון ים, איז געווען די געטין פון ליבע. דעמעטער, די מוטער פון דער ערד, האָט געהאָט איר השגחה איבערן זייען, וואַקסן און שניידן די תבואות. יעדער איינער פון די געטער האָט געהאָט אַן אייגן מלכות מיט פיל באַדינער און קנעכט.

אַמאָל אָבער זיינען די געטער זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ באַ־ראַטונג אויף דעם מיט שניי באַדעקטן באַרג אָלימפּוס. זיי זיינען געווען אין דער גרעסטער צאָל פערצן. אַמאָל ווייניקער ווי צוועלף און אַמאָל נאָך ווייניקער, ניט מער ווי זעקס אָדער אַפילו פינף. די הויפּט־זאַך איז געווען די פירונג פון צעאוס און זיין אויבערהאַנט איבער אַלע געטער.

יעדער גריך האָט געקענט מתפלל זיין צו וועלכן גאָט ער האָט געוואָלט און האָבן זיין סטאַטוע תמיד פאַר זיינע אויגן. יעדער איינער האָט געקענט האָבן זיין גאָט. אָבער וועגן דער גרויסקייט פון די געטער האָבן די גריכן זיך אַרומגעקריגט און ווען איינער האָט געגעבן פיל חשיבות צו דעם, צו וועלכן ער האָט געדינט, האָט זיינער אַ פריינט אים געקענט דערפאַר קריטיקירן און זאָגן, אַז זיין גאָט איז ניט קיין גרויסער גאָט און אַז ער זאָל בעסער דינען צו זיינעם, וועלכער איז מער מעכטיק. אַזוי איז אָנגעגאַנגען די קינדערשע שפּיל אין געטער פאַר הונדערטער יאָרן אין גריכנלאַנד.

אַזוי ווי עס איז ניט געווען קיין אָרגאַניזירטע רעליגיע, האָט זי דעריבער ניט געהאַט קיין נאָמען, ווי למשל, יידנטום, קריסטנטום, א. ד. גל. עס זיינען אויך ניט געווען קיין הייליקע ביכער, קיין צערעמאָניעס, קיין ריטואַל, קיין געבעט־ביכער, קיין גלעקער צו קלינגען אויף צו רופן צו אַ געבעט, קיין ברכות און קיין שום פאָרמען פון אַ רעליגיעזן לעבן. עס זיינען בלויז געווען געטער, גרעסערע און קלענערע.

ווי מיר זעען פון דער מיטאָלאָגיע, האָט זיי געפעלט דער זין פאַר די צען געבאָט און דעריבער האָבן זיי ניט געוואוסט פון אַזעלכע געבאָטן ווי ניט מאָרדן, ניט גנבענען און ניט בואפן. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט,

אַז זיי האָבן אַזעלכע פאַרברעכנס אַפילו צוגעשריבן צו זייערע געטער, אַז זייערע געטער זיינען באַגאַנגען מאָרדן, געגנבעט און באַגאַנגען פאַר־ברעכנס אַפילו אויף אַזוי ווייט, אַז עלטערן האָבן פאַרקערט מיט זייערע קינדער. די גריכן האָבן פאַרמאָגט אַ שטאַרקע פאַנטאַזיע צו שאַפן אַזאַ מיטאָלאָגיע. עס איז אַ גאַנצער, גרויסער פאָלקס־עפּאָס, פול מיט גרויסע און קליינע פּאַסירונגען צווישן די געטער, וועלכע זיינען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם לעבן פון די מענטשן. דאָס ווידער ווייזט, אַז אַזעלכע זאַכן זיינען פאָרגעקומען צווישן זיי גופא און אַז זיי האָבן געפירט אַ ניט־מאָראַליש לעבן...

* * *

דאָך נאָך דעם אַלעם זעען מיר, אַז די גריכן האָבן אַרויסגעגעבן גרויסע גייסטער אויף פיל געביטן, וואָס די אַנדערע פעלקער האָבן אפילו ניט באַרירט. אמת, די גריכן האָבן ניט געשאַפן קיין ביבל, אָבער זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע ליטעראַטור פון פּראָזע און פּאָעזיע אויף אַ הויכער מדרגה, וואָס אַ טייל פון זיי, ווי למשל, די עפּאָסן פון האָמער א. ד. גל., זיינען פּרעכטיק. זיי האָבן אויך געהאַט זייערע גרויסע קינסטלער אויפן געביט פון דראַמע און גאָר באַזונדערס אויפן געביט פון פילאָזאָפיע. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון אַרכיטעקטור און געשאַפן שיינע בנינים. זיי זיינען געווען מייסטערס אין מאַלעריי און אין סקולפּטור, און אַ טייל פון די דאָזיקע שאַפונגען זיינען פאַרבליבן. זיי האָבן אויך אַרויסגעגעבן גרויסע היסטאָריקער.

אָבער ווען מען קוקט אויף אַלעם וואָס זיי האָבן געשאַפן, זעט מען, אַז עס איז פון אַ פּרימיטיוון כאַראַקטער. די פילאָזאָפן האָבן, אין תוך גע־נומען, ניט געשאַפן קיין שום ווערטפולע און דויערנדיקע פילאָזאָפישע שיטה. אַלץ וואָס די גריכישע פילאָזאָפן האָבן אויפגעטאָן איז געווען — צו פרעגן. עס איז געווען די צייט, ווען דאָס וואונדער־קינד האָט שוין גענומען ווערן רייפער און געפרעגט פראַגן, צי עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ גאָט. אויב יאָ, פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? ביי יידן זיינען אַזעלכע פראַגן ניט מעגלעך געווען, ווייל ביי אונדז האָט מען געוואוסט פון „בראשית ברא״, צום ערשטן האָט גאָט געשאַפן. ביי אונדז יידן האָט מען געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, דער באַשאַפער פון הימל און ערד, וועלכער פירט אָן מיט דער וועלט. דעריבער זיינען אַזעלכע פילאָזאָפישע פראַגן, ווי למשל צי עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, ניט שייך געווען. ביי אונדז האָט נאָר געקענט זיין אַ צווייטער סאָרט פון פראַגן. למשל,

פאַרוואָס גאָט טוט אַזוי און ניט אַנדערש? אָבער צי עס איז דאָ אַ גאָט איז גאָר קיין פראַגע ניט געווען. ביי די גריכן אָבער, וואו עס איז ניט געווען קיין גאָט, נאָר געטער, און אויך אַזעלכע וואָס מען האָט געקענט אַנערקענען און אויך ניט אַנערקענען, איז די פראַגע, צי עס איז דאָ אַ גאָט געווען זייער אַקטועל. אָבער די ענטפערס וואָס די פילאָזאָפן האָבן געגעבן אויף די פראַגן זיינען שוין פון ווייניקער וויכטיקייט. אַלע ענטפערס פון די פילאָזאָפן פון דער פאַר־סאָקראַטעס שולע, פונקט אַזוי ווי די ענטפערס פון סאָקראַטעס, פלאַטאָן און אַריסטאָטעל, און אויך פון די, וואָס זיינען געקומען נאָך אַריסטאָטעל, ווי דעמאָקריטוס, עפיקורוס, סטאָאיציזם, און די שולן פון ציניזם און סקעפּטיציזם (מיר וועלן רעדן וועגן זיי אַלע שפּעטער אויספירלעך), וועגן די אייביקע פראַגן פאַרענטפערן גאָרניט.

אויך בנוגע די קונסט־שאַפונגען ווי אויפן געביט פון שרייבן, ווי למשל, די ווערק פון אַכילוס, דער ערשטער דראַמאַטורג, און די פון אַריסטאָפאַנעס, דער ערשטער קאָמעדיע־מייסטער און אַזוי אויך אַלע אַנדערע שפּעטער אין אַנדערע קונסט־געביטן, ווי מאַלעריי, סקולפּטור און אַרכיטעקטור, קען מען זאָגן, אַז עס איז פון אַן אָנפאַנג־כאַראַקטער. עס איז דער אָנהויב. די ערשטע שריט אין קונסט, אָבער די דאָזיקע ערשטע שריט האָבן געדאַרפט געמאַכט ווערן, ווייל אָן זיי וואָלט מען ניט געגאַנגען ווייטער.

וואָס עס איז אָבער מער ווי אַלץ צו באַוואונדערן זיינען די אידעען וואָס זיינען דעמאָלט געשאַפן געוואָרן פון איינעם פון זייערע גרויסע פירער, וועגן דעם באַגריף פון דעמאָקראַטיע. אידעען, וואָס זיינען שוין גאָר ניט קינדעריש נאָר רייף און צייטלעך. אָבער איידער מיר קומען דערצו, וועלן מיר וואַרפן אַ קורצן בליק איבער דעם פּאָליטישן לעבן אין גריכנלאַנד זינט איר אַנטשטייען און וואָס זי האָט אַלץ דורכגעמאַכט.

גריכנלאַנד איז אַ קליין לאַנד. זי באַשטייט פון אַן ערד פון אַ 250 מייל אין דער לענג און פון אַ 180 מייל אין דער ברייט. דאָס איז שוין די סאַמע גרעסטע לענג און סאַמע ברייטסטע ברייט, ווייל אין פיל ערטער איז זי פיל קירצער און שמעלער. זי האָט אויך פיל בערג וואָס ציען זיך נאָך פון די באַלקאַנען. ווען גריכנלאַנד איז אַרויס אויף דער פעלקער־אַרענע איז שוין אין אָריענט געווען נאָענט צו מיטאָג. עס איז שוין געווען דאָרטן נאָך 1.000 יאָר פון שטורמישן לעבן. די געשיכטע פון גריכנלאַנד האָט עטלעכע טיילן. צום ערשטן קומט די צייט וואָס רופט זיך דער עגעאישער פעריאָד (נאָענט צו 1.100 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג),

ווען עס איז געווען אַן עגעאישע ציוויליזאַציע און אין וועלכער צייט עס איז פאָרגעקומען דאָס וואָס עס ווערט דערציילט וועגן העלען פון טראָי אין די ווערק פון האָמער, „איליאַדע״ און „אָדיסעיע״. דערנאָך קומט אַ צייט וואָס ווערט אָנגערופן „דער האָמערישער פעריאָד״ (פון 1.100 ביז 750 פאַר אונדזער צייט־רעכענונג), נאָכדעם ווי עס איז חרוב געוואָרן די עגעאישע ציוויליזאַציע דורך באַרבאַרן, וועלכע זיינען אַריין אויך אין גריכנלאַנד, אָבער מיטן זיג איבער אָט־די דאָזיקע אַריינדרינגלער הויבט זיך אָן די אמתע געשיכטע פון גריכנלאַנד.

דאָס ערשטע לעבן פון גריכנלאַנד הויבט זיך אָן מיט דער אַנט־שטייאונג פון שטאָט־שטאַטן, דאָס הייסט שטעט, וועלכע יעדע פאַר זיך איז געווען אַ באַזונדערער שטאַט און געפירט זיך ווי אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה אין אַלע ענינים. אַזעלכע שטאַטן זיינען געווען ט ה ע ב ע ס, ק אָ ־ ר י נ ט, ס פּ אַ ר ט אַ, אַ ר ג אָ ס, אַ ט ע ן און אַנדערע. געווען אַזעלכע שטעט וואו עס איז געווען אַ קעניג, אָבער ער האָט ניט געהאַט די גאַנצע מאַכט אין דער האַנט, ווייל אַ חוץ אים איז געווען אַ ראַט פון אַריסטאָקראַטן, על פי רוב אייגנטימער פון לאַנד און הייזער, וועלכע האָבן דעם קעניג געהאָלפן אין דער פירונג פון לאַנד און אין גאַר וויכטיקע פאַלן, ווי, למשל, ביים דערקלערן קריג אָדער צו מאַכן שלום, האָט מען זיך גע־ווענדעט צום פאָלק, וואָס מען האָט צונויפגערופן אויפן מאַרק־פּלאַץ צו הערן וואָס עס זאָגט. אין אַ טייל שטעט זיינען געווען צוויי קעניגן וואָס האָבן געהערשט בשותפות און אין נאָך אַנדערע איז גאָר ניט געווען קיין שום קעניג, נאָר די אַריסטאָקראַטיע האָט געהערשט און אָנגעפירט מיט דער שטאָט.

דאָס רוב איינוואוינער פון די שטעט זיינען געווען פרידלעכע ביר־גער און אַזעלכע וואָס האָבן ניט געוואָלט קיין קריג. אַן אויסנאַם איז געווען די שטאָט ס פּ אַ ר ט אַ, וועלכע איז געווען אויסגעבויט ווי אַ פעסטונג און וואו די איינוואוינער זיינען געווען ווי אַ מיליטאַריסטישע קליקע. דאָרטן האָט מען געלייגט דאָס געוויכט נאָר אויף פירן קריג און דאָס האָט מען געלערנט מיט דער יוגנט. אַטען, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון גריכנלאַנד, איז גראָד געווען אַ פרידלעכע שטאָט אָן שום מילי־טערישע טענדענצן.

אין ציווילן לעבן זיינען אין גריכנלאַנד פאָרגעקומען זייער אָפט פיל ענדערונגען. אַזוי ווי גריכנלאַנד האָט ניט געהאַט קיין קאָדעקס פון געזעצן, האָט מען זיך געווענדעט צו אַ געלערנטן מיטן נאָמען דראַקאָ, אַז ער זאָל אָנשרייבן אַזאַ בוך פון געזעצן. ער האָט עס טאַקע געטאָן, אָבער

ער האָט קאָפּירט די געזעצן פון האַמוראַבי און אַנדערע, וואו עס ווערן אויסגעטיילט שווערע שטראָפן און אַפילו טויט־שטראָף פאַר די קלענסטע זינד.

ערשט שפּעטער איז געקומען אַ צווייטער געלערנטער, ס אָ ל אָ ן (593 פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג), וועלכער האָט איינגעפירט פיל מילדערע געזעצן און רעפאָרמען. באַזונדערס לאַנד־רעפאָרמען. ער האָט אויך באַפרייט אַלע וואָס זיינען געווען פאַרשקלאַפט צוליב חובות. אַזוי האָט ער געמאַכט נאָך אַנדערע ענדערונגען.

די גריכן ווי געזאָגט, זיינען געווען אַ פרידלעך פאָלק. אָבער זיי האָבן די ערשטע געוויזן אַנדערע דעם וועג צו פאַרשאַפן זיך קאָלאָניעס און צו ווערן אַ קאָלאָניאַל־מאַכט. אַזוי האָבן זיי פאַרכאַפּט פיל אינדזלען אין עגעאישן ים, וואו זיי האָבן געהערשט איבער די איינוואוינער. דאָס האָט געגעבן שפּעטער אַ געלעגנהייט דאַריוסן (דריוש) פון פערסיע צו מאַכן אַ מאַרש אויף די עגעאישע אינדזלען און אויך אויף גריכנלאַנד — אַ מלחמה וואָס האָט לאַנג געדויערט, אָבער וועלכע האָט געפירט צום זיג פון גריכנלאַנד איבער פערסיע.

אין דער גאַנצער געשיכטע פון גריכנלאַנד ביז איצט זיינען ניט אַנטשטאַנען קיין גרויסע פירער. ניט אין דעם פרידלעכן לעבן און ניט אויפן שלאַכטפעלד, כאָטש גריכנלאַנד האָט כסדר געזיגט אין אירע קאַמפן. מיר זעען ערשט אַ גרויסן פירער אַרום 461־423 פאַר דער הייניטיקער צייט־רעכענונג. דאָס איז געווען פּ ע ר י ק ל ע ס, דער שאַפער פון אַ דעמאָקראַטישער פאָרם אין גריכישן לעבן און דער מייסטער פון דעמאָקראַטיע אין דער גאַנצער וועלט.

6. פעריקלעס, דער טאַטע פון דעמאָקראַטיע

מיט 2,500 יאָר צוריק איז צום ערשטן מאָל איינגעפירט געוואָרן אין אַטען אַ דעמאָקראַטישער סיסטעם. — ווער איז געווען פעריקלעס? — ווי אַזוי ער האָט באַהערשט די מאַסן, — האָט אויך דער ערשטער געשאַפן דעם „זשורי סיסטעם".

אין די מערסטע צאָל לענדער פון דער וועלט הערשט איצט אַ דעמאָקראַטישער סיסטעם, דאָס הייסט אַ פאָרם פון רעגירונג, וואו דאָס לאַנד ווערט געפירט פון פאָלק. עס איז אַ סיסטעם וואו אויסגעוויילטע פון פאָלק קומען זיך צונויף, אין דער הויפט־שטאָט, צו שאַפן די געזעצן פון לאַנד, וועלכע זאָלן זיין גוט פאַרן פאָלק. די סיסטעם הערשט איצט אין אַלע פרייע לענדער פון דער וועלט, איבערהויפט אין מערב־אייראָפע. צו דער זעלבער צייט איז אָבער אין מזרח־אייראָפע דאָ אַ דיקטאַטור, וואו ניט דאָס פאָלק רעגירט, נאָר אַ יחיד, אָדער אַ גרופע איבער וועלכע עס שטייט איינער, ווי מיר האָבן עס אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אין די סאַטעליטישע לענדער. אָבער, זייט ווען האָבן דאָס לענדער ביי זיך אַ דעמאָקראַטיש סיסטעם? ווער האָט עס צום ערשטן מאָל פאַרטראַכט? ווער האָט דער ערשטער געוויזן דעם וועג, אַז די הערשאַפט דאַרף זיין פון פאָלק גופא?

דער ענטפער דערויף איז: עס איז געווען אַ גריך, וואָס האָט געלעבט מיט אַן ערך 25 יאָרהונדערט צוריק און געהייסן האָט ער פ ע ר י ק ל ע ס. עס איז געווען דער, וואָס האָט געהערשט איבער דער שטאָט־שטאָט אַטען און האָט דאָרטן, צום ערשטן, איינגעפירט אָט די דעמאָקראַטישע סיסטעם. דערנאָך האָט זיך די סיסטעם פאַרשפרייט אויך איבער אַלע אַנדערע שטאָט־שטאַטן פון גריכנלאַנד און פון דאָרטן אויך איבער אַנדערע לענדער.

אָבער ווער איז געווען אָט דער פעריקלעס?

פעריקלעס איז געווען אַ קינד פון דער אַריסטאָקראַטיע פון אַמאָליקן גריכנלאַנד. ער האָט געקראָגן אַ פיינע דערציאונג אין די בעסטע שולן פון אַטען. ער האָט געלערנט וויסנשאַפט, שפראַכן, מוזיק, פּאָעזיע און פילאָזאָפיע. אָבער ווען ער איז אַלס יונגערמאַן אַרויס אויף דער אַרענע פון לעבן, האָט ער פאַר זיין טעטיקייט אויסגעקליבן דאָס

פעלד פון פאָליטיק. איינער פון זיינע לערער איז געווען דער פילאָזאָף זענאָ, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס גלענצנדער רעדנער. וועגן אים האָט מען געזאָגט, אַז יעדעס מאָל, ווען עס קומט אים צו באַהאַנדלען אַ פראַגע עפנטלעך, טוט ער עס אויףביידע אופנים: אויף „פּראָ" און אויף „קאָנטראַ". דאָס הייסט, ער טרעט אַרויס צום ערשטן מיט אַ רעדע אין וועלכער ער באַווייזט מיט אַ שאַרפער לאָגיק, אַז אויף דער פראַגע מוז מען ענטפערן מיט אַ פּאָזיטיוון „יאָ". אָבער באַלד דערנאָך האָט ער געהאַלטן, מיט פּונקט אַזויפיל טאַלאַנט און פייער, אַ צווייטע רעדע, אין וועלכער ער האָט באַוויזן, אַז אויף דער פראַגע דאַרף מען ענטפערן מיט אַ קלאָרן „ניין".

צו לערנען ביי אַזאַ גרויסן מייסטער איז פאַר פּעריקלעסן געווען זייער אַ גרויס געווינס, ווייל ער האָט זיך אויסגעלערנט פון אים, ווי אַזוי צו באַהאַנדלען אַ פראַגע פון אַלע זייטן. אָבער פּעריקלעס האָט געהאַט נאָך אַ „רבי", וועלכן ער האָט זייער ליב געהאַט. דאָס איז געווען אַנאַקסאַגאָראַס, אַ באַרימטער פילאָזאָף אין יענער צייט, וואָס איז געווען אַן אַפּיקורס אין קראַפט פון די געטער און וועלכער האָט געהאַלטן, אַז די וועלט ווערט אָנגעפירט פון אַ העכערער אינטעליגענץ. אָט די לערע האָט ער איבערגעגעבן צו פּעריקלעסן, וועלכער האָט זי נאָך מער פאַרטיפט. אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז אויך פּעריקלעס איז געוואָרן אַ ניט־גלויביקער אין די געטער און געצן פון דער מיטאָלאָגיע און האָט געהאַט אַ באַגריף פון אַ העכערן פילאָזאָפישן גאָט.

ניט צו גלויבן אין איינעם פון די געטער, איז ניט געווען קיין פאַרברעכן אין אַמאָליקן גריכנלאַנד. אָבער ניט צו גלויבן אין אַלע און איבערהויפּט אין הויפּט־גאָט צעאוס איז שוין געווען עפּעס אַנדערש. אַזאַ איינער איז געווען אַ „כופר בעיקר", אַ גאָט־לעסטערער פאַר וואָס דאָס געזעץ האָט שווער באַשטראָפט. אָט דערפאַר האָט דער פילאָזאָף אַנאַקסאַגאָראַס געמוזט רעדן צו זיינע תלמידים אויף אַ פאַרשטעלטן אופן און האָט זיי אויך געהייסן שווייגן און ניט אַרויסזאָגן זייערע פרייע מיינונגען.

פּעריקלעס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן צו זיין אַ וואונדערבאַרער רעדנער, אַ זייער גרויסער אָראַטאָר, וואָס קען באַצויבערן אַן עולם. ווען אים איז אויסגעקומען צו קעמפן קעגן אַ קעגנער פון זיינע אידעען, האָט ער פון אים געמאַכט אַש און בלאָטע. ער האָט אים אַזוי צעקלאַפּט, אַז יענער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן און איז דעריבער פון אַלע צוהערער אויסגעלאַכט געוואָרן. אָבער פּעריקלעס איז ניט באַלד אַריין

אין פּאָליטיק. ער האָט געפונען פאַר ריכטיקער צו דינען פריער אין דער אַרמיי. דאָס איז דעמאָלט געווען אַ וויכטיקער שריט פאַר יעדן יונגן מענטש, וואָס האָט געוואָלט פאַרנעמען אַן אָרט אין דער פּאָליטיק פון לאַנד. נאָך צוויי יאָר דינען אין דער אַרמיי, איז ער צוריקגעקומען אין ציווילן לעבן און איז אַרויסגעטראָטן אַלס קעמפער פאַר די אָרימע. אַזוי ווי ער איז געווען אַן אַריסטאָקראַט פון געבורט און דערציאונג, האָט ער געפילט, אַז אויב ער וויל געווינען די מאַסן אויף זיין זייט, דאַרף ער שווער אַרבעטן דערויף. ער דאַרף זיין אַ ליבעראַל, אַ פריינט פון פּראָסטן פאָלק און אַ קעמפער פאַר זייערע רעכט. זיין קעגנער אין יענער צייט איז געווען איינער קימאָן, דער פירער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, אַ ביטרער מענטש און אַ גרויסער דעמאַגאָג. האָט פּעריקלעס באַשלאָסן אים בייצוקומען, אים צו באַקעמפן. ער האָט צו דעם צוועק איינגעאָרדנט אין זיין פּאַלאַץ גרויסע סעודות פאַר אָרימע לייט און געהייסן זיי דערלאַנגען פון אַלדאָס גוטס. ער האָט זיי אויך דערלויבט צו נעמען פרוכטן פון זיינע גערטנער. ער האָט אויך געהייסן זיינע שקלאַפן צעטיילן פעקלעך מיט קליידער צו די צוהערער, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גרויסע מאַסן, אין די גאַסן, וואו ער איז אויפגעטראָטן. ווען זיין קעגנער האָט דאָס געזען, האָט ער זיך גענומען צו אַן אַנדער מיטל, צו טיילן געלט צו די מאַסן. פּעריקלעס איז ניט אָפּגעשטאַנען און האָט אויך גענומען טיילן געלטער צו אָרימע און עלנטע. ער האָט געטאָן נאָך עפּעס אַנדערש: ער האָט באַצאָלט אַלע בירגער פאַר קומען צו זיינע רעדעס און אויך די אַלע, וואָס האָבן זיך געמישט אין פּאָליטיק. דאָס האָט געווירקט, אַז פּעריקלעס איז געוואָרן זייער פּאָפּולער און ביי די קומענדיקע וואַלן האָט ער געזיגט און איז געוואָרן דער הערשער פון אַטען און דערמיט אויך פון גאַנץ גריכנלאַנד. אָט די ממשלה האָט אָנגעהאַלטן 40 יאָר, ביז צו זיין טויט, וואָס איז געווען אין יאָר 248 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג.

* * *

אָבער פאַרוואָס האָט פּעריקלעס אַזוי שטאַרק געקעמפט קעגן זיין קעגנער? וואָס האָט ער געוואָלט? האָט ער געוואָלט נאָר הערשן אָדער ער האָט אויך געהאַט אַן אידעע?

דער ענטפער איז: ער האָט געהאַט דערביי אַן אידעע און דאָס איז, צו ווייזן דער וועלט אַ מוסטער פון אמתער דעמאָקראַטיע. יאָ, פּעריקלעס איז דער טאַטע פון דעמאָקראַטיע. ער האָט דאָס צום ערשטן

מאָל איינגעפירט אין לעבן אין אַטען, וואו אַלע וואָס האָבן געדינט דעם שטאַט, האָבן געמוזט זיין אויסגעוויילט פון פאָלק, דורך אַן ערלעכער סיסטעם פון וואַלן.

פעריקלעס האָט אויך געוואָלט ווייזן אַ וועג, אַז אַ לאַנד קען לעבן רואיק, אָן מלחמות; אַז אַ הערשער דאַרף ניט פאַרגיסן קיין בלוט און אַז יעדער סכסוך מיט אַן אַנדער לאַנד, אָדער אַ שטאָט־שטאַט פון גריכנ־לאַנד גופא, קען געלייזט ווערן אויף אַ פרידלעכן אופן.

ער האָט אויך אַלס דער טאַטע פון דער שטאָט אַטען, געוואָלט ווייזן אַ וועג, ווי אַזוי מען קען פאַרשענערן די שטאָט. און ער האָט צו דעם צוועק געלאָזט מאַכן ביי דעם גרעסטן סקולפּטאָר פון יענער צייט פ י ד י א ס, וואונדערבאַרע סטאַטועס, וועלכע האָבן פאַרקערפּערט געוויסע מענטשלעכע גוטע מעלות און ער האָט די סטאַטועס אויסגעשטעלט איבער דער גאַנצער שטאָט אין אַלע הויפּט־גאַסן, פאַרקן און אַלעען.

פעריקלעס איז אויך דער גרינדער און איינפירער פון אַ „זשורי־סיסטעם", דאָס הייסט, אַז יעדער וואָס ווערט אָנגעקלאָגט אין אַ פאַרברעכן זאָל געמשפּט ווערן פון פאָלק גופא און ניט בלויז פון ריכטער. ער האָט צו דעם צוועק ביי אַ משפט געקענט האָבן אַ חוץ די ריכטער אויך עטלעכע הונדערט זשורי־לייט און אַמאָל אַפילו ביז אַ טויזנט. ער האָט דאָס בכיוון אַזוי געטאָן, כדי עס זאָל זיין שווער אונטערצוקויפן די זשורי, ווייל ווען עס וועט זיך האַנדלען וועגן אונטערקויפן אַזויפיל מענטשן, וועט עס זיין אוממעגלעך.

* * *

זיין גרעסטן טאַלאַנט אַלס רעדנער האָט פעריקלעס אַרויסגעוויזן ביים פאַרטיידיקן זיין געליבטע אַספאַסיאַ, וועלכע ער האָט ממש אַרויס־געריסן פון די נעגל פון מלאך המוות.

אַספאַסיאַ איז געווען אַ קורטיזאַנקע. דאָס זענען געווען אין יענער צייט אַזעלכע שיינע געבילדעטע פרויען, וועלכע האָבן זיך איבערגעגעבן צו בעסערע מענער. מען דאַרף וויסן, אַז די גריכן האָבן גישט געהאַט קיין אינטערעסאַנטע שיינע פרויען. די דורכשניט פרוי איז געווען דער טיפּ פון אַ דינסט־מויד, אַ קעכין און פון איינער וואָס קען אָנפירן מיט אַ הויז־ווירטשאַפט. די פרויען אין גריכנלאַנד האָבן זיך ניט אָפּגעגעבן, ניט מיט קאָסמעטיק און שיינהייטס־מיטלען און ניט מיט פאַרשאַפן זיך שיינע קליידער. זיי האָבן פשוט קיין זין ניט געהאַט דערפאַר. דעריבער האָבן די פרויען, וועלכע זיינען געווען שיין און זיך אָפּגעגעבן מיט אָפּהיטן

זייער פיגור און זייער שיין געזיכט, זיך אויך געפּוצט אין שיינע קליידער און זיינען געווען באַליבט ביי אַלע מענער. דאָס זיינען געווען אָט די קורטיזאַנקעס, צו וועלכע די פאַרהייראַטע מענער זיינען געקומען, ווען זיי האָבן געוואָלט פאַרברענגען מיט אַ בעסערער פרוי און האָבן פאַרגעניגן. די סאַמע שענסטע און קליגסטע צווישן זיי איז אין יענער צייט געווען אַ ס פּ אַ ס י אַ. זי איז געווען, אויסער שיין, אויך קלוג און שאַרפזיניק און איז דעריבער געווען די פירערין פון דער אינטעליגענץ. ביי איר אין הויז איז געווען אַ סאַלאָן, וואו עס פלעגן זיך צונויפקומען די בעסטע מענטשן פון לאַנד און איבער אַלעם איז געווען — פּעריקלעס, וועלכער איז געווען אַזוי מוראדיק פאַרליבט אין איר, אַז ער האָט אָפּגעגט צוליב איר זיין פרוי. אָבער ער האָט מיט איר ניט געקענט הייראַטן, ווייל לויטן געזעץ פון אַטען, האָט קיין בירגער פון דער שטאָט ניט געטאָרט הייראַטן מיט אַ פרוי פון די עגעאישע אינדזלען (אַספּאַסיאַ איז געווען אַ געבוירענע פון מילעטוס, אַ שטאָט אין די עגעאישע אינדזלען), אָבער זיי האָבן דאָך געלעבט צוזאַמען ווי מאַן און ווייב.

אַספּאַסיאַ איז געווען אַ פריידענקערין. זי איז אויך געווען אַ שילערין פון אַנאַקסאַגאָראַס און האָט געהערט פון אים, ווי ער האָט אָפּגעלאַכט פון אַלע געטער און געצן און זי פלעגט אָפט נאָכזאָגן זיינע ווערטער. ווי געזאָגט, ניט צו גלויבן אין איינעם פון די געטער, איז ניט געווען קיין פאַרברעכן אין אַמאָליקן גריכנלאַנד. אָבער ניט צו גלויבן אין אַלע און איבערהויפט נאָך אָפּלאַכן פון הויפּט־גאָט, צעאוס, איז שוין געווען אַ זינד. האָט זיך געפונען עמיצער, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט געהערט ווי זי האָט געמאַכט ליצנות פון צעאוסן. האָט מען זי באַלד אַרעסטירט און עס האָט איר געדראָט טויט־שטראָף. ווען פּעריקלעס האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער באַלד דערקלערט, אַז ער וועט זיין איר אַדוואָקאַט. ער איז גלייך אַוועק צו דער זשורי און האָט געהאַלטן אַזאַ שטורמישע רעדע, אַז ער האָט זיך ממש דערנאָך צוזאַמענגעבראָכן און ביטער געוויינט. דאָס האָט געווירקט און מען האָט זי באַפרייט.

אָבער אויב פּעריקלעס האָט געזיגט און אָפּגעראַטעוועט זיין געליבטע אַספּאַסיאַ פון טויט, האָט ער ניט געהאַט קיין דערפאָלג, ווען מען האָט אַרעסטירט זיין באַליבטן סקולפּטאָר, דעם גרעסטן פון יענער צייט פ י ד י אַ ס אויף אַ באַשולדיקונג פון די שונאים, אַז ער האָט צוגעגנבעט אַ טייל פון דעם גאָלד, וואָס מען האָט אים געגעבן צו באַפּוצן די סטאַטוע אַטענע. ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צו זיצן אין געפענגעניש אַ לאַנגע

צייט, אָבער ער איז באַלד דערנאָך געשטאָרבן. ווי אַ טייל היסטאָריקער מיינען, האָט מען אים פאַרגיפטעט.

נאָך פידיאַסעס אַרעסט האָבן פעריקלעסעס שונאים זיך גענומען צו זוכן חטאים אויף פעריקלעסעס לערער אַנאַקסאַגאָראַס, ווייל דערמיט האָבן זיי געוואָלט טרעפן פעריקלעסן אַליין, און באַווייזן, אַז ער איז אַ ניט־גלויביקער און פריידענקער. אָבער צו ווייט האָבן די שונאים ניט געקענט גיין, ווייל אַנאַקסאַגאָראַס איז געווען זייער שטאַרק באַליבט, האָבן זיי זיך באַגנוגנט מיט אָננעמען אַ געזעץ, אַז אַנאַקסאַגאָראַס זאָל ניט טאָרן האַלטן קיין רעדעס וועגן רעליגיעזע ענינים אין עפנטלעכע פלעצער.

* * *

אָבער כאָטש פעריקלעס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די מאַסן און האָט געקעמפט דערפאַר איינצופירן דעמאָקראַטיע און פאָלקס־הערשאַפט, איז ער אין פריוואַטן לעבן געווען אַ גרויסהאַלטער (אַ סנאָב). ער פלעגט ניט גיין צו קיין פאַרוויילונגען, אָדער מיטינגען פון אַ סאָציאַלן כאַראַקטער און אנשטאט דעם פלעגט ער געבן גרויסעביישטייערונגען צו יעדער גוטער זאַך, צו וועלכער מען האָט אים איינגעלאַדן. ער פלעגט געבן סיי אייגענע געלטער און סיי פון דער מלוכה־קאַסע. ער האָט זיך אויך באַמיט, אַז די בירגער פון אַטען זאָלן האָבן פיל שמחות און סעודהלעך און זאָלן גוט פאַרברענגען.

זיין הויפּט־ציל איז געווען צו שאַפן אין אַטען אַ דעמאָקראַטיע, וועלכע זאָל זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע שטעט און דאָס האָט ער אויס־געפירט. ער האָט דערויף אויסגעגעבן אַ פאַרמעגן און ער האָט ניט גערוט ביז עס איז איינגעפירט געוואָרן אין אַטען אַ פולשטענדיקער סיסטעם פון דעמאָקראַטיע. אַלץ האָט געמוזט געטאָן ווערן דורכן פאָלק. אַלע באַאַמטע האָבן געמוזט זיין אויסגעוויילטע, אַלע באַשלוסן זיינען אָנגענומען געוואָרן פון פאָלק דירעקט. ער האָט עס געבראַכט דערצו, אַז יעדער בירגער האָט זיך געמוזט באַטייליקן אין דער פירונג פון אַטען אַלס שטאָט־שטאַט.

אַטען איז דעמאָלט געווען די הויפּט־שטאָט פון גריכנלאַנד און איז געווען פאַרבונדן מיט די אַנדערע שטעט־שטאַטן דורך אַ געמיינזאַמער סיסטעם פון האַנדל און אינדוסטריע. אָבער גריכנלאַנד איז געווען אַ מין קליינע ענגלאַנד פון יענער צייט, וואָס האָט אַריינגעקראָגן פיל האָב־און־גוטס פון די אַנדערע שטעט און אויך פון אירע קאָלאָניעס אין עגעאישן ים. אַזוי אַרום האָט פעריקלעס אויסגעבויט אַ נייע אימפּעריע, ניט דורך דער שווערד, ניט דורך מלחמות, נאָר דורך פרידלעכע מיטלען.

אָבער אויב די סיסטעם האָט געאַרבעט גוט אין אַטען גופא, איז עס געווען אַנדערש אויף דער פּראָווינץ, צוליב דעם, וואָס די דעמאָקראַטיע איז ניט געגאַנגען אַזוי ווייט. פאַר די אַנדערע שטעט און לענדער האָט אַטען געהאַט אַנדערע געזעצן. זיי, די אַנדערע שטעט, האָבן ניט געהאַט קיין פאַרטרעטער אין ראָט פון אַטען. זיי האָבן אויך ניט געהאַט צו ווענדן צו ריידן וועגן עוולות און אַנדערע ענינים. די הערשער פון אַטען האָבן זיך געהאַלטן אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן אַראָפּגעקוקט אויף די אַנדערע שטעט, וואָס קומען ניט צו איר און וועלכע האָבן ניט אַזעלכע גרויסע מענטשן, ווי עס האָט אַטען.

דאָס האָט געפירט דערצו, אַז אין דער גריכישער שטאָט־שטאָט ספּאַרטאַ האָט מען גענומען ריידן וועגן אָפּרייסן זיך פון גריכנלאַנד און פירן אַ מלחמה קעגן אַטען. פּעריקלעס האָט אָבער ניט גענומען ערנסט זייערע רייד און האָט עס געהאַלטן פאַר בלויז סטראַשונקעס. אין דער זעלבער צייט האָט די יוגנט פון ספּאַרטאַ, וועלכע איז דערצויגן געוואָרן אין אַ מיליטערישן גייסט, זיך געריסן צו גיין אין קריג קעגן אַטען, כדי אויסצורופן ספּאַרטאַ אַלס די הויפּט־שטאָט פון גריכנלאַנד. ענדלעך איז אַזאַ מלחמה אויסגעבראָכן. אין יענער מלחמה צווישן גריכן און גריכן, האָט אַטען פאַרלוירן. דערצו האָט נאָך אויסגעבראָכן אַ גרויסע מגפה אין אַטען. אין דער מגפה איז פריער געשטאָרבן פּעריקלעסעס שוועסטער, דערנאָך זיינע צוויי זין און צום סוף — ער, פּעריקלעס אַליין.

נאָך פּעריקלעסן האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין גריכנלאַנד די „קלוגע לייט פון אַטען”, הויפּטזעכלעך פּלאַטאָן.

7. די ערשטע דענקער פון אַמאָליקן גריכנלאַנד

זיי האָבן געלעבט ניט אין גריכנלאַנד גופא, נאָר אין אירע קאָלאָניעס. — די געלערנטע פון מילעטוס, אַ שטאָט אויף אַן עגעאישן אינדזל. — די פילאָזאָפיע פון די פינף ערשטע דענקער.

פון גאָר אַלטע צייטן אָן האָבן שרייבער פון געשיכטע, געהאַט פאַר זיך נאָר איין וועג ווי אַזוי צו באַצייכענען דערמיט די פעלקער אַלס גרויסע און שטאַרקע — דאָס איז געווען צו באַזינגען די זיגער אין מלחמות. אַזוי ווי פון גאָר אַלטע צייטן אָן האָבן פעלקער געפירט מלחמות איינע מיט די אַנדערע און אויך אָפט, האָבן זיי די יעניקע, וואָס זיינען אַרויס די זיגער אין אַ מלחמה פאַרשריבן אַלס די העלדן. איבערהויפּט זיינען געוואָרן באַרימט די פירער פון אַזאַ לאַנד. זיי זיינען באַצייכנט געוואָרן אַלס גרויסע מענטשן. זיי זיינען געווען ניט נאָר קריגס־העלדן, נאָר אויך גייסטיקע ריזן. דאַקעגן זיינען די פעלקער וואָס האָבן פאַרשפּילט אין מלחמה פאַר־שריבן געוואָרן אַלס געפאַלענע, אַלס אַזעלכע, וואָס האָבן אַראָפּגעניִדערט אין דער לייטער פון פּראָגרעס. זיי זיינען געוואָרן געשלאָגענע, און דער־מיט אויך צוריקגעשטאַנענע, אין גייסטיקע ענינים.

אָבער אָט די באַצייכענונג איז דורכאויס אַ פאַלשע און שטימט ניט מיט דער ווירקלעכקייט, באַזונדערס אין דער געשיכטע פון דער מענטש־הייט און גריכנלאַנד פון אַמאָל. נאָך דעם דורכפאַל פון אַטען אין דער מלחמה מיט ספּאַרטאַ (די מלחמה ווערט באַצייכנט אין דער היסטאָריע אַלס די פעלאָפּאָנעזישע מלחמה און האָט געדויערט 27 יאָר, פון דעם יאָר 431 ביזן יאָר 404, פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג), גראָד נאָך יענער שווע־רער מפּלה ווען אַטען האָט געבלוטיקט נאָך דער מלחמה יאָרן־לאַנג און איז געווען אונטערגעוואָרפן אונטער דער קריגערישער ספּאַרטאַ, גראָד דעמאָלט הויבט זיך אָן ביי איר אַ גרויסע אויפלעבונגס־עפּאָכע. עס באַ־ווייזן זיך אויף דער אַרענע צענדליקער גרויסע גייסטער און עס שטייען אויף פיל פילאָזאָפן און דענקער. עס איז געקומען אַ גרויסע שעפערישע עפּאָכע אין לעבן פון גריכנלאַנד, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן ביז צום אויפ־שטייג פון רוים, אין יאָר 264 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג, אַ צייט פון 260 יאָר. אָט די דאָזיקע עפּאָכע פון גריכישע דענקער און פילאָ־זאָפן ווערט איינגעטיילט (צוליב דער גרויסער פערזענלעכקייט פון סאָ־

קראַטעסן, וואָס איז געווען דער גרעסטער פון דער גאַנצער תקופה), אין צוויי טיילן. איין טייל, וואָס איז געווען פאַר אים און אַ צווייטער טייל, וואָס איז געקומען נאָך אים. סאָקראַטעס האָט געלעבט פון 469 ביז 399 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. אָבער אין חשבון פון פאַר דער סאָקראַטעס־עפּאָכע גייט אויך אַריין די צייט, פון זעקסטן יאָרהונדערט פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. די געשיכטע פון דער גריכישער פילאָזאָפיע הויבט זיך אָן אויסער גריכנלאַנד, מיט טאַלעסן פון מילעטוס (אַ שטאָט אין איינע פון די עגעאישע אינדזלען) צום סוף פון זיבעטן יאָרהונדערט פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. מיר וועלן דעריבער זען, וואָס פאַר אַ גרויסע גייסטער גריכנלאַנד האָט אין יענער צייט אַרויס־געגעבן. מיר וועלן אָבער פון דער גרויסער צאָל פון דענקער ברענגען נאָר געציילטע, נאָר די יעניקע, וואָס האָבן זיך מיט עפּעס אויסגעצייכנט.

* * *

איידער מיר גייען ווייטער דאַרף מען באַטאָנען אָט־וואָס:

עס איז געווען, אין יענער צייט, אַ גרויסע עפּאָכע פאַר צוויי פעל־קער, פאַר די יידן און פאַר די גריכן. אמת אָט־די צוויי פעלקער האָבן אין יענער צייט געדינט צו געצן. ביי די יידן איז עס געווען באַזונדערס מלכות ישראל, אָבער אויך מלכות יהודה איז געווען פאַרזונקען אין געצן־דינסט ביז איבער די אויערן. ביי די גריכן איז עס גאָר שטאַרק געווען: דאָרטן איז געווען געצן־דינסט פון כלערליי מינים, איינגעוועבט אין אַ נאַרישער מיטאָלאָגיע. אָבער אין קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע פעלקער אין דער וועלט ביי וועלכע עס איז געווען אין גאַנצן פינצטער און עס האָט זיך ניט באַ־וויזן קיין איין מענטש, וואָס זאָל טראַכטן אַנדערש, קיין איינער, וועלכער זאָל אַ געשריי טאָן הויך, אַז דאָס איז ניט דער וועג — זיינען ביי די יידן און ביי די גריכן יאָ געווען אַזעלכע גייסטער. סיי ביי יידן און סיי ביי די גריכן האָבן געציילטע גערופן אַז מען זאָל דאָס דינסט צו די געצן אָפּשאַפן און אַז דער מענטש זאָל דערהויבן ווערן. ביי די יידן זיינען עס געווען די נביאים און ביי די גריכן — די פילאָזאָפן.ביידע האָבן גערופן און געמאָנט אין זייערע לענדער צו מאַכן אַ סוף צום נאַרישן שפּיל פון געצן־דינסט. ביי די יידן האָבן די נביאים אָפּגעלאָכט פון די געצן און גערופן צו דינען דעם גאָט, וואָס לעבט אייביק; דער גאָט, וואָס האָט געשאַפן הימל און ערד. ביי די גריכן האָבן דאָס געטאָן אויף דעם זעלבן אופן די פילאָזאָפן. אָבער זיי האָבן גערופן אַז מען זאָל בלויז אַוועק־וואַרפן דאָס געצן־דינסט. דעם אַנדערן טייל אָבער — צום געדאַנק וועגן

אַנערקענען דעם אייביקן גאָט, דעם שעפער פון הימל און ערד, זיינען זיי נאָך דעמאָלט ניט געקומען. אין דעם גייסטיקן וואַקום און גרויסן חלל, וואָס עס האָט דעמאָלט געהערשט אין גריכנלאַנד, האָבן זיי בלויז דערזען די נאַרישקייט פון געצן־דינסט און די געפאַלנקייט פון מענטש, וואָס דינט צו זיי, אָבער צום געדאַנק פון אַן איין־איינציקן גאָט, וואָס איז העכער פון אַלעם און איז דער שעפער פון אַלעם, האָבן זיי זיך בכלל נאָך ניט געהאַט דערטראַכט.

אָבער דאָך האָבן די ערשטע צען פון דער גאַנצער פּלעיאַדע פון דענקער זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט און מען דאַרף זיך אויף זיי אָפּ־שטעלן.

* * *

עס איז דאָ אַ טערמין, וואָס באַצייכנט די גריכישע פילאָזאָפן אַלס „די קלוגע לייט פון אַטען". דער דאָזיקער באַגריף פּאַסט זיך אָבער אויף די שפּעטערדיקע דורות, ווען עס זיינען אויפגעקומען די גרויסע פילאָ־זאָפן פון גריכנלאַנד גופא. די ערשטע גריכישע דענקער זיינען אָבער ניט געווען אין גריכנלאַנד, נאָר אין אירע קאָלאָניעס. דאָס זיינען געווען אַ ריי פון צען דענקער, וואָס האָבן געלעבט אין מילעטוס (אַ שטאָט אויף איינע פון די עגעאישע אינדזלען) און אויך אין דרום איטאַליע, אין סי־ציליע, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו גריכנלאַנד, אין פאַרלויף פון נאָענט צו 200 יאָר פון 6־טן יאָרהונדערט ביז צו דער צייט פון סאָקראַטעסן. די הויפּט פיגורן פון דער עפּאָכע זיינען געווען: 1. טאַלעס פון מילעטוס; 2. אַנאַקסימאַנדער; 3. אַנאַקסימענעס; 4. פּיטאַגאָראַס; 5. קסענאָפאַנעס; 6. העראַקליטוס; 7. פּאַרמענידעס; 8. עמפּעדאָקלעס; 9. אַנאַקסאַגאָראַס; און 10. זענאָ און זיינע תלמידים. אַנדערע רעכענען־צו צו דער גרופּע אויך לעיסיפּוס פון מילעטוס.

אָבער מיט וואָס האָבן זיי זיך אַלע אויסגעצייכנט? וואָס איז געווען דער תוך פון זייערע לערעס? האָבן זיי אַנטוויקלט באַזונדערע שיטות? אויב יאָ, וואָס זיינען זיי געווען? — מיר וועלן זיך באַמיען דערויף אויס־פירלעך צו ענטפערן.

אָבער איידער מיר ריידן פון אַ תוך פון אַלע פילאָזאָפיעס, דאַרף מען וויסן, אַז די ערשטע דענקער פון גריכנלאַנד, די פילאָזאָפן פון דער פאַר סאָקראַטעס עפּאָכע, זיינען ניט געווען קיין פילאָזאָפן אין אמתן זין פון וואָרט. דאָס זיינען געווען בלויז דענקער, וועלכע האָבן געזען די

גאָרישקייטן פון געצן־דינסט און דאָס עפנטלעך דערקלערט. דאָס צווייטע איז געווען, צו זוכן אַן ענטפער אויף אַ גאַנצע ריי פראַגן ווי, למשל, ווער האָט געשאַפן די וועלט? זייט ווען איז דאָס לעבן? וואָס איז טויט? איז דאָ אַ שכלדיקע פירונג פון דער וועלט? וואָס איז דער זין פון לעבן? איז דאָ אַ ציל צו אַלעם? עס איז געווען אַ מין זוכן, וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר פיל וויסנשאַפטן, ווי פאַר ביאָלאָגיע, כעמיע, מעדיצין, געאָמעטריע און אַנדערע און אזוי אויך צו געפינען די גרונט־פרינציפּן פון לאָגיק.

אָט דאָס איז געווען דער געדאַנקען־גאַנג, וואָס האָט באַשעפטיקט די מוחות פון די ערשטע דענקער פון דער וועלט. און אָט דערפאַר ווערן זיי אויסגערעכנט און אַוועקגעשטעלט אין דער ריי פון די ערשטע פילאָזאָפן. עס מיינט, די ערשטע, וואָס האָבן געזוכט צו געבן אַן ענטפער אויף די אייביקע פראַגן מיט וועלכע די מענטשהייט פאַרנעמט זיך ביזן היינטיקן טאָג.

* * *

איצט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף יעדן איינעם באַזונדער.

צום ערשטן קומען אין באַטראַכט די ערשטע דריי: טאַלעס, אַנאַקסימאַנדער און אַנאַקסימענעס, אַלע פון מילעטוס. מילעטוס איז געווען אין יענער צייט באַרימט מיט איר הויכער קולטור. עס זיינען דאָרטן געווען פיל שולן פון פילאָזאָפיע און ליטעראַטור. עס איז אויך דאָרטן געווען אַ טעאַטער וואו מען האָט געשפילט די שאַפונגען פון גרויסע דראַמאַטורגן. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אַלע געבילדעטע מענטשן האָט עס געצויגן צו פאָרן קיין מילעטוס. אַזוי אַרום איז די שטאָט געוואָרן וואָס אַמאָל מער אַ צענטער פאַר קולטור אין יענער צייט.

טאַלעס, וועלכער ווערט פאַררעכנט פאַרן ערשטן גריכישן פילאָזאָף, האָט ניט געשאַפן קיין ביכער. יעדנפאַלס זיינען קיין ביכער פון אים ניט איבערגעבליבן. אַלץ וואָס מיר ווייסן פון אים איז פון דעם, וואָס דער היסטאָריקער העראָדאטוס דערציילט אונדז וועגן אים. לויט אים קומט אויס, אַז טאַלעס האָט זיך געמישט אין דער פּאָליטיק פון לאַנד; איז געווען אַן אַסטראָנאָם, וואָס האָט פאָראויסגעזאָגט, ווען עס וועט זיין אַ ליקוי חמה. ער האָט אָפּגעלאַכט פון דער געצנדינערייִ און איז געווען פון די ערשטע צו זוכן דעם שורש פון אַלעם, וואָס עס לעבט. עס איז אויך באַקאַנט, אַז זיין לערע איז געווען, אַז „אַלץ קומט פון וואַסער". דאָס מיינט, אַז פון וואַסער קומט אַרויס אַלץ, וואָס מיר האָבן אין אונדזער וועלט,

דאָס לעבעדיקע און ניט לעבעדיקע. אָבער ווי אַזוי איז עס געקומען דער־צו און וואָס עס איז געווען דער גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון די אַלע באַשעפענישן, וועגן דעם איז פון אים גאָר ניטאָ. ער ווערט אָבער פאַר־רעכנט אַלס דער ערשטער, וואָס איז אַוועק אויפן וועג פון פאָרשן און זוכן.

דער צווייטער פילאָזאָף, אויך פון מילעטוס, אַנאַקסימאַנדער (גע־בוירן געוואָרן אין יאָר 610 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג) איז געווען דער ערשטער גריך צו שרייבן אַ בוך אין פּראָזע. דאָס בוך איז אין גאַנג פון דער צייט פאַרלוירן געגאַנגען. אָבער פיל פילאָזאָפן פון שפּעטער־דיקע צייטן האָבן עס געזען און זיי ברענגען גאַנצע שטעלן פון דאָרטן. אין דעם בוך רעדט שוין אַנאַקסימאַנדער וועגן אַן „ערשטן עלעמענט" און אַן „ערשטער סיבה" און וועגן אַן „אין סוף", אַ קראַפט, וואָס ענדיקט זיך קיינמאָל ניט. דאָס זיינען געווען די ערשטע באַשרייבונגען וועגן אַ גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, כאָטש ער האָט עס נאָך ניט קלאָר פאָרמולירט. עס איז שוין אַן אָנהויב פון אַ פילאָזאָפיע וועגן דער געטלעכקייט.

דער דריטער פון דער גרופּע פון מילעטוס, אַנאַקסימענעס (מען ווייסט ניט גענוי ווען ער איז געבוירן), האָט געלעבט אויך אין דער צייט פון אַנאַקסימאַנדער, אָבער ער איז געווען אַ ביסל יינגער פון אים. אויך ער האָט געשריבן אַ בוך. אין זיין ווערק רעדט ער שוין מיט פילאָזאָפישע באַגריפן וועגן דער געטלעכקייט און ער דענקט, אַז די נשמה איז די לופט, וואָס רינגלט אונדז אַרום.

ווייטער זאָגט ער, אַז ווינט איז אייגנטלעך קאָנדענסירטע לופט; וואָלקנס זיינען אַ פאַרקערפּערונג פון לופט אין אַ מאַסן־פאָרם; פון דער קאָנדענסירונג קען אויך ווערן וואַסער; אַז ווען וואַסער ווערט קאָנדענ־סירט ווערט דערפון ערד און ווען עס זאָל נאָך מער קאָנדענסירט ווערן וועט דערפון ווערן שטיינער.

פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער ציל איז ניט צו באַטראַכטן, אויף וויפל די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אַ ווערט. מיר ווילן נאָר בלויז פאַרצייכענען כדי צו ווייזן ווי אַזוי עס איז געווען דער וועג פון מענטש, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן און זוכן דעם סוד פון דער וועלט, פון גאָט און מענטש.

די אַנדערע גריכישע פילאָזאָפן זיינען אויך געבוירן געוואָרן אין די גריכישע קאָלאָניעס און ניט אין גריכנלאַנד גופא. דער ערשטער פון זיי איז — פּיטאַגאָראַס, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אויפן אינדזל

סאמאי. אין יאָר 531 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג און האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין דרום־איטאַליע.

פּיטאַגאָראַס איז מער באַוואוסט אַלס גרויסער מאַטעמאַטיקער, עס הייסט, אַז ער איז דער פאָטער פון געאָמעטריע, און איז בכלל געווען דער ערשטער אויפן געביט פון דער מאַטעמאַטישער וויסנשאַפט.

פּיטאַגאָראַס האָט אַלס פילאָזאָף זיך ניט באַזונדערס אויסגעצייכנט. ער האָט אַפילו געשאַפן אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געווען אַ מין ברידער־שאַפט וואָס האָט געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. ער האָט אָבער ניט געדינט צו קיין גאָט. זייענדיק אַ מאַטעמאַטיקער האָט ער געשאַפן אַ טעאָריע וועגן ציפערן, אַז זיי זיינען אַ גרויסער כוח אין דער וועלט. אָבער ער האָט די טעאָריע דערפירט כמעט ביז צו לעכערלעכקייט. ער האָט אויך געגלויבט אין גלגולים פון די נשמות. דאָס הייסט, אַז נשמות פון מענטשן וואָס שטאַרבן קומען צוריק אויף דער וועלט אין גופים פון אַנדערע מענטשן. ער האָט אויך געהאַט אַ סך אָבערגלויבנס. אַזוי, למשל, זאָגט ער אַז אין זיין ווערק, אַז מען זאָל ניט עסן קיין אַרבעס (פאַרוואָס ? — דאָס זאָגט ער ניט). ער זאָגט אויך, אַז מען זאָל ניט אָנרירן קיין ווייסן האָן; אַז מען זאָל ניט אויפרודערן אַ פייער מיט אַ שטיק אייזן און אַז ווען מען שטייט אויף אין דער פרי פון בעט זאָל מען עס באַלד פאַרבעטן; מען זאָל אַוועקלייגן די פּידזשאַמעס און מאַכן גימנאַסטיק — אַזוי זיינען דאָ ביי אים נאָך פיל אַנדערע נאַרישקייטן. אָבער די פאַרדינסטן פון פּיטאַגאָראַס זיינען זייער גרויס אין פעלד פון אַריטמעטיק און מאַטעמאַטיק.

דער גרעסטער אָבער פון דער גרופּע פון די ערשטע דענקער, איז געווען קסענאָפאַנעס, וועלכער רעדט שוין פון גאָט, וואָס האָט געשאַפן הימל און ערד. קסענאָפאַנעס רעדט טיילמאָל אַזוי ווי אַ נביא ביי יידן.

אויך קסענאָפאַנעס איז ווי אַלע אַנדערע פון יענער צייט ניט געבוירן געוואָרן אין גריכנלאַנד גופא, נאָר אין אַ גריכישער קאָלאָניע, אין דער שטאָט קאָלאָפאָן, אומגעפער אין יאָר 545 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. ער האָט געלעבט זייער לאַנג ביז נאָענט צו 90 יאָר. ער האָט אַלע זיינע יאָרן פאַרבראַכט אין סיציליע, וואָס איז דעמאָלט געווען אונטער דער הערשאַפט פון די גריכן. קסענאָפאַנעס רעדט מיט שטורעם און כעס קעגן די פאַרשידענע געצן־דינער פון גריכנלאַנד און לאַכט אָפּ פון זיי. אַזוי זאָגט ער אין איין שטעלע:

1. די גריכן האָבן צוגעשריבן צו די אָפּגעטער אַלע זאַכן, וואָס זיינען אַ שאַנדע פאַר מענטשן, ווי, למשל, גנבה און גזלה, ניאוף און אָפּנאַרעריי.

2. די מענטשן מיינען, אַז די געטער זיינען אַזוי ווי זיי זיינען, אַז זיי גייען אָנגעטאָן אַזוי ווי זיי און רעדן מיט אַ מענטשלעכער שפּראַך, אַזוי ווי זיי.

3. ווען אָקסן, פערד און לייבן זאָלן האָבן אַזאַ קראַפט צו מאָלן זייערע אָפּגעטער, וואָלטן זיי זיי געשילדערט אין זייער געשטאַלט.

4. די שוואַרצע אַביסיניער מאָלן זייערע אָפּגעטער אַלס שוואַרצע און מיט אַזעלכע פּאַרריסענע נעזער ווי זיי האָבן. די איינוואוינער פון טראַציע (אַזאַ לאַנד אין יענער צייט), וועלכע האָבן בלויע אויגן, שילדערן אויך זייערע אָפּגעטער אַזוי ווי זיי.

וועגן דעם ווי אַזוי ער זעט די געטלעכקייט, זאָגט קסענאָפאַנעס אַזוי:

1. עס איז דאָ נאָר איין גאָט און ער האָט ניט קיין שום מענטשלעכע פאָרם און איז גאָר ניט ענלעך צו אַ מענטש.

2. דער גאָט איז איבער אַלעם, זעט אַלץ און הערט אַלץ.

קסענאָפאַנעס איז געווען דער ערשטער פון די גריכישע פילאָזאָפן צו זאָגן אַזעלכע ווערטער.

8. נאָך פינף גריכישע דענקער

וואָס איז דער אונטערשייד צווישן אַ דענקער און אַ פילאָזאָף? — די דענקער פון פאַר דער סאָקראַטעס עפּאָכע. — מיט וואָס זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט. — זענא און זיינע תלמידים. — פּשטלעך און קלאָץ־קשיות, וואָס פירן צו גאָרניט.

איצט וועלן מיר זען ווער עס זיינען געווען די אַנדערע פינף (אָדער זעקס) פון די ערשטע דענקער. מיר באַטאָנען, אַז מיר רופן זיי אָן „דענקער" און ניט „פילאָזאָפן". ווייל אַ פילאָזאָף איז דער, וואָס קומט מיט אַ פּאַרטיקער שיטה וועגן וועלט און גאָט, אָבער דאָס איז ניט געווען דער פאַל מיט קיינעם פון די דאָזיקע גריכישע דענקער, וועלכע האָבן ערשט געמאַכט זייערע ערשטע שריט אויפן וועג פון מענטשלעכן דענקען און האָבן נאָך קיין שום קלאָר פאָרמולירטע שיטה ניט געהאַט. מיר זעען ערשט ביי קסענאָפאַנעסן אַן אָנהויב פון אַ פאָרמולירונג פון אַ מאָנאָטעאיסטיש דענקען. די ווייטערע דענקער ביז צו דער צייט פון סאָקראַטעסן זיינען אַלע געווען אויפן זעלבן שטייגער. זיי זיינען געווען: 1) הערַאַקליטוס; 2) פּאַרמענידעס; 3) עמפּעדאָקלעס; 4) אַנאַקסאַגאָראַס; 5) זענא און זיינע תלמידים. ווי געזאָגט רעכענען אַנדערע צו זיי אויך צו לעיסיפּוס.

וועגן ערשטן פון דער גרופּע, הערַאַקליטוס פון עפעסוס, ווייסן מיר זייער ווייניק. לויט ווי עס הייסט, האָט ער געשריבן אַ בוך וועגן זיין לערע. דאָס איז געווען אַן ערך 500 יאָר פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. אָבער אַנשטאָט צו פאַרשפּרייטן עס, האָט ער עס גאָר באַהאַלטן אין טעמפּל פון זיין שטאָט, וואָס האָט זיך גערופן „דער טעמפּל פון אַרטעמיס". אָבער פון דעם וואָס די היסטאָריקער פון זיין צייט האָבן געשריבן וועגן דעם בוך, איז צו זען, אַז ער האָט געהאַלטן, אַז מיט זיין בוך האָט ער אָפּגעווישט אַלץ, וואָס אַלע האָבן געשריבן פאַר אים. זיין סטיל איז געווען פּראָפעטיש און מיסטיש. די היסטאָריקער ברענגען אַ גאַנצע ריי שטעלן וואָס פון זיי קען מען האָבן אַ באַגריף וועגן דעם, וואָס זיין לערע איז געווען.

מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע שטעלן פון אָט דעם בוך, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען, די שטעלן זיינען די וואָס ווערן געבראַכט פון די היסטאָריקער פון יענער צייט, וועלכע האָבן דאָס בוך געזען. אַזוי, למשל, זאָגט ער:

פאַר גאָט זיינען אַלע זאַכן פיין און גוט, נאָר מיר מענטשן טיילן איין אַלצדינג אין צוויי טיילן: גוט און שלעכט.

דער וועג אַרויף און דער וועג אַראָפּ איז איינער און דער זעלבער. ווען מען מאַכט אַ ראָד איז דער אָנהויב און דער סוף דער זעלבער.

דער קליגסטער מענטש איז ווי אַ מאַלפּע קעגנאיבער גאָט, פּונקט אַזוי ווי די שענסטע מאַלפּע איז אַ מיאוסקייט אין פאַרגלייך מיטן מענטש.

עס איז ניט גוט פאַר אַ מענטש צו קריגן אַלץ וואָס ער וויל. עס איז די קראַנקהייט, וואָס מאַכט אונדז הנאה צו האָבן פון געזונט זיין. דאָס זעלבע איז אויך, ווען מיר זעען שלעכטס, האָבן מיר הנאה פון גוטן; ווען מיר זעען און ווייסן וואָס עס איז הונגער, האָבן מיר הנאה פון דעם וואָס מיר עסן און ווען מיר זעען ווי אַזוי אַ מענטש פּילט, ווען ער איז מיד, האָבן מיר די הנאה פון רוען.

פון אָט די געדאַנקען, וואָס קלינגען פאַר אונדז אַזוי ווי דאָס ספר „משלי", זעען מיר, אַז ער האָט געטראַכט פון אַ גאָט, אַן איין־איינציקן גאָט, וואָס דער קליגסטער מענטש איז בנוגע אים ווי אַ מאַלפּע לגבי אַ מענטש. דאָס איז שוין אַן אָנהויב פון פאַרשטיין די אַטריבוטן פון דער געטלעכקייט, אַז זיי זיינען ניט פון אַ מענטש. אַנדערע שטעלן ווייזן, אַז ער האָט זיך פאַרטראַכט אויך וועגן די וועגן פון מענטש און לעבן.

דער צווייטער דענקער נאָך אים איז געווען פּאַרמענידעס, דער גרינדער פון אַ פילאָזאָפישער שולע. פּאַרמענידעס האָט אויך גע־לעבט אין דרום־איטאַליע, וואו ער איז געווען זייער אָנגעזעען. ער האָט געלעבט 450 יאָר פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג און האָט געשריבן פּאָעמען אין וועלכע ער האָט אויסגעדריקט זיינע פילאָזאָפישע אידעען. פּאַרמענידעס קען שוין פאַררעכנט ווערן פאַר אַ פילאָזאָף, ווייל ער האָט שוין אַ גאַנצע שיטה. זיין שיטה באַשטייט פון אָוועקשטעלן לאָגישע הנחות און ציען דערפון געוויסע שלוסן. אָט צוליב דעם זעען מיר, אַז פּלאַטאָן רעכנט זיך מער מיט פּאַרמענידעסעס רייד ווי מיט אַלע אַנדערע פון זיינע פאָרגייער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר פּאַרמענידעסעס געדאַנקען־גאַנג איז זיין שיטה, אַז מען דאַרף וועגן אַלעם אָוועקשטעלן דריי הנחות (דריי אַקסיאָ־מען). זיי זיינען: 1) דאָס וואָס עס איז; 2) דאָס וואָס עס איז ניט און 3) דאָס וואָס עס איז ביידע, עס איז און עס איז ניט. פון די דריי הנחות קומט ער צו אַ גאַנצער פילאָזאָפישער טעאָריע, וועגן אוני־ווערס, אַז ער איז איין גרויסער אייביק־עקזיסטירנדער אָביעקט און אַז עס איז דאָ עפּעס וואָס עס איז (ער מיינט דערמיט די געטלעכקייט);

עס איז דאָ עפּעס, וואָס עס איז ניט (דאָס מיינט ער, אַ וואַקוּם אין דער וועלט) און אַזוינס, וואָס עס איז און איז ניט (ווייל געוויסע דערשיינונגען קענען זיין פאַר אַ טייל פּאָזיטיוו און פאַר אַנדערע נעגאַטיוו).

אַ נאָכפאָלגער פון פּאַרמענידעס איז דער דענקער עמפּעדאָקלעס. געבוירן אין סיציליע פון גריכישע עלטערן אומגעפער אין יאָר 493 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג און געלעבט ביז 433 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. וועגן אים ווייסט מען, אַז ער איז געווען אַ רעטעניש פאַר פיל מענטשן, ווייל ער האָט זיך אויפגעפירט יעדעס מאָל אַנדערש ווי פריער. ער איז געווען אַ זון פון אַ אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, אָבער דאָך איז ער געווען אַ קעמפער פאַר דעמאָקראַטיע. אין אַ געוויסער צייט האָט מען אים אָנגעבאָטן צו ווערן דער קעניג פון זיין שטאָט־שטאָט, אַקראַגאַס, אָבער ער האָט עס ניט געוואָלט, צוליב זיינע דעמאָקראַטישע טענדענצן. אָבער דאָס האָט אים אויך ניט אָפּגעהאַלטן צו דערקלערן זיך, אין זיינער אַ פּאָעמע, פאַר אַ — גאָט... ער איז געווען דער לערער און פירער פון אַ שולע אויף צו שרייבן פּראָזע. ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער מעדיצין אין זיין צייט. ער האָט אויך שוין אין יענער צייט, גערעדט וועגן אַ טעאָריע פון עוואָלוציע. און ווי אַ טייל פון זיינע ביאָגראַפן זאָגן, איז ער געווען דער שאַפער פון דער טעאָריע, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס אַ טייל פון דער דאַרווין־טעאָריע, אַז עס בלייבן לעבן נאָר די סאַמע בעסט־צוגעפּאַסטע צו די אומשטענדן. לויט אַנדערע זאָל ער אַפילו האָבן אויך געשאַפן אָט דעם טערמין. ער איז אויך געווען פון די סאַמע ערשטע צו ריידן אין זיינע ווערק וועגן אַן „אומשטערבלעכן גאָט״. „אַ גאָט וואָס לעבט אייביק״. ער האָט אויך געשאַפן אַ טעאָריע, אַז די וועלט באַשטייט פון געוויסע עלעמענטן. לויט זיינע רייד זיינען דעמאָלט געווען נאָר פיר עלעמענטן.

פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער איז געווען דער דענקער אַנאַקסאַגאָראַס, וועלכער איז געווען פּעריקלעסעס רבי. ער איז געווען דער איינציקער פון אַלע וואָס כאָטש ער איז אויך געבוירן געוואָרן אויסער גריכנלאַנד, איז ער געקומען קיין אַטען אין יאָר 480 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג אין עלטער פון 20 יאָר און האָט דאָרטן געוואוינט דרייסיק יאָר ביז מ׳האָט אים געשטעלט צו אַ משפּט פאַר לעסטערן די געטער און ער האָט געמוזט אַנטלויפן. ער האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט לאַמפּ־סאַקוס, וואו ער האָט געלעבט נאָך 25 יאָר, ביז זיין טויט. ער האָט געהאַלטן, אַז אַלץ אין דער וועלט איז אומצעטיילבאַר, אַז יעדע זאַך, ווי קליין, אָדער ווי גרויס זי זאָל ניט זיין, האָט אין זיך אַלע עלעמענטן,

וואָס עס זיינען דאָ אין דער וועלט. אָבער אין יעדער זאַך איז דאָ עפּעס, וואָס איז די הויפּט־קראַפט און דערפאַר הייסט עס אַזוי. למשל, אין גאָלד איז דאָ מער גאָלד ווי אין ווייץ און דערפאַר רופט מען עס גאָלד און אין ווייץ איז דאָ מער ווייץ ווי גאָלד און דערפאַר הייסט עס ווייץ, אָבער אין אַלעם זיינען דאָ טיילן פון אַלץ. יעדע זאַך האָט אין זיך די גאַנצע וועלט.

אַנאַקסאַגאָראַס רעדט אין זיינע ווערק וועגן אַ גאָט, אָדער ווי ער רופט עס אָן, אַ זאַך, וואָס לעבט אייביק און וואָס ער באַצייכנט מיטן וואָרט, „נאוס”, וואָס עס מיינט אין גריכיש — ג י י ס ט, אָדער „שכל” (אין העברעאיש), וואָס פירט אָן מיט דער וועלט. עס איז דער העכערער שכל, זאָגט ער, וואָס איז איבער אַלעם. דאָ לאָזט זיך אַנאַקסאַגאָראַס אַריין אין אַ טיפער אָפּהאַנדלונג וועגן גאָט, וועלט און מענטש.

אַנאַקסאַגאָראַס איז דער איינציקער פון אַלע דענקער פון פאַר דער סאָקראַטעס צייט, וועלכער קריגט אַ וואָרט פון לויב, פון אַריסטאָ־טעלעסן. ער זאָגט וועגן אים, אַז ער איז געווען דער איינציקער, וועלכער רעדט קלאָרע דיבורים און אַז ער זעט אויס צווישן אַלע אַנדערע גריכישע דענקער ווי אַ ניכטערער מענטש צווישן אַ גרופּע פון שיכורים. אויך פּלאַטאָן רעדט מיט פיל רעספּעקט וועגן אַנאַקסאַגאָראַסן און דערקלערט, אַז ער איז געווען העכסט צופרידן צו זען ביי אַנאַקסאַגאָראַסן דעם געדאַנק, אַז דער גייסט איז איבער אַלעם, אַז דער גייסט איז איבער מאַטעריע.

דער לעצטער פון דער גרופּע פון צען איז געווען זענאָ און אויך זיין תלמיד און פריינט מעליסאָס.

זענאָ איז געווען אַ תלמיד פון פּאַרמענידעסן, ביי וועלכן ער האָט געלערנט יאָרן לאַנג און פון מעליסאָסן, וואָס איז אַ געבוירענער פון סאַמאָס. זענאָ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 490 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג און איז געקומען קיין אַטען צוזאַמען מיט פּאַרמענידעסן, ווען ער איז אַלט געווען 40 יאָר. זענאָ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט ליב געהאַט צו פּשטלען זיך און אָנצופירן אַ שמועס מיט די תלמידים, וואָס מען האָט באַצייכנט אַלס „מוח גימנאַסטיק”, אָדער „גייסטיקער אַקראָבאַטיזם”. ער האָט ליב געהאַט צו פרעגן קלאָץ־קשיות, אויף וועלכע מען האָט נישט געקענט ענטפערן. אין דער הינזיכט איז ער געווען זייער שאַרף און האָט ניט געהאַט צו זיך קיין גלייכן. אַזוי איז באַוואוסט וועגן אים, אַז ער האָט אַמאָל געשטעלט אַ גרופּע פריינט אַזאַ קלאָץ־קשיא:

— אַזוי ווי איר זאָגט, אַז גאָט איז אַ כל־יכול, אַז ער קען אַלצדינג, נו, זאָל ער שאַפן אַזאַ גרויסן שטיין, וואָס ער אַליין זאָל אים ניט קענען אויפהויבן. איז, אַלזאָ אַזוי, אויב ער וועט שאַפן אַזאַ שטיין, וואָס ער וועט

אים אַליין ניט קענען אויפהויבן, קען ער דאָך שוין ניט אַלץ, ער קען דאָך דעם שטיין ניט אויפהויבן; אויב ווידער ער קען ניט שאַפן אַזאַ שטיין, קען ער דאָך ווידער ניט אַלץ, ער קען אַזאַ שטיין ניט שאַפן.

די צרה מיט די פּשטל־זאָגער און פרעגער פון קלאָץ־קשיות איז דאָס וואָס זיי גייען ניט אַריין טיף אין אַן ענין, נאָר כאַפּן אַלץ פון אויבן־אויף. אויך די קשיא פון זענאָ איז אַזוי, ווייל אויב גאָט שאַפט אַ שטיין, וועלכן ער וועט ניט קאָנען אויפהויבן, איז דאָך דאָס געווען זיין ווילן צו שאַפן אַזאַ שטיין און דערמיט אַליין ווייזט ער דאָך, אַז ער איז כל־יכול.

זיינע געדאַנקען זיינען דעריבער ניט קיין שיטה אין פילאָזאָפיע און אויך ניט געדאַנקען אויפן וועג צו אַ שיטה, נאָר אַ מין שפּיל אין געדאַנקען, אַזוי ווי עס מאַכט אַ מאָל אַ שאַרפער לערנער אַ פּשטל, שלעפּט צוזאַמען אַ וואַנט מיט אַ וואַנט און בויט אויס אַ בנין אין דער לופטן.

מעליסאָס, זענאָס פריינט און תּלמיד, איז געווען אַ גוטער אַרויס־העלפער צו זענאָן אין אָט דעם אַרט דענקען.

אָט דאָס זענען די צוויי וויכטיקע דענקער פון פאַר דער סאָקראַטעס עפּאָכע. אייניקע ווילן צוגעבן צו זיי אַן עלפטן און דאָס איז לעיסיפּוס, וואָס האָט אויך געלעבט אין יענער צייט און איז געווען אויך אַ תּלמיד פון פּאַרמענידעס. דער עיקר פון לעיסיפּוסעס געדאַנקען־גאַנג איז געווען זיין וואָרט, אַז „אַלץ איז ניט געקומען דורך אַ צופאַל און יעדע זאַך האָט אַ שכל און איז געקומען צוליב עפּעס״. פון דעם געדאַנק איז ער געקומען צו אַ צווייטן געדאַנק פון „דעטערמיניזם״, אַז אַלץ איז פון פריער־אויס באַשטימט צו זיין, אַ געדאַנק וואָס איז שפּעטער אויפגענומען געוואָרן פון אַנדערע.

דאָס איז געווען די געדאַנקען־וועלט ביז סאָקראַטעסן.

9. דער ערשטער גריכישער פילאָזאָף סאָקראַטעס

ער האָט געהאַט נאָר עלעמענטאַרע בילדונג, און האָט שפּעטער אַלץ אַליין געלערנט. — זיין מאָדנער אויסזען. — ער פלעגט אַרומגיין אין איין מאַנטל, זומער און ווינטער, באָרוועס, אַפילו ווען די גאַסן זיינען געווען באַדעקט מיט שניי. — זיין גרויסע צאָל תלמידים. — זיין לערע. — פאַרוואָס די גריכישע רעגירונג האָט אים פאַרמשפּט צום טויט. — איז זיין פרוי קסאַנטיפּע טאַקע געווען אַ מרשעת?

נאָך דעם ווי עס איז געקומען אויף דער אַרענע אינעם אַמאָליקן גריכנלאַנד דער ערשטער דענקער טאָלעס (אין זיבנטן יאָרהונדערט פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג) איז אַריבער אַ גאַנצע ריי דורות, און עס איז ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל מיט זיין וואָרט האָבן אַ השפּעה אויפן לעבן פון לאַנד; איינער וואָס זיין וואָרט זאָל אָפּקלינגען ווייט און ברייט. עס זיינען געווען כסדר דענקער, וועלכע האָבן ניט געקענט צו הויך פליען און אויך ניט צו טיף אַריינגיין אין זאַכן. אָט־די דענקער האָבן אויך ניט צו שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן געצן־דינסט אין וועלכן גריכנ־לאַנד איז געווען פאַרזונקען איבערן קאָפּ; אַ געצן־דינסט אָן סיסטעם און אָן פאָרם, אָן גייסטלעכע און אָן ריטואַל, אָבער דאָך האָט מען ניט געטאָרט מורד זיין קעגן דעם און די וואָס האָבן פּרובירט צו זאָגן, אַז דאָס איז נאַריש און פול מיט אומזין, זיינען ניט געווען זיכער מיט זייער לעבן. אַזוי זעען מיר, אַז אַנאַקסאַגאָראַס, וועלכער האָט גערעדט קעגן דעם גאַנצן סיסטעם פון דער מיטאָלאָגיע, האָט מען געשטעלט צום משפּט און ער האָט געמוזט אַנטלויפן; אויך פּראָטאַגאָראַס און דיאַגאָראַס זיינען פאַר אַזעלכע זינד אַנטלאָפן פון גריכנלאַנד נאָך איידער מען האָט זיי געשטעלט צום משפּט. מיר זעען דעריבער, אַז אין גריכנלאַנד איז אַן אַרויסטריט קעגן געצן־דינסט געווען אוממעגלעך און אַז די לאַגע איז געווען פיל ערגער ווי ביי די יידן. אויך ביי די יידן האָט מען גערודפט די נביאים, און פיל פון זיי האָבן קיין האָניק ניט געלעקט, אָבער דאָך איז עס געווען פיל אַנדערש. דאָס וואָס מען האָט גערודפט די נביאים, ווי למשל, ישעיה הנביא, וועלכן מען האָט געפּאַטשט און געריסן די האָר פון זיין קאָפּ און אַזוי האָט מען אויך געשלאָגן, געפּאַטשט און אַרעסטירט ירמיהו הנביא (אים האָט מען אפילו אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב פון ליים, וואו ער וואָלט זיכער אומגעקומען, ווען ניט דאָס וואָס אַ שקלאַף האָט אים געראַטעוועט),

איז ניט געווען צוליב זייער רעדן קעגן געצן־דינסט, נאָר קעגן די קעניגן פון לאַנד. די רדיפות זיינען געווען, ווייל זיי האָבן זיי, די קעניגן, די הערשער, באַליידיקט, געטאַדלט און אויף זיי געזאָגט נביאות, אַז זיי וועלן האָבן אַ שוואַרצן סוף. זיי האָבן דעריבער געליטן נאָר צוליב מאַיעסטעט־באַליידיקונג און ניט צוליב גאָט־לעסטערונג, ווי עס איז געווען אין גריכנלאַנד. די נביאים האָבן געקענט רעדן קעגן געצן־דינסט וויפל זיי האָבן געוואָלט און אויך ווי שאַרף זיי האָבן געוואָלט. מען האָט זיי דערפאַר גאָר ניט געטאָן. דאָס זעען מיר באַזונדער אין דעם קאַמף פון אליהו הנביא מיט די הונדערטער פאַלשע נביאים פון בעל וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער קעגנוואַרט פון קעניג אחאב, וועלכער האָט אליהון דערפאַר גאָרניט געטאָן, כאָטש פריער ווערט דערציילט, אַז אחאב האָט אַרומגעזוכט אליהון און אים געוואָלט אומברענגען דערפאַר וואָס ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן אים. דאָס רעדן קעגן געצן־דינסט איז אפילו אין יענע צייטן פון ערשטן בית המקדש, ווען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז געווען איינגעטונקען אין עבודה זרה נאָך אַלץ קיין מלוכה־פאַרברעכן ניט געווען. די אמתע נביאים האָבן געליטן ערשט דעמאָלט ווען זיי זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן די קעניגן און זייער פאַלשער פאָליטיק. דאָס הייסט, אַז זיי האָבן געליטן הויפּטזעכלעך אַלס פּאָליטישע קעגנער, אַלס בונטאָווששיקעס און רעוואָלוציאָנערן.

אין גריכנלאַנד אָבער איז דאָס אַרויסטרעטן קעגן די אָפּגעטער שוין אַליין געווען אַ מלוכה־זינד. אַ פאַרברעכן פאַר וועלכן מען איז באַשטראָפט געוואָרן מיט טויט. אַזוי ווי מיר זעען עס ווייטער וואָס ס׳איז געשען מיטן ערשטן און גרעסטן פילאָזאָף פון גריכנלאַנד, סאָקראַטעס, וועמען מען האָט פאַרמשפט דערפאַר צום טויט דורך גיפט, אָבער וועגן דעם וועלן מיר רעדן שפּעטער. פריער אָבער ווילן מיר דאָ קודם־כל פעסטשטעלן, ווער עס איז געווען סאָקראַטעס און וואָס עס איז געווען זיין לערע.

* * *

דאָס איז געווען מיט אַ דריי הונדערט יאָר פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג (געגויער 469־399), ווען אויף דער גריכישער בינע איז געקומען אַ פילאָזאָף, שוין פון גריכנלאַנד גופא, פון אַטען, מיטן נאָמען סאָקראַטעס. ער האָט אַלס יינגל באַקומען אַן עלעמענטאַרע בילדונג אין מוזיק און גימנאַסטיק. אָבער ער האָט שפּעטער געלייענט אַ סך און איז געוואָרן דאָס וואָס מען רופט־אָן היינטיקע צייטן אַן אויטאָדידאַקט, דאָס

הייסט, אַ מענטש וואָס האָט זיך אַליין געבילדעט, אָן שולע און אָן לערער, בלויז פון לייענען ביכער.

סאָקראַטעס פאָטער איז געווען אַ סקולפטאָר און האָט אים אויס־געלערנט די דאָזיקע קונסט. אויף וויפל סאָקראַטעס איז געווען אַ גרויסער קינסטלער און וואָס ער האָט געשאַפן אין יענער צייט, איז ניט באַקאַנט, אָבער ווען ער איז געוואָרן רייף, האָט ער די סקולפטורעריי פאַרוואָרפן און זיך גענומען צו לערנען מיטן עולם.

די נאַטור האָט סאָקראַטעסן אַ חוץ זיינע גרויסע פעאיקייטן צו דענקען טיף און אַנאַליטיש, קיין שום אויסערלעכע שיינקייט ניט געגעבן, פאַרקערט נאָך, ווי עס שילדערן אים די, וואָס האָבן געלעבט אין זיין צייט, זיין תלמיד פלאַטאָן און אויך דער דענקער קסענאָפאָן, איז ער געווען זייער ניט שיין און האָט אויסגעזען כמעט ווי אַ פאַרזעעניש, איבערהויפּט נאָך ווען מען פאַרגלייכט אים מיט די שיינע מענער פון גריכנלאַנד אין יענער צייט. ער האָט געהאַט אַ פלאַטשיקע נאָז, גראָבע ליפּן און אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן, און האָט געטראָגן זומער און ווינטער דעם זעלבן מלבוש, איז אַרומגעגאַנגען באָרוועס, אפילו ווען עס איז געלעגן אַ גרויסער שניי אויף די גאַסן און ער פלעגט דערביי אויסרופן כסדר:

„זעט אַלע, וויפל זאַכן עס זיינען דאָ אויף דער וועלט וואָס איך דאַרף זיי ניט האָבן!"

אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען איבער אַלע גאַסן, אין אַלע מאַרק־פּלעצער און אין פאַרשידענע עפנטלעכע ערטער און אומעטום געלערנט מיט מענטשן. ער האָט גערעדט צו יעדן איינעם וואָס האָט אים געוואָלט הערן. ביז עס איז געקומען דערצו, אַז די מאַסן זיינען געוואָרן צוגעבונדן צו אים, האָבן אים כסדר אַרומגערינגלט און געשטעלט פראַגן און ער האָט יעדן איינעם געענטפערט. פלאַטאָן דערציילט אַז עס איז גענוג געווען, אַז סאָ־קראַטעס זאָל אַריינגיין אין אַ פּלאַץ וואו מען האָט געמאַכט גימנאַסטישע איבונגען, אַז אַלע זאָלן איבעררייסן זייערע טעטיקייטן און זיך צוהערן צו דעם וואָס ער האָט געזאָגט.

די יוגנט פלעגט באַזונדערס אים באַלד אַרומרינגלען און אים שטעלן פראַגן.

— זאָג אונדז, סאָקראַטעס, לערן אונדז, ווייז אונדז דעם וועג אין לעבן!

— וואָס איז פריינדשאַפט?

— וואָס איז גערעכטיקייט?

— דאַרף אַ מענטש זאָגן שטענדיק דעם אמת?

— וואָס איז די גערעכטיקייט און וואו איז זי?

— וואָס איז ליבע? און ווער ליבט אויף אַן אמת?

אָט די פראַגן און אַנדערע זיינען געפלויגן צו אים פון אַלע זייטן פון די יונגע מענטשן, וועלכע האָבן געזוכט וויסן. אָט דאָס איז טאַקע געווען די גרויסע מעלה פון די גריכן אין יענער צייט. ווי זאָגט פּלאַטאָן אין איינעם פון זיינע „דיאַלאָגן״: „די עגיפּטער און די פעניציער האָבן ליב געלט, אָבער מיר, גריכן, האָבן ליב וויסן״. דאָס איז געווען אַן אמת.

עס איז געווען סאָקראַטעס, וועלכער האָט געגעבן דער דאָזיקער יוגנט, וואָס איז געווען אַזוי דורשטיק נאָך וויסן דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך געדולדיק און האָט געקענט ענטפערן אויף פראַגן נאָך פראַגן אָן אויפהער ביז דער פרעגער איז אַוועק צופרידן און ס׳איז אים געווען קלאָר דאָס וואָס ער האָט געוואָלט וויסן.

סאָקראַטעס האָט צו דער זעלבסט־בילדונג געהאַט נאָך אַ מעלה און דאָס איז געווען — זעלבסט־קאָנטראָל. אין דער היגזיכט איז ער געווען אַן אויסנאַם צווישן אַלע גרויסע דענקער פון זיין צייט. ער האָט ביז גאָר געקענט קאָנטראָלירן זיינע געפילן און עמאָציעס. ער האָט געהאַט אַן אייזערנעם געדולד און ער איז דעריבער קיינמאָל ניט מיד געוואָרן אין אויפקלערן מענטשן און אין לערנען מיט זיי.

* * *

אָבער אין וואָס איז באַשטאַנען סאָקראַטעסעס לערע? מיט וואָס צייכנט ער זיך אויס קעגנאיבער אַלע אַנדערע דענקער פאַר אים? פאַרוואָס האָט מען יענע באַטראַכט נאָר אַלס דענקער און אים אַלס אַ פילאָזאָף?

צו ענטפערן אויף דער פראַגע דאַרף מען גיין צו די קוואַלן פון די וואָס האָבן געלערנט ביי אים אָדער צו די יעניקע, וועלכע האָבן געלעבט אין זיין צייט.

וואָרעם סאָקראַטעס האָט קיין ביכער ניט געשריבן. ער איז קיין שרייבער ניט געווען. ער איז געווען נאָר אַ לערער, און געלערנט האָט ער ניט נאָר איין קעגנשטאַנד, נאָר אַלע קעגנשטאַנדן, אַלע לימודים. דאָס מיינט, ער האָט דערקלערט זיינע צוהערער אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט וויסן. דאָס איז געווען אין דער פאָרם פון פראַגן און ענטפערס. זיי האָבן אים געשטעלט פראַגן און ער האָט געענטפערט אויף אַלע זייערע פראַגן, ווי עס גיט עס איבער פּלאַטאָן אין זיינע „דיאַלאָגן״. מיר זעען פאַר זיך אַ גאַנצן אוצר פון קלוגע רייד וועגן פאַרשידענע ענינים. ער איז געווען,

ווי מען וואָלט אים היינט אָנגערופן אַ „לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע" — אַ קוואַל פון וויסן.

לאָמיר איצט זען וואָס סאָקראַטעס האָט אַזוינס געלערנט די יוגנט און בכלל די מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט וויסן.

ווי וויית מיר ווייסן, האָט ער קודם־כל גערופן זיי צו זיין גוטע בירגער, דאָס מיינט אַזעלכע וואָס פאָלגן אויס דעם געזעץ פון לאַנד, און כדי צו ווייזן פאַר זיי אַ מוסטער, האָט ער זיך אויך באַמיט צו זיין אַ גוטער בירגער פון זיין שטאָט אַטען.

ער האָט ווייטער געלערנט די פּרינציפּן פון עטיק און ער האָט געהאַט אַ טעאָריע, אַז פאַרברעכנס, און בכלל אַנדערע זינד, נעמען זיך הויפּטזעכלעך פון אומוויסנהייט. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ מענטש איז ניט שלעכט פון דער נאַטור און אַז קיינער וויל ניט באַוואוסטזיניק טאָן קיין שלעכטס און באַגיין אַ פאַרברעכן. עס איז דעריבער גענוג אַז מען זאָל אויפקלערן די מענטשן וואָס אַ פאַרברעכן איז, אַז מען זאָל זיי געבן בילדונג און זיי וועלן מער קיין פאַרברעכן ניט באַגיין.

אין דער פראַגע פון לאָגיק און ווי אַזוי עס אָנצוווענדן אין לעבן, האָט ער געשאַפן אַ גאַנצע ריי פון כללים, וואָס אַריסטאָטעל רעדט זיי אַרום אויספירלעך (מיר וועלן דאָס קלאָר מאַכן ווען מיר וועלן קומען צו אַריסטאָטעלס לאָגיק).

פּונקט אַזוי זעען מיר אויך, אַז ער האָט געהאַט זיינע אידעען וועגן דער געטלעכקייט און וועגן דעם באַשאַף פון דער וועלט. ער האָט געגלויבט אין אַ גייסטיקן גאָט, אין אַ גאָט וואָס האָט געשאַפן דעם הימל און די ערד, אָבער ער האָט אויך געגלויבט, אַז עס איז געווען פון פריער שוין עפּעס אַ שטאָף פון וואָס גאָט האָט געשאַפן די וועלט. די שיטה האָט געפונען איר אויסברייטערונג דורך זיין תלמיד פּלאַטאָן (וואָס מיר וועלן באַטראַכטן גענויער ווען מיר וועלן קומען צו אים), אָבער אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן וועגן דער געטלעכקייט איז אַוועק דער תלמיד פון זיין תלמיד, אַריסטאָטעל (אויך יענע שיטה וועלן מיר באַטראַכטן גענויער, ווען מיר וועלן קומען צו אַריסטאָטעלן און זיין לערע).

סאָקראַטעס האָט אויך געלערנט מיט די מאַסן וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, אָבער ער האָט ניט געגעבן קיין שום קלאָרן ענטפער אויף דער פראַגע וואָס עס געשעט מיט דער נשמה פון מענטש נאָך זיין טויט.

אָבער כאָטש סאָקראַטעס איז געווען אַ לאָיאַלער בירגער פון זיין שטאָט אַטען, איז ער דאָך אין איין הינזיכט געווען אַ בונטאָווששיק. נעמלעך

דערמיט וואָס ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן די אָפּגעטער פון שטאָט. סאָקראַטעס האָט כסדר און אָן אויפהער גערופן צו די מאַסן, אָװעקצוואַרפן דעם געצן־דינסט און האָט אָפּגעלאַכט פון דער גאַנצער מיטאָלאָגיע, ד.ה., פון אַלע געטער און געטינס און פון זייערע כלומרשטע פּאַרוויילונגען אויפן באַרג אָלימפּיאַ. דערמיט האָט ער געצויגן אויף זיך דעם צאָרן פון די שטאָט־טאַטעס פון אַטען, וועלכע האָבן אים געשטעלט צום משפּט, אַז ער פאַרפירט דערמיט די יוגנט. דאָס געריכט וואָס האָט אים געמשפּט האָט מיט זייער אַ קליינער מערהייט אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל פון טויט־שטראָף דורך גיפט, וואָס עס איז אויך אויסגעפירט געוואָרן.

אַזוי אַרום האָט דאָס קלוגע גריכנלאַנד פון יענער צייט אויסגע־טיילט איר העכסטע שטראָף איבער איר גרעסטן פילאָזאָף נאָר דערפאַר וואָס ער האָט געפּרעדיקט קעגן געצן־דינסט.

* * *

אין דער וועלט־ליטעראַטור איז באַקאַנט דער טיפּ פון אַ שלעכטער פרוי מיטן נאָמען „קסאַנטיפּע". עס הייסט, אַז דאָס איז געווען דער נאָמען פון סאָקראַטעסעס ווייב. זי ווערט געשילדערט אַלס אַן אשה רעה, אַ בייזע, שלעכטע פרוי, אַ שלאַנג, וועלכע האָט פאַרביטערט דאָס לעבן פון איר גרויסן מאַן. לויט אַנדערע שילדערונגען זאָל סאָקראַטעס האָבן אויסגעקליבן בעסער פאַר זיך דעם טויט, כאָטש פיל פון זיינע פריינט און תלמידים האָבן אים געוואָלט און געקענט ראַטעווען, ווייל ער האָט גיכער געוואָלט פאַר־לירן זיין לעבן איידער צוריקצוגיין צו זיין פרוי קסאַנטיפּע. אָבער לויט ווי פּלאַטאָן שילדערט זי אין זיינע ווערק, איז זי גאָר ניט געווען אַזאַ שלעכטע. פּלאַטאָן דערציילט , אַז סאָקראַטעס האָט געהאַט מיט איר דריי זין און אַז דער עלטסטער זון האָט געהייסן לאַמפּראָקטעס און אַז זי איז געווען ביי אים אין געפענגעניש און האָט שטאַרק געליטן און איז ניט אַוועק פריער ביז מען האָט אים געגעבן צו טרינקען דעם בעכער ווייַן געמישט מיט גיפט, פון וואָס ער איז געפאַלן טויט.

דערפאַר אָבער דערציילט שוין אַן אַנדערער פון יענער צייט, קסע־נאָפאָן, אַ ביסל מער וועגן איר כאַראַקטער און שילדערט זי אַלס אַ פרוי מיט אַ ווילדן טעמפּעראַמענט, וואָס האָט אין איר כעס געקענט חרוב מאַכן וועלטן. עס זעט דעריבער אויס, אַז דאָס וואָס זי איז געווען מיט אים ביז צו דער מינוט פון זיין טויט, מיינט גאָר ניט. עס קען גרייליך זיין, אַז אין איר איינבילדונג האָט זי אַזוי געברענט פון כעס אויף איר מאַן, אַז זי האָט געוואָלט זיין דערביי און אפשר אויך הנאה צו האָבן און זען אים

פֿאַלן טויט. ווער קען וויסן וואָס אַזאַ פּרוי, אַזאַ ארורה, טראַכט ביי זיך אין הארצן ?...

אַזוי ווי סאָקראַטעס האָט ניט געשריבן קיין ביכער און עס איז גאָר ניט געבליבן פון אים שוואַרץ אויף ווייס, האָבן זיך באַלד נאָך זיין טויט געשאַפן צוויי גרופן פון תלמידים וואָס יעדע פון זיי האָט אויס־געטייטשט אַנדערש דאָס וואָס סאָקראַטעס האָט געלערנט. איין שולע איז געווען די פון פּלאַטאָן, אַריסטאָטעל און אַנדערע, וועלכע האָבן אויסגע־טייטשט סאָקראַטעסעס רייד צו מיינען, אַז דער עיקר איז נאָר דער געדאַנק, די מחשבה, די אידעע, ווי זי ווערט פאָרמולירט דורך אַ גרויסן דענקער. די אַנדערע גרופּע פון וועלכער אַנטיסטענעס איז געווען דער פירער האָט געזאָגט, אַז אין סאָקראַטעסעס רייד זעט מען אַ מין אָפּלאַכן און ציניזם פון אַלעם און אַזוי־אַרום באַטראַכטן זיי אים אַלס דעם פאָטער און גרינדער פון דער פילאָזאָפיע פון ציניזם און פון דער „סטאָאישער“ פילאָזאָפיע (אויס־פירלעך וועגן די צוויי שיטות וועלן מיר רעדן שפּעטער). מיט אַ צייט שפּעטער האָט זיך באַוויזן אין גריכנלאַנד נאָך אַ נייע גרופּע פון אויס־טייטשער פון סאָקראַטעסעס געדאַנקען. די גרופּע האָט געהאַט איר פאַר־שטייער אין דעם פילאָזאָף אַריסטיפּוס, דעם גרינדער פון דער שפּעטער־דיקער עפּיקורעאישער שיטה; אַ שיטה פון האָבן הנאה פון לעבן און נאָכ־געבן זיך אַלצדינג (אויך וועגן דער שיטה וועלן מיר רעדן שפּעטער). אזוי אַרום זעען מיר, אַז פון סאָקראַטעסעס רייד זיינען אויסגעוואַקסן פאַרשידענע שיטות, ווייל יעדע גרופּע פון תלמידים האָט זיינע געדאַנקען געגעבן אַן אַנדער פירוש.

מיר וועלן איצט דעריבער איבערגיין צו דעם ערשטן תלמיד זיינעם, דעם גרויסן פילאָזאָף פּלאַטאָן.

10. סאָקראַטעסעס בעסטער תלמיד — פּלאַטאָן

וואָס פּלאַטאָן דערציילט וועגן זיין רבין סאָקראַטעס. — פּאַרוואָס פּלאַטאָן האָט געוואַנדערט איבער דער וועלט. — פּלאַטאָנס „דיאַלאָגן" און זיין אידעאַלער שטאַט פאַר גייסטרייכע מענטשן.

איידער מיר ברענגען דאָ וואָס פּלאַטאָן, זיין הויפּט־תלמיד, דערציילט אין זיינע ווערק וועגן סאָקראַטעסעס לעבן און ווירקן אין אַטען, מוזן מיר דערקלערן אַז די דאָזיקע שילדערונגען זיינען צעוואָרפן איבער אַלע זיינע ווערק, אָבער ווען מען נעמט זיי צוזאַמען, באַקומט זיך אַזאַ בילד.

אָט וואָס פּלאַטאָן דערציילט:

ער, פּלאַטאָן, האָט אָנגעהויבן צו לערנען ביי סאָקראַטעסן ווען ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר און ער איז געווען זיין תלמיד ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ער איז געווען איינער פון אַ גרופּע אויפגע־קלערטע יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען אַרום דער „זליד־נער פליג" (ווי סאָקראַטעס פלעגט זיך אַליין אָנרופן, דערפאַר ווייל ער פלעגט צושטיין צו מענטשן ווי אַ זלידנע פליג און ניט אָפּטשעפּען זיך פריער, ביז עס איז זיי קלאָר געוואָרן דאָס וואָס ער האָט זיי דער־קלערט). פּלאַטאָן פלעגט צוזאַמען מיט אַנדערע יונגעלייט אים נאָכגיין אין די גאַסן פון אַטען אָדער איינלאַדן אים אין זייערע הייזער און זיך צו־הערן, ווי אַזוי ער, סאָקראַטעס, צווינגט יעדן איינעם צו וועלכן ער רעדט, אַז ער זאָל זיך מודה זיין אַז ער איז אומוויסנדיק.

אין אַן אַנדער אָרט שילדערט פּלאַטאָן סאָקראַטעסן אַזוי: ער איז געווען מיאוס, אַן אמתע פאַרזעעניש, אָבער דאָך איידל ווי אַ הייליקער, — ער האָט ניט מורא געהאַט אפילו פאַר די גרעבסטע האַנדלונגען פון אַ קעגנער, אָבער דאָך האָט ער הנאה געהאַט פון דער העכסטער אויפפאַסונג פון לאָגישע רייד. אָט דער באַרוועסער פילאָזאָף האָט געקענט צו נישט מאַכן און פאַרשטומען מיט זיינע קלוגע אַרגומענטן יעדן איינעם, אין אַטען. לויט זיין באַשעפטיקונג איז ער געווען אַ סקולפּטאָר, אָבער ער האָט זעלטן ווען געאַרבעט. ער האָט זיך ניט געקימערט וועגן זיין אייגענער פאַמיליע. זיין ווייב און קינדער האָבן ניט געהאַט קיין ברויט, אָבער ער האָט גע־שטורעמט ווען ער האָט געזען ביי אַנדערע סאָציאַלע אומגערעכטיקייט. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם קליגסטן מענטש פון אַטען אין זיין

צייט, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז זיין גאַנצע חכמה באַשטייט נאָר דעריין, וואָס ער ווייסט, אַז ער ווייסט גאָרניט. די דענקערס, וואָס זיינען געווען פאַר אים, האָבן געפּרוּווט צו לעזן די מיסטעריעס, וואָס עס זיינען דאָ אין לעבן. אָבער סאָקראַטעס איז אין דעם ניט געווען פאַראינטערעסירט. ער פלעגט זאָגן: „פּרוביר ניט צו קענען די וועלט. עס איז גענוג, אויב דו וועסט לערנען צו פאַרשטיין זיך אַליין".

קענען זיך אַליין — אָט דאָס איז געווען דער תמצית פון סאָקראַטעסעס פילאָזאָפיע. וויסנשאַפט איז פאַר אים דער אָנהויב פון יעדער גוטער טאַט. ער פלעגט זאָגן: אויב מענטשן טוען שלעכטס איז עס ניט ווייל זיי זיינען שלעכט, נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווייסן ניט בעסער. זיי זיינען אומוויסנדיק. דער קרימינעלער פאַרברעכער איז אַ מענטש, וואָס איז נאַריש, אָדער גאָר אומזיניק. אין יעדן פאַל, ווייסט ער ניט וואָס ער טוט. די פליכט פון געלערנטן איז דעריבער, צו לערנען מיט אַנדערע און ניט צו האַלטן דעם וויסן ביי זיך אין בויך.

און סאָקראַטעס האָט זיך געשטעלט פאַר זיין אויפגאַבע צו לערנען מיט מענטשן, צי זיי ווילן הערן דאָס, וואָס ער האָט זיי צו זאָגן אָדער ניט. ער איז געווען, ווי ער האָט זיך אַליין באַצייכנט, אַ מין גייסטיקע אַקושערקע, אויף ברענגען צום לעבן די געדאַנקען און אידעען פון די מענטשן, וואָס זיינען געווען טיף באַהאַלטן אין זיי.

ניט יעדער איינער באַגערט צו לערנען, ווייל דאָס דענקען איז אַ שווערע זאַך און דאָס רוב מענטשן ווילן עס ניט. זיי ווילן ניט ברעכן זיך דעם קאָפּ אויף גייסטיקע זאַכן. אַ חוץ דעם וויל ניט אַ מענטש, אַז מען זאָל אים ווייזן, אַז ער איז אומוויסנדיק און דערצו נאָך, אין קעגנוואַרט פון אַנדערע, פון פריינט און באַקאַנטע. דאָס האָט אים אָפטמאָל געבראַכט פיל שונאים. פיל האָבן פון אים געלאַכט, אַנדערע האָבן אים אפילו געשלאָגן אויך. אָבער סאָקראַטעס האָט ניט אָפּגעלאָזן. ער האָט גערעדט זיינע רייד אפילו ווען עס זיינען געווען טויבע אויערן, ווייל שפּעטער האָבן זיך שוין אַלע צוגעהערט צו אים.

איבערהויפּט האָט זיין מעטאָדע פון אָפּשטעלן מענטשן אין די גאַסן און פרעגן זיי אַזעלכע פראַגן, וואָס האָבן זיי געבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט, ניט געטאָן אים קיין גוטס. באַזונדערס אָבער האָט סאָקראַטעס ליב געהאַט דאָס צו טאָן צו פּאָליטיקער וועלכע ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז זיי הויבן ניט אָן צו וויסן דעם סאַמע אַלף־בית פון מלוכה־פירונג און פון פּאָליטיק. ער פלעגט זיי אויך אַריינזאָגן אין טאָטן אַריין, אַז זיי האָבן אַזוי רעכט צו זיין פירער פון דער שטאָט, פּונקט ווי אַ שוסטער האָט

אַ רעכט צו פירן אַ שיף. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זיינען אים געוואָרן דער־פאַר בלוטיקע שונאים.

אָבער מער פון אַלץ איז מען בייז געווען אויף אים דערפאַר, וואָס ער האָט די יוגנט געלערנט צו טראַכטן אַליין און ניט נאָכצוזאָגן דאָס וואָס זייערע טאַטעס זאָגן זיי. ער האָט אפילו פיל מאָל זיי געהייסן ניט צו פאָלגן די „נאַרישע טאַטעס״, ווי ער האָט זיי אָנגערופן. עס האָט דעריבער פאַר־דראָסן די אַלטע לייט פון אַטען, וואָס זייערע קינדער האָבן זיך געהאַלטן פאַר קליגער פון זיי און האָבן דעריבער געטענהט, אַז סאָקראַטעס פירט איבער די יוגנט.

און — זיי האָבן ניט גערוט ביז זיי האָבן סאָקראַטעסן גע־שטעלט צום משפּט. די באַשולדיקונג איז געווען:

ערשטנס. סאָקראַטעס לייקנט אין דער קראַפט פון די געטער פון אַטען, און לאַכט אָפּ פון זיי; צווייטנס, ער פאַרפירט די יוגנט.

אין געריכט, וואו מען האָט אים געמשפּט, זיינען געזעסן די פּאָ־ליטיקער, וועלכע ער האָט באַליידיקט און געטאַדלט און זיי זיינען געווען צווישן די ריכטער. דערונטער זיינען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַט טענות צו סאָקראַטעסן, אַז ער האָט געמאַכט, אַז זייערע קינדער זאָלן זיי ניט פאָלגן. דער הויפּט־ריכטער איז געווען איינער אַניטוס, וואָס האָט געברענט פון כעס אויף סאָקראַטעסן, ווייל סאָקראַטעס האָט געהייסן זיין זון, אַז ער זאָל ניט העלפן זיין פאָטער אין זיין גרויסן לעדער־געשעפט און דער זון האָט טאַקע אַזוי געטאָן. אַניטוס האָט אָפן געזאָגט, אַז סאָקראַטעס האָט זיך אַריינגעמישט אין זיין לעבן, האָט איבערגעפירט זיין זון און האָט צעשטערט דאָס גאַנצע לעבן פון זיין פאַמיליע. און עס איז געווען אָט דער אַניטוס, וואָס האָט דערקלערט, אַז סאָקראַטעסן קומט טויט־שטראָף.

די איבעריקע ריכטער זיינען ניט געווען אַזוי פאַרביטערט און האָבן ניט געהאַט אַזאַ שלעכטע מיינונג וועגן דעם פילאָזאָף סאָקראַטעס און וועגן דער שטראָף, וואָס ס׳קומט אים. אַ חוץ דעם, האָט סאָקראַטעס, אויב ער וואָלט געוואָלט, זיך געקענט פאַרטיידיקן און ער וואָלט באַפרייט געוואָרן. אָבער סאָקראַטעס האָט ניט צוגעגרייט זיין פאַרטיידיקונג, ער האָט עס אַפילו ניט געוואָלט טאָן, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז עס דראָט אים טויט־שטראָף. ער האָט דערקלערט זיינע תלמידים, אַז ער איז שוין אַלט 70 יאָר און עס איז געווען פאַר אַ מענטש צו לעבן אַזוי לאַנג. עס איז בעסער, האָט ער געזאָגט, צו שטאַרבן, ווען אַלע אברים פונקציאָנירן נאָך, איידער ווען די אברים שטאַרבן אָפּ ביסלעכווייז און מען ווערט אַן אינוואַליד.

בלויז איין זאַך האָט ער יאָ געטאָן. ווען מען האָט אים געגעבן דאָס וואָרט צו ריידן צו די ריכטער, האָט ער געזאָגט:

— איר דערוואַרט אַוודאי, אַז איך זאָל וויינען, אַז איך זאָל פאַלן אייך צו די פיס און בעטן אייך, אַז איר זאָלט רחמנות האָבן אויף מיר... און אפשר גאָר ברענגען אַהער מיין ווייב און מיינע קינדער און אַלע מיינע קרובים, אַז זיי זאָלן וויינען און קלאָגן פאַר אייך און בעטן רחמנות... ניין, מיינע הערן ריכטער, איך וואָלט זיך געהאַלטן פאַר דעם נידעריקסטן מענטש, ווען איך וואָלט געמאַכט אַ פּרווו צו ווירקן אויף אייך, אַז איר זאָלט ענדערן אייער אורטייל. מיין פליכט אין לעבן איז געווען צו לערנען מענטשן און צו פירן זיי, אָבער ניט צו בוקן זיך צו מענטשן און צו בעטן ביי זיי אַ קאַפּיטשקע מיטלייד... עס איז מיין פליכט צו לערנען אייך, ריכטער, אָבער ניט צו בעטן אייך...

איינער פון די ריכטער האָט אים געפרעגט, וואָס ער רעכנט, דאַרף זיין דער אורטייל פון געריכט און ער האָט געענטפערט:

— פאַר דעם וואָס איך האָב געטאָן פאַר דער שטאָט אַטען און פאַר אייך, מיינע הערן, דאַרפט איר מיך אויסהאַלטן אויף דער רעשט פון מיין לעבן אויף דער רעכענונג פון דער שטאָט.

אָבער זיי, די ריכטער, האָבן אַנדעריש געטראַכט און מיט אַ גאַנץ קליינער מערהייט אַרויסגעגעבן דעם אורטייל: טויט־שטראָף דורך פאַרגיפטונג.

דערמיט האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ שענדלעכן אורטייל אויפן אַמאָליקן גריכנלאַנד, וואָס האָט אַזוי מערדעריש געהאַנדלט קעגן איר ערשטן און גרעסטן פילאָזאָף.

נאָכן אורטייל האָט מען סאָקראַטעסן געהאַלטן דרייסיק טעג צוגעשמידט מיט קייטן צו זיין בעט, אַזוי ווי מען פלעגט טאָן דעמאָלט צו אַלע קרימינעלע פאַרברעכער, ביז מען האָט אים געגעבן ענדלעך צו טרינקען דעם בעכער מיט גיפט. אַלע זיינע פריינד און תלמידים האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין... בלויז סאָקראַטעס אַליין איז געווען רואיק ביז זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען.

* * *

אַזוי ווייט וועגן סאָקראַטעסן, לויט ווי זיין תלמיד פּלאַטאָן ווייסט וועגן אים צו דערציילן. לאָמיר אָבער זיך איצט צוקוקן אַ ביסל צום תלמיד אַליין, צו פּלאַטאָנען גופא.

פּלאַטאָן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 427 פאַר דער היינטיקער

צייט־רעכענונג, פונקט אַ יאָר נאָכן טויט פון פעריקלעסן. ער איז געבוירן געוואָרן געבענטשט מיט אַ סך מעלות, האָט געהאַט פאַרמעגלעכע עלטערן. ער איז געווען אַ שיינער. ער איז אויך געווען אַטלעטיש געבויט און דער עיקר — ער האָט געהאַט אַ קלוגן קאָפּ אויף זיינע פּלייצעס.

אין זיין צייט האָט אַטען געהאַט דורכגעמאַכט אַ מלחמה מיט ספּאַרטאַ און האָט פאַרלוירן. די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע און מען האָט גערעדט וועגן נקמה און פון אַ נייעם מאַרש אויף ספּאַרטאַ. דער גייסט איז געווען אַ מיליטאַריסטישער. אויך פּלאַטאָן איז דערצויגן געוואָרן אין דעם גייסט. אָבער ווען ער איז אַלט געווען קוים 20 יאָר, איז ער אַרונטער־געפאַלן אונטער דעם איינפלוס פון סאָקראַטעסן און האָט מער ניט געוואָלט וויסן פון דער מיליטאַריסטישער שול, וואָס ער האָט פאַר אַ קורצער צייט באַזוכט. ער וויל איצט לערנען, באַגערט צו וויסנשאַפט און ווערט איינער פון סאָקראַטעסעס יונגע תלמידים, וועלכע זיינען אים נאָכגעגאַנגען אומע־טום, וואו ער איז געגאַנגען, כדי צו הערן זיינע קלוגע רייד. נאָך עפּעס, זיין נאָמען איז ניט געווען פּלאַטאָן, דאָס האָבן זיינע חברים אים אַזוי גערופן, ווייל ער האָט געהאַט ברייטע פּלייצעס („פּלאַטאָ״, מיינט אין גריכיש ברייט, גרויס, הויך) אָבער ס׳איז אים געבליבן אָט דער נאָמען און זיין אמתער, גריכישער נאָמען איז פאַרגעסן געוואָרן.

ווען סאָקראַטעס איז אומגעקומען האָט פּלאַטאָן געזען, אַז אַטען איז ניט קיין זיכערער פּלאַץ פאַר פילאָזאָפן און האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ער האָט צוועלף יאָר נאָכאַנאַנד געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד. ער איז צום ערשטן געפאָרן קיין איטאַליע און קיין סיציליע, וואו ער האָט זיך באַ־קאַנט מיט דער מיסטישער לערע פון פּיטאַגאָראַס, וועלכער האָט געפונען געטלעכע סודות אין אַריטמעטיק און אַ געהיימע לערע אין געאָמעטריע. פון דאָרטן איז ער געפאָרן קיין עגיפּטן, וואו ער האָט פאַרבראַכט עטלעכע יאָר. עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז אין יענער צייט איז ער אויך געווען אין ארץ ישראל, אָבער דאָס שיינט צו זיין פאַלש, ווייל ווי מען זעט פון זיינע ווערק, האָט ער גאָרניט געוואוסט וועגן די יידישע נביאים און זייער קאַמף פאַר גערעכטיקייט. פּלאַטאָן האָט באמת געגלויבט, אַז ער איז דער ערשטער מענטש אויף גאָטס וועלט, וואָס קעמפט פאַר גערעכטיקייט און אמת, פאַר צדק און יושר, ער האָט ניט געוואוסט אַז די יידישע נביאים האָבן שוין מיט פיל הונדערטער יאָרן פאַר אים געקעמפט פאַר גערעכ־טיקייט, פּלאַטאָן שרייבט אַזוי:

„עס האָט נאָך קיינער פאַר מיר ניט געקעמפט קעגן אומגערעכטיקייט אָדער געלויבט גערעכטיקייט... קיינער האָט נאָך ניט אונטערזוכט אַ לאַגע

צו זען צי עס איז דאָרט פאַראַן גערעכטיקייט אָדער ניט... עס האָט נאָך קיינער פאַר מיר ניט געזאָגט דאָס וואָס מען דאַרף זאָגן, אַז אומגערעכטיקייט איז דער גרעסטער פעלער פון דער מענטשהייט און אַז גערעכטיקייט איז דאָס גרעסטע גוטס"... אַ חוץ וואָס אַזאַ באַרימערײַ פּאַסט ניט פאַר אַן אמתן קעמפער פון גערעכטיקייט זעט מען דערפון, אַז ער האָט פון די יידישע נביאים ניט געוואוסט, אַזוי איז אויך ניט אמת, אַז ער האָט באַזוכט אינדיע, ווייל דעמאָלט וואָלט ער אויך געוואוסט, אַז בודאַ און אַוודאי קאָנפוציוס האָבן געקעמפט קעגן אומגערעכטיקייט.

פלאַטאָן איז אַלט געווען פערציק יאָר, ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיינע וואַנדערונגען איבער די פאַרשידענע לענדער. אין יענער צייט איז שוין די שטימונג אין לאַנד געווען אַן אַנדערע. ניט אַזוי מיליטאַריסטיש, און דאָס לעבן אין אַטען איז געוואָרן צוריק נאָרמאַל. פלאַטאָן האָט איינגעזען, אַז עס איז ניט מער קיין געפאַר צו פּרעדיקן פילאָזאָפיע און אפילו סאָקראַטעסעס אידעען, אָבער ער האָט באַשלאָסן ניט צו גיין צו וויט ריידנדיק וועגן סאָקראַטעסעס אידעען, כדי ניט אויפצורייצן קעגן זיך די רואיקע בירגער פון אַטען.

פלאַטאָן האָט איצט געעפנט אַ פילאָזאָפישע שול, וואו ער האָט געשמועסט מיט זיינע תלמידים וועגן די מיסטעריעס פון לעבן און טויט; וועגן דער געטלעכקייט; וועגן דער מענטשלעכער נשמה און איר גורל און נאָך אַזעלכע ענינים.

ווען פלאַטאָן האָט ניט געלערנט, האָט ער געשריבן. פלאַטאָן פלעגט ניט גיין, אַזוי ווי סאָקראַטעס, איבער די גאַסן צו לערנען מיט די מענטשן. פאַרקערט, ער האָט גאָר דערקלערט, אַז ווער עס וויל האָבן וויסן, זאָל קומען צו אים.

פלאַטאָן איז אָבער זיין גאַנץ לעבן געווען זייער דערשלאָגן און פאַרביטערט. ער האָט ניט געקענט פאַרגעסן און ניט געוואָלט מוחל זיין ז י י נ ע לאַנדסלייט דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן אומגעבראַכט אַזוי אומשולדיק זיין גרויסן רבי, דעם גרעסטן פילאָזאָף, וואָס איז געווען אין אַטען. פלאַטאָן האָט איצט געחלומט צו מאַכן פון דער וועלט אַ פיל בעסערן פּלאַץ פאַר גייסטרייכע מענטשן. אָט די דאָזיקע געדאַנקען האָט ער אויסגעדריקט אין „דיאַלאָגן", אין אַ געשפּרעך פון צוויי מענטשן, וואָס איינער פרעגט און דער אַנדערער ענטפערט. ער האָט פאַר דעם צוועק גענומען סאָקראַטעסן אַלס רבי, פאַר דעם וואָס ענטפערט, ווייל סאָקראַטעס איז געווען באַוואוסט מיט זיינע שאַרפע, קלוגע ענטפערס צו די, וואָס האָבן אים געשטעלט פראַגן. אין די געשפּרעכן ווערן אַרויסגעבראַכט סאָקראַ־

טעסעס געדאַנקען. אָבער לויט דעם אופן ווי אַזוי פּלאַטאָן האָט זיי פאַר־שטאַנען. עס איז טאַקע סאָקראַטעס, וואָס ענטפערט אויף די פראַגן. אָבער אין דעם רוב פון די ענטפערס, זיינען דאָ פּלאַטאָנס אידעען וועגן גאָט, וועלט און מענטש. פּלאַטאָן האָט געשריבן פיל ווערק. די וויכטיקסטע פון זיי זיינען: „אַפּאָלאָגיע״ (די פאַרטיידיקונג פאַר סאָקראַטעסן); „רעפּובליק״ (וועגן געזעצן); „פּראָטאַגאָראַס״ (וועגן זיין לערע); „פּאָליטיקאַ״ (וועגן שטאַט); „פעידאָן״ (וועגן אומשטערבלעכקייט) און „סימפּאָזיע״ (וועגן שטרעבן נאָך דעם אמתן, שיינעם און גוטן).

פּלאַטאָן און זיין רעפּובליק

פּלאַטאָן איז געווען דער בעסטער תּלמיד פון סאָקראַטעסן, דאָך זיינען די דאָזיקע צוויי גרויסע פילאָזאָפן פון גריכנלאַנד געווען צוויי באַ־זונדערע וועלטן. סאָקראַטעס האָט געשטאַמט פון אָרעמע עלטערן (זיין פאָטער איז געווען אַן אָרעמער סקולפּטאָר) און איז געווען אַליין זייער אָרעם זיין גאַנץ לעבן, דאָך איז ער געווען זייער שטאָלץ און זיך ניט געבויגן פאַר קיינעם. ער האָט זיך צו קיינעם ניט געוואָלט צופּאַסן און האָט פאַרלאַנגט פון אַלע, זיי זאָלן זיך בויגן צו אים. סאָקראַטעס איז געווען אַזוי שטאָלץ, אַז ווען ער איז געשטאַנען פאַר די ריכטער וואָס האָבן אים געמשפּט, האָט ער ניט געוואָלט, אַפילו מיט איין וואָרט, בעטן זיי, אַז זיי זאָלן אים ניט פאַרמשפּטן צום טויט. ער האָט אויסגעקליבן בעסער צו גיין פון דער וועלט איידער צו בויגן זיך פאַר עמיצן. פּלאַטאָן, דאַקעגן, איז געקומען פון רייכע עלטערן און אַליין איז ער אויך געווען פאַרמעגלעך. דאָך האָט ער אַזאַ שטאָלץ אין זיך ניט געהאַט. ער האָט זיך נאָך סאָקראַטעסעס טויט צוגעפּאַסט צו די אומשטענדן און האָט ניט געפּרעדיקט זיינע מיינונגען, כדי ניט אויפצורייצן דערמיט די בירגער פון אַטען.

און נאָך מיט אַן אַנדער זאַך איז פּלאַטאָן געווען אַנדערש פון זיין רבי סאָקראַטעס. אויף סאָקראַטעסן האָט מען געזאָגט, אַז „ער האָט אַראָפּגע־בראַכט די פילאָזאָפיע פון הימל צו דר׳ערד״, מיינענדיק דערמיט צו זאָגן, אַז ער האָט געוואָלט געבן די לערע פון העכערע זאַכן צו אַלע מענטשן. פּלאַטאָן, דאַקעגן האָט „צוריק אַרויפגעשיקט די פילאָזאָפיע פון דר׳ערד אין הימל אַריין״. דערמיט וואָס ער האָט, צום אַלעם ערשטן, דערקלערט, אַז דאָס גאַנצע לעבן אויף דר׳ערד איז גאָר ניט ווערט, און צווייטנס דער־מיט, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז פילאָזאָפיע און העכערע געדאַנקען, זיינען ניט פאַר אַלע מענטשן, נאָר בלויז פאַר געקליבענע און געציילטע.

לאָמיר איצט זען וואָס פּלאַטאָן זאָגט וועגן גאָט און דער וועלט, ווי אַזוי ער זעט זיי אין זיין געדאַנקען־גאַנג.

* * *

לויט ווי פּלאַטאָן דריקט זיך אויס אין זיינע „דיאַלאָגן", איז די ערד אַ טיפע גרוב צו וועלכער דאָס ליכט פון פאַרשטאַנד קען ניט צוקומען. די מענטשן זיינען אַרעסטאַנטן וועלכע זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו זיין אין אָט־דעם גרוב. דאָס וואָס עס קומט פאָר אונטער דער זון איז ניט אַזעלכעס וואָס זאָל אונדז אָנפילן מיט פרייד, אָבער צו די פּעסימיסטישע געדאַנקען גיט ער צו אַ נייע אויסטייטשונג. נעמלעך, אַז די אמתע וועלט, די פּערפעקטע וועלט, איז נאָר אין געדאַנק, זי איז נאָר אין דער אידעע און אַלס אַזעלכע איז זי איבער אונדז און אַז די וועלט אין וועלכער מיר לעבן איז ניט מער ווי אַ ניט־פּערפעקטע פאָרשטעלונג פון יענער אמתער וועלט.

אָבער וואָס איז די אידעע? ווער האָט זי געשאַפן? אויב גאָט, ווי אַזוי האָט גאָט זי געשאַפן? און וואָס איז איר שייכות צו דער וועלט? און הויפּטזעכלעך, ווי אַזוי האָט גאָט געשאַפן די וועלט? און צי פירט ער מיט איר אָן?

אויף אָט די אַלע פראַגן טרעפט מען ביי פּלאַטאָנען זייער פיל אומקלאָרקייט, ווייל עס איז נישטאָ ביי אים קיין קלאָרע פאָרשטעלונג פון גאָט און ווי אַזוי ער האָט געשאַפן די וועלט. פּלאַטאָן איז געקומען צום געדאַנק פון מאָנאָטעאיזם, פון איין גאָט, וואָס האָט געשאַפן הימל און ערד, אָבער דער געדאַנק איז ביי אים ניט אַזוי קלאָר און אויך ניט אַזוי שיין ווי ביי די נביאים. קודם כל האָט ער זיך ניט געקענט פאָרשטעלן גאָט אָן פּערזאָניפיקאַציע, דאָס הייסט, אָן דער פאָרם פון אַ מענטש. ער זעט גאָט ווי אַ שטייגער ער וואָלט געווען אַ גרויסער מייסטער, וואָס זיצט אין זיין גאָרטן אַרומגערינגלט פון זיינע מלאכים, אַזוי ווי ער, פּלאַטאָן אַליין, למשל, איז אַרומגערינגלט פון זיינע תלמידים. שפּעטער, ווען ער קומט צו רעדן וועגן דער שאַפונג פון דער וועלט, קען ער זיך ניט פאָרשטעלן, אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט פון אַ גאָרניט, אַ יש מאין, און טראַכט דערפון, אַז עס איז געווען אַ געוויסער שטאָף פון וועלכן גאָט האָט געשאַפן די וועלט. אָבער זי האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. ניט די וועלט און ניט דער מענטש. די וועלט איז ניט פּערפעקט און נאָך מער איז ניט פּערפעקט דער מענטש.

אָבער בנוגע דעם פעלט פּלאַטאָנען קלאָרקייט צו וויסן פאַרוואָס

די וועלט און דער מענטש זיינען ניט אַרויס פון גאָטס האַנט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט און אָנשטאָט צו געבן לאָגישע, ראַציאָנעלע טעמים, פאַרקריכט ער גאָר אין מעטאַפיזיק און אין מיסטישע רייד, וועלכע שאַפן נאָר אַ נעפּל.

לויט פּלאַטאָנען זיינען דאָ פיר הויפּט־אידעען. די העכסטע אידעע איז דאָס גוטע, דאָס איז די גאָטהייט, וועלכע האָט געשאַפן די וועלט־נשמה וואָס באַשטייט פון לויטער רוחניות. דערנאָך קומט די אידעע פון חכמה, און דאַן די אידעע פון באַהערשן זיך אַליין און — די אידעע פון גערעכטיקייט. אָבער ווען עס קומט צו רעדן וועגן דער אידעע אַלס אַ זאַך וואָס עקזיסטירט (צי אויף דער ערד אָדער אין הימל), ווייס ער ניט ווי אַזוי עס צו באַצייכענען און וואָס פאַר אַ שייכות אונדזער וועלט האָט מיט דער אידעע. האָט די אידעע געשאַפן די וועלט, אויב אַזוי, פאַרוואָס איז די וועלט אַזוי ניט פּערפעקט, אין דער צייט ווען די אידעע איז יאָ פּערפעקט? ווייטער צווייפלט ער צי די אידעע איז געשאַפן געוואָרן פון גאָט, אָדער זי איז אַ באַזונדערע זאַך, און אויב זי איז אַ באַזונדערע זאַך, וואָס איז זי אַזוינס? וואו געפינט זי זיך? וואָס זיינען אירע אייגנשאַפטן און ווען און ווי אַזוי איז זי געשאַפן געוואָרן? אויף אַ טייל פון די פראַגן ענטפערט פּלאַטאָן מיט אַזעלכע אומקלאָרע רייד, אַז שוין זיין הויפּט־תלמיד אַריסטאָטעלעס האָט געזאָגט, אַז ער הויבט זיי ניט אָן צו פאַרשטיין.

מיר זעען, אַלזאָ, אַז פּלאַטאָן איז ניט צו זיכער אין די וועגן פון הימל. מען קען אַפילו זאָגן, אַז ער בלאָנדזשעט דאָרטן אַרום ווי אַ טויבער גוי אין קלויסטער. דערפאַר וואָלט מען געקענט מיינען, אַז ער איז פיל בעסער, ווען ער קומט צו דר׳ערד, ווען ער וויל מאַכן דאָ ביי אונדז אַ ביסל אָרדענונג. איז עס אָבער אויך ניט אַזוי.

פּלאַטאָן האָט פיל געליטן פון דעם וואָס מען האָט אין זיין לאַנד דערמאָרדעט זיין רבין, סאָקראַטעס, האָט ער דעריבער געוואָלט שאַפן אין געדאַנק אַ לאַנד, וואו ניט נאָר מען דערמאָרדעט ניט דאָרטן קיין פילאָזאָפן, נאָר פאַרקערט, מען מאַכט זיי פאַר די סאַמע הערשער. דאָס האָט ער געטאָן אין זיין בוך „רעפּובליק״, וואו ער שילדערט אַן אוטאָפּיע פון אַ מלוכה וואָס ווערט רעגירט לויט גערעכטיקייט, ערלעכקייט און יושר. אין אָט דעם בוך רעדט ער וועגן וואָס נאָר איר ווילט. ער רעדט וועגן גלייכע רעכט פאַר פרויען; וועגן געבורט־קאָנטראָל; וועגן די אידעען פון די „היגיע־ניקער״ (וועלכע ווילן פאַרן געזונטע מענער מיט געזונטע פרויען); וועגן קאָמוניזם; וועגן דער פאַרברידערונג פון מענטשן; וועגן דעם אַז סעקס איז פריי און די רעגירונג דאַרף זיך דערין ניט מישן; וועגן פרייער

ליבע; וועגן דערציאונג פון קינדער און וועגן פיל אַנדערע זאַכן, וואָס אינטערעסירן אַלע מענטשן פון אייביק אָן.

לאָמיר דעריבער באַטראַכטן אָט דאָס בוך און זען, ווי אַזוי פּלאַטאָן שטעלט זיך פאַר די בעסערע געזעלשאַפט: אַ רעפּובליק, וואָס ווערט גע־פירט לויט גערעכטיקייט און יושר, און איז פול מיט ליבע און אַכטונג פון מענטש צו מענטש. מיר וועלן פריער איבערגעבן גענוי דאָס וואָס פּלאַ־טאָן זאָגט, דערנאָך וועלן מיר רעזומירן און קלאָר מאַכן זיינע געדאַנקען, אָבער לאָמיר גיין כסדר.

די קינדער, וואָס ווערן געבוירן אין פּלאַטאָנס רעפּובליק (לאָמיר די „רעפּובליק" אָנרופן „אוטאָפּיע"), זיינען אַ רעזולטאַט פון די „היגיעניקערס" מעטאָדן. דאָס מיינט, עס הויבט זיך אָן דערפון וואָס מען פּאָרט געזונטע מענער מיט געזונטע פרויען, מיטן צוועק פון הייראַט. אַזאַ זאַך ווי ליבע איז נישטאָ. אויב אַ געזונטער, שיינער יונגערמאַן, למשל, פאַרליבט זיך אין אַ פרוי וואָס האָט אַ הויקער אָדער בכלל אַ שוואַכע און אַ קרענקלעכע קען ער זי ליב האָבן וויפל ער וויל, אָבער חתונה האָבן מיט איר קען ער ניט, ווייל דאָ מישט זיך אַריין דער שטאַט, די רעפּובליק, וואָס זאָגט אים אַ דעה. דער שטאַט וויל, אַז די בעסטע, געזונטסטע מענער זאָלן חתונה האָבן מיט די בעסטע געזונטסטע פרויען, כדי צו שאַפן אַ בעסערן מין פון מענטשן, אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. ער קען מיט אַן אַנדער פרוי אויך ניט הייראַטן, ווייל קיין פּריוואַטע הייראַט איז בכלל נישטאָ. אַזאַ זאַך ווי אַ מאַן הייראַט מיט אַ פרוי און זיי ווערן פאָטער און מוטער פון קינדער איז אין דער רעפּובליק „אוטאָפּיע" נישטאָ. אַלע פרויען באַלאַנגען צו אַלע מענער און אַלע מענער קענען און דאַרפן שלאָפן מיט זיי. וועט איר דאָך פרעגן, אויב אַזוי, אויב עס וועלן געבוירן ווערן קינדער, פון וואַנען וועט מען וויסן, ווער זייערע טאַטעס זיינען? — איז דער ענטפער: מען דאַרף ניט וויסן. עס איז געזונטער סיי פאַר די עלטערן, אַז זיי זאָלן ניט וויסן ווער זייערע קינדער זיינען און סיי פאַר די קינדער, אַז זיי זאָלן עס אויך ניט וויסן, ווייל אַזוי־אַרום וועט זיך שאַפן אַן אַלגעמיינע פאַרברידערונג. יעדער איינער אין דער רעפּובליק וועט זיך רעכענען פאַר אַ ברודער צו אַן אַנדערן מאַן און יעדע פרוי וועט זיין דער אַנדערערס אַ שוועסטער. יעדנ־פאַלס, אַזוי איז דאָס געזעץ פון דער רעפּובליק און אַנדערש קען ניט זיין.

די בירגער דאַרפן אויך ניט שטענדיק זיין צוזאַמען מיט די פרויען מיט וועלכע זיי האָבן די קינדער. נאָכדעם ווי יעדער איינער האָט געטאָן זיין פליכט צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט, קען ער פאַרברענגען גע־שלעכטלעך מיט וועלכער פרוי ער וויל. דאָס איז גילטיק פאַר ביידע גע־

שלעכטער, פאַר פרויען, פונקט אַזוי גוט ווי פאַר מענער, אָבער מיט דעם אויסנאַם וואָס נאָך דעם ווי די פרויען האָבן שוין געבוירן די „נויטיקע״ צאָל קינדער, דאַרפן זיי מאַכן יעדעס מאָל ווען זיי ווערן שוואַנגער אַן אָבאָרט כדי ניט צו האָבן מער קיין קינדער פאַר וועלכע עס וועט ניט זיין מער קיין פלאַץ אין דער רעפּובליק. אָבער עס פירט זיך אַ סיסטעם פון פרייער ליבע און אין געשלעכטס־ענינים פון די בירגער, נאָכדעם ווי זיי האָבן געבוירן קינדער, מישט זיך דער שטאַט ניט מער אַריין. סעקס איז אַ פּריוואַטע זאַך.

ווי מיר זעען אַלזאָ ווערן די קינדער אין דער רעפּובליק געבוירן לויטן ווילן און געזעץ פון שטאַט, דעריבער ווערן אַלע קינדער אויפגעצויגן פון שטאַט. עס איז ניטאָ קיין פּריוואַטע היימען. אַלע זיינען צוזאַמען און לעבן צוזאַמען.

איצט קומט די פראַגע פון דער דערציאונג. בנוגע דעם איז דאָ אַזאַ געזעץ אין דער רעפּובליק „אוטאָפּיע״. אַלע קינדער, יינגלעך און מיידלעך, קריגן ביז 20 יאָר די זעלבע דערציאונג. דער אָנהויב פון דער דערציאונג באַשטייט פון פיזישע איבונגען, כדי צו אַנטוויקלען אַ שיינעם קערפּער און פון מוזיק, כדי צו אַנטוויקלען אַ שיינע נשמה. לויט פּלאַטאָן איז „דער מענטש וואָס האָט ניט קיין מוזיק אין זיין נשמה ניט ווערט, אַז מען זאָל צו אים האָבן צוטרוי״, ווייל זיין גייסט איז באַשעדיקט. זיינע עמאָציעס קענען ניט באַלאַנסירט ווערן און זיין זין פאַר גערעכטיקייט און פאַלשקייט איז אויף אייביק צעשטערט. מוזיק (און מיט דעם וואָרט מיינט ער האַרמאָניע בכלל), איז דער גרונט־פּרינציפּ וואָס האַלט די וועלט צוזאַמען, אַז זי זאָל ניט ווערן צוריק אַ „תהו־ובהו״. מוזיק איז די נשמה פון אוניווערס, פונקט אַזוי ווי די עלעמענטן און שטערן שטעלן מיט זיך פאַר דעם גוף. אַלזאָ —

אין די שולן דאַרף זיין אַ סיסטעם פון קאָ־עדוקאַציע. יינגלעך און מיידלעך דאַרפן לערנען און שפּילן זיך צוזאַמען ביז זיי ווערן אַלט 20 יאָר. ביידע, די יינגלעך און מיידלעך, דאַרפן זיך אויסטאָן אַלע זייערע קליידער און בלייבן נאַקעט די גאַנצע צייט פון די גימנאַסטישע איבונגען. אַי, וואָס זאָלן טאָן די מיידלעך און אויך די יינגלעך וואָס שעמען זיך,? זאָגט פּלאַטאָן, אַז מען דאַרף לערנען די קינדער ניט צו שעמען זיך. עס דאַרף ניט זיין קיין שום צניעות, ווייל דאָס איז ניט געזונט. אַי, אַזאַ נאַקעטקייט קען דאָך ברענגען צו סעקסועלע באַציאונגען אין אַ צייט ווען די יינגלעך און מיידלעך דאַרפן נאָך לערנען, דערויף זאָגט פּלאַטאָן, אַז זיי דאַרפן זיך צוריקהאַלטן פון אַזעלכע אַקטן. עס קען בלויז זיין אַ ליבעס־געפּיל פון

איין געשלעכט צום אַנדערן, אָבער אָן סעקסועלע באַציאונגען (דערפון נעמט זיך דער אויסדרוק „פלאַטאָנישע ליבע").

דאָס לערנען דאַרף זיין אַזוי, אַז עס זאָל זיין אַ פאַרגעניגן, ניט קיין מוטשעניש. קינדער דאַרף מען לערנען צו זיין דרייסט און מוטיק. אַט דאָס דאַרף זיין דער פּראָגראַם ביז זיי ווערן אַלט 20 יאָר.

איצט קומט פאַר אַן עקזאַמען. די וואָס קענען ניט און ווילן ניט מער לערנען, לאָזט מען אַרויס אין לעבן. זיי בילדן דעם נידעריקסטן קלאַס פון דער געזעלשאַפט. זיי זיינען אַרבעטער, פּויערים און אויך האַנדלס־מענטשן. אָבער דאָס איז דער פונדאַמענט פון דער רעפּובליק.

דערנאָך קומען די, וואָס לערנען ווייטער, פון 20 ביז 30 יאָר, מיט זיי לערנט מען וויסנשאַפטן ווי אַריטמעטיק, געאָמעטריע, אָבער די אַלע לימודים דאַרפן זיין מער פאַר עסטעטישן געברויך ווי פאַרן פּראַקטישן זין אין לעבן. פּלאַטאָן האַלט, אַז עס איז אַ דערנידערונג פאַר אַ בירגער פון אַטען צו נוצן אַריטמעטיק אָדער אַן אַנדערע וויסנ־שאַפט, כדי צו קויפן אָדער פאַרקויפן דערמיט עפּעס, אָדער כדי צו בויען אַ בריק אָדער צו מאַכן עפּעס אַ מאַשין. אין דעם זין האָט ער געדענקט ניט אַנדערש, ווי אַלע גריכן אין זיין צייט. די גריכן זיינען ניט געווען פאַראינטערעסירט אין פּראַקטישע זאַכן. זיי האָבן ליב געהאַט צו רעדן וועגן פאַרשידענע ענינים אָבער זיי זיינען געווען פאַראינטערעסירט בלויז אין די טעאָריעס און ניט אין פּאַקטישן לעבן. די גריכן האָבן ניט געזוכט קיין מאַטעריעלן פּראָגרעס. פאַר זיי זיינען אַבסטראַקטע שמועסן געווען פיל וויכטיקער, ווי קאָנקרעטע וויסנשאַפט.

ווען אָט די גרופּע האָט געענדיקט איר סטודיום צו 30 יאָר, האַלט זי ווידער אָפּ אַן עקזאַמען. די, וואָס ווילן ניט, אָדער קענען ניט ווייטער לערנען, גייען אַרויס אין לעבן און זיי ווערן דער מיטל־קלאַס, וואָס ס'האָט געמיינט — זעלנער. די שיצער פון שטאָט, פון דער רעפּובליק. פּלאַטאָן מיט זיין גאַנצן פילאָזאָפישן דענקען האָט געטראַכט פון זעלנער אַלס אַ נויטווענדיקייט פאַר דער מלוכה און זיי זיינען ביי אים געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה ווי ארבעטער, פּויערים און געשעפטס־מענטשן. ער האָט זיך ניט דערהויבן צו דער גרויסקייט פון אַ ישעיה הנביא, וועלכער האָט געחלומט פון אַ טאָג, ווען מלחמות וועלן אינגאַנצן אויפהערן, ווען „די פעלקער וועלן פון זייערע שווערדן מאַכן אַקער־אייזנס", פון אַ טאָג ווען עס וועט זיין אַן אייביקער שלום אויף דער וועלט, אַזוי אַז אַפילו אין דער וועלט פון דער ווילדער נאַטור וועט „אַ לייב וואוינען מיט אַ שעפּסל און אַ לעמפּערט וועט מיט אַ ציג הויערן". צו אַזאַ שלום־האָר־

מאָגיע האָט פלאַטאָן, דער פרעדיקער פון האַרמאָניע, זיך דאָך ניט דער־הויבן. ביי אים איז דער סאָלדאַט געווען דער יסוד פון דעם שטאַט, ווייל מלחמות וועלן אייביק זיין.

אין אַן אַנדער אָרט פון זיין „רעפובליק" זעען מיר נאָך עפּעס וואָס עס פּאַסט ניט פאַר אַזאַ פרייען גייסט ווי פּלאַטאָן. נעמלעך, ער שילדערט ווי אין דער רעפובליק „אוטאָפּיע" זיינען דאָ שקלאַפן און ער דערקלערט עס דערמיט וואָס שקלאַפן וועלן אייביק זיין. מען זעט דערפון, אַז ער האָט זיך ניט דערהויבן אפילו צו דער מדרגה פון לינקאָלן, וועלכער האָט באַ־פרייט די שקלאַפן אין אַמעריקע און זיך אַפילו ניט אָפּגעשטעלט פאַר אַ בירגער־קריג. לינקאָלן האָט פאַרשטאַנען און איינגעזען, אַז שקלאַפעריי איז אַ שאַנדע פאַרן שטאַט. עס איז אַ פלעק אויף זיין געוויסן. אַ מלוכה וואָס זאָגט, אַז זי גיט ביי זיך פּלאַץ פאַר אַלע פאַרפאָלגטע און געליטענע, טאָר ניט האָבן אין איר לאַנד קיין צוויי קלאַסן פון מענטשן: האַרן און שקלאַפן, אָבער פלאַטאָן האָט דאָס ניט איינגעזען. ער האָט אין אַקט פון פאַרשקלאַפן מענטשן און פאַרקויפן זיי ווי בהמות ניט געזען קיין שום שלעכטס. ער האָט אויך ניט געוואוסט פון דער יידישער לערע וואָס רופט אָפּצושאַפן שקלאַפעריי, און וועלכע זאָגט, אַז אויב איינער וויל זיין אַ שקלאַף נאָך 7 יאָר, זאָל מען אים באַשטראָפן מיט לעכערן זיין אויער, ווייל דער מאָטאָ איז — גאָט האָט געזאָגט: אַלע מענטשן זיינען מיינע קנעכט, אָבער זיי זאָלן ניט זיין קיין קנעכט ביי קיין קנעכט, זיי זאָלן ניט זיין קיין שקלאַפן צו מענטשן.

אָבער דערמיט זיינען מיר נאָך ווייט ניט פאַרטיק מיטן לעבן און ווירקן פון דער רעפובליק „אוטאָפּיע". ערשט איצט קומען מיר צו דער הויפּט־אידעע.

וואָס פלאַטאָן האָט געגעבן דער וועלט

פלאַטאָן, ווען ער האָט געשריבן זיין „רעפובליק", האָט געטראַכט נאָר פון דער אידעע, פון דער אוטאָפּיע אַלס אַזעלכע. ער האָט זיך אַפילו אויף אַ מינוט ניט פאַרגעשטעלט ווי אַזוי דאָס וועט זיין אין לעבן און צי אַט־דאָס וואָס ער פרעדיקט איז פראַקטיש און איז מעגלעך אויסצופירן. דאָס האָט אים ניט געקימערט. ער, דער גרויסער פילאָזאָף, איז ווי אַלע גריכן אין יענער צייט געווען אַ טרוימער. איינער וואָס לעבט זיך אויס אין דער וועלט פון זיין אידעע (אָדער אידעאַל), ער האָט געשוועבט אין די לופטן און האָט צו דער ערד ניט אַראָפּגעקוקט. ער האָט דאָס פּאַק־טישע לעבן ניט געזען און אפילו ניט געוואָלט זען.

אָבער לאָמיר פריער באַטראַכטן וואָס עס איז געווען אַזוינס די הויפּט־אידעע (אָדער אידעאַל) צו וואָס פּלאַטאָן שטרעבט אין זיין בוך.

ער שרייבט אַזוי:

נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין אין דער רעפּובליק צוויי שיכטן פון דער באַפעלקערונג, איינע מיט אַ בילדונג ביז 20 יאָר פון לעבן, אַ שיכט וואָס באַשטייט פון פּויערים, אַרבעטער און סוחרים; און אַ צווייטע שיכט פון אַ העכערן קלאַס, וואָס באַשטייט פון סאָלדאַטן און זייערע אָפיצירן, אַ שיכט, וואָס האָט באַקומען אַ בילדונג שוין ביז צום 30־טן יאָר פון זייער לעבן, קומט נאָך אַ העכערער קלאַס, וואָס האָט געלערנט נאָך ווייטער, שוין נאָך די דרייסיק יאָר. דאָס זיינען מענער און פרויען, וואָס ווערן אויס־געשולט און דערצויגן צו זיין די פירער פון דער מלוכה. יאָ, מענער און פרויען צוגלייך, ווייל אין דער רעפּובליק „אוטאָפּיע״ זיינען פרויען גלייך צו מענער אין אַלע הינזיכטן, פון אונטן אָן ביז אַרויף. אַ פרוי קען דערי־בער ווערן אַ פּרעזידענט פון דער רעפּובליק פּונקט אַזוי גוט ווי אַ מאַן. ביידע געשלעכטער קריגן די זעלבע דערציאונג און ביידע האָבן די זעלבע מעגלעכקייטן צו פאַרנעמען געוויסע פּאָזיציעס אין לעבן.

דער סיסטעם איז אַזאַ: צום ערשטן קומט אַ צייט פון לערנען, וואָס דויערט פינף יאָר. מען לערנט פילאָזאָפיע. די, וואָס נעמען דעם קורס קענען שפּעטער ווערן באַשטימט אויף געוויסע פּאָסטנס פון דער רעגירונג. אָבער — דאָ ווערט פּלאַטאָן פּלוצים פּראַקטיש און זאָגט, אַז מען לאָזט זיי ניט גלייך פאַרנעמען די פּאָזיציעס. זיי מוזן פריער קענען דאָס לעבן. זיי מוזן זיך מישן מיטן המון. זיי מוזן טאָן פריער אַ געוויסע פּראַקטישע אַרבעט צו קענען ערשט דערנאָך פאַרנעמען זייערע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציעס.

עס זיינען דאָ דריי קורסן צו 5 יאָר יעדער איינער. צו דרייסיק יאָר נעמט מען דעם ערשטן קורס און מען לערנט ביז מען ווערט אַלט 35 יאָר. די פאַרנעמען (נאָך אַ געוויסער צייט פון פּראַקטיק) אַ קלע־נערע פּאָזיציע אין מלוכה־אַפּאַראַט. די וואָס לערנען נאָך 5 יאָר ביז 40, פאַרנעמען, (אויך נאָך יאָרן פון פּראַקטיק), העכערע פּאָזיציעס אין דער פירונג פון לאַנד. דערנאָך קומען די, וואָס לערנען אַלץ ווייטער ביז 45. זיי פאַרנעמען שוין די העכסטע פּאָזיציעס פון דער מלוכה — ביז צו זיין דער פּרעזידענט אָדער דער הויפּט פון לאַנד. די דאָזיקע מענטשן זיינען די פילאָזאָפן וואָס פירן אָן מיט דער מלוכה־שיף אָדער ווי פּלאַטאָן רופט זיי אָן די „פילאָזאָפן־קעניגן״ און „פילאָזאָפן־קעניגינס״, ווייל אָט דאָס איז דער אידעאַל, אַז נאָר דער פילאָזאָף זאָל זיין, לויט פּלאַטאָן, דער פירער

פון דער מלוכה. פלאַטאָן זאָגט דאָס מיט אָט די ווערטער: „נאָר ווען פילאָ־זאָפן וועלן זיין די פירער פון אַ לאַנד אָדער נאָר ווען פירער וועלן זיין פילאָזאָפן, וועלן אָפּגעשאַפט ווערן אַלע צרות פון וועלכע מיר ליידן איצט״. אָט־די פילאָזאָפן וועלן, לויט פלאַטאָנען, סיי דורך זייער דערציאונג און צוגרייטונג און סיי דורך דעם, וואָס זיי האָבן בטבע מער פאַרשטאַנד ווי אַנדערע, זיין די בעסטע פירער פון אַ לאַנד. אַ מלוכה דאַרף זען אַז נאָר די בעסטע מענטשן זאָלן שטיין אָן איר שפּיץ. די פילאָזאָפן זיינען די בעסט־צוגעפּאַסטע מענטשן וואָס דאַרפן פירן אַ לאַנד און אַלע אַנדערע בירגער מוזן זיי פאָלגן, אין אַלע צייטן, אָן שום ווידערשטאַנד. די דאָזיקע פירער, ווידער, דאַרפן, כדי זיי זאָלן קענען זיין ערלעך, און איבערגעגעבן צום שטאַט, ניט האָבן קיין שום פּריוואַט־אייגנטום. זיי דאַרפן האָבן אַלץ אין שותפות מיט אַנדערע פון זייער קלאַס, ווי עסן צוזאַמען, שלאָפן צו־זאַמען אין פּראָסטע באַראַקן, אָן שום לוקסוס. נאָר אַזעלכע פירער, וועלכע וועלן ניט האָבן קיין שום פּריוואַטע אינטערעסן, וועלן קענען זיין ערלעך. מען וועט זיי ניט קענען אונטערקויפן און זיי וועלן אויך ניט האָבן קיין שום אַנדערע אַמביציעס ווי צו פירן דאָס לאַנד מיט גערעכטיקייט און יושר.

* * *

אָט דאָס איז די „רעפּובליק״, וואָס פלאַטאָן האָט אויסגעחלומט. איצט, לאָמיר אַביסל אַרומשפּאַצירן אין דער „רעפּובליק״ גופא (אַלץ בלויז אין דער אידעע) און זעען ווי אַזוי זאַכן פירן זיך דאָרטן, וואָס איז צום ביישפּיל, מיט רעליגיע? וואָס איז די ראָלע פון דאָקטוירים? דאַרף מען האָבן אין דער רעפּובליק געזעץ־געבער און אַדוואָקאַטן? וואָס איז מכוח קרימינעלע פאַרברעכער? זיינען דאָ פאַר זיי געפענגענישן אָדער אַנדערע אינסטיטוציעס? ווי אַזוי באַהאַנדלט מען זיי?

איצט וועגן געשעפט. מיר ווייסן, אַז עס זיינען דאָ געשעפטס־לייט און אַז זיי זיינען פון סאַמע נידעריקסטן קלאַס, אָבער ווי אַזוי לעבן זיי? לאָזט מען זיי פירן די געשעפטן? האָבן זיי פרייהייט צו טאָן וואָס זיי ווילן?

אָט־די און נאָך פיל אַנדערע פראַגן וועלן פאַר אונדז קלאָר ווערן, ווען מיר וועלן מאַכן אַ וויטערדיקן שפּאַציר אין דער „רעפּובליק״ לויט פלאַטאָנס פאַרשריפטן.

אַלזאָ, לאָמיר מאַכן דעם מאַרשרוט:

מכח רעליגיע: רעליגיע דאַרף זיין, אָבער ניט די נאַרישע רעליגיע פון געצן־דינסט. רעליגיע יאָ, אָבער אין אַ פיינער, שיינער און

קלוגער פאָרם, אָן אָבערגלויבנס. „שוין בעסער — זאָגט פּלאַטאָן — גאָרניט קיין רעליגיע ווי אַ רעליגיע וואָס איז פול מיט נאַרישקייטן".

איצט וועגן באַציאונגען פון מענטש צו מענטש: ווען אַ מענטש ווערט קראַנק, דאַרף מען אים היילן. דערויף זיינען דאָ דאָקטוירים. אָבער קראַנקהייט בכלל נעמט זיך, זאָגט פּלאַטאָן, פון אומוויסן. אַזוי איז עס מיט אַלע קראַנקהייטן. אומוויסנקייט איז די סיבה פון אַלע סאָרטן. דער דאָקטאָר היילט דורך אויפקלערונג. די, וואָס מען קען ניט אויסהיילן, דאַרף מען לאָזן שטאַרבן. בעסער דער טויט איידער אַ לאַנג־דויערנדיקע קראַנקהייט.

געזעץ־געבער און אַדוואָקאַטן דאַרפן זיין, אָבער וואָס ווייניקער. מען דאַרף ניט האָבן קיין סך געזעצן. וואָס ווייניקער איז אַלץ בעסער. די פירער פון לאַנד דאַרפן וויסן, אַז יעדעס געזעץ שאַפט אַ נייע גרופּע מענטשן, וואָס זיינען עובר אויפן געזעץ. דערמיט ווערן געשאַפן נייע פאַרברעכער. די פירער דאַרפן לערנען די מענטשן ווי אַזוי אליין זיך צו באַהערשן אַזוי אַז מ'זאָל ניט דאַרפן קיין פּאָליציי, אָדער יעדענפאַלס, נאָר אַ קליינע צאָל. אַדוואָקאַטן זיינען אַ נויטיקע אָנשיקעניש. מען דאַרף זיי טיילמאָל און מען מוז זיי דעריבער דולדן. אָבער דאָרטן וואו עס איז דאָ וויסן, דאַרף מען זיי ניט. מען קען זיך אַליין פאַרטיידיקן בעסער ווי מיט אַן אַדוואָקאַט.

געשעפטסלייט זיינען שווינדלער. מען קען ניט זיין אַ דערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן און זיין דערצו ערלעך אויך.

קרימינעלע פאַרברעכער דאַרף מען ניט באַשטראָפן, נאָר געבן זיי אויפקלערונג. מען דאַרף אויף זיי קוקן מיט רחמנות. מען דאַרף זיי טאַקע האַלטן אָפּגעזונדערט. אָבער מען טאָר זיי ניט שלאָגן אָדער פּייניקן. ווען אַ מענטש באַגייט אַ זינד, איז עס דערפאַר (זאָגט פּלאַטאָן, נאָך די ווערטער פון זיין רבין, סאָקראַטעס), ווייל ער איז אומוויסנדיק. מען קען ניט מאַכן קיין ווילד פערד צו גיין אין שפּאַן דורך שלאָגן עס מיט אַ בייטש. אַזוי קען מען אויך ניט מאַכן אַן אַנטי־סאָציאַלן מענטש — געזעלשאַפטלעך, דורך באַהאַנדלען אים ווי אַן אויסוואורף. אויב ער באַגייט אַ פאַרברעכן צום ערשטן מאָל, דאַרף מען אים געבן אויפקלערונג. אויב צום צווייטן און דריטן מאָל, דאַרף מען אים אָפּזונדערן, אָבער נאָך מער לערנען מיט אים, אַז ער זאָל וויסן זיין אָרט אין דער געזעלשאַפט. אָבער פאַר קיין פאַל טאָר מען ניט אויספירן איבער אים קיין אַקט פון נקמה. מען טאָר זיך ניט נוקם זיין אין אים פאַר זיינע שלעכטע מעשים, כאָטש זיי האָבן אונדז פאַרשאַפט פיל ליידן.

אויף די טירן פון דער רעפובליק דארף מען אויפשרייבן „דאָס איז דאָס לאַנד פון גערעכטיקייט, די שטאָט פון גליק פאַר אַלע מענטשן און דאָס אָרט פאַר שיינקייט״. ווייל די דריי זאַכן זיינען דער ציל פון דער רעפובליק, דער צוועק, דער אידעאַל איז, לויט פּלאַטאָנען, אַ לאַנד פון גערעכטיקייט און ליבע. יאָ, אויך ליבע, ווייל אין ליבע איז דאָ סיי גערעכטיקייט, סיי געזונטהייט און סיי שיינהייט. אין ליבע איז דאָ אַלץ.

* * *

רעזומירן מיר אַלץ וואָס פּלאַטאָן זאָגט וועגן זיין „רעפובליק״, דאַן זעען מיר, אַז ער ווידערשפּרעכט זיך אַליין זייער אָפט, אַז דאָס וואָס ער פּרעדיקט פריער, איז ער אַליין אַ ביסל שפּעטער סותר. אָט צום ביישפּיל:

ער פּרעדיקט ל י ב ע, וואָס מער ליבע צווישן מענטשן, אָבער אין זיין „רעפובליק״ איז פּשוטע ליבע, אמתע ליבע צווישן די געשלעכטער, פאַרבאָטן. באמת, ווי אַזוי קען זיין גאָר אמתע ליבע, ווען אַלע פרויען באַלאַנגען צו אַלע מענער, ווי אַזוי קען זיין ליבע אין אַ סיסטעם, וואו סיי מענער און סיי פרויען זיינען פון שטאָט שטאַרק דיסציפּלינירט?

ער פּרעדיקט ה אַ ר מ אָ נ י ע און וויל, אַז מען זאָל לערנען מיט אַלע קינדער מוזיק, ווייל דאָס באַרייכערט די נשמה, אָבער אַזאַ זאַך ווי הארמאָניע פון אַ פאַמיליע, דאָס ניט. די שיינקייט פון אַ פאָטער, מוטער און קינד פאַראייניקט צוזאַמען, דאָס וויל ער ניט.

ער וויל ע מ אָ צ י ע ס, ג ע פ י ל ן, אָבער בענקשאַפט פון קינדער צו עלטערן — דאָס ניט; בענקשאַפט און צוגעבונדנקייט פון עלטערן צו קינדער — אויך ניט. בכלל דערלאָזט ער ניט אין זיין „רעפובליק״ קיין שום אויסדרוק פון געפילן.

ער וויל אויך, אַז קינדער ביז 20 יאָר זאָלן זיך אויפציען צוזאַמען און אַרומגיין נאַקעט, אָן צו שעמען זיך, אָבער גאָר דאָס שעם-געפיל איז דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע ביי מענטשן און ביי פרויען גאָר באַזונדערס. ווי האָט זיך ריכטיק אויסגעדריקט איינער פון די גריכישע דענקער פאַר פּלאַטאָנען, פּיטאַגאָראַס: „אָן דעם שעם-געפיל, וואָס די נאַטור האָט געגעבן צו די מענטשן, וואָלטן אַלע פרויען געווען פּראָסטיטוטקעס און אַלע מענער — מעקלער פון זנות״.

ער וויל ג ע ר ע כ ט י ק י י ט, אָבער וואָס פאַר אַ גערעכטיקייט איז דאָ אין כאַפּן מענטשן אין דער גאַס און זיי פאַרקויפן פאַר קנעכט? און וואָס פאַר אַ גערעכטיקייט איז דאָ אין פירן מלחמות, וואָס פּלאַטאָן זאָגט, אַז עס וועט שטענדיק זיין, און דעריבער דאַרף מען האַלטן די

סאָלדאַטן פאַר אַ העכערן קלאַס, נאָך העכער פון אַרבעטער און פּויערים? מוזן טאַקע זיין אַזעלכע מאַסן־מאָרדן? מוז מען טאַקע פאַרגיסן אומשולדיק בלוט? איז דאָס גערעכטיקייט?

דערפון זעען מיר, אַז פּלאַטאָן, אַ חוץ וואָס ער איז געווען אַ טרויער ווי אַלע אין זיין צייט, איז ער אויך געווען זייער ניט אויסגעהאַלטן אין זיינע אידעען. מיר זעען דאָס אויך אין זיינע אַנדערע „דיאַלאָגן".

אָבער דאָך דאַרף מען פּלאַטאָנען געבן אָנערקענונג פאַר פיל, פיל אידעען וואָס ער איז געווען דער ערשטער זיי צו פּרעדיקן. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געפּרעדיקט צען הויכע אידעען. זיי זיינען:

1. דער געדאַנק פון גערעכטיקייט און יושר. כאָטש אין לאַנד פון יהודה און פון ישראל האָבן עס שוין לאַנג געפּרעדיקט די נביאים, איז עס דאָך אין גריכנלאַנד (און אין אַנדערע לענדער) געווען אַ נייער צוגאַנג.

2. דער געדאַנק, אַז עס איז בעסער גאָר נישט קיין רעליגיע ווי געצן־דינסט.

3. דער געדאַנק, אַז מענער און פרויען זאָלן האָבן גלייכע רעכט אין אַלע הינזיכטן, אַפילו ביז דער הויפּט־פירערשאַפט פון לאַנד.

4. דער געדאַנק, אַז כדי צו זיין אַ מלוכה־פירער, דאַרף מען האָבן אַ העכערע בילדונג און וואָס העכער מען וויל שטייגן, אַלץ מער בילדונג דאַרף מען האָבן. אָט דער געדאַנק איז אַפילו אין אונדזערע טעג, מיט 24 הונדערט יאָר שפּעטער, נאָך ניט אָנערקענט געוואָרן.

5. דער געדאַנק, אַז געשלעכטס־ענינים זיינען פריי און דער שטאַט דאַרף זיך דערין ניט מישן. עס איז יעדן איינציקנס פּריוואַטע זאַך.

6. דער געדאַנק, אַז קרימינעלע פאַרברעכער זיינען קראַנקע מענטשן און אַז מען דאַרף זיי גיכער היילן ווי באַשטראָפן. אָט דער געדאַנק האָט ערשט אין דער לעצטער צייט שטאַרק אַרויסגעבראַכט דער יידישער געלערנטער לאָמבראָזאָ.

7. די נויטווענדיקייט פאַר אַ מענטש צו לערנען מוזיק אַלס די האַרמאָניע פון דער נשמה.

8. די בענקשאַפט נאָך שיינקייט אין אַלעם וואָס מיר טוען אין

לעבן. (כאָטש עס איז ניט אַזוי קלאָר אין די מוסטערן וואָס פּלאַטאָן ברענגט אונדז, איז אָבער דאָך די אידעע אַליין אַ גרויסע און אַ נייע).

9. די אידעע פון פאַרברידערונג פון מענטשן, אַז עס זאָל ניט זיין קיין אָרעם און רייך, קיין גרויס און קליין, און אַז אַלע זאָלן זיך האַלטן פאַר איין משפחה. אויך די אידעע איז ניט קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין זיין „רעפּובליק״, אָבער די אידעע גופא איז אַ גרויסע און זי איז צום ערשטן מאָל פון פּלאַטאָנען געפּרעדיקט געוואָרן.

10. אַז די סיסטעם פון די שולן זאָל זיין אויפן באַזיס פון קאָ־עדוקאַציע, ד. ה., אַז יינגלעך און מיידלעך זאָלן לערנען צוזאַמען, וואָס איז אויך ערשט אין דער לעצטער צייט אָנגענומען געוואָרן אין פיל לענדער.

אָט בנוגע די אַלע אידעען איז פּלאַטאָן געווען דער ערשטער וואָס האָט דאָס געפּרעדיקט מיט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן צוריק און דערפאַר קוקן מיר אַרויף צו אים, ווי צו איינעם וואָס האָט דער וועלט עפּעס געגעבן. ער האָט דער ערשטער אַרויסגעזאָגט אָט־די גרויסע געדאַנקען וואָס פיל פון זיי זיינען נאָך עד היום ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן.

* * *

ווי געזאָגט, איז פּלאַטאָן געווען אַ טרוימער. אָבער איין מאָל האָט געטראָפן, אַז ער האָט געוואָלט ווערן אַ פּראַקטישער מענטש און איז אַריינגעפאַלן. דאָס איז געווען ווען דער קעניג פון סיראַקיוז (אַזאַ פּראָווינץ) דיאָניסוס האָט געהערט פון פּלאַטאָנס לערע, אַז קעניגן דאַרפן זיין פילאָזאָפן, האָט ער אים איינגעלאַדן צו זיך, אַז ער זאָל אים לערנען ווי צו זיין אַ קעניג־פילאָזאָף. פּלאַטאָן איז געפאָרן צו אים אין סיציליע און האָט אָנגעהויבן צו לערנען דעם מאָנאַרך, ווי אַזוי אַ קעניג דאַרף פירן זיין מלוכה. אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער קעניג האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע ראַדיקאַלע אידעען און כדי פּטור צו ווערן פון אים, האָט ער געטאָן בלויז איין קליינִיקייט — ער האָט אים פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף.

ווען אַ גרופּע פון זיינע תלמידים האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָבן זיי אים אויסגעלייזט און אים צוריקגעבראַכט קיין אַטען, וואו ער האָט פאַרגעזעצט זיין שטיל לעבן. ער האָט ווייטער געלערנט מיט זיינע תלמידים אין גאָרטן פון זיין אַקאַדעמיע. איינמאָל האָט מען אים

איינגעלאַדן צו אַ חתונה פון זיינעם אַ יונגן פריינד. פּלאַטאָן איז שוין דעמאָלט אַלט געווען 81 יאָר. דער טומל פון די יונגע מענטשן האָט אים אַ ביסל דענערווירט און ער האָט געבעטן דערלויבעניש אַריינצוגיין אין אַן אַנדערן צימער און זיך אַ ביסל אָוועקצולייגן „צו כאַפּן אַ דרימל". די יונגע מענטשן האָבן זיך שטאַרק פאַרווילט אויף דער חתונה און גאָר פאַרגעסן אָן דעם אַלטן פילאָזאָף. ווען זיי האָבן זיך שפּעטער גע־כאַפּט און אַריינגעלאָפן צו אים, האָבן זיי אים געפונען שוין שלאָפן דעם אייביקן שלאָף. ער איז געווען טויט. דאָס האָט באַזונדערס שטאַרק גערירט זיין הויפּט־תלמיד אַריסטאָטעל, וועלכער האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט.

11. דער גריכישער פילאָזאָף אַריסטאָטעל

ער לערנט בײַ פּלאַטאָנען 20 יאָר. — שפּעטער ווערט ער דער לערער פון פּרינץ אַלעקסאַנדער, וואָס איז דערנאָך געוואָרן אַלעקסאַנדער פון מוקדון. — ער שאַפט אַ פילאָזאָפישע שול אין אַטען, אָבער ער מוז אַנטלויפן כדי ער זאָל ניט האָבן סאָקראַטעסעס סוף. — זיין לערע און זיין באַגריף וועגן גאָט. — זיין בוך „לאָגיק". — זיין ווירקונג.

נאָך פּלאַטאָנען איז געקומען אויף דער אַרענע אין גריכנלאַנד איינער, וואָס איז נאָך זיין טויט באַרימט געוואָרן אַלס דער גרעסטער פילאָזאָף פון דער אַנטיקער וועלט. דאָס איז געווען אַריסטאָטעל, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף אַלע דענקנדיקע מענטשן פאַר פיל הונדערטער יאָרן, ביז צו שפּינאָזאַ אין דעם 16־טן יאָרהונדערט. ער איז פאַקטיש געווען דער געניוס וואָס האָט זיך אויפגעהויבן ווי אַ ריזיקער באַרג איבער אַלע דענקער און פילאָזאָפן פון דער וועלט, וואָס זיינען געווען פאַר אים און אויך איבער די, וואָס זיינען געווען נאָך אים. ער האָט געלויכטן ווי אַ גרויסע זון ניט נאָר אין זיין צייט, נאָר אויך אין דער צייט פון דעם יידיש־אַראַבישן רענעסאַנס. ער האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויפן רמב"ם, און אויך שפּעטער אויף פיל אַנדערע דענקער.

* * *

אַריסטאָטעל איז געבוירן אין יאָר 384, פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג און האָט געלעבט ביזן יאָר 322 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. דאָס מיינט 63 יאָר. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַן אָרט וואָס האָט געהייסן סטאַגיראַ (אַ גריכישע קאָלאָניע אין מאַקעדאָניע). זיין פאָטער האָט געהייסן ניקאָמאַכוס און איז געווען אַ דאָקטאָר אין הויף פון מאַקעדאָנישן קעניג אַמינטאַס דער צווייטער. אַט־דער קעניג איז געווען דער זיידע פון דעם שפּעטער באַוואוסטן מלחמה־העלט אַלעקסאַנדער פון מוקדון.

ווען אַריסטאָטעל איז אַלט געווען 18 יאָר, איז ער געשיקט געוואָרן קיין אַטען צו לערנען דאָרט אין דער אַקאַדעמיע פון פּלאַטאָן, וואו ער האָט געלערנט גאַנצע צוואַנציק יאָר און איז געוואָרן זיין

בעסטער תלמיד. ער האָט פאַרלאָזט זיין רבין ערשט ווען ער איז שוין אַלט געוואָרן 38 יאָר.

אַריסטאָטעל האָט דעמאָלט גענומען רייזן איבער גריכנלאַנד און שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיט פּיטהיאַס, אַ שוועסטער פון דעם קעניג פון דער שטאָט־שטאַט אַטאַרנעאוס. אין יאָר 343 (פאַר דער הייגטי־קער צייט־רעכענונג) איז ער איינגעלאַדן געוואָרן דורכן קעניג פיליפּ פון מאַקעדאָניע צו קומען אין זיין הויפּט־שטאָט פעלאַ צו לערנען דאָרט מיט זיין זון אַלעקסאַנדער, דעם שפּעטערדיקן אַלעקסאַנדער פון מוקדון. אַלעקסאַנדער איז דעמאָלט אַלט געווען 14 יאָר. ער האָט מיט אים גע־לערנט 12 יאָר, ביז אַריסטאָטעל איז אַלט געוואָרן 50 יאָר. אַריסטאָטעל איז דעמאָלט צוריקגעפאָרן קיין אַטען, וואו ער האָט געעפנט זיין פילאָ־זאָפישע שול און זיין תלמיד אַלעקסאַנדער פון מוקדון איז אַרויס איינ־צונעמען די וועלט. שפּעטער איז אַלעקסאַנדער געוואָרן דער שונא פון זיין רבין אַריסטאָטעל און האָט געזוכט אים שלעכטס צו טאָן. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל אַריסטאָטעל איז געווען קעגן אַלעקסאַנדערס מאַסן־מאָרדן אין די לענדער און שטעט, וואָס ער האָט איינגענומען.

אַריסטאָטעל האָט אָנגעפירט מיט זיין אַקאַדעמיע 12 יאָר, אָבער דער גורל פון אַלע פילאָזאָפן אין גריכנלאַנד האָט אויך ניט אויס־געמיטן אים. אויך קעגן אים איז געמאַכט געוואָרן אַן אָנקלאָגע, אַז ער איז אַ גאָט־לעסטערער. מורא האָבנדיק, אַז עס זאָל מיט אים ניט פּאַסירן דאָס זעלבע וואָס מיט סאָקראַטעסן, איז אַריסטאָטעל אַנטלאָפן אין אַ שטאָט וואָס האָט געהייסן טשאַלדיס, אין מאַקעדאָניע, וואו גריכנלאַנד האָט ניט געהאַט קיין שליטה. אָבער אַ יאָר שפּעטער איז ער דאָרטן געשטאָרבן — אין עלטער פון 63 יאָר. אויך אַלעקסאַנדער איז געשטאָרבן כמעט אין דער זעלבער צייט.

* * *

מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז אַריסטאָטעל איז געווען דער גרעס־טער פון אַלע פילאָזאָפן. אָבער עמיצער קען און וועט פרעגן: מיט וואָס אַזוי־נס איז ער געווען דער גרעסטער פון אַלע? — דאָס ווילן מיר דאָ דערקלערן.

צום אַלעם ערשטן דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז אַריסטאָטעל איז ניט געגאַנגען אין גאַנצן אין די פוסטריט פון זיין רבין, פּלאַטאָן. עס פּאַסירט זייער אָפט אין גאַנג פון דער געשיכטע, אַז תלמידים קענען ניט מסכים זיין מיט דער לערע פון זייערע לערער. די דאָזיקע תלמידים

נעמען־אָן, על־פּי־רוב, די גרונט־פּרינציפּן פון זייער רבין, אָבער זיי גיבן־צו צו דעם זייערע אייגענע געדאַנקען און קומען דעריבער צו אַנדערע שלוסן. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט אַריסטאָטעלן אין באַצוג צו זיין לערער פּלאַטאָן. אויך אַריסטאָטעל האָט אָנגענומען אַ טייל גרונט־פּרינציפּן פון פּלאַטאָנען, אָבער ער האָט געהאַט זיין אייגענע אַנשויאונג וועגן גאָט, וועלט און מענטשן.

אָבער וואָס זיינען געווען די דאָזיקע אַנשויאונגען:

דאָס ערשטע וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן ווען מען לייענט אַריסטאָטעלס ווערק (און זיי זיינען אין אַ גרויסער צאָל, ווי מיר וועלן שפּעטער זען), איז דאָס וואָס ער איז אַ רעאַליסט. איינער וואָס שטייט מיטביידע פיס אויף דר׳ערד. ער פליט ניט אין די הימלען ווי פּלאַטאָן. ביי אים איז ניט וויכטיקער די אידעע, דער געדאַנק, דאָס טראַכטן און פאַנטאַזירן, ווייל דאָרטן קענען זאַכן זיין מער פולקאָם, ווי זיי זיינען אין דער ווירקלעכקייט. ניין, אַריסטאָטעל אַנטלויפט ניט פון לעבן. ער זעט די וועלט אַזוי ווי זי איז און רופט־אָן זאַכן מיטן אמתן נאָמען. אַריסטאָטעל האָט אַפילו פיינט דאָס וואָרט „אידעע״, ווייל עס זאָגט גאָר ניט און עס איז דעריבער, לויט זיין מיינונג, נאַר פאַרפירעריש. ער געברויכט דעריבער אַנשטאָט דעם וואָרט אידעע דאָס וואָרט „פאָרם״, ווייל דאָס מיינט גיכער עפּעס און גיט אַ מער פּאָזיטיוון באַגריף פון אַ זאַך: אַ פאָרם פון אַ בנין אין קאָפּ פון אַן אַרכיטעקט איז שוין עפּעס מער ממשותדיק, וואָס גיט אַ באַגריף ווי אַזוי דער בנין וועט שפּעטער אויסזען. צו דעם האָט ער צוגעגעבן אויך דאָס וואָרט „אורזאַך״, אָבער אַזוי ווי ניט אַלע אורזאַכן זיינען גלייך, האָט ער דעריבער פעסט־געשטעלט פיר אורזאַכן. דאָס ערשטע איז דער פּלאַן, ווי אַזוי עפּעס צו שאַפן (לאָמיר זאָגן אַ הויז), דאָס צווייטע איז דער מאַטעריאַל, פון וועלכן עס צו שאַפן. דאָס דריטע איז דאָס אויספאַרטיקן עס — אויף וואָס פאַר אַן אופן (ווייל עס איז אַן אונטערשיד צו וואָס פאַר אַ צוועק דאָס הויז וועט געבויט ווערן) און דאָס פערטע איז דער בויער גופא. ווער ער איז.

אָט די דאָזיקע געדאַנקען האָט אַריסטאָטעל אָנגעווענדעט אויך ווען ער איז געקומען צום געדאַנק פון גאָט, וועלט און מענטש, ווייל דאָס זעלבע קען אָנגעווענדעט ווערן בנוגע דער שאַפונג פון דער וועלט. מען קען פרעגן, וואָס איז געווען דער פּלאַן פון דער שאַפונג פון דער וועלט? פון וואָס אַ מאַטעריאַל האָט מען זי געשאַפן? צו וועלכן צוועק איז זי געשאַפן געוואָרן און ווער איז געווען דער שעפער?

אָבער אַריסטאָטעל איז ניט אין דער הינזיכט אַזוי ווי פּלאַטאָן,

וועלכער איז ניט קלאָר ביי זיך ווען ער קומט צו רעדן וועגן דער קאָס־מאָגראַפּיע (די שאַפונג פון דער וועלט) און פירט דעריבער אַריין דעם לייענער אין מעטאַפיזישע באַגריפן. ביי אַריסטאָטעלן איז אויך ניט אַלץ קלאָר, אָבער אויף אַן אַנדערן אופן. ער גייט אין אייגענעם וועג און ער האָט אָוועקגעלייגט באַלד אין זיינע יונגע יאָרן דעם פונדאַמענט צו אַזאַ פאָרשונג וואָס איז געבליבן גילטיק ביזן היינטיקן טאָג. דאָס איז די וויסנשאַפטלעכע מעטאָדע, נעמלעך, אַז אויב מען וויל עפּעס דערגיין און וויסן, דאַרף מען גיין צום שורש. מען דאַרף עקזאַמינירן און באַטראַכטן אַלע מאַטעריאַלן וואָס מען האָט, אַלע דערשיינונגען, אַלע באַוויזן און פאַרגלייכן איינס מיטן אַנדערן און ערשט דעמאָלט קומען צו אַ באַשלוס, דאָס איז זייער אַ געזונטער שטאַנדפּונקט און אַט דאָס איז אַריסטאָטעלס פאַרדינסט. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אונדז געוויזן דעם וועג פון וויסנשאַפט.

אָבער כּדי צו קענען קומען צו באַשלוסן, דאַרף מען וויסן ווי אַזוי צו דענקען. מען דאַרף האָבן לאָגיק אין קאָפּ. אָבער לאָגיק איז ניט אַזאַ זאַך, וואָס איז ביי אַלעמען גלייך, ווייל עס זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס קומען גאָר צו אַנדערע באַשלוסן. עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי קרומע לאָגיק. וואָס איז אַלזאָ די אמתע לאָגיק? און ווען ווייסט מען וואָס עס איז די קרומע און וואָס ס׳איז די ריכטיקע לאָגיק? דערויף האָט אַריסטאָטעל אונדז געגעבן אַ גרויס ווערק, וואו ער לייגט־אָוועק די סאַמע וויכטיקסטע געזעצן פון לאָגיק. אָט דאָס ווערק איז פון גרויסער באַדייטונג און האָט אַ ווערט אַפילו ביזן היינטיקן טאָג. עס איז נאָך ביז איצט נישטאָ קיין בעסער ווערק וועגן לאָגיק ווי דאָס. אַזוי אַז דער באַרימטער דייטשער פילאָזאָף, עמנואל קאַנט, האָט געזאָגט וועגן דעם, אַז זינט דער צייט פון אַריסטאָטעל האָט מען אויפן געביט פון לאָגיק ניט געמאַכט קיין פּראָגרעס און אויך ניט קיין רעגרעס. אַלץ וואָס אַריסטאָטעל האָט געשריבן אין זיין ווערק „לאָגיק" איז געבליבן גילטיק ביזן היינטיקן טאָג.

* * *

לאָמיר זען ווי אַזוי אַריסטאָטעל שטעלט זיך פאַר די געטלעכקייט. פּלאַטאָן האָט געלערנט, אַז די געטלעכקייט איז אַן אינטעליגענטע אַליין־באַוועגנדיקע, ערשטע סיבה. דאָס איז אַ ביסל שווערע עברי, אָבער אויב מען זאָל דאָס פאַרטייטשן, מיינט עס אַזוי: די געטלעכקייט איז אַ הויכע, די סאַמע העכסטע, גייסטיקסטע קראַפט וואָס איז דאָ אין אוניווערס; אַ קראַפט וואָס האָט ניט געדאַרפט האָבן עמיצן וואָס זאָל עס ברענגען צום זיין.

לאָמיר עס מאַכן נאָך קלאָרער:

ווי באַוואוסט, זיינען דאָ ביי יעדער דערשיינונג צוויי פאָרמען: דאָס געשעענע און דאָס וואָס האָט עס פאַראורזאַכט, אַז עס זאָל געשען (אויף העברעאיש הייסט עס: „סיבה ומסובב״). צום ביישפּיל, ווען עס פאַלט אַראָפּ אַ לעפל פון טיש איז דאָ דער פאַקט, וואָס דער לעפל איז אַראָפּגעפאַלן; אָבער עס איז דאָ נאָך עפּעס: דאָס וואָס עס האָט עס פאַראורזאַכט, ווי למשל, עמיצער האָט געגעבן אַ שטויס אין דער האַנט וואָס האָט געהאַלטן דעם לעפל און ער איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. די געטלעכקייט אָבער האָט קיינער ניט פאַראורזאַכט צו זיין. עס איז דעריבער, אַלזאָ, אַן אַליין באַוועגנדיקע ערשטע סיבה.

און אַריסטאָטעל איז געגאַנגען נאָך אַ שריט ווייטער און דערקלערט, אַז די ווערטער „אורזאַך״ און „פאַראורזאַכער״ זיינען אפילו ניט חל אויף דער געטלעכקייט, פונקט אַזוי ווי עס איז ניט חל אויף איר די מענטשלעכע באַגריפן פון צייט, אָרט און שטאָף.

אָבער מיט דעם אַלעם איז דאָך אַריסטאָטעל אין צווייפל צי גאָט איז געווען דער פאַראורזאַכער פון דער וועלט, ווייל ער דענקט, אַז עס קען זיין, אַז אויך די וועלט איז, ווי גאָט אַליין, אַן אַליין־באַוועגנדיקע ערשטע סיבה. דאָס מיינט (ווי עס ווערט געבראַכט פון די יידישע פילאָזאָפן) אַז די וועלט איז אַ „קדמון״, אָן אַ פאַראורזאַכער, אָן אַן אָנהויב און אָ סוף, פונקט אַזוי ווי גאָט איז אייביק, אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף.

אָט דאָס איז געווען דער גרונט־געדאַנק פון אַריסטאָטעלס שיטה וועגן דער געטלעכקייט, און דאָס האָט אים געפירט צו פיל אַנדערע פאָרשונגען.

אָבער אַריסטאָטעל איז ניט געווען בלויז אַ פילאָזאָף — ניט בלויז אַ גאָט־זוכער און אַ פאָרשער אין די געהיימנישן פון דער וועלט, נאָר אויך, און דער עיקר, אַ וויסנשאַפטס־מאַן, וועלכער האָט זיך באַנוצט אין זיינע פאָרשונגען מיט וויסנשאַפטלעכע גרונדן, וואָס ער האָט אַליין געשאַפן פאַר זיך און אויך פאַר די קומענדיקע פאָרשער. אַריסטאָטעל האָט געשאַפן אויף פיל געביטן און דערמיט אַלעמאָל געעפנט נייע האָריזאָנטן פאַר דער קומענדיקער וויסנשאַפטס־וועלט.

לאָמיר דאָ ברענגען בלויז אַ קורצע רשימה פון די געביטן אין וועלכע אַריסטאָטעל איז געווען פאַראינטערעסירט און איבער וועלכע ער האָט דער ערשטער געשאַפן גרונט־לערעס, וואָס זיינען אָנערקענט ביזן היינטיקן טאָג.

דאָס ערשטע איז זיין בוך „פיזיק", וואו ער רעדט וועגן פאַר־שידענע וויסנשאַפטלעכע ענינים. אין דעם בוך גיט ער אַ לאַנגע אָפּ־האַנדלונג וועגן אַסטראָנאָמיע; אַן אויספירלעכע שילדערונג וועגן מעטעראָלאָגיע, אַ גאַנצע אָפּטיילונג וועגן ביאָלאָגיע און אויך אַן אָפּ־האַנדלונג וועגן האַרטיקולטור (די לערע וועגן פלאַנצן א. ד. ג.).

אין זיין בוך מיטן נאָמען „די ערשטע פילאָזאָפיע" רעדט ער וועגן דעם כאַראַקטער פון דער נאַטור און וועגן לעבן אויף דער וועלט.

אין אַ בוך וועגן „עטיק", וואָס ער האָט געווידמעט זיין זון ניקאָ־מאַכוס (דאָס ווערק רופט זיך דעריבער „ניקאָמאַכישע עטיק"), גיט ער אונדז די גרונט־פּרינציפּן וועגן עטיק.

אין אַ בוך וועגן פּאָעזיע, וואָס ער האָט אָנגערופן „פּאָעטיק", זאָגט ער אונדז וואָס דאָס איז אַזוינס פּאָעזיע. ער האָט אויך אַ בוך וועגן פּאָליטיק, וואָס ער האָט אָנגערופן „פּאָליטיק". און אויך אַ בוך מיטן נאָמען „רעטאָריק" וועגן שיין רעדן.

אין אַ בוך „קאָנסטיטוציע פאַר אַטען" רעדט ער אַרום וואָס עס דאַרף זיין די קאָנסטיטוציע פון אַ לאַנד.

און נאָך פיל אַנדערע.

* * *

דער פּרעסטיזש וואָס אַריסטאָטעל האָט געקראָגן נאָך זיין טויט איז געווען פיל גרעסער און שטאַרקער פון דעם וואָס ער האָט געהאַט בעת זיין לעבן. ער איז נאָך זיין טויט ערשט געוואָרן פאַרהערלעכט. ערשט נאָך זיין טויט האָט זיך אָנגעהויבן זיין גרויסע השפעה, אַזוי ווייט, אַז גאַנצע דורות האָבן זיך געבוקט צו אים און אַרויסגערעדט זיין נאָמען מיט ערפורכט. עס איז ניט געווען, זאָגט הערדער, אין דער וועלט־געשיכטע, נאָך אַ דענקער, וואָס זאָל האָבן געהאַט אַזאַ השפעה ווי אַריס־טאָטעל האָט געהאַט אין משך פון פיל, פיל הונדערטער יאָרן. אין גאַנצן מיטלאַלטער האָט מען פון קיין אַנדערן פילאָזאָף גאַר ניט גערעדט. עס איז געווען נאָך איינער — אַריסטאָטעל.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי געווען? — ער ענטפערט דערויף: צוליב צוויי זאַכן. ערשטנס, ווייל ער איז אַ רעאַליסט, ווייל ער האָט געזען דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז. ער איז ניט קיין טרוימער ווי זיין רבי איז געווען, נאָר אַ מענטש וואָס שטייט מיטביידע פיס אויף דער ערד און ער האָט ליב דאָס לעבן און זאָגט ניט, אַז די וועלט איז אַ גיהנום, אַן אומגליק א. ד. גל. ווי פלאַטאָן האָט געפּרעדיקט. צווייטנס, דערפאַר, וואָס

צי מען איז מיט אים איינשטימיק צי ניט, גייט מען ביי אים אַ גליכן גאַנג אין דער פאָרשונג. ער הויבט־אָן פון סאַמע אָנהויב און זוכט און פאָרשט דעם אמת. און דאָס טוט ער ניט דורך קיין דיאַלאָגן, ווי זיין רבי פּלאַטאָן, נאָר דורך ניכטערער, טרוקענער פאָרשונג, דורך גרונטעווען זיך און פאַרטיפן זיך אין אַן ענין, אויף ווי וויט מען קען נאָר גיין. דערביי טאַדלט ער ניט זיין רבין, פאַרקערט ער גיט אים אָפּ כבוד ווען נאָר ער דערמאָנט אים און ווען ער האָט אַן אַנדערע מיינונג וועגן אַן ענין, טוט ער עס אויף אַן אופן, וואָס איז ניט קיין אומכבוד פאַר זיין מייסטער. אַזוי, למשל, איז ער, אַריסטאָטעל, פאַראינטערעסירט, אַז יעדער מענטש זאָל זיין גליקלעך אין לעבן. ער באַצייכנט עס מיטן אַלטן גריכישן וואָרט „איידאַי מאָניאַ״, וואָס מען קען עס איבערזעצן אויף יידיש מיט די ווערטער „גליקלעך״, „צופרידן״, „לייטזעליק״, אָדער גאָר מיט דעם העברעאישן וואָרט „נחת״. אַריסטאָטעל שטרעבט דערצו, אַז דער מענטש זאָל אַזוי לעבן אויף גאָטס וועלט, אַז ער זאָל האָבן אָט־די „איידאַי מאָניאַ״, אָבער ער דערקלערט דאָך וויטער, אַז דער גליקלעכער מענטש („איידאַ־מאָן״) איז ניט דער וואָס זוכט נאָר בלויז פאַרגעניגנס פאַר זיך אַליין, נאָר דער וואָס פירט אַ לעבן וואָס גיט ניט בלויז אים, נאָר אויך אַנדערע מענטשן צופרידנהייט; דער, וועלכער איז אַ נוצלעכער מענטש אין דער געזעלשאַפט.

אַריסטאָטעל איז פּראַקטיש. ער גלויבט ניט אין דעם, אַז עס קען זיין ריינער אַלטרואיזם (ליבע צום צווייטן). ער דענקט אַפילו אַז דאָס איז גאָר ניט נויטיק אויך; אַז סוף־כל־סוף איז אַ מענטש אַן עגאָאיסט און דעריבער איז אַפילו אין אַלטרואיזם אויך דאָ אַ היפּשע פּאָרציע פון עגאָאיזם. אָבער עס איז גוט אַזוי. אויב אַ מענטש טוט גוטס צו עמיצן צוליב דעם וואָס ער האָט אַליין דערפון אַ נוצן, איז דאָס נאָך בעסער. זאָל ער עס טאָן, ווייל דעמאָלט וועט ער עס גיכער טאָן. אויב אַ מענטש טוט גוטס, ווידער, צו אַן אַנדערן, כדי יענער זאָל אים אָפּגעבן שפּעטער מיט עפּעס אַנדערש, איז עס אויך גוט, זאָלן אַלע טאָן גוטס צו אַנדערע, פאַר וועלכע מאָטיוון זיי ווילן אַליין, אָבער זאָלן זיי עס טאָן. עס וועט דערפון אַרויסקומען בלויז גוטס.

אָבער דאָ קומען מיר שוין צו צו אַ שיטה, וואָס עס האָט געפּרע־דיקט אַן אַנדערער גריכישער געלערנטער, עפּיקור, דער שמייכלענדיקער פּעסימיסט, אָבער ער איז ניט געווען דער איינציקער. עס זיינען געווען אין דער נאָך־אַריסטאָטעל עפּאָכע פיר וויכטיקע שיטות, ווי עפּיקורעאיזם, ציניזם, פּעסימיזם און סטאָאיציזם.

12. ווער איז געווען עפּיקורוס?

דער פילאָזאָף, וואָס האָט געלערנט, אַז דאָס לעבן איז גאָרניט ווערט און מען דאַרף דעריבער זוכן וואָס מער הנאה צו האָבן פון אַלעם. — דער ערשטער פון די פיר לעצטע פילאָזאָפן פון גריכנלאַנד. — עפּיקורוסעס יוגנט. — זיין לערע וועגן עוואָלוציע און וועגן אַטאָמען.

נאָך אַריסטאָטעלס טויט זיינען אין גריכנלאַנד אויפגעקומען פילאָזאָפן שוין פון אַ קלענערן פאַרנעם און די סאַמע פיר גרעסטע פון זיי זיינען געווען שעפער פון פּעסימיסטישע און ציניסטישע פילאָזאָפישע שיטות. זיי זיינען געווען: 1) עפּיקורוס, מיט אַ שיטה וואָס זאָגט: „עס און טרינק, ווייל עס איז מער גאָר ניטאָ צו טאָן אויף אונדזער וועלט"; 2) די סטאָיקער, מיט זייער פירער זענאָ, אַ שיטה, וואָס איז געווען ענלעך צו דער שיטה פון עפּיקורוס און נאָך צוויי קלענערע פילאָזאָפישע שולן: 3) די פון די ציניקער מיט זייער פירער אַנטיסטהענעס און 4) די סקעפּטיקער מיט זייער פירער פּירראָ פון עליס. מיר וועלן שפּעטער רעדן וועגן די ערשטע צוויי, אָבער די לעצטע צוויי זענען געווען הוילע פּעסימיסטן, אָן באַזונדערער פאַרטיפונג. די ציניקער האָבן געזאָגט, אַז אַלע מענטשלעכע אַמביציעס זיינען ניט מער ווי אַ יאָגן זיך נאָך וואָלקנס וואָס פאַרשווינדן נאָך אַ רעגן. די סקעפּטיקער ווידער האָבן געזאָגט, אַז עס איז אַ צווייפל צי אין לעבן איז עפּעס דאָ אַזוינס וואָס עס איז ווערט אַז מען זאָל לעבן צוליב דעם. איינער פון די סקעפּטיקער, העגעסיאָס, האָט אַפילו אָפן געפּרעדיקט זעלבסטמאָרד אַלס דעם בעסטן אויסוועג פון לעבן. אָבער דאָך האָט ער אַליין געלעבט ביז 80 יאָר. ווען מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט ניט געטאָן דאָס וואָס ער האָט געפּרעדיקט, האָט ער געענטפערט, אַז אויב ער וואָלט דאָס געטאָן, וואָלט ניט געווען ווער עס זאָל דאָס פּרעדיקן...

ביי אַלע פיר הערשט איין און דער זעלבער פּעסימיסטישער טאָן, אַלע פרעגן זיי, צי עס לוינט זיך צו לעבן און אַזוי ווי מען איז שוין געבוירן געוואָרן, וואָס איז דאָס בעסטע, וואָס מ'קען טאָן אויף דער וועלט?...

דעם שטאַרקסטן ענטפער פון אַלע פיר לעצטע גריכישע פילאָזאָפן צו דער פראַגע האָט געגעבן עפּיקורוס. זיין פילאָזאָפישע שיטה איז

אַ טיפּע (כאָטש אַנדערע מיינען, אַז זי באַשטייט בלויז פון הייסן לעבן אַ גוטן טאָג). עפּיקורוסעס שיטה איז אַזעלכע וואָס מען הויבט ערשט איצט אָן זי ריכטיק צו פאַרשטיין, ווייל זי אַנטהאַלט דעם עצם געדאַנק פון עוואָלוציע און פון דער אַטאָמען־לערע. דעריבער לאָמיר זיך פריער פאַר אַלץ באַקענען מיט עפּיקורוסן און זען וואָס ער לערנט אונדז.

* * *

עפּיקורוס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 341 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. עפּיקורוסעס פאָטער איז געווען אַ לערער אין אַ שול, אָבער ער האָט געקראָגן אַזוי ווייניק באַצאָלט פון דער שול, אַז זיין ווייב האָט אים געמוזט אַרויסהעלפן אין דער פּרנסה, און זי האָט דעריבער פאַרקויפט אין מאַרק פאַרשידענע קמיעות, געבעט־ביכער און כלערליי סגולות. זי איז אויך געווען אַ מין זנאַכאַרקע פאַר גייסטיק־צערודערטע מענטשן. עפּיקורוס אַליין האָט אויך זיין מוטער געמוזט אַרויסהעלפן נאָך די שול־שטונדן ביים פאַרקויפן די דאָזיקע שמאַכטעס. אָבער עפּיקורוס האָט געהאַט אַ פאַרשענדיקן מוח נאָך אין זיין גאָר יונגן עלטער. ווען אַ לערער האָט אים געזאָגט אין שול, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט פון תוהו־ובוהו (כאַאָס), האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אים געפרעגט:

— אָבער ווער האָט באַשאַפן דעם כאַאָס? אָט דעם תוהו ובוהו?

ווען דער לערער האָט אים געענטפערט, אַז דערויף קען מען ניט ענטפערן, האָט ער, עפּיקורוס אים דערקלערט, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער שטודירן פילאָזאָפיע, כדי צו געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע און אויך אויף נאָך אַנדערע פראַגן וואָס באַאומרואיקן אים.

ווען עפּיקורוס איז אַלט געווען 18 יאָר, איז ער געקומען קיין אַטען צו שטודירן פילאָזאָפיע. אַטען איז פאַר אים ניט געווען קיין פרעמדע שטאָט, ווייל דאָרטן איז זיין פאָטער געבוירן געוואָרן, און ער האָט געהערט ווי זיין פאָטער האָט גערעדט וועגן אַטען מיט גרויס ליבשאַפט.

עפּיקורוס איז געוואָרן באַלד באַקאַנט מיט די פאַרשידענע שולן פון פילאָזאָפיע, וואָס עס זיינען דעמאָלט דאָרטן געווען. אָבער ער האָט אין זיי אַלע ניט געפונען דאָס וואָס ער האָט געזוכט: אַ פילאָזאָפישע שיטה וואָס זאָל באַרואיקן זיין דורשט נאָך דעם אמת.

נאָך אַ געוויסער צייט אין אַטען האָט ער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די שטאָט און צו וואַנדערן. ער האָט אַזוי געוואַנדערט פאַר פיל יאָרן

פון לאַנד צו לאַנד און אומעטום געזוכט עפּעס צו לערנען. ער איז געקומען צוריק קיין אַטען ערשט ווען ער איז אַלט געווען 35 יאָר. ער האָט זיך איצט געקויפט אַ הויז מיט אַ גאָרטן (אַזוי איז דאָרטן געווען דער שטייגער — יעדעס הויז האָט געהאַט אַ גאָרטן), און האָט איינגעאָרדנט אין זיין גאָרטן אַן אַקאַדעמיע פאַר פילאָזאָפיע.

די דאָזיקע אַקאַדעמיע איז געווען פון אַ „קאָ־עד" סיסטעם (דאָס הייסט, יונגעלייט און מיידלעך צוזאַמען). די שול האָט געהאַט דערפאָלג באַלד פון אָנהויב אָן. עפּיקורוס האָט געהאַלטן געשפּאַנט זיינע צוהערער מיט זיינע מאָדערניסטישע געדאַנקען, מיט וועלכע ער האָט זיי סיי שאָקירט און סיי אַמוזירט. ער האָט גענומען רעדן אַנדערע רייד, ווי עס איז געווען דעמאָלט אין דער מאָדע ביי די אינטעליגענטן, וועגן גאָט, וועלט און מענטש.

צום ערשטן האָט ער אָפּגעלאַכט פון די, וואָס גלויבן אין אַ יענער וועלט, אין „השארת־הנפש", ד.ה., אַז די נשמה בלייבט לעבן נאָכן טויט, און האָט „באַוויזן", אַז דאָס איז ניט אַזוי. ער האָט אויך מיט זיינע סטודענטן געלערנט, אַז זיי דאַרפן אויסנוצן די צייט וואָס זיי לעבן אויף דער וועלט פאַר זיך, ווייל קיין אַנדער לעבן איז נישטאָ. אָט־די פילאָזאָפיע איז געווען צוגעפּאַסט צו יענער צייט, ווען מען האָט געזען וואָס עס איז געוואָרן פון דער גאַנצער ציוויליזאַציע פון פּערסיע און פון אַנדערע לענדער. מענטשן האָבן איצט געוואָלט געניסן מער פון לעבן; מער אַריינכאַפּן. עס האָט געהערשט דעמאָלט דער געדאַנק; „עס און טרינק, ווייל מאָרגן שטאַרבסטו".

עפּיקורוס איז דעריבער באַלד געוואָרן דער פּאָפּולערסטער פילאָזאָף און זייער פיל האָבן זיך געריסן צו לערנען אין זיין שול. אָבער אַזוי ווי דער פּלאַץ איז געווען ניט צו גרויס און ער האָט ניט געקענט אַריינעמען נאָך מער סטודענטן, האָט ער געשריבן אַ סך ביכער, וועלכע זיינען צעכאַפּט געוואָרן פון די מאַסן. מען רעכנט, אַז ער האָט געשריבן אַן ערך פון 300 ביכער, אָבער — ווי טרויעריק דאָס זאָל ניט זיין — קיין איין בוך איז פון אים ניט געבליבן, אַלץ איז אַוועק מיט דעם שטויב פון דער צייט...

אַזוי־אַרום וואָלט מעגלעך געווען אַז עס זאָל אינגאַנצן געווען פאַרלוירן געגאַנגען פאַר אונדז דאָס וואָס אָט דער גרויסער פילאָזאָף האָט געשריבן. איז אָבער געשען אַ זאַך, וואָס זיינער אַ תלמיד מיט 250 יאָר שפּעטער, איינער וואָס האָט געהאַט זיינע ווערק, האָט אָנגעשריבן אַ ווערק, וואו ער גיט איבער אַלץ וואָס עפּיקורוס האָט געלערנט. דער־

דאָזיקער תלמיד האָט געהייסן לוקרעציוס און האָט געלעבט אין רוים. ער האָט אָנגעשריבן אַן עפּישע פּאָעמע אין לאַטיין מיטן נאָמען „דע רערום נאַטורא״ („וועגן דער נאַטור פון זאַכן״). אָט די פּאָעמע איז איינע פון די מערקווירדיקסטע זאַכן אין דער וועלט־ליטעראַטור. די גאַנצע פּאָעמע איז אַ פּאַדערונג צו באַטראַכטן אַלץ מיט קאַלטער לאָגיק אָבער דאָך איז די פּאָעמע אַליין אָנגעשריבן מיט פיל פייער און ברען, ווי אַ חסיד וועגן זיין רבין. די פּאָעמע איז בכלל אַ מייסטער־ווערק. עס איז אַ ביבל פאַר ניט־גלויביקע.

מיר ווילן דעריבער לאָזן לוקרעציוסן רעדן און הערן פון אים וואָס ער האָט געלערנט פון עפּיקורוסעס ווערק, און ווי אַזוי ער פּאַסט אַלץ אויף. ווי אַזוי ער פאַרשטייט עפּיקורוסעס פילאָזאָפישע שיטה.

וואָס איז דער זין פון לעבן? — פרעגט לוקרעציוס און ער ענטפערט דערויף:

— לויט עפּיקורוסן איז דער זין פון לעבן נאָר איינער — צו הנאה האָבן פון לעבן. מיר האָבן ניט עפּעס בעסערס אין אונדזער וועלט כל־זמן מיר לעבן. מיר זיינען ניט די קינדער פון אַ גוטן גאָט, נאָר שטיף־קינדער פון אַ בייזער נאַטור. יעדנפאַלס איז זי, די מוטער־נאַטור, גלייכגילטיק צו אונדז און עס קימערט איר ניט אונדזער גורל. דאָס לעבן איז אַ צופאַל אין אַ מעכאַנישן אוניווערס, אָבער מיר קענען, אויב מיר ווילן, מאַכן, אַז די וועלט זאָל זיין אַ גליקלעכער פּלאַץ פאַר אונדז. צום ווייניקסטן אַז עס זאָל זיין פאַר אונדז אינטערעסאַנט.

אָבער דאָ קומט דאָס סאַמע שווערסטע, וואָס עס דאַרף אייגנטלעך זיין דאָס סאַמע גרינגסטע, ווייל עס מיינט אַז אונדזער גליק הענגט אָפּ פון אונדז אַליין. מיר מוזן אַליין שאַפן אַזאַ וועלט, וואו מיר זאָלן זיין גליקלעך. היות אָבער ווי דאָס דאַרפן טאָן די מענטשן, איז דאָס אום־מעגלעך אויסצופירן, ווייל פאַרשידענע מענטשן האָבן פאַרשידענע אידעען.

אַזוי צי אַזוי, דאַרפן מיר וויסן, אַז די וועלט איז ניט געשאַפן געוואָרן פון קיין גאָט. עס איז בלויז אַ צופאַל, צוליב דער באַוועגונג פון די אַטאָמען אין דעם אומענדלעכן פּלאַץ פון אוניווערס.

און דאָ הויבט אָן לוקרעציוס צו אַנטוויקלען עפּיקורוסעס שיטה וועגן די אַטאָמען־באַוועגונגען און אויך זיין שיטה וועגן דער עוואָלוציע פון די באַשעפענישן אויף גאָטס וועלט. דאָ רעדט שוין עפּיקורוס, דער וויסנשאַפטסמאַן, ווייל עפּיקורוס, איז געווען אי אַ פילאָזאָף, אי אַ וויסנ־שאַפטסמאַן און נאָכדעם ווי לוקרעציוס ווערט פאַרטיק מיט עפּיקורוס פון דער וויסנשאַפט, גייט ער צוריק איבער צו עפּיקורוס דעם פילאָזאָף.

כדי אָפּצוטײלן אײנס פון אַנדערן, װעלן מיר דאָ פריער ברענגען זײנע רײד װעגן עפּיקורוסן אַלס פילאָזאָף און דערנאָך ערשט זײנע װיסנשאַפטלעכע טעאָריעס.

אַלזאָ, עפּיקורוס לערנט אונדז אַזױ: מיר דאַרפן װיסן, אַז אויף דער ערד, װאו מיר לעבן, האָבן מיר זיך אַרײנגעצױגן נאָר אויף אַ געװיסער צײט. און װען די צײט קומט, װעט אונדז דער װירט אַרױסטרײבן, אַפילו נאָך צו געבן אונדז פריער אַ מעלדונג װעגן דעם. מיר װערן אַרױסגעװאָרפן פון דער דירה אָן שום פריערדיקער װאָרעניש. דעריבער דאַרף מען שטענדיק זײן צוגעגרײט דערצו און ניט מאַכן קײן טראַגעדיע דערפון. מען דאַרף װיסן, אַז אַזױ װעט עס זײן און עס איז פאַרפאַלן. דאָס האָט פּאַסירט מיט אַלע, זינט די װעלט איז װעלט און דאָס װעט אויך פּאַסירן מיט אונדז און אויך מיט די, װאָס װעלן קומען נאָך אונדז. אַזױ װעט עס זײן אײביק.

אָבער אויב שױן אַזױ, לאָמיר כאָטש הנאה האָבן פון די פּאָר יאָר װאָס מיר זײנען אויף דער װעלט. אַזױ פיל מיליאָנען יאָרן פריער, פאַר אונדז, זײנען מיר ניט געװען און אַזױ פיל מיליאָנען יאָרן נאָך אונדז װעלן מיר אויך ניט זײן, לאָמיר כאָטש פון די עטלעכע יאָר (װאָס זײנען ממש סעקונדן בײ דער אײביקײט פון ניט זײן) הנאה האָבן פון לעבן. לאָמיר עס אױסנוצן פאַר אונדזערט־װעגן.

און נאָך עפּעס: לאָמיר זיך אױסלערנען ניט צו באַטראַכטן דעם טױט פאַר אַן אומגליק. פאַרקערט, לאָמיר אים באַטראַכטן פאַר אַ מזל, און אַפילו פאַר אַ גוטער זאַך, װײל אין טױט איז נישטאָ קײן לײדן מער, קײן אױפרעגונג, קײן שום באַלײדיקונגען א.ד.גל. מען דאַרף אָבער אויך װיסן, אַז עס איז נישטאָ אויך קײן שום גן־עדן און גיהנום, װי אַ טײל פירער פון רעליגיעס װילן אײנשמועסן דעם עולם. נײן! דאָס זײנען אַלץ באָבע־מעשיות. נאָכן טױט איז גאָר נישטאָ. דער טױט איז, אויב איר װילט אַזאַ מין שלאָף, אָבער אַ שלאָף אָן חלומות, פון װעלכן מען װעקט זיך ניט אויף מער. דער טױט באַפרײט אונדז פון דער נאַרישער, בײזער װעלט. דער טױט איז דער דאָקטאָר װאָס הײלט אונדז אױס פון דער ערגסטער קראַנקהײט װאָס הײסט לעבן.

און אַפילו, װען אײנעם גײט גוט אין לעבן, װען ער האָט אַפילו רײכקײט, כבוד און נחת פון קינדער, איז דען דער טױט פאַר אים אויך ניט אַן אױסלײזונג? עס איז אַ ישועה דערמיט װאָס ער קומט אין אַ צײט, אײדער דער קערפּער צעפאַלט און אײדער אָט־די אַלע גוטע זאַכן הערן אויף, װען עס געשעט אײדער אַ מענטש װערט אַן אינװאַליד און פאַלט

צו לאַסט. אויסער דעם איז עשירות, כבוד און אַפילו נחת פון קינדער ניט פון די זאַכן וואָס מען קען זיין זיכער מיט זיי, אַז זיי וועלן אָנ־האַלטן אייביק. דעריבער, לערנט אונדז עפּיקורוס דורכן מויל פון לוקרעצ־יוסן, זאָל מען אויפהערן מורא צו האָבן פאַרן טויט.

אויסער דעם לערנט ער אונדז ווי אַזוי צו לעבן אויף גאָטס וועלט.

צום ערשטן דאַרף אַ מענטש אַנטוויקלען ביי זיך אַ חוש פאַר הומאָר, דאָס איז זייער נוצלעך, ווייל מען קען דאָך אַלץ ניט נעמען ערנסט.

לערן זיך אויס, מענטש, הנאה צו האָבן פון די שיינע זאַכן אין לעבן, פון אַ שיינעם זון־אויפגאַנג און אונטערגאַנג, פון שיינע בלומען און בכלל פון דער שיינער נאַטור.

לערן זיך אויס, מענטש, צו קענען ליידן און שווייגן. דאָס איז זייער נוצלעך. טו אַזוי ווי אַן אַקטיאָר טוט, ווען ער שפּילט אַ ראָל. מען דאַרף קענען באַהאַלטן די ליידן, מען דאַרף קענען לאַכן, ווען עס טוט וויי...

פאַרלאַנג ניט צופיל! באַגרענעץ דיינע אַפּעטיטן. מען קען אויס־קומען אָן זייער פיל זאַכן. עס לוינט זיך ניט אַוועקצוגעבן פיל פון לעבן, ליידן און מי פאַר זיי. זיי צופרידן מיט דיין גורל...

זיי מוחל מענטשן זייערע נאַרישקייטן און שאַף וואָס מער פריינד. אויב עמיצער זאָגט דיר עפּעס וואָס באַליידיקט דיך, טראַכט דערפון, אַז ער האָט דאָס געזאָגט, ווייל ער ווייסט ניט צו פיל און ער קען דיך אויך ניט צו גוט... עס איז, אַלזאָ, געווען אַ טעות, עפּעס גלאַט גערעדט. מאַך דעריבער דערפון ניט קיין ווערן. עס לוינט ניט...

ווער ניט צופיל צעקאָכט וועגן זאַכן. פאַל ניט אַריין אין קיין באַגייסטערונג וועגן מענטשן ווייל עס קען זיך שפּעטער אַרויסווייזן, אַז זיי זיינען ניט דאָס. דאָס מיינט ניט, מאַכן גרויסע מענטשן צו ניט, דאָס מיינט נאָר, אַז מען זאָל ניט איבערטרייבן וועגן זאַכן און מענטשן, כדי שפּעטער ניט צו האָבן קיין אַנטוישונג.

האָט עפּיקורוס געשאַפן אַ „רעליגיע פאַר אומגלויביקע״?

מיר וואונדערן זיך אַמאָל, ווען מיר הערן, אַז אַ געוויסע אידעע, וואָס איז ניי, וועגן וועלכער מיר זיינען זיכער, אַז זי איז אַ פּראָדוקט פון אונדזער 20טן יאָרהונדערט, איז שוין גאָר אַמאָל געווען אין געדאַנק ביי אונדזערע עלטער־עלטער־זיידעס מיט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן צוריק. אָבער עס איז באמת נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון. ווען

מיר שטודירן די געשיכטע פון דער מענטשהייט, זעען מיר, אַז ניט נאָר זיינען געוויסע אידעען געווען ניט פרעמד אונדזערע אור־עלטערן מיט פיל דורות צוריק, נאָר אַז אַפילו גאַנצע סיסטעמען און שיטות, וואָס מיר באַטראַכטן זיי מיט זיכערקייט אלס מאָדערנע געדאַנקען, זיינען שוין געווען באַוואוסט אין דער צייט, ווען די גרויסע גריכישע דענקער און פילאָזאָפן האָבן שפּאַצירט איבער די גאַסן פון אַטען. דאָס הייסט, מיט עטלעכע און צוואַנציק הונדערט יאָר צוריק.

מיר וועלן איצט דאָ נעמען צוויי פון אונדזערע מאָדערנע אידעען: דעם געדאַנק פון עוואָלוציע, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון אַנטוויקלונג אין דער וועלט, סיי אין פיזישן און סיי אין גייסטיקן הינזיכט, און די אַטאָמען־לערע, וועלכע האָט באַזונדערס אָנגענומען אַ באַדייטנדיקן כאַראַקטער אין אונדזער צייט, צוליב דער דערגרייכונג צו קענען שפּאַלטן דעם אַטאָם און די רעזולטאַטן דערפון. נו, ווייזט זיך אַרויס, אַז אַט־די צוויי טעאָריעס זיינען ניט געווען פרעמד שוין עפּיקורוסן, לויט דעם ווי לוקרעציוס דערציילט אונדז וועגן דעם אין זיין עפּישער פּאָעמע (אין לאַטיין) „דע רערום נאַטוראַ" (וועגן דער נאַטור פון זאַכן).

לוקרעציוס, דער תלמיד פון עפּיקורוסן, 250 יאָר נאָך זיין טויט, שרייבט וועגן דעם, אויפן גרונד פון עפּיקורוסעס ווערק, וועלכע ער האָט געהאַט פאַר זיך אין גריכיש. לוקרעציוס שרייבט אַט וואָס:

„דאָס פירט אונדז צו דער אַטאָמען־לערע פון עפּיקורוס, וועלכער האָט געבאָרגט די טעאָריע פון דעמאָקריטוסן, אַ פריערדיקן גריכישן פילאָזאָף, וואָס איז געווען איינער פון יענע מענטשן, וואָס מען געפינט אַזוי ווייניק אין דער אַמאָליקער וועלט, אַ דענקער פאַר וועמען די אַנטדעקונג פון אַ וויסנשאַפטלעכן אמת איז געווען מער ווי כטיק, ווי אַפילו די פאַרשקלאַפונג פון זיין פאָלק. עפּיקורוס האָט, אַזוי ווי דעמאָקריטוס, באמת געגלויבט, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אָן אַ גאָט, יעדנפאַלס, אַז די וועלט איז אַנטשטאַנען ניט דורך דעם כוח, ווילן אָדער באַגער פון אַ גאָט אָדער געטער. עס קען זיין זאָגט עפּיקורוס, אַז עס זיינען געווען, אָדער אַז ס׳זיינען דאָ געטער אָדער אַפילו איין גאָט, אָבער ער האָט ניט געהאַט צו טאָן מיטן שאַפן פון דער וועלט. די וועלט, ווי מיר זעען זי, איז ניט מער ווי אַ קאָמבינאַציע פון אַטאָמען, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון כאַאָס און זיי קענען אויך צוריק אַריינ־געוואָרפן ווערן אין כאַאָס פון אוניווערס, וועלכער איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק די גרויסע רייבונגען פון די אַטאָמען, פונקט אַזוי ווי עס אַנטשטייט פייער פון דעם רייבן פון אַ שטיין מיט אַ שטיין. די אַטאָמען זיינען פון

פאַרשידענע פאַרמען און זיי קומען אָפּט אין צוזאַמענשטויס פון וואָס עס אַנטשטייען וועלטן אין אוניווערס אין דער פאָרם פון פלאַנעטן און שטערן, זונען און לבנות.

„אונדזער אוניווערס איז ניט איינער. עס זיינען דאָ פיל וואָס זיינען פונקט אַזוי שיין אָדער ניט שיין, אָנגעפילט מיט מענטשן און חיות, אָדער ליידיק. עס זיינען פאַראַן פיל מינים ערד וואָס האָבן זון־שיין און לבנות, מענטשן און חיות, אַלץ אַזוי ווי ביי אונדז, ווייל דער פּראָצעס פון צוזאַמענשטויס פון די אַטאָמען גייט אַלע מאָל אָן, אָבער אַלץ קומט אומדערוואַרט. עס איז ניטאָ קיין האַנט וואָס זאָל אָנפירן דערמיט. עס איז ניטאָ אַ גאָט וואָס פירט אָן מיט אַלעם, ווייל אויב עס איז דאָ אַ גאָט, איז ער אויך אַ פּראָדוקט פון די אַטאָמען, אָבער אפילו אַ גאָט אָדער געטער זיינען ניט אויף אייביק, ווייל אַלץ פאַרגייט. אונדזער וועלט איז אויך ניט אויף אייביק. זי וועט אונטערגיין אַמאָל, אין מיליאָנען יאָרן שפּעטער, און ווידער וועלן פון אירע חורבות געשאַפן ווערן נייע וועלטן".

אַזוי ווייט לוקרעציוסעס אויסטייטשונג פון עפּיקורוסעס וויסנ־שאַפטלעכן צוגאַנג צו דער וועלט־באַשאַפונג, אָבער וואָס עס איז פאַר אונדז וויכטיק אין אָט־דער גאָטלאָזער שיטה, איז דאָס וואָס ער רעדט וועגן די אַטאָמען, אַ טעאָריע, וואָס האָט אַ גרויס אָרט אין דער היינטיקער וויסנשאַפט, כאָטש מיר פאַרשטייען דעם ענין פיל, פיל אַנדערש.

אַ ביסל שפּעטער גיט לוקרעציוס איבער עפּיקורוסעס געדאַנקען וועגן דער עוואָלוציע פון דער וועלט. נאָך דעם ווי עפּיקורוס גיט אונדז די אַנטשטייאונג פון דער וועלט און פון לעבן, גיט ער אונדז, לויט לוקרעציוסן, אַ שיטה פון עוואָלוציע, אַז פריער איז די וועלט געווען אַ וויסטע מאַסע, אַ תוהו־ובוהו, שפּעטער איז געקומען גראָז און געוויקסן. דערנאָך פייגל און חיות, דערנאָך דער מענטש, און זיין אַנטוויקלונג ביז צו דער מדרגה וואָס ער איז איצט. כמעט די גאַנצע אַנטוויקלונגס־געשיכטע לויט ווי עס שילדערט זי, ספּענסער, דאַרווין און אַלע אַנדערע ביז אָסוואַלדן. עפּיקורוס האָט, אַלזאָ, געשאַפן די טעאָריע פון עוואָלוציע מיט 22 הונדערט יאָר פריער פאַר דאַרווינען.

* * *

וואָס האָט געפירט עפּיקורוסן צו שאַפן זיין טעאָריע פון אַטאָמען און עוואָלוציע ? עס איז געווען דאָס, וואָס ער האָט ניט געוואָלט, אָדער ניט

געקענט מסכים זיין מיט די, וואָס זאָגן, אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט. לוקרעציוס אין זיין פּאָעמע שרייבט, אַז עפּיקורוס האָט געזאָגט.

„איך קען זיך בשום אופן ניט פאַרשטעלן, אַז די וועלט מיט אירע פאַרשידענע שלעכטע פאָרמען זאָל זיין אַ שאַפונג פון אַ גאָט. די וועלט און די מענטשן זיינען צו נאַריש, צו נישטיק, אַז מען זאָל קענען זאָגן וועגן זיי, אַז זיי זיינען אַ שאַפונג פון געטלעכער קראַפט. ניין, אַ גאָט האָט אַזעלכעס ניט געשאַפן! קיין שום גאָט וואָלט ניט אַריינגעגעבן קיין גע־דאַנק אין די קעפּ פון די מענטשן, צו בויען פאַר אים אַ טעמפּל און באַלד דערנאָך זאָל ער עס צעשטערן דורך אַ בליץ, וואָס ער האָט אַנגעשיקט אויף אים! קיין שום געטלעכע קראַפט וואָלט ניט אויסגעהיילט אַ יונגן מענטש פון אַ געפערלעכער קראַנקהייט כדי אים צו שיקן דערנאָך אויפן שלאַכטפעלד וואו ער זאָל אומקומען. גאָט און מענטש זיינען פרעמדע אין אַ וועלט וואָס זיי האָבן ניט געשאַפן. זאָלן דעריבער די געטער זאָרגן פאַר זיך און מיר מענטשן וועלן זאָרגן פאַר זיך. מיר דאַרפן ניט רופן צו די געטער אַז זיי זאָלן אונדז העלפן. זיי העלפן אונדז קיינמאָל ניט און מיר דאַרפן אויך ניט זוכן זייער הילף. זאָלן זיי זיך אַליין העלפן! זיי זיינען אַליין הילפלאָז!"

אָבער, פרעגט עפּיקורוס, אויב אַזוי, ווי איז עס געוואָרן, אַז עס זאָלן וואַקסן אַזעלכע שיינע בלומען? ווי אַזוי איז דאָ אַזאַ רייכע נאַטור אין פאַרשיידענע סאָרטן? פון וואַנען נעמען זיך אַזעלכע שטאַרקע חיות ווי דער לייב און אַזעלכע קליינע באַשעפענישן ווי די מילב? און ווי אַזוי איז געקומען שכל אויף דער וועלט? ווי אַזוי איז עס געוואָרן מעגלעך אַז עס זאָלן זיין אַזעלכע פילאָזאָפן ווי דעמאָקריטוס און ווי איך אַליין, עפּיקורוס, — איז דאָ ניט געווען גאָטס האַנט?

ניין, זאָגט עפּיקורוס, קיינער פון די געטער האָט גאָרניט געשאַפן. עס איז בלויז אַ פּראָצעס פון מיליאָנען און מיליאָנען יאָרן. עס זיינען געווען פיל פאַלן פון דורכפאַל. פיל מיליאָנען יאָרן פון פעלערן. עס איז אַלץ געקומען נאָר פון צופאַל, דורכפאַל און צוגויפפאַל. עס איז גאָרניט געפלאַנט געוואָרן פריער. עס איז בלויז אַזוי געשען אין גאַנג פון דורות, ווען זאַכן האָבן זיך אַליין פאַרבעסערט און פאַרשענערט. עס איז אָבער אַלץ נאָך ווייט פון צו זיין גוט און שיין און דער פּראָצעס גייט דעריבער נאָך אָן און וועט אָנגיין אַזוי נאָך פיל מיליאָנען יאָרן.

אַזוי זאָגט עפּיקורוס דורכן מויל פון לוקרעציוסן.

מיר זעען אַלזאָ ווי אַזוי די וויסנשאַפטלעכע שיטה פון עפּיקורוסן העלפט אים אַרויס אין זיין פילאָזאָפישער שיטה און ווי אַזוי איינס אָן

אַנדערן איז ניט מעגלעך. אָן דעם וויסנשאַפטלעכען צוגאַנג פון דער באַ־שאַפונג פון דער וועלט, אָן אַ גאָט וואָלט ניט מעגלעך געווען פאַר עפּיקו־רוסן זיין פילאָזאָפישע אויפפאַסונג וועגן דעם מענטש אין דער וועלט.

עפּיקורוס, זאָגט לוקרעציוס, האָט געוואָלט באַפרייען דעם מענטש פון יעדער מורא. דער מענטש האָט צוויי מוראס: איינע איז פאַר גאָט און די צווייטע איז פאַרן טויט. עפּיקורוס האָט באַפרייט דעם מענטש פון דער מורא פאַר גאָט. דערמיט וואָס ער האָט דערקלערט, אַז גאָט האָט ניט געשאַפן די וועלט און אויב עס איז אפילו דאָ אַ גאָט, דאַרף דער מענטש פאַר אים קיין מורא ניט האָבן. די צווייטע מורא, די פאַרן טויט, צעשטערט עפּיקורוס דורך זיינע רייד, אַז פאַר דעם טויט איז אויך נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, ווייל עס דאַרף זיין גאָר אַנדערש אונדזער צוגאַנג צו אָט דער דערשיינונג.

אַזוי ווייט דער געדאַנקען־גאַנג פון עפּיקורוסן לויט ווי עס איז ארויסגעבראַכט געוואָרן אין לוקרעציוסעס ווערק. אָבער עס איז נאָך אַלץ ניט גענוג קלאָר. קודם־כל פעלט אין דער טעאָריע אַ דערקלערונג פון וואַנען עס איז געקומען דער כאַאָס, ווער האָט אים געשאַפן? עס איז אויך ניט קלאָר פון וואַנען עס זיינען געקומען די אַטאָמען און ווער האָט געשאַפן דעם ערשטן אַטאָם? ווייל בלויז דורך רייבונגען אַליין קען קיין פּאָזיטיווע זאַך ניט קומען, און עס איז ניט גלייך צו פייער, ווייל פייער איז אַ נעגאַ־טיווער כוח און ניט קיין פּאָזיטיווער. אויך איז ניט קלאָר לויט דער טעאָריע צו וואָס מען דאַרף האָבן געטער אָדער אַפילו איין גאָט. וואָס איז זייער ראָל אין לעבן און באַזונדערס אין דער שאַפונג און פירונג פון דער וועלט?

געוויסע זיינען דעריבער די יעניקע געלערנטע, וואָס טייטשן אויס עפּיקורוסעס שיטה אַלס אַ פּראָטעסט קעגן דער גאַנצער מיטאָלאָגיע פון גריכנלאַנד וואָס האָט דעמאָלט פאַרנומען אַזאַ אָרט אין לעבן. עס איז מער אַ פּראָטעסט קעגן דעם גאַנצן באַגריף פון באַרג אָלימפּ מיט זיינע געטלעכע איינוואוינער, וואָס האָט באַהערשט דעמאָלט די מוחות אפילו פון די בעסערע מענטשן.

אָבער איין זאַך איז ווערט פעסטצושטעלן, אַז לויט לוקרעציוסן האָט עפּיקורוס קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז ער איז אָריגינעל אין זיינע געדאַנקען. פאַרקערט גאָר, עפּיקורוס האָט באַטאָנט כסדר אין זיינע ווערק (וועלכע מיר האָבן ניט), אַז ער איז בלויז אַ נאָכזאָגער און אַ צוזאַמענשטעלער פון די פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס דער פילאָזאָף דעמאָקריטוס האָט אַרויסגעזאָגט אין זיינע ווערק. דעמאָקריטוס האָט געלעבט מיט אַן ערך

הונדערט יאָר פאַר עפּיקורוסן און אויך זיינע ווערק זיינען פאַרלוירן גע־גאַנגען. מיר קענען דעריבער איצטער ניט פעסטשטעלן וויפל פון עפּיקו־רוסעס געדאַנקען זיינען אייגענע און וויפל עס זיינען גענומען געוואָרן פון זיין רבין דעמאָקריטוס, אויך איז אוממעגלעך איצטער פעסטצושטעלן צי דעמאָקריטוס האָט דאָס געשאַפן די שיטה פון אַ וועלט אָן אַ גאָט אָדער דאָס איז געווען עפּיקורוס וואָס באַטראַכט עס אַלס פועל־יוצא פון דעמאָ־קריטוסעס געדאַנקען.

* * *

פון אַלטע צייטן אָן זיינען געווען געלערנטע וואָס האָבן געזאָגט, אַז עפּיקורוס האָט געוואָלט שאַפן אַן אייגענע רעליגיע, אַ רעליגיע אָן אַ גאָט. עס זיינען אָבער ניט געווען קיין באַזונדערע באַווייזן דערויף, ווייל פון עפּיקורוסעס ווערק איז גאָר ניט געבליבן.

אָבער אין מיטן 18־טן יאָרהונדערט האָט מען אין אַטען געפונען אַן אַלטע שריפט געשריבן אויף פּאַפּירוס וואָס האָט אַנטהאַלטן עטישע געזעצן. אַ ריי פּונקטן פון עטיק און גוטער אויפפירונג. אַ לאַנגע צייט האָט מען ניט געוואוסט ווער עס איז דער טאַטע פון אָט־דעם בוך. עס זיינען געווען מיינונגען, אַז עס איז פון עפּיקורוסן, אָבער אויף זיכער האָט מען ניט געוואוסט. דאָס בוך אַנטהאַלט אַן ערך פון 40 מאַקסימעס, דאָס הייסט, זאָגונגען אָדער הנחות פון אַן עטישן כאַראַקטער. אַ חוץ נאָך עטלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן גוטע מידות, וועגן אַ לעבן נאָכן טויט, וועגן דער אַטאָמען־לערע און נאָך אַנדערע זאַכן. אָבער אַזוי ווי דאָס גאַנצע בוך איז דורכאויס ענלעך צו די געדאַנקען וואָס לוקרעציוס גיט אונדז איבער פון עפּיקורוסעס ווערק, זיינען די געלערנטע ענדלעך געקומען צו אַ באַשלוס אַז דאָס איז געווען איינע פון די ווערק פון עפּיקורוסן, וואָס זיינען פאַרלוירן געגאַנגען.

פאַרטיפנדיק זיך אָט אין דעם בוך זיינען דאָס רוב געלערנטע גע־קומען צו דער איבערצייגונג, אַז עפּיקורוס האָט מיט אָט־די מאַקסימעס געוואָלט שאַפן אַ נייע רעליגיע. ווי די געלערנטע מיינען, וואָלט דאָס געווען אַן עגאָאיסטישע רעליגיע, אַזעלכע וואָס האָט געזאָלט פאָרדיקן אַז דער מענטש זאָל זוכן נאָר פאַרגעניגנס פאַר זיך און זיך ניט קימערן פאַרן אַנדערן. דאָס וואָלט געווען אַ רעליגיע, וואָס איז פּונקט קאַפּויער פון אַלע אָנגענומענע רעליגיעס, וועלכע פרעדיקן צו טאָן גוטס צו אַנדערע מענטשן. איבערהויפּט צו פריינד און צו שכנים. עס קען אויך זיין, אַז עפּיקורוס האָט אַליין איינגעזען, אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן, אַז די דאָזיקע

לערע האָט ניט אויסגענומען ביי די מענטשן און האָט אַליין באַהאַלטן די שריפט און זי ניט געלאָזט מער פאַרשפּרייטן.

מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע פון די דאָזיקע מאַקסימעס, וואָס וועלן געבן אַ באַגריף וואָס פאַר אַן עטיק עפּיקורוס האָט געוואָלט פּרעדיקן. אָט, למשל, זיינען עטלעכע פון זיי:

פונקט 8. צו זוכן לויטער פאַרגעניגנס איז ניט קיין שלעכטע זאַך, אָבער מען דאַרף אַכטונג געבן, אַז עס זאָל דערפון ניט אַרויסקומען קיין צרות, וואָס קענען אַמאָל זיין צען מאָל אַזוי פיל, ווי דאָס פאַרגעניגן.

פונקט 23. אויב איינער באַקעמפט אַלע תאוות און וויל ניט האָבן קיין שום פאַרגעניגן, ווייס ער ניט וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט.

פ ו נ ק ט 29. עס זיינען פאַראַן תאוות וואָס זיינען נאַטירלעך און נויטיק. פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס זיינען נאַטירלעך און ניט נויטיק און נאָך אַנדערע וואָס זיינען ניט נאַטירלעך און ניט נויטיק, נאָר זיינען בלויז אַן איינרעדעניש.

פ ו נ ק ט 33. גערעכטיקייט איז אַליין גאָרניט. עס איז נאָר דאָ אין אונדזערע באַציאונגען צו אַנדערע מענטשן און עס איז אַ מין אָפּמאַך ניט צו טאָן יענעם קיין שאָדן, כדי יענער זאָל מיר ניט טאָן קיין שאָדן.

פון די עטלעכע מאַקסימעס איז צו זען, צו וואָס עפּיקורוס האָט גע־צילט. נעמלעך, צו שאַפן אַזאַ מין געזעלשאַפט, וואו עס זאָל הערשן אַ מין רעליגיע פון זוכן פאַרגעניגן. יעדער איינער פאַר זיך. אַ מין רעליגיע אָן אַ גאָט און אָן אַן עטישער באַציאונג צו אַנדערע. די באַציאונג צו אַנדערע זאָל זיין נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפל יענער זאָל מיר ניט ווי טאָן. ווידער אַמאָל עגאָאיזם!

עפּיקורוס איז געשטאָרבן אין יאָר 270 פאַר דער קריסטלעכער צייט רעכענונג. ער האָט געלעבט 72 יאָר. נאָך זיין טויט האָבן פאַרנומען זיין פּלאַץ די ס ט אָ א י ק ע ר.

13. ווער זיינען געווען די סטאָאיקער?

דער גרינדער פון דער פילאָזאָפישער שול, זענאָ. — ער האָט געלעבט 80 יאָר און דערנאָך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. — זיין לערע אַז מען דאַרף אַלץ נעמען רואיק און גלייכגילטיק. — ווי אַזוי מען האָט זיך דערוואוסט פון זיין לערע דורך זיין תלמיד עפּיקטעטוס. — וואָס עס דערציילט אונדז וועגן זענאָן זיין צווייטער תלמיד אוירעליוס.

אין די לעצטע יאָרן פון עפּיקורוס האָט אַ נייע פילאָזאָפישע שיטה אָנגעהויבן צו באַהערשן די מוחות פון די בעסערע גריכן. דאָס איז געווען די שיטה פון סטאָאיציזם, וואָס איר מייסטער איז געווען ניט קיין גריך, נאָר איינער וואָס האָט געשטאַמט פון דער סעמיטישער ראַסע (עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז ער איז געווען אַ ייד). זיין נאָמען איז געווען זענאָ, פון דער שטאָט סיטיום אין ציפּערן. אָט־די שיטה פון סטאָאיציזם איז אויך געווען אויסגעבויט אויפן גרונד פון פּעסימיזם, אָבער דער דענקער זענאָ איז אין זיין פּעסימיזם געקומען צו גאָר אַנדערע אויספירונגען ווי די, צו וועלכע עס איז געקומען עפּיקורוס. זענאָ האָט אויך געפּרעדיקט צו באַגנוגענען זיך מיט דעם וואָס מען האָט, אָבער אויף אַן אַנדערן אופן. זענאָ האָט גע־פּרעדיקט צופרידנהייט מיט דער וועלט. אַז מען זאָל מאַכן שלום מיטן געדאַנק אַז אַזוי איז עס און אַנדערש קען עס ניט זיין, און אַז עס איז אומזיסט צו זיין אומצופרידן, אָדער פּעסימיסטיש, צי גאָר זיין בייז אויפן סדר־העולם, און צו טראַכטן צו מאַכן עס אַנדערש, איבערצובויען די וועלט.

זענאָ איז געבוירן געוואָרן מיט 342 יאָר פאַר דער הייַנטיקער צייט־רעכענונג. ער איז געקומען אין זיינע יונגע יאָרן קיין אַטען און האָט באַזוכט אַלע פילאָזאָפישע שולן, אָבער קיין איינע איז אים ניט געפעלן. ענדלעך האָט ער געעפנט אַן אייגענע שול, וואו ער האָט געלערנט זיין שיטה, די שיטה פון סטאָאיציזם. ער איז באַלד געוואָרן אַנערקענט פון די גרעסטע לייט פון אַטען. ער האָט געלעבט ביז אַ טיפן עלטער פון 80 יאָר. אָבער דעמאָלט האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט שוין גענוג געלעבט און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך טרינקען גיפט.

ווי געזאָגט, איז די הויפּט־שיטה פון די סטאָאיקער געווען אויפצו־נעמען אַלץ וואָס עס געשעט אין לעבן מיט אַ פולשטענדיקער רואיקייט, ניט צו ווערן אויפגערעגט פון שלעכטס און אויך ניט צופיל באַגייסטערט

פון גוטס, נאָר צו בלייבן רואיק בײַ אַלע לעבנס־דערשיינונגען, און צו טראַכטן וועגן זיי אַז אַזוי איז עס. אויב עס געשעט אַזאַ זאַך, וואָס מיר קענען עס ניט אויפנעמען רואיק אָדער גלייכגילטיק, ווי למשל, יסורים און לײַדן, דאַרף מען עס איגנאָרירן. מען דאַרף זיך באַציען דערצו מיט אַ פאַרנײַנונג, מיט אַן אפאטיע, מיט אַ מין ניט־וועלן וויסן דערפון. אַ מענטש, האָבן די סטאָאיקער געלערנט, דאַרף האַנדלען אין אַלעם, לויט ווי עס איז די נאַטור. אויף דער פראַגע: פאַרוואָס? איז געקומען דער ענטפער: ווײַל די נאַטור איז שכלדיק. אויף אַ צווייטער פראַגע, „פון וואַנען ווייסן מיר, אַז די נאַטור איז שכלדיק״? איז געקומען דער ענטפער, ווײַל די נאַטור פירט אַן מיט דעם שכל פון דער וועלט און אַז מיר, מענטשן מיט אונדזער שכל, זײַנען ניט מער ווי נאָר אַ טייל פון דעם גרויסן וועלט־שכל. די סטאָאיקער האָבן ליב געהאַט צו רעדן אין קורצע זאַצן און צו געבן זייערע ענטפערס אין עטלעכע ווערטער.

די סטאָאיקער האָבן דעריבער געלערנט, אַז דאָס וויכטיקסטע אין לעבן איז די אינערלעכע רואיקייט. זיי האָבן דעריבער געזאָגט, אַז אַלץ איז באַשטימט פון פריער־אויס פון דער נאַטור און מיר קענען עס ניט ענדערן. דאָס מיינט: „דעטערמיניזם״ (אַז אַזוי איז באַשטימט געוואָרן צו זײַן). דעריבער זײַנען אַלע מענטשלעכע געפילן, ווי פרייד, טרויער, כעס און שרעק, חרטה און האָפענונג גאָר ניט ווערט, ווײַל עס העלפט גאָר ניט און עס קען אַנדערש ניט זײַן. וואָס עס געשעט, האָט אַזוי געדאַרפט געשען. דער קלוגער מענטש קען גאָר ניט טאָן, אויסער אונטערצוגעבן זיך צו דעם וואָס די נאַטור ברענגט אים.

אָבער פון דער אַנדער זײַט, ווי מאָדנע עס זאָל ניט קלינגען, האָבן אָט־די סטאָאיקער געהאַלטן שטאַרק פון אַ פרײַען ווילן. דאָס הייסט, אַז אַ מענטש האָט אַ פרײַען ווילן אויסצוקלײַבן צו טאָן דאָס וואָס ער וויל. אָבער ווי אַזוי זײַנען בײדע זאַכן מעגלעך? אויב עס איז אַלץ באַשטימט פאָראויס פון דער נאַטור, ווי אַזוי קען זײַן אַ פרײַער ווילן? דערויף האָבן די סטאָאיקער ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. זייער ענטפער איז בלויז געווען, אַז אַלץ איז טאַקע באַשטימט פריער־אויס, א חוץ דעם פרײַען ווילן פון מענטש, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן באַזונדער, אויף וואָס די נאַטור האָט ניט קיין שליטה. אַ געמוטשעטער תירוץ!

* * *

אַלזאָ: צו דערקלערן סטאָאיציזם אין אַ פשוטער שפּראַך מיינט אַזוי: סטאָאיציזם לערנט, אַז דער מענטש זאָל צונעמען פון דער נאַטור

אַלץ אויף אַ רואיקן אופן. עס איז נישטאָ וואָס זיך צו בייזערן, אויב זאַכן זיינען ניט אַזוי ווי מיר וואָלטן געוואָלט אַז זיי זאָלן זיין. עס איז נישטאָ וואָס זיך צו פרייען אויב די זאַכן גייען יאָ אַזוי גוט פאַר אונדז, ווייל אַזוי איז אַלץ באַשטימט געוואָרן פון דער נאַטור. לאָמיר נעמען צווייביישפּילן פון לעבן. לויטן סטאָאיציזם, אויב עס געשעט, רחמנא לצלן, אַ טויט־פאַל, אין אַ פאַמיליע, אויב עס שטאַרבט אַ פאָטער אָדער אַ מוטער, צי אַ זיידע אָדער אַ באָבע, דאַרף מען ניט וויינען און ניט טרויערן, ווייל עס איז דאָך אַ געזעץ פון דער נאַטור, אַז אַלץ וואָס לעבט, מוז שטאַרבן. דעריבער, אַזוי ווי מ׳קען ניט ענדערן דעם סדר פון דער וועלט, אַז די זון זאָל ניט שיינען און אַז עס זאָל ניט קומען קיין נאַכט נאָכן טאָג, אַזוי קען מען זיך אויך ניט העלפן מיט קיין שום זאַך קעגן דער דער־שיינונג פון טויט. פּונקט אַזוי ווי די זון גייט אונטער יעדן אָוונט, אַזוי מוז אויך דאָס לעבן פון אַ מענטש זיך ענדיקן. און אפילו ווען ער שטאַרבט אַ יונגער מענטש, אין די סאַמע בעסטע יאָרן, איז אויך נישטאָ וואָס צו טרויערן, ווייל עס האָט אַזוי געמוזט געשען, ער, דער יונגער מענטש, האָט ניט געהאַט אין זיך גענוג לעבנס־קראַפט, באַלד פון זיין געבורט אָן, אָדער עס איז אין זיין קורצער צייט אויף דער ערד אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן זיין לעבנס־קראַפט, אַז ער האָט מער ניט געקענט לעבן.

דאָס זעלבע איז אויך מיט פרייד. ווען מען פירט אַ קינד צו דער חופה מיטן באַשערטן, איז זיך נישטאָ וואָס צו פרייען, ווייל דאָס איז דער גאַנג פון דער וועלט, אַז אַ יונגערמאַן זאָל נעמען אַ ווייב און מיט איר חתונה האָבן. ווען עס קומט אַ קינד ביי דעם חתונה־געהאַטן פּאָר־פאָלק, ניין חדשים נאָך דער חתונה, איז אויך נישטאָ וואָס באַזונדערס זיך צו פרייען, ווייל אַזוי איז דער סדר העולם. אויב עס קומט ניט קיין קינד, איז אויך נישטאָ וואָס צו טרויערן, ווייל עס קען זיין, אַז ס׳וועט נאָך זיין, אַז ס׳וועט קומען שפּעטער, אָדער ס׳איז עפּעס ניט אין אָרדענונג ביי אים אָדער ביי איר, וואָס שטערט, אַז עס זאָל קומען אַ קינד אויף דער וועלט. אָט מיט דעם געדאַנקען־גאַנג קען מען אויפנעמען אַלע דערשיינונגען פון לעבן אויף אַ „סטאָאישן" אופן. דאָס מיינט: רואיק, פילאָזאָפיש. אַזוי איז עס! אַזוי האָט עס געדאַרפט זיין, און אַזוי איז עס געשען.

נאַטירלעך איז די שיטה ניט אין גאַנצן אויסגעהאַלטן, ווייל לויט דער שיטה דאַרף ניט זיין אויף דער וועלט קיין שום קאַמף אָדער רעוואָ־לוציע. ווען אַ דיקטאַטאָר פאַרכאַפּט די מאַכט און פאַרשקלאַפט די באַ־פעלקערונג, מיינט דאָס, אַז מען זאָל אים ניט שטעלן קיין ווידערשטאַנד. א חוץ דעם טויג בכלל די רואיקייט ניט, ווייל זי גיט ניט קיין רו צום

מענטש, ווייל אויב צו נעמען אַלץ אַזוי ווי עס איז, פירט עס נאָר דערצו, אַז מען ווערט אַפּאַטיש צו אַלעם. די סטאָאיקער רעדן טאַקע דערפון, אַז מען דאַרף זיך דערפירן צו אַ צושטאַנד פון „אַפּאַטעיאַ״, וואָס עס מיינט אויף אַלט־גריכיש דאָס זעלבע וואָס אַפּאַטיש, צו זיין גלייכגילטיק צו אַלעם, אָבער דאָס איז שוין גאָר ניט קיין געזונטער צושטאַנד.

אויסער דעם איז, ווי שוין געזאָגט, ניט מעגלעך צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קען האָבן אַ פרייען ווילן, אויב אַלץ איז פון פריער־אויס באַשטימט; און ווי איז, אויב דער דאָזיקער פרייער ווילן רעוואָלטירט קעגן דעם אַנגענומענעם, קעגן דעם וואָס עס איז געשען און מען וויל, אַז עס זאָל אַנדערש זיין?

* * *

אַזוי ווי עס איז געווען דער גורל פון עפּיקורוסעס ווערק, אַז זיי זאָלן פאַרלוירן ווערן און מיר זאָלן זיך דערוויסן וועגן זיין לערע דורך זיינעם אַ תלמיד אין רוים מיט 250 יאָר שפּעטער, אַזוי איז אויך געשען מיט זענאָס ווערק. אויך דאָ האָט זיינער אַ תלמיד שפּעטער אין רוים, מיטן נאָמען, עפּיקטעטוס, איבערגעגעבן זיין לערע אין זיינס אַ בוך. עפּיקטעטוס איז געווען אַ גריך. ער איז געווען אַ קריפּל און האָט געהונקען אויף איין פוס. ער איז אין די יונגע יאָרן, בעת אַ שלאַכט, אַריינגעפאַלן צום שונא און איז געוואָרן אַ שקלאַף. ער האָט אַזוי אָפּגעלעבט יאָרן לאַנג אין רוים, אינמיטן פון ערשטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. ערשט אויף די עלטערע יאָרן איז ער באַפרייט געוואָרן און האָט אָנגעשריבן אַ בוך וואָס הייסט „דיסקורסעס״ (אָפּהאַנדלונגען אָדער עסייען). עפּיקטעטוס איז אַן אמתער סטאָאיקער און ער גיט איבער אין די דאָזיקע אָפּהאַנדלונגען די סטאָאישע געדאַנקען לויט זענאָן.

מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע פון זיינע געדאַנקען, וועלכע זיינען אין גייסט פון זענאָן.

„צווישן די קונסטן און שאַפונגען איז אין אַלגעמיין נישטאָ אַזעלכעס, וואָס זאָל זיין אַ קוואַל פון פאַרגעניגן פאַר זיך אַליין. דעריבער איז גאָר נישטאָ אין די דאָזיקע געביטן אַזעלכעס וואָס זאָל זיין גוט פאַר זיך אַליין אָדער שלעכט פאַר זיך אַליין, צום ביישפּיל: עס איז גוט צו קענען די גראַמאַטיק פון אַ שפּראַך, אָבער צו וואָס איז עס גוט? — בלויז אויף אַזוי פיל, צו קענען וויסן צי אַ בריוו איז גוט אָנגעשריבן אָדער שלעכט אָנגעשריבן. עס איז גוט צו קענען מוזיק, אָבער צו וואָס נוצט עס? — נאָר אויף צו וויסן צי אַ געוויסע מעלאָדיע ווערט ריכטיק געזונגען

אָדער געשפּילט, אָבער האָבןביידע זאַכן עפּעס אַ באַפרידיקונג אין זיך אַליין? ניין, אויב דו שרייבסט אַ בריוו צו אַ פריינד און דו ווילסט שרייבן ריכטיק, העלפט דיר די גראַמאַטיק ארויס. אָבער די גראַמאַטיק זאָגט ניט, צי דו זאָלסט שרייבן צו דיין פריינד אַ בריוו אָדער ניט. דאָס זעלבע איז אויך מיט מוזיק, אויב דו ווילסט זינגען אָדער שפּילן עפּעס, העלפט דיר די לערע פון נאָטן ארויס ווי אַזוי צו טאָן עס ריכטיק, אָבער די נאָטן פאַרלאַנגען ניט פון דיר און זאָגן דיר גאָרניט צי דו זאָלסט יאָ זינגען אָדער שפּילן, צי נישט".

„אַלזאָ, איז דאָ אין דער וועלט אַזאַ זאַך, וואָס אי זי העלפט דיר אַרויס, ווען דו דאַרפסט עס האָבן אַלס אַ געברויך, ווי גראַמאַטיק און נאָטן, און אי זי אַליין איז אויך באַדייטנדיק, אויסער דעם וואָס זי העלפט דיר אַרויס? יאָ, דאָס איז דער שכל. דער שכל איז דער איינציקער כוח אין דער וועלט וואָס איז שטענדיק פאַר אונדז וויכטיק, ווייל, למשל, ווער זאָגט אונדז אַז גאָלד איז שיין? דאָס גאָלד אַליין זאָגט עס אונדז ניט. ווער זאָגט עס אונדז? — דער שכל".

עפּיקטעטוס פירט דעריבער אויס, אַז מען דאַרף זיך צוהערן צו דער שטימע פון שכל, וואָס איז אויך די שטימע פון דער נאַטור.

און אַזוי גייט ער פון איין אָפּהאַנדלונג צו דער צווייטער. ער רעדט וועגן „צופרידנקייט", וועגן „די, וואָס לערנען פילאָזאָפיע בלויז כדי צו רעדן וועגן דעם", וועגן „פרייהייט" און וועגן פיל אַנדערע זאַכן, און אומעטום רעדט ער לויט זענאָ, אויף אַ סטאָאישן אופן און ווייזט אונדז, ווי אַזוי צו נעמען זאַכן רואיק און גלייכגילטיק.

אין רוים האָט די סטאָאישע פילאָזאָפיע שטאַרק אויסגענומען און עס זיינען געווען פיל סטאָאיקער אין די גאָר הויכע פענצטער. איינער פון זיי איז געווען דער רוימישער קייזער און פילאָזאָף מאַרקוס אורעליוס.

מאַרקוס אורעליוס איז געווען איינער פון די סאַמע אייגנאַרטיקע און אויסגעצייכנטע דענקער פון דער אַלטער וועלט. רוים האָט ניט אַרויס־געגעבן פיל פילאָזאָפן און מאַרקוס אורעליוס רעכנט זיך דעריבער פאַר איינעם פון די גרעסטע פון דער רוימישער עפּאָכע.

מאַרקוס אורעליוס איז געווען קייזער פון רוים אין דער סאַמע שענסטער עפּאָכע פון דער רוימישער אימפּעריע. דער היסטאָריקער גיבאָן, זאָגט אין זיין באַרימט בוך „אויפגאַנג און נידערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע", וועגן אים, אַז ער איז געווען מער פילאָזאָף ווי קייזער און אַז ווען דער פילאָזאָף האָט ביי אים גענומען די אויבערהאַנט, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק צו געבן

דעם עולם אַ לעקציע אין פילאָזאָפיע, אויף אַזאַ אופן וואָס האָט ניט געפּאַסט פאַר אַ רוימישן קייזער. אָט דער מאַרקוס אוירעליוס איז געווען אַן אמתער תלמיד פון זענאָן.

מאַרקוס אוירעליוס איז געבוירן געוואָרן אין רוים אין יאָר 121 פון דער היינטיקער צייט־רעכענונג. ער איז אַדאָפּטירט געוואָרן ווען ער איז אַלט געווען 17 יאָר פון קייזער אַנטאָנינוס פּיוס. אין די יונגע יאָרן האָט מען מיט אים געלערנט גענויע־געבונג און רעטאָריק, אָבער אונטערן איינפלוס פון יוניוס רוסטיקוס, דעם מושל פון רוים און אַ נאָהענטער פון עפּיקטעטוסן, איז ער געוואָרן אַריינגעצויגן אין פילאָזאָפיע. ער האָט גענומען לייענען עפּיקטעטוסעס ווערק, אָבער ער האָט זיי באַלד אַוועקגעוואָרפן, ווייל ער האָט געוואָלט לייענען זענאָן אַליין אין גריכיש. ער איז געוואָרן באַגייסטערט פון זיין לערע און שפּעטער האָט ער געשאַפן אַ בוך אין זענאָנס גייסט וואָס ער האָט אָנגערופן „מעדיטאַציעס״.

דאָס בוך באַשטייט פון קלוגע זאָגונגען, איינגעטיילט לויט נומערן. יעדע זאָגונג האָט אַ נומער. מיר וועלן דאָ ברענגען אַלס מוסטער דעם נומער איינס, דעם סאַמע אָנהויב:

„1. יעדן פרימאָרגן זאָג צו זיך אַליין: איך וועל היינט אַוודאי טרעפן איינעם וואָס איז אַן אויפגערעגטער מענטש, אַן אומוויסנדיקער און אַ באַרימער. אַזעלכע מענטשן האָבן פיל חסרונות. זיי זיינען פול מיט פאַלשקייט, קנאה און דערצו זיינען זיי אויך גרויסע עגאָאיסטן. פאַר־וואָס האָבן זיי אָט־די דאָזיקע חסרונות? ווייל זיי ווייסן ניט דעם אונטער־שיד צווישן גוטס און שלעכטס. איך אָבער פאַרשטיי די נאַטור און ווייס וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט. איך ווייס, אַז דאָס וואָס עס איז גוט, איז אויך שיין. און וואָס עס איז שלעכט, איז פאַרדאָרבן. איך ווייס ווער עס איז אַ זינדיקער מענטש, אָבער איך ווייס אויך, אַז ער קען בטבע זיין אַ גוטער מענטש, ניט בלויז דערפאַר ווייל ער האָט פונקט אַזעלכע אברים ווי איך האָב און קומט פון זעלבן שורש, נאָר, דער עיקר, ווייל ער האָט די זעלבע מתנה פון שכל, וואָס איז געטלעך. אויב אַזוי, ווי אַזוי קען דאָס געטלעכע אין אים טאָן מיר שאַדן? ווי אַזוי קען איך זיין בייז אויף אים אָדער טראָגן אויף אים אַ האַס? — מיר אַלע זיינען געשאַפן געוואָרן צו אַרבעטן צוזאַמען ווי איין קערפּער. קענען די אברים פון אַ מענטש גיין קעגן אים? דאָס וואָלט געווען ווי מען גייט קעגן דער נאַטור״.

אין דעם זין גייט ער ווייטער מיט זיינע „מעדיטאַציעס״, אין זענאָנס גייסט אַלס אַן אמתער סטאָאיקער און פון זיינע ווערק דערוויסן מיר זיך וואָס זענאָ האָט אַזוינס געלערנט מיט זיינע תלמידים.

14. די לעצטע פילאָזאָפישע שולן אין גריכנלאַנד

דער רוימישער קייזער און פילאָזאָף. — דאָס בוך „מעדיטאַציעס״. — די „ציניקער״ און „סקעפּטיקער״. — פאַרוואָס מען האָט זיי אַזוי גערופן. — דער באַגרינדער פון דער צינישער שול אַנטיסטענעס. — וואָס איז געווען זיין לערע? — זיין תלמיד דיאָגענעס. — דער גרינדער פון דער צווייטער שול, דער סקעפּטיקער פּירראָ פון עליס. — וואָס איז דער תוך פון זיין לערע? — זיינע תלמידים טימאָן פון פליאוס און סעקסטוס עמפּיריקוס.

די סאַמע לעצטע פילאָזאָפישע שולן אין אַמאָליקן גריכנלאַנד זיינען געווען צוויי, איינע פון די צ י נ י ק ע ר און די צווייטע פון די ס ק ע פּ ט י ק ע ר. איידער מיר גייען רעדן אויספירלעך וועגן זיי, דאַרפן מיר פעסטשטעלן, אַז קיין גרויסער אונטערשיד איז אייגנטלעך צווישן זיי ניט געווען. בכלל גענומען, איז צווישן אַלע שולן פון פילאָזאָפיע, וואָס זיינען אויפגעקומען נאָך אַלעקסאַנדער פון מוקדונס חורבן אין קליין־אזיע, קיין גרויסער אונטערשיד ניט געווען.

לאָמיר צום ערשטן באַטראַכטן די פילאָזאָפישע שול פון די צ י נ י ק ע ר, און זען וואָס זיי פּרעדיקן אַזוינס.

* * *

פּלאַטאָן איז ניט געווען דער איינציקער תלמיד פון סאָקראַטעס און דעריבער אויך ניט דער איינציקער וואָס האָט אויסגעטייטשט זיינע ווערטער. אַזוי ווי פון סאָקראַטעסן זיינען ניט געבליבן קיין ביכער, האָט פּלאַטאָן געגעבן צו זיינע רייד זיין אויסטייטשונג, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר די ריכטיקסטע. אָבער עס זיינען געווען אַנדערע, וועלכע האָבן סאָקראַטעסעס ווערטער אויסגעטייטשט אַנדערש. איינער פון זיי איז געווען אַ נ ט י ס ט ע נ ע ס, דער באַגרינדער פון דער צ י נ י ש ע ר שול, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן „די ציניקער״. דאָס וואָרט „ציניק״ מיינט אין אַלט־גריכיש „אַ שלעפּער״, „אַ וואַגאַבונד״, און אויך אַן אָפּלאַכער, אַן אָפּשפּע־טער. אַנטיסטענעס און זיינע תלמידים האָבן געקראָגן אָט דעם נאָמען צוליב זייער אויפפירונג און אויך צוליב זייער לערע.

אַנטיסטענעס, וועלכער איז געווען אַ ביסל עלטער פון פּלאַטאָנען, האָט געלעבט און געווירקט אין אַטען, נאָך פאַר פּלאַטאָנען. ער האָט געהאַט

אַ שול, וואו ער האָט געפּרעדיקט סאָפיזם. ווען סאָקראַטעס איז געקומען אויף דער אַרענע איז אַנטיסטענעס געוואָרן זיינער אַן איבערגעגעבענער תלמיד. פּלאַטאָן האָט אָבער אַנטיסטענעסן ניט ליב געהאַט און ער גיט אַ שלעכט בילד וועגן אים. אָבער דאָס איז געווען מער צוליב קנאה־שנאה, צוליב אייפערזוכט. דערפאַר גיט קסענאָפאָן, אויך פון יענער צייט, גאָר אַ פיין בילד פון אַנטיסטענעסן.

אַלזאָ, אַנטיסטענעס האָט אויסגעטייטשט סאָקראַטעסעס לערע לויט דעם ווי ער האָט זי פאַרשטאַנען און לויט דעם וואָס ער האָט פריער נאָך געהאַט געפּרעדיקט: פּעסימיזם און סאָפיזם. דאָס האָט ער שוין געטאָן נאָך ביי זיין לעבן. נאָך סאָקראַטעסעס טויט האָט ער נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין שיטה און האָט אָנגעגעבן סאָקראַטעסן אַלס דעם פאָטער פון דער לערע. לויט אַנטיסטענעסן קומט אויס, אַז סאָקראַטעס איז געווען דער גרינדער פון דער ציניִשער שיטה, אָבער דאָס איז ניט אָנגענומען געוואָרן. אַלס גרינדער פון דער ציניִשער שיטה ווערט באַטראַכט אַנטיס־טענעס כאָטש ער טענהט, אַז דאָס איז גאָר געווען די לערע פון זיין רבין סאָקראַטעס. איצט לאָמיר זען וואָס די שיטה איז אַזוינס.

* * *

אַרויסגייענדיק פון אַ פּעסימיסטישן שטאַנדפּונקט, אַז די וועלט איז אַ ניט־געלונגענע שאַפונג פון גאָט, און אַז דאָס גאַנצע לעבן איז ניט כדאי, קומט דער פילאָזאָף אַנטיסטענעס צום אויספיר, אַז דאָס איינציקע, וואָס בלייבט צו טאָן אין לעבן איז — בלויז גוטס, צו העלפן אָרעמע און ליידנדיקע; צו קעמפן פאַר גערעכטיקייט און צו פירן אַ העכסט עטיש לעבן.

רייכקייט איז נאַריש, זאָגט אַנטיסטענעס, און אַזוי איז אויך כבוד. צו פירן אַ פאַמיליע־לעבן איז אַ משוגעת. מען דאַרף אויך ניט קיין געזעלשאַפטלעך לעבן, ווייל עס איז נאָר פול מיט ליגנס און פאַלשקייט. רעליגיע איז אַ בלאָף און אַ שווינדל. אַפילו דער קאַמף פאַר פרייהייט מיינט גאָר נישט. עס דוכט זיך נאָר בלויז אויס, אַז עס איז עפּעס.

מען דאַרף דעריבער ניט קיין שום שיינע קליידער; קיין פּרעכטיקע הייזער; קיין פאַרגעניגנס; מען דאַרף בכלל גאָר ניט אין לעבן, ווייל אויב מען האָט גאָר ניט, האָט מען קיין יסורים. יאָ, אַלע ליידן זיינען, אין תוך גענומען, נאָר דערפאַר, ווייל מען וויל עפּעס האָבן און מען האָט עס ניט. אָפט מאָל דערלאָזן דאָס מענטשן ניט. אָבער ווען מען מאַכט אָפּ ביי זיך, אַז מען דאַרף גאָר ניט און מען וויל גאָר ניט, קען מען דאָך שוין ניט

מער ליידן דערפון וואָס מען האָט ניט. און נישט ליידן מיינט — פריידן.

עס איז אַזאַ מין שיטה וואָס איז ענלעך צו קהלת׳ס רייד, אַז „הכל הבל״, אַלץ איז נאַרישקייט און דאָס איינציקע וואָס מען קען טאָן אויף דער וועלט איז — אַ ביסעלע גוטס צו אַנדערע. אָט־די שיטה איז אויך ענלעך צום מאמר חז״ל, אַז צוויי מיט אַ האַלב יאָר האָבן די בית־הלל און בית שמאַי געפּירט צווישן זיך אַ דעבאַטע צי עס איז בעסער פאַרן מענטש, אַז ער איז יאָ באַשאַפן געוואָרן אָדער אַז ניט. ענדלעך זיינען זיי געקומען צום באַשלוס, אַז עס וואָלט בעסער געווען פאַרן מענטש, אַז ער וואָלט ניט באַשאַפן געוואָרן, אָבער איצט, אַז ער איז שוין יאָ באַשאַפן געוואָרן, זאָל ער טאָן גוטס אויף דער וועלט. אויך די ציניקער זאָגן אַזוי אַז דאָס איז דאָס איינציקע וואָס אַ מענטש קען טאָן, וואָס איז פון עפּעס אַ באַדייטונג און איז ניט נאַריש, אַלדאָס איבעריקע איז בלויז „ה ב ל י ם״, נאַרישקייט שבנאַרישקייט, מעשים פון ווייניק באַדייטונג, אומזיסטע מי און האָרעוואַניע.

באַזונדערס האָט דאָס דעמאָנסטרירט אַנטיסטענעסעס תּלמיד ד י אָ ג ע נ ע ס, וועלכער איז געגאַנגען מיט אָט דער שיטה ביז צו אַבסורד. אַזוי ווערט דערציילט וועגן אים, אַז ער האָט געלעבט אין אַ וואַנע, ווייל מער האָט ער געזאָגט, דאַרף ער ניט פון דער וועלט. זיין גאַנץ אייגנטום איז באַשטאַנען פון אַ טעפּעלע צו טרינקען דערפון וואַסער פון קוואַל, אָבער איינמאָל האָט ער געזען ווי אַ פּויער קומט צוגיין צום קוואַל און נעמט אַן וואַסער מיט דער דלאָניע פון זיין האַנט און טרינקט אַזוי. האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט ביי דעם פּויער געלערנט, אַז ער זאָל זיין טעפּעלע פאַר וואַסער אויך ניט מער דאַרפן. ער האָט עס דערפאַר אַוועקגעוואָרפן און פון דעמאָלט אָן געטרונקען וואַסער נאָר מיט די הענט.

וועגן דיאָגענעסן ווערט אויך דערציילט, אַז כּדי צו דעמאָנסטרירן די נאַרישקייט פון דער וועלט און די פאַלשקייט פון די מענטשן, פלעגט ער אַרומגיין מיט אַ לאָמטערן גאַנצע טעג און אויסרופן:

„איז דאָ אַ מענטש?״ „איך זוך אַ מענטש!״.

די שיטה איז, אין גרונד גענומען, ניט עפּעס אַנדערש ווי אַס־קעטיזם, ד. ה. אָפּזאָגן זיך פון די פאַרגעניגנס פון דער וועלט און אַזעלכע מענטשן זיינען אַלעמאָל געווען. דאָס זיינען די „נזירים״, וואָס האָבן געלעבט אין גריכנלאַנד נאָך פיל פריער פאַר אַנטיסטענעסן, אָבער אַנ־טיסטענעס איז געגאַנגען פיל ווייטער ווי די אַסקעטן, דערמיט וואָס ער פּרעדיקט ניט נאָר אָפּצוזאָגן זיך פון פאַרגעניגן און לוקסוס, נאָר אפילו

אויך פון זאכן, וואס מען דארף זיי באטראכטן פאר נויטיק. דא קומט אריין זיין פילאזאפישער געדאנק, אז דורך אפזאגן זיך פון זאכן, מיידט מען אויס צו ליידן דערפון וואס מען האט זיי ניט און אז ניט האבן קיין ליידן מיינט האבן פריידן.

אזוי ארום האט אנטיסטענעס געמאכט אסקעטיזם פאר א פילא־זאפישער שיטה.

אין דער גאנצער צייט פון זיין לעבן און אפילו אויך באלד נאך זיין טויט, אין גריכנלאנד, האט אנטיסטענעס ניט געהאט קיין גרויסע צאל אנהענגער. גראד דעמאלט איז דעם עולם בעסער געפעלן די שיטה פון עפי־קורוסן, וועלכער האט געפרעדיקט הנאה צו האבן פון דער וועלט. טאקע אויך צוליב דער זעלבער פעסימיסטישער גרונד־הנחה.

אין די שפעטערדיקע דורות אבער איז די צינישע שיטה געווארן מער פארשפרייט, און מיר געפינען שוין אין רוים א גרויסע צאל פון געלערנטע און קינסטלער, וועלכע האלטן זיך ביי את דער שיטה, כאטש ניט אזוי עקסטרעם ווי עס איז געווען דיאגענעס. ציניזם איז אויך א פילאזאפיע וואס איז אפהענגיק פון געמיטס־צושטאנד ביים כלל ווי ביי יחידים. אין א צייט פון יאוש און פארצווייפלונג איז די צינישע שיטה מער צוגעפאסט ווי אין א צייט פון שפע און פרייד. די שיטה איז דעריבער „א געמיטס־פילאזאפיע״, ווי איינער פון די מיטלאלטער־געלערנטע האט זיך וועגן איר אויסגעדריקט.

* * *

די צווייטע פילאזאפישע שול פון יענער צייט און די סאמע לעצטע איז געווען די פון די סקעפטיקער.

„סקעפטיציזם״, צווייפל און ניט־זיכערקייט אין די רייד און האנד־לונגען, איז אין אלטן גריכנלאנד געווען א באגלייט־דערשיינונג פון אלע פילאזאפישע שיטות, שוין פון די גאר אלטע צייטן אן, אבער אלס אן אייגנארטיקע פילאזאפישע שיטה האט זי ערשט באגרינדעט פירהא פון עליס, א פילאזאף וועלכער האט זוכה געווען צו א טיפן עלטער פון 90 יאר. ער איז געשטארבן אין יאר 275 פאר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. פירהא איז געווען א קונסט־מאלער. ער האט באגלייט אלעקסאנדער פון מוקדון אויף זיינע מארשן אין פערסיע און איבערהויפט אויף זיין מארש אין אינדיע, ווייל ער האט געוואלט שטודירן די פערסישע און די אינ־דישע פילאזאפיעס. ער איז אויך געווען א פריינד פון דעם פילאזאף אנאקסארכוס, וועלכער האט באקעמפט דעמאקריטוסעס לערעס.

ווי עס זעט אויס, האָט פּירראָ פון אים באַקומען דעם ערשטן שטויס צו גיין אויפן נייעם וועג פון סקעפּטיציזם.

אָבער וואָס מיינט אַזוינס אָט־די שיטה?

עס איז אַ שיטה פון צווייפל אין אַלעם וואָס אַ מענטש רעדט אָדער טוט אונטער דער זון. פּירראָ ווייזט אויף, אַז וואָס פאַר אַ געדאַנק אַ מענטש זאָל ניט אויסדריקן, קען מען באַלד אים אומוואַרפן דורך אַ קעגן־געדאַנק. עס קען אַלעמאָל זיין אַ געדאַנק וואָס זאָגט פונקט פאַרקערט. אויב אַזוי, איז, אַלזאָ, נישטאָ אויף דער וועלט אַזאַ געדאַנק און אַזאַ זאַך וואָס איז פולשטענדיק זיכער, ווייל עס איז נישטאָ קיין שום הנחה, וואָס זאָל זיין אַזוי פעסט באַגרינדעט, אַז קיינער זאָל זי ניט קענען אומוואַרפן. אַזוי ארום איז דאָ וועגן אַלעם נאָר איין זיכערע זאַך און דאָס איז — צווייפל. עס איז שטענדיק דאָ אַ ספק אין יעדן וואָרט, יעדן געדאַנק און יעדער טאָט. עס איז כסדר דאָ אַן אורזאַך צו זיין סקעפּטיש אין אַלעם. אָט דערפאַר, האָבן זיי געזאָגט, אַז די בעסטע שיטה אין לעבן איז ס ק ע פּ ט י צ י ז ם.

אָבער — האָבן די סקעפּטיקער צוגעגעבן — סקעפּטיציזם מיינט ניט ניט־גלויבן, ווי למשל, ניט גלויבן אין גאָט אָדער ניט צו גלויבן אין עפּעס וואָס מען זאָגט אונדז. ניין — האָבן זיי אַרגומענטירט. דער וואָס גלויבט ניט איז זיכער ביי זיך, אַז עס איז ניט אַזוי ווי מען זאָגט אים. ער גלויבט ניט אין גאָט, ווייל ער איז זיכער, אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט. ער גלויבט ניט אין דעם וואָס עמיצער זאָגט אים, ווייל ער איז זיכער, אַז עס איז ניט אַזוי. אָבער ניט־גלויבן איז ניט סקעפּטיציזם, צו זיין אַ סקעפּטיקער מיינט צו צווייפלען, צו זיין אין ספק וועגן יעדער זאַך, ניט צו זיין זיכער צי עס איז אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער ניט צו זיין זיכער אויך ניט.

אַ טייל פון די סקעפּטיקער זיינען אָבער דערגאַנגען מיט זייערע רייד ביז צו אַבסורד און געצווייפלט אפילו צי עס איז דאָ אַ וועלט, צי עס זיינען דאָ מענטשן און צי זיי אַליין עקזיסטירן. דאָס ווערט אַמבעסטן אילוסטרירט דורך אַ מעשהלע ווי איינער אַזאַ פילאָזאָף האָט אויסגעדריקט צו זיין פאָטער דעם געדאַנק וועגן צווייפל צי ער איז גאָר דאָ, האָט דער פאָטער אים דערלאַנגט אַ פּאַטש אין באַק. ווען דער זון האָט זיך געכאַפּט צו דער באַק, האָט דער פאָטער אויסגעשריען: נו, איצט זעסטו שוין, אַז דו ביסט יאָ דאָ.

די סקעפּטישע שיטה האָט אין אַ געוויסער מאָס אַן ענלעכקייט צו דער פריערדיקער שיטה, ווייל ביי ביידע איז דער הינטערגרונט —

סאָפיזם. אָבער די סקעפּטיקער האָבן געמאַכט נאָך אַ שריט ווייטער און האָבן דערמיט צעשטערט זייער גאַנצן פילאָזאָפישן בנין. נעמלעך, זיי זיינען אַוועק אויפן וועג פון מעטאַפיזיק און מיסטיק, ווייל אייגנטלעך איז דאָס געווען אַ פועל־יוצא פון זייער גאַנצער פילאָזאָפיע. אַזוי ווי זיי האָבן געלייקנט אין דער הערשאַפט פון שכל און דערקלערט, אַז יעדער ראַציאָנעלער געדאַנק איז ניט זיכער, ווייל מען קען ברענגען אַן אַנדערן ראַציאָנעלן געדאַנק וואָס זאָל אים אָפּלייקענען, האָט דאָס ממילא געמוזט זיי פירן אויפן וועג פון מיסטיק וואָס הויבט זיך אָן דאָרטן, וואו דער ראַציאָנעלער געדאַנק הערט אויף.

אויך די שריפטן פון פּירראָ זיינען פאַרלוירן געגאַנגען און מיר דערוויסן זיך פון זיין פילאָזאָפיע ערשט פון זיינעם אַ תלמיד טימאָן פון פליאוס. טימאָן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 179 פאַר דער הייני־טיקער צייט־רעכענונג. ער האָט געלערנט ביי פּירראָן און האָט פיל געוואַנדערט איבער דער וועלט. ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך אין גריכיש מיטן נאָמען „סילי״, וואו ער גיט סאַטירישע שילדערונגען פון אַלע פילאָזאָפישע שולן פון גריכנלאַנד, אָבער ווען ער קומט צו רעדן וועגן זיין רבין, פּירראָ, ווערט ער ערנסט און גיט איבער זיין פילאָזאָפישע שיטה מיט פיל רעספּעקט. מיר וועלן דאָ דעריבער ברענגען אַ קורצע שטעלע פון אָט־דעם בוך, וואו ער רעדט וועגן פּירראָס שיטה:

„אַזוי ווי מיר זעען, אַז עס איז נישטאָ קיין זיכערקייט אין יעדן געדאַנק, דאַרף מען דעריבער קומען צום באַשלוס, אַז די נאַטור פון אַלע זאַכן איז — דאָס ניט וויסן עס. אויב אַזוי איז דאָס בעסטע פאַר אַ מענטש צוריקצוהאַלטן זיך פון אַרויסגעבן אַן אורטייל וועגן עפּעס. אָנשטאָט צו זאָרגן זיך וועגן דער פראַגע פון גוטס און שלעכטס, איז בעסער צו זאָגן, אַז מען ווייסט ניט וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט. עס איז אָנגענומען ביי די פילאָזאָפן, אַז מיר קומען צו געוויסע שלוסן, נאָך דעם ווי מיר האָבן אַוועקגעלייגט באַשטימטע, פעסטגעשטעלטע הנחות. אָבער אויב די הנחות גופא זיינען ניט קיין זיכערע — און זיי קענען ניט זיין קיין זיכערע, ווייל אַלע הנחות קען מען אָפּפרעגן — קען מען, אַלזאָ, קיין שום הנחות ניט האָבן און אויב אַזוי, האָבן מיר ניט ווידער פון וואַנען צו ציען קיין שלוסן״.

אַ פיל שפּעטערדיקער תלמיד פון פּירראָ, סעקסטוס עמפּי־ריקוס, וועלכער האָט געלעבט אין רוים אין דער צווייטער העלפט פון צווייטן יאָרהונדערט, הייניטיקע צייט־רעכענונג, האָט אָנגעשריבן אין לאַטיין דריי גרויסע ווערק, וואו ער גיט איבער גענוי פּירראָס לערע.

אין די ביכער ווייזט ער אויף, אַז מיר דאַרפן צווייפלען אין אַלעם וואָס מיר זאָגן און טוען, ווייל קיין זאַך איז ניט זיכער.

דערמיט איז געענדיקט די געשיכטע פון דער גריכישער פילאָ־זאָפיע, אָבער די גריכן האָבן אין יענער צייט אויפגעטאָן אויך זייער פיל אויף אַנדערע געביטן, ווי אין קונסט און ליטעראַטור, אין טעאַטער און אַרכיטעקטור.

15. די גריכישע שאַפונגען אויפן געביט פון ליטעראַטור

ווי אַזוי עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאָלקס־שאַפונגען אין גריכנלאַנד. — צום ערשטן מאָל איז אַלץ געווען בלויז מיטן מויל, אָן שריפט. — די ערשטע פּאָעזיע און פּראָזע. — די גרויסע דיכטער וואָס גריכנלאַנד האָט אַרויסגעגעבן. — די קינסטלער אויפן געביט פון דראַמע. — די ערשטע היסטאָריקער. — די באַדייטונג פון זייער שאַפן.

מיר האָבן גערעדט פריער וועגן דעם וואָס די גריכן האָבן אויפגעטאָן אויפן געביט פון פילאָזאָפיע. איצט ווילן מיר מאַכן אַ קורצן שפּאַציר איבער דעם וואָס זיי האָבן נאָך אַזוי יונג אין דער געשיכטע געשאַפן אויפן געביט פון ליטעראַטור; אויפן געביט פון טעאַטער און אויפן געביט פון אַרכיטעקטור.

דאָס ערשטע איז דער געביט פון ליטעראַטור. לאָמיר גיין כסדר:

די אַלטע גריכישע ליטעראַטור איז וויכטיק, ניט נאָר דערפאַר וואָס זי איז די עלטסטע אין דער וועלט און אַזעלכע, וואָס האָט געהאַט איר איינפלוס אויף די ליטעראַטורן פון אַלע פעלקער, נאָר הויפּטזעכלעך דערפאַר, וואָס זי איז געווען די סאַמע אָריגינעלסטע ליטעראַטור. מען דאַרף געדענקען, אַז אויב מיר שאַפן איצט אין פּאָעזיע, אין פּראָזע; אויב מיר שרייבן איצט ראָמאַנען, דראַמעס און אַנדערע פאָרמען פון ליטעראַטור, האָבן מיר פאַר זיך שוין מוסטערן, די פון די גריכן. זיי זיינען געווען די ערשטע אויף די אַלע געביטן. זיי זיינען די, וואָס האָבן די אַלע פאָרמען געשאַפן. זיי האָבן קיין מאָדעלן פון שרייבן, קיין פריערדיקע מוסטערן ניט געהאַט. אָט דערין ליגט זייער גרויסקייט. צו דעם קומט צו נאָך דאָס, וואָס דאָס וואָס זיי האָבן געשאַפן איז פון אַזאַ גרויסן ווערט. אַזוי, למשל, קען מען אַ טייל פון זייערע דראַמעס נאָך איצט שפּילן.

* * *

דער אָנהויב פון דער אַלטער גריכישער ליטעראַטור איז אָבער געווען ניט דורך שריפט, נאָר דורכן מויל, בעל־פּה. שרייבן איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קונסט וואָס זייער ווייניק מענטשן האָבן געקענט. בלויז יחידי־סגולה האָבן דעמאָלט געקענט שרייבן. דאָס רוב פון דער

אינטעליגענץ האָט געקענט שיין רעדן, זינגען, שפּילן א.ד.גל., אויסנ־ווייניק, אָן געשריבענעם וואָרט פאַר די אויגן.

דאָס מיינט, אַז דאָס זיינען געווען פאָלקס־שאַפונגען. דאָס פאָלק האָט געשאַפן לידער. דאָס פאָלק האָט געשאַפן מעשהלעך און אַפילו שפּילערייען. עס איז געווען דאָס וואָס מיר רופן איצט אָן פאָלקלאָר.

דער אָנהויב איז געווען מיט ע פּ י ש ע לידער. „עפּיש" מיינט געשעעניש, זאַכן וואָס האָבן פּאַסירט. דאָס פאָלק האָט געשאַפן לידער וועגן אַזעלכע געשעענישן און דערנאָך האָט מען זיי געזונגען. דאָס איז געשען אויך שפּעטער ביי אַלע פעלקער און אויך ביי יידן. אויב עס איז געשען עפּעס אַ פאַקט וואָס האָט אַלעמען אָנגערירט, האָט דאָס פאָלק (ד.ה. עמיצער פון פאָלק) געשאַפן וועגן דעם אַזאַ מין געזאַנג, וואָס אַלע האָבן עס באַלד אויפגעכאַפּט.

נאָכן עפּישן ליד איז געקומען דאָס ל י ר י ש ע ליד, דאָס ליד פון האַרצן אויס. אַ ליבע־ליד, אָדער אַ וויג־ליד, א.ד.גל.

דערנאָך איז געקומען דער שפּיל פון צוויי אָדער עטלעכע מענטשן אויך אויף אויסנווייניק. אָט די שפּילן האָבן געפירט צו טעאַטער און צו דראַמע.

שפּעטער איז געקומען שוין די צייט פון שרייבן, אויף צו פאַר־צייכענען זאַכן און דאָס האָט שוין געפירט צו שרייבן היסטאָריע, פילאָזאָפיע און וויסנשאַפטס־ווערק.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס שאַפן מיטן מויל האָט אַלץ ניט אויפ־געהערט. פאַרקערט, עס האָט זיך אַנטוויקלט וואָס אַמאָל מער ביז עס איז געוואָרן אַ קונסט, די קונסט פון אָראַטאָריע, פון שיין ריידן. אין יענער צייט האָט מען שוין אויך אויפגעשריבן די פּאָעזיע, די עפּישע און די לירישע. אָבער, ווי געזאָגט, איז די געשריבענע עפּישע פּאָעזיע אויך געקומען פריער פאַר דער לירישער, ווייל אַ מעשהלע פאַרכאַפּט מער דעם עולם, אַ געזאַנג וועגן אַ געשעעניש וואָס אַלע האָבן געוואוסט וועגן דעם האָט אַפּעלירט צו אַלעמען. דעריבער האָט צום עולם, וואָס האָט זיך צוגעהערט, אַפּעלירט צו הערן איינעם דערציילן אין געזאַנג וועגן אַ פאַקט וואָס אַלע ווייסן דערפון. דער עולם האָט זיך דערמיט שטאַרק אַמוזירט. שפּעטער האָט דער זעלבער עולם אויך שוין געוואָלט הערן אַ ליבעס־ליד, אַ וויג־ליד, אַ טריאומף־ליד און אַ וויין־ליד. אין יענער צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די שריפט, זיינען צום ערשטן געוואָרן פּאָפּולער האָמערס לידער וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין עפּישער פאָרם, וועגן געשעענישן פון יענער צייט. האָמערס פּאָעמעס

זיינען לאַנגע, אָבער דאָס איז ניט געווען קיין מניעה. דאָס פאָלק האָט עס געוואָלט האָבן און מען האָט געווידמעט עטלעכע נעכט דערצו. מען האָט רעציטירט זיי אין פאַרזעצונגען, אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט, עטלעכע מאָל אַ וואָך. דאָס איז געווען אַזאַ צייט־פאַרטרייב. לויט ווי האָמער באַשרייבט דאָס אַליין, האָט מען זיך פאַרזאַמלט אין אָוונט אין הויז פון עלטסטן פון דאָרף און דאָרטן האָט מען אויסגעהערט די פּאָעזיע.

ווען עס איז געקומען די לירישע עפּאָכע, זיינען אַנטשטאַנען שוין עטלעכע באַרימטע דיכטער, וואָס פון אַ טייל פון זיי זיינען זייערע לידער געבליבן עד היום. זיי זיינען געווען די דיכטערין ס אַ פּ פ אָ, דאַן די דיכטער אַ ל ק ע א ו ס, אַ נ אַ ק ר אָ ן, אַ ר כ י ל אָ כ ו ס, א י ב י־ ק ו ס און ט אַ ג ו ס.

אויסער זיי זיינען געווען אויך דיכטער וואָס האָבן געשריבן הייליקע לידער. דאָס מיינט ליבעס־לידער פאַר כאָרן פון די טעמפּלען, וואו מען האָט געזונגען צו די געטער. יענע לידער האָבן געהאַט שפּיל־פאָרמען און אַזוי ווי זיי זיינען פאָרגעטראָגן געוואָרן פון כאָרן, האָבן זיי געהאַט שוין אין זיך די פאָרם פון דראַמע. אַזוי זיינען, צום ביישפּיל, די „אָדעס״ פון דעם גרויסן דיכטער פּ י נ ד אַ ר, וועלכער ווערט פאַררעכנט פאַרן גרעסטן גריכישן דיכטער אויפן געביט פון לירישע פּאָעזיע. פּינדאַר האָט געשאַפן זייער פיל, אָבער פון אַלעם איז געבליבן נאָר 44 „אָדעס״ (ליוב־געזאַנגען צו גאָט), אָבער דאָך איז דאָס די גרעסטע צאָל לידער וואָס עס איז געבליבן פון אַ דיכטער פון יענער עפּאָכע אין גריכנלאַנד.

צווישן די אַנדערע „אָדעס״, פון וועלכע עס איז אַרויסגעקומען די דראַמע, קען מען רעכענען די לידער וואָס זיינען געזונגען געוואָרן פון כאָרן מיט פאַרשידענע טענער, צום גאָט ד י אָ נ י ס ו ס (דער גאָט פון וויין). פון יענע לידער איז כמעט גאָר ניט געבליבן, אַזוי אַז מיר האָבן ניט פון זיי קיין מוסטערן. מיר ווייסן נאָר פון די גריכישע היסטאָ־ריקער, אַז מען האָט געזונגען אַזעלכע לידער.

אין דער דראַמע ווי זי האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט איז געקומען צום אויסדרוק דער ווילן פון פאָלק. אין פיל פון זיי האָט דאָס פאָלק זיך באַקלאָגט אויף עפּעס. דאָס זיינען געווען שטאַרקע פּראָטעסטן אין דיאַלאָג־פאָרם. די גריכישע דראַמעס האָבן אויך געהאַט איינעם וואָס האָט דערציילט פריער אָדער שפּעטער דאָס וואָס עס קומט פאָר אין דער דראַמע. עס זיינען געווען צוויי פאָרמען: איינע פון קאָמעדיעס און אַ צווייטע פון טראַגעדיעס. פון די קאָמעדיעס האָבן מיר בלויז אַ טייל פון די ווערק פון אַ ר י ס ט אָ פ אַ נ ע ס, אָבער פון די טראַגעדיעס

האָבן מיר אַ טייל פון די ווערק פון אַ ס כ י ל אָ ס, ס אָ פ אָ ק ל ע ס און א י י ר י פ י ד ע ס. פון אַריסטאָפאַנעסן זיינען געבליבן עלף קאָ־מעדיעס. די פּאָפּולערסטע פון זיי אַלע איז „ליסיסטראַטאַ״, וועלכע ווערט זייער אָפט געשפּילט אויף פאַרשידענע וועלט־בינעס. אַסכילאָס האָט אָנגעשריבן, לויט ווי עס ווערט אָנגעגעבן 90 דראַמעס, פון וועלכע עס זיינען געבליבן בלויז 7. אַסכילאָס איז באמת דער שאַפער פון דער טראַגעדיע, ווייל ער איז געווען דער ערשטער צו שאַפן אַזעלכע פאַר־שטעלונגען. אַסכילאָסעס דראַמעס זיינען שווער אויפצופירן אין דער היינטיקער צייט. פון אים זיינען געבליבן אויך 7 טראַגעדיעס. פון זיי זיינען באַזונדערס באַקאַנט „עדיפּוס דער קעניג״ און „עלעקטראַ״. איירי־פּידעס האָט אָנגעשריבן, לויט אַ טייל, 92 דראַמעס, און לויט אַנדערע, נאָר 75. אָבער פון אַלע זיינען געבליבן ניט מער ווי 18 פּיעסן. די מער באַקאַנטסטע פון אַלע זיינען „ציקלאָפּוס״, וואָס איז איבערזעצט געוואָרן אויף ענגליש פון שעלי, און „אַלסעסטיס״, וואָס ווערט נאָך איצט אויך געשפּילט.

* * *

אויפן געביט פון שרייבן היסטאָריע האָט גריכנלאַנד אויך געמאַכט אַן אָנהויב (אויב מען זאָל ניט רעכענען אונדזער ביבל, וואָס איז געקומען פיל פריער און וואָס אַנטהאַלט צווישן אַנדערעס אויך היסטאָרישע שיל־דערונגען). עס זיינען געווען אַ גאַנצע ריי פון היסטאָריקער, אָבער עס זיינען בלויז געבליבן די ווערק פון דריי פון זיי. זיי זיינען: ק ס ע נ אָ־פ אָ ן, ה ע ר אָ ד אָ ט ו ס און ט ו ס י ד י ד ע ס. העראָדאָטוס רעכנט זיך אַלס דער „פאָטער פון היסטאָריע״. טוסידידעס באַמערקט אין זיין ווערק, אַז ער ווייסט אַז עס זיינען איצט דאָ וויניק וואָס וועלן קענען לייענען זיין בוך, ווייל עס זיינען דאָ וויניק וואָס קענען לייענען איבער־הויפּט היסטאָרישע ווערק, אָבער ער שרייבט, זאָגט ער, פאַר דער צוקונפט, פאַר די צוקונפטיקע דורות. פון העראָדאָטוסן איז געבליבן אַ גרויס היסטאָריש ווערק, וואָס איז איינגעטיילט אין 9 טיילן. זיין געשיכטע האָט עד היום אַ נווערט, ווייל עס איז על־פּי־רוב אַקוראַט און מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן. אויך פון קסענאָפאָן זיינען געבליבן זעקס ווערק. דאָס רוב פון זיי היסטאָרישע. פון טוסידידעס זיינען געבליבן פיר ווערק. אַלע ווערק זיינען איבערגעזעצט אין ענגליש.

מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע פאַקטן וועגן אַלע דריי היסטאָרי־קער, כדי דער לעזער זאָל האָבן אַ באַגריף וועגן זייער שרייבן.

הערָאדָאטוס, ווי געזאָגט, איז געווען אַקוראַט אין זיינע ווערק וועגן דער געשיכטע פון דער וועלט ביז זיין צייט, אָבער דאָס איז נאָר אַזוי לאַנג ביז ער קומט צו שילדערן די קאַמפן צווישן גריכנלאַנד און פערסיע. דאָ ווערט ער שוין שאָוויניסטיש און שילדערט די מלחמה אַלס קאַמף פאַר פרייהייט. ער זאָגט אויך, אַז די גריכן האָבן געזיגט (ער מיינט אַלעקסאַנדער פון מוקדון), ווייל זיי האָבן פאַרטיידיקט זייער פרייהייט קעגן אַ טיראַן, וואָס האָט געהערשט איבער אַן אַרמיי פון שקלאַפן. ער פאַרגעסט אָבער, אַז אין יענער צייט איז גריכנלאַנד אַליין געווען פאַרשקלאַפט פון אַלעקסאַנדערן און אין גריכנלאַנד זיינען פאַרגעקומען פיל אויפשטאַנדן קעגן זיין הערשאַפט, וועלכע זיינען פון אים אונטער־דריקט געוואָרן, ווי דער אויפשטאַנד פון טעבעס און אַנדערע.

בכלל שרייבט הערָאדָאטוס מיט אַ הויך פאַטעטישן טאָן וועגן אַלעם וואָס עס איז שייך צו גריכנלאַנד. ער באַנוצט זיך ניט מיט קיין קלענער וואָרט ווי „וואונדער״. אַזוי זאָגט ער „אין דעם לאַנד (גריכנלאַנד) קען מען זען צען טויזנט וואונדער״. „מען האָט מיר דערציילט אַ וואונדער״ (ער רעדט וועגן אַ געוויסער ניט־וויכטיקער דערשיינונג אין גריכנלאַנד), און אַזוי ענדיקט ער יעדעס קאַפּיטל וועגן גריכנלאַנד מיט די ווערטער „עס איז וואונדערבאַר״; „איז עס ניט וואונדערבאַר?״; „איז עס ניט אַ זאַך צו באַוואונדערן?״.

קסענאָפאָן איז אַן אַנדער סאָרט שרייבער. ער שרייבט לייכט און אָפט מיט אַ ביסעלע הומאָר. ער האָט ליב צו דערציילן מעשיות, אַנעק־דאָטן, וואָס זיינען אָבער פון גרויס וויכטיקייט, ווייל זיי באַלייכטן יענע עפּאָכע. אַזוי דערציילט ער אַזאַ מעשה:

ער איז געווען צוזאַמען מיט סאָקראַטעסן ביי אַ פאָרשטעלונג, ווען אַ מיידל, אַן אַקראָבאַט, האָט געוויזן קונצן אין וואַרפן און כאַפּן טעלערס אַזוי גיך, אַז מען האָט זיי קוים געזען אין דער לופט. סאָקראַטעס האָט געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז ער זעט דערפון אַז פרויען זיינען ניט הינטער־שטעליק אין אינטעליגענץ פון מענער. דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז הלוואי וואָלט עמיצער דאָס אויסגעלערנט זיין ווייב קסאַנטיפּע. ווען ער האָט דערמאָנט איר נאָמען, וועלכע איז געווען באַקאַנט פאַר אַן ארורה, האָט עמיצער אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט אַזאַ שלעכטער פרוי. סאָקראַטעס האָט באַלד געענטפערט: „איך פרעדיק צו לעבן בשלום מיט אַלעמען. דעריבער האָב איך גענומען אַזאַ שלעכטע פרוי, ווייל אויב איך וועל קענען אויסקומען מיט איר, וועל איך שוין אויסקומען מיט אַלע״.

טוסידידעס איז געווען אַ היסטאָריקער, וואָס האָט אויך געזאָגט מוסר דער וועלט. ער באַשרייבט די מלחמות פון גריכנלאַנד און יעדעס מאָל פירט ער אונטער דעם סך־הכל פון שאָדן וואָס זיי האָבן געבראַכט דער וועלט. ער דערקלערט צום סוף: „די סיבה פון אַלעם שלעכטן אויף דער וועלט איז די שטרעבונג צו מאַכט, וואָס פירט צו קנאה, שנאה און פוסטער גאווה“.

16. די גריכישע שאַפונגען אויפן געביט פון קונסט, מוזיק און אַרכיטעקטור

גרויסע גריכישע דערגרייכונגען אויפן געביט פון פּלאַסטישער קונסט. — די פינף פּעריאָדן פון גריכישן שאַפן. — די גרויסע קינסטלער אין אַלע פינף עפּאָכן. — די גרויסע גריכישע מאָלערייען. — די פונדאַמענטאַלע כללים פון די גריכן אין אַרכיטעקטור. — די גריכישע כאָרן אין די פעסטיוואַלס. — דער אונטערגאַנג פון גריכנלאַנד און אויפשטייג פון קאַרטאַגע.

די גריכן האָבן אין זייער גרויסן פּעריאָד פון גייסטיקע שאַפונגען, וואָס עס האָט אָנגעהאַלטן פון 500 יאָר פאַר דער הייטיקער צייט־רעכענונג ביז צום אָנהויב פון קריסטנטום אויפגעטאָן גרויסעס ניט נאָר אויפן געביט פון פילאָזאָפיע און ליטעראַטור, נאָר אויך אויפן געביט פון קונסט (סקולפּטור און מאָלעריי), מוזיק, טעאַטער און אַרכיטעקטור. מיר האָבן שוין אַרומגערעדט זייער גרויסקייט אויפן געביט פון פילאָזאָפיע און ליטעראַטור. איצט ווילן מיר ריידן וועגן די אַנדערע קונסטן.

לאָמיר צום ערשטן באַטראַכטן די שאַפונגען פון די גריכן אין געביט פון פּלאַסטישער קונסט. די גריכן האָבן דאָ ניט נאָר דערגרייכט די העכסטע מאָס פון פּערפעקציע, נאָר אַלע קונסט־שאַפונגען וואָס זיינען געקומען נאָך זיי, סיי אין דער רוימישער צייט, סיי אין מיטלאַלטער, סיי אין דער צייט פון רענעסאַנס און סיי איצט, האָבן זייער שורש אין דער גריכישער תקופה. די גריכישע שאַפונגען אין קונסט האָבן אויך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון אָריענט. כדי צו וויסן ווי ווייט גרויס עס איז געווען די השפעה, וואָס די גריכישע קונסט האָט געהאַט אויף אַלע קונסט־שאַפונגען וואָס זיינען געקומען נאָך זיי, דאַרף מען בלויז האָבן אין זינען, אַז צוויי מאָל אין די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר האָט מען זיך צוריק אומגעקערט צו די גריכישע פאָרמען. צום ערשטן מאָל איז עס געווען אין דער צייט פון רענעסאַנס צום סוף פון 16טן און אָנהויב 17טן יאָרהונדערט, און דערנאָך ווידער לעצטנס אין דער מאָדערנער צייט, ביים סוף פון 18טן און אָנהויב 19טן יאָר־הונדערט, און אַפילו איצט האַלט מען זיך פעסט ביי די גריכישע אַנאַ־טאָמישע פאָרמען. די גריכישע סקולפּטור איז עד היום אַ מאָדעל פאַר אַלע יונגע קינסטלער.

ווען מען רעדט פון דער גריכישער קונסט, טיילט מען די שאַפונ־גען פון יענער צייט אין פינף טיילן.

די ערשטע צייט איז די וואָס מען רופט אָן דער אַרכעאישער פעריאָד (ער האָט אָנגעהאַלטן אין דער צייט פון 500 ביז 480 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג). אַרכעאיש מיינט „אָן אַ סיסטעם", ווייל עס איז אין יענער צייט ערשט געווען דער אָנהויב פון שאַפן געוויסע פאָרמען און טיפּן. עס איז אין יענער צייט געווען דער אָנהויב פון קונסט־שולן. די שאַפונגען פון יענער צייט זיינען דעריבער געווען אָן סיסטעם, אַזוי צו זאָגן — אַרכעאישע — ווייל עס איז נאָך ניט געווען קיין באַשטימטע כללים וועגן שיינקייט־פאָרמען, וועגן ליניעס און קיין סיסטעם ווי אַזוי צו שאַפן אַ מענטשלעכע פיגור, וואָס זאָל אויסדריקן דאָס, וואָס דער קינסטלער האָט אין געדאַנק. עס האָט נאָך געפעלט שול, לערע און טעכנישע מיטלען כאָטש דער שאַפונגס־גייסט איז שוין דאָ אין די קונסט־שאַפונגען פון יענער צייט. ערשט שפּעטער זיינען אויפגעקומען שולן פאַר קונסט אין גריכנלאַנד און אין אירע קאָלאָניעס, ווי, למשל, אין כיאָס, פּאַראָס און נאַקסאָס. אָבער די שולן זיינען נאָך אַליין ניט געווען פאַר־פולקאָמט אינעם וויסן, ווי אַזוי צו שאַפן. בלויז אין אַטען איז געווען איין שול פאַר סקולפּטור־אַרבעט, וואָס איז געווען פון גרויסער באַ־דייטונג.

נאָכן אַרכעאישן פעריאָד איז געקומען אַ צווייטער פעריאָד אין די קונסט־שאַפונגען אין גריכנלאַנד. דער פעריאָד ווערט אָנגערופן דער „אַטיק־פעריאָד" (ער האָט אָנגעהאַלטן איבער הונדערט יאָר, פון 480 ביז 323 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג). „אַטיק" מיינט אין גריכיש: שיין עלעגאַנט. אין דעם פעריאָד האָבן שוין די מייסטערס, די סקולפּטאָרס, געקענט באַהערשן זייער מאַטעריאַל און שאַפן אַזוינס וואָס זאָל אויסדריקן דעם געדאַנק, וואָס זיי ווילן. עס זיינען שוין געווען געוויסע כללים וועגן פאָרמען פון שאַפן.

די דאָזיקע צייט ווערט אָנגערופן אין דער גריכישער קונסט־געשיכטע די איבערגאַנגס־צייט, ווייל אָט אין די הונדערט יאָר זיינען געשאַפן געוואָרן בעסערע ווערק ווי אין דעם פריערדיקן יאָרהונדערט, אָבער דאָך ווייט נאָך ניט קיין גרויסע שאַפונגען. דאָס איז ערשט גע־קומען שפּעטער.

אין אַטיק־פעריאָד האָט מען שוין אָנגעהויבן צו שאַפן גרויסע ווערק, ווי סטאַטועס פון גרויסע ספּאָרט־העלדן, און עס איז אויך געווען אָן אָנהויב פון שאַפן טעמפּלען. ספּאָרטס־העלדן און זינגער אין די פאַר־

שידענע שפּילערייען פון אָלימפּ זיינען אַלע מאָל געווען פּאַרערט ביים פאָלק. אָבער אויך ביי די סקולפּטאָרן זיינען זיי געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. ווייל דורך דער שטאַרקייט און שיינעם געבוי פון זייערע קערפּערס האָבן זיי געקענט געבן אַ בילד פון אַ שיינעם שטאַרקן מאַן, אין פאַרשידענע פּאָזעס, ווי, למשל, אַ געראַנגל פון צוויי ריזן, אָדער גאָר צו געראַנגל פון אַ ריז מיט איינעם פון די געטער. מען האָט אויך, ווי שוין געזאָגט, שוין זיך גענומען צו בויען קונסט־טעמפּלען, אָבער דאָס האָט זיך ערשט אַנטוויקלט שפּעטער, אין דריטן פּעריאָד. מען זעט אָבער שוין אַן אָנהויב דערפון אין דעם פּערטן יאָרהונדערט פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. צו־אָט די טעמפּלען געהערן: דער וואָס מען האָט אויסגעבויט פאַרן גאָט צעאוס, אויפן באַרג אָלימפּיאַ, און די קלענערע טעמפּלען — אין אַנדערע ערטער. פיל שאַפונגען זיינען אין מאַרמאָר־שטיין. אַנדערע זיינען אין בראָנדז. איינע פון די באַרימטסטע סטאַטועס איז די בראָנדז־פיגור „קוטשער פון דעלפי". אין יענער עפּאָכע האָבן געלעבט די סקולפּטאָרן קאַלאַמיס און פּיטאַגאָראַס, וועלכער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט סקולפּטורן פון אַטלעטן און גאָר באַזונדערס מיראָן, וואָס האָט געשאַפן אַ גאַנצע גאַלעריע פון אַטלעטן, קאָפּירט פון העלדן אין טעגלעכן לעבן. עס איז אויך געבליבן פון יענער צייט אַ וואונדערבאַרע בראָנדזענע סטאַטוע פון אַן אַטלעט, וואָס געפינט זיך איצט אין דער קאָנסערוואַטאָריע אין רוים. דער נאָמען פון דעם סקולפּטאָר איז ניט באַוואוסט.

נאָך יענער עפּאָכע הויבט זיך ווידער אָן אַ נייע עפּאָכע אין גריכישער פּלאַסטישער קונסט, וועלכע ווערט גערופן די עפּאָכע פון פּידיאַס (אויפן נאָמען פון גרעסטן גריכישן סקולפּטאָר, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט). דאָס איז געווען די עפּאָכע, ווען די גרויסע גריכישע סקולפּטאָרן האָבן זיך פאַרנומען מיט שאַפן טעמפּלען, על פּי רוב, לכבוד די געטער. זיי האָבן געשאַפן דעמאָלט גאַנץ גרויסע בנינים, וועלכע זיינען געווען קונסט־ווערק. אין די בנינים זיינען געווען פיל ריזיקע סטאַטועס, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט די געטער אין פאַרשידענע פּאָזעס. אַזוי האָבן מיר אין אַטען אַ גאַנצע ריי פון אַזעלכע בנינים אויף דעם אַקראָפּאָליס, און אַזוי האָבן מיר אויך פון יענער צייט דעם פּאַרטענאָן, די פּראָפּילעא, די ערעכטעאום און דעם קליינעם טעמפּל ניקע. אויך אין דעם שטאָט־טייל פון אַטען, וואָס רופט זיך טעזעאום, זיינען דאָ פיל קלענערע טעמפּלען פאַר די אַלטע גריכישע געטער. פון די גרויסע קינסטלער, וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט, זיינען געווען, אַ חוץ פידיאַס, די קינסט־

לער פעליקליטוס פון אַרגאָס, אַגאַראַקריטוס, אַלקאַמענעס, קרעסילאַס און פעאָניאַס.

אין פערטן פעריאָד זעען מיר שוין אַן ענדערונג אין גייסט פון די קינסטלער. אַנשטאָט צו שאַפן גרויסע מייסטערווערק, סטאַטועס פון אַטלעטן, אָדער שאַפונגען פון טעמפּלען, איז דאָ אַ צוריקטריט צום יחיד, צום איינצעלנעם, צום אינדיווידועלן. מיר זעען שוין שאַפונגען פון אומ־באַקאַנטע יחידים, וועלכע זיינען ניט געווען קיין אַטלעטן, אָדער אַנדערע באַרימטקייטן. אין דעם פעריאָד איז צו באַמערקן די גרויסע השפעה פון די פריערדיקע יאָרהונדערטער אָבער עס שאַפט זיך אויך אַן אייגענער נוסח, אַ נייע פאָרם פון שאַפן קונסטווערק. אין דער עפּאָכע האָבן געלעבט אין אַטען די גרויסע סקולפּטאָרן פּראַקסיטעלעס און דעמעטריאָוס פון אַלאָפּענע. די סטאַטועס פון יענער צייט זיינען שוין רייכע שאַפונגען אויף פאַרשיידענע טעמעס און ניט נאָר פון אַטלעטן און געטער אַליין.

צום סוף קומט די לעצטע עפּאָכע, וואָס ווערט באַצייכנט אַלס דער העלעניסטישער פעריאָד, פון 323 ביז 146 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. מיר זעען איצט אַ גאַר נייע עפּאָכע אין דער גריכישער קונסט. עס איז נאָך אַלעקסאַנדער פון מוקדונס מלחמות. אין יענער צייט איז מזרח־אַזיע געוואָרן געעפנט פאַר די גריכן און עס הויבט זיך אָן אַן אויס־טויש פון גריכישן געדאַנק מיט דער אַרומיקער וועלט. אַטען איז שוין איצט ניט אַזוי שטאַלץ און איינגערעדט אין זיך, און האַלט שוין ניט מער, אַז זי איז דאָס אויבערשטע פון שטויסל. עס הויבט זיך אָן אַן אויסטויש פון ווערטן. עס שאַפן זיך שוין קונסט־שולן אויך אין אַלעקסאַנדריע, אין עגיפּטן, אין פערגאַמוס און אין ראָדעס. עס הויבט זיך אויך אָן אַ נייער פעריאָד אין קונסט־שאַפונגען, וועלכע רופן זיך ניי־גריכיש און דערמיט אויך אָן אָנהויב פון אַ נייער ציוויליזאַציע אויסער גריכנלאַנד.

* * *

אויפן זעלבן וועג ווי די פּלאַסטישע קונסט, איז אויך געגאַנגען די מאַלעריי. אויך אין מאַלעריי זעען מיר פריער אַרכאַאישע פאָרמען (אין 5־טן יאָרהונדערט פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג) און שפּעטער אַלץ מער אַנטוויקלטע פאָרמען. מיטן לויף פון די יאָרן, זעען מיר שוין די שאַפונגען פון פּאָליגנאָטוס פון טאַסאָס, וועלכער ווערט פאַררעכנט פאַר דעם פאָטער פון דער מאַלעריי־קונסט אין גריכנלאַנד. עס קומט שפּעטער אַ נייע עפּאָכע, ווען די מדינה וויל האָבן, אַז די קינסטלער זאָלן אַרבעטן פאַר איר, אַזוי ווי ס׳איז געווען אין דער צייט ווען די סקולפּ־

טאָרן האָבן געשאַפן די גרויסע טעמפּלען. מיר זעען שוין דעם גרויסן קינסטלער־מאָלער אַגאַטאַרנוס פון סאַמאָס, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן די פונדאַמענטאַלע פאָרמען פון קונסט־מאָלערייען. אין יענער צייט זיינען געגרינדעט געוואָרן אין אַטען פיל קונסט־שולן, פון וועלכע די באַרימטסטע זיינען געווען די פון זעאוקסיס פון רעזיראַקליא און די פון פּאַראַסילס פון עפיסוס. עס ווערט אויך געשאַפן דאַן אין אַטען די קונסט־שול פון טימאַנטעס פון ציטנאַס, וועלכע האָט זיך באַזונדערס אינטערעסירט מיט די אויסדרוקן פון מענטשלעכן געזיכט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער פאַר דער הייגטיקער צייט־רעכענונג, האָט די גריכישע קונסט אין מאָלעריי באַזונדערס געבליט אין די גריכישע קאָלאָניעס, וואו עס האָבן געלעבט גרויסע גריכישע קינסט־לער, וועלכע האָבן געגרינדעט קונסט־שולן. אַזוי איז געווען באַרימט די קונסט־שול פון טעבאַן.

די זעלבע טענדענצן, וואָס מען זעט אין דער סקולפּטור אין העלע־ניסטישן פּעריאָד, זעען מיר אויך אין דער מאָלעריי. פון יענער עפּאָכע זיינען געבליבן זייער פיל מאָלערייען, וועלכע געפינען זיך אין פאַר־שיידענע מוזעאומס אין דער וועלט. עטלעכע פון זיי אויך אין מעטראָ־פּאָליטן־מוזיי פון ניו־יאָרק.

* * *

אויך אויפן געביט פון אַרכיטעקטור האָט גריכנלאַנד דעמאָלט גע־שאַפן גרויסעס. ווי באַקאַנט, צייכנט זיך די גריכישע אַרכיטעקטור אויס מיט אירע זיילן, אויף וואָס עס שפּאַרט זיך אָן די גאַנצע משא פון דאַך פון בנין. די דאָזיקע זיילן זעט מען אין אַלע גריכישע טעמפּלען, ווי למשל, אין טעמפּל פון דיאַנאַ אין עפעסיס און אין טעמפּל פון אַפּאָלאָ אין מילעטוס.

די גריכישע אַרכיטעקטור האָט זיך פאַרנומען הויפּטזעכלעך מיט טעמפּלען און רעגירונגס־בנינים, אָבער די טעמפּלען זיינען געווען דאָס סאַמע וויכטיקסטע. אין אַ גריכישן טעמפּל איז געווען די הויפּט־זאַך די אויסערלעכע שיינקייט. וועגן דעם אינעווייניק האָט מען זיך ווייניק גע־קימערט. די באַפּוצונגען זיינען געווען, על פי רוב, צוויי רייעס פון זיילן ביים אריינגאַנג, אָדער ארום דער גאַנצער געביידע, פון אַלע פיר זייטן.

די גריכישע קונסט פון אַרכיטעקטור האָט אָנגעהאַלטן אין פאַר־לויף פון זעקס יאָרהונדערטער, ביז נאָענט צו דער רוימישער עפּאָכע, וועלכע

האָט צו די גריכישע פאָרמען צוגעגעבן שפּעטער אירע אייגענע. אַ גוטער מוסטער פון גריכישער אַרכיטעקטור איז געבליבן עד היום דער טעמפּל פאַר גאָט „נעפּטון", וואָס איז געבליבן אין פּעסטום. דער טעמפּל האָט זיילן ארום און אַרום, פון אַלע זייטן און עס דוכט זיך, אַז דער גאַנצער דאַך ליגט אויף די זיילן. די גריכישע אַרכיטעקטור האָט איבערגעלאָזט איר השפּעה אויף די קומענדיקע דורות, און כאָטש מיר בויען היינט שוין ניט אזוי, האָט די גריכישע טעאַריע וועגן בוי־קונסט און די פאַרשידענע פאָרמען, וואָס זיי האָבן מיט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן צוריק געשאַפן, נאָך איצט אַ ווערט און מען רעכנט זיך דערמיט אין דער וועלט פון אַרכי־טעקטור ביז צו דער היינטיקער צייט.

* * *

אויך אויפן געביט פון מוזיק און טעאַטער האָבן די גריכן אין יענעם גרויסן פּעריאָד פון זייער לעבן ארויסגעגעבן פיל גרויסע מענטשן, כאָטש ניט אין פאַרגלייך מיט די דערגרייכונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף אַנדערע געביטן. זיי האָבן אויך געהאַט ווייניק מוזיקאַלישע אינסטרומענטן אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פעלקער, לאָמיר זאָגן: די יידן, וועלכע האָבן געהאַט אַ גאַנצע ריי, ווי די האַרפע, די פלייט, די פויק און דער טראָמפּייט. די גריכן האָבן געהאַט נאָר איין אינסטרומענט, די לירע. זיי האָבן געהאַט אַ מין סיסטעם פון נאָטן, אָבער אַן עלעמענטאַרע. דערפאַר, אָבער, האָבן זיי געהאַט כאָרן, וועלכע פלעגן אַרויסטרעטן אויף די גרויסע פעסטיוואַלס, וואָס זיי האָבן איינגעאָרדנט און די פעסטיוואַלס מיט די כאָרן האָבן געפירט צו דער שאַפונג פון טעאַטערס.

די פעסטיוואַלס זיינען געווען איינגעאָרדנט לכבוד איינעם פון די געטער. דאָס זיינען געווען אַזעלכע יום־טובים, ביי וועלכע גרויסע מאַסן זיינען זיך צונויפגעקומען אין די עפנטלעכע פלעצער און די כאָרן האָבן געזונגען און געשפּילט און עס זיינען אויך פאָרגעקומען דיאַלאָגן לכבוד אַ גאָט, פאַר וועלכן די פייערונג איז געווען איינגעאָרדנט. אין אַטען זיינען פאָרגעקומען זייער פיל אַזעלכע פעסטיוואַלס, ניט ווייניקער ווי איין מאָל אַ חודש. אין יאַנואַר איז עס געווען לכבוד דעם גאָט פון ווײַן — דיאָניסוס; אין פעברואַר — פאַר אַן אַנדער גאָט און אַזוי אויך אין מערץ און אין אַפּריל, און אין אַלע אַנדערע חדשים. אַנדערע שטעט האָבן אויך געהאַט ענלעכע פעסטיוואַלס. עס זיינען אויך געווען פעסטיוואַלס לכבוד אַ זיג אין אַ מלחמה.

דער גרעסטער פעסטיוואַל, וואָס איז געווען דער יום־טוב פון גאַנצן לאַנד, איז געווען ווען עס זיינען פאָרגעקומען די ספּאָרט־שפּילערייען. דאָס זיינען געווען פייערונגען פון גאַנצן לאַנד.

* * *

דערמיט איז די געשיכטע פון גריכישן שאַפן אויף פאַרשידענע געביטן געענדיקט. אָבער איידער מיר גייען ווייטער, מוז מען דערמאַנען אַן אַנדערן העלד — פון דער שווערד — וואָס האָט געשטורעמט די וועלט אין יענע טעג. דאָס איז געווען אַלעקסאַנדער פון מוקדון.

17. ווער איז געווען אַלעקסאַנדער פון מוקדון?

די אַטמאָספערע אין וועלכער ער האָט זיך דערצויגן אין זיין פאָטערס קעניגלעכן הויף. — זיין מוטער אָלימפּיאַס וואָס האָט געהאַסט זיין פאָטער. — ער נעמט איבער דעם טראָן צו 20 יאָר, מאַרשירט אויף גריכנלאַנד און מאַכט חרוב טעבעס. — האָט אַריסטאָטעל, זיין רבי, געהאַט אויף אים אַ ווירקונג? — איז ער געווען ווירקלעך גרויס?

„ווער ווייסט דעם וועג פון גייסט ביים מענטש״? (מי יודע רוח האדם) — אַזוי האָט מיט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן צוריק, געפרעגט קהלת. דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגן בנוגע אַ פאָלק. ווער ווייסט דעם גייסט פון אַ פאָלק? ווען שאַפט עס אַמבעסטן? ווען גיט עס אַרויס פון זיך מער גרויסע מענטשן? איז עס אין דער צייט, ווען עס איז האָפערדיק, ווען עס האָט געזיגט איבער די שונאים ארום, אָדער אין דער צייט, ווען עס איז באַזיגט געוואָרן, ווען די לאַגע איז שלעכט מאַטעריעל און גייסטיק? פון אויבן אויף דוכט זיך, אַז מען דאַרף זאָגן, אין אַ צייט, ווען אַ לאַנד איז פריי, ווען עס הערשט דאָרטן אַ שפע און עס איז אין אַ גוטן געמיט. נו, קומט אָבער די געשיכטע און ווייזט אונדז אַנדערש. אין גריכנלאַנד זיינען מיט 2.400 יאָר צוריק אויפגעשטאַנען אירע גרעסטע פילאָזאָפן און וויסנשאַפטס־מענטשן, די דריי גרויסע ריזן: סאָקראַטעס, פלאַטאָן און אַריסטאָטעל. גראָד אין אַ צייט, ווען דאָס לאַנד איז געווען צעריסן פון אַ בירגער־קריג וואָס איז אָנגעגאַנגען אין אירע פיר גרויסע שטעט איינע קעגן דער אַנדערער. דאָס זיינען געווען די פיר שטעט, וואָס זיינען אויך געווען שטאַטן פאַר זיך אַליין, ווי: אַטען, ספּאַרטאַ, טעבעס און קאָרינט. יעדע פון די דאָזיקע קליינע מלוכהלעך איז באַשטאַנען פון גריכן, אָבער זיי האָבן געקעמפט צווישן זיך וועגן דער העגעמאָניע, וועלכע עס זאָל זיין די הויפּט־שטאָט, וועלכע פון זיי עס זאָל אָנפירן מיט אַלע. ספּאַרטאַ האָט דעמאָלט שוין געהאַט באַזיגט אַטען, אָבער טעבעס האָט געקעמפט קעגן ספּאַרטאַ און קאָרינט קעגן ביידע. דערווייל האָט מען געהאַקט קעפּ. עס זיינען פאַרשניטן געוואָרן אומשולדיקע לעבנס און דאָס לאַנד איז פאַרוויסט געוואָרן.

גראָד אין יענער צייט האָבן שפּאַצירט מיט זייערע תלמידים איבער די גאַסן פון אַטען די דערמאָנטע דריי גרויסע פילאָזאָפן, וועלכע האָבן געשאַפן אַ נייעם הויכן סטאַנדאַרד פאַר דער גריכישער ציוויליזאַציע,

אָבער דאָס וואָס זיי האָבן געשאַפן און געבויט איז פאַרניכטעט געוואָרן פון דער שווערד, ווייל גריכנלאַנד האָט טאָג פאַר טאָג פאַרלוירן אירע בעסטע מענטשן, איר יוגנט, און אויך דער וואוילזיין פון לאַנד האָט אַראָפּ־געגנידערט וואָס אַמאָל אַלץ מער.

דאָס האָבן איינגעזען עטלעכע פון די גרויסע שטאַטסלייט וואָס גריכנלאַנד האָט דעמאָלט געהאַט. איינער פון זיי איז געווען אַ באַוואוסטער פירער איסאָקראַטעס. די פירער האָבן געוואָלט ראַטעווען גריכנלאַנד און אָפּשטעלן די בלוט־פאַרגיסונגען. איסאָקראַטעס האָט דעריבער פאַר־געלייגט צו שאַפן אַ פאַראייניקונג פון אַלע שטאַטן אין איין לאַנד, אַ מין פאַראייניקטע גריכישע שטאַטן, דאָס איז געווען אַ גוטער געדאַנק, אָבער זיי האָבן געמאַכט א טעות דערמיט, וואָס מען האָט איבערגעגעבן אויף אויסצופירן אָט דאָס, אין די הענט פון אַ ניט־ריכטיקן מאַן, נעמלעך, דעם קעניג פיליפּ פון מאַקעדאָניע. זיי האָבן אים איינגעלאַדן, אַז ער זאָל דאָס טאָן. מאַקעדאָניע איז דעמאָלט געווען אַ באַרבאַריש לאַנד און דער קעניג, פיליפּ, כאָטש ער האָט אויבערפלעכלעך געהאַלטן פון ביל־דונג און האָט איינגעלאַדן גרויסע געלערנטע צו לערנען מיט זיין זון אַלעקסאַנדער (דערונטער אויך דעם פילאָזאָף אַריסטאָטעל), איז דאָך אין הארצן געווען אַ באַרבאַר. פיליפּ האָט באַלד אָנגענומען די איינלאַדונג פון איסאָקראַטעס און צוגעזאָגט צו מאַכן גריכנלאַנד פאַר איין לאַנד, אָבער ער האָט דערמיט געמיינט — צו פאַרשקלאַפן גאַנץ גריכנלאַנד אונטער זיין יאָך. ער האָט באַלד מאָביליזירט אַ גרויסע מאַקעדאָנישע אַרמיי און איז אַריין אין גריכנלאַנד, האָט איינגענומען אַלע שטאָט־שטאַטן פון גריכנלאַנד און אָרגאַניזירט דאָס לאַנד אין אַ פאַראייניקטע שטאַטן פון אַ פאַרשקלאַפטע גריכנלאַנד.

* * *

קעניג פיליפּ איז געווען דער פאָטער פון אַלעקסאַנדער פון מוק־דון, וועלכער האָט זיך צו 20 יאָר אַרויסגעלאָזט אויף איינצונעמען די וועלט פאַר זיך און האָט געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן זיך צו אים בוקן און צו אים דינען. אָבער פיליפּ אַליין איז אויך געווען אַ מענטש וואָס האָט כסדר געפירט מלחמות און זיין זון אַלעקסאַנדער האָט זיך געהאַט ביי וועמען צו לערנען מלחמה־פירונג און אויך ניט ווייניק אכזרישקייט. אין יענער צייט, ווען פיליפּ איז געוואָרן דער הערשער פון גריכנלאַנד, האָט ער זיך גענומען גרייטן צו אַ מאַרש אויף פערסיע. פיליפּ איז געווען אַ מענטש אָן רחמנות און אַלע לענדער האָבן דאָס געוואוסט און פאַר אים

געציטערט. איבערהויפּט האָבן מורא געהאַט פאַר אים אַלע מענטשן פון מאַקעדאָניע און באַזונדערס אין זיין הויף, אָבער אַלע, אַ חוץ איינע. דאָס איז געווען די קעניגין, זיין ווייב אָלימפּיאַס, די טאָכטער פון קעניג פון עפּירוס און די מוטער פון זייער איינציקן זון אַלעקסאַנדער. עס איז געווען גאָר פאַרקערט. אַט־דער שטאַרקער פיליפּ האָט גאָר מורא געהאַט פאַר איר. יעדעס מאָל, ווען זי האָט געעפנט איר מויל קעגן אים איז ער שטום געבליבן. זי, אָלימפּיאַס, האָט אים געהאַסט און זי האָט געהאַט פאַרגעניגן פון מאַכן ביטער זיין לעבן. פאַרוואָס זי האָט אים אַזוי פיינט געהאַט איז ניט באַוואוסט, אָבער היסטאָריקער וויסן צו דערציילן, אַז זי האָט געהאַט אַ געליבטן, וואָס איז ניט געווען פון קיין קעניגלעך בלוט, אָבער איר פאָטער האָט איר געצוואונגען אָפּצוזאָגן זיך פון אים און חתונה האָבן מיט פיליפּן. שפּעטער האָט פיליפּ געהייסן אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון איר געליבטן. אָלימפּיאַס האָט אים דאָס קיינמאָל ניט געוואָלט מוחל זיין, זי האָט דעריבער צוגעטראַכט פאַרשידענע זאַכן, כדי אים ווי צו טאָן און איינמאָל האָט זי אים אפילו געזאָגט, אַז אַלעקסאַנדער, זייער איינציקער זון, וועמען פיליפּ האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, איז ניט זיין זון. ווען ער איז צוגעשטאַנען צו איר, אַז זי זאָל זאָגן, ווער עס איז דער פאָטער פון אַלעקסאַנדערן, האָט זי אים געזאָגט, אַז אַ מלאך איז געקומען צו איר ביינאַכט, איז מיט איר געשלאָפן און זי איז שוואַנגער געוואָרן פון אים. צי פיליפּ האָט געגלויבט די דאָזיקע באָבע־מעשה איז ניט באַקאַנט, דערפאַר האָט אַלעקסאַנדער דער־ין שוין גאָר שטאַרק געגלויבט און זיך איינגערעדט, אַז ער איז אַ געטלעך קינד.

אָלימפּיאַס האָט אויך אויפגעצויגן אַלעקסאַנדערן, אַזוי, אַז ער זאָל ניט אַרויסווייזן קיין שום רעספּעקט צו זיין פאָטער. פאַרקערט נאָך, אַז ער זאָל אים ניט פאָלגן און אפילו אים אַנטקעגנרעדן. דאָס האָט פיליפּן זייער אויפגערעגט און איינמאָל, ווען עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסער מאָלצייט אין קעניגלעכן פּאַלאַץ און פיליפּ און אַלעקסאַנדער זיינען ביידע געווען ניט ניכטער, האָט אַלעקסאַנדער אַזוי שטאַרק אויפגערעגט זיין פאָטער, אַז פיליפּ איז געוואָרן ווילד, האָט אַרויסגעכאַפּט זיין קינזשאַל און געשטאָכן אַלעקסאַנדערן. בלויז צוליב דעם וואָס פיליפּ איז געווען צופיל באַטרונקען, האָט ער דעם קינזשאַל ניט טיף אַריינגעשטאָכן אין אים. ער האָט אים בלויז פאַרוואונדעט פון דרויסן. אויף אַלעקסאַנדערס פאַרלאַנג האָט מען אים באַלד אַריינגעטראָגן צו זיין מוטער און אָלימפּיאַס האָט געשוואוירן, צו נעמען דערפאַר נקמה אין פיליפּן. זי האָט אָפן געזאָגט, אַז ער וועט דערפאַר באַצאָלן מיט זיין לעבן און דאָס האָט זי אויך אין

גיכן אויסגעפירט. ווען פיליפּ האָט זיך געגרייט צו זיין מאַרש אויף פּערסיע, האָט זי אונטערגעשיקט איינעם, וואָס זאָל אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ מיט זיין שווערד. באַלד נאָך זיין טויט האָט זי דערקלערט, אַז דעם מערדער וואָס איז אירער אַ געליבטער זאָל מען גאָר ניט טאָן. פאַרקערט נאָך, זי האָט אים געהייסן געבן אַ מעדאַל און צוטיילן אים פיל כבוד.

אָט דאָס איז געווען די אַטמאָספערע, אין וועלכער עס איז אויסגעוואַקסן אַלעקסאַנדער פון מוקדון. ער האָט זיך אויפגעצויגן אין אַ הויף וואו עס האָט געהערשט האַס פון זיין מוטער צו זיין פאָטער, וואו עס איז געווען אין דער מאָדע, אַז פרויען זאָלן פאַרראַטן זייערע מענער און וואו אַלץ איז געווען קאָרומפּירט, וואו רויב און מאָרד זיינען געווען גאַנץ געוויינלעכע זאַכן.

צום שבח פון פיליפּן דאַרף מען זאָגן, אַז ער האָט גראָד געהאַלטן פון בילדונג און האָט געוואָלט געבן זיין אַלעקסאַנדערן דאָס שענסטע און בעסטע פון דער גייסטיקער וועלט. ער האָט צוליב דעם צוועק, ווי שוין געזאָגט, איינגעלאַדן אַלס לערער פון אַלעקסאַנדערן די גרעסטע געלערנטע פון יעדן געביט, פילאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע, וויסנשאַפט, פּאָעזיע, פּאָליטיק און וואָס ניט, און באַזונדערס האָט זיך דאָרטן אָנגעזען דער גרעסטער פילאָזאָף אַריסטאָטעל. פיליפּ האָט שטאַרק געהאַלטן פון אַריסטאָטעלן און געזאָגט, אַז ער איז אַ געניוס אין פיל געביטן, אָבער אַלעקסאַנדער איז אין גרונד געווען אַ באַרבאַר און האָט נאָר געשטרעבט צו פאַרגיסן בלוט, און אַזוי זענען מיר, אַז צו 20 יאָר, ווי נאָר ער נעמט איבער דעם טראָן פון זיין דערמאָרדעטן פאָטער פיליפּ, און ווערט דער הערשער פון מאַקעדאָניע, גריכנלאַנד און פיל אַנדערע לענדער, שטעלט ער זיך אין דער שפּיץ פון אַ גרויסער, גוט צוגעגרייטער אַרמיי איינצונעמען נאָך לענדער.

* * *

אַלעקסאַנדער גייט איצט אַרויס אויף איינצונעמען די וועלט. זיין אַמביציע איז פיל, פיל גרעסער ווי די פון זיין פאָטער. ער וויל ניט מער גיין בלויז אויף פּערסיע. ער וויל זיין דער הערשער איבער אַלע לענדער פון דער וועלט. אַזוי ווי די גרויסע אַרמיי, וואָס זיין פאָטער האָט געהאַט צוגעגרייט, איז געשטאַנען גרייט און האָט נאָר געוואַרט אויף אַ פירער, האָט ער גלייך אַרויסגעוויזן זיין הערשאַפט דערמיט וואָס ער האָט דערקלערט, אַז אַלע זיינען זיינע שקלאַפן; אַז ער איז אַ קינד פון גאָט און אַז אַלע מענטשן מוזן אים פאָלגן אָן צו רעדן אַ וואָרט אַנטקעגן.

אַלעקסאַנדער איז אַזוי יונג, צו 20 יאָר, שוין געווען איינגעלויבט אין זיך; עס האָט אים ניט געקימערט צו האַקן קעפּ און צו פאַרגיסן בלוט; ער האָט זיך אויך ניט אָפּגעשטעלט פון חרוב מאַכן שטעט און דערפער אויב זיי זיינען געשטאַנען אים אין וועג. דעריבער האָט ער צום ערשטן זיך אַרויסגעלאָזט אויף צו אונטערדריקן עטלעכע שבטים אין מאַקעדאָניע וואָס האָבן רעוואָלטירט קעגן אים און האָט געמאַכט דאָרטן אַן אמתן חורבן. ער האָט אומגעבראַכט אין עטלעכע טעג צען טויזנט מענער, פרויען און קינדער און חרוב געמאַכט פיל שטעט און דערפער. פון דאָרטן איז ער אַוועק קיין גריכנלאַנד, וואו מען האָט שוין געהאַט איינגעזען דעם טעות וואָס מען האָט געמאַכט מיט איינלאַדן פיליפּן אַלס הערשער פון גריכנלאַנד. אין טעבעס, וואו מען האָט זיך צום ערשטן דערוואוסט וועגן פיליפּס טויט, האָט דאָס פאָלק זיך געפרייט און געהאָפט, אַז עס איז שוין אויסגעלייזט געוואָרן פון מאַקעדאָנישן יאָך, אָבער ווען אַלעק־סאַנדער האָט זיך דערוואוסט דערפון, איז ער אַוועק מיט זיין ארמיי גלייך קיין טעבעס און געהייסן די שטאָט חרוב מאַכן, אַז עס זאָל פון איר גאָר ניט בלייבן, אפילו איין גאַנץ הויז ניט. דערנאָך האָט ער געהייסן, אַז זעקס טויזנט מענער זאָל מען אומברענגען מיט דער שווערד און 30 טויזנט אַנדערע זאָל מען פאַרקויפן אַלס שקלאַפן. זיין באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן און טעבעס איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד.

אַלעקסאַנדער האָט איצט אָנגעהויבן זיינע גרויסע מאַרשן אויף איינצונעמען די וועלט. צום ערשטן האָט ער אונטערדריקט אַלע גריכישע שטעט־שטאַטן, אַזוי אַז עס איז אָנגעפאַלן אַ מורא אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג און פיל האָבן אים געגומען ברענגען מתנות און זינגען צו אים שבחים. דאָך קען מען ניט זאָגן, אַז גאַנץ גריכנלאַנד האָט שוין גע־בויגן דעם קאָפּ פאַר אים. עס זיינען דאָך נאָך געווען אין גריכנלאַנד, אין יענער צייט, פיל גרויסע דענקער, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אָנער־קענען אַלעקסאַנדערס ממשלה, אַפילו ווען עס האָט זיי געדראָט מיט טויט־געפאַר. אַזוי איז געשען אַז ווען אַלעקסאַנדער איז געקומען קיין קאָרינט איז ער פון די שטאָט־באַאַמטע אויפגענומען געוואָרן מיט אַ גרויסן פּאַראַד, אָבער אַלעקסאַנדער האָט געוואוסט, אַז אין דער שטאָט וואוינט אַ גרויסער פילאָזאָף, דיאָגענעס, און ער האָט זיך אַרומגעקוקט צו זען צי ער איז אים געקומען באַגריסן, אָבער ניין, ער האָט אים ניט געזען. גראָד האָט אַלעקסאַנדער געהאַט פיל געהערט וועגן דיאָגענעסן און האָט געוואָלט אַז ער זאָל זיין אין זיין סוויטע. אָבער ווען עס זיינען אַריבער עטלעכע טעג און דיאָגענעס איז אַלץ ניט געקומען, איז אַלעקסאַנדער

אַוועק צו אים. ער האָט געטראָפן דעם פילאָזאָף וואַרעמען זיך אויף דער זון, אַלעקסאַנדער האָט כלומרשט געמאַכט אַ פריינדלעכן אָנשטעל און געפרעגט דיאָגענעסן וואָס ער קען טאָן פאַר אים. דיאָגענעס האָט אים דערויף געענטפערט: יאָ, איר קענט מיר טאָן אַ גרויסע טובה. אויב איר וועט אַוועקגיין און ניט פאַרשטעלן די זון פאַר מיר".

אַלעקסאַנדער האָט איצט אַרויסגעוויזן גרויסמוטיקייט און דיאָגענעסן ניט באַשטראָפט פאַר זיין באַליידיקנדיקן ענטפער. ער האָט שפּעטער געזאָגט צו זיינע פריינד, אַז ער האַלט שטאַרק פון דיאָגענעסעס לערע. „ווען איך וואָלט ניט געווען אַלעקסאַנדער", האָט ער געזאָגט, „וואָלט איך געוואָלט זיין אַ דיאָגענעס". דערויף זאָגט מען, אַז ווען דיאָגענעס האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער דערקלערט, אַז „ווען ער וואָלט ניט געווען דיאָגענעס, וואָלט ער געוואָלט זיין וואָס עס זאָל ניט זיין, נאָר ניט קיין אַלעקסאַנדער".

* * *

אָבער וואָס האָט אַלעקסאַנדער אויפגעטאָן אין זיין קורץ לעבן? וואָס האָט ער געוואָלט דערגרייכן? און וואָס איז אַרויסגעקומען פאַר דער וועלט פון אַלע זיינע מאַרשן? — אָט דאָס וועלן מיר באַלד זען.

צום אלעם ערשטן דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז אלץ וואָס די גרויסע לערער האָבן מיט אים געלערנט, האָט ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף אים, אַז ער זאָל ווערן אויס באַרבאַר. ער איז געבליבן דער זעלבער האַלבווילדער, ווי עס זיינען געווען אַלע זיינע פאַרגייער, זיין פאָטער, זיין זיידע און זיין עלטער־זיידע. מענטשלעך לעבן האָט פאַר אים גאָר ניט געמיינט און פאַרגיסן בלוט, אַפילו ווען עס איז ניט געווען נויטיק, איז ביי אים געווען גאָרנישט. עס זיינען געבליבן עטלעכע באַשרייבונגען וועגן אים פון מענטשן וואָס האָבן געלעבט אין זיין צייט אָדער נאָענט צו זיין צייט. די בעסטע פון אַלע איז די פון פלוטאַרך. ער שילדערט אים אַלס איינעם, וואָס האָט שטענדיק געוואָלט וויזן, אַז דאָס וואָס עס איז ניט מעגלעך פאַר אַן אנדערן איז מעגלעך פאַר אים. און אַז אין פיל פאַלן האָט ער איינגעשטעלט אפילו זיין לעבן און אויך דאָס לעבן פון טויזנטער פון זיין אַרמיי כדי דאָס צו ווייזן. אויב ער איז געקומען, למשל, צו אַ שטורמיש וואַסער, וואו עס איז געווען אַ געפאַר אַריבערצוגיין איז ער דער ערשטער אַליין אַריין אין וואַסער און איז איבערגעשוואומען און האָט באַפוילן זיין גאַנצע אַרמיי אים נאָכצוטאָן. אויב אַ שונא האָט זיך באַפעסטיקט אויפן שפּיץ פון אַ באַרג, וואו עס איז געווען

שווער צוצוקומען, איז ער געווען דער ערשטער צו קריכן אויפן באַרג צום שונא און זיין גאַנצע ארמיי האָט אים געמוזט נאָכפאָלגן און ער האָט ניט גערוט ביז מען האָט דעם שונא באזיגט. ער האָט געהאַט פאַר זיין מאָטיוו: „קיין זאַך טאָר ניט שטיין מיר אין וועג!" ער מוז אַלץ באַזיגן. און אַזוי איז געשען, אַז אין אַ גאָר קורצער צייט האָט ער באַזיגט גאַנץ קליין־אַזיע און איינגענומען איין לאַנד נאָכן אַנדערן, אַזוי אַז עס איז זאָגאָר אָנגעפאַלן אַ מורא אויף פיל פעלקער, וועלכע ער האָט נאָך ניט געהאַט באַזיגט און זיי האָבן זיך אַליין אים אונטערגעגעבן. אַנדערע האָבן אפילו געגומען קוקן אויף אים ווי אויף אַ גאָט. אַלעק־סאַנדער האָט געזיגט ניט אַזוי ווייט מיט זיין אַרמיי, ווי מיט דער מורא וואָס עס איז געווען פאַר אים. דערמיט וואָס מען האָט אים גענומען באַ־טראַכטן פאַר אַן איבערמענטש.

אָבער איז אַלעקסאַנדער געווען גרויס? איז ער געווען אַ געניוס? און אויב יאָ, וואָס האָט ער געגעבן דער וועלט פון זיין גרויסקייט? — וועגן דעם וועלן מיר באַלד זען.

אַלעקסאַנדער פון מוקדון באַפעלט 80.000 חתונות אין איין נאַכט

כדי צו וויסן צי אַלעקסאַנדער פון מוקדון איז ווירקלעך געווען אַ גרויסער מענטש, דאַרף מען זיך באַקענען מיט זיינע מעשים און אויך מיט זיין כאַראַקטער.

לאָמיר צום ערשטן זיך אָפּשטעלן אויף זיין מאַרשרוט אויף איינ־צונעמען די וועלט.

נאָכדעם ווי אַלעקסאַנדער האָט געהאַט איינגענומען גריכנלאַנד כמעט אָן מלחמה, ווייל די גריכן האָבן ניט אַרויסגעשטעלט קיין שום ווידערשטאַנד קעגן אים, האָט ער זיך געלאָזט אויף פּערסיע, וואָס איז געווען די גרעסטע און שטאַרקסטע אימפּעריע אין דער וועלט אין יענער צייט. פּערסיע האָט שוין געהאַט אונטער דער פירונג פון אירע הערשער סיירוס (כורש) און דאַריוס (דריוש) דעם 1־טן איינגענומען פיל לענדער און איז געווען זייער מעכטיק. די פּערסישע אימפּעריע איז געווען אַ באַראייניקונג פון פיל לענדער און פאַרשידענע שפּראַכן אונטער איין סצעפּטער. זי איז אויך געווען זייער רייך און האָט געהאַט אַן אַרמיי פון איבער אַ מיליאָן מאַן. אויך איז אין די רעגירונגס־אוצרות געווען מער גאָלד און דימענטן ווי אין דער גאַנצער וועלט אין יענער צייט. אַלעקסאַנדער האָט דעריבער געהאַט גרויס חשק צו צעברעכן אָט־די שטאַר־קע מאַכט און אַליין ווערן דער גרעסטער הערשער. צו דעם האָט אַלעק־

סאַנדער גאַנץ גענוי געוואוסט, אַז די שטאַרקייט פון פּערסיע איז נאָר פון אויבן־אויף, ווייל אין לאַנד גופא גייען אָן פאַרביטערטע קאַמפן צווישן די פאַרשידענע פעלקער און ראַסן און אַז אַלע האַסן דעם קעניג דאַריוס (דריוש), וועלכער האָט געהערשט איבער זיי מיט אַן אייזערנער פויסט.

אַלעקסאַנדער האָט געהאַט דעמאָלט אַן אַרמיי פון ניט מער ווי פערציק טויזנט מאַן. ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט, אַז דער קעניג פון פּערסיע, דאַריוס דער דריטער, וועט אַרויסשטעלן קעגן אים אַן אַרמיי פון איבער 100 טויזנט מאַן און אויב נויטיק אויך מער. דאָך האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אין קאַמף קעגן אים, ווייל ער האָט געלייגט געוויכט אויף צוויי פאַקטאָרן. ערשטנס, דערויף וואָס זיין, אַלעקסאַנדערס, אַרמיי באַשטייט פון מאַקעדאָניער, וועלכע זיינען אים געטריי און פון גריכן, וועלכע האָבן געהאַסט די פּערסיער, אין דער צייט ווען די פּערסישע אַרמיי, ווען זי זאָל אפילו זיין גרעסער, וועט באַשטיין פון פאַרשידענע פרעמדע עלע־מענטן, וועלכע האַסן פּערסיען. צווייטנס, איז אַלעקסאַנדערס אַרמיי געווען א בעסער־געשולטע. די אויסרעכענונגען זיינען געווען גוטע, ווייל עס האָט ניט לאַנג געדויערט און אַלעקסאַנדערס אַרמייען האָבן פאַרנומען גרויסע טיילן פון פּערסיע. אַזוי אַז דער גלויבן, אַז פּערסיע איז די שטאַרקסטע אימפּעריע אין דער וועלט איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדן. מיט די ערשטע גרויסע זיגן איבער פּערסיע איז אַלעקסאַנדער אַליין אויסגעוואַקסן אַלס אַ גרויסער מלחמה־העלד און פאַר אַנדערע אפילו אַלס אַ גאָט און זיין רום איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

דאַריוס דער דריטער, דער קעניג פון פּערסיע, איז אָבער נאָך ניט געווען צעשלאָגן. ער האָט איצט אַרויסגעשטעלט קעגן אַלעקסאַנדערן אַ פיל גרעסערע אַרמיי, אָבער אויך אַלעקסאַנדער האָט איצט פאַרגרע־סערט זיין אַרמיי ביז צו הונדערט טויזנט מאַן און זיך איצט געלאָזט אויף אַ נייעם מאַרש איבער פּערסיע. אין דעם מאַרש איז ער געווען אומ־רחמנותדיק און צענדליקער טויזנטער פּערסיער זיינען געפאַלן פון דער שווערד פון זיינע אַרמייען און אַנדערע צענדליקער טויזנטער האָט זיין אַרמיי גענומען געפאַנגען, דערונטער איז אויך געווען די מוטער פון קעניג דאַריוס, זיין ווייב די קעניגין און זיינע קינדער, באַזונדערס זיינע שיינע צוויי טעכטער. דאַריוס האָט שוין איצט געבעטן ביי אַלעקסאַנדערן שלום, אָבער אַלעקסאַנדער האָט ניט געוואָלט. ער האָט איצט מאַרשירט אויף עגיפּטן, וואו מען האָט ניט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד קעגן אים. דאָרטן האָט ער געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ שטאָט וואָס ער

האָט אָנגערופן אַלעקסאַנדריע, וואָס איז שפּעטער געוואָרן איינע פון די גרעסטע שטעט פון עגיפּטן. פון דאָרטן איז ער אַוועק אויף ליביע, וואָס ער האָט איינגענומען אויך אָן קאַמף. זיינע אַרמייען האָבן איצט געפירט די לעצטע קאַמפן אין פּערסיע און ער האָט איינגענומען בבל, וואָס האָט דעמאָלט באַלאַנגט צו פּערסיע, אַזוי האָט אַלעקסאַנדער איינגענומען אַ לאַנד נאָך אַ לאַנד, אַ שטאָט נאָך אַ שטאָט. דאַריוס דער דריטער האָט זיך אומגעקערט אַ היים און איז דאָרטן דערמאָרדעט געוואָרן פון אייגענע מענטשן, וועלכע האָבן אים געהאַסט. דערמיט איז די פּערסישע אימפּעריע אונטערגעגאַנגען.

אַלעקסאַנדער איז איצט ווייטער געגאַנגען און איינגענומען די לענדער וואָס זיינען איצט באַקאַנט אַלס אַפגאַניסטאַן און טורקעסטאַן, איז צוגעקומען נאָענט צו אינדיע, אָבער ער האָט איינגענומען בלויז איין פּראָווינץ, פּאַנדזשאַב. דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקערט אַ היים. ער איז ניט געגאַנגען ווייטער אויף איינצונעמען גאַנץ אינדיע. פאַרוואָס ? — איז ניט באַקאַנט.

אַלעקסאַנדער האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט באַבילאָן, וועלכע ער האָט געמאַכט פאַר דער הויפּט־שטאָט פון זיין נייער אימ־פּעריע, די מאַקעדאָנישע אימפּעריע. ער איז איצט אַלט געווען אינגאַנצן 29 יאָר. אין 9 יאָר צייט האָט ער צעבראָכן די שטאַרקסטע אימפּעריע פון יענער צייט, פּערסיע, און האָט געהאַט חרוב געמאַכט אַ האַלבע וועלט; אומגעבראַכט מיליאָנען מענטשן און צעשטערט לענדער און שטעט. ער האָט צעשטערט קליין־אַזיע, וואָס איז דעמאָלט געווען דער איינציקער ווינקל אויפן ערד־קוגל, וואו עס זיינען דאַן געווען קעניגרייכן מיט ציווי־ליזאַציעס, ווען אין אַנדערע ווינקלען פון דער וועלט האָבן נאָך געלעבט אין די אור־וועלדער האַלב־ווילדע מענטשן. אָבער צי האָט אַלעקסאַנדער געשאַפן עפּעס נייעס ? האָט ער אַ חוץ חורבן אויך געבויט ? לאָמיר איבער־לאָזן די פראַגע אויף שפּעטער. לאָמיר פריער זיך באַקענען מיט זיין כאַראַקטער.

* * *

זוען מען קוקט זיך גוט צו צו אַלעקסאַנדער מוקדונס כאַראַקטער, מוז מען זאָגן, אַז ער איז געווען אַ — געניאַלער משוגענער.

אַלעקסאַנדער האָט פון קינדהייט אָן געליטן פון אַן איינרעדעניש, אַז ער איז אַ קינד פון גאָט און האָט אפילו פאַרלאַנגט פון זיינע נאָענטע אַז זיי זאָלן זיך בוקן צו אים. אין דער צייט פון אַ שלאַכט האָט ער זיך

געווענדעט צו די גרויסע גריכישע געטער ווי צעאוס און אַנדערע און אָפן צו זיי געזאָגט, אַז זיי מוזן אים העלפן, ווייל ער איז געטלעך אַזוי ווי זיי. איינמאָל, ווערט דערציילט, איז אַלעקסאַנדער פאַרוואונדעט געוואָרן אין אַ קני, בעת אַ קאַמף און עס האָט געגומען רינען בלוט. האָט ער געפרעגט זיין דאָקטאָר, וואָס עס איז אַזוינס. האָט דער דאָקטאָר אים געזאָגט, אַז עס איז בלוט, איז ער געווען פאַרוואונדערט דאָס צו הערן, ווייל ער האָט געגלויבט אַז אין זיינע אָדערן רינט ניט קיין בלוט ווי ביי אַלע שטערבלעכע, נאָר א י כ אָ ר (אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע ווערט דערציילט, אַז ביי די געטער פון אָלימפּוס איז אין די אָדערן ניט געווען קיין בלוט ווי ביי אַלע מענטשן, נאָר אַזאַ מין פליסיקייט וואָס זיי האָבן אָנגערופן „איכאָר", אַזאַ שטראָם וואָס האָט זיי געמאַכט צו זיין געטלעך).

אַלעקסאַנדער האָט דעריבער געזוכט צו מאַכן דעם איינדרוק אויף אַלע, אַז ער איז אַנדערש פון אַלע מענטשן און אַז אויך זיין אַרמיי איז אַנדערש. ווען ער האָט באַשלאָסן אָפּצוטרעטן פון אינדיע האָט ער גע־הייסן מאַכן פיל קליידער און העלמען פאַר סאָלדאַטן ווי פאַר ריזיקע פיגורן און דאָס איבערלאָזן, כדי אַזוי אַרום צו מאַכן אַן איינדרוק אויף די אינדיער, אַז אַלעקסאַנדערס אַרמיי איז אַן אַרמיי פון ריזן.

אַלעקסאַנדער איז אויך געווען זייער עגאָאיסטיש און יעדע זאַך וואָס איז געווען זיינס, איז געווען בעסער פון אַנדערע. אַזוי האָט ער אַ נאָמען געגעבן אַ שטאָט אין אַזיע נאָך זיינס אַ פערד וואָס איז געפאַלן אין שלאַכט, און אַן אַנדערע שטאָט ווידער נאָך זיינעם אַ הונט וואָס איז געשטאָרבן.

יאָ, ער האָט געהאַט משוגענע איינפאַלן. די שטימונג האָט זיך ביי אים כסדר געביטן אַזוי, אַז מען האָט קיינמאָל ניט געוואוסט ווי אַזוי צו אים צו רעדן און וואָס עס איז גוט, אָדער ניט גוט ביי אים אין די אויגן. ווען ער האָט מאַרשירט אין דער מדבר און אַלע זיינען געווען דורשטיק, האָט ער ניט געוואָלט טרינקען אין אַן אָאַזיס, צו וועלכן זיי זיינען צוגעקומען, ביז זיין אַרמיי וועט פריער טרינקען, אָבער ווען זיינער אַ קליינער באַדינער האָט, על־פּי־טעות, אים אָנגערירט ביים אַרבל, האָט ער אים געכאַפּט ביי די האָר פון קאָפּ און אים געשפּאָלטן דעם מוח ביי דער וואַנט. איינמאָל האָט ער אין אַן אָנפאַל פון כעס אָנגעכאַפּט זיין בעסטן פריינד קליטוס ביים האַלדז און אים דערוואָרגן. ווען ער איז געוואָרן ניכטער, האָט ער געוויינט און געקלאָגט אויפן טויט פון זיין פריינד. ער האָט אויך געוויינט ווען זיין גרעסטער שונא, דער קעניג דאַריוס, איז געפאַלן טויט פון איינעם פון זיין הויז. אַזוי האָט ער אויך

געהייסן אויפהענגען אַ גרויסן פילאָזאָף פון יענער צייט, קאַליסטענעס, דערפאַר וואָס יענער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז ניט קיין גאָט.

און אָט זיינען נאָך עטלעכע פאַקטן וועגן זיין כאַראַקטער: איינער פון די סאָלדאַטן איז קראַנק געוואָרן און האָט ניט געוואָלט נעמען קיין מעדיצין פון דאָקטאָר און איז געשטאָרבן. האָט אַלעקסאַנדער געהייסן, אַז מען זאָל דערפאַר דעם דאָקטאָר קרייציקן. שפּעטער האָט ער חרטה געקראָגן און האָט געהייסן, אַז אַלס אויסדרוק פון טרויער איבערן טויט פון דאָקטאָר זאָל מען אויסהרגענען אַ גאַנצע שטאָט מיט מענטשן. אָט גלאַט אַזוי. ווען אַ קאָמאַנדיר פון אַ קעגנערישער אַרמיי איז אַריינגעפאַלן צו אים אין געפאַנגענשאַפט, האָט ער אַמאָל אים באַפרייט אינגאַנצן און אַמאָל געהייסן אים צובינדן צו צוויי בוימער און צו ציען די בוימער אַוועק איינעם פון אַנדערן, כדי ער זאָל צעריסן ווערן אויף דער העלפט.

אָבער די בעסטע כאַראַקטעריסטיק פאַר אים איז די חתונה פון 80.000 סאָלדאַטן אין איין נאַכט וואָס ער האָט באַפוילן אויסצופירן.

* * *

די געשיכטע פון דער דאָזיקער חתונה אין דער וועלט־געשיכטע גייט אַזוי:

נאָכדעם ווי אַלעקסאַנדער האָט געהאַט חרוב געמאַכט די פּערסישע אימפּעריע, איז דאָס לאַנד געווען וויסט. אַלעקסאַנדער האָט דעריבער געטראַכט פון צוריק אויפבויען דאָס לאַנד. ער האָט צו דעם צוועק גערופן אַ קאָנפערענץ פון די אָנגעזעענסטע מענטשן פון לאַנד. איינער פון די פירער פון פּערסיע האָט אויף דער קאָנפערענץ דערקלערט, אַז דעם לאַנד פעלן מענער, ווייל כמעט אַלע יונגע מענער זיינען אומגעקומען. דעריבער שלאָגט ער פאָר, אַז די סאָלדאַטן פון אַלעקסאַנדערס אַרמיי זאָלן הייראַטן מיט די פּערסישע מיידלעך און אַזוי אַרום וועט דאָס לאַנד צוריק קענען אויפבליען. אויסער דעם, האָט ער געזאָגט, איז באַוויזן געוואָרן, אַז באַ־ווייבטע סאָלדאַטן זיינען בעסערע קעמפער ווי די, וואָס האָבן ניט חתונה געהאַט. די ווערטער זיינען אַלעקסאַנדערן אַריין אין קאָפּ און ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז פון אַן אַרמיי פון הונדערט טויזנט מאַן זיינען 80.000 געווען ניט־באַווייבטע. אַלעקסאַנדער האָט באַלד באַפוילן, אַז די גאַנצע אַרמיי פון אַכציק טויזנט מענער זאָל חתונה האָבן אין איין נאַכט מיט פּערסישע מיידלעך.

באַלד האָט מען אַרויסגעשיקט מענטשן איבערן לאַנד צו זאַמלען אַלע נאָך ניט חתונה־געהאַטע פרויען און זיי ברענגען אין דער הויפּט־

שטאָט סוסא (שושן הבירה), און אין יאָר 324 פאַר דער הײנטיקער צײט־רעכענונג, האָט מען אויפן באַפעל פון אַלעקסאַנדער באַשטימט אײן אָוונט פאַר דער חתונה־נאַכט פון די 80.000 סאָלדאַטן צו פּערסישע כלות. מען האָט זיך געגרייט צו דער חתונה וואָכן־לאַנג. ענדלעך האָט מען אויפגעשטעלט אַזעלכע געצעלטן וואו צען טויזנט סאָלדאַטן זאָלן קענען שלאָפן מיט זייערע ווייבער. אַזעלכע געצעלטן זיינען געווען אַכט. יעדער פון די געצעלטן האָט געהאַט 80 באַזילבערטע שטאַנגען, באַפּוצט אין דער הויך מיט דיאַמאַנטן. די באַצירונג פון די ווענט איז געווען פון טײערע קונסט־געוועבן און שטיקערייען. אין אָוונט פון יענעם טאָג זיינען דורך אַן ערן־וואַך פון 700 פון די נאָבל־לייט, אַדורכגעגאַנגען די 80.000 כלות אָנגעפירט פון קעניג דאַריוסעס צוויי טעכטער, די פּרינצעסינס. זיי האָבן באַפוילן אַלע כלות אויסצוזעצן זיך אויף די סאָפאַס וואָס עס זיינען געווען צוגעגרייט, און אויף וועלכע עס זיינען געווען קישעלעך, באַדעקט מיט שטיקערייען פון גאָלד און פורפור און זיינען געווען אויסגעשטעלט אַרום לאַנגע טישן. באַלד האָבן אַריינמאַרשירט די סאָלדאַטן און יעדער איינער האָט גענומען אַ לאַבן ברויט און אים צעשניטן מיט זיין שווערד. אַ העלפט האָט ער גענומען פאַר זיך און אַ העלפט געגעבן איינע פון די מיידלעך און זי איז געוואָרן זיין כלה און זיין ווייב.

די מוזיק האָט געשפּילט. מען האָט געטאַנצט שוין אין פאַרלעך. דערנאָך האָט אַ גייסטלעכער דערקלערט אַלע פאָרלעך פאַר מאַן און ווייב און ווען עס איז אויסגעגאַנגען די ליכט, זיינען אַלע געגאַנגען שלאָפן. אָבער ניט אַלע כלות זיינען געווען גליקלעך מיט זייערע נייע מענער... ניט איינע פון זיי האָט זיך אוודאי געטראַכט, ווער ווייסט צי דער מיט וועמען זי גייט שלאָפן איז ניט אַמאָל געווען דער מערדער פון אירע עלטערן, ברידער און אַמאָל אויך — געליבטן...

* * *

אויף אַט דער חתונה איז אַלעקסאַנדער אויך געווען. ער האָט גע־האַלטן, אַז ער איז אַ סאָלדאַט און דאַרף מיט אַלע זאַכן מיטמאַכן דעם גורל פון זיין אַרמיי. אויך ער, כאָטש ער האָט שוין געהאַט אַ ווייב (וועגן זיינע ווייבער און ליבעס וועלן מיר רעדן שפּעטער) איז געזעסן דאָרט מיט אַ כלה. דאָס איז געווען דאַריוסעס עלטסטע טאָכטער ס ט אַ ט י ר אַ. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ספּעציעל־געמאַכט קלייד, אויסגעוועבט מיט גאָלד און דימענטן און אַ שנור פּערל האָט געהאַנגען פון איר האַלדז ביז צו אירע פיס. זי איז געזעסן און — געטראַכט פון גורל פון איר פאָטער,

מוטער און פון גאַנצן קעניגלעכן הויף וואָס אַט דער יונגער מענטש, וואָס זיצט דאָ קעגנאיבער איר, האָט חרוב געמאַכט. ניט ווייט פון איר איז געזעסן איר שוועסטער ד ר י פ ע ט י ס, וועלכע האָט געזאָלט הייראַטן מיט אַלעקסאַנדערס הויפּט־פעלד־מאַרשאַל ה ע פ אַ אַ י ס ט אָ ן. פון צייט צו צייט, ווען קיינער האָט ניט געזען, האָבן ביידע שוועסטער זיך אויסגע־טוישט מיט אַ סאַטירישן שמייכל, וואָס האָט געזאָגט: „זעט נאָר זעט, ווער אונדזערע געליבטע זיינען!

* * *

אַזוי ווייט וועגן אַלעקסאַנדערס משוגענע איינפאַלן און קאַפּריזן. אומצוברעגנגען טויזנטער לעבנס האָט געמיינט פאַר אים גאָרניט. צו פאַרניכטן שטעט און דערפער איז ביי אים געווען אַ קינדער שפּיל. אפילו ווען ער האָט שוין געהאַט אַמאָל אַ געפיל פון רחמנות צו עמיצן, איז עס אויך ניט געווען ווי ביי אַ נאָרמאַלן מענטש און אָפט האָט עס זיך געענדיקט פאַר דעם אויף וועמען ער האָט כלומרשט רחמנות געהאַט זייער שלעכט.

כּדי צו האָבן אַ פולשטענדיק בילד פון אַלעקסאַנדער פון מוקדון, װעלן מיר נאָך אַרומרעדן אייניקע פון זיינע ליבעס. אַלעקסאַנדער האָט געהאַט עטלעכע ליבעס אין זיינע 32 יאָר. ער האָט מיט צוויי אָדער דריי פרויען חתונה געהאַט, אָבער לויט פּלוטאַרך, האָט אַלעקסאַנדער ניט גע־נומען פרויען ערנסט. אַלעקסאַנדער איז געווען אין תוך גענומען אַ גרויסער זעלנער און אויך אַ גרויסער שיכור. אַך, ווי אַט דער מענטש האָט געקענט טרינקען... ער איז אָפט געווען שיכור, אָבער דאָך קיינמאָל ניט פאַרלוירן זיך. ער האָט שטענדיק געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט און פרויען האָבן אים דעם קאָפּ ניט פאַרדרייט... בכלל איז ער קיין גרויסער ליבהאָבער ניט געווען און יעדע חתונה זיינע איז געווען צוליב פּאָליטישע סיבות... מיר ווילן דעריבער צוגעבן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון זיין פער־זענלעכקייט אויך דאָס קאַפּיטל פון זיינע ליבעס און הייראַטן.

אַלעקסאַנדער מוקדונס ליבעס און חתונות

די גריכן זיינען, בכלל גענומען, ניט געווען קיין גרויסע ליבהאָבער און אַזוי זיינען אויך ניט געווען די מאַקעדאָניער, די פּערסיער, די באַ־בילאָנער, און אין אַלגעמיין, אַלע פעלקער פון דער אַלטער וועלט. אַלעקסאַנדער האָט אָבער דאָך געהאַט עטלעכע ליבעס און מיט אייניקע פרויען האָט ער אויך חתונה געהאַט. אָבער קיין גרויסער ראָמאַנטיקער

איז ער ניט געווען. דאָס איז געווען דערפאַר ווייל אין זיין צייט האָט מען זיך באַצויגן צו פרויען זייער שלעכט. מען האָט זיי געהאַלטן פאַר אַ נידעריקערער באַשעפעניש פון דעם מאַן. אַ חוץ דעם האָט אַלעקסאַנדער געיאָגט זיך נאָך נאָך כבוד און רום און דאָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע אין זיין לעבן.

די ערשטע ליבע וואָס אַלעקסאַנדער האָט געפירט איז געווען מיט אַ יונג מיידל פון 16 יאָר מיטן נאָמען מ ע מ נ אָ ן, די טאָכטער פון אַ גריכישן גענעראַל, וואָס איז אַנטלאָפן פון גריכנלאַנד צוליב עפּעס אַ פאַרברעכן קעגן זיין לאַנד און איז אַנגעקומען צו דינען אין דער פּערסישער אַרמיי אונטער דער הערשאַפט פון קעניג דאַריוס דעם דריטן. מעמנאָן איז געווען זייער אַן איידל קינד און אויך זייער שיין, אָבער דאָך האָט די ליבע ניט לאַנג אָנגעהאַלטן.

באַלד נאָך איר איז געקומען אַן אַנדערע. זי האָט געהייסן ב אַ ר ס י נ ע. ווער זי איז געווען, ווייס מען ניט, אָבער וועגן איר דערציילט פּלוטאַרך, אַז אַלעקסאַנדער איז ניט געוואָרן אינטים מיט קיין שום פרוי פאַר דער חתונה, אַ חוץ מיט באַרסינען, צו וועלכער ער איז געוואָרן באַלד זייער צוגעבונדן. דאָך חתונה געהאַט מיט איר האָט ער ניט, ווייל ער האָט געדאַרפט דעמאָלט גיין אויף פּערסיע און האָט ניט געהאַט קיין צייט מער פאַר אַזעלכע זאַכן ווי ראָמאַנטישע ענינים.

שפּעטער געפינען מיר אים ווידער פאַרליבט אין אַ פרוי, וואָס האָט געהייסן ראָקסאַנאַ, די טאָכטער פון אַ מאַקעדאָנישן פּרינץ. זי איז געווען יונג און שיין, און פול מיט רייץ. אַלעקסאַנדער האָט איר צום ערשטן מאָל געזען ביי זיך אין פּאַלאַץ ביי אַ גרויסער פאַרוויילונג, צו וועלכער איר פאָטער און זיינע קינדער זיינען געווען איינגעלאַדן. אויף יענער סעודה האָט מען זייער פיל געטרונקען. דאָך האָט אַלעקסאַנדער זי באַמערקט צווישן אַזוי פיל הונדערטער געסט און זיך באַלד פאַרליבט אין איר איבער די אויערן. ווי פּלוטאַרך זאָגט, איז דאָס געווען זיין ערשטע אמתע ליבע און ער האָט זי ניט געוואָלט באַרירן ביז ער וועט מיט איר חתונה האָבן, אָבער דאָס איז ניט אין גאַנצן אַזוי געווען, ווייל ווען ער האָט באַזיגט פּערסיע און האָט דאָרט פאַרכאַפּט דעם הארעם פון דאַריוס דעם דריטן, האָט ער דאָרטן גענומען געפאַנגען דאַריוסעס ערשטע ווייב, די קעניגין, וועלכע האָט זיך גערעכנט אין יענער צייט פאַר דער שענסטער פרוי אין אָריענט. מיט איר האָט אַלעקסאַנדער געפירט אַ ליבע אַ קורצע צייט, אָבער ער האָט אויך פאַרכאַפּט דאַריוסעס צוויי טעכטער, די יונגע פּרינצעסינס און מיטביידע האָט ער חתונה געהאַט. צום ערשטן

מיט דער עלטערער שוועסטער סטאַטיראַ, און דערנאָך מיט איר ייִנגערער שוועסטער דריפּעטיס. דאָס איז געווען נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט די ייִנגערע חתונה געמאַכט מיט זיין הויפּט־פעלד־מאַרשאַל. ווען יענער איז געפאַלן אין שלאַכט, האָט אַלעקסאַנדער גענומען אויך די ייִנגערע פאַר זיין ווייב.

אַלעקסאַנדער האָט טאַקע געשוואוירן ליבע צו ראָקסאַנאַ און האָט איר פאַרזיכערט, אַז ער וועט איר ניט באַרירן ביז ער וועט מיט איר חתונה האָבן און אַז דאָס וועט געשען ווי נאָר ער וועט קומען צוריק פון דער גרויסער מלחמה אין פּערסיע, אָבער דערווייל האָט ער חתונה געהאַט מיט דער עלטערער פּערסישער פּרינצעסין סטאַטיראַ. ראָקסאַנאַ איז געשלאָפן אין איר קעניגלעכן פּאַלאַץ אין בבל און געהאַט גוטע חלומות אַז איר געליבטער אַלעקסאַנדער, וועלכער איז איר אַזוי געטריי, וועט זיך ניט צורירן צו קיין אַנדער פרוי און וועט באַלד קומען צו איר, צו דער, וועלכע בענקט אַזוי שטאַרק נאָך אים און קוקט זיך שוין אויס די אויגן אויף זיין צוריקקומען — אָבער... אַלעקסאַנדער איז געווען געטריי בלויז איינעם און דאָס איז — זיך אַליין.

שפּעטער האָט סטאַטיראַ, די טאָכטער פון דעם באַזיגטן קעניג, אויך ניט גוט אָפּגעשניטן פון אַלעקסאַנדערן. כאָטש אַלעקסאַנדער האָט איר צוגעשוואוירן, אַז ער איז פאַרליבט נאָר אין איר און אַז ער האָט שוין אין גאַנצן פאַרגעסן אין ראָקסאַנאַ, האָט ער אַליין אַלצדינג וועגן סטאַטיראַ מיטגעטיילט ראָקסאַנאַן. איז קיין וואונדער ניט, אַז די לעצטע האָט געברענט פון צאָרן אויף דער פּערסישער פּרינצעסין און האָט געשוואוירן צו נעמען אין איר נקמה. זי האָט דאָס אויך אויסגעפירט באַלד נאָך אַלעקסאַנדערס פּריצייטיקן טויט. ווי נאָר עס איז באַוואוסט געוואָרן אין פּאַלאַץ, אַז אַלעקסאַנדער איז טויט, האָט ראָקסאַנאַ גלייך זיך צוגעאיילט און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו טויטן סטאַטיראַן. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און אַ גרופּע פון אירע באַדינער האָט געשלעפּט סטאַטיראַן ביי אירע גאָלדענע האָר. נאָך איר זיינען נאָכגעגאַנגען צוויי פון אירע ברידער, וועלכע האָבן זי געוואָלט ראַטעווען. ראָקסאַנאַ איז אָבער געגאַנגען פאַראויס פון דעם טרויעריקן מאַרש און געשריען „סטאַטיראַ מוז שטאַרבן!" באַלד האָט זיך דער טרויער־מאַרש אָפּגעשטעלט. ראָקסאַנאַ האָט איצט געגעבן אַ וואונק צו איינעם פון אירע באַדינער און יענער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ שווערד און אין אַן אויגן־בליק אָפּגעהאַקט סטאַטיראַן דעם קאָפּ. איר בלוט איז גערונען איבער דער גאָלד־באַדעקטער פּאָדלאָגע פון דעם טראָן־צימער...

* * *

צו אַלעקסאַנדערס ליבעס קומט צו נאָך אַ געשיכטע, וועלכע איז היסטאָריש ניט באַוויזן געוואָרן. עס איז נאָר אַ לעגענדע, אָבער זי כאַראַקטעריזירט זייער גוט אַלעקסאַנדערן. די לעגענדע גייט אַזוי:

אין יענער צייט האָט אין לאַנד פון די סקיטנס, אין הירקאַנאַ, געלעבט דער שבט פון אַמאַזאָנס. דאָס זיינען געווען ווילדע, באַרבאַרישע פרויען, וואָס האָבן אומגעבראַכט יעדן מאַן, נאָכדעם ווי זיי זיינען געשלאָפן מיט אים, און ווען זיי האָבן געבוירן פון אים אַ קינד, אויב עס איז געווען אַ מיידל, האָבן זיי עס געלאָזט לעבן און עס אויפגענומען אין זייער שטאַם אַלס איינע פון זיי, אָבער אויב עס איז געווען אַ ייִנגל, האָבן זיי עס פאַרניכטעט. אָט־דער שבט פון קעמפערישע פרויען האָט זיך אַלע מאָל אַרויסגעלאָזט אויף אַ יאַגד אין די לענדערייען פון די אַרומיקע שבטים, וועלכע זיי האָבן באַרויבט און געלעבט פון רויב ביז עס האָט זיך אויסגעלאָזן און דערנאָך ווידער זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַזאַ יאַגד. ביי אַזעלכע אָנפאַלן האָבן זיי אויך געפאַנגען מענער פון די אַנדערע שבטים, זיי געבראַכט אין זייער לאַגער און זיי געצוואונגען צו שלאָפן מיט זיי, און ווי נאָר ס׳איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן האָבן זיי אָפּגעהאַקט זייערע קעפּ.

די אָנפירערין פון דעם שבט איז געווען די גרינדערין, וועלכע האָט געהייסן טאַוריק דיאַנאַ. זי איז געווען די פירערין פון שבט אַ צייט לאַנג און אויך די געטין פון שבט, און צו איר האָבן אַלע געדינט. נאָך איר טויט איז געוואָרן הערשערין פון שבט, איר פאַרטרעטערין טאַלעסטריס. זי איז געווען אַ שיינע, הויכע, שטאַרקע פרוי, פאַר וועלכער אַלע פרויען פון שבט האָבן מורא געהאַט.

ווען די קעניגין פון די אַמאַזאָנען האָט זיך דערוואוסט וועגן אַלעקסאַנדערן, האָט זי אים געוואָלט זען און אויך האָבן אַ קינד פון אים. זי האָט דעריבער געוואָרט אַזוי לאַנג ביז אַלעקסאַנדערס אַרמיי וועט קומען נאָענט צו אירע גרענעצן. ווען דאָס איז געשען, האָט זי זיך דערוואוסט, וואו עס געפינט זיך אַלעקסאַנדערס לאַגער, האָט גענומען מיט זיך דריי הונדערט פון אירע פרויען, וועלכע האָבן געקענט רייטן אויף פערד און זי איז אַוועק צו אים אין זיין געצעלט. די אַמאַזאָנען האָבן געהאַט אַ געזעץ, אַז יעדע פרוי וואָס וויל אָנגענומען ווערן אין שבט מוז, ווען זי ווערט 18 יאָר אַלט, זיך אַליין אָפּשניידן איינע פון אירע בריסטן, כדי צו ווייזן דערמיט אַ צייכן פון שטאַרקייט. אָבער כאָטש די קעניגין

האָט אויך געהאַט אַן אָפּגעשניטענע ברוסט, איז זי דאָך געווען זייער שיין. זי איז אַריין צו אַלעקסאַנדערן אין זיין שלאָפצימער און צו אים געזאָגט: „פון אַ פאַראייניקונג פון אַזאַ געטלעכן מענטש ווי איר זענט מיט דער שטאַרקסטער פרוי פון די אַמאַזאָנען, וועט אַרויסקומען איינער, וואָס וועט זיין דער שטאַרקסטער און גרעסטער מענטש פון דער וועלט״.

אַלעקסאַנדער האָט זי גוט אויפגענומען און איר געהייסן ביי אים בלייבן און אַזוי זיינען זיי צוועלף טעג און צוועלף נעכט נאָכאַנאַנד געווען צוזאַמען... ווען אַלעקסאַנדער האָט ענדלעך איר געזאָגט, אַז ער מוז שוין גיין, האָט די אַמאַזאָנען־קעניגין צום ערשטן מאָל אין איר לעבן געוויינט. אַלעקסאַנדער איז געווען גערירט פון אירע טרערן און איר געזאָגט, אַז זי קען מיטפאָרן מיט אים און קעמפן מיט אים צוזאַמען אין אַלע זיינע מאַרשן, אָבער זי האָט אים געזאָגט, אַז אויך זי מוז גיין צוריק צו איר שבט. אַלעקסאַנדער האָט איר געוואָלט געבן מתנות פון גאָלד און דימענטן. אָבער טאַלעסטריס האָט פאַרלאַנגט פון אים עפּעס אַנדערש נעמלעך, אַז ער זאָל איר געבן דעם שילד געמאַכט פון ריינעם גאָלד וואָס ער האָט געטראָגן אויפן האַרצן און וואָס ער האָט געהאַט צוגענומען פון היילִיקן פּאַלאַץ אין טראָי. עס איז געווען אַ גרויסע קונסט־אַרבעט. אַלעק־סאַנדער האָט עס כסדר געטראָגן אַלס סימבאָל פון נצחון. אָבער ער האָט איר פאַרלאַנג דאָך נאָכגעגעבן. דערפאַר האָט די קעניגין אים צוגעזאָגט אַז אויב פון דער פאַראייניקונג מיט אים וועט געבוירן ווערן אַ זון, וועט זי אים שענקען צו אים. אויב אָבער עס וועט זיין אַ טאָכטער, וועט זי בלייבן ביי איר. די לעגענדע ענדיקט זיך דערמיט וואָס צו די ניין חדשים האָט די קעניגין טאַקע געבוירן אַ... טאָכטער און זי איז שפּעטער געווען די נייע קעניגין פון די אַמאַזאָנען...

* * *

ווען אַלעקסאַנדער האָט ניט געפירט קיין מלחמות, האָט ער, אַמאָל, געלייענט ביכער און אַמבעסטן האָט ער ליב געהאַט צו לייענען די ווערק פון האָמערן. אָבער פיל גיכער האָט ער געטרונקען. טרינקען איז ביי אים געווען דער בעסטער צייט־פאַרטרייב נאָך פירן מלחמות. און טרינקען האָט אַלעקסאַנדער געקענט אָן אַ שיעור. אָבער ניט אַליין. ווען ער האָט געטרונקען, האָט די גאַנצע סוויטע וואָס איז געווען מיט אים געמוזט טרינקען. ער האָט געוואָלט אויך מיטן טרינקען ווייזן, אַז ער איז ניט קיין פּשוטער מענטש, וואָס טרינקט מיט אַ מאָס, ניין, ער איז אַ סופּער־מאַן, אַן אויבער־מענטש וואָס קען טרינקען אָן אַ שיעור און דאָך זיין

ניכטער, אָבער ער איז אָפט געווען טויט־שיכור און האָט אָפּגעטאָן זאַכן וואָס האָבן פאַראורזאַכט טויט און חורבן... ער האָט אין אַזאַ צושטאַנד אומגעבראַכט טויזנטער מענטשן און חרוב געמאַכט פּאַלאַצן און הייזער.

ווען ער איז געווען אין פּערסיע, האָט ער איינגעלאַדן צו אַ באַנקעט אַ גאַנצע אַרמיי פון פּראָסטיטוטקעס, מיטן באַדינג, אַז זיי מוזן טרינקען מיט אים צוזאַמען אָן אויפהער. ווען ער און די פּראָסטיטוטקעס זיינען שוין געווען טויט־שיכור, האָט איינע, מיט וועלכע ער האָט זיך געהאַלטן באַזונדערס נאָענט, צו אים געזאָגט, אַז זי וויל אַז מען זאָל אונטערצינדן דעם אַלטן הערלעכן פּאַלאַץ פון די פּערסישע קעניגן. באַלד האָט אַלעק־סאַנדער געהייסן אַזוי טאָן און דער פּאַלאַץ איז אַוועק מיטן פייער. אַלעקסאַנדער און די פּראָסטיטוטקעס האָבן עס צוגעזען און דערביי גע־לאַכט...

אַן אַנדערמאָל האָט ער געהייסן מאַכן אַ געוועט ווער עס וועט קענען מער טרינקען. ער האָט צוגעזאָגט דעם, וואָס וועט אַרויס דער זיגער, אַז ער וועט אים געבן אַ גאָלדענע קרוין און אים מאַכן פאַר זיין וויצע־קעניג. איינער האָט עס זיך אונטערגענומען. באַלד האָט דער זעל־בער באַקאַנט געמאַכט, אַז די פּרווי וואָס וועט טרינקען מיט אים צוזאַמען פונקט אַזוי ווי ער, וועט זיין וויצע־קעניגין. עס האָבן זיך גלייך געמאָלדן 41 קורטיזאַנקעס וואָס זיינען געווען בעלנים צו ווערן אַזוי דערהויבן, און אַלע האָבן גענומען טרינקען. דער סוף איז געווען, אַז נאָכדעם ווי יענער האָט אויסגעטרונקען צוועלף קוואָרט וויין, איז ער געשטאָרבן און נאָך אים זיינען געשטאָרבן אויך אַלע 41 קורטיזאַנקעס...

אָבער אַלעקסאַנדער אַליין איז אויך ענדלעך געוואָרן פאַרמישט אין אַזאַ טרינק־אָרגיע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט און דערנאָך אויך צומאָרגנס אַ גאַנצן טאָג. ער איז קראַנק געוואָרן, געקראָגן היץ און מיט עטלעכע טעג שפּעטער געשטאָרבן. דאָס איז געווען אין יאָר 323 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. אַלעקסאַנדער איז דעמאָלט אַלט געווען ניט קיין גאַנצע 33 יאָר.

* * *

מיר האָבן געבראַכט אַלץ וואָס מען ווייסט וועגן אַלעקסאַנדער פון מוקדון. די הויפּט־שטריכן פון זיין לעבן און כאַראַקטער.

צי קען מען זאָגן וועגן אים אַז ער איז געווען אַ „גרויסער מענטש״? יאָ, ער איז זיכער געווען אַ גרויסער מערדער, אַ גרויסער אַכזר, אַ גרויסער שיכור. יאָ, ער איז זיכער געווען אַ גרויסער צעשטערנדיקער כוח.

אָבער ניט דאָס איז עס וואָס מען מיינט ווען מען זאָגט וועגן איינעם אַ „גרויסער". מיטן וואָרט אַ „גרויסער" מיינט מען איינעם, וואָס האָט עפּעס בייגעשטייערט פאַר דער מענטשהייט; איינער וואָס האָט עפּעס געגעבן דער וועלט; אַ מענטש וואָס האָט געלאָזן נאָך זיך אַ גייסטיקע ירושה פאַר די קומענדיקע דורות.

סענטימענטאַלע היסטאָריקער ווילן האָבן אַז אַלעקסאַנדער איז געוועזן גרויס דערמיט, וואָס ער האָט געשאַפן נייע וועגן, ער האָט געבויט שאָסייען און בריקן און געשאַפן האַנדלס־באַציאונגען צווישן פאַרשידענע לענדער. אָבער דאָס איז ניט אַלץ. ער האָט טאַקע געבויט שאָסייען פאַר זיינע אַרמייען צו קענען זיי איבערפירן פון אָרט צו אָרט, אַ זאַך וואָס עס האָבן געטאָן אַלע קריגס־פירער פון אַלטע צייטן אָן. אָבער ער האָט פיל מער שטעט און דערפער צעשטערט. מען רימט אים דערמיט וואָס ער איז געוועזן דער גרינדער פון דער שטאָט אַלעקסאַנדריע אין עגיפּטן, אָבער ווי היסטאָריקער ווייזן אָן, איז די שטאָט שוין געוועזן אין בויען נאָך פאַר זיין קומען און ער האָט נאָר באַפוילן, אַז זי זאָל הייסן א ל ע ק ס אַ נ ד ר י ע. ווען ניט ער, וואָלט די שטאָט אויך אויסגעבויט געוואָרן. זי וואָלט נאָר געהאַט אַן אַנדערן נאָמען. אָבער אפילו ווען ער וואָלט געבויט די שטאָט, אָדער נאָך עטלעכע, וואָס איז עס אין פאַרגלייך מיט די פיל הונדערטער שטעט וואָס ער האָט חרוב געמאַכט? און וויפל מיליאָנען לעבנס האָט דער מענטש פאַרניכטעט?

אַלעקסאַנדער איז געוועזן אַ מין היטלער פון יענע צייטן. וועט עמיצער אָנרופן היטלערן דער „גרויסער"? היטלער האָט איינגענומען אייראָפּע וואָס ער האָט גערופן „פעסטונג־אייראָפּאַ" און האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן. דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן אַלעקסאַנדער אַמאָל, וועלכער האָט געהאַט איינגענומען קליין־אַזיע און אָנגעמאַכט דאָרטן אַ חורבן.

מיר זעען איצט פאַר זיך דעם סוף פון אַמאָליקן גריכנלאַנד. עס הייבט זיך איצט אָן אַ נייע עפּאָכע: ר ו י ם, וואָס האָט געזוכט צו באַהערשן און האָט אויך באַהערשט די וועלט.

.IV

דאס מיליטאריסטישע רוים

18. רוים און קאַרטאַגע

19. ווי אַזוי איז אויסגעבויט געוואָרן די רוימישע אימפּעריע?

20. יוליוס צעזאַר, וועלכער האָט געוואָלט ווערן אַ גאָט

21. אַנדערע רוימישע מערדערישע הערשער

22. דער קייזער נעראָ, וועלכער האָט דערמאָרדעט זיין מוטער

23. אויסגעלאַסנקייט אין רוים

24. די פינף גוטע הערשער פון רוים

25. וואָס האָט רוים בייגעשטייערט דער וועלט?

26. קריסטנטום אין רוים

27. דער קייזער קאָנסטאַנטין, וועלכער האָט אָנגענומען קריסטנטום

28. די נייע רוימישע מאַכט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל

29. דער קייזער יוסטיניאַן, דער געזעצגעבער

30. ווי אַזוי קריסטנטום האָט זיך אויסגעבויט אַלס וועלט-רעליגיע

18. רוים און קאַרטאַגע

די צוויי יורשים פון אָפּשטאַרבנדיקן גריכנלאַנד. — ווער זיינען געווען די קאַרטאַגער און פון וואַנען זיינען זיי געקומען. — זייער אייגנשאַפט צו באַהערשן דעם ים. — זייער דינסט צום אָפּגאָט „מולך". — ווער זיינען געווען די רוימער? — די ערשטע מלחמה צווישן רוים און קאַרטאַגע. — ווער איז געווען האַניבאַל?

ניט אַלע מאָל איז אַ נצחון אין אַ מלחמה אַ גליק פאַר אַ לאַנד. ס'טרעפט אַמאָל אַז עס איז פונקט פאַרקערט. דאָס זעען מיר אויך אין גריכנלאַנד. גראָד נאָך אַלעקסאַנדער פון מוקדונס גרויסע זיגן אין קליין־אַזיע האָט גריכנלאַנד, וועלכע איז געווען די צווייטע היים פון דעם גרויסן קריגס־העלד, גענומען גיין אַראָפּ און אַראָפּ. דערמיט וואָס אַלעק־סאַנדער האָט צעבראָכן אַלע ציוויליזאַציעס פון יענער צייט, ווי די פער־סישע, עגיפּטישע און אַלע אַנדערע, האָט ער אויך צעבראָכן גריכנלאַנד. אירע גייסטיקע און פיזישע כוחות האָבן נאָך זייערע זיגן גענומען גיין באַרג אַראָפּ.

אָבער אין יענער צייט האָט אַן אַנדער לאַנד, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכער שטופע פון ציוויליזאַציע (לויט די באַגריפן פון יענער צייט) און וועלכעס אַלעקסאַנדער האָט ניט צעשטערט, זיך גענומען אַרויס־הייבן פון אַלע אַרומיקע לענדער. דאָס איז געווען דאָס לאַנד פעניציע, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט אויסגעצייכנט מיט אירע האַנדלס־פעאיקייטן. פעניציעס שיפן זיינען געפאָרן איבער אַלע שבעה ימים און געפירט גוטס פון איר לאַנד אין אַנדערע לענדער, אויך פון אַנדערע לענדער צו איר לאַנד. אָבער דאָך איז די לאַגע דאָרטן ניט געווען קיין גוטע, ווייל אַלץ איז דאָרטן געווען קאָרומפּירט. אין דער הויפּט־שטאָט פון פעניציע, טירע, האָט מען קיין גערעכטיקייט ניט געקענט קריגן, ווייל אַלע דאָרטן האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין מאַכן געלט. אַלץ איז דאָרטן געווען פאַרקויפט.

אין יענער צייט האָט אַ גרופּע פון מענער און פרויען, וועלכע זיינען ניט געווען צופרידן מיט דער אָרדענונג אין זייער לאַנד, זיך אַרויסגע־לאָזט זוכן אַן אַנדער ווינקל, וואו צו וואוינען און וואו זיי זאָלן איינפירן אַן אָרדענונג פון גערעכטיקייט. די גרופּע האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף שיפן קיין מערב צו, אויפן מיטללענדישן ים און זיינען געפאָרן אַזוי לאַנג ביז זיי זיינען געקומען צו אַן אינדזל אויפן ווייטסטן פונקט, צו צפון

פון אַפריקע. דאָרטן זיינען זיי אויסגעשטיגן, האָבן אומגעבראַכט די איינ־וואוינער פון אינדזל דורך ברענגען זיי אַלס קרבן צום אָפּגאָט „מולך״. דערנאָך האָבן זיי זיך דאָרטן באַזעצט און איינגעפירט אַ נייע אָרדענונג. זיי האָבן אויפן אינדזל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט ים פון אַלע זייטן, מיט דער צייט אויסגעבויט אַ שיינע שטאָט, וועלכע זיי האָבן אָנ־אָנגערופן ק אַ ר ט אַ ג ע.

די נייע איינוואוינער פון קאַרטאַגע האָבן מיטגעבראַכט פון פעניציע צוויי זאַכן, ערשטנס, גרויסע פעאיקייטן צו האַנדל ווי אַלע בירגער פון פעניציע, וועלכע האָבן זיך דערמיט זייער אויסגעצייכנט. צווייטנס, אַ פעסטע איבערצייגונג, אַז דער גרעסטער גאָט איז „מולך״ און אַז ער פאָדערט כסדר מענטשלעכע קרבנות, ווייל דאָס פייער פון זיין מויל ווערט קיינמאָל ניט פאַרלאָשן.

די קאַרטאַגער האָבן גענומען באַלד אַרויסווייזן זייערע האַנדלס־כוחות אין די אַרומיקע לענדער ווי אין נאָענטן שפּאַניע, אין ניט־ווייטן אַפריקע און אַפילו געגאַנגען אַזוי ווייט ווי ביז דרום־פראַנקרייך. מיט דער צייט האָבן זיי שוין געהאַט באַהערשט איין העלפט פון מיטללענדישן ים און האָבן געוואָרפן אַן אויג אויך אויף דער אַנדערער העלפט. די קאַרטאַגער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויך אויף איינצונעמען אַנדערע ערטער מיט דער שווערד און ווען זיי זיינען געקומען אַהיים מיט אַ זיג האָבן זיי די קריגס־געפאַנגענע מקריב געווען צום „מולך״, אין פאַל אָבער ווען זיי האָבן פאַרשפּילט, האָבן זיי זייערע אייגענע יונגע קינדער געבראַכט צום „מולך״, כדי אים איבערצובעטן, אַז ער זאָל מער ניט זיין בייז אויף זיי.

אָבער אַ חוץ די גרויסע איבערגעגעבנקייט צום אָפּגאָט „מולך״ האָבן די קאַרטאַגער געהאַט אַן אייגענע ציוויליזאַציע, אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן אַראָפּגעקוקט אויף די אַרומיקע פעלקער און זיי געהאַלטן פאַר נידעריקער פון זיך.

אין יענער צייט איז שוין רוים אויפגעקומען און האָט געוואָלט זיך אויסבויען אויף דער ירושה פון גריכנלאַנד, וואָס איז אָפּגעשטאָרבן ביס־לעכווייז, אָבער דאָ זיינען די קאַרטאַגער זיי געשטאַנען אין וועג. אין קאַר־טאַגע פלעגט מען כסדר אָפּלאַכן פון די רוימער און זאָגן, אַז זיי זיינען אַ ווילד פאָלק. אַ באַליבטער וויץ אין קאַרטאַגע איז אין יענער צייט געווען, אַז אין רוים איז נישטאָ מער ווי איין גאַנג פון זילבערנע גאָפּל־לעפעל־מעסער און יעדער סענאַטאָר, ווען ער מאַכט אַ סעודהלע, באָרגט זיך עס אויס פאַר דער צייט פון דער סעודה, כדי צו ווייזן אַלעמען, אַז ער האָט

זילבערנע כלים. די קאַרטאַגער האָבן זיך געהאַלטן פאַר די אמתע יורשים פון דער גריכישער קולטור און ציוויליזאַציע.

אָבער, ווי שוין געזאָגט פריער, האָבן אַ חוץ די קאַרטאַגער געגלוסט צו דער ירושה פון אָפּשטאַרבנדן גריכנלאַנד — די רוימער. די ערשטע רוימער זיינען געווען אַ גרופּע פון ווילדע איטאַליענער, וואָס איז באַ־שטאַנען פון רויבער און פּיראַטן. די גרופּע האָט געוואַנדערט אַרום דעם מיטללענדישן ים, ביז זי האָט זיך ענדלעך באַזעצט אין פלאַך־לאַנד נעבן דעם טייך טיבער. דאָרטן האָט די גרופּע שוין געטראָפן וואוינען צוויי שבטים: איינער זייער אַ פּרימיטיווער, וועלכער האָט זיך גערופן „א י ב ע ר־י אַ נ ס״, און דער צווייטער, אַ מער ציוויליזירטער, וועלכער האָט געהייסן „ע ט ר א ס ק א נ ס״. דער לעצטער האָט געהאַט שוין פאַרשידנאַרטיקע געווער. עס איז דער גרופּע זייער לייכט אָנגעקומען צו פאַרניכטן די איבעריאַנס, אָבער איבער די עטראַסקאַנס האָבן זיי ניט געקענט זיגן און זיינען דעריבער געבליבן וואוינען צווישן זיי. די עטראַסקאַנס האָבן שוין געוואוסט פון בויען שאָסייען, פון אַרכיטעקטור פון הייזער און אַ ביסל מעדיצין, ווי אויך אַ ביסל אַסטראָנאָמיע. די נייע איינוואַנדערער האָבן זיך אויסגעלערנט דאָס אַלץ פון די עטראַסקאַנס און איבערהויפּט ווי אַזוי צו מאַכן די פאַרשידענע מינים געווער. ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט דאָס אויסגעלערנט, האָבן זיי אָנגעזאַמלט פאַר זיך זייער פיל געווער פון פאַרשידענע מינים און האָבן פאַרפירט אַ מלחמה מיט די עטראַסקאַנס און ביסלעכווייז זיי פאַרניכטעט. זיי האָבן דאָס געטאָן דורך גערילאַ־קאַמפן, אַלעמאָל אויף אַן אַנדער אָרט. אַ טייל פון דער גרופּע האָט באַזונדערס זיך פאַרפעסטיקט אַרום דעם טייך טיבער און פאַרכאַפּט די גאַנצע באַרגיקע געגנט. ענדלעך איז ניט געבליבן מער קיינער פון די עטראַסקאַנס אין דער גאַנצער געגנט, אַזוי איז אויפגעקומען רוים.

אין אָנהויב האָבן אָט די אריינגדרינגער ניט געהאַט קיין פּרויען צווישן זיך. אַזוי ווי זיי האָבן געוואָלט האָבן פרויען, האָבן זיי זיי גענומען פון אַ שבט מיטן נאָמען „סאַבינס״, וואָס האָט געוואוינט ניט ווייט פון דאָרטן. די רוימער פלעגן זיך אַרויסלאָזן ביינאַכט אין אַ געיעג אויף די סאַבינס — צוגערויבט די שענסטע און יונגסטע פרויען און אָוועקגעפירט זיי צו זיך אַלס ווייבער. שפּעטער האָבן זיי געמאַכט שלום מיט די סאַבינס און באַהערשט די גאַנצע געגנט אַרום טייך טיבער.

די דאָזיקע נייע איינוואוינער, די רוימער, האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס זיי זיינען געווען זייער קריגעריש. אָנפירן מלחמות מיט די ארומיקע שכנים איז ביי זיי געווען אַ טאָג־טעגלעכע

דערשיינונג. זיי האָבן ליב געהאַט צו גיין אין קאַמף און פאַרגיסן בלוט. צו דעם צוועק האָבן זיי אויסגעבויט אין דער נייער שטאָט רוים, וואָס זיי האָבן געגרינדעט, אַ גאַנצע מיליטערישע קאַסטע, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף אַלע אַרומיקע שכנים.

רוים האָט זיך אויסגעבויט ביסלעכווייז, אָבער דאָרטן וואו אַ רוי־מער האָט אַוועקגעשטעלט זיין פוס, איז עס שוין געווען זיינס. דער פּלאַץ איז באַלד געוואָרן אַזוי פאַרפעסטיקט מיט פאַרשידן געווער, אַז אלע האָבן געוואוסט, אַז קעמפן קעגן די רוימער קען מען ניט. דער פּראָגרעס פון די רוימער איז ניט געווען קיין גיכער, נאָר פאַרקערט, אַ לאַנגזאַמער, אָבער אַ זיכערער. זייער מיליטערישע מאַשין איז געווען זייער שטאַרק. זייער הויפּט ציל איז געווען: צו מאַכן, אַז אַלע אַרומיקע שבטים און לענדער זאָלן זיך אונטערגעבן צו זיי. עס האָט זיי גענומען אַ צייט לאַנג איינצו־נעמען און צו פאַרשקלאַפן אַלע איינוואוינער אַרום רוים, אָבער קיינער האָט מער זיי ניט געקענט באַזיגן.

אָבער אויך צווישן די דאָזיקע מיליטערישע מענטשן האָבן אויס־געבראָכן אָפט קאַמפן און רעוואָלוציעס, וועלכע האָבן זיך געענדיקט מיט אַ שלום צווישן זיך, ווייל זיי האָבן שוין מורא געהאַט איינער פאַרן אַנדערן. אַזוי אַרום איז ביסלעכווייז אויסגעבויט געוואָרן דאָס שטאַרקע מיליטערישע רוים.

* * *

ווען רוים איז געווען שוין שטאַרק גענוג צו קענען באַזיגן אויך אַנדערע ווייטע לענדער, האָט זי גענומען קוקן מיט אַ בייז אויג אויף קאַרטאַגע, וועלכע איז געווען ניט ווייניקער שטאַרק ווי זי. עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן זיי וועגן אַ שטיקל לאַנד וואָס איז געלעגן צווישן זיי ביידע און וואָס איז געווען רייך אין גאָלד און אַנדערע מינעראַלן. דאָס איז געווען דאָס אינדזל סיציליע. ביידע, סיי רוים און סיי קאַרטאַגע, האָבן געשאַרפט זייערע ציין אויף אָט דעם שטיקל לאַנד און ענדלעך איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה וועגן דעם צווישן רוים און קאַרטאַגע. דאָס איז געווען די ערשטע מלחמה צווישן די ביידע לענדער, וועלכע האָט געדויערט 23 יאָר (פון יאָר 264 ביזן יאָר 241 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג). די מלחמה איז געפירט געוואָרן הויפּטזעכלעך אויף דעם מי־טללענדישן ים און אַזוי ווי די קאַרטאַגער זיינען געווען בעסערע מאַט־ראָזן ווי די רוימער, האָבן זיי געזיגט. אָבער די רוימער זיינען געווען גוטע תלמידים ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין דער טאַקטיק פון פירן אַ מלחמה

און זיי האָבן זיך גיך אויסגעלערנט פון די קאַרטאַגער אַלע זייערע מאַנעוו־רעס. זיי האָבן אין אָנהויב טאַקע פאַרלוירן עטלעכע שיפן, אָבער זיי האָבן געלערנט דערפון ווי אַזוי ניט צו פאַרלירן, און ביסלעכווייז זיך אויסגעלערנט די קונסט פון פירן אַ קריג אויפן ים און געקענט עס פיל בעסער נאָך ווי די קאַרטאַגער. נאָכדעם ווי זיי האָבן געוואונען די מלחמה האָבן זיי אָנעקסירט דאָס אינדזל סיציליע. זיי האָבן געשלאָסן דערנאָך אַ שלום מיט די קאַרטאַגער, וועלכער איז געווען פאַר זיי אַ פּאַטש אין פּנים.

דער פירער פון די קאַרטאַגער אין יענער מלחמה איז געווען האַ־מילקאַר באַרקאַ. איינמאָל, נאָך פינף יאָר פון שלום צווישן די קאַרטאַגער און רוימער, האָט דער אַלטער פעלדמאַרשאַל באַרקאַ גענומען מיט זיך זיין 9־יאָריקן זון האַניבאַל אין טעמפּל פון גאָט „בעל" (באַאַל). ער האָט צוגעפירט זיין זון צו דער סטאַטוע פון גאָט „מולך" און האָט אים געהייסן שווערן, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן וועט ער פאַרפירן אַ מלחמה מיט די רוימער און זיך אָפּרעכענען מיט זיי. האַניבאַל האָט געשוואוירן הייליק צו אַלעם וואָס זיין פאָטער האָט אים געהייסן שווערן.

* * *

האַניבאַל האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענעם טאָג אין טעמפּל פון „בעל". ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די שבועה וואָס ער האָט געגעבן זיין פאָטער זיך אָפּצורעכענען מיט די רוימער. ער האָט נאָר געוואַרט בלויז ביז ער זאָל אויסוואַקסן און ווערן אַ מאַן. דעמאָלט, האָט ער געטראַכט, וועט ער אויספירן אָט די שבועה מיט דער פולער מאָס.

פאַר אַן ערך 25 יאָר איז געווען שטיל צווישן די רוימער און די קאַרטאַגער. אָבער עס איז געווען אַ שטילקייט פון פאַר אַ שטורעם, ווייל ניט נאָר האָט האַניבאַל געגרייט זיך מיט אַ גרויסער אַרמיי אָפּצורעכענען זיך מיט די רוימער פאַר דעם וואָס זיי האָבן געטאָן צו זיין פאָטער, נאָר אפילו די רוימער אַליין האָבן אויך שוין געגאַרט צו מלחמה מיט די קאַרטאַגער. זיי האָבן ניט געקענט צוקוקן ווי אַזוי דאָס לאַנד קאַרטאַגע בליט אַזוי שטאַרק און איז אַ קאָנקורענט צו זיי. ביידע לענדער האָבן דעריבער גענומען קוקן אויפן אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן מיט 25 יאָר צוריק, ווי אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס האָט ניט מער קיין באַ־דייטונג, און האָבן נאָר געזוכט אַ געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן אין אַ קריג. דאָס ערשטע וואָס רוים האָט געטאָן איז געווען צו פאַרכאַפּן דאָס לאַנד סאַרדיניע און עס אָנצושליסן אין זייער לאַנד. קאַרטאַגע איז געווען אויפ־

גערעגט וועגן דעם און האָט אָפּגעענטפערט דערויף דורך אַנעקסירן דרום־שפּאַניע. די קאַרטאַגער האָבן דעמאָלט געזאָגט צו די רוימער: „איר האָט געכאַפּט דאָס שטיק לאַנד סאַרדיניע, וואָס איז רייך מיט קופּער, האָבן מיר אייך אָפּגעענטפערט דערויף מיט פאַרכאַפּן דרום־שפּאַניע, וואָס איז רייך אין זילבער״. די רוימער זיינען געוואָרן איבערראַשט פון דער חוצפּה פון די קאַרטאַגער און האָבן באַשלאָסן אַנצולערנען זיי דערפאַר. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און רוים האָט געשיקט אירס אַן אַרמיי קיין דרום־שפּאַניע. רוים האָט זיך אפילו געגרייט אַנצופאַלן אויך אויף קאַרטאַגע גופא.

אָבער די קאַרטאַגער זיינען געווען צוגעגרייט דערצו. זיי האָבן אַלץ געהאַט אויסגערעכנט פון פריער און ווי נאָר די רוימישע אַרמיי האָט געגומען מאַרשירן אויף דרום־שפּאַניע, האָט מען זיך אין רוים דער־וואוסט, אַז אַ גרויסע אַרמיי פון קאַרטאַגער איז אויך אויפן וועג פון די אַלפּן, אונטער דער פירערשאַפט פון האַניבאַל, און גייט זיי אַנטקעגן כדי אָפּצושטעלן דעם מאַרש, נאָך איידער זיי וועלן קומען קיין שפּאַניע.

אין רוים האָט די נייעס אַרויסגערופן אַ שטורעם און די סענאַטאָרן האָבן פאַרלאַנגט, אַז די רוימישע אַרמיי זאָל וואָס גיכער גיין אויף דרום־שפּאַניע און זיך אָפּרעכענען מיט די חוצפּהדיקע קאַרטאַגער. דער שטורעם איז געוואָרן גרעסער נאָך צוליב דעם וואָס די רוימער האָבן פריער געפּלאַנט צו פירן אַן אָפענסיווע מלחמה מיט קאַרטאַגע און אינגאַנצן זי אָפּווישן פון דער ערד, אָבער איצט דאַרפן זיי גאָר פירן מיט איר אַ דעפענ־סיווע מלחמה, צו פאַרטיידיקן זיך קעגן איר. ווי אַזוי עס זאָל ניט זיין, עס איז באַלד געוואָרן אַ גרויסע מלחמה. די רוימער האָבן געזאָגט זייערע סאָלדאַטן, אַז זיי מוזן איצט מקריב זיין זייער לעבן כדי צו מאַכן די וועלט זיכער פאַר דער מענטשהייט. אָבער באַלד האָט האַניבאַל צעשטערט אַלע פּלענער פון די רוימער.

האַניבאַלס זיגן און דורכפאַלן

די רוימער האָבן אין פאַרלויף פון זייער לאַנגער הערשאַפט ניט געקענט פאַרגעסן דעם נאָמען האַניבאַל. דער נאָמען איז געווען ווי אַ שד פאַר זיי. עס איז געווען אַ נאָמען וואָס יעדער רוימער האָט דערביי גע־קריצט מיט די ציין. דער סענאַטאָר קאַטאָ אין רוים האָט אַלעמאָל געענדיקט זיינע רעדעס מיט די צאָרנפולע ווערטער: „און האַניבאַל לעבט נאָך אַלץ!״...

פאַרוואָס איז עס אַזוי געווען? וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אָט־דעם נאָמען?

עס איז געווען אַ נאָמען וואָס האָט געבראַכט שאַנד און שמאַך אויף

רוים. עס איז געווען דער נאָמען פון אַ מענטש, וואָס אין דער גאַנצער גלאָררייכער געשיכטע פון רוים, איז ער געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיי, די רוימער, צוויי מאָל באַזיגט און וועלכער האָט יאָרן־לאַנג זיי געהאַלטן אין שרעק, אַז ער וועט איינעמען רוים און פאַר־שקלאַפן אַלע אירע איינוואוינער אונטער זיך. עס איז געווען דעריבער דאָס וואָס די שטאָלצע רוימער, וועלכע האָבן געחלומט צו זיין דאָס שטאַרקסטע פאָלק אין דער וועלט און די הערשער איבער אַלע נאַציעס, האָבן הערנדיק האַניבאַלס רייד דערביי אויפגעשוידערט.

אָבער לאָמיר זען וואָס האַניבאַל האָט געטאָן צו די רוימער. פאַר־וואָס ער האָט דערפירט דערצו, אַז זיי זאָלן אַזוי ציטערן פאַר זיין נאָמען.

* * *

מיר האָבן שוין געשילדערט ווי אַזוי האַניבאַל האָט געשיקט אַ גרויסע אַרמיי פון קאַרטאַגער איבער די אַלפּן צו באַגעגענען די אַרמיי וואָס רוים האָט אַרויסגעשיקט קעגן די קאַרטאַגער, וועלכע האָבן פאַר־נומען דרום־שפּאַניע. די רוימישע אַרמיי האָט געהאַט אַ באַפעל אָפּצו־שטעלן האַניבאַלס אַרמיי באַצייטנס, נאָך ביי דער שוועל פון איטאַליע און ניט לאָזן איר ווייטער מאַרשירן. האַניבאַל האָט דאָס געהאַט אויס־גערעכנט און ער האָט באַגעגנט די רוימישע אַרמיי ביים טייך טראַסימענוס. דאָרטן האָט ער געמאַכט אַזאַ שחיטה איבער די רוימער, אַז עס איז פון דער גאַנצער אַרמיי קיין זכר ניט געבליבן.

ווען די רוימישע סענאַטאָרן האָבן זיך דערפון דערוואוסט, איז געוואָרן אַן אמתע יללה אין רוים. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם, אַז מען זאָל באַלד אַרויסשיקן קעגן האַניבאַלן אַ צווייטע גרויסע אַרמיי מיט אָרדערס צו מאַכן פון האַניבאַלן אַש און בלאָטע. יעדנפאַלס האָבן די סאָלדאַטן געדאַרפט אָפּשטעלן דעם מאַרש פון די קאַרטאַגער פאַר יעדן פרייז. האַניבאַל איז געווען גרייט אויך פאַר דער נייער אַרמיי און האָט זי געטראָפן אין אַן אָרט וואָס הייסט קאַנאַע, אַ פּאָר מייל פון רוים. דאָס מאָל האָט ער געמאַכט איבער די רוימער נאָך אַ פיל גרעסערע שחיטה ווי פריער. ער האָט פאַרניכטעט ממש די גאַנצע נייע אַרמיי וועלכע איז באַשטאַנען פון זיבעציק טויזנט סאָלדאַטן און אָפיצירן.

דאָס איז געווען די גרעסטע קאַטאַסטראָפע, וואָס עס האָט ווען אַמאָל געטראָפן די רוימער אין פאַרלויף פון זייער גאַנצער געשיכטע. דערצו האָבן זיך די רוימער געשראָקן, אַז האַניבאַל וועט באַלד באַלאַגערן

רוים און עס וועט גאַרניט לאַנג דויערן און ער וועט הערשן איבער רוים און אַלע איינוואוינער וועלן זיין זיינע שקלאַפן.

די שטאָלצע רוימער האָבן געציטערט פאַר שרעק און פיל האָבן געקלאָגט און געוויינט.

אָבער — דאָס איז ניט געשען. האַניבאַל האָט ניט מאַרשירט אויף רוים. ער האָט זיך פאַרקערט, אויסגעדרייט אויף צוריק. ער האָט מיט זיין אַרמיי מאַרשירט גאָר אויף דרום־איטאַליע, ווי אַ שטייגער ער גייט צוריק אין זיין לאַנד, אין קאַרטאַגע.

אָבער פאַרוואָס? ווער האָט האַניבאַלן אָפּגעשטעלט אין זיין מאַרש אויף רוים? פאַרוואָס האָט ער אָט־די שטאָט ניט באַלאַגערט און זי איינגענומען, ווען ער איז געווען אַזוי נאָענט?

דערויף דערקלערן די היסטאָריקער, אַז האַניבאַל האָט אַלץ געטאָן מיט אַן אויסרעכענונג. עס איז ביי אים ניט געווען קיין בלינדע זאַך. ער האָט געוואוסט וואָס ער טוט. עס איז אַזוי געווען:

נאָכן זיג איבער די רוימער האָט האַניבאַל זיך אַרומגעקוקט צו זען ווי עס האַלט מיט זיין אַרמיי און ער האָט דערזען דעם טרויעריקן אמת, אַז ס׳איז ניט גוט. ער האָט טאַקע געזיגט איבער די רוימער. אָבער דער זיג האָט אים געקאָסט גענוג לעבנס. כמעט אַזוי פיל וויפל די רוימער. ער האָט איצט געזען, אַז ער האָט ניט מיט וואָס צו גיין אויף רוים. ער האָט ניט קיין אַרמיי, קיין מכשירים, קיין לעבנס־מיטלען פאַר אַזאַ אונטערנעמונג. מיט איין וואָרט, ער האָט גאַרניט מיט וואָס צו מאַרשירן אויף רוים. עס איז אַלץ אַוועק אין די שלאַכטן איבער די רוימער. ער האָט זיי טאַקע באַזיגט. אָבער ער האָט באַצאָלט פאַר אָט דעם נצחון מיט זיין אַרמיי און האַניבאַל האָט דעריבער באַשלאָסן, אַז ער מוז וואַרטן. אַז ער מוז האָבן אַ נייע גרויסע אַרמיי צו מאַרשירן מיט איר אויף רוים.

און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן.

ער האָט געשיקט אַהיים בריוו צו זיין ברודער האַסדרובאַל, אַז ער זאָל צוגרייטן אַ נייע אַרמיי מיט וועלכער ער זאָל קומען צו אים און צוזאַמען וועלן זיי גיין אויף רוים. האַסדרובאַל האָט זיך באַלד גע־נומען צו דער אַרבעט. אָבער אַ נייע אַרמיי וואַקסט ניט אויס איבער נאַכט. עס מוז געדויערן. האַניבאַל האָט דאָס געוואוסט און ער האָט דערווייל זיך געלאָזט איבער איטאַליע און איינגענומען אַ טייל שטעט און דערפער און דערצו גענומען פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע־קאַמף צווישן די איטאַליענער, אַז עס לוינט זיך זיי בעסער צו זיין פאַרבונדן מיט די קאַרטאַגער, ווי מיט

רוים און אַז זיי זאָלן אַלע צושטיין צו קאַרטאַגע. די איטאַליענער האָבן אָבער צו זיינע פּראָפּאַגאַנדע־רייד זיך ניט צוגעהערט.

די נייע אַרמיי איז דערווייל נאָך אַלץ ניט אָנגעקומען און האַניבאַל האָט געמוזט קעמפן מיט זיין אָפּגענוצטער, צעבראָכענער אַרמיי אויף איינצונעמען אָרעמע איטאַליענישע דערפער.

די רוימער זיינען דערווייל אויך ניט געזעסן ליידיק.

אמת, קיין נייע גרויסע אַרמיי האָבן זיי ניט געקענט מער צוזאַמענשטעלן. אָבער זיי האָבן דאָך צוזאַמענגעשטעלט אַן אַרמיי, אונטער דער פירערשאַפט פון גענעראַל קווינטוס פאַביוס מאַקסימוס. די דאָזיקע אַרמיי איז ניט געווען גרייט צו פאַרפירן אַן אָפענסיווע־מלחמה, און אַפילו ניט קיין דעפענסיווע. אָבער זי האָט געדינט אויף צו פירן אַ נערוון־מלחמה מיט האַניבאַלן. און דאָס האָט זי געטאָן אויסגעצייכנט. מאַקסימוס האָט אַלע מאָל צוגעפירט זיין אַרמיי ביז צו אַ שלאַכט און פלוצלינג פאַרשוואונדן. אַזוי, אַז ווען האַניבאַלס אַרמיי איז אָנגעקומען, האָט זי קיינעם ניט געטראָפן. דער שונא איז ניט געווען. אָט די טאַקטיק פון דעם פעלדמאַרשאַל מאַקסימוס האָט אויסגעמאַטערט די קאַרטאַגער פיל מער ווי אמתע שלאַכטן און אַזוי ווי דאָס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, זיינען די קאַרטאַגער געוואָרן זייער דענערווירט און קיינמאָל ניט געוואוסט, וואו זיי זיינען אין דער וועלט — צי זיי וועלן פירן באַלד אַ שלאַכט, צי ניט. דער דאָזיקער פּאַסיווער צושטאַנד פון די רוימער האָט פיל מער אויפגעטאָן ווי די אָפענסיוועס פון די פריערדיקע גענעראַלן.

* * *

האַניבאַל האָט דערווייל אַלץ געוואַרט אויף די פאַרשטאַרקונגען, וואָס ער האָט געדאַרפט קריגן פון דער היים. זיין ברודער האַסדרובאַל האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסע אַרמיי, אויסגעריכטעט אין אַלע מכשירי מלחמה. יאָ, ער שיקט אים ניט בלויז אַ גרויסע אַרמיי, נאָר אויך פיל נייע קאַמפס־מכשירים און ער האָפט איבגיכן צו גיין צוזאַמען מיט אים אויף רוים.

האַניבאַל האָט געטאַנצט פאַר שמחה. ער איז געווען גליקלעך. ער האָט שוין געזען דעם טאָג, ווען ער וועט צוזאַמען מיט זיין ברודער אַריינמאַרשירן אין רוים. ער וועט נעמען געפאַנגען אַלע פירנדיקע פערזאָנען און זיי מאַכן פאַר שקלאַפן. ער אַליין וועט הערשן איבער רוים און זיין ברודער וועט זיין דער הערשער איבער אַ סך פון די איינגענומענע לענדער.

האַניבאַל האָט באַלד צוגעגרייט זיין אַרמיי צו פאָרן צו אַ געוויסן פּלאַץ, וואו ער וועט טרעפן זיין ברודער און וואו זיי וועלן פייערן די פאַראייניקונג פון זייערע אַרמייען און צוזאַמען אָנהויבן דעם מאַרש אויף רוים.

אָבער — אין איין פרימאָרגן, ווען האַניבאַל האָט אַזוי אומגעדולדיק געוואַרט צו זען זיך מיט זיין ברודער, האָט ער פּלוצלינג געקראָגן אַ פּעקל, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן צו אים פון די רוימער, דורך אַ ספּעציעלן שליח. דער שליח איז, ווי נאָר ער האָט איבערגעגעבן דאָס פּעקל צו איינעם פון האַניבאַלס אַרמיי, באַלד פאַרשוואונדן. מען האָט דאָס פּעקל געבראַכט צו האַניבאַלן. ווען ער האָט עס געעפנט, האָט ער דערזען, אַז עס באַשטייט פון — דעם קאָפּ פון זיין ברודער. די רוימער האָבן גאַנץ אומדערוואַרטעט פאַר האַניבאַלן נאָכגעפאָלגט האַסדרובאַלס מאַרש איבער די אַלפּן, אַרומגערינגלט זיין אַרמיי, אים גענומען געפאַנגען און אָפּגעשניטן זיין קאָפּ.

* * *

האַניבאַל האָט איצט געשריען פון כעס. ער האָט געוויינט, ער האָט געבראָכן די הענט, אָבער עס איז געווען פאַרפאַלן. האַסדרובאַלס טויט איז געווען אויך אַ טויט־קלאַפּ פאַר האַניבאַלס האָפענונגען. עס איז איצט געווען נוצלאָז צו בלייבן ווייטער אין איטאַליע. די רוימער, דערמוטיקט דורך זייער זיג איבער האַסדרובאַל, האָבן אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע, צו וואָס האַניבאַל איז ניט געווען גרייט. אָבער די רוימער האָבן ניט אָפּ־געלאָזן. זיי האָבן געשיקט אַ נייע אַרמיי איבערן מיטללענדישן ים און זיינען געווען גרייט צו גיין אויף קאַרטאַגע.

האַניבאַל איז דעריבער אַוועק אַהיים צו פאַרטיידיקן זיין שטאָט. ער איז געקומען קיין איטאַליע אַלס אַ יונגערמאַן, פול מיט אַמביציע, אָנצו־לערנען די רוימער פאַר דער מפּלה וואָס זיי האָבן פאַרשאַפט זיין פאָטער, און איצט איז ער שוין געווען אַן עלטערער, צעבראָכענער מענטש, אָן שום האָפענונגען.

ווי עס איז געווען דער שטייגער אין יענער צייט, האָט עס געהייסן, אַז די געטער האָבן אים פאַרלאָזן. דאָס האָט געמיינט פאַר אים דאָס זעלבע ווי צו זאָגן, אַז ער זאָל מער קיין מלחמה מיט די רוימער ניט פירן, ווייל דער גאָט פון מלחמה איז ניט מיט אים. נאָר מיט זיי. אָבער כדי זיך צו דערשלאָגן אַהיים, האָט ער דאָך געמוזט קעמפן קעגן די רוימער, וועלכע האָבן אים געוואָלט אַרומרינגלען און פאַרניכטן. ער האָט צוזאַמענגענומען

די רעשטלעך פון זיין אַרמיי און גענומען געבן אַ ווידערשטאַנד די רוימער ביי זאַמאַ, אין צפון־אַפריקע. אָבער זיין אַרמיי איז געווען אויסגעמאַטערט און קליין אין צאָל און די רוימער זיינען געווען באַוואָפנט מיט ניי געווער און ער האָט דעריבער געליטן אַ נייע מפלה. זעענדיק, אַז עס איז שלעכט, האָט ער געבעטן די רוימער שלום. ענדלעך האָבן זיי געשלאָסן מיט אים אַ פרידנס־אָפמאַך.

האַניבאַל איז איצט צוריקגעפאָרן קיין קאַרטאַגע און האָט ווייטער אָנגעפירט מיט דעם דאָרטיקן לעבן. אָבער די רוימער האָבן אים חושד געווען (און אפשר איז עס ניט געווען סתם קיין חשד, נאָר אַ זיכערע זאַך), אַז ער גרייט זיך ווידער אַרויסצוטרעטן אין אַ קאַמף קעגן זיי. זיי האָבן דעריבער פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיך איבערגעבן צו זיי. אָבער האַניבאַל האָט גוט געדענקט דאָס, וואָס זיי האָבן געטאָן צו זיין ברודער און ער איז אַנטלאָפן אין הויז פון הערשער פון אַנטיאָכוס, אין קליין אַזיע.

די רוימער האָבן אים נאָכגעיאָגט. ער איז ווידער אַנטלאָפן אין אַן אַנדער פלאַץ, אָבער זיי האָבן אים כסדר נאָכגעיאָגט. אַזוי איז ער געלאָפן אַ לאַנגע צייט פון אָרט צו אָרט, מיט די פאַרפאָלגער נאָך אים. ענדלעך האָבן זיי אים אַרומגערינגלט אין ביטיניאַ, נעבן דעם שוואַרצן ים. ווען האַניבאַל האָט געזען, אַז אַנטלויפן פון זיי איז פאַר אים שוין ניט מעגלעך, האָט ער זיך אַליין גענומען דאָס לעבן, כדי זיי זאָלן אים ניט פייניקן אַ לענגערע צייט, ביז ער וועט שטאַרבן.

האַניבאַל האָט אויך מיט זיין טויט געוואָלט אויסלייזן זיינע מיט־ברידער אין קאַרטאַגע פון הונגער און נויט און אפשר אויך פון אונטער־גאַנג. ער האָט געגלויבט, אַז נאָכדעם ווי די רוימער וועלן האָבן זיין קאָפּ, וועלן זיי זיך שוין דערמיט באַגנוגענען און ניט מער פאַרפאָלגן די קאַר־טאַגער. אָבער דערין האָט ער געהאַט אַ טעות. די רוימער, וועלכע זיינען געווען פאַרביטערטע שונאים, האָבן ניט נאָר ניט אָפגעלאָזט צו פאַר־פאָלגן אַ דורכגעפאַלענעם, צעבראָכענעם העלד, ווי האַניבאַל איז געווען, נאָך דער מפלה, נאָר זיי האָבן זיך אויך געוואָרפן שפּעטער מיט כעס אויף צו פאַרניכטן קאַרטאַגע און אָפּווישן זי פון דער ערד, כאָטש זי האָט זיי מער קיין ווידערשטאַנד ניט אַרויסגעשטעלט און האָט אַפילו ניט געהאַט מער קיין מלחמה־פירער.

די סענאַטאָרן אין רוים האָבן איצט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, אַז ניט אַנדערש, ווי מען מוז גאַנץ קאַרטאַגע אָפּווישן פון דר׳ערד, דער סלאָגאַן איז געווען, אַז אַזוי לאַנג ווי קאַרטאַגע עקזיסטירט, איז רוים ניט זיכער. דאָס איז געווען פאַלש. די סענאַטאָרן וואָס האָבן גערופן צו אזא

פאַרניכטונגס־מלחמה קעגן קאַרטאַגע, האָבן גוט געוואוסט אַז זייער לאַ־זונג איז דורכאויס אַ ליגן, אָבער זיי האָבן דאָך כסדר געהאַלטן אין אייך רופן צו פאַרניכטן קאַרטאַגע מיט אַלע אירע איינוואוינער, מענער, פרויען און קינדער. עס זיינען געווען אַזעלכע סענאַטאָרן, וועלכע האָבן זיך גע־מאַכט פאַר אַ לעבנס־ציל צו פרעדיקן האָס קעגן קאַרטאַגע און צו רופן דעם עולם, אַז מען זאָל די דאָזיקע שטאָט מיט איר גאַנץ גרויסער ציווי־ליזאַציע, אָפּמעקן פון דר׳ערד.

אין אָנהויב האָט דער רוימישער עולם, וואָס דער אמת איז, זיך ניט צוגעהערט צו די רייד פון די דאָזיקע סענאַטאָרן, אָבער ביסלעכווייז, ביס־לעכווייז, האָבן זייערע רייד געהאַט אַ ווירקונג און דער סלאָגאַן: „אַ טויט צו די קאַרטאַגער!״ איז געוואָרן דער סלאָגאַן פון גאַנץ רוים. אַזוי איז טאַקע געשען און איינמאָל איז אַן אַרמיי אַוועקגעשיקט געוואָרן צו פאַרניכטן אָט די דאָזיקע שיינע שטאָט.

ווי אַזוי רוים האָט פאַרניכטעט קאַרטאַגע

אויב מען וויל וויסן וואָס פאַר אַ מערדער די רוימער זיינען געווען, דאַרף מען נאָכפאָלגן זייער רויב־און־פאַרניכטונג־מאַרש אין דער וועלט. דערצו דאַרף מען אָנהויבן ביים ערשטן קאַפּיטל פון זייערע אַכזרישע קאַמפן אויף איינצונעמען די וועלט. אָט דאָס ערשטע קאַפּיטל הייסט: **ווי אַזוי רוים האָט פאַרניכטעט קאַרטאַגע.**

עס איז ניט געווען קיין סוד אין יענער צייט, אַז די שפע וואָס עס האָט געהערשט אין קאַרטאַגע און אויך די הויכע ציוויליזאַציע, וואָס עס איז דאָרטן געווען, איז געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון די רוימער. זיי האָבן דעריבער געקוקט אויף קאַרטאַגע ווי אַ צערייצטער לייב אויף אַן אומשולדיקער שאָף און נאָר געוואַרט אויפן טאָג, ווען זיי וועלן זי פאַרניכטן און דאָס איז ענדלעך געשען.

כדי צו האָבן אַ גענוי בילד פון יענער צייט, וועלן מיר זיך אָפּ־שטעלן פריער אויף איינעם פון די הויפּט־פיגורן פון סענאַט אין רוים, וועלכער איז געווען דער הויפּט־אָנפירער, העצער און קעמפער פון דער באַוועגונג, צו פאַרניכטן קאַרטאַגע. דאָס איז געווען דער הויפּט־צענזאָר פון דער עפנטלעכער מאָראַל, דער סענאַטאָר **מאַרקוס פּאָרקיוס קאַטאָ.**

מיר וועלן דאָ ברענגען וועגן אים דאָס וואָס דער באַרימטער שרייבער פּלוטאַרך זאָגט, וועגן זיין כאַראַקטער. דאָס וועט זיין גענוג צו זען און וויסן ווער דער דאָזיקער מענטש איז געווען, און אויב דער פירער איז

אַזוי געוועזן, קען מען שוין פֿאַרשטיין ווער עס זיינען געוועזן די פון אים געפירטע.

* * *

מאַרקוס פּאָרקיוס קאַטאָ האָט נאָכן טויט פון האַניבאַלן זיך געמאַכט פאַר אַ ציל צו ענדיקן אַלע זיינע רעדעס אין סענאַט, וועגן וואָס עס זאָל ניט זיין, מיט די ווערטער: „און צוליב דעם איז מיין מיי־נונג, מיינע פריינד, אַז קאַרטאַגע מוז פאַרניכטעט ווערן!"

אָבער ווער איז געוועזן אָט־דער קאַטאָ? — נו, פּלוטאַרך שילדערט אים אַזוי: אַ הויכער, שווער־לייביקער מענטש מיט אַ הויכער הייזעריקער שטימע; גרין־גרויע אויגן; געלע האָר מיט גרויסע אַרויסשטאַרצנדיקע ציין; זיין פּנים איז געוועזן אַזוי אָפּשטויסנדיק און שרעקלעך, אַז אין די סאַטירישע עפּיגראַמען פון יענער צייט איז געוועזן איינע וואָס האָט געזאָגט אַז ער וועט קיינמאָל ניט אַריין אין גן־עדן, אָבער אויך ניט אין גיהנום, ווייל דער טייוול וועט זיך דערשרעקן פאַר אים און וועט פאַר־האַקן די טיר פאַר זיין רויטער נאָז.

קאַטאָ אַליין האָט געהאַט דעם גרעסטן פאַרגעניגן צו שטערן אַנדערע צו האָבן פאַרגעניגן. אַ טייל רוימער האָבן געוואָלט אַ ביסל זיך אָפּרוען צווישן די קאַמפן און זיך פאַרנעמען מיט עפּעס אַנדערש, אָבער ניט קאַטאָ. עס זיינען געוועזן רוימער וואָס האָבן געוואָלט זיך אינטערעסירן מיט די קונסט־ווערק פון גריכנלאַנד, מיט זייערע פילאָ־זאָפיעס, דראַמעס און אַנדערע שאַפונגען. קאַטאָ האָט ניט געוואָלט הערן דערפון. אַלס צענזאָר האָט ער פאַרטריבן יעדעס ווערק פון אַ גריכישן פילאָזאָף פון רוים. ער האָט אויך ניט דערלאָזט קיין גריכישע שוישפילן, ווייל עס איז ניט גענוג ווירדיק פאַר די חשובע רוימער. ער האָט געטאָן אַלץ וואָס נאָר ער האָט געקענט צו מאַכן דאָס לעבן פון די רוימער טרוקן און אָן אינהאַלט. וואָס ער האָט יאָ געוואָלט איז געוועזן צו מאַכן פון אַלע רוימער סאָלדאַטן. ער האָט געהאַלטן פון דעם גייסט וואָס עס האָט אַמאָל געהערשט אין דער גריכישער שטאָט ספּאַרטאַ. ער איז געוועזן אַ זעלנער דורך און דורך און געשטרעבט נאָר צו פאַרגיסן בלוט. צו גיין אין קריג האָט געמיינט פאַר אים צו מאָרדן וויפל נאָר מען קען, מענער, פרויען און קינדער און אַזוי אָפּט און גיך ווי נאָר עס איז מעגלעך. ער אַליין האָט זיך אויסגערימט, אַז ווען ער איז געוועזן אַן אָפיציר אין דער רוימישער אַרמיי קעגן האַניבאַלן אין דרום־שפּאַניע, האָט ער

געהייסן זיינע סאָלדאַטן פאַרניכטן יעדן טאָג אַ שפּאַנישע שטאָט און אומברענגען אַלע מענער, פרויען און קינדער.

קאַטאָ איז געווען זייער רייך, אָבער דערצו קאַרג ביז גאָר. ער האָט געוואוינט אין אַ קליינער הייזקע אויפן לאַנד און יעדן טאָג איז ער אַריינגעפאָרן אין אַן אַנדער שטעטל צו פּראַקטיצירן דאָרטן אַלס אַדוואָקאַט. ווען ער איז אַהיים געקומען נאָכמיטאָג, האָט ער זיך אויסגעטאָן נאַקעט דעם אויבערשטן האַלבן קערפּער און אָוועקגעשטעלט זיך אַרבעטן אין פעלד צוזאַמען מיט זיינע שקלאַפן. ער האָט אויך געגעסן דאָס גראָבע ברויט, וואָס מען האָט געבאַקן פאַר זיי און געטרונקען דאָס עסיק־וואַסער, וואָס זיי האָבן געטרונקען, און אין אָוונט האָט ער זיך אַליין אָפּגעקאָכט אַ גריץ־זופּ און אין דער זעלבער צייט האָט זיין ווייב געמוזט באַקן ברויט.

אַזוי ווי ער אַליין איז געווען אַן אומדערמידלעכער אַרבעטער, האָט ער געטריבן כסדר זיינע שקלאַפן צו אַרבעטן און אַזוי לאַנג ביז זיי זיינען געפאַלן אין אָנמאַכט. ער פלעגט זאָגן, אַז אַ שקלאַף, אויב ער שלאָפט ניט, דאַרף ער אַרבעטן.

אויב אַ שקלאַף האָט געמאַכט דעם מינדעסטן טעות, ווען ער האָט געהאַט געסט, האָט ער אים אַליין געשמיסן מיט אַ לעדערנעם רימען אויפן נאַקעטן לייב אין קעגנוואַרט פון די געסט, כדי צו ווייזן זיי, ווי אַזוי מען דאַרף זיך פירן מיט שקלאַפן. ווען אַ שקלאַף איז אַלט געוואָרן, האָט ער אים ניט געלאָזט שטאַרבן רואיק און אים פאַרקויפט פאַר אַ שיבוש צו אַן אַנדערן.

אָבער ביי דעם אַלעם איז קאַטאָ געווען אַן אויסערגעוויינלעכער רעדנער. ער האָט גערעדט ווי אַ מלאך און געהאַנדלט ווי אַ טייוול. ער האָט גערעדט איבערהויפּט וועגן דער אוממאָראַלישקייט פון די רוימער, אָבער ער אַליין איז געווען דער גרעסטער אוממאָראַלישער מענטש. ער האָט געפּרעדיקט קעגן אויסנאַרן געלט פון מענטשן און ער אַליין האָט עס כסדר געטאָן. איינמאָל האָט ער געזען ווי אַ סענאַטאָר האָט געקושט זיין אייגן ווייב אין דער קעגנוואַרט פון זייער טאָכטער, האָט ער געמאַכט אַ סקאַנדאַל און ניט גערוט פריער ביז ער האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון סענאַט. אָבער ער אַליין, האָבן אַלע געוואוסט, כאַפּט זיך צו פרעמדע ווייבלעך, ווען נאָר ער קען און ווען קיינער זעט ניט. ער האָט אַמאָל אין זיינער אַ רעדע גערעדט דערפון, אַז עס איז ניט שיין, אַז אַן אַלטער מאַן זאָל זיך יאָגן נאָך פרויען, אָבער ווען ער איז געקומען שפּעטער אויף אַ באַזוך צו זיינער אַ שנור, האָט ער, ווי נאָר זי איז אַוועק אין איר

צימער, צוגעכאַפּט זיך צו איר דינסט... ער איז דעמאָלט אַלט געווען — 80 יאָר.

קאַטאָ האָט שטאַרק ליב געהאַט רוים, אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז ער אַליין איז וויכטיקער; אַז רוים דאַרף אים האָבן מער ווי ער — רוים. און ער האָט געזוכט אויסצונוצן יעדע געלעגנהייט צו ווערן רייכער און שטאַרקער.

* * *

אָט דאָס איז אַ מוסטער פון אַ רוימער, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן לאַנד אין יענער צייט און אָט ער האָט עס געפּרעדיקט האַס קעגן קאַרטאַגע — פון וואָס זיינע מיטבירגער זיינען געווען זייער צופרידן. ראשית האָבן אַלע געוואָלט זיך טיילן מיטן רויב פון קאַרטאַגע; צווייטנס האָבן זיי ניט געקענט פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז עס זאָל זיין נאָך אַ שיינע, שטאַרקע שטאָט אַ חוץ רוים.

„אויב רוים וויל לעבן מוז קאַרטאַגע שטאַרבן!" — אַזוי האָט געשריגן קאַטאָ אין די גאַסן וואו נאָר ער איז געגאַנגען. איינמאָל האָט ער נאָך אַ רעדע אין סענאַט געגעבן אַ הויב־אויף זיין טאָגע און עס זיינען אַרויסגעפאַלן שיינע פייגן אויף דר'ערד. די סענאַטאָרן זיינען צוגעלאָפן זיי אויפהייבן און זיך געוואונדערט אויף דער גרויסקייט און שיינקייט פון די פייגן. קאַטאָ האָט זיי געענטפערט דערויף: „די פייגן שטאַמען פון קאַרטאַגע; נו, דאַרפן מיר ניט האָבן אָט די פייגן וואָס וואַקסן דאָרטן?! דאַרפן די רוימער לאָזן, אַז אַנדערע זאָלן האָבן אַזעלכע שיינע פייגן?!"

אַלץ איז שוין געווען גרייט פאַר אַ מלחמה צו פאַרניכטן קאַרטאַגע, אָבער אַזוי ווי מען מוז דאָך האָבן עפּעס אַ תירוץ פאַרוואָס מען גייט אַרויס אין קריג, האָט קאַטאָ דאָס צוגעטראַכט אויך. עס איז אַזוי געווען: די קאַרטאַגער האָבן געהאַט איינגעשטימט אין דעם שלום־אָפּמאַך מיט רוים נאָך האַניבאַלס מפּלה, ניט צו פאַרפירן קיין מלחמה מיט די פרידלעכע לענדער פון רוים. האָט קאַטאָ זיי פּראָוואָצירט צו טאָן דאָס. ס'איז געווען דעמאָלט אַ קליין לאַנד, ניט ווייט פון רוים און נאָענט צו קאַרטאַגע, וואָס האָט געהייסן נומידיא. זיי האָבן געהאַט אַ קעניג וואָס האָט געהייסן מאַסיניסאַ. האָט קאַטאָ געהייסן אָט דעם קעניג, אַז ער זאָל מאַכן כסדר אָנפאַלן אויף קאַרטאַגע און צורויבן זייערע שאָף. ווען דער קעניג האָט עס געטאָן, האָבן די קאַרטאַגער אַרויסגעשיקט אַן אַרמיי קעגן אים און פאַרטריבן פון זייער טעריטאָריע.

דאָס איז געווען אַ גוטער תירוץ פאַר די רוימער, אַז זיי, די קאַרטאַגער, האָבן ניט געהאַלטן וואָרט און האָבן צונישט געמאַכט דעם שלום־אָפּמאַך מיט רוים, ניט אָנצופאַלן אויף אַ פריינדלעך לאַנד פון רוים. די טענה, אַז יענע האָבן אָנגעהויבן און אַז מען האָט זיך געמוזט פאַר־טיידיקן האָבן זיי ניט אָנגענומען. די סענאַטאָרן האָבן דעריבער דערקלערט, אַז עס הערשט אַ קריגס־צושטאַנד צווישן רוים און קאַרטאַגע.

די קאַרטאַגער האָבן געוואוסט, אַז קעמפן קעגן רוים קענען זיי ניט, האָבן זיי געשיקט שליחים קיין רוים צו בעטן פאַר שלום. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי זיינען גרייט צו נעמען אויף זיך אַ שטראָף און צו באַצאָלן פאַרן שאָדן וואָס זיי האָבן געטאָן צו רוימס פריינדלעכן לאַנד. כדי צו ווייזן, אַז זיי מיינען עס ערנסט, האָבן זיי שוין באַצייטנס פאַר־משפט די צוויי גענעראַלן וואָס האָבן אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן נומידיא צום טויט און דעם אורטייל אויסגעפירט. זיי האָבן איצט געוואַרט, אַז די רוימער זאָלן זאָגן צו זיי, אַז אַלץ איז פאַרגעסן און עס וועט זיין ווייטער שלום.

אָבער ניין, די רוימער האָבן דאָס ניט געטאָן און אויך ניט געוואָלט, ווייל זייער ציל איז דאָך געווען צו פאַרניכטן קאַרטאַגע. אָבער אַן ענטפער האָבן דאָך די רוימער געמוזט געבן, האָבן זיי געזאָגט צו די קאַרטאַגער: „גוט, אַז איר ווילט שלום, וועט מען עס אייך געבן, אָבער איר מוזט געבן אַלס משכון 300 זין פון די סענאַטאָרן פון קאַרטאַגע, וועלכע זאָלן בלייבן אין רוים!״

די קאַרטאַגער האָט זייער ווי געטאָן אָט דאָס נאָכצוגעבן, אָבער זיי האָבן געזען, אַז זיי האָבן קיין ברירה ניט און אַוועקגעשיקט 300 יונגעלייט, די קינדער פון די סענאַטאָרן פון קאַרטאַגע, אַזוי ווי צו דער שחיטה קיין רוים.

דוכט זיך, שוין גוט. קאַרטאַגע האָט שוין אויך דעם ווילדן פאַרלאַנג פון רוים נאָכגעגעבן, אָבער רוים איז נאָך אַלץ ניט צופרידן.

— וואָס ווילט איר ווידער איצט? — האָבן די קאַרטאַגער געפרעגט די רוימער.

— קאַרטאַגע מוז זיך אָנטוואָפענען. יעדעס שטיקל געווער וואָס געפינט זיך ביי אייך מוזט איר אונדז אָפּגעבן. ערשט דעמאָלט וועט מען קענען רעדן וועגן שלום.

ווידער האָבן די קאַרטאַגער געזען, אַז זיי האָבן קיין ברירה ניט; אַז זיי זיינען אין מערדערס לאַפּעס, און אויך דאָס נאָכגעגעבן. זיי האָבן

צונויפגעזאַמלט אַלדאָס געווער, וואָס נאָר איינער האָט געהאַט, און עס איבערגעגעבן צו די שליחים פון רוים.

— נו, איצט איז שוין אַלץ געענדיקט, אַלץ נאָכגעגעבן. איצט לאָמיר שרייבן אַ שלום־אָפּמאַך — האָבן געזאָגט די שליחים פון קאַרטאַגע צו די רוימער.

— ניין — האָבן יענע געענטפערט — עס הויבט זיך נאָך גאָר ניט אָן...

— און וואָס ווילט איר איצט? — האָבן די קאַרטאַגער זיי געפרעגט.

די רוימער זיינען איצט אַרויסגעקומען מיט אָפענע רייד:

— קאַרטאַגע מוז פאַרניכטעט ווערן! מענער, פרויען און קינדער! אַלע מוזן אומקומען!

די קאַרטאַגער האָבן איצט צו זיי געזאָגט:

— נו, אַפילו אַ גזלן גיט דאָך זיין קרבן צייט צוצוגרייטן זיך צום טויט און צו זאָגן ווידוי איידער מען גייט פון דער וועלט. גיט אונדז צייט דערויף.

די רוימישע פאַרשטייער האָבן זיי געגעבן צוויי וואָכן צייט.

די קאַרטאַגער האָבן איצט פאַרהאַקט דאָס טויער פון קאַרטאַגע און אַלע האָבן זיך גענומען שאַפן געווער. אַלע האָבן געאַרבעט, בייטאָג און ביינאַכט, אָן אויפהער. עס איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע טעטי־קייט, וואָס עס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט. מען האָט פאַרניכטעט גאַנצע בנינים כדי אַרויסצובאַקומען פון דאָרטן די מעטאַלענע טיילן, פון וועלכע מען קען מאַכן געווער. די קאַרטאַגער זיינען איצט געווען אַנטשלאָסן ניט צו שטאַרבן פון די רוימער נאָר צו געבן זיי אַ שלאַכט, אַז זיי זאָלן עס האָבן צו געדענקען.

ווען די צוויי וואָכן האָבן זיך געענדיקט זיינען די רוימישע אַמבאַ־סאַדאָרן געקומען צו די טויערן פון קאַרטאַגע און געפונען זיי פאַרמאַכט. באַלד האָבן די קאַרטאַגער גענומען אויף זיי רעגענען מיט פייער פון אַלע זייטן.

עס האָט גענומען די רוימער דריי יאָר ביז זיי האָבן געקענט איינברעכן די ווענט וואָס האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט און זי איינ־צונעמען. ערשט איצט האָבן די ווילדע רוימער, די באַרבאַרן וואָס האָבן גערעדט כלומרשט פון ציוויליזאַציע, אין פאַרלויף פון 17 טעג געהאַלטן אין איין מאָרדן און אויסשעכטן דעם האַלבן מיליאָן מענטשן וואָס האָבן דאָרט געלעבט. פון דער גאַנצער גרויסער אינטערעסאַנטער באַפעלקערונג זיינען געבליבן בלויז עטלעכע מענטשן, וועמען עס איז געלונגען זיך צו ראַטעווען. די גאַנצע שטאָט — אַלע הייזער, אַלע פאַרקן, אַלע

שאָסייען — זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אָדער אַוועק מיטן פייער. פון קאַרטאַגע איז געוואָרן אַ באַרג פון אַש, שטיינער און חורבות. רוים האָט געזיגט. דאָס איז געווען איר ערשטער שריט איינצונעמען די וועלט. דאָס איז געווען דער ערשטער אַרויסטריט פון די פאָרשטייער פון דער „רוימישער ציוויליזאַציע״.

* * *

די רוימישע זעלנער זיינען איצט צוריקגעקומען קיין רוים צו פייערן זייער נצחון. רוים האָט געיובלט. די גאַנצע באַפעלקערונג איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען און זיי באַוואָרפן מיט בלומען, און די געשרייען „הוראַ פאַר די זיגער!״ האָבן זיך געטראָגן ווי ווייט. אָבער איינער האָט אין דער שמחה זיך ניט באַטייליקט. דאָס איז געווען דער גאַנצער אָנפירער פון דער העצע קעגן קאַרטאַגע — מאַרקוס פּאָרקיוס קאַטאָ. ער איז שוין געווען טויט. ער איז געשטאָרבן באַלד אין די ערשטע טעג פון דער באַלאַגערונג פון קאַרטאַגע.

19. ווי אַזוי איז אויסגעבויט געוואָרן די רוימישע אימפּעריע?

פון וואָסערע עלעמענטן איז זי באַשטאַנען און וואָס איז וועגן דער „רוימישער ציוויליזאַציע“. — ווי אַזוי רוים האָט צעשטערט פיל לענדער. — די בסדרדיקע בירגער־קריגן און ברודער־מאָרדן. — ווער איז געווען מאַריוס און סולאַ? — דער רייכסטער מענטש פון רוים קראַסוס. — ווען יוליוס צעזאַר איז געקומען אויף דער אַרענע.

די רוימישע אימפּעריע, וועלכע האָט עקזיסטירט אַן ערך פון 1,000 יאָר (פון 500 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג ביזן יאָר 500 פון היינטיקער צייט), איז געווען דורכאויס אַ מלכות פון דער שווערד. דער פסוק „ועל חרבך תחיה“ (אויף דיין שווערד זאָלסטו לעבן), וואָס איז געזאָגט געוואָרן צו עשון, פּאַסט זיך זייער גוט אויף די רוימער. דאָס איז געווען אַ פאָלק פון מערדער, רויבער און וואַנדאַלן. זיי האָבן געמאָרדעט און גערויבט וויפל זיי האָבן נאָר געקענט און דאָס וואָס זיי האָבן ניט געקענט נוצן, האָבן זיי פאַרניכטעט און צעשטערט. איינס איז קלאָר, אַז די אַלע רייד וועגן אַ „רוימישער ציוויליזאַציע“; „ירושה פון רוימישער קולטור צו דער מענטשהייט“ איז ניט מער ווי פאַלשע מטבעות, אויסגעטראַכטע זאַכן פון געוויסע „היסטאָריקער“, וועלכע האָבן צוליב געוויסע סיבות געוואָלט פאַרקוקן די מוראדיקע רציחות און מערדערייען, וואָס רוים האָט אָפּגעטאָן אין פאַרלויף פון איר לעבנס־געשיכטע. פאַקטיש האָט רוים אין איר טויזנט יאָר לעבן פאַרניכטעט יעדע קולטור פון יעדעס פאָלק. אָבער אָט דער לוסט צו מאָרד, וואָס עס האָט געהערשט אין זיי, האָט אויך געפירט צו ביטערע קאַמפן צווישן זיך אַליין, און דאָס ווידער האָט געפירט צו איר אונטערגאַנג. אַפילו דאָס וואָס אַ טייל מיינען, אַז רוים האָט אונדז געגעבן געזעצגעבונג, אָדער ווי עס הייסט, „רוימישער קאָדעקס“, איז ניט מער ווי אַ בלאָף. וואָרום רוים האָט דאָס אויך ניט געשאַפן, נאָר גענומען פון גריכנלאַנד, ווי מיר וועלן עס שפּעטער דערקלערן. דער אמתער פּרצוף פון רוים איז געווען: אַ ווילדע הנאה פון בלוט־פאַרגיסונג, וואָס איז געגאַנגען אַזוי ווייט ווי צו מאָרדן אָדער צו ווערן דערמאָרדעט, אַבי בלוט זאָל זיך גיסן.

דעריבער זעען מיר, אַז דאָס פאַרניכטן פון קאַרטאַגע איז ניט געווען קיין איינציקער פאַל אַפילו אין אָנהויב פון רוימס לעבנס־קאַריערע, נאָר בלויז איינע פון די פאַקטן. ווייל אין יענער צייט ווען רוים האָט

פאַרניכטעט קאַרטאַגע, האָט אַ צווייטע רוימישע אַרמיי זיך פאַרנומען מיט פאַרניכטן די שיינע גריכישע שטאָט קאָרינט, און אַ דריטע אַרמיי האָט געזייט טויט און פאַרניכטונג אין קליין־אַזיע. אין דער זעלבער צייט האָבן די רוימער אויך צווישן זיך ניט ווייניק געקעמפט און טויזנטער לעבנס זיינען אומגעקומען צווישן די מויערן פון אָט דער שטאָט גופא, ווי מיר וועלן עס באַלד זען.

* * *

רוים האָט אָנגעהויבן איר עקזיסטענץ אַלס שטאָט־שטאָט אויפן מוסטער פון גריכנלאַנד, אָבער אין דער הערשאַפט פון אָט דער שטאָט־שטאָט זיינען אין די ערשטע 500 יאָר פון איר עקזיסטענץ כסדר פאָר־געקומען ענדערונגען. די רוימער וועלכע האָבן געוואוסט נאָר פון איין זאַך — מאַכט, האָבן דאָס געלאָזט פילן אויך צו זייערע אייגענע. באַלד אין אָנהויב האָבן אַ גרופּע שטאַרקע פאַרכאַפּט די מאַכט און האָבן געהערשט איבער אַלע. זיי האָבן זיך אויסגערופן אַלס די אַריסטאָקראַטן, די בעסערע, און די אַנדערע אַלס „פּלעבעער“, אַ נידעריקער סאָרט פון מענטשן. אָבער די „פּלעבעער“ האָבן ניט געשוויגן און געפירט קאַמפן קעגן די אַריסטאָקראַטן ביז זיי האָבן געזיגט, אַז זיי זאָלן האָבן זייערע פאָרשטייער אין דער רעגירונג פון לאַנד. די פאָרשטייער זיינען גערופן געוואָרן „טריבונס“ און אַזוי ווי די רוימער האָבן געהערשט דורך זייער סענאַט (אַ סענאַטאָר איז באַשטימט געוואָרן אויף לעבנסלאַנג און אין סענאַט זיינען געווען אַן ערך פון 300 סענאַטאָרן), האָבן די „פּלעבעער“ אויסגעפירט, אַז אַ „טריבון“ זאָל קענען מבטל מאַכן דעם אורטייל פון אַ סענאַטאָר. אָבער די „פּלעבעער“ האָבן דעם קאַמף נאָך אַלץ ניט אויפ־געגעבן און געקעמפט ווייטער, ביז זיי האָבן אויסגעווירקט, אַז אויך זייערע פאָרשטייער זאָלן זיין אין סענאַט. אָבער דאָס איז געשען נאָך פיל בלוט־פאַרגיסונג.

אַ גאַר באַזונדער קאַפּיטל וועגן די בלוט־פאַרגיסונגען אין רוים גופא שטעלט מיט זיך פאָר די צייט, ווען עס האָבן געקעמפט פאַר מאַכט די הערשער: מאַריוס, סולאַ, פּאָמפּעי, צעזאַר, קאַסיוס, אַנטאָניוס און אויגוסטוס. יעדער איינער פון זיי איז געקומען צו דער מאַכט דורך מוראדיקע שחיטות און הריגות. רוים האָט זיך טאַקע גערופן אַ „רעפּו־בליק“, וואָס עס האָט געמיינט „די הערשאַפט פון פאָלק“, אָבער עס איז ווייט ניט געווען דאָס. עס איז ניט געווען קיין הערשאַפט פון פאָלקס־מענטשן, נאָר פון מערדער און רויבער, וואָס האָבן זיך געריסן צו דער

מאַכט. עס זיינען טאַקע פאַרגעקומען וואַלן, אָבער געוואונען האָבן אַלעמאָל בלויז די יעניקע, וועלכע האָבן זיך צוגעגרייט מיט „שטאַרקע”, וועלכע זיינען געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז צו די פיס. אַט די גאָרגל־שניידער האָבן דאָס אַריינגעפירט דעם אויסגעוויילטן קאַנדידאַט אין פּאַלאַץ פון הערשאַפט. רוים האָט דעריבער ניט געפירט בלויז מלחמות אין דרויסן, איינצונעמען די וועלט, נאָר אויך מלחמות אין לאַנד גופא און שטענדיק האָט איין טייל בירגער געוואָלט איינעמען די אַנדערע. עס איז אַלעמאָל געווען אַן אוואַנטוריסט, וואָס האָט געוואָלט זיצן אויפן טראָן און האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַ מחנה פון אונטערוועלט־מענטשן, וועלכע האָבן דאָס פאַר אים אויסגעקעמפט דורך פאַרניכטן מענטשלעכע לעבנס.

אָבער מען קען ניט זאָגן, אַז עס איז קיינמאָל ניט געווען אין רוים קיין אָרנטלעכער מענטש, וואָס האָט געוואָלט איינפירן דאָרט גערעכטיקייט און ערלעכקייט. עס זיינען געווען אַזעלכע אויך, אָבער די פּאָליטישע מאַשין פון רוים האָט שוין געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אַזעלכע מענטשן. אַט דער גורל האָט געטראָפן די צוויי גראַטשי־ברידער, וועלכע האָבן זיך באַמיט אין סענאַט, אַז עס זאָל אָנגענומען ווערן אַ געזעץ פון ערד־רעפאָרם, דאָס הייסט, אַז מען זאָל געבן ערד צו די אָרעמע פּויערים און אַז דאָס זאָל מען אַוועקנעמען פון די רייכע לאַנד־באַזיצער. אָבער די געשיכטע איז ווערט צו דערציילן מיט מער איינצלהייטן, ווייל די צוויי ברידער זיינען געווען ממש די איינציקע צדיקים אין דעם סדום, וואָס האָט דאָס מאָל געהייסן רוים.

דאָס איז געווען אין יאָר 133 פאַר דער היינטיקער צייט־רעכענונג. אין אַט דעם יאָר האָט רוים פולשטענדיק באַזיגט שפּאַניע און עס אַנעקסירט אַלס פּראָווינץ פון איר אימפּעריע. אין דעם זעלבן יאָר האָט רוים אויך געהאַט געענדיקט איר מאַרש אין קליין־אַזיע און איינגענומען אַלע קליינע פעלקער, וואָס האָבן דאָרטן געלעבט. אָבער ווען די שמחה פון נצחון איז געווען פאַריבער, האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז דער נצחון איז ניט קיין פולקאָמער, ווייל די פּויערים וואָס מ'האָט צוגענומען פון די פעלדער, צו גיין אין די אַרמייען, וואָס רוים האָט אַרויסגעשיקט איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן איצט ניט געוואָלט גיין מער צוריק צו דעם אָרעמען לאַנד, וואָס זיי האָבן געהאַט איבערגעלאָזן און וועלכעס איז איצט פאַרוויסט. אויסער דעם איז פאַר די אומקערנדיקע פּויערים געוואָרן קלאָר, אַז ווען זיי זיינען אַוועק האָבן די אַריסטאָקראַטן פאַרכאַפּט די בעסטע שטיקער לאַנד, אַזוי אַז פאַרן אָרעמען פאָלק איז כמעט גאָר ניט געבליבן. רוים האָט איצט געדאַרפט האָבן אַ גרויסע ערד־רעפאָרם.

דערצו האָבן זיך גענומען די צוויי גראַטשי־ברידער (אָדער ווי מען רעדט אַרויס דעם נאָמען אין דייטש „גראַצכוס״) טיבעריוס און קאַיוס. טיבעריוס איז אויך געווען דער צענזאָר און האָט געהאַט אַ גרויסע מאַכט. אָבער די אַריסטאָקראַטן האָט דאָס ניט געשמעקט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער קאַמף קעגן טיבעריוסן אַז מען זאָל אים דורכוואַרפן ביי די וואַלן, אָבער ווען ער האָט דאָך, אין טאָג פון די וואַלן, געהאַלטן אין איין זיגן, האָבן די רייכע סענאַטאָרן ניט געוואַרט ביז דער ענדע, נאָר זיך אַרויפגעוואָרפן אין סענאַט אויף טיבעריוסן מיט שטעקנס און אים דערהרגעט. עס איז אויסגעבראָכן אַ קאַמף צווישן זיי און זיינע אָנהענגער און עס זיינען געפאַלן נאָך 300 פריינד פון טיבעריוסן. דער זעלבער גורל האָט אויך געטראָפן טיבעריוסעס ברודער, קאַיוס, מיט צען יאָר שפּעטער. אויך ער האָט געוואָלט איינפירן ערד־רעפאָרמען און דערצו אויך געבן גלייכע רעכט צו אַלע בירגער פון די איינגענומענע לענדער. די סענאַטאָרן האָבן געקעמפט קעגן אים און אין איין שיינעם טאָג האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אים און אים דערמאָרדעט. אויך דעמאָלט איז אויסגעבראָכן אַ קאַמף און עס זיינען געפאַלן נאָך 3,000 פון קאַיוסעס אָנהענגער.

* * *

אין רוים האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַ גאַנצע ריי פון קאַמפן און ברודער־מאָרדן. עס איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ לאָזונג אין לאַנד, אַז מען דאַרף האָבן איין הערשער. איינער וואָס זאָל פירן דאָס לאַנד מיט אַ שטאַר־קער האַנט.

באַלד האָט זיך געוויזן אויף דער סצענע איינער וואָס האָט געהאַט די פּרעטענזיע צו זיין דער הערשער פון רוים. דאָס איז געווען גאַיוס מאַריוס. מאַריוס איז געווען אַ זון פון אַ פּויער און אַלס אַזעלכער איז ער געשטאַנען אויף אַ נידעריקער מדרגה, אָבער ער האָט זיך אויס־געצייכנט דערמיט וואָס ער האָט געזיגט איבער אַ קליין לאַנד וואָס האָט געהייסן נומידיע. וועט איר פרעגן, וואָס פאַר אַ זיג איז דאָס געווען איבער אַ קליין לאַנד? מיט וואָס האָט דאָס אַזאַ באַדייטונג? — איז אָבער די מעשה אַזוי געווען:

אַט דאָס קליינע לאַנד נומידיאַ האָט געהאַט אַ קלוגן קעניג וואָס האָט געהייסן יוגורטין. דער דאָזיקער קעניג האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט קיין מעגלעכקייט צו קעמפן קעגן שטאַרקן רוים, האָט ער זיך גענומען צו איין זאַך, נעמלעך אונטערצוקויפן יעדן פעלד־מאַרשאַל, וואָס

רוים האָט אַרויסגעשיקט קעגן אים. ער האָט דערקלערט אַז אונטער־קויפן אַפּילו מיט גרויסע געלטער איין מענטשן, איז אַלץ נאָך ביליקער ווי צו פירן אַ מלחמה, אַפילו מיט אַ קליינער אַרמיי. איז דאָס אָנגעגאַנגען אַזוי יאָרן־לאַנג און אַלע מאָל איז דער פעלד־מאַרשאַל, וואָס מען האָט געשיקט קעגן נומידיא, געקומען צוריק און דערקלערט, אַז מען קען דאָס קליינע לאַנד ניט באַזיגן.

גאַיוס מאַריוס האָט זיך דערוואוסט דעם סוד פון די דורכפאַלן פון די פעלד־מאַרשאַלן פאַר די טויערן פון נומידיא, איז ער געקומען צום סענאַט און דערקלערט, אַז ער נעמט זיך אונטער צו באַזיגן דאָס לאַנד. מען האָט אים אָנגעטרויט אַן אַרמיי און אים געמאַכט פאַר פעלד־מאַרשאַל. ער האָט באַשלאָסן צו ווייזן וואָס ער קען טאָן און האָט זיך ניט געלאָזט מער אונטערקויפן פון קעניג פון נומידיא. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ער האָט געזיגט און דאָס לאַנד איינגענומען.

אַ ביסל שפּעטער האָט מאַריוס געהאַט נאָך אַ געלעגנהייט זיך אויסצוצייכענען. ער האָט פאַרטיידיקט רוים קעגן אַן אָנפאַל פון די דייטשע הונען און אַנדערע באַרבאַרן און האָט פאַרניכטעט זייערע באַנדעס און דערמיט באַפרייט רוים פון אַ גרויסער צרה וואָס האָט גע־לויערט אויף איר שוין פון פיל יאָרן.

אין יענער צייט איז אויפגעקומען נאָך אַ העלד פון מלחמה־פראָנטן. דאָס איז געווען לוציוס קאָרנעליוס סולאַ, וועלכער האָט געקראָגן אַ פיינע דערציאונג. סולאַ האָט געהאַט גרויסע קענטעניש און איז באַלד געשטיגן פון איין אַמט צום צווייטן. באַלד האָט זיך געמאַכט, אַז אַ געוויסע מלוכה אין קליין־אַזיע, פּאָנטוס, איז געוואָרן אַ געפאַר פאַר רוים, דערמיט וואָס איר קעניג מיטראַדאַטעס האָט אַרויסגעשיקט אַן אַרמיי, וועלכע האָט פאַרטריבן די רוימער פון פיל פּראָווינצן און די פּראָווינצן געוואָלט אַנעקסירן צו זיין קעניגרייך. דער רוימישער סענאַט האָט אַרויסגעשיקט אַהין סולאַן מיט אַן אַרמיי. ער האָט געזיגט איבער מיטראַדאַטעסן און אים געצוווּנגען צו קומען קיין רוים און אונטערגעבן זיך און באַצאָלן אַ גרויסע סומע געלט אַלס שטראָף. דאָס האָט געמאַכט סולאַן וויכטיק אין די אויגן פון די רוימער.

איצט האָבן די צוויי נייע באַרימטקייטן מאַריוס און סולאַ געוואָלט דערגרייכן צו ווערן די הערשער פון רוים.ביידע האָבן געהאַט אָנהענגער און ביידע האָבן געפירט אַ קאַמף צו ווערן אויסגעוויילט, אָבער ניט מיט רייד און פּראָפּאַגאַנדע, נאָר — מיט שווערדן.

עס איז געקומען צו אַ בירגער־קריג. דערווייל האָט זיך געמאַכט

אַז די לאַגע איז געוואָרן שלעכט אין קליין־אַזיע און סולאַ האָט געמוזט זיך לאָזן אַהין מיט אַן אַרמיי. דאָס האָט אויסגענוצט מאַריוס און געמאַכט אַ שחיטה אויף אַלע אַנהענגער פון סולאַ. ווער ווייס וויפל אומשולדיקע בירגער וואָלטן נאָך פאַרלוירן זייערע לעבנס ווען עס וואָלט ניט פּאַסירט, דאָס וואָס מאַריוס איז פּלוצלינג געשטאָרבן. שפּעטער, ווען סולאַ איז געקומען צוריק מיט זיין אַרמיי, האָט ער זיך אָפּגערעכנט מיט די אַנהענ־גער פון מאַריוסן, וועלכע האָבן פאַרניכטעט זיינע בעסטע סאָלדאַטן און — טויזנטער מענטשן, מאַריוסעס אַנהענגער, זיינען געפאַלן אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט.

סולאַ, וועלכער האָט געשטרעבט צו האָבן די גאַנצע מאַכט קאָנ־צענטרירט אין זיינע הענט, האָט פריער ניט גערוט ביז ער האָט געקראָגן פון סענאַט דעם טיטול „דער שטענדיקער דיקטאַטאָר״. ער האָט געקראָגן די רעכט צו הערשן איבערן לאַנד ביז עס וועט געשאַפן ווערן אַ נייע אָרדענונג. רוים איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ דיקטאַטור, אַ לאַנד וואָס ווערט אָנגעפירט פון איין מענטש, אָבער נאָך דריי יאָר פון הערשאַפט, האָט סולא אַליין זיך אָפּגעזאָגט פון דער מאַכט און איז אַוועק צו פירן אַ פּריוואַט לעבן אין זיין ווילאַ הינטער רוים. ער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע חדשים שפּעטער.

* * *

נאָכן טויט פון סולאַ האָבן זיך געפונען פיל אַנדערע געוועזענע פעלד־מאַרשאַלן וואָס האָבן געהאַט אַ חשק דערצו, באַזונדערס איינער וואָס האָט זיך גערופן קראַסוס. אַט דער קראַסוס האָט געטאָן איין זאַך: ער האָט אָפּגעקויפט דאָס פאַרמעגן פון די, וועלכע סולאַ האָט פאַרמשפּט צום טויט, דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַ חשד אויף זיי, אַז זיי זיינען געוועזן געטריי מאַריוסן. ער פלעגט אָפּקויפן אַזוי־אַרום הייזער און גיטער פאַר אַ שיבוש און איז געוואָרן שטיין־רייך. מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז דער רייכסטער מענטש אין רוים.

אין רוים איז געווען אַ ווערטל וואָס האָט געזאָגט: „פּעקוניא נאָן אָלעט״, דאָס מיינט: דאָס געלט שטינקט ניט. עס מאַכט ניט אויס פון וואַנען איינער האָט עס גענומען אָדער ווי אַזוי ער איז געקומען דערצו. דאָס וויכטיקסטע איז — צו האָבן עס. קראַסוס האָט עס טאַקע געהאַט. אָבער מיט זיין גאַנצער רייכקייט האָט ער ניט געקענט ביישטיין די קאָנ־קורענץ וואָס עס איז אויסגעבראָכן קעגן אים פון דעם פעלד־מאַרשאַל פּאָמפּעי.

פּאָמפּעי איז גאָר יונג אריין אין סולאַס אַרמיי און ווען סולאַ איז געשטאָרבן, איז ער געוואָרן דער הויפּט־קאָמאַנדיר. ער האָט באַלד געהאַט צו ווייזן פּאַרדינסטן אויך, נעמלעך, ער האָט אונטערגעדריקט די אויפ־שטענדלער אין שפּאַניע און אין אַפריקע. ער האָט אויך „באַרואיקט" אַרמעניע, קאַפּאַדאַציאַ, פּאַלעסטינע, סיריע, פּאַנטוס, אראביע, פעניציע און פיל אַנדערע לענדער וואָס האָבן זיך געבונטעוועט קעגן רוים און ער איז נאָך אַ גאַנצע ריי פון זיגן געקומען אַהיים, קיין רוים, מיט אַ מתנה פאַר דער רעגירונגס־קאַסע פון 40 מיליאָן טאָלער אין גאָלד.

קראַסוס מיט זיין גאַנץ עשירות האָט ניט געהאַט מער קיין שאַנס. אָבער ער האָט דאָך געקעמפט קעגן פּאָמפּעי דורך אָפּקויפן פיל מענטשן מיט געלט, וואָס עס האָט אים ניט געפעלט. עס וואָלט זיכער געקומען צו אַ נייעם בירגער־קריג, אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט אַ דריטער כוח — דאָס איז געווען דער פעלד־מאַרשאַל יוליוס צעזאַר, וועלכער האָט זיך געטראַכט: ניט דו, קראַסוס, וועסט זיין דער הערשער פון רוים און ניט דו, פּאָמפּעי. איך, יוליוס צעזאַר, וועל עס זיין.

20. יוליוס צעזאַר, וועלכער האָט געוואָלט ווערן אַ גאָט

ער האָט אָנגעהויבן אַלס אָרעם יינגל און איז געשטיגן ביז ער איז געוואָרן דער הויפט־פריסטער פון יופיטער. — ער שאַפט דעם ערשטן טריאומוויראַט צו הערשן איבער רוים. — ווי אַזוי ער נעמט ביס־לעכווייז אַריין די גאַנצע מאַכט אין זיינע הענט. — זיינע מערדערישע טאַטן און רויב־אַקציעס אין גאַנץ אייראָפּע. — ער קומט קיין עגיפטן צו פאַרכאַפן דאָס לאַנד, אָבער די קעניגין קלעאָפּאַטראַ באַזיגט אים מיט איר חן.

עס איז אַ וואונדער וואָס עס איז שווער צו פאַרשטיין: ווי אַזוי האָבן די רוימער, וואָס האָבן פאַרבראַכט זייער גאַנצע צייט מיט קעמפן איינער קעגן אַנדערן, געהאַט נאָך צייט איינצונעמען די וועלט. זינט רוים איז געבוירן געוואָרן איז די שטאָט געווען די סצענע פון ברודער־מאָרדן אין אירע טויערן. די רוימער האָבן טאַקע אַרויסגעשיקט גרויסע ארמייען צו פאַרשקלאַפן אַלע לענדער פון דער וועלט, אָבער די קאַמפן אין רוים גופא האָבן קיינמאָל ניט אויפגעהערט, ווייל — די וואָס זיינען ניט אַוועק מיט די אַרמייען און זיינען געבליבן אין שטאָט, האָבן געפירט מלחמות צווישן זיך.

אָבער עס זענען אויך געווען פאַלן, ווען אַ קלוגער פאָליטיקער, וואָס האָט געוואָלט פאַרכאַפן די מאַכט, האָט אויסגענוצט די דאָזיקע כאַאָס־לאַגע פאַר זיך אַליין. ווען אַזאַ איינער האָט געזען, אַז ער אַליין וועט ניט קענען זיגן און אַז עס זיינען דאָ צוויי צי דריי שטאַרקע קאַנדידאַטן, וואָס פירן אָן אַ קאַמף צו געווינען די מאַכט, האָט ער זיי געמאַכט אַ פאַרשלאַג צו הערשן צוזאַמען. דער הינטער־געדאַנק איז דערביי געווען: לאָמיך נאָר אַריין! לאָמיך נאָר קריגן די מאַכט אין מיינע הענט! לאָמיך נאָר ווערן אַ הערשער אפילו מיט נאָך איינעם בשותפות צי אַפילו מיט נאָך צוויי. איך וועל מיר שוין שפעטער אַן עצה געבן. איך וועל סוף כל סוף האָבן די מאַכט אין מיינע הענט אַליין, איך וועל זיין דער קעניג, דער הערשער!

אָט דאָס האָט צום ערשטן אַזוי פאַרטראַכט איינער, וואָס האָט זייער שטאַרק געוואָלט קומען צו דער מאַכט. אַ זייער ענערגישער, פע־איקער און קלוגער רוימער, זיין נאָמען איז געווען — יוליוס צעזאַר. זעענדיק, אַז ער קען ניט זיגן קעגן דעם שטיין־רייכן קראַסוס און קעגן דעם פעלד־מאַרשאַל פאָמפעי, האָט ער זיך געווענדעט צו זיי מיט אַ פאַרשלאַג:

— לאָמיר אַלע צוזאַמען הערשן! לאָמיר שאַפן אַ טריאומוויראַט!

זיי, קראסוס און פּאָמפּעי, וועלכע זיינען געווען ניט ווייניקער להוט אַריינצוכאַפּן די מאַכט אין זייערע הענט, ווי דער יונגער יוליוס צעזאַר — האָבן דערצו מסכים געווען.

אַזוי אַרום איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער טריאומוויראַט פון רוים. אַ פאַראייניקונג פון דריי גזלנים און רוצחים צו רויבן און מאָרדן די אומשולדיקע מענטשן פון גאַר דער וועלט.

* * *

יוליוס צעזאַר איז, ווי געזאָגט, געווען דער יינגסטער פון זיי אַלע, אָבער דער כיטרעסטער פון זיי. מיט אים איז געשען אַזאַ זאַך: אַלס יינגל איז ער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פּיראַטן (ים־רויבער), וועלכע האָבן אים געמאַכט פאַר אַ שקלאַף, צו באַדינען זיי. ער האָט אָבער זיי באַקעמפט דערמיט, וואָס ער האָט פאַר זיי פאַרגעלייענט, כסדר, לידער וואָס ער האָט פאַרפאַסט. אין די לידער האָט ער געשילדערט פאַר זיי, אין אַ שפּאַסיקן טאָן, ווי ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט זיי ווען ער וועט באַפרייט ווערן. ער וועט קומען מיט אַ גרויסער אַרמיי און זיי אַלע פאַרניכטן. די פּיראַטן האָבן געלאַכט פון די ווילדע פאַנטאַזיעס פון דעם יינגל וואָס באַדינט זיי. ענדלעך האָבן זיי אים באַפרייט.

יוליוס צעזאַר האָט גאַנץ ערנסט איצט געטראַכט פון אָפּרעכענען זיך מיט די באַנדיטן, אָבער ער האָט געוואָלט פריער אַריינקריגן די מאַכט אין די הענט. צום ערשטן האָט ער זיך געלאָזט אויפן וועג פון ווערן אַ גייסטלעכער. ער האָט זיך גענומען שטופּן צום אויבנאָן אין דער קירך און מיט ערלעכע און ניט־ערלעכע מיטלען, טיילווייז מיט אונטער־קויפן געוויסע מענטשן און טיילווייז אויך מיט אַ קלאַפּ איבער אַ שוואַכערן, האָט ער זיך דערשלאָגן צו ווערן אַ פּריסטער אין דער קירך.

שוין דעמאָלט זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נביאות געזאָגט, אַז אָט דער מאַן האָט גרויסע אַמביציעס און רייסט זיך צו ווערן דער פירער פון לאַנד. איינער פון די וואָס האָבן דאָס אַזוי פאַראויסגעזען, איז געווען דער גרויסער אָראַטאָר ציצעראָ. אָבער יוליוס צעזאַר האָט געהאַט אַ פּלאַן און האָט געמאַכט זיינע שריט זייער פאָרזיכטיק.

צום ערשטן — שטייגן ביז ער וועט ווערן דער הויפּט פון אַלע פּריסטער צו יופּיטער. דער „כהן גדול" פון אַלע גייסטלעכע. דער וועג איז לייכטער ווי צו גיין מיט דער אַרמיי. און אָט דאָס האָט ער געטאָן. אָבער אויך די געטין ווענוס דאַרף מען ניט פאַרלאָזן און ער האָט אויך

איר געדינט, דורך פאַרפירן יונגע מיידלעך. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ער האָט געקראָגן אַ נאָמען אַלס אַ „גרויסער ליבהאָבער״ און פרויען האָבן זיך געריסן צו אים. ווען עס איז אַריבער אַ שטיקל צייט, האָבן שוין פיל פרויען גערעדט וועגן אים אַלס זייער ליבהאָבער. אין רוים האָט מען אים גערופן „אמניום מולעריום וויר״ (יעדער פרוים מאַן). דערביי איז ער געווען אַזאַ צדיק אין פעלק, אַז ווען ער איז געוואויר געוואָרן, אַז זיינער אַ פריינד האָט געפלירטעווועט מיט זיין פרוי, האָט ער זי דערפאַר אָפּגעגט.

יוליוס צעזאַר האָט אויך געוואוסט ווי אַזוי צו מאַניפּולירן אַריינ־צוקריגן געלטער. ער אַליין איז אין אָנהויב פון זיין קאַריערע געווען אַן אָרעמאַן, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז עס איז גוט צו חברן זיך נאָר מיט רייכע. נעבן אַ שווערן וואָגן איז גוט צו־פוס צו גיין — זאָגט אַ יידיש ווערטל. צעזאַר האָט אויף אַזאַ אופן זיך געחברט מיט אַזאַ מענטש ווי קראַסוס און אַנדערע ביי וועלכע ער האָט געכאַפּט אָפּט גמילות חסדים, וואָס ער האָט פאַרגעסן צוריקצוצאָלן. דערביי האָט ער כסדר זיך גע־וואָרפן מיט געלט און אונטערגעקויפט מענטשן צו זיין זיינע פריינד. ער האָט אָבער ניט אויסגעגעבן דערויף זיין אייגן געלט, נאָר פרעמדס און ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צו מאַכן אַנדערע עפּענען זייערע טייס־טערס פאַר אים און צו געבן אים וויפל ער האָט געוואָלט, פונקט אַזוי ווי ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צו מאַכן, אַז די פרויען זאָלן זיך אונטער־געבן אים. ער האָט סיי די רייכע און סיי די פרויען דערביי נאָך געטאָן אַ טובה...

* * *

ווען צעזאַר, פּאָמפּעי און קראַסוס האָבן געגרינדעט דעם ערשטן טריאומוויראַט, האָבן זיי איינגעטיילט די וועלט צווישן זיך אין דריי טיילן. יוליוס צעזאַר האָט גענומען שפּאַניע, קראַסוס — אַזיע און פּאָמפּעי — רוים און די אַרומיקע לענדער.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפשטאַנד אין אַ לאַנד פון קליין־אַזיע און קראַסוס איז אַוועק אַהין מיט זיין אַרמיי. אין איינער פון די שלאַכטן איז ער געפאַלן. יוליוס צעזאַר און פּאָמפּעי זיינען דערפון געווען ניט אומצופרידן. זיי זיינען איצט געבליבן צוויי. איצט האָט יעדער איינער פון זיי געטראַכט ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אַנדערן.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער אויפשטאַנד אין שפּאַניע און יוליוס צעזאַר האָט געדאַרפט פאָרן אַהין מיט אַ גרויסער אַרמיי, צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד, אָבער ער האָט מורא געהאַט אַז ווען ער

וועט זיין אַוועק פון רוים וועט פּאָמפּעי זיך דערקלערן פאַר דעם איינציקן הערשער און ער וועט ניט האָבן נאָך וואָס צוריקצוקומען. אַזוי ווי ער איז געווען זייער כיטרע, האָט ער באַשלאָסן צו ווייזן פּאָמפּעיִן, צוערשט, אַז ער איז זיין בעסטער פריינד און אַלס אַ צייכן האָט ער אים געגעבן זיין יונגע טאָכטער פאַר אַ ווייב. דאָס יונגע מיידל, יוליאַ, האָט איצט געקראָגן אַן אָנווייזונג פון איר פאָטער, אַז זי זאָל כסדר וויסן וואָס פּאָמפּעי טראַכט און וואָס עס זיינען זיינע פּלענער און אויב זי וועט זען, אַז ער האָט בדעה צו פאַרכאַפּן די מאַכט, זאָל זי דאָס אים, איר פאָטער, באַלד מיט־טיילן. אַזוי אַרום האָט זיך יוליוס צעזאַר פאַרזיכערט, אַז ער וועט ניט פאַרלירן דאָס בענקל, ווען ער וועט זיין אַוועק אין שפּאַניע.

יוליוס צעזאַר האָט זיך איצט אַרויסגעלאָזט מיט אַ גרויסער אַרמיי קיין שפּאַניע און האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד. ווען אין שפּאַניע איז שוין געווען שטיל, איז ער אַריבער די פּירענעען־בערג קיין גאַול (דאָס אַמאָליקע פראַנקרייך) און דאָרטן איינגענומען אַ שטאָט נאָך אַ שטאָט און אָנגעזאַמלט פיל רויב.

אָבער דאָ האָט ער זיך אויך ניט אָפּגעשטעלט. יוליוס צעזאַר איז איצט געקומען קיין נאָרמאַנדיע און פון דאָרטן איז ער אַריבער קיין ענגלאַנד.

ענגלאַנד איז דעמאָלט נאָך געווען אַן אומבאַקאַנט לאַנד. מען האָט גערעדט דערפון אין רוים ווי וועגן אַ לעגענדע. פיל האָבן געגלויבט, אַז דאָרטן איז די ענדע פון דער וועלט. דעריבער, ווען יוליוס צעזאַר האָט געזאָגט צו זיין אַרמיי, אַז איצט וועט מען גיין אויף ענגלאַנד, האָבן זיי זייערע אויערן ניט געגלויבט, אַז עס איז דאָ טאַקע אַזאַ לאַנד, וואָס צעזאַר וויל איינעמען.

אָבער די רייזע קיין ענגלאַנד האָט זיך ניט געלוינט. ווי פּלוטאַרך דערציילט האָט יוליוס צעזאַר בלויז דאָרטן געקענט מאָרדן, אָבער גאָר ניט רויבן, ווייל די איינוואוינער פון יענעם אינדזל זיינען געווען זייער אָרעם און כמעט גאָרניט געהאַט. עס איז ממש ניט געווען וואָס צו רויבן און עס איז ניט געווען ווערט די מי.

יוליוס צעזאַר איז איצט צוריקגעקומען קיין גאַול, (פראַנקרייך), וואו עס איז געווען שוין אַ מער רייכערע באַפעלקערונג. פאַר צען יאָר צייט האָט יוליוס צעזאַר גערויבט די באַפעלקערונג. כמעט אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט האָט ער צוגענומען, טויטנדיק דערביי אין די טויזנטער אַלע די וואָס האָבן זיך אַנטקעגן געשטעלט און אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן קיין ווידערשטאַנד ניט אַרויסגעוויזן. ער האָט איצט געהערשט

איבער דער גאַנצער געגנט, און אויך גערויבט אַלדאָס גוטס פון די בעלגיער, די ערשטע האָלענדער און די דייטשן. פּלוטאַרך שילדערט אַזוי יענע עפּאָכע אין צעזאַרס לעבן:

„אין ווייניקער פון צען יאָר האָט ער, יוליוס צעזאַר, איינגענומען מער ווי 800 שטעט. ער האָט פאַרניכטעט און צעשטערט פיל לענדער און פון דריי מיליאָן מענטשן, וואָס האָבן באַוואוינט יענע געגנט, האָט ער אומגעבראַכט צום ווייניקסטן איין מיליאָן מענטשן און גענומען געפאַנגען אַ צווייטן מיליאָן״.

* * *

אין דער צייט ווען יוליוס צעזאַר האָט געמאָרדעט און געראַבעוועט אין גאַנץ איראָפּע, האָט פּאָמפּעי געוואָלט מאַכן אים, יוליוס צעזאַרן פאַר אויס קאַפּעליוש־מאַכער. ער האָט כסדר אָפּגעלאַכט פון אים און געמאַכט אים צו קליין־געלט. נאָכדעם ווי זיין ווייב, יוליאַ, איז געשטאָרבן אין קינפּעט, האָט פּאָמפּעי שוין אינגאַנצן געוואָלט אָפּשאַפן די הערשאַפט פון צעזאַרן. ער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן פאַרבערייטונגען אַז מען זאָל אים אויסרופן פאַר דעם איינציקן דיקטאַטאָר פון רוים. ווען יוליוס צעזאַר האָט זיך דערוואוסט דערפון, איז ער געלאָפן אַהיים און איז אַריין מיט אַ גרויסער אַרמיי אין רוים.

אָבער ווי נאָר יוליוס צעזאַר איז אַריין אין רוים, איז פּאָמפּעי אַנטלאָפן. אַזוי האָבן אויך געטאָן אַלע סענאַטאָרן, וועלכע האָבן געהאַט צוגעגרייט דעם בונט קעגן צעזאַרן צוזאַמען מיט פּאָמפּעיִן. צעזאַר איז אַריין אין שטאָט און האָט דערקלערט, אַז פּאָמפּעי האָט פאַרראַטן די באַפעלקערונג און אַז די שטאָט געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון אַנאַרכיע. צוליב דעם דערקלערט ער זיך אַליין פאַר דיקטאַטאָר. ער האָט דאַן אויסגעבראָכן די טיר פון דער מלוכה־קאַסע און אַרויסגענומען פון דאָרטן וויפל ער האָט נאָר געוואָלט.

פאַרשטייט זיך, אַז איצט האָט ער געדאַרפט האַלטן אַ רעדע צו די בירגער פון רוים, צו דערקלערן זיי, אַז דאָס אַלץ טוט ער נאָר פאַר זיי און צוליב זיי. און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. יוליוס צעזאַר האָט געקענט די מלאכה פון אָראַטאָריע. ער האָט גערעדט צום עולם און זיי באַוויזן, אַז אַלץ וואָס ער טוט איז נאָר פאַר זייערטוועגן, אָבער דערביי האָט ער אָנגעזאָגט אַלע, אַז זיי זאָלן וויסן, אַז ער איז דער דיקטאַטאָר, ער אַליין קען זאָגן, וואָס יאָ און וואָס ניט און אויב עמיצער וועט זיך אים אַנטקעגנשטעלן, וועט ער אים מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער.

איצט, אַז ער האָט שוין איינגענומען רוים, האָט ער איבערגעלאָזט אַ טייל פון זיין אַרמיי אין שטאָט צו האַלטן אַן אויג אויף אַלעם און אַליין האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט מיט אַ צווייטן טייל פון דער אַרמיי צו פאַרפאָלגן און כאַפּן זיין געוועזענעם איידעם, פּאָמפּעי. דאָס יאָגן זיך גיך נאָך זיין שונא, איז געווען אַן אַמתער אַקט פון משוגעת, ווייל ער האָט די סאָלדאָטן ניט געגעבן קיין געלעגנהייט צו רוען אַפילו איין נאַכט. ער איז געלאָפן ווי פון אַ טייוול געיאָגט, אַן אויפהער, טאָג און נאַכט, ביז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז פּאָמפּעי געפינט זיך אין אַ שטעטל ווייט אין צפון־טייל פון גריכנלאַנד. פּאָמפּעי איז דאָרטן געווען מיט אַ קליינער אַרמיי. צעזאַר האָט באַלד צעקלאַפּט זיין אַרמיי, אַזוי אַז פון איר איז קיין שפור ניט געבליבן, פּאָמפּעי אַליין איז אַנטלאָפן קיין עגיפּטן.

צעזאַר האָט זיך איצט אויך ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט שוין גוט געוואוסט, אַז דער שונא פּאָמפּעי איז ניט מער שעדלעך פאַר אים. ער קען אים שוין גאָרניט טאָן. אָבער, ניין, ער האָט ניט געוואָלט פריער רוען ביז ער וועט זען פּאָמפּעיס קאָפּ וואַלגערן זיך אויף דער ערד. ער האָט ניט געהאַלטן דאָס פאַר קיין סוד. אין בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו זיין אַמבאַסאַדאָר אין קאַירא און אויך צו זיינע פריינד אין עגיפּטן, האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער וועט ניט רוען פריער ביז ער וועט דאָס אויספירן. ווען זיינע פריינד האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז ער קומט אָן מיט אַ שיף, האָבן זיי באַשלאָסן אונטערצוטראָגן אים אַ מתנה — דאָס וואָס ער וויל. זיי האָבן געכאַפּט פּאָמפּעיען, אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און אים אַרויפ־געזעצט אויף אַ שטאַנג נעבן פּאָרט. ווען יוליוס צעזאַר איז אַראָפּ פון דער שיף, האָט ער גלייך געזען דעם קאָפּ פון זיין שונא און ער האָט זיך באַרואיקט. ער האָט איצט געוואוסט, אַז זיין הערשאַפט און רויב איז באַרואיקט. ער האָט איצט געוואוסט, אַז זיין הערשאַפט אין רוים איז דער דיקטאַטאָר, הערשער און טיראַן פון רוים.

אָבער יוליוס צעזאַרס קומען קיין עגיפּטן, האָט שטאַרק באַאומ־רואיקט די דאָרטיקע קעניגין קלעאָפּאַטראַ וועלכע האָט שטאַרק מורא גע־האַט פאַר רוימס חשק איינצונעמען איר לאַנד אַלס אַ טייל פון דער רוי־מישער אימפּעריע. אין אמתן איז דאָס ווירקלעך געווען איינע פון די פּלענער פון צעזאַרן, באַלד נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן דיקטאַטאָר. ער האָט איצט געשאַרפט זיין אויג אויף אַ גאַנצער ריי לענדער אין דער וועלט, וועלכע זיינען נאָך ניט געווען אונטערטעניק צו רוים. אין די פּלענער האָט עגיפּטן פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ.

די קעניגין פון עגיפּטן האָט אָבער געוואוסט, אַז קיין גרויסע

אַרמיי קען זי קעגן צעזאַרן ניט אַרויסשטעלן. זי האָט ניט אַפילו קיין מעגלעכקייט צו קעמפן קעגן אים אַ חודש צייט. האָט זי באַשלאָסן, אַז דאָס בעסטע וועט זיין, איינצונעמען אים, אָט דעם גרויסן מלחמה־העלד און דיקטאַטאָר פון דער רוימישער אימפּעריע מיט איר שיינקייט און חן, מיט איר ווייבערשן צויבער און ליבע־לוסט. זי וועט יעדנפאַלס פּרובירן, אפשר וועט עס געלינגען. זי, די קעניגין, וועלכע איז באַוואוסט אַלס די גרעסטע שיינקייט פון עגיפּטן, און ווי אַנדערע זאָגן — אויך פון דער וועלט, וועלכע האָט שוין פיל מענערישע הערצער געפאַנגען און זיי געלאָזט צאַפּלען אין דערוואַרטונג און אייניקע אפילו אַזוי אַנטוישט, אַז זיי זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, זי וועט איצט אויך פּרובירן איר חן־כישוף אויף דעם גרויסן העלד פון רוים. און אַזוי האָט זי געטאָן.

יוליוס צעזאַר און קלעאָפּאַטראַ

אַ טייל געשיכטע־שרייבער האָבן געשילדערט יוליוס צעזאַר אַלס אַ גרויסן קריגס־העלד און נאָך מער אַלס אַ גרויסן שטאַטסמאַן. דערביי האָבן זיי בכיוון פאַרקוקט דעם אמת וועגן די פאַקטן וואָס ריידן קעגן דעם. אַזוי האָבן זיי פאַרשוויגן די בלוטיקע מלחמות וואָס ער האָט געפירט אפילו דאָרטן, וואו די באַפעלקערונג האָט זיך שוין געהאַט אונטערגעגעבן. זיי דערמאָנען אויך ניט, אַז ער האָט גערופן צו ברודער־מאָרדן אין רוים גופא און אַז ניט ווייניקער ווי 160.000 מענטשן זיינען געפאַלן פון די שווערדן פון זיינע הענקער פאַר ארויסריידן אַ וואָרט קעגן אים.

צעזאַר אַליין איז געווען אַן עפּילעפּטיקער. ער האָט געהאַט אָפט עפּילעפּטישע אָנפאַלן און טיילמאָל אויך אָנפאַלן פון משוגעת. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט ער באַפוילן אומצוברענגען יעדן איינעם אויף וועלכן ער האָט געהאַט דעם מינדסטן חשד. צעזאַר האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז גאָט, כאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ניט נאָר ווילן די רוימער אים ניט אָנערקענען אַלס אַ גאָט, נאָר אַלס אַ קעניג אויך ניט. דאָך האָט ער געהייסן, אַז מען זאָל אויסבויען פאַר אים אַ טעמפּל און אַוועקשטעלן דאָרטן זיין סטאַטוע און אַז מען זאָל באַשטימען אַ הויכן פּריסטער מיט קלענערע פּריסטער וואָס זאָלן בעטן און דינען צו אים. אין די פייערלעכע טעג, ווען מען האָט געבראַכט קרבנות צום גאָט יופּיטער, האָט ער געהייסן אַז מען זאָל אויך ברענגען קרבנות צו אים, צום גאָט יוליוס צעזאַר. ער האָט אויך דערקלערט, אַז יעדער איינער וואָס שווערט אין נאָמען פון גאָט יוליוס צעזאַר איז עס אַ הייליקע שבועה, פּונקט אַזוי ווי אין נאָמען פון גאָט יופּיטער. ער האָט אויך געהייסן טראָגן זיין פּאָרטרעט ביי די רע־

ליגיעזע דעמאָנסטראַציעס און מאַניפעסטאַציעס צוזאַמען מיט די געטער יופיטער, וועגוס און אַלע אַנדערע. ער האָט אַלץ געטאָן כדי צו ווערן אַ גאָט, אָבער ער איז געוואָרן גאָר — — נאָר לאָמיר איצט גיין מיטן גאַנג פון דער געשיכטע און זען וואָס זי דערציילט אונדז.

* * *

ווען יוליוס צעזאַר איז געקומען קיין עגיפּטן האָט זיין אַרמיי געהאַט אַ באַפעל איינצונעמען דאָס לאַנד אין פאַרלויף פון זיבן טעג. קלעאָפּאַטראַ האָט געוואוסט פון דעם באַפעל און האָט באַשלאָסן צו לאָזן נעמען אין געפאַנגענשאַפט בלויז איין מענטש כדי צו ראַטעווען די בירגער פון איר לאַנד. דער דאָזיקער מענטש איז געווען זי אַליין. און אפשר, האָט זי געטראַכט, וועט זי גאָר ניט ווערן געפאַנגען פון אים, נאָר ער וועט ווערן געפאַנגען פון איר...

קלעאָפּאַטראַ, די עגיפּטישע קעניגין, איז דעמאָלט אַלט געווען ניט מער ווי 21 יאָר, אָבער קלוג איז זי געווען פיל מער ווי דער 54־יעריקער פעלדהעררישער גענעראַל יוליוס צעזאַר, און שיין איז זי געווען ווי אַ געטין. אַזוי ווערט זי געשילדערט אומעטום, איבערהויפּט אַלס די שענסטע פרוי פון עגיפּטן...

צעזאַר האָט טאַקע געהאַט בדעה צו פאַרפירן אַ קריג קעגן עגיפּטן, ווייל דאָס האָט אים אַזוי געפּאַסט פאַר זיינע בירגער אין רוים. ער האָט געדאַרפט זיין דער וואָס זיגט איבער לענדער און פעלקער, דערונטער אויך עגיפּטן, אָבער קלעאָפּאַטראַ האָט אַנדערש געטראַכט. זי האָט צו אים געזאָגט: — צו וואָס דאַרפסטו פאַרפירן אַ קריג, אַז איך, די קעניגין, בין דיינע? ווען איך גיב דיר איבער מיין לאַנד אָן קאַמף און אָן באַדינגונגען?

קלעאָפּאַטראַ איז געווען קלוג. זי האָט מיט די ווערטער אויסגעמיטן אַ קאַמף אין די טויערן פון איר לאַנד, אָבער געטראַכט האָט זי זיך דערביי: זאָל דער גענעראַל דענקען אַזוי! זאָל ער מיינען, אַז ער האָט באַזיגט עגיפּטן... אין אמתן אָבער, וועט ער אַליין זיין באַלד באַזיגט און וועט מוזן טאָן אַלץ וואָס איך וויל...

און אַזוי איז טאַקע געווען.

די לאַגע איז דעמאָלט געווען אַזעלכע: יוליוס צעזאַר האָט טאַקע באַזיגט זיין שונא פּאָמפּעי און איז געבליבן אַליין אויפן טראָן. אָבער ער האָט ניט געקענט אַזוי גיך באַזיגן די אָנהענגער פון פּאָמפּעיִן, וועלכע זיינען געווען אין די טויזנטער און זיי האָבן ניט גערוט. די קעגנער

האָבן געהאַט אַ גוט געווער אין זייערע הענט, נעמלעך, אַנצוהויבן אומרועז, ניט אין רוים גופא, נאָר אין אַן אַנדער לאַנד, אָדער אין עטלעכע לענדער מיט אַמאָל, אַזוי אַז יוליוס צעזאַר זאָל זיך ניט קענען קיין עצה געבן, ער זאָל דאַרפן לויפן דאָ און דאָרטן און זאָל האָבן צרות איבערן קאָפּ.

אָבער דערווייל איז צעזאַר געווען אין עגיפּטן, ער האָט איינגענומען דאָס לאַנד; אַחוץ דעם, אַזאַ פּערזענלעך גליק, די גרויסע שיינהייט, די קעניגין פון עגיפּטן. דאָס פּראַכטפולע מיידל פון 21 יאָר, גיט זיך אים איבער מיט אַזוי פיל ליבע און צויבער, מיט אַ רייזע אויפן ניל אין איר קעניגלעכער יאַכט... זי וויל נאָר בלויז איין טובה. עס האַנדלט זיך וועגן איר רעכט אויפן טראָן. נאָכן טויט פון איר פאָטער, דעם קעניג פון עגיפּטן, זיינען געבליבן דריי קינדער, אַ זון און צוויי טעכטער. דער זון וויל זיין דער קעניג. זי וויל זיין די קעניגין, און דאָס וויל אויך איר שוועסטער אַרסינאָע. אָבער זי דענקט, אַז איר, קלעאָפּאַטראַ, קומט די מלוכה, ווייל זי ווייסט בעסער ווי צו פירן דאָס לאַנד, ווי איר ברודער און ווי איר שוועסטער. צעזאַר האָט באַלד נאָך דער ערשטער נאַכט וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט קלעאָפּאַטראַ דערקלערט עפנטלעך, אַז קלעאָפּאַטראַ איז די קעניגין פון עגיפּטן.

צעזאַר איז טאַקע געווען דער כיטרעסטער מענטש אין רוים, אָבער קלעאָפּאַטראַ איז געווען די קליגסטע פרוי אין דער וועלט. זי האָט זיך געטראַכט, אַז איידער צו זיין געפאַנגען פון צעזאַרן וועט זי בעסער פאַנגען צעזאַרן און וועט ווערן די קעניגין פון רוים. זי האָט אויך פאַר־שטאַנען, אַז וואָס מער אומרועז עס וועלן זיין אין דער רוימישער אימ־פּעריע, איז אַלץ בעסער פאַר איר. זי האָט דעריבער אים געהאַלטן נאָענט צו זיך און אים ניט געלאָזט אַוועקפאָרן אַהיים אָדער אין די אַנדערע לענדער כדי איינצושטילן די אומרועז. זי האָט אים צוגעטיילט פאַרגעניגנס אַזוי עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד. זי איז געוואָרן פון אים שוואַנגער, און דאָס האָט אים געמאַכט נאָך מער צוגעבונדן צו איר, ביז ער האָט אין אַ מאָמענט פון גרויסער ליבע צוגעזאָגט, אַז ער וועט אָפּגטן זיין ווייב, די קעניגין קאַלפירניא, און חתונה האָבן מיט איר. ער וועט שיקן נאָך איר און זי ברענגען צו זיך אין אַ גאָלדענער קאַרעטע אַלס די קעניגין פון רוים און זיי וועלן ביידע הערשן איבער רוים, איבער עגיפּטן און איבער דער גאַנצער וועלט.

דערווייל האָט צעזאַר געקראָגן בריוו פון דער היים, אַז אומרועז זענען אויסגעבראָכן אין אַ סך לענדער און אַז ער מוז גיך קומען צוריק. עס איז אים געווען שווער אָפּצורייסן זיך פון דער שיינער קלעאָפּאַטראַ,

אָבער ער האָט עס געמוזט טאָן, ווייל עס האָט געקענט זיין אַ געפאַר פאַר זיין גאַנץ לעבן, אויב ער קומט ניט באַלד צוריק. צעזאַר האָט צוריק אָנגעטאָן זיינע סאָלדאַטסקע קליידער און געלאָזט זיך אין וועג אַריין, אָבער קלעאָפּאַטראַ האָט פון אים אַרויסגעקראָגן אַ שבועה, אַז ער וועט שיקן נאָך איר ווי נאָר דאָס קינד וועט קומען אויף דער וועלט.

צעזאַר האָט אָבער ניט געהאַט מיט וואָס צו קומען קיין רוים. ער האָט געוואָלט קומען צוריק אַלס קריגס־העלד. אָבער וועלכע זיגן האָט ער דאָס געהאַט? איבער איין פּרוי פון עגיפּטן, וואָס עס איז נאָך אין ספק ווער עס האָט וועמען באַזיגט? ער האָט זיך דעריבער אַ לאָז געטאָן צו אַ קליין לאַנד, פּאָנטוס, וואו עס זענען פאָרגעקומען אומרוען, און עס אונטערדריקט. איצט האָט ער געקענט שיקן אַ בריוו קיין רוים מיט די דריי ווערטער ווי עס פּאַסט פאַר אַ גאָט — ניט צו ריידן צופיל: „ווענִי,ווידִי, וויצִי" (געקומען, געזען און געזיגט). ער איז איצט געווען שוין גרייט אַריינצופאָרן קיין רוים און צו קריגן דאָרטן אַן אויפנאַמע פון אַ קריגס־העלד.

* * *

יוליוס צעזאַר האָט געהאַט פריינד אין רוים, און אָט די פריינד האָבן שוין געזען, אַז ער זאָל קריגן אַ קעניגלעכע אויפנאַמע. צעזאַר האָט אויסגענוצט די פייערלעכע שטימונג צו דערקלערן זיך אַלס דיקטאַטאָר פאַר צען יאָר. ער האָט באַלד געשיקט נאָך קלעאָפּאַטראַ, וועלכע איז געקומען צו פאָרן מיט איר קינד, וועלכעס זי האָט גערופן „צעזאַריאָן" (קליינער צעזאַר) און האָט אויך מיטגעבראַכט מיט זיך איר שוועסטער אַרסינאָע, ניט אַלס שוועסטער, נאָר אַלס געפאַנגענע, און האָט איבער־געלאָזן פאַר צעזאַרן צו טאָן מיט איר וואָס ער וויל. צעזאַר האָט פאַר־שטאַנען דעם וואונק און געהייסן איר אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ. קלעאָפּאַטראַ איז איצט שוין געווען רואיק.

צעזאַר האָט איצט איינגעאָרדנט קלעאָפּאַטראַן אין אַ גרויסן פּאַלאַץ, וואָס ער האָט אויסגעבויט פאַר איר אויף דער אַנדערער זייט פון טייך טיבער. ער האָט אָבער ניט געהאַלטן וואָרט אָפּצוגטן זיין ווייב קאַלפּירניאַ, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דאָס וועט ניט טויגן פאַר אים. אָבער ער האָט דאָך גענומען מאַכן שריט צו ווערן אַנערקענט אַלס דער קעניג און קלעאָפּאַטראַ אַלס די קעניגין פון רוים. און נאָך מער — צו ווערן אַנער־קענט אַלס אַ גאָט און אַ געטין, צו וועלכע מען זאָל זיך בוקן און דינען אין דעם ספּעציעלן טעמפּל, וואָס ער האָט פאַר דעם צוועק אויסגעבויט.

צעזאַר האָט געהאַלטן וואָרט אין אַלע זאַכן וואָס ער האָט צוגעזאָגט קלעאָפּאַטראַן. ער האָט זי געהאַלטן נעבן זיך ביי אַלע צערעמאָניעס, וואָס עס זיינען פאָרגעקומען אין רוים און געהייסן איר צוטיילן דעם כבוד ווי צו אַ קעניגין. ער האָט געהאַט פאַרפאַסט אַ געבעט צום אומבאַזיגבאַרן גאָט יופּיטער און אויך צום אומבאַזיגבאַרן גאָט יוליוס צעזאַר, וואָס די רוימער האָבן געדאַרפט זאָגן יעדן טאָג באַלד אין דער פרי. איצט האָט ער איינגעשלאָסן אין דעם געבעט אויך קלעאָפּאַטראַן אַלס די „אומבאַזיגבאַרע געטין". ער האָט אויך געהייסן מאַכן אַ סטאַטוע פון איר און עס אַ נאָמען געגעבן „די געטלעכע שוועסטער פון ווענוס".

אָבער צעזאַר האָט דאָך געמאַכט דעם חשבון אָן בעל־הבית. דער בעל־הבית איז דאָך געווען דער בירגער פון רוים, וועלכער האָט איצט געמוזט צאָלן וואָס אַמאָל מער העכערע שטייערן, אויף אויסצוהאַלטן צעזאַרן אין גרויס לוקסוס.

צעזאַר האָט זיך אָבער ניט געמאַכט וויסן וועגן דעם אַלעם. ער האָט איצט גענומען זיך אויסצופירן זיין פּלאַן צו ווערן דער קעניג פון רוים און קלעאָפּאַטראַ — די קעניגין. צום ערשטן אָבער האָט ער געהייסן מאַכן אַ גאָלדענעם טראָן פאַר זיך אַליין, כדי ניט אויפצורייסן ביי אַלעמען די אויגן. ער האָט צוגעזאָגט קלעאָפּאַטראַן, אַז ווי נאָר ער וועט ווערן קעניג פון רוים, וועט ער באַלד מאַכן אַ צווייטן גאָלדענעם טראָן פאַר איר.

אָבער אַ גאָלדענער טראָן איז איין זאַך, און אויסגערופן צו ווערן אַלס קעניג פון רוים איז אַ צווייטע זאַך. צעזאַר האָט געהערט פון זיינע פריינד, אַז דאָס פאָלק האָט ניט קיין חשק צו מאַכן אים פאַר אַ קעניג און אַז די צייט דערפאַר איז נאָך ניט געקומען. מען דאַרף נאָך וואַרטן. ער האָט דעריבער באַשלאָסן אויסצופּרובירן דאָס. ער האָט דעריבער געבעטן זיין פריינד מאַרק אַנטאָניאָ, אַז בעת אַ פאָלקס־שמחה זאָל ער האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט אויסרופן, אַז מען דאַרף מאַכן צעזאַרן פאַרן קעניג פון רוים. מאַרק אַנטאָניאָ האָט אַזוי געטאָן, אָבער דער עולם איז געבליבן קאַלט צו אַנטאָניאָס ווערטער. דער כיטרער צעזאַר האָט איצט דערקלערט, אַז ער וויל ניט ווערן קעניג. יעדנפאַלס נאָך ניט איצט.

צעזאַר האָט פאַרשטאַנען דערפון, אַז עס איז נאָך ניט געקומען די צייט צו פאַרוואַנדלען די רוימישע רעפּובליק אין אַ מאָנאַרכיע. מען דאַרף נאָך וואַרטן.

אָבער די שונאים פון צעזאַרן האָבן די גאַנצע צייט ניט גערוט. באַזונדערסביידע זין פון פּאָמפּעי, גנאַעאוס און סעקסטוס. ביידע האָבן

געברענט פון כעס אויף צעזאַרן און געזוכט נקמה צו נעמען אין אים פאַרן טויט פון זייער פאָטער. זיי האָבן דעריבער זיך באַמיט אַרויס־צורופן אומרוען אין פאַרשידענע לענדער קעגן צעזאַרן, און דאָס איז זיי אויך געלונגען, ווייל רוים האָט געהערשט מיט אַ ברוטאַלער מאַכט איבער אַלע איינגענומענע לענדער און ניט געלאָזט קיינעם דעם קאָפּ אויפצוהויבן. דעריבער זיינען אומרוען קעגן רוים שטענדיק געווען אויף דער טאָג־אָרדענונג פון רוימישן סענאַט. אַלע מאָל האָט מען געדאַרפט שיקן אַן אַרמיי אויף אונטערצודריקן אַן אויפשטאַנד אין אַן אַנדערן לאַנד. אַלע מאָל האָט מען געדאַרפט לעשן דאָס פייער ערגעץ־וואו.

דערצו האָט יוליוס צעזאַר געהערשט מיט אַן אייזערנער פויסט אויך איבערן סענאַט. די רוימישע סענאַטאָרן זיינען געוואוינט געווען צו האָבן פרייהייט פון וואָרט און צו שפּילן אַ ראָל אין דער פירונג פון לאַנד. אָבער ניט אַזוי איז עס געווען ווען יוליוס צעזאַר איז געוואָרן דער דיקטאַטאָר. ער האָט געהערשט ווי אַ טיראַן און אַלע סענאַטאָרן געמאַכט פאַר זיינע משרתים, פאַר זיינע קנעכט. זיי האָבן געדאַרפט זאָגן יאָ צו אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט און אויך ניין צו אַלץ וואָס ער האָט ניט געוואָלט. די סענאַטאָרן האָבן דעריבער אין דער שטיל געבונטעוועט זיך קעגן אים.

דערווייל זענען די אומרוען וואָס ביידע זין פון פּאָמפּעי האָבן אַרויסגערופן געוואָרן זייער ערנסט. צעזאַר האָט דורך זיינע שפּיאָנען זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז די אַרבעט פון פּאָמפּעיס זין און ער האָט געהייסן אָפּהאַקן זיי די קעפּ און דערנאָך איינשטילן די אומרוען.

דאָס אָפּהאַקן די קעפּ פון די צוויי זין פון פּאָמפּעי האָט אַרויס־גערופן קעגן אים אַ פאַרביטערטע שטימונג אין לאַגער פון זיינע קעגנער, וועלכע האָבן זיך איצט פאַרגרעסערט וואָס אַ טאָג אַלץ מער.

צעזאַר, שיכור פון נצחון וואָס ער האָט אונטערדריקט די אומרוען און באַזייטיקט די זין פון פּאָמפּעי, האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז איצט איז די ריכטיקסטע צייט אויסצורופן זיך אַלס קעניג. ער האָט דעריבער געהייסן האַלטן אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג צום זיג איבער די שונאים פון לאַנד, די קינדער פון פּאָמפּעי, און דערקלערט, אַז ער וועט אין גיכן ווערן דער קעניג פון רוים.

ער האָט אַלץ שוין געהאַט גרייט: דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ, דעם גאָלדענעם טראָן און האָט אויך באַשטימט שוין דעם טאָג — דעם 4טן מערץ פון יאָר 44 (פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג). אין דעם טאָג איז ער אַריינגעקומען אין סענאַט פול מיט פרייד. ער האָט געוואָלט

און געהאַפּט, אַז די סענאַטאָרן װעלן אים איצט אויסרופן אַלס קעניג פון רוים, אַזוי װי ער האָט אין דער שטיל אַלץ געהאַט צוגעגרייט פאַר דער סצענע. אָבער די סענאַטאָרן האָבן אַנדערש געדענקט. זיי האָבן געוואוסט, אַז אויב איצט, װען ער איז נאָך ניט קיין קעניג, װערן זיי באַהאַנדלט פון אים װי קנעכט, װאָס װעט נאָך זיין שפּעטער, װען ער װעט װערן קעניג. דעריבער אַנשטאָט אָנצוטאָן אים אַ קרוין אויפן קאָפּ, האָבן זיי זיך געװאָרפן אויף אים מיט זייערע קינזשאַלן און נאָך 23 אַזעלכע שטעך האָט ער פאַרענדיקט זיין שטורמיש לעבן. פאַרן טויט האָט ער נאָך דערקענט צווישן די סענאַטאָרן זיין ניט־לעגאַלן זון, ברוטוס, און צו אים געזאָגט: „אויך דו, ברוטוס!" מיט די ווערטער איז צעזאַר אַוועק פון דער וועלט.

אָבער צעזאַרס טויט האָט ניט געבראַכט קיין רו, ניט צו די רוימער און ניט צו דער וועלט, ווייל עס האָבן זיך באַלד געוויזן אויף דער סצענע נייע מערדער, וואָס זיינען ניט געווען בעסער פון אים. מאָרד, רויב און זנות, וואָס זיינען געווען דער אינהאַלט פון לעבן אין רוים ביז איצט, האָבן נאָך צעזאַרן אָנגענומען נאָך אַ שטאַרקערן כאַראַקטער דורך די נייע הערשער.

21. אַנדערע רוימישע מערדערישע הערשער

די ווילדע מעשים פון אָקטאַוויוסן. — דער פשרה־מאָרד פון טריאום־וויראַט. — טיבעריוס און זיין פאַרגעניגן צו וואַרפן מענטשן פון אַ הויכן באַרג. — קאַליגולאַ און זיין פאַרווילונג אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ פון אַ מענטש מיט איין שניט. — ווי אַזוי ער האָט אָפּגעהאַקט די קעפּ פון זיינע מיניסטאָרן. — קלאַדיוס, אַ שוואַכזיניקער און אי־דיאָט. — ער הייסט וואַרפן קריגס־געפאַנגענע צו די הונגעריקע חיות אין צירק. — אַ ליסטע פון די וואַנזיניקע הערשער אין רוים.

די מערדערישע טאַטן פון יוליוס צעזאַר זיינען ניט געבליבן די איינציקע אין דער געשיכטע פון דער רוימישער אימפּעריע. פאַרקערט נאָך. באַלד נאָך אים זיינען געקומען הערשער, וועלכע זיינען געווען פיל גרעסערע מערדער ווי ער. אַזוי אַז צעזאַרס מעשים תעתועים האָבן שוין באַלד אויסגעקוקט ווי קינדער־שפּילן, קעגנאיבער די נייע מאָרד־כוואַליעס.

דאָס טראַגישסטע דערביי איז דאָס וואָס אָט־די מערדערייען זיינען ניט געווען אויף די שלאַכט־פעלדער וואו די רוימער האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען מענטשן. די דאָזיקע מלחמות זיינען אויך ניט געווען קיין דעפענסיווע, ווייל קיינער איז ניט אָנגעפאַלן אויף רוים. עס איז געווען רוים וואָס איז אָנגעפאַלן אויף אַנדערע, אויף יעדן זעלבסטשטענדיקן לאַנד אין יענער צייט. עס איז געווען רוים וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרשקלאַפן די גאַנצע וועלט אונטער איר יאָך. אָבער אָפּגעזען דערפון איז אין רוים גופא פאָרגעקומען כסדר מאָרד און רויב, פאַרניכטונג און פאַרשקלאַפונג. אין רוים אַליין, צווישן די אייגענע, האָט זיך געגאָסן בלוט ווי וואַסער, פאַר קיין שום אַנדער סיבה ניט, ווי בלוט־דורשטיקייט.

לאָמיר גיין כסדר:

נאָך צעזאַרס טויט, האָט מען אויסגעפונען, אַז ער האָט געלאָזן אַ צוואה, אַז זיין פּלימעניק, אָקטאַוויאוס, זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ. עס איז אַזוי געווען: נאָך צעזאַרס טויט האָבן זיך זיינע מערדער באַטראַכט פאַר די „באַפרייער פון פאָלק" און האָבן דערוואַרט, אַז דאָס פאָלק זאָל זיי לויבן פאַר זייער טאַט. אָבער דאָס איז ניט געשען. פאַרקערט, דאָס פאָלק האָט גאָר באַוויינט צעזאַרס טויט. ווי שלעכט ער איז געווען, האָבן זיי דאָך מורא געהאַט, אַז נאָך אים וועלן קומען פיל ערגערע ווי ער. און זיי זיינען געווען גערעכט. די סענאַטאָרן האָבן

זיך דעריבער געפונען ניט אין קיין גוטער לאַגע. דאָס האָט אויסגענוצט איי־נער פון די סענאַטאָרן, מאַרק אַנטאָניאַ, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר צעזאַרס פריינד און וועלכער האָט אין צעזאַרס טויט ניט אָנטייל גענומען און ער האָט גענומען הערשן. דאָס פאָלק איז געווען צופרידן וואָס צעזאַרס אַ פריינד נעמט איבער די ממשלה. אויך די סענאַטאָרן זיינען געווען צופרידן, אַז דאָס פאָלק האָט געפונען עמיצן וואָס איז געווען אַ פריינד פון צעזאַרן, וואָס וויל הערשן איבער זיי און אַזוי אַרום וועט מען זיי, די סענאַטאָרן, לאָזן צורו.

אָבער דאָ האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אויף דער סצענע אַ יונגער מענטש מיטן נאָמען אָקטאַוויאוס, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ פּלימעניק פון צעזאַרן און צעזאַר האָט אים איבערגעלאָזן אַ צוואה, אַז ער זאָל זיין זיין יורש. דאָס פאָלק איז געווען צופרידן צו געבן די מלוכה אין די הענט פון צעזאַרס אַ יורש און האָט אים זייער גוט אויפ־גענומען. דעמאָלט האָט נאָך געלעבט דער גרויסער אָראַטאָר ציצעראָ. ווען ער האָט געהערט פון אָקטאַוויאוס פּרעטענזיעס אויפן טראָן, האָט ער געזאָגט: „דעם דאָזיקן יונגנמאַן דאַרף מען פיין באַגריסן, אים צוטיילן אַ ביסל כבוד און שיקן אים צוריק אַהיים״, אָבער אָקטאַוויאוס האָט געוואוסט ווי אַזוי צו שפּילן אויף די געפילן פון די מאַסן, אַזוי, אַז פיל האָבן גענומען האַלטן פון אים און וואָס אַמאָל איז אַלץ מער צוגע־שטאַנען צו אים אַ גרעסערער עולם.

ווען אַנטאָניאַ האָט דאָס געזען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זיין לאַגע איז ניט קיין גוטע און אַז ער דאַרף האַנדלען באַצייטנס צו קענען האָבן די מאַכט אין זיינע הענט. ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו טאָן דאָס, וואָס צעזאַר האָט געטאָן, ווען ער האָט געוואָלט ווערן דער הערשער און דאָס איז — צו שאַפן אַ נייעם טריאומוויראַט. ער האָט דעריבער שלום געמאַכט מיט אָקטאַוויאוסן און אַזוי ווי עס איז געווען אַ דריטער, וואָס האָט אויך געוואָלט ווערן דער הערשער פון רוים, אַ געוויסער גענעראַל אין צעזאַרס אַרמיי מיטן נאָמען לעפּידוס, האָט אַנטאָניאַ געשאַפן אַ טריאומוויראַט פון אַלע דריי. דאָס איז געווען דער צווייטער טריאומ־וויראַט פון רוים.

איצט, אַז זיי האָבן שוין געהערשט אַלע דריי, האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתע מערדערייען. דער ערשטער קרבן איז געווען דער אָראַטאָר ציצעראָ. אַנטאָניאַ און לעפּידוס האָבן געוואָרפן אַן אומחן אויף אים און אים געוואָלט אָפּהאַקן דעם קאָפּ. אָבער אָקטאַוויאוס האָט געהאַט געהערט אַ פּאָר גוטע ווערטער פון אים אויף זיין חשבון, האָט ער אים דעריבער

געוואָלט אָפּראַטעווען. דעמאָלט האָבן די אַנדערע צוויי הערשער מיט אים געמאַכט אַזאַ אָפּמאַך: אָקטאַוויאוס וועט לאָזן, אַז מען זאָל אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון ציצעראָ, דערפאַר וועט לעפּידוס צושטימען, אַז מען זאָל אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון זיין ברודער פּאַולוס און אַנטאָניאָ וועט דערלאָזן, אַז מען זאָל אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון זיין אָנקל לוציוס צעזאַר. דאָס געשעפט איז געשלאָסן געוואָרן און די דריי קעפּ האָט מען אָפּגעהאַקט. פאַרשטייט זיך, אַז צו זיי האָט מען אומגעבראַכט נאָך פיל טויזנטער פון זייערע פריינד און אָנהענגער, באַזונדערס מענטשן פון הויכן ראַנג.

איצט, אַז מען איז שוין געווען פאַרטיק דערמיט, האָט יעדער איינער פון זיי געוואָלט פּטור ווערן פון די אַנדערע צוויי. קודם כל האָט מען איינגעטיילט די וועלט און יעדער האָט געהאַט אַ גאַנצן וועלט־טייל פאַר זיך וואו ער האָט געקענט טאָן וואָס ער האָט געוואָלט — מאָרדן און רויבן וויפל נאָר זיין הארץ האָט געגלוסט. אַנטאָניאָ האָט גענומען דעם מזרח, אָקטאַוויאוס — דעם מערב און לעפּידוס איז געבליבן ביי רוים און אומגעגנט. אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט און אַנטאָניאָ און אָקטאַוויאוס האָבן געמאַכט צווישן זיך אַן אָפּמאַך אַרויסצושטופּן לעפּידוסן און עס איז זיי אויך געלונגען.

באַלד האָט זיך געמאַכט אַז אַנטאָניאָ האָט געמוזט אָפּפאָרן מיט אַן אַרמיי אין אָריענט צו באַרואיקן פיל פון די איינגענומענע מזרח־לענדער, צווישן זיי אויך עגיפּטן. דאָרטן האָט איצט געהערשט מיט דער מאַכט פון צעזאַרן קלעאָפּאַטראַ, אָבער אַנטאָניאָ האָט געוואָלט דאָס לאַנד פאַרשקלאַפן. קלעאָפּאַטראַ, וועלכע האָט שוין געהאַט דערפאַרונג מיט האַלטן געפאַנגען צעזאַרן דורך איר שיינקייט און איר כישוף, האָט דאָס מאָל עס נאָך מער אויסגענוצט אויף אַנטאָניאָן, וועלכן זי האָט טאַקע געהאַלטן געפאַנגען אין איר נעץ זייער לאַנג. ווען אָקטאַוויאוס האָט געזען, אַז אַנטאָניאָ האָט פאַרגעסן אין רוים און איז צופרידן צו פאַר־ברענגען מיט דער שיינער פרוי פון עגיפּטן, האָט ער געשיקט אַן אַרמיי קעגן אים. אַנטאָניאָ האָט געזען אַז עס איז שלעכט און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן שפּעטער קלעאָפּאַטראַ.

* * *

איצט איז אָקטאַוויאוס געבליבן אַליין דער הערשער. ער האָט געענדערט זיין נאָמען אויף „אויגוסטוס" (וואָס עס מיינט: מאַיעסטעט) און גענומען הערשן מיט אַ פעסטער האַנט.

אויגוסטוס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַרוואַנדלט רוים

פון אַ רעפובליק אין אַ מאָנאַרכיע. ער איז געווען דער ערשטער קייזער פון רוים.

אָבער ער האָט באַלד אויך זיך אויסגערופן אַלס אַ גאָט און באַפוילן, אַז מען זאָל אַרויסרעדן זיין נאָמען פונקט אַזוי ווי מען רעדט אַרויס דעם נאָמען פון יופיטער. ער האָט אויך געוואָלט אַז די רוימער זאָלן זיך בוקן צו אים און דינען צו אים. דערביי האָט ער דערקלערט, אַז ער קען טאָן וואָס ער וויל, ווייל אַלס גאָט קען אים קיינער גאָר ניט זאָגן.

און דאָ הויבן זיך אָן זיינע מערדערייען, די טויזנטער הריגות אויף אומשולדיקע מענטשן. טאָמאַס דע קווינס זאָגט אין זיין בוך וועגן די רוימישע צעזאַרס אַז אויגוסטוסעס אכזריותן האָבן איבערגעשטיגן אַלע די וואָס זיינען געווען פאַר אים. כדי צופרידנצושטעלן די געטער האָט ער אַליין געשאָכטן אַ גרויסע צאָל פון אַרעסטאַנטן אויפן מזבח פון יופיטער. איינמאָל, נאָך אַ גרויסער שלאַכט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט ניט גענוג געלט צו באַצאָלן די סאָלדאַטן, האָט ער באַפוילן צו אַרעסטירן אַ גרויסע צאָל רייכע מענטשן, וועלכע ער האָט געהייסן אָפּהאַקן די קעפּ, קאָנפיסקירן זייערע פאַרמעגנס און דערמיט באַצאָלן די סאָלדאַטן פון זיין אַרמיי. ער האָט געהערשט 41 יאָר (פון יאָר 27 פאַר דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג ביזן יאָר 14, איצטיקע צייט-רעכענונג).

* * *

איין מערדער איז אַוועק, איז געקומען אַ צווייטער. טיבעריוס האָט איבערגענומען די מאַכט נאָך אויגוסטוסן. אים האָט מען גערופן צווישן פאָלק „ביבעריוס״, וואָס עס מיינט: אַ שיכור, ווייל ער איז אָפט געווען טוים-שיכור. ער איז געווען אַ מערדער, ניט קלענער פון זיינע פריערדיקע הערשער. ער האָט געוואוינט אויפן אינדזל קאַפּרי און זיין הויז איז געשטאַנען אויף אַ שפּיץ באַרג וואו עס איז אונטן געווען דער ים. עס איז געווען אַן ערך פון 1,000 פוס פון זיין הויז ביז צום ים. האָט ער צוגעטראַכט זיך אַ פאַרווייַלונג, צו האָבן פאַרגעניגן פון אַראָפּוואַרפן מענטשן פון דער הויך אין ים אַריין. ער האָט באַלד געהייסן זיינע דינער צו ברענגען צו אים די בירגער, אויף וועלכע ער האָט געוואָרפן אַן אומחן און פאַר זיינע אויגן האָט מען זיי אַראָפּגעוואָרפן אין ים אַריין.

איינמאָל האָט ער באַמערקט אַ שיין קינד ביי זיך אין הויז. מען האָט אים געזאָגט, אַז דאָס קינד, אַ מיידעלע, איז די טאָכטער פון זיין פרעמיער-מיניסטער, האָט ער געהייסן, אַז מען זאָל דאָס מיידעלע אַראָפּ־

וואַרפן אין ים אַריין. ווען דאָס קינד האָט דאָס געהערט, האָט זי אים געפרעגט מיט וואָס זי האָט זיך פאַרזינדיקט ביי אים. זיין ענטפער איז געווען, אַז ער האָט אַ הנאה דערפון. באַלד דערנאָך האָט מען דאָס קינד אַראָפּגעוואָרפן אין ים אַריין און נאָך איר אויך איר פאָטער, דעם פרעמיער־מיניסטער.

* * *

נאָך טיבעריוסן (ער האָט געהערשט פון 14 יאָר, קריסטלעכער צייט־רעכענונג ביזן יאָר 37), איז אויסגערופן געוואָרן אַלס קייזער קאַלי־גולאַ. ער האָט געהערשט ניט מער ווי 4 יאָר (פון 37 ביזן יאָר 41), אָבער די צאָל מערדערייען פון די פיר יאָר שטייגן איבער אַלע וואָס זיינען פאָרגעקומען ביז דער דאָזיקער משוגענער הערשער איז באַשטיגן דעם טראָן.

ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע מיט פאַרגוואַלטיקן זיינע דריי יונגע שוועסטער. שפּעטער האָט ער זיך גענומען צו מאָרדן מענטשן אַלס צייט־פאַרטרייב. דערביי איז אים אַמבעסטן געפעלן אַז מען זאָל אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון אַ מענטש מיט אַ שאַרפער שווערד, מיט איין שניט. ער האָט אויך ליב געהאַט צו גיין אָפט אין צירקוס און אויב ער האָט געהערט אַז אַ טייל מענטשן דריקן אויס זייערע געפילן צו די גלאַדיאַטאָרן אין הויכע טענער, האָט ער זיי געהייסן אָפּהאַקן די קעפּ. איינמאָל האָט געפעלט שפּייז אין רוים און עס איז ניט געווען גענוג שפּייז פאַר די חיות פון צירקוס, האָט ער געהייסן ברענגען הונדערטער אַרעסטאַנטן און זיי וואַרפן פאַר די חיות. ער האָט אויך איינגעפירט אַז אויף יעדן באַנקעט פאַר אים — און אַזעלכע זיינען געווען פיל — האָט מען פאַר זיין פאַרגעניגן וועגן געמוזט אָפּהאַקן עטלעכע מענטשן די קעפּ אויף דעם שטייגער, ווי ער האָט געוואָלט. אַמאָל האָט מען אָפּגעהאַקט אַזוי די קעפּ פון עטלעכע צענדליק אומשולדיקע מענטשן.

איינמאָל זיינען געזעסן ביי אים צוויי פון זיינע מיניסטאָרן און מיט אים איבערגערעדט וועגן דער לאַגע אין לאַנד וואו עס זיינען פאָרגעקומען אומרוען. פּלוצלינג האָט קאַליגולאַ גענומען לאַכן. איינער פון די מיניסטאָרן האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער לאַכט, האָט ער געענטפערט, אַז ער טראַכט דערפון ווי שיין עס וועט זיין אויב מען זאָל ביי זיי ביידן אָפּהאַקן די קעפּ אויף דעם שטייגער ווי ער האָט עס ליב. ער האָט באַלד אַריינגערופן דעם הענקער און עס געהייסן טאָן.

ער האָט זיך אויך געהאַלטן פאַר אַ גאָט און געזאָגט, אַז ער הערט אַלע מאָל אַ קול פון הימל צו אים. ער האָט אויך געזאָגט, אַז די לבנה

איז זיין ווייב און ער האָט איינמאָל באַשטימט איינס פון זיינע פערד, צו זיין איר גייסטלעכער...

מיט איין וואָרט: משוגע הונדערט פּראָצענט. און אַזאַ איינער האָט געהערשט איבער דעם לעבן ניט נאָר פון די מענטשן פון רוים, נאָר פון אַלע מענטשן פון אַלע לענדער וואָס רוים האָט באַהערשט, אַן ערך פון 150 מיליאָן מענטשן!

* * *

נאָך קאַליגולאַ איז געקומען אַ נייער הערשער קלאודיוס, אַן אָנקל פון קאַליגולאַ (געהערשט פון יאָר 41 ביזן יאָר 54). ער איז געווען אַ שוואַכזיניקער און אַן אידיאָט. ער האָט געשטאַמלט ווען ער האָט גע־רעדט. געלאַכט גלאָט אין דער וועלט אַריין, געמאַכט העוויות. געדרייט מיט די אויגן און מיט די הענט און איז געווען בכלל אַ קאָמישע באַשע־פעניש. די רוימער האָבן אים באַטראַכט ווי אַ קלאָון און געלאַכט פון אים.

ער איז אָבער געווען אַן אמתער רוימישער הערשער אין זינען פון מאַסן־מאָרדן. דאָס לעבן פון אַ מענטש האָט ביי אים ניט געהאַט קיין ווערט. ער פלעגט אויך אָפט גיין אין צירק אַריין און האָט געהייסן אַלע קריגס־געפאַנגענע וואַרפן צו די לייבן. ער האָט יעדן טאָג געגעבן אַ נייעם צעטל פון מענטשן צו זיינע הענקער, וועלכע מען זאָל אָפּהאַקן די קעפּ. אין זיין צעטל זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע ער האָט געהאַט אויף זיי עפּעס אַ חשד. אַמאָל האָט זיך אים געחלומט, אַז זיינע מיניסטאָרן מאַכן אַ בונט קעגן אים, האָט ער זיי געהייסן אויפהענגען.

* * *

דאָס איז דער צעטל פון די רוימישע מערדערישע הערשער, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט רוים און פון רוים מיט דער גאַנצער וועלט פון יענער צייט. אַ ליסטע פון געבוירענע מערדער, פון בלוט־דורשטיקע חיות אין מענטשלעכער געשטאַלט, און — משוגעים, וועלכע מען האָט געדאַרפט פאַרשפּאַרן אין אַ משוגעים־הויז און האַלטן זיי אין משוגעים־העמדער, אָבער דאָס איז ניט געשען און אָנשטאָט אָפּזונדערן זיי פון מענטשן, האָבן זיי גאָר געהאַט די מאַכט איבער מיליאָנען מענטשן דורות לאַנג.

אָבער איצט קומען מיר צו נעראָ. אַלץ וואָס די רוימישע הערשער האָבן אָפּגעטאָן ביז נעראָן איז אַ קינדער־שפּיל קעגן זיינע מעשים תעתועים.

22. דער קייזער נעראָ, וועלכער האָט דערמאָרדעט זיין מוטער

שוין אַלס קייזער ליגט ער גאַנצע טעג אין אַלע שענקען און דערנאָך וואַלגערט ער זיך טויט־שיכור אין די רינשטאָקן. — זיין ליבע מיט אַ שקלאַפן־מיידל. — ווי אַזוי די שיינע, אָבער אויסגעלאַסענע פּאָפּאַעאַ האָט אים צוגערעדט צו טויטן זיין מוטער. — ער זאָגט, אַז ער איז אויך אַ גרויסער טענצער און וויל דורכפירן אַ נאַקעט־טאַנץ. — נאָך אַנדערע פאַקטן וועגן נעראָ, דעם משוגענעם קייזער פון רוים.

דאָס איז געשען נאָכדעם ווי דער קייזער קלאַודיוס איז געפאַלן טויט. ער איז אומגעקומען ניט אויף אַ שלאַכט־פעלד, און אויך ניט פון עלטער־שוואַכקייט, נאָר פון דער האַנט פון זיין אייגן ווייב, אַגריפּינאַ. דאָס איז געווען אַ פרוי, וועלכע איז געווען באַשאָנקען מיט אַ סך חן, אָבער וועלכע איז געווען אַ גאַנץ קנאַפּע צנועה. אַגריפּינאַ האָט געהאַט פיל מענער, אָבער זי האָט געוואָלט ווערן קייזערין און געוואָרפן אַן אויג אויף קלאַודיוסן צו ווערן זיין ווייב, און ממילא די קייזערין פון רוים. זי האָט געוואוסט, אַז קלאַודיוס האָט שוין געהאַט דריי ווייבער. מיט די ערשטע האָט ער זיך געגט. אַזוי אויך מיט דער צווייטער. אַ גט אין רוים איז דאַן געווען אַ קלייניקייט און אַ מאַן האָט געקענט קריגן אַ גט בלויז דורך זאָגן אין געריכט, אַז ער וויל מיט זיין ווייב ניט וואוינען. דאָס דריטע ווייב האָט קלאַודיוס שוין ניט געגט, נאָר איר אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ.

אַגריפּינאַ האָט אָבער דערפאַר קיין מורא ניט געהאַט. זי האָט געוואוסט, אַז קלאַודיוס איז אַ משוגענער און אַז ער קען אַמאָל אויך הייסן, אַז מען זאָל איר אָפּהאַקן דעם קאָפּ. אָבער זי האָט דאָך באַשלאָסן מיט אים חתונה צו האָבן, ווייל זי איז געווען קליגער פון אים. זי האָט זיך געטראַכט: לאָמיך נאָר ווערן די קייזערין! איך וועל דאַן ניט וואַרטן אַזוי לאַנג ביז ער וועט מיר אָפּהאַקן דעם קאָפּ. איך וועל עס פריער טאָן צו אים און מען דאַרף גאָרניט האַקן קיין קאָפּ. אַ בעכער ווייַן מיט גיפט איז גענוג.

און אַזוי האָט זי טאַקע געטאָן. זי האָט זיך באַלד נאָך איר חתונה באַמיט, אַז קלאַודיוס זאָל געבן זיין טאָכטער, אָקטאַוויאַ, צו איר זון, נעראָ (ער איז דעמאָלט אַלט געווען 17 יאָר) פאַר אַ ווייב. אַזוי־אַרום האָט זי געוואָלט פאַרשטאַרקן איר זונס מערכה אויף צו ווערן דער קייזער פון

רוים. באַלד דערנאָך האָט זי מיט דער הילף פון אירע משרתים געגעבן קלאַודיוסן דעם בעכער ווײַן און אים אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט.

ווען מען איז פּטור געוואָרן פון דעם משוגענעם קייזער האָט זיך אין הויף אָנגעהויבן אַ וואַקכאַנאַליע וועגן דעם, ווער עס זאָל זײַן קייזער. אין רוים האָט דאָס פאָלק ניט געהאַט קיין דעה אין די זאַכן און אַפילו די סענאַטאָרן אויך ניט. מיט דעם אַלעמען האָט אָנגעפירט די קליקע פון הויף און וועמען זי, האָט געוואָלט, דער איז געוואָרן קייזער. אַזוי גיך ווי מען האָט נאָר געהאַט באַגראָבן קלאַודיוסן, איז שוין די קייזערין אַגריפּינאַ, די מוטער פון נעראָן, געוואָרן טעטיק, אַז איר זון זאָל ווערן דער קייזער.

נעראָ איז געווען אַגריפּינאַס זון פון אַ פריערדיקן מאַן. לויטן געזעץ האָט נעראָ ניט געקענט ווערן דער קייזער, ווייל קלאַודיוס האָט איבערגעלאָזט אַ זון פון אַן אַנדערער פרוי, מיטן נאָמען בריטאַניקוס. אָבער אַגריפּינאַ איז באַלד אַוועק צו בורהוסן, דעם קאַפּיטאַן פון דער קייזערלעכער גוואַרדיע און אַביסל מיט געלט, און אַ ביסל מיט ליבע האָט זי אויסגעפירט, אַז ער זאָל אַרויסגעבן זײַן אורטייל, אַז נעראָ דאַרף פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון קלאַודיוסן און ניט בריטאַניקוס.

עס האָט גאָר ניט לאַנג געדויערט און מען האָט אײַנגעאָרדנט אַ גרויסע פייערונג אין הויף אויף וועלכער בורהוס האָט דערקלערט פייערלעך, אַז נעראָ ווערט דער קייזער פון רוים, ווייל אַזוי ווילן די געטער. כדי צו מאַכן די זאַך נאָך שטאַרקער, האָט נעראָ פאַרנאַרט בריטאַניקוסן צו זיך און אים פאַרסמט פּונקט אַזוי ווי זײַן מוטער האָט געטאָן צו קלאַודיוסן. אַלע אין הויף האָבן געוואוסט, אַז נעראָ האָט פאַרגיפטעט בריטאַניקוסן, פּונקט אַזוי ווי אַלע האָבן געוואוסט, אַז אַגריפּינאַ האָט געגעבן דעם בעכער מיט גיפט צו קלאַודיוסן, אָבער דערפאַר האָט מען אין רוים ניט באַשטראָפט. אַזוי־אַרום איז נעראָ געוואָרן מיט זײַן טראָן גאַנץ זיכער.

* * *

אָבער נעראָ האָט פאַר פינף יאָר כסדר גאָר ניט געוואוסט וואָס עס מיינט צו זײַן אַ קייזער. ער האָט געהאַט דריי דערציער: זײַן מוטער, דעם קאַפּיטאַן פון דער גוואַרדיע — בורהוס, און אַ לערער אַ פילאָזאָף סענעקאַ (וועגן אים וועלן מיר רעדן שפּעטער). זיי אַלע האָבן מיט אים אײַנגעטענהט, אַז ער דאַרף זיך פירן ווי אַ קייזער און אינטערעסירן זיך מיט די זאַכן פון דער מלוכה. אָבער עס האָט

ניט געהאָלפן. די מלוכה איז אים ניט געלעגן אַפילו אין דער לינקער פּאה. ער האָט געוואוסט נאָר פון איין זאַך, פון שיכורן און פון נואפן. ער פלעגט זיך אַרומשלעפּן אַ פאַרשטעלטער ווי אַ בראָדיאַגע איבער די שענקן מיט אַ גאַנצער באַנדע און טרינקען אָן אַ שיעור. אָפט האָט מען זיי שפּעט ביינאַכט אַרויסגעוואָרפן פון שענק און אַ פּאָליציאַנט האָט זיי דערלאַנגט קלעפּ און געהייסן גיין אַהיים. איינמאָל איז אָט דער נעראָ געלעגן טויט־שיכור אין אַ רינשטאָק און אַ פּאָליציאַנט האָט אים דערלאַנגט די אמתע קלעפּ. אַ צווייט מאָל האָט נעראָ זיך געטשעפּעט צו אַ יונגער פרוי פון אַ סענאַטאָר, ווען ער איז געווען שיכור און ער האָט אַריינגעכאַפּט פּעטש פון אייפערזיכטיקן מאַן.

אָבער אַזוי לאַנג ווי נעראָ האָט זיך ניט געמישט אין מלוכה־ענינים, איז עס געווען בעסער פאַר רוים. בלויז איין פרוי האָט דערפון געליטן. דאָס איז געווען זיין מוטער, וועלכע האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך אויפפירן לייטיש, אָבער ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון איר. עס האָט אים אויך ניט געקימערט די אייפערזיכט פון זיין ווייב אָקטאַוויאַ, די טאָכטער פון קלאַודיוסן און ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט אַנדערע פרויען און איבערהויפּט מיט אַ גריכישער שקלאַפין אַקטע. דערפאַר איז דאָס שוין אַגריפּינאַן גאָר ניט אַנגעשטאַנען און זי האָט געבעטן זיך ביי נעראָן, אַז ער זאָל אויפגעבן זיינע באַציאונגען מיט דער שקלאַפין. עס האָט ניט געהאָלפן. דער קעניגלעכער פּאַלאַץ איז איצט געוואָרן אַ שלאַכטפעלד צווישן דער קייזערין אַגריפּינאַ און נעראָן. נעראָ האָט דערצו געהאַט אַ גרופּע פריינד וואָס האָבן אים צוגערעדט ניט צו פאָלגן זיין מוטער. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז ער איז שוין אַ דערוואַקסענער מענטש און ניט קיין קינד צו פאָלגן אַלץ וואָס די מוטער זאָגט אים. ווען אַגריפּינאַ האָט געזען אַז זי קען מיט אים גאָר ניט מאַכן, האָט זי פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ און איז אַוועק וואוינען אין אַן אַנדער אָרט.

באַלד האָט זיך געמאַכט אַ נייע צרה. נעראָ האָט אָפּגעלאָזן דאָס שקלאַפן־מיידל און זיך פאַרליבט אין דער פרוי פון זיין בעסטן פריינד, וועלכע האָט געהייסן פּאָפּאַעאַ. פּאָפּאַעאַ איז געווען אַ שיינע בלאָנדינקע, אָבער אויסגעלאַסן, און געקענט פירן אַ מאַן ביי דער נאָז. „די דאָזיקע פרוי", שרייבט דער היסטאָריקער טאַציטוס, „האָט אַלצדינג, אַ חוץ אַ נשמה". זי האָט נעראָן ניט ליב געהאַט, אָבער עס האָט זיך איר געגלוסט צו ווערן די קייזערין פון רוים און פון דער מינוט וואָס זי האָט נעראָן דערזען, האָט זי אים שוין ניט אָפּגעלאָזט. עס זיינען איר אָבער געשטאַנען אין וועג דריי מענטשן: איר מאַן, נעראָס ווייב און נעראָס

מוטער. פון נעראָס ווייב האָט זי נאָך געקענט פטור ווערן דורך אַ גט. אויך פון איר מאַן האָט זי געקענט פטור ווערן אויף אַזאַ אופן, אָבער עס איז געווען אוממעגלעך פטור צו ווערן פון נעראָס מוטער, וועלכע איז געווען אויסגעשפּראָכן קעגן איר.

פּאָפּאַעאַ האָט פּרובירט באַוועגן אַגריפּינאַן און בעטן איר, אַז זי זאָל צושטימען צו אַ חתונה, אָבער אַגריפּינאַ האָט איר געענטפערט: ניין און ניין, קיינמאָל ניט! באַלד נאָכדעם האָט פּאָפּאַעאַ אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז זי מוז פּועלן ביי נעראָן, אַז ער זאָל זיין מוטער אַפּרוימען פון וועג. זי האָט אָבער ניט געוואָגט אַרויסצוזאָגן אָט דעם געדאַנק גלייך צו נעראָן, ווייל טאָמער וועט זי אַזוי־אַרום פאַרלירן דעם חן ביי אים אין די אויגן. האָט זי דעריבער אָנגעהויבן גאַנץ פאָרזיכטיק אים דאָס אָנצודייטן, ביז זי האָט אים קלאָר געמאַכט, אַז ווי לאַנג זיין מוטער וועט לעבן, וועט ער ניט קענען הערשן ווי עס דאַרף צו זיין. זיין מוטער שטייט אים אין וועג. זי האָט אַפילו אים געגומען איינרעדן, אַז זיין מוטער פירט אָן מיט אַ געהיימען אויפשטאַנד קעגן אים.

ענדלעך האָט דער שוואַכזיניקער נעראָ צוגעשטימט און זי האָט אויסגעאַרבעט פאַר אים אַ פּלאַן, אַז ער זאָל פאַרנאַרן זיין מוטער צו זיך אין פּאַלאַץ און דאָ זאָל ער זי מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער. נעראָ איז דערויף איינגעגאַנגען.

ער האָט באַלד דערויף אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע, אַז אַלע קריגערייען מיט זיין מוטער זיינען געענדיקט און ער האָט געשיקט אַ בריוו צו איר און זי געבעטן צו קומען אין זיין זומער־פּאַלאַץ אין באַיאַע, וואו זי זאָל פאַרברענגען מיט אים איר וואַקאַציע. זי האָט איינגעשטימט.

די קלוגע אַגריפּינאַ האָט זיך אָבער ניט געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ טריק, און אַז איר אייגענער זון פאַרנאַרט זי צו זיך צו איר טויט. זי איז געקומען און זיך אַרומגעכאַפּט מיט נעראָן און אים געקושט, און ער זי אויך, און עס איז געווען גאָר פייערלעך.

באַלד האָט נעראָ געהאַט אַ באַראַטונג מיטן קאַפּיטאַן פון דער גוואַרדיע בורהוס, ווי אַזוי אומצוברענגען זיין מוטער. דער קאַפּיטאַן האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל דאָס ניט טאָן אין פּאַלאַץ. עס וועט ניט טויגן. די בעסטע זאַך וועט זיין, ער זאָל איר געבן אַ מתנה, אַ שיינע יאַכט־שיף, אויף וועלכע זי זאָל פאָרן מיט אירע דאַמען אויפן ים און דער קאַפּיטאַן זאָל אינמיטן וועג אַריינלאָזן וואַסער אין איר צימער און זי זאָל דער־טרונקען ווערן.

נעראָ האָט אָנגענומען דעם פּלאַן און געגעבן אַ באַפעל דעם קאַפּי־

טאָן וואָס ער זאָל טאָן. אַלץ איז געווען וואויל און גוט. ביינאַכט האָט דער קאַפּיטאַן אַריינגעלאָזט וואַסער אין איר צימער און באַלד דערויף האָט מען אומגעבראַכט אירע באַדינערינס, אָבער אַגריפּינאַ האָט געקענט גוט שווימען, און איז אַרויס פון צימער, זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער און איז צוגעשוואומען צו אַ ברעג. באַלד זיינען אָנגעלאָפן פישערלייט און זי אַרויסגעראַטעוועט און אָפּגעפירט צו איר אַהיים.

צומאָרגנס אין דער פרי, ווען נעראָ האָט דערוואוסט צו הערן די נייעס, אַז זיין מוטער איז שוין טויט, האָט ער גאָר געקראָגן פון איר אַ בריוו, אַז זי האָט זיך געראַטעוועט און אַז זי פילט זיך זייער גוט אין איר פּאַלאַץ.

ווען נעראָ האָט דאָס דערהערט האָט ער אויסגעבראָכן אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט געוואָלט דערהרגענען כאָטש די גאַנצע גוואַרדיע, אָבער דאָ האָבן זיך אַריינגעמישט די צוויי דערציער בורהוס און סענעקאַ און אים צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן שוין זאָרגן דערפאַר, אַז מען זאָל זיין מוטער אַפּראַמען פון וועג. נעראָ האָט באַלד באַקאַנט געמאַכט, אַז זיין מוטער ווערט באַשולדיקט אין מאַכן אַ קאָנספּיראַציע קעגן אים און האָט געשיקט צו איר דעם מערדער אָנעסטוס, וועלכער איז אַוועק צו איר אין פּאַלאַץ צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פון זיינע מענטשן און דאָרטן האָבן זיי איר מיט שטעקנס אַזוי לאַנג געשלאָגן ביז זי איז געפאַלן טויט.

* * *

ווען פּאָפּאַעאַ האָט געקראָגן די נייעס אַז אַגריפּינאַ איז שוין טויט האָט זי געטאַנצט פאַר פרייד און איצט געהייסן נעראָן, אַז ער זאָל אָפּגטן זיין ווייב אָקטאַוויאַ. נעראָ האָט עס באַלד געטאָן. פּאָפּאַעאַ האָט זיך אויך געגעט מיט איר מאַן און עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז נעראָ זאָל מיט איר חתונה האָבן. אָבער איינמאָל האָט זי דערזען אָקטאַוויאַן אין הויף. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי פּאָפּאַעאָן אַ מורא, אַז זי, אָקטאַוויאַ, זאָל ניט אַמאָל קומען צוריק און זי האָט פאַרלאַנגט פון נעראָן, אַז ער זאָל זי פאַרמשפּטן צום טויט. נעראָ האָט עס אויך באַלד געטאָן. ער האָט געשיקט צו איר דעם זעלבן באַנדיט, וועלכער האָט זי דערשטיקט פּונקט דעמאָלט ווען זי האָט גענומען אַ וואַנע. דערנאָך האָבן זיי איר אָפּגעשניטן איר קאָפּ און אים געבראַכט צו פּאָפּאַעאָן.

פּאָפּאַעאָ האָט איצט דערגרייכט וואָס זי האָט געוואָלט. זי האָט חתונה געהאַט מיט נעראָן און עס האָט ניט געדויערט לאַנג און זי איז געוואָרן שוואַנגער, אָבער נעראָ האָט באַלד נאָך דער חתונה זיך גענומען

קריגן מיט איר און איר געוויזן זיין אמתן כאַראַקטער און איינמאָל, ווען זי איז שוין געווען אין זעקסטן חודש, האָט ער איר, בעת אַ קריגעריי, געגעבן אַזאַ זעץ מיט זיין שטיוול אין בויך אַריין, אַז זי האָט פאַרלוירן דאָס קינד און באַלד דערנאָך געשטאָרבן.

נעראָ האָט זיך איצט אַריינגענומען אין קאָפּ אַ נייע משוגעת, נעמלעך: אַז ער איז אַ גרויסער קינסטלער. ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען, צו שרייבן פּאָעזיע און צו שפּילן אויף אַ האַרמאָניקע. ער איז אויפגעטראָטן אין טעאַטער און ער האָט זיך געדונגען 5,000 „פּאַטשערס״, וואָס זאָלן פּאַטשן בראַוואָ נאָך זיין יעדן אויפטריט.

אַ היסטאָריקער פון יענער צייט באַשרייבט די דאָזיקע משוגענע אויפטריטן פון נעראָן מיט פאָלגנדע ווערטער: „ווען ער האָט געזונגען, האָט ער אַזוי געריטשעט, אַז די אויערן האָבן ממש וויי געטאָן פון הערן אים. אָבער ווען ער האָט געזונגען שטיל, האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז אַ טומל פון אַ בינשטאָק... פיל מאָל האָט פּאַסירט, אַז דער עולם האָט זיך בשום אופן ניט געקענט קאָנטראָלירן און אויסגעבראָכן אין אַ געלעכ־טער... דאָס איז געווען געפערלעך, ווייל נעראָ האָט געקענט פשוט הייסן אויסשעכטן אַלע. אָבער עס טרעפט מאָמענטן ווען מען קען זיך ממש שוין מער ניט איינהאַלטן... עס איז ממש געווען אַ רחמנות אויף צו קוקן אויף אים ווי ער איז געוואָרן רויט, קוים געאָטעמט און זיך באַמיט צו זינגען, אָבער ניט געקענט און אַלע מאָל אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש ווי פון אַ ווילד אייזל. עס איז ממש געווען אַ צער בעלי־חיים דאָס צוצוזען״.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי אַ שטיק צייט. נעראָ האָט געהאַלטן, אַז ער איז דער גרעסטער קינסטלער פון זיין צייט. ער קען בעסער זינגען ווי דער גרעסטער זינגער. ער איז אַ בעסערער פּאָעט ווי די בעסטע פּאָעטן און אויך דער גרעסטער אַקטיאָר אין דער וועלט....

שפּעטער האָט ער געקראָגן נאָך אַ משוגעת: טאַנצן. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז אַ גרויסער טענצער, דער גרעסטער אין דער וועלט, און האָט אַפילו געוואָלט אַרויסקומען אויף דער בינע מוטער־נאַקעט און דורכפירן אַ נאַקעט־טאַנץ, אָבער דערפון האָט אים ענדלעך בורהוס אָפּגעהאַלטן.

אָבער דערמיט איז מען נאָך אַלץ ניט פאַרטיק מיט זיינע משוגעתן און צו וואָס זיי האָבן דערפירט.

נערא שפילט אויף א פליים, ווען רוים ברענט

א פארצייטיקער היסטאריקער, וועלכער שילדערט די עפאכע פון נערא אין רוים, קומט צום פאלגנדיקן טרויעריקן אויספיר:

„די צרה פון דער וועלט איז ניט דאס, וואס דער מענטש מוז כסדר שטיין אין קאמף מיט דער רויער נאטור; די צרה איז אפילו אויך נישט דאס, וואס דער מענטש מוז כסדר שטיין אין קאמף מיט זיין מיט־מענטש. די צרה, די אמתע צרה איז דאס, וואס זייער אפט, אין אונדזער ציוויליזאציע, טרעפט, אז עס כאפט זיך ארויף צום אויבנאן א נישטיק מענטשעלע, אן אידיאט, אדער א קרימינעלער פארברעכער, צי גאר ביידע צוזאמען — מיט איין ווארט: איינער, וואס דארף זיין אונטער אייזערנע שטאנגען, און ער ווערט דער פירער פון א שטאט, פון א לאנד, צי גאר פון אן אימפעריע און אין זיינע הענט ליגט דער גורל פון מיליאנען אומשולדיקע מענטשן... אט דאס איז דער גרעסטער אומגליק פון דער מענטשהייט“.

„נעמט נעראן, א נישטיק מענטשעלע, א פארזעעניש, א קריפל גייסטיק און פיזיש, א קליין־געוואוקסיקער, מיט א דיקן, קורצן האלדז, א שמאלע ברוסט, מיט צוויי דארע פיס, וואס דארפן נעבעך שלעפן א דיקן בויך — אט דאס איז דאס מענטשעלע, לויט זיין פיזישן אויסזען, וואס האט רעגירט איבער רוים, שוין אפגערעדט דערפון, וואס אין דעם דארן קאפ פון אט דעם מענטשעלע איז געווען ווייניקער מארך ווי אין קאפ פון א הון... און אויף וויפל עס איז יא געווען, איז עס געווען פון א פול־שטענדיק משוגענעם, וואס האט ניט געוואוסט פון דאנען ביז אהער, און וואס שייך די געפילן פון רחמנות, אדער פון יושר, אדער גאר פון ליבע צו עמיצן — איז עס אט דעם מענטשעלע געווען איגאנצן פרעמד“...

מיר האבן שוין אנגעוויזן אז נערא האט געזאגט, אז ער איז דער גרעסטער זינגער און אויך דער גרעסטער טענצער אין דער וועלט. ער האט אויך דערצו זיך געהאלטן פארן גרעסטן פאעט אין דער וועלט־געשיכטע און געזאגט אלעמען, אז ער וועט אנשרייבן א פאעמע אין פערזן, וואו ער וועט שילדערן די געשיכטע פון רוים, און אז דאס וועט זיין א בוך, וואס וועט באשטיין פון ניט־ווייניקער ווי... 400 טיילן. ער מוז ווייזן דער וועלט, האט ער זיך אויסגערימט, אז ער איז דער גרעסטער קינסטלער אויף אלע געביטן, אן איבער־מענטש און אפילו נאך מער ווי דאס. אויב די אנדערע קייזערס האבן געזאגט, אז זיי זיינען

גלייך צו די געטער, מוז ער אַלעמען ווייזן, אַז ער איז פיל העכער. ער איז איבער די געטער...

אָבער כל זמן ער האָט בלויז גערעדט די דאָזיקע אומזיניקע רייד, האָט מען געקענט לאַכן דערפון אין די פויסטן (ווייל עפנטלעך לאַכן פון אים וואָלט געווען געפערלעך). אָבער קיינעם וואָלטן די דאָזיקע באַרימער־רייען קיין שאָדן ניט פאַרשאַפט... מאַלע וואָס אַ משוגענער רעדט זיך איין! זאָל ער אַזוי טראַכטן! וועמען אַרט עס!

אָבער די מעשה איז געווען וואָס נעראָ האָט ניט געטראַכט (ער האָט בכלל ניט געקענט טראַכטן), נאָר אַלע מאָל געוואָלט עפּעס טאָן. צום ערשטן דורך אויפטרעטן אַלס זינגער און טענצער און בכלל אַלס קינסטלער. אַזוי ווי אָבער זיינע אייגענע האָבן אים אַלע מאָל צוריק־געהאַלטן דערפון, איז ער געפאַלן אויף אַן אַנדער המצאה, פון וואָס מען האָט אים שוין מער ניט געקענט אָפּרעדן און וואָס נאָר אין מוח פון איינעם וואָס איז פולשטענדיק פאַרריקט קען אַזאַ זאַך איינפאַלן. נעמלעך: ער וועט לייענען זיין פּאָעזיע אין צירק, ביי דעם ליכט פון שטורקאַצן, וואָס וועלן ברענען אַרום און די שטורקאַצן וועלן זיין ניט עפּעס אַנדערש ווי... לעבעדיקע מענטשן... יאָ, מען וועט צובינדן לעבע־דיקע מענטשן צו שטאַנגען, מען וועט זיי באַשמירן מיט סמאָלע און דערנאָך אָנצינדן און ביי דעם דאָזיקן ליכט פון די גוססדיקע ברענענדיקע מענטשן וועט ער לייענען זיינע לידער...

אין יענער צייט האָט מען אין רוים גערודפט די קריסטן. דאָס זיינען געווען די ערשטע אָנהענגער פון יעזוסן, וועלכע האָבן אויסגערופן, אַז די געטער פון רוים, ווי יופּיטער, ווענוס און אַנדערע, זיינען קיין געטער ניט, נאָר עס איז דאָ אַ גאָט אין הימל, אַן איין און איינציקער גאָט און אַז דער גאָט האָט געשיקט זיין זון יעזוס צו די מענטשן צו שטראָפן זיי פאַר זייערע זינד... ווי עס זאָל ניט זיין, האָבן די ערשטע קריסטן אויסגערופן די פאַלשקייט פון די געטער פון רוים און אויך דעם גלויבן אין אַן איינציקן גאָט, וואָס איז אין הימל, דערנאָך איז געקומען דער גלויבן אין יעזוסן. נעראָ און די גאַנצע געזעלשאַפט פון רוים האָבן געהאַסט די ערשטע קריסטן און זיי שרעקלעך גערודפט. נו, איז אים איינגעפאַלן צו נוצן זיי פאַר אַ מיטל צו באַלויכטן דעם זאַל פון צירק, ווען ער וועט לייענען זיינע לידער.

דערפון האָבן זיינע עצה־געבער אים שוין ניט צוריקגעהאַלטן, ווייל זיי אַליין האָבן אויך געהאַסט די ערשטע קריסטן און געוואָלט זייער טויט.

און אַזוי איז עס געשען, אַז נעראָ האָט באַלד איינגעלאַדן די גאַנצע באַפעלקערונג פון רוים צו אַ זעלטענעם ספּעקטאַקל, ווען ער וועט לייענען זיינע לידער. ער האָט געלאָזט וויסן, אַז רוים וועט זען אַזעלכעס, וואָס זי האָט נאָך ביז איצט ניט געזען.

און אין אָוונט האָט מען געכאַפּט די אַרעסטירטע מענער און פרויען, וואָס זייער זינד איז געווען דאָס, וואָס זיי זיינען געווען קריסטן, און זיי געפירט אַוועק אין צירק. באַלד האָט מען יעדן פון זיי צוגעבונדן צו אַ שטאַנג, אים באַשמירט פון קאָפּ ביז צו די פיס מיט סמאָלע און אויף אַ סיגנאַל פון נעראָן האָט מען די לעבעדיקע שטורקאַצן אונטערגעצונדן...

נעראָ איז אַריינגעפאָרן אין צירק אין אַ קאַרעטע פון העלפאַנט־ביין, באַפּוצט מיט גאָלד. ער איז געווען באַגלייט פון נאָך אַנדערע קאַרעטעס פון נימפן און קורטיזאַנקעס, וואָס האָבן געלאַכט הויך אויפן קול. נעראָ האָט זיך פאַרנייגט אויף רעכטס און אויף לינקס און באַלד גענומען לייענען זיינע לידער ביי דער באַגלייטונג פון די מוראדיקע געשרייען פון די ברענענדיקע מענער און פרויען...

דערנאָך איז נעראָ אַהיימגעפאָרן אין זיין פּאַלאַץ אַלס זיגער. ער האָט באַוויזן דאָס, וואָס קיינער פון די רוימישע הערשער פאַר אים האָט דאָס ניט באַוויזן.

* * *

און דאָ קומען מיר צו צו דער געשיכטע פון דער שרעקלעכער שרפה פון רוים.

וועגן דעם גרויסן פייער פון רוים אין נעראָס צייט, ווען דריי־פערטל פון דער שטאָט איז אַוועק מיט די פלאַמען, איז פיל געשריבן געוואָרן. עס איז באַקאַנט, אַז ווען רוים האָט געברענט, האָט נעראָ זיך אַמוזירט. ער איז געזעסן אויפן באַלקאָן, האָט אַנגעקוואָלן פון פייער און האָט געשפּילט אויף אַ פליים און געלייענט זיינע לידער.

לויט אַ טייל היסטאָריקער, האָט נעראָ געהייסן אונטערצינדן רוים. די סצענע אין צירק, ווען ער האָט געלייענט זיינע לידער ביי דעם ליכט פון די לעבעדיקע פאַקעלן, איז אים אַזוי געפעלן, אַז ער האָט פאַרטראַכט (אויב אַ משוגענער קען נאָר טראַכטן...), אַז ער זאָל אונטערצינדן גאַנץ רוים, און לייענען דעמאָלט זיינע לידער... לויט אַנדערע, האָט ער ניט געהייסן אונטערצינדן רוים, נאָר בלויז ניט געלאָזט לעשן דאָס פייער, ווייל ער האָט זיך אַמוזירט דעמאָלט מיט זיינע אויסגעלאַסענע פרויען...

ווי עס זאָל ניט זיין, רוים האָט געברענט זעקס טעג און זיבן נעכט. ביי אָט דער שרפה איז אָפּגעווישט געוואָרן דריי־פערטל פון דער שטאָט. נעראָ האָט געזאָגט — און דאָס איז באַוויזן געוואָרן — אַז ער דאַנקט די געטער פאַרן פייער, ווייל דאָס איז געווען די שענסטע סצענע, וואָס ער האָט אַמאָל געזען. אָבער צי נעראָ האָט געהייסן אונטערצינדן די שטאָט, אָדער בלויז ניט געלאָזט לעשן דאָס פייער, ער האָט, יעדנפאַלס, די שרפה אויסגענוצט פאַר אַ מעכטיקער סצענע פאַר זיין גרויסן „קינסטלערישן״ טאַלאַנט, ווי ער האָט זיך געהאַט איינגערעדט. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַלע מאָל אין אַן אַנדערן הערלעכן אָנצוג און געשפּילט אויף דער פליים, אויפן באַלקאָן פון זיין פּאַלאַץ, כדי ער זאָל קענען בעסער זען די פלאַמען און האָבן דערפון אינספּיראַציע... און, ווי געזאָגט, איז ער דערביי געווען אַרומגערינגלט פון זיינע נימפן און הורן און פון די... פינף טויזנט באַצאָלטע „בראַוואָ־פּאַטשער״...

די לוסט צו מאָרד האָט זיך איצט ביסלעכווייז צעשפּילט ביי נעראָן וואָס אַמאָל אַלץ מערער.

ווי געזאָגט, זיינען אויפן ערשטן פּלאַץ געווען די קריסטן, אָבער אַ חוץ זיי האָט ער אויך געהאַט גענוג אַנדערע קרבנות. ער האָט געהייסן אויספאָרשן ווער עס איז זיין פריינד און ווער עס איז זיין שונא. דאָס האָבן געטאָן פאַר אים זיינע מענטשן. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז ווען זיי האָבן פיינט געהאַט, אָדער פון ווען זיי האָבן געוואָלט פּטור ווערן, האָבן זיי אַרויפגעשטעלט אויף דער ליסטע פון זיינע שונאים. זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז ער וועט זיך מיט זיי אָפּרעכענען און אַזוי איז געווען.

אָבער אַפילו דאָס האָט ער געטאָן אויף אַן אַנדערן שטייגער, און ניט ווי אַלע מערדערישע קייזערס פאַר אים. ער האָט ניט געהייסן די הענקער אָפּהאַקן זייערע קעפּ, נאָר ער האָט עס געטאָן אויף אַ נייעם, אָריגינעלן אופן. אַזוי ווי ער איז גאָט, און אַזוי ווי צו אַ גאָט דאַרף מען ברענגען קרבנות, האָט ער יעדען טאָג אַרויסגעשיקט אַ צאָל בריוו צו די מענטשן, וואָס ער האָט געהאַט אויפן צעטל, אַז זיי זאָלן זיך מקריב זיין אויפן מזבח פאַרן גאָט נעראָ און זיי אַליין זאָלן דאָס טאָן. דאָס הייסט: באַגיין זעלבסטמאָרד...

אָך און ווי איז געווען צו די יעניקע וואָס האָבן נעראָס באַפעל ניט אויסגעפאָלגט. זיינע שפּיאָנען האָבן זיי שוין אויסגעפונען און אַזוי געמאַטערט זיי מיט די שרעקלעכסטע יסורים, ביז זיי האָבן זייערע נשמות אויסגעהויכט...

פריער האָט נעראָ געשיקט בריוו צו אַלע שונאים, אָבער שפּע־

טער האָט ער שוין איינגעשלאָסן אין די ליסטעס פון זעלבסטמערדער אַפילו זיינע פריינד און, איבערהויפּט רייכע מענטשן, ביי וועלכע ער האָט געוואָלט אַוועקנעמען זייערע גרויסע פאַרמעגנס. דאָס האָט ער געטאָן דורך שפּיאָנען, וועלכע האָבן אים געדאַרפט מודיע זיין וועגן יעדן רייכן מענטש, און וויפל ער פאַרמאָגט. שפּעטער האָט נעראָ אַוועק־געשטעלט אויפן צעטל פון די זעלבסטמערדער אַפילו די דאָזיקע שפּיאָנען גופא...

„דאָס זיינען געווען טעג — שרייבט איין היסטאָריקער — ווען קיינער איז ניט געווען זיכער מיטן לעבן אין רוים. אויפן טראָן איז געזעסן אַ משוגענער, וועלכער האָט אַלע טאָג זיך אויסגעזוכט נייע קרבנות, לויט די משוגענע איינפאַלן, וואָס זיינען אַריין אין זיין ווילדן מוח... צווישן די, וועלכע ער האָט געשיקט אַ צעטל צו באַגיין זעלבסט־מאָרד, איז אויך געווען זיין לערער, דער פילאָזאָף סענעקא... און אויך איינעם פון זיינע בעסטע חברים פון די גאָר יונגע יאָרן, וועלכער האָט זיך אַלע מאָל אָנגענומען פאַר אים, איינער מיטן נאָמען פּעטראָניוס. ער האָט קיינעם ניט געשאָנעוועט.

אַזוי האָט רעגירט אַ משוגענער אויפן טראָן פון רוים, וואָס זיין נאָמען איז געווען נעראָ, גאַנצע דרייצן יאָר, און עס האָט אויסגעזען שוין, אַז ער אַליין וועט אומברענגען די גאַנצע באַפעלקערונג פון רוים...

* * *

ענדלעך האָט דער גייסט פון רעוואָלוציע אַרומגענומען די רוימער. אַלע האָבן געפילט, אַז מען מוז עפּעס טאָן, כדי פּטור צו ווערן פון דעם טיראַן. אָבער יעדער איינער האָט מורא געהאַט דאָס מויל צו עפענען.

דער בעסטער וועג אָבער אין רוים אין יענער צייט, איז געווען אָנצוהויבן אַ רעוואָלוציע קעגן רוים, אין אַן אַנדער לאַנד. דאָס האָט אויסגעקוקט נאַטירלעך און עס האָט אויך געפאָדערט אָפּט, אַז דער קייזער זאָל אַליין אָנפירן מיט דער אַרמיי אויף איינצושטילן דעם אויפ־שטאַנד, און דאָס איז וואָס די רוימער האָבן איצט געטאָן.

אַ גרופּע פון סענאַטאָרן זיינען אַוועק קיין גאול (דאָס אַמאָליקע פראַנקרייך) און דאָרטן געהעצט די מאַסן צו אַ רעוואָלוציע. מען האָט אָנגעהויבן צו קעמפן קעגן דער רוימישער אַרמיי, וואָס איז דאָרטן גע־שטאַנען און אַלע טאָג זיינען געפאַלן קרבנות. באַלד האָט מען געלאָזט וויסן נעראָן אַז אין גאול האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע.

נעראָ האָט באַלד אַוועקגעשיקט אַן אַרמיי מיט אַ פעלד־מאַרשאַל

קיין גאול. אָבער די סענאַטאָרן זיינען שוין געווען אין שפּאַניע און אַרויס־גערופן אַ רעוואָלוציע דאָרטן. ווידער זיינען די מאַסן אַנגעפאַלן אויף די רוימישע זעלנער, וואָס זיינען דאָרטן געווען און ווידער זיינען קרבנות געפאַלן יעדן טאָג.

נעראָ האָט איצט געקראָגן די נייעס, אַז עס האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע אויך אין שפּאַניע, און אַז עס גרייטן זיך אַזעלכע רעוואָלוציעס אויך אין פיל אַנדערע איינגענומענע לענדער. ער איז געווען פאַרצווייפלט, ווייל ווי וועט ער נעמען אַרמייען צו שיקן אין אַלע לענדער, וואָס רוים האָט איינגענומען?

כדי צו מאַכן דאָס שטאַרקער, האָבן אַ פּאָר פון זיינע „פריינד" אים צוגערעדט, אַז ער זאָל פאָרן קיין גריכנלאַנד, ווייל דאָרטן בענקט מען ממש צו הערן זיינע געזאַנגען. די „פריינד" האָבן אים פאַרזיכערט, אַז אין רוים פאַרשטייט מען זיך ניט גענוג אויף זיינע קינסטלערישע כוחות. אָבער אין גריכנלאַנד, וואו דאָס פאָלק איז מער קינסטלעריש, וועט מען אים ממש טראָגן אויף די הענט...

נעראָ האָט די „פריינד" געגלויבט און איז געפאָרן קיין גריכנלאַנד מיט זיינע נימפן, הורן און „בראַוואָ־פּאַטשער"... אָט די רייזע האָבן אויס־גענוצט די, וואָס האָבן צוגעגרייט די רעוואָלוציע. ווי נאָר נעראָ האָט פאַרלאָזט רוים, האָט מען גענומען אָפן רעדן אין שטאָט, אַז מען מוז פּטור ווערן פון אים... דאָס האָבן שוין געטאָן די רעוואָלוציאָנערן אָפן. גאַנץ רוים האָט איצט געשטורעמט קעגן נעראָן און אַלע האָבן גערעדט דערפון, אַז מען מוז טאָן אַלצדינג, אַז ער זאָל ניט קומען צוריק.

באַלד האָט מען אין מאַדריד, אויף אַ וואונק פון די רעוואָלוציאָנערן פון רוים, געקרוינט גאַלבאַ, דעם גובערנאַטאָר פון שפּאַניע, פאַר דעם קייזער פון רוים, דערנאָך האָט מען דערקלערט נעראָן אַלס אַ שונא פון פאָלק און אַ שונא פון שטאָט. גלייך דערויף האָט מען אַרויסגעטראָגן אויף אים אַן אורטייל פון טויט־שטראָף.

נעראָ איז איצט געלאָפן גיך אַהיים. אָבער ער האָט געפונען שוין אין פּאַלאַץ אַן אַנדערע שטימונג. די סאָלדאָטן האָבן אים שוין ניט מער געפאָלגט. ער איז באַלד אַנטלאָפן פון פּאַלאַץ, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל אים דאָ ניט אומברענגען. ער איז אַנטלאָפן צו א „פריינד" אין אַ דאָרף. אָבער די „פריינד" פון רוים האָבן אים איצט געראָטן, אַז ער זאָל באַגיין זעלבסטמאָרד — איידער מען כאַפּט אים און מען וועט פון אים שניידן שטיקער פלייש, ווי די רעוואָלוציאָנערן האָבן געהאַט באַשלאָסן.

נעראָ איז אָבער געווען אַ פּחדן און ער האָט עס ניט געקענט. אַ גאַנצע נאַכט איז ער געלעגן באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון צימער אין טויט־שרעק. ענדלעך, פאַרטאָג, האָט ער געהערט ווי עס רייטן אַהער, צו זיין הויז, אַן אָפּטיילונג פון קאַוואַלעריע אויף פערד. זיינע „פריינד" האָבן אים געזאָגט, אַז דאָס גייט מען אים איצט צעשניידן אויף שטיקער. האָט ער געבעטן זיך ביי די דינער צו העלפן אים און איינער פון זיי האָט אים געגעבן אַ שאַרפן קינזשאַל און אים געהאָלפן זיך אַריינשטעכן אים אין בויך. דאָס איז געווען זיין ענדע.

נעראָס לעצטע ווערטער זיינען געווען: „וואָס פאַר אַ גרויסן קינסטלער האָט די וועלט איצט פאַרלוירן!" נעראָ איז אינגאַנצן אַלט געווען דרייסיק יאָר.

23. אויסגעלאַסנקייט אין רוים

רוים האָט ניט געהאַט קיין שום מאָראַל. — די געשיכטע פון דריי אויסגעלאַסענע קייזערינס. — די קייזערין מעסאַלינאַ וואָס איז אַוועק שלאָפן מיט מענער אין פּראָסטיטוציע־הייזער. — ווי אַזוי מען האָט איר אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. — די קייזערין פּאָפּאַעאַ וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון אַ צנועה און איז געווען אויסגעלאַסן. — די קייזערין אַגריפּינאַ, וועלכע האָט געוואָלט, אַז מענער זאָלן שמייסן איר לייב.

מאָרד און רויב גייען צוזאַמען מיט אויסגעלאַסנקייט. דאָס איז אַן אומצעטיילבאַרער טריאומוויראַט. דאָס זעלבע איז אויך געווען אין רוים. צוזאַמען מיט מאָרד און רויב האָט דאָרטן געהערשט אויסגעלאַסנקייט אויף דער העכסטער מדרגה. אויף דעם געביט האָט מען געטאָן וואָס נאָר מען האָט געוואָלט. פאַרגוואַלטיקונגען פון יונגע פרויען איז געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך און דערפאַר איז מען ניט באַשטראָפט געוואָרן. עס איז אין געוויסע צייטן געקומען אַזוי ווייט, אַז אַ סך יונגע מיידלעך האָבן זיך געשעמט מיט זייער מיידלשאַפט און געוואָלט, אַז מען זאָל זיי פאַרגוואַלדיקן. עס איז געוואָרן אַזאַ מין ערע. אַ צייכן, אַז מענער יאָגן זיך נאָך זיי און ווילן זיי. עס זיינען אויך געווען פאַלן פון פאַרקער מיט אייגענע, ווי פאָטערס מיט טעכטער, מוטערס מיט זון און שוועסטער מיט ברידער, און אַפילו פאַלן ווען פאָטערס זיינען געשלאָפן מיט זייערע טעכטער פאַר זייער מוטער אין די אויגן און אַזוי אויך מוטערס מיט זייערע זין. עס זיינען אויך געווען פאַלן ווען זיידעס זיינען געשלאָפן מיט אייניקלעך, יונגע מיידלעך. דאָס איז געווען לויט דער „מאָראַל" פון רוים. עס איז בכלל דאָרטן ניט געווען אַזאַ מין סיסטעם וואָס מען קען עס אָנרופן מאָראַל.

כדי צו געבן אַן אילוסטראַציע פון דער אויסגעלאַסנקייט פון רוים ווילן מיר דאָ ברענגען דריי פאַלן וואָס האָבן פּאַסירט מיט די הערשערינס פון לאַנד; גראָד מיט די, וועלכע האָבן געדאַרפט זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע. מיר וועלן דאָ ברענגען וואָס די היסטאָריקער שרייבן וועגן דריי רוימישע קייזערינס. די ערשטע די קייזערין מעסאַלינאַ. זי איז געווען דאָס ווייב פון קייזער קלאַודיוס דרוסוס (געהערשט פון יאָר 41 ביז 54 — קריסטלעכע צייט־רעכענונג). אָט די קייזערין איז געווען אַ מוס־טער פון אויסגעלאַסנקייט וואָס אַפילו צווישן די סאַמע אויסגעלאַסענע

פרויען פון די הויכע רוימישע פענצטער האָט מען ניט געפונען איר'ס גלייכן.

אַ טייל היסטאָריקער ווילן איר פאַרגלייכן צו קלעאָפּאַטראַן מיט אירע ליבעס. אָבער קלעאָפּאַטראַ איז געווען קלוג און האָט זיך ניט אָפּגעגעבן מיט יעדן איינעם. זי איז געווען טאַקע אַ זייער סעקסועלע פרוי, אָבער האָט געוואוסט וואו איין און וואו אויס. דערצו האָט זי געהאַט נאָך אַ מעלה, זי האָט געקענט ליבן. זי האָט ליב געהאַט מאַרק אַנטאָניאַ מיטן גאַנצן פייער פון איר נשמה. מעסאַלינאַ אָבער איז געווען אַ פּראָסטע זונה, אָן שום צוריקהאַלט.

קייזער קלאַודיוס, איר מאַן, איז געווען אַ שיכור. ער איז געווען אַ שוואַכזיניקער מענטש. ער האָט שוין געהאַט פיר פרויען איידער ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין קוזינע מעסאַלינאַ. וואָס ס'איז געשען מיט די פריערדיקע פיר ווייבער, איז ניט באַוואוסט. לויט אַ טייל היסטאָרי־קער, האָט ער זיי אָפּגעגט. לויט אַנדערע, זיינען זיי געשטאָרבן. יעדנפאַלס דערמאָרדעט האָט ער זיי ניט און דאָס איז שוין אויך אַ מדרגה פאַר אַ רוימישן קייזער.

וואַלעריאַ מעסאַלינאַ איז געווען אַ שיין מיידל, אָבער מיט זייער פיל ליידנשאַפט אין איר הארצן. פאַר איר איז געווען וויניק אַלדאָס גאָלד און טייערע שטיינער וואָס עס האָבן זיך געפונען אין פּאַלאַץ און גאָר באַזונדערס — אַלע מענער פון רוים. באַלד נאָך איר חתונה האָט זי געוואוסט ווי אַזוי אָפּצונאַרן איר אַלטן אָפּגעלעבטן מאַן און אַליין זיך אָפּצוגעבן צו יעדן איינעם מיט וועמען זי איז געקומען אין באַרירונג אין הויף. זי איז געווען אינטים מיט די גענעראַלן, מיניסטאָרן און הויכע באַאַמטע און אויך מיט דער דינערשאַפט, מיט די שקלאַפן, מיט די אַנטרייבער פון די פערד און אייזלען, מיט די הויף מיסט־קערער און מיט וועמען ניט. עס איז אין הויף קיין סוד ניט געווען, אַז יעדער מאַן קען האָבן אַ פאַרקער מיט דער קייזערין, אָן שום צערעמאָניעס. עס איז אויך געווען לייכט צוצוקומען צו איר. מען האָט נאָר געדאַרפט אָנקלאַפּן אין איר טיר און אַמאָל דאָס אויך ניט...

יעדעס מאָל, ווען זי איז געווען אין טעאַטער, האָט זי געקוקט אַראָפּ און געזוכט צווישן פּובליקום מענער, וואָס זאָלן איר געפעלן און דערנאָך האָט זי געשיקט אירע דינער צו זיי, צו זאָגן, אַז די קייזערין וויל אַז זיי זאָלן קומען צו איר... דאָס זעלבע פלעגט אויך זיין ווען זי איז געגאַנגען אין די גאַסן פון רוים. זי פלעגט אָפּשטעלן יעדן מאַן, וואָס איז איר געפעלן און אים פאַרבעטן צו זיך אין איר פּאַלאַץ...

מעסאַלינאַ איז ווירקלעך געווען אַ מוסטער פון אויסגעלאַסנקייט אין יעדער הינזיכט. זי האָט געקענט פאַרברענגען אַ נאַכט מיט אַ הויכן אָפיציר אָדער אַ סענאַטאָר אין איר פּאַלאַץ ביזן אויפגאַנג פון טאָג און שפּעטער זיך אָנטאָן און אַרויספאָרן אין איר קאַרעטע אין דער אומגעגנט פון רוים, וואו עס זיינען געווען די פּראָסטיטוציע־הייזער, אַריינגיין אַהין און זאָגן צו די אייגנטימער, אַז זי וויל דאָ זיין אַ גאַנצן טאָג אָדער אַ גאַנצע נאַכט און שלאָפן מיט יעדן מאַן וואָס וועט אַריינקומען... זי פלעגט אויך יעדן אָוונט אַרויסגיין אין גאַס, אַ נאַקעטע, בלויז מיט אַ לייכטן מאַנטל אויף אירע פּלייצעס און אָפּשטעלן מענער און זיי רופן צו קומען אין איר פּאַלאַץ...

אָט דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען יאָרן לאַנג. ענדלעך האָבן עטלעכע פון אירע פּאָליטישע קעגנער אויפמערקזאַם געמאַכט איר נאַרישן מאַן, אַז זי שלעפט זיך אַרום מיט אַלע, און אַז דאָס פאָלק איז זייער אויפ־געערגט פון אירע האַנדלונגען. אין אָנהויב האָט דער קייזער אַפילו ניט געוואָלט זיך צוהערן צו זייערע רייד, אָבער באַלד האָבן פּאַסירט זאַכן וואָס האָבן געמאַכט ציטערן אַלע ווייבער פון רוים. דאָס איז געווען, ווען זי האָט געצוואונגען אַ יונגן אָפיציר גאַיוס צו שלאָפן מיט איר און דורך שרעקן אים מיט טויט־שטראָף באַפוילן אים אַז ער זאָל אָפּגטן זיין ווייב. אַלע רוימישע פרויען האָבן איצט מורא געקראָגן, אַז זי זאָל ניט טאָן אַזוי אויך צו זייערע מענער און עס איז געוואָרן אַ געוואַלד.

דערווייל האָט זיך געמאַכט, אַז קלאַודיוס איז אַוועק מיט אַ פריינד קיין אָסטיאַ, אַ קליין קור־פּלאַץ ניט ווייט פון רוים צו דערהאָלן זיך דאָרטן. אַ דעלעגאַציע פון פרויען איז געפאָרן אַהין צום קייזער צו דער־ציילן אים וועגן די אומפאַרשעמטע מעשים פון זיין ווייב, דער קייזערין. דערביי האָבן זיי אים געשילדערט ווי זי, די קייזערין, מעסאַלינאַ, האָט פאַרלוירן יעדע בושה און עס איז רעכט ביי איר צו פאַרקערן מיט יעדן מאַן, אַפילו אין עפנטלעכע פּלעצער. איבערהויפּט פירט זי אָן איצט אירע אָרגיעס אין די גערטנער פון איינעם לוקולוס, וואו זי קומט אַהין אָפט צו פאַרקערן מיט מענער. נאָך פיל רייד האָט דער שיכורער קלאַודיוס געלאָזט זיך איבעררעדן פון די ווייבער צו פאָרן קיין רוים און צו גיין מיט זיי אין די גערטנער וואו ער וועט די קייזערין טרעפן מיט פרעמדע מענער. ער איז געקומען אַהין און איר טאַקע געפונען אין אַ שענדלעכער פּאָזע און גלייך געהייסן איר אָפּהאַקן דעם קאָפּ.

ווען דער תליון איז געקומען צו איר אויסצופירן דעם אורטייל,

האָט ער געפונען ליגן די קייזערין אויפן גרינעם גראָז פון גאָרטן מיט טרערן אין די אויגן... זי האָט שוין איצט געזען, אַז איר סוף איז געקומען. איר מוטער, אַן איידעלע פרוי פון הויכן שטאַם פון רוים, האָט זי געבעטן אַז זי זאָל שטאַרבן גראַציעז, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קייזע־רין, אָבער זי איז ניט געווען קיין בראַווע פרוי און געפאַלן צו די פיס פון דעם תּליון און אים געבעטן, אַז ער זאָל איר לאָזן לעבן. איר מוטער האָט ניט געקענט צוקוקן ווי אַזוי זי, די קייזערין, בעט זיך ביי דעם תּליון, אַ געוועזענער שקלאַף, און האָט אַרויסגעכאַפּט די שווערד פון תּליונס האַנט און געזאָגט:

— נאַ, דערשטעך זיך אַליין! וואַרט ניט אויפן תּליון!

אָבער מעסאַלינאַ האָט געלאָזט פאַלן די שווערד פון דער מוטערס האַנט און אָנשטאָט דעם, נאָך מער געבעטן דעם תּליון און אפילו אים אָנגעבאָטן צו זיין מיט איר און אויפגעדעקט איר לייב פאַר אים... דער תּליון עוואַדניס האָט שוין געגלוסט צו איר, אָבער ער האָט גוט געוואוסט, אַז ער איז געשיקט געוואָרן פון קייזער אָפּצוהאַקן איר קאָפּ און אויב ער וועט עס ניט טאָן, וועט עס מיינען זיין קאָפּ, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די שווערד פון איר מוטערס האַנט און אים אַריבערגעפירט איבער איר האַלדז און איר קאָפּ איז געפאַלן נעבן איר קערפּער. ווען דאָס בלוט האָט גענומען רינען פון אַלע זייטן, האָט די מוטער אָפּגעאָטעמט פריי און איז אַוועק... די גאַנצע פרוי איז דעמאָלט אַלט געווען 26 יאָר.

* * *

און איצט אַ בילד פון אַ צווייטער קייזערין.

מיר האָבן שוין דערציילט פריער וועגן פּאָפּעאַ, וועלכע האָט צוגערעדט נעראָן צו טויטן זיין אייגענע מוטער און דערנאָך האָט זי אים צוגערעדט צו טויטן זיין געוועזענע פרוי אָקטאַוויאַ.

די היסטאָריקער פון יענער צייט דערציילן וועגן איר, אַז זי איז געווען אַ ברונעטע, וועלכע האָט געפאַרבט אירע האָר אויף בלאָנד. עס איז בכלל אין יענער צייט געווען אַ מאָדע אין דער פרויען־וועלט צו פאַרבן זיך די האָר אויף בלאָנד, ממש אַזוי ווי עס איז היינט־צו־טאָג. זי איז געווען אין גענזעלשאַפט אַ שטילע און אַ באַשיידענע, אָבער זי האָט ניט געהאַט קיין שום מאָראַלישע געפילן אין איר האַרץ. זי האָט געהאַט אַ מאַן. אָבער זי האָט אים אָפּגענאַרט יעדן טאָג, ווען נאָר זי האָט געטראָפן עמיצן, וואָס איז איר געפעלן געוואָרן, און ווען זי האָט עס געקענט טאָן אין דער שטיל, אַז מען זאָל ניט וויסן. אין דער ריי פון אירע

מענער זיינען דווקא ניט אַלע געווען פון דער בעסערער געזעלשאַפט, נאָר אויך אַפילו אַן אייזמאַן, אויב ער האָט נאָך געוואוסט צו האַלטן אַ סוד... אויב עמיצער האָט איר געסטראַשעט, אַז ער וועט דערציילן איר מאַן אָדער בכלל רעדן וועגן איר אין דער געזעלשאַפט, האָט זי שוין געוואוסט וואָס צו טאָן. אַזעלכע מענער האָבן אירע באַדינער, לויט איר באַפעל, צוגעמאַכט דאָס מויל אויף אייביק...

די דאָזיקע פרוי פלעגט אַרויסגיין אין גאַס מיט אַ וואואַל, וואָס האָט פאַרדעקט אַ העלפט פון איר געזיכט. אין געזעלשאַפט האָט זי פּראָטעסטירט אויב מען האָט גערעדט ניט אַנשטענדיקע רייד, אַזוי אַז פיל האָבן איר געהאַלטן פאַר אַ צנועה, און דאָס האָט זי געוואָלט. זי האָט געוואָלט גילטן אַלס אַ באַשיידענע אין דער צייט ווען אין איר פּאַלאַץ (זי האָט געהאַט אַן עקסטראַ פּאַלאַץ וואוהין זי פלעגט קומען יעדן טאָג), האָט זי זיך אויסגעטאָן נאַקעט, ווי נאָר זי איז אַריינגעקומען און באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגיעס מיט פאַרשידענע מענער, וועלכע זי האָט איינגעלאַדן. זי האָט געוואוסט אָנצוזאָגן יעדן איינעם פון די מענער ווען יענער איז אַוועקגעגאַנגען, אַז אויב ער וועט רעדן אָדער זיך באַרימען, אַז ער האָט פאַרקערט מיט איר, וועט עס מיינען פאַר אים קורצע יאָרן.

ווען פּאַפּאָעאַ איז אַלט געווען קנאַפּע 12 יאָר און די חברטעס האָבן געלאַכט פון איר, אַז זי איז נאָך אַ בתולה, איז זי אַוועקגעפאָרן צו אירן אַ פעטער, אַ מאַן פון עטלעכע און זעכציק יאָר און אַן צערעמאָניעס זיך אויסגעטאָן נאַקעט און אַוועקגעלייגט זיך אויף זיין בעט. ווען ער האָט געשריגן אויף איר, האָט זי אים פשוט געבעטן צו שלאָפן מיט איר ווייל זי שעמט זיך נאָך צו זיין אַ מיידל.

ווען זי איז עלטער געוואָרן האָט זי חתונה געהאַט זייער יונג מיט אַ פיינעם יונגנמאַן, אָבער זי האָט זיך מיט אים געגט און חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן, וועלכער איז געווען נעראָס אַ פריינד, און פון אים איז זי אַריבער צו נעראָן.

אין דער קורצער צייט וואָס זי איז געווען נעראָס ווייב און קייזערין פון רוים, האָט זי דערגרייכט וואָס נאָר זי האָט געוואָלט. זי האָט זיך געקליידעט אין גאָלד און זילבער און די שלעפּע פון איר קלייד, וואָס איז געווען פון לויטער גאָלד, האָבן איר נאָכגעטראָגן ניט מענטשן, נאָר מויל־אייזלען, וואָס זיינען געגאַנגען הינטער איר שריט ביי שריט. אַלע פרויען פון רוים האָבן דעמאָלט מיט אַלעם נאָכגעטאָן פּאָפּאָעאַן, סיי אויפן געביט פון קליידונג, סיי אויפן געביט פון קאָסמעטיק, און אויך

אין אירע ליבעס. פיל זאַכן האָבן זיך גערופן אויף איר נאָמען. זי איז געווען אַן איבערסעקסועלע פרוי און האָט געדאַרפט האָבן פיל מענער. עס איז ניט געווען דער טאָג, ווען זי זאָל ניט האָבן ביי איר פאַלאַץ אַ האַלבן טוץ פון אירע הונדערטער ליבהאָבער. אָבער דאָס הויז איז געווען אַזוי איינגעאָרדנט, אַז קיינער איז ניט אַריין, ביז דער וואָס איז געווען אין איר בודואַר איז אַרויס דורך אַן אַנדער טיר, אַזוי אַז קיינער האָט זיך דאַרטן ניט באַגעגנט. פּאַפּאַעאַ האָט אויך געקענט געבן אַ וואונק צו דער דינערשאַפט אַפּצוראַמען אַ מאַן נאָכדעם ווי זי האָט מיט אים פאַרבראַכט, און אַמאָל האָט זי אַליין אויך, נאָכדעם ווי זי האָט פאַרבראַכט מיט אַ ליבהאָבער אַ גאַנצע נאַכט, אים אַריינ־געשטאָכן איר קינזשאַל מיט אַ גאָלדן הענטל, אין האַרצן...

* * *

ניט קיין שענערע מעשים ווייסן די היסטאָריקער צו דערציילן אויך וועגן אַגריפּינאַן, נעראָס מוטער. דאָס איז אויך געווען אַ פרוי, אַ זעלטענע שיינהייט, וואָס האָט געוואוסט צו פאַרנאַרן מענער צו זיך און אָנצופירן מיט גאַנצע אַרגיעס. נאָכדעם ווי זי האָט אַריינגעטאָן גיפט אין דעם וויין־בעכער פון קלאַודיוס און ער איז געטויט געוואָרן, האָט זי באַלד אין דער פרי זיך באַוויזן אין גרויסן צימער פון קאַפּיטאַן בורהוס, דער אָנפירער פון דער גוואַרדיע פון הויף, וואָס האָט געהאַט די מאַכט צו באַשטימען ווער עס זאָל זיין דער נייער קייזער, און וועלכער איז געווען אַ באַוואוסטער סאַדיסט און האָט ליב געהאַט צו שלאָגן פרויען.

— וואָס וויל איר מאַיעסטעט? — האָט בורהוס זי געפרעגט ווען ער האָט זי געזען ביי זיך אין צימער.

— זיין מיט אייך אַליין, קאַפּיטאַן!

— איר זיינט עס! איך בין איצט אַליין מיט אייך.

— גוט! — האָט זי געזאָגט און צעקנעפּלט איר לייכט זומערדיק קליידל פון אויבן ביז אַראָפּ אַזוי, אַז מען האָט אַרויסגעזען אין גאַנצן איר לייב — אָט איז מיין לייב פאַר אייך.

— אָבער וואָס ווילט איר, מאַיעסטעט? — האָט בורהוס ווידער געפרעגט — וואָס ווילט איר פון מיר?

— איך וויל געהערן צו אייך אין גאַנצן. איר קענט מיט מיר טאָן וואָס איר ווילט. אַפילו דורך צוטיילן מיר שמיץ, אויב דאָס איז אייך ליב. איך וועל ניט אַרויסלאָזן קיין איין קרעכץ. איך פאַרזיכער אייך.

— און דער פּרייז? — האָט בורהוס געפרעגט.

— בלויז אַז מיין נעראָ זאָל ווערן דער קייזער פון רוים. דאָס ליגט אין אייערע הענט.

— ווילט איר גיין אַזוי ווייט צוליב מוטער־ליבע?

— ניין, דער אמת איז, אַז ניט אינגאַנצן צוליב דעם. ערשטנס, אויב אַן אַנדערער זאָל ווערן קייזער וועל איך אינגאַנצן מוזן פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ, אָבער אויב מיין זון וועט עס זיין, וועל איך זיין די קייזערין־מוטער, אויסער דעם וועלן אייערע שמיץ מיר זיין ליב. איך האָב ליב די רוט.

— מיר געפעלט אייער אמת — האָט בורהוס איר געענטפערט — אייער זון וועט זיין קייזער פון רוים.

אַגריפּינאַ האָט דאַן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך איר קלייד, אָבער בורהוס האָט עס איר געהייסן צוריק אָנטאָן און קומען צו אים אַן אַנדערש מאָל אין אָוונט.

אָט דאָס איז נאָר אַ טייל פון דער געשיכטע פון אויסגעלאַסנקייט פון רוים וואָס האָט באַגלייט די מעשים תעתועים פון מאָרד און רויב.

24. די פינף גוטע הערשער פון רוים

מיט וואָס זיי זיינען געווען „גוט". — עס איז באַשטאַנען דערין וואָס זיי האָבן ניט געמאָרדעט קיין רוימער, נאָר אַנדערע. — אַלע האָבן זיי אונטערדריקט אַלע אויפשטאַנדן פון די לענדער וואָס האָבן געזוכט פרייהייט. — מאַרקוס אורעליוס שיקט בייטאָג אַרמייען צו פאַרניכטן לענדער און ביינאַכט שרייבט ער פילאָזאָפיע. — ער ברענט קריסטן און זאָגט, אַז עס איז גאָר ניט.

די רוימישע געשיכטע ווייסט צו דערציילן אויך וועגן פינף „גוטע" (אָדער „בעסערע") קייזערס, וועלכע האָבן געלעבט און געווירקט אין צווייטן יאָרהונדערט. זיי זיינען געווען „גוטע" (אָדער „בעסערע") דערמיט, וואָס זיי האָבן ניט דערמאָרדעט אַזוי פיל אייגענע מענטשן, זיי האָבן ניט אומגעבראַכט אַזוי פיל אומשולדיקע רוימער ביי זיך אין דער היים, אָבער דאָך האָבן זיי אַלע, אַלע פינף, זיך באַמיט וואָס מער איינצונעמען די וועלט און האָבן אומגעבראַכט הונדערטער טויזנטער אַנדערע מענטשן. זייערע אַרמייען זיינען אַריינגעדרונגען כסדר אין נייע לענדער און וואו זיי זיינען געקומען, האָבן זיי געזייט טויט און פאַרוויסטונג.

דער ערשטער פון די פינף איז געווען נ ע ר וו א. דאָס איז געווען אַ קליין מענטשעלע וואָס האָט געהערשט גאַנץ ווייניק. ער איז געקומען צו דער מאַכט ווען ער איז שוין אַלט געווען 66 יאָר און האָט געהערשט אין גאַנצן 2 יאָר (פון יאָר 96 ביז 98 — קריסטלעכער צייט רע־כענונג). ער איז געווען אַ גוטער אַדמיניסטראַטאָר און האָט פאַרלייכטערט די צאָלונגען פון שטייערן, אָבער ער האָט אויך, ווי אַלע פריערדיקע, אונ־טערדריקט יעדן אויפשטאַנד קעגן רוים, אין יעדן לאַנד, וואו עס איז פאָרגעקומען מיט אַ שטאַרקער מאַכט.

נאָך אים איז געקומען טראַיאַן. ער האָט שוין גענומען נאָכמאַכן יוליוס צעזאַר און געפירט מלחמות אויף אונטערטעניקן נייע לענדער אונטער דעם סצעפטער פון רוים. ער האָט כסדר פאַרגרעסערט די רוימישע מאַכט סיי אין אַזיע און סיי אין אייראָפּע. אין אייראָפּע איז ער געגאַנגען אַריבער דעם דונאַי־טייך און האָט איינגענומען דאָס לאַנד וואָס האָט דעמאָלט געהייסן דאַקיאַ און האָט געגעבן דעם נאָמען אויף „רומעניע". אָט דאָס לאַנד איז אין אַ געווויסער צייט געווען אַן אָרט ווי אַמאָל סיביר אין צאַרישן רוסלאַנד — אַ פּלאַץ, וואוהין מען האָט

געשיקט קרימינעלע פאַרברעכער און שפּעטער אויך פּאָליטישע אַרעס־טירטע.

נאָך טראַיאַנען איז געקומען אַדריאַן (ער ווערט אין תלמוד אָנגערופן „אַדריאַנוס קיסר״). ער האָט אין רוים אויך געגאָלטן אַלס אַ גוטער אַדמיניסטראַטאָר, אָבער ווען עס איז געקומען צו מלחמות מיט אַנדערע לענדער, איז ער געווען אַן אמתער אכזר און האָט געקענט פאַרגיסן בלוט ווי וואַסער. ער האָט געהערשט פון יאָר 117 ביזן יאָר 138 קריסטלעכער צייט רעכענונג. ער איז אין אָנהויב געווען גוט צו יידן פון ארץ־ישראל און אַפילו אין אַ געוויסן מאָמענט דערלויבט זיי צוריק אויפצובויען דעם בית־המקדש, אָבער צוליב דער מסירה פון די שומרונים, האָט ער די דערלויבעניש צוריקגעצויגן. זינט דעמאָלט האָט ער אַרויס־געגעבן וואָס אַמאָל אַלץ שווערערע גזירות אויף יידן, ווי, למשל, ניט אָפּצוהיטן שבת און ניט מל צו זיין די קינדער. ער האָט אויפן הר־הבית אַוועקגעשטעלט אַ סטאַטוע פון זיך, אַז מען זאָל זיך בוקן צו אים. ער האָט אויך אַוועקגעשטעלט אויפן טויער פון בית לחם אַ סטאַטוע — אַ קאָפּ פון אַ חזיר, כדי צו דערצערענען די יידן. אין זיין צייט האָט אויס־געבראָכן דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא וואָס האָט אָנגעהאַלטן 2½ יאָר (פון 134 ביז אין מיטן יאָר פון 137). אַדריאַנוס האָט דעם אויפשטאַנד ברוטאַל אונטערדריקט און עס זיינען געפאַלן טויזנטער יידישע קרבנות.

נאָך אים איז געקומען אויפן טראָן אַנטאָנינוס פּיוס, וועלכער האָט געהערשט פון 139 ביז 161, אַ צייט פון 23 יאָר. ער האָט אויך זיך אויפגעפירט גוט דערמיט וואָס ער האָט ניט דערמאָרדעט פיל פון די אייגענע רוימער, אָבער דערפאַר האָט ער אין זיין צייט אונטערדריקט כסדר יעדן פּרוואו פון אַן אויפשטאַנד אין די לענדער וואָס רוים האָט געהאַט איינגענומען. וואו נאָר אַ לאַנד האָט אויפגעהויבן אַ קאַמף פאַר אַ ביסעלע מער פרייהייט, האָט ער באַלד מיט זיינער אַן אַרמיי אונטער־דריקט דעם אויפשטאַנד.

* * *

דער פינפטער פון די „גוטע״ הערשער איז געווען דער געלערנ־טער מאַרקוס אַורעליוס, אַ קייזער, וואָס איז געווען דערצו אויך אַ פילאָזאָף.

מאַרקוס אַורעליוס איז געווען אַן אַדאָפּטירטער זון פון קייזער אַנטאָנינוס פּיוס. נאָך אַלס יונגער מענטש איז אורעליוס געוואָרן פאַר־אינטערעסירט אין דער פילאָזאָפישער שיטה פון די סטאָאיקער. די סטאָאיקער זיינען געווען אַ סעקטע, וואָס האַלט ניט פון דער וועלט און

פון לעבן. זיי זיינען געווען פעסימיסטן. ביי זיי איז געווען אַ נאַטירלעכע זאַך צו לײַדן. זיי האָבן געהייסן זייערע אָנהענגער שלאָפן אויף אַ בעט פול מיט טשוועקעס און בייטאָג גיין אָנגעטאָן אין שאַרסטקע קליידער וואָס רייצן די הויט. דער יונגער פּרינץ אַורעליוס האָט אין אָנהויב, ווען ער האָט זיך באַקענט מיט די סטאָאיקער, אויך גענומען פירן זיך אַזוי ווי זיי. שפּעטער אָבער האָט ער אָוועקגעוואָרפן די דאָזיקע משונה־דיקע פירונגען, אָבער ער איז דאָך געבליבן אַן אָנהענגער פון דער סטאָאישער פילאָזאָפיע.

דער קייזער אַנטאָנינוס און אויך זיין מוטער די קייזערין האָבן דערמוטיקט דעם יונגן פּרינץ צו שטודירן פילאָזאָפיע. זיי האָבן פאַר דעם צוועק געדונגען פאַר אים אַלס לערער די בעסטע פילאָזאָפישע קעפּ, וואָס עס זיינען געווען אין לאַנד. די דאָזיקע לערער האָבן מיט אים אויך געלערנט אַנדערע לימודים ווי היסטאָריע, פּאָעזיע, קונסט־געשיכטע און אַנדערע קעגנשטאַנדן.

צום שבח פון מאַרקוס אורעליוס דאַרף מען זאָגן, אַז ווען ער וואָלט געגאַנגען ווייטער אויף אָט דעם וועג וואָלט ער געווען אַ וויסנשאַפטסמאַן. ער איז געווען פון נאַטור אויס אַ געלערנטער און עס איז ניט געווען אין זיין כאַראַקטער צו זיין אַ הערשער. ער האָט טאַקע געוואָלט בלייבן אַ שטילער פילאָזאָף, וואָס לעבט זיך אויס אין זיינע ביכער. אָבער דאָס לעבן האָט אַנדערש געוואָלט. ווען דער קייזער אַנטאָנינוס איז געשטאָרבן איז ער לויט דער צוואה פון קייזער און לויטן געזעץ פון רוים געוואָרן קייזער פון רוים. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 40 יאָר.

אורעליוס האָט געהאַט געלייענט פּלאַטאָנס בוך „די רעפּובליק" און געוואָלט איינפירן ביי זיך אין רוים דעם סיסטעם וואָס פּלאַטאָן פּרעדיקט, אָבער ער האָט זיך באַלד אַרומגעזען, אַז פּלאַטאָן רעדט דאָרטן פון אַ רעפּובליק פון אינטעליגענטע מענטשן, אָבער ביי אים אין לאַנד, אין רוים, איז דאָס ניט מעגלעך, ווייל די געזעלשאַפט איז באַשטאַנען פון זייער גראָבע און אומדערצויגענע מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן נידעריקסטן שטאַנד. ער האָט דעריבער איינגעזען, אַז ער וועט מוזן שפּילן אַ דאָפּלטע ראָל: איינע אַלס קייזער פון רוים, ווי דאָס פאָלק וויל, און אַ צווייטע, ווען ער איז אַליין מיט זיך. ער וועט מוזן זיין אַ צוויי־פּנימדיקער — בייטאָג קייזער פון רוים און ביינאַכט דער פילאָזאָף מאַרקוס אורעליוס.

* * *

מאַרקוס אורעליוס האָט געוואוסט, אַז ער שפּילט אַ דאָפּלטע ראָל און האָט אַליין עס מודה געווען אויך. ער האָט געוואוסט, אַז ער פּרעדיקט עטישע פּרינציפּן, וועלכע ער איז ניט שטאַרק גענוג אויסצופירן אין לעבן. ער האָט געלענקט זיין טעטיקייט אין צוויי ריכטונגען, אַלס קייזער פון רוים און אַלס דענקער. דאָס האָט ער געטאָן אין אַ בוך וואָס הייסט „מעדיטאַציעס״. עס איז אַ טאָג־בוך פון זיינע געדאַנקען. ער הויבט אָן דאָרטן זיינע געדאַנקען אַזוי:

„מיין שטאָט און מיין לאַנד, אַזוי לאַנג ווי איך בין מאַרקוס אורעליוס (דאָס מיינט קייזער פון רוים) איז רוים, אָבער אַלס מענטש (אַלס דענקער) איז עס — די וועלט.״

דער אונטערשיד איז גרויס, און ער ווייסט עס. די פראַגע פון אויספאַלגן זיינע אייגענע עטישע פּרינציפּן, שטייט פאַר אים כסדר פאַר די אויגן. ער דאַרף כסדר אונטערדריקן אויפשטאַנדן פון די פאַר־שקלאַפטע לענדער. ער דאַרף אויך גיין אויפן וועג פון די פריערדיקע קייזערס און פירן מלחמות אויף צו פאַרגרעסערן די מאַכט פון רוים. ער ווייסט אָבער, אַז אַ שפּין (אַזוי שרייבט ער אין אַ צווייט קאַפּיטל) איז גליקלעך ווען זי כאַפּט אריין אַ פליג; אַ מענטש איז צופרידן, ווען ער כאַפּט אַ האָז; די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פיש־פאַנג זיינען גליקלעך אויב זיי כאַפּן אַ קליין פישל; יעגערס זיינען באַגייס־טערט ווען זיי פאַנגען אַ בער און די באַזיגער פון פרעמדע לענדער זיינען באַגייסטערט ווען זיי באַפאַלן אַ שטאָט און נעמען געפאַנגענע. אָבער זיינען דען ניט די אַלע, אין גרונד גענומען, פּראָסטע גזלנים, אמתע באַנדיטן?

מיר זעען, אַלזאָ, אַז ער ווייסט וואָס אַזאַ איינער איז, און דאָך — האַלט ער טאָג נאָך טאָג אין אַרויסשיקן אַרמייען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז צו די פיס, מיט גענעראַלן און פעלדמאַרשאַלן צו אונטערדריקן, פאַרניכטן און נעמען געפאַנגען אַלע די, וואָס ווילן זיך באַפרייען פון יאָך. ער שיקט אויך אַרויס אַרמייען איינצונעמען נייע לענדער און ער געדענקט ניט וואָס ער האָט וועגן דעם אַליין געשריבן אין זיינע „מעדיטאַציעס״.

ווען דער טאָג איז אַריבער אין קעניגלעכן פּאַלאַץ באַלד נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעטאָן די מיאוסע אַרבעט פון שיקן אַרמייען צו פאַר־ניכטן אומשולדיקע לעבנס, גייט ער אַוועק, אין אָוונט, אין זיין שרייב־

צימער און זעצט זיך אַוועק שרייבן זיין פילאָזאָפיע. קודם־כל שטראָפט ער זיך אַליין דערפאַר וואָס ער איז צו שוואַך אויסצופירן זיינע עטישע פּרינציפּן אין לעבן; דערפאַר וואָס אַ גאַנצן טאָג שטעלט ער אַוועק די באַרימטקייט פון זיין אַ קריגס־העלד העכער ווי די פאָדערונגען פון גערעכטיקייט. ער זאָגט צו זיך אַליין פאָלגנדיקע ווערטער (אַרויס־גענומען פון זיין בוך „מעדיטאַציעס״):

„אויב דו קענסט ניט האָבן אַ שטאַרקן כאַראַקטער און ווייזן דער וועלט נאָר איין פּנים און ניט זיין אַ „צוויי־פּנימדיקער״, טאָ גיי אַוועק ערגעץ־וואו אין אַן אָרט וואו דו וועסט דאָס קענען זיין. אָבער אויב דו האָסט אויך דערצו ניט קיין מוט, טאָ געזעגן זיך בעסער מיטן לעבן און פאַרטיק... ווייל דעמאָלט וועסטו האָבן געטאָן אַ זאַך וואָס דו וועסט זיין ווערט דערפאַר אַ לויב״...

דאָס האָט ער געשריבן ביינאַכט אין זיין צימער, אָבער — ווען עס ווערט טאָג ווערט ער ווידער קייזער פון רוים. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז מען קען ניט זיין רוימישער קייזער בייטאָג און אַ פילאָזאָף ביינאַכט, אָבער ער האָט ניט דעם מוט זיך אָפּצוזאָגן פון איינס פון די צוויי און צו טאָן די דריטע זאַך — צו געזעגענען זיך מיט דער וועלט.

מען קען ניט באַשולדיקן אורעליוסן אין בייזוויליקייט. עס איז גיכער געווען — שוואַכקייט. ער האָט ניט געהאַט קיין שטאַרקן כאַראַקטער. אָבער ער איז דאָך געווען דער איינציקער צווישן די רוימישע הערשער וואָס האָט געדענקט, אין דער צייט ווען אַלע אַנדערע האָבן געטאָן אַלץ דאָס וואָס עס איז זיי איינגעפאַלן אין קאָפּ, אָן איבער־צוטראַכטן צי עס איז גוט אַזוי צי ניט. ער האָט אין פאַרלויף פון טאָג ניט געקענט טאָן אַנדערש אַלס רוימישער הערשער ווי צו שיקן אַרמייען אויף צו אונטערדריקן די אויפשטאַנדן, וואָס האָבן אויסגעבראָכן דאָ אָדער דאָרט. וואָלט ער אַנדערש געטאָן, וואָלטן זיך די אויפשטאַנדן, די רעוואָלוציעס, פאַרמערט און די איינגענומענע לענדער וואָלטן זיך אָפּגעריסן פון רוים און דעמאָלט וואָלט די רוימישע אימפּעריע אונטער־געגאַנגען, ווי עס האָט ווירקלעך פּאַסירט שפּעטער ווען אין רוים האָבן געהערשט איינער נאָכן אַנדערן מענטשן מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער. עס איז געווען איין אונטערשיד בלויז, דאָס וואָס מאַרקוס אַורעליוס אַלס פילאָזאָף האָט אין זיינע שטילע שעהן, ווען ער האָט מעדיטירט, זיך געקענט אַליין מודה זיין אין זיינע שוואַכקייטן און זאָגן זיך אַליין, אַז ער טוט ניט גוט, אַז ער האַנדלט ניט ריכטיק לויט זיין אייגן געוויסן,

אין דער צייט ווען אלע הערשער זיינען ניט שטאַרק געגוג געווען זיך מודה צו זיין, צו זאָגן אָפן דאָס וואָס זיי דענקען.

אין דעם זין זעט מען אים אויך אַלס קעמפער קעגן די קריסטן. בנוגע זיי איז ער געווען פיל ערגער ווי אלע פיר „גוטע״ קייזערס וואָס זיינען געווען פאַר אים. זיי האָבן די קריסטן געלאָזט צורו. ער אָבער ניט. ער האָט געזען אין זייערע רייד קעגן דעם געצן־דינסט פון רוים אַ געפאַר פאַר דער רוימישער אימפּעריע און ער האָט געהייסן אַרעסטירן זייערע פירער און זיי אָפּהאַקן די קעפּ. אָבער שפּעטער אין אָוונט, ווען ער איז געזעסן אין זיין שרייב־צימער אַליין און האָט געשריבן זיינע מעדיטאַציעס, האָט ער אויפגעשריבן ווערטער פון ליבּ צו זיך אַליין:

„איך, מאַרקוס אַורעליוס, האָב קיינמאָל ניט באַוואוסטזיניק גע־פּייניקט אָדער געהייסן פּייניקן עמיצן״. און וואָס איז וועגן די אומגע־בראַכטע קריסטן, פיל פון זיי דורך מיתה משונהס, איז דאָס אויך גאָרניט? האָט טאַקע מאַרקוס אורעליוס ניט געפּייניקט קיינעם?

אָבער פונדעסטוועגן איז דאָ וועגן אים אַזאַ פאַקט. איינער פון זיינע גענעראַלן, אוידיאוס קאַסיוס האָט אָרגאַניזירט אַ קאָנספּיראַציע קעגן אים און האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אַזוי אים אַפּצורוימען פון וועג. ווען אַורעליוס איז דערפון געוואָר געוואָרן, האָט ער ניט געוואָלט באַשטראָפן דעם גענעראַל. ער האָט בלויז געזאָגט, אַז אויב דער פּלאַן וואָלט אויסגעפירט געוואָרן, וואָלט קאַסיוס געליטן אַליין פון זיין נאַריש־קייט. דער פּלאַן איז דורכגעפאַלן און קאַסיוס איז דערהרגעט געוואָרן פון אַנדערע. אַורעליוס פריינד און אויך זיין אייגענע פרוי, פאַוסטינאַ, האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך אָפּרעכענען מיט דער פאַמיליע פון קאַסיוס, וואָס האָט אים געהאָלפן אין זיין פּלאַן און אויך אָפּרוימען פון וועג אַלע זיינע מיטהעלפער. אַורעליוס האָט דאָס ניט געוואָלט טאָן. „פאַרוואָס זאָלן קינדער ליידן פון די זינד פון די עלטערן, און פאַרוואָס זאָלן אומשולדיקע ליידן פאַר די שולדיקע?״ — האָט ער געזאָגט. די פריינד האָבן צו אים געבראַכט אַ פּאַק מיט בריוו פון קאַסיוסן, וואָס ער האָט געשריבן צו די, וואָס האָבן אים געהאָלפן אין דער קאָנספּיראַציע. דערפון האָט מען געקענט זען, אַז אויך יענע זיינען געווען שולדיק — אָבער אַורעליוס האָט אַפילו ניט געוואָלט עס איבערלייענען. באַלד אָבער נאָכדעם האָט ער אַרויסגעשיקט אַ נייע אַרמיי צו אונטער־דריקן אַ נייעם אויפשטאַנד. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 180 אין עלטער פון 59 יאָר פון פיבער אויפן שלאַכט־פעלד, קעגן די דייטשן.

25. וואָס האָט רוים בייגעשטייערט דער וועלט ?

רוים האָט אין גייסטיקן זין גאָרניט געשאַפן. — זי האָט ניט געהאַט קיין אייגענע רעליגיע נאָר גענומען די געטער פון גריכנ־לאַנד. — די מיינונג, אַז רוים האָט געשאַפן אַ קאָדעקס פון געזעצן. — דאָס עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לעבן פון רוים. — די עפּאָכע פון די זעלנער־קייזערס.

וואָס האָט רוים געגעבן דער וועלט ? האָט רוים, אויסער אירע מלחמות, רויבערייען, מאָרדן און אויסגעלאַסנקייט געגעבן דער וועלט עפּעס פּאָזיטיווס ? האָט זי עפּעס בייגעשטייערט צו דער וועלט־ציוויליזאַציע ?

די געשיכטע פון רוים אַלס אימפּעריע ציילט אַן ערך פון 1,000 יאָר, 500 יאָר פאַרן קריסטנטום און 500 זייט די קריסטלעכע יאָרן־ציילונג (די היסטאָריקער גיבן אָן די אַנטשטייאונג פון רוים אַן ערך פון 700 יאָר פאַרן קריסטנטום. לויט דעם איז די רעכענונג פון דער עקזיסטענץ פון רוים אַ צייט פון 1,200 יאָר, אָבער די צייט פון רוים אַלס אימפּעריע איז געווען 1,000 יאָר).

וואָס האָט רוים אויפגעטאָן אין אָט דער צייט אין גייסטיקן זין ? וואָס איז געווען איר רעליגיע ? וואָס האָט זי אויפגעטאָן פאַר דער וויסנשאַפט ? וואָס האָט זי געשאַפן אויפן געביט פון פילאָזאָפיע און וואָס האָט זי אויפגעטאָן פאַר דער ציוויליזאַציע בכלל ? האָט זי עפּעס בייגעשטייערט צו דער וועלט־קולטור ? האָט זי געשאַפן עפּעס אייגנס ?

אָט די לעצטע פראַגע איז דער סאַמע עיקר. אויב רוים האָט גע־שאַפן עפּעס אייגנס, האָט זי אָט דאָס אייגענע געקענט ביישטייערן צו דער וועלט־ציוויליזאַציע, אָבער אויב זי האָט ניט געשאַפן קיין אייגנס, האָט זי ממילא ניט געהאַט וואָס בייצושטייערן, וואָס איז דער אמת ?

דער אמת איז — רוים האָט ניט געשאַפן קיין אייגנס און האָט ממילא גאָרניט געהאַט בייצושטייערן פאַר די קומענדיקע דורות.

דאָס איז אַן אַלגעמיינע דערקלערונג. אָבער מיר וועלן גיין שריט ביי שריט צו זען ווי ווייט דאָס איז אמת.

צום ערשטן אויפן געביט פון רעליגיע, וואָס דאָס איז דאָך געווען די סאַמע ערשטע זאַך ביי אַלע אַלטע פעלקער, אַפילו ווען זיי זיינען געווען געצן־דינער. מיר זעען, אַז די רוימער האָבן ניט געהאַט קיין אייגענע

רעליגיע מיט קיין אייגענע געטער. אַלץ האָבן זיי אין דער הינזיכט געירשנט פון גריכנלאַנד. זיי האָבן איבערגענומען די גריכישע געטער און האָבן בלויז געביטן זייערע נעמען. אַזוי, צום ביישפּיל, האָבן זיי דעם נאָמען פון גריכישן הויפּט־גאָט צעאוס געביטן אויף יופּיטער. דער נאָמען פון דער געטין אַפראָדיטע געביטן אויף ווענוס; דער נאָמען פון קריגעריש גאָט אַרעס אויף מאַרס; דער נאָמען פון דער געטין אַטענע אויף מינערוואַ. אַפּאָלאָ איז געבליבן אַפּאָלאָ, אָבער פון פּאָסיידאָן איז געוואָרן נעפּטון; פון אַרטעמיס איז געוואָרן דיאַנאָ; פון קראָניס — סאַטורן און פון העפעסטוס — וואולקאַן, און אַזוי כסדר.

אויך די גריכישע מיטאָלאָגיע וועגן די געטער איז פון די רוימער איבערגענומען געוואָרן אַזוי ווי זי שטייט און גייט. אָבער די אַלע געטער האָבן, פּונקט אַזוי ווי די ביי די גריכן, ניט געשאַפן קיין רעליגיע. עס איז ניט געווען קיין גאָטעס־דינסט, קיין פּריסטער, קיין באַשטימטער ריטואַל, און יעדער האָט געקענט גלויבן אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, פּונקט אַזוי ווי ביי די גריכן, וואו יעדער איינער האָט געגלויבט אין וועלכן גאָט ער האָט געוואָלט און ווידער אַמאָל אַזוי ווי ביי די גריכן האָט מען געמוזט גלויבן כאָטש אין איינעם, אויב ניט, איז מען געווען אַן אַפּיקורס און אַזאַ איינעם האָט מען גערודפט.

יעדנפאַלס. דאָס איז קלאָר, אַז רוים האָט קיין אייגענע רעליגיע ניט געשאַפן, אָבער אַזוי ווי די רוימער זיינען געווען געבוירענע רויבער, האָבן זיי אויך ביי די גריכן צוגערויבט זייער גאַנצע מיטאָלאָגיע מיט אַלע פּיטשעווקעס. זיי האָבן זיי נאָר אָנגעטאָן רוימישע קליידער — ד. ה. געגעבן אַלעמען רוימישע נעמען, מער נישט.

* * *

איצט וועגן דעם, וואָס אַ טייל מיינען, אַז רוים האָט געשאַפן דעם איירָאָפּעישן קאָדעקס וועגן געזעצן. וויפל אמת איז דאָ אין דעם?

דער אמת איז, אַז דאָס איז נאָר אַ האַלבער אמת אָדער אפשר גאָר אַ פערטל אמת וואָס איז נאָך ערגער פון אַ גאַנצן ליגן. דער אמת איז, אַז אויך דאָ איז פאָרגעקומען אַ גנבה פון גריכישע פאָרמען פון געזעץ. דאָס האָט געהאָט צו טאָן נאָך מיט דער פּריסטער געשיכטע פון רוים. באַלד אין אָנהויב האָט זיך אויסגעטיילט אין דער רוימישער וועלט אַ קלאַס וואָס האָט זיך געהאַלטן העכער פאַר אַלע און גערופן זיך אַריסטאָקראַטן (מן־הסתם, ווייל זיי האָבן זיך בעסער אויסגעצייכנט אין מלחמות). אָט זיי האָבן אַראָפּגעקוקט אויף די אנדערע, וועלכע זיי האָבן

גערופן „פלעבס״. דאָס הייסט פשוטע מענטשן פון פאָלק, אָבער די אַריסטאָקראַטן האָבן ניט צוגעלאָזט די פלעבס צום וואָרט און אויך באַגרענעצט זייערע טעטיקייטן. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אויפשטאַנד פון די פאָלקס־מאַסן קעגן די אַריסטאָקראַטן. ענדלעך איז אָנגענומען געוואָרן אַ געוויסע צאָל פון געזעצן צו באַשיצן די פאָלקס־מענטשן און צו געבן זיי גלייכע רעכט מיט די אַריסטאָקראַטן.

אָבער היות די רוימער זיינען ניט געווען קיין גרויסע קעפּ אויף צו שאַפן עפּעס אייגנס, האָבן זיי איבערגענומען אַ גאַנצע ריי געזעצן פון די גריכן אַלס זייערע אייגענע. עס איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיסיע וואָס האָט שטודירט די גריכישע געזעצן אין אַטען און באַזונדערס די סאָלאָן־געזעצן, וואָס זיינען נאָך געווען אין קראַפט אין גריכנלאַנד. זיי האָבן דערנאָך איבערגעשריבן די דאָזיקע געזעצן אויף צוועלף באַזונדערע טאָוולען און די טאָוולען אָװעקגעשטעלט אין דעם פאַרזאַמלונגס־הויז. אָט־די געזעצן האָט מען אָנגערופן די רוימישע געזעצן.

אָבער די געזעצן זיינען געווען שווערע, האַרבע און עס איז געווען זיי שווער צוצופאַסן צום לעבן. אַזוי ווי עס זיינען צוליב דעם פאַר־געקומען גרויסע קאַמפן צווישן די בירגער, האָבן די הערשער אַלע מאָל מילדער געמאַכט געוויסע פּונקטן פון די געזעצן, אָבער מיט דעם אַלעם זיינען זיי נאָך געווען צו שווער. די דאָזיקע געזעצן זיינען אויך אין דער רוימישער אימפּעריע אין די לעצטע הונדערטער יאָרן ניט געברויכט געוואָרן, אָבער דאָך ווערן זיי אָנגערופן „רוימישע געזעצן״, „רוימישער קאָדעקס״.

דאָס עקאָנאָמישע לעבן אין דער רוימישער אימפּעריע איז געווען ניט שלעכט. דאָס איז געווען דערפאַר וואָס רוים האָט געהאַט איינגענומען אַ האַלבע וועלט און זי האָט געראַבעוועט פון אַלע איינגענומענע לענדער. די דאָזיקע לענדער האָבן נאָך פריער געהאַט אַן אייגענעם הויכן סאָציאַלן סטאַנדאַרד. די גריכישע שטעט, למשל, האָבן געהאַט זייער הויכן סאָ־ציאַלן סטאַנדאַרד. דאָס זעלבע איז אויך געווען אמת וועגן דער יידישער מדינה. אויך אין עגיפּטן איז געווען אַ הויכער סאָציאַלער צושטאַנד. דאָס זעלבע איז אויך געווען אין גאַול (פראַנקרייך), אין שפּאַניע און אין פיל אַנדערע איינגענומענע שטעט. אין די אַלע שטעט איז דאָס לעבן געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ פיל, פיל העכער ווי אין רוים גופא און ווי אין די רוימישע שטעט, וואו מאָרד, רויב און זנות זיינען געווען אַ טעגלעכע דערשיינונג.

רוים איז געווען אַ בויערין פון שאָסייען; די רעגירונג האָט

געשאַפן וועגן פון שטאַט צו שטאַט און פון לאַנד צו לאַנד. דאָס איז אמת. רוים האָט געבויט כסדר שאָסייען און וועגן אין דער רוימישער אימפעריע, איבערהויפּט האָט זי זיך אויסגעצייכנט דערמיט וואָס זי האָט געשאַפן וועגן פון איין לאַנד צום אַנדערן. זי האָט צוליב דעם צוועק אויסגעהאַקט די גרויסע אוראַלטע וועלדער אין אייראָפּע און געשאַפן פאַרבינדונגען צווישן די לענדער, וועלכע זי האָט באַהערשט. אָבער זי האָט עס געטאָן כדי צו קענען וואָס גיכער אַריינשיקן אַרמייען אין די לענדער ווען עס וועט אויסברעכן אַן אויפשטאַנד. דאָס איז געווען איר איינציקער ציל. זי האָט אויך געשאַפן וועגן צווישן איין פאַרשקלאַפט לאַנד מיט אַ צווייט פאַרשקלאַפט לאַנד, כדי אין פאַל פון אַן אויפשטאַנד זאָל מען אין רוים ניט דאַרפן וואַרטן ביז עס וועט אָנקומען די אַרמיי פון רוים, אויף צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד, נאָר מען זאָל קענען גלייך אַהין שיקן אַן אַרמיי וואָס געפינט זיך אין אַ צווייט פאַרשקלאַפט לאַנד. אַט־די שאָסייען, וועלכע זיינען ניט געווען קיין צו גוטע, זיינען געווען ווי אַ מין נערוון־סיסטעם פון דער רוימישער אימפעריע אויף צו קענען האַלטן אונטער איר בייטש אַלע אונטערדריקטע לענדער. רוים האָט נאָר געטראַכט פון האָבן שטענדיק גרייט אַן אַרמיי צו אונטער־דריקן יעדן פּרוּאוו פון אַן אויפשטאַנד. אין דער הינזיכט איז רוים געווען אַ מלוכה, וואָס האָט פאַרשקלאַפט פיל לענדער אונטער זיך און האָט נאָך געטענהט, אַז עס איז גוט אַזוי; אַז זי טוט די פעלקער דערמיט אַ טובה; אַז זי איז ניט נאָר די שטאַרקסטע, נאָר אויך די בעסטע רעגירונג אין דער וועלט.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך ווי אַזוי רוים האָט איינגעפירט אומע־טום איר שפּראַך — לאַטיין. אין אָנהויב איז לאַטיין געווען נאָר דאָס לשון פון אַ קליין פאָלק וואָס האָט געהייסן לאַטיום. די רוימישע הערשער האָבן די שפּראַך אנערקענט אַלס די שענסטע פון אַלע און זי אַדאָפּטירט אַלס זייער שפּראַך (אויך דאָס מאָל האָבן זיי געגנבעט אַ שפּראַך ביי אַנדערע). ווען לאַטיין איז געוואָרן די שפּראַך פון דער הערשנדיקער מאַכט פון רוים, האָט מען זיך באַמיט אַז אין אַלע לענדער וואָס רוים האָט פאַרשקלאַפט זאָל מען אָפּשאַפן אַלע אַנדערע שפּראַכן, ווי גריכיש, בערבעריש א. ד. גל. און איינפירן נאָר לאַטיין, די שפּראַך פון דער הערשנדיקער נאַציע. נאַטירלעך איז דאָס ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען, אָבער דורך אַריינשיקן אַלעמאָל גרויסע אַרמייען אין די פאַרשקלאַפטע לענדער און דורך האַנדלען מיט די לענדער נאָר דורך לאַטיין, האָט זי ביסלעכוויז אויסגעפירט, אַז לאַטיין איז געוואָרן די שפּראַך פון כמעט

אַלע אירע קאָלאָניעס. אַזוי אַרום איז געשען, אַז אין די לענדער שפּאַניע, פראַנקרייך, שווייץ, דרום־עסטרייך, ענגלאַנד און צפון־אַפריקע האָט מען גערעדט לאַטייניש. און אַפילו נאָכדעם ווי רוים איז אונטערגעגאַנגען, איז לאַטיין נאָך אַלץ געבליבן די שפּראַך פון די פעלקער. ביסלעכווייז אָבער איז לאַטיין געוואָרן פאַרענדערט און יעדעס פאָלק האָט גענומען אַנטוויקלען איר אייגענע שפּראַך מיט לאַטיין אַלס גרונד. אַזוי־אַרום זיינען אַנטשטאַנען די ראָמאַנישע שפּראַכן, ווי איטאַליעניש, שפּאַניש, פראַנצויזיש, פּאָרטוגעזיש און רומעניש, וועלכע זיינען אַלע אַ געמיש פון לאַטייניש מיט אייגענע פאָרמען פון יעדן לאַנד באַזונדער.

* * *

דער הויפּט־גלאַנץ פון רוים האָט אָנגעהאַלטן ביז אַן ערך נאָענט צו ענדע פון צווייטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן אויפשטאַנדן איינער נאָך דעם אַנדערן, וועלכע מען האָט ניט געקענט מער אונטערדריקן.

דער אָנהויב פון דריטן יאָרהונדערט האָט שוין געזען אַ גאַנצע ריי פון אַזעלכע רעוואָלוציעס. אין יענער צייט האָט זיך אויפן טראָן פון רוים שוין ניט געהאַלטן לאַנג קיין הערשער, ווייל די אַרמייען אַליין האָבן אויך רעוואָלטירט, אָנגעפירט דורך איינעם וואָס האָט געוואָלט באַשטייגן דעם טראָן. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז אין איין יאָר, אין דעם יאָר פון מיטן 237 ביז אין מיטן פון 238 זיינען געווען זעקס הערשער אויפן טראָן פון רוים וואָס אַלע זיינען זיי דערמאָרדעט געוואָרן פון די אַרמייען. יענע עפּאָכע ווערט באַצייכנט אַלס די „זעלנער־קייזערס" עפּאָכע, ווייל מען האָט דעמאָלט נאָר געדאַרפט האָבן זעלנער אויף צו אונטערדריקן כסדר די אויפשטאַנדן. אַזוי זעען מיר ווי שפּעטער האָט אַ פּראָסטער זעלנער מיטן נאָמען דיאָקלעטיאַן, געהאַט די אַמביציע און האָט אויך אויסגעפירט, אַז ער זאָל ווערן דער קייזער פון רוים. אָבער אַזוי ווי עס זיינען געווען שווערע צייטן און ער האָט מורא געהאַט ניט נאָר פאַר די פאַרשקלאַפטע פעלקער וואָס מאַכן כסדר רעוואָלוציעס, נאָר פאַר די אייגענע מענטשן וואָס ווילן פאַרכאַפּן דעם טראָן, האָט ער איינגעפירט צוריק די אַלטע מאָדע פון טיילן די הערשאַפט מיט אַנדערע און אַזוי־אַרום האָט ער זיך גענומען שותפים צו דער הערשאַפט און געגעבן די אַבסאָלוטע מאַכט צו איינעם מאַקסימוס, וועלכן ער האָט געהייסן הערשן אין מערב אין דער צייט ווען ער אַליין האָט געהערשט איבער די לענדער פון מזרח. ער האָט געגעבן זיין נייעם שותף די פולע

רעכט פון אַ קייזער און דעם טיטל „אויגוסטוס״ וואָס עס האָט געמיינט, פולשטענדיקער הערשער. דערנאָך האָט ער באַשטימט נאָך שותפים הערשער איבער אַנדערע געגנטן און אויך איינעם וואָס זאָל זיין זיין יורש.

מיר זעען איצט אויך ווי רוים גייט ביסלעכוויז באַרג אַראָפּ און עס רייסט זיך אָפּ פון איר אַלע מאָל אַן אַנדערע פּראָווינץ, וועלכע מאַכט שבת פאַר זיך אַליין, ווערט אַ זעלבשטענדיק לאַנד מיט אַן אייגענער אַרמיי און האָט ניט מער מורא פאַר רוים.

די איינציקע נייעס אין יענער צייט איז געווען דאָס וואָס דער קייזער קאָנסטאַנטין, אַ גענעראַל, וואָס האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, האָט אָנער־קענט קריסטנטום, וואָס מען האָט געהאַט ביז איצט פאַרפאָלגט, אַלס איינע פון די רעליגיעס פון רוים. דאָס האָט געמיינט, אַז מען זאָל מער קיין קריסטן ניט פאַרפאָלגן, נאָר לאָזן זיי עקזיסטירן צוזאַמען מיט די דינער צו די געצן. ער האָט אויך געשאַפן אַ נייע הויפּט־שטאָט פאַר די לענדער פון מזרח, און האָט די שטאָט אָנגערופן דאָס „נייע רוים״, אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער נאָמען פון דער שטאָט איז געביטן געוואָרן אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל, נאָכן נאָמען פון קייזער קאָנסטאַנטין.

רוים גייט איצט אַראָפּ און אַראָפּ כאָטש קריסטנטום ווערט וואָס אַמאָל מער פאַרשפּרייט. אָבער אויך אונטערן קריסטנטום שאַפט זיך ניט קיין באַזונדערס. די רוימער זיינען די זעלבע סיי אַלס געצן־דינער און סיי אַלס קריסטן. זייער נאַטור האָט זיך ניט געביטן.

ווי ווייט מיר האָבן געזען, האָט רוים כמעט גאָרניט צוגעטראָגן צו דער וועלט־ציוויליזאַציע וואָס זאָל זיין פון גרויסער באַדייטונג. פרעגט זיך: זיינען דעמאָלט גאָר ניט געווען דאָרטן קיין קינסטלער, קיין פילאָ־זאָפן, קיין שום גייסטיקע שעפער אויף פאַרשידענע געביטן?

זענען געווען רוימישע פילאָזאָפן און קינסטלער?

דער מענטשלעכער גייסט שאַפט שטענדיק אַפילו ביי מענטשן וואָס שטייען אויף אַ נידעריקן גייסטיקן ניוואָ. דערפאַר זעען מיר, אַז אויך אין דער פרימיטיווער צייט פון דער מענטשהייט האָט דער צייט־גייסט זיך אויסגעדריקט אין שאַפן אויף זיין אופן סקולפּטאָרישע אַרבעטן און קונסט־בילדער. אמת, זיי זיינען ניט פון קיין הויכער באַ־דייטונג, אָבער שאַפונגען זיינען זיי דאָך און געהערן דעריבער צום אוצר פון די קונסט־שאַפונגען פון דער מענטשהייט. דאָס זעלבע איז אויך

ריכטיק בנוגע דעם געביט פון דענקען. אין יענער צייט זיינען אויפ־געקומען די ערשטע פרימיטיווע שאפונגען פון מענטשלעכן דענקען.

דאס זעלבע קען געזאגט ווערן אויך אויף רוים און אויף אירע שאפונגען אין פארלויף פון די 1,000 יאר פון איר הערשאפט אלס אימפעריע. רוים האט אין פארלויף פון דער גאנצער צייט געשאפן סיי אויפן געביט פון דענקען און סיי אויפן געביט פון קונסט און ארכיטעקטור, אבער דאס שאפן גופא איז ניט געווען פון גרויסער באדייטונג.

אבער לאמיר כאפן א שפאציר איבער די שאפונגען פון רוים. צום ערשטן לאמיר זען וואס רוים האט בייגעשטייערט צו דער וועלט אויפן געביט פון דענקען, אין די ראמען פון פילאזאפיע.

ווען מיר קוקן זיך צו צו דער טעטיקייט פון די רוימער אויף אט־דעם געביט, ווערט זייער טרויעריק אויפן הארצן, ווייל מען זעט ווי זיי האבן דא, אויפן געביט פון פילאזאפיע, איבערגענומען פון די גריכן אלץ וואס זיי האבן געהאט. די רוימער, כאטש זיי זיינען געווען אין א געוויסן זין וואנדאלן און האבן צעשטערט שטעט און לענדער, ווען אפילו עס איז ניט געווען גאר נויטיק, האבן דאך געהאט א חוש ניט צו צעשטערן דאס, וואס זיי האבן אליין ניט געהאט, נעמלעך, שאפונגען פון גייסט, א זאך אין וואס זיי האבן זיך אזוי שטארק גענויטיקט. די רוימער האבן געלעבט מיט דער שווערד און האבן דעריבער ניט געהאט קיין מוח, ניט קיין געדולד און ניט קיין צייט צו שאפונגען פון גייסט. קאמף, מלחמה און בלוט־פארגיסונג — דאס איז געווען פאר זיי אן ענין וואס איז געשטאנען כסדר אויף דער טאג־ארדענונג. זיי האבן דעריבער פארשטאנען ניט צו צעשטערן די גייסטיקע אוצרות פון אנדערע. נאך מער, זיי האבן זיי ניט בלויז צוגענומען, נאר אויך אפגעהיט און — געמאכט פאר זייער אייגנס. מיר זעען דעריבער אין דער רוימישער עפאכע גאנץ ווייניק אזעלכע וואס האבן געהאט אן אייגענע רוימישע פילאזאפיע, און אפילו די וואס האבן עס פרובירט טאן האבן ניט פיל דערגרייכט. דער רוב דענקער אין רוים זיינען געווען רוימער וואס האבן געדענקט אין די ראמען פון די גריכישע פילאזאפן און זייער צאל איז אויך געווען זייער ווייניק. מיר האבן שוין דערמאנט פריער דעם קייזער מארקוס אורעליוס, וועלכער איז געווען א סטאאיקער, ד. ה., אן אנהענגער פון דעם גריכישן פילאזאף זענא. אבער אחוץ סטאאיקער זייגען אויך געווען אנהענגער פון עפיקורוסעס שיטה. פון ציצעראס שריפטן דערוויסן מיר זיך, אז עפיקורוסיזם איז געווען אין זיין צייט זייער פארשפרייט. איבערהויפט איז עס געווען אזוי אין די לעצטע

יאָרהונדערטער פון רוימס הערשאַפט. אין לאַנד האָט דעמאָלט זיך פאַר־מערט געוואַלט־טאָטן. די גאַנצע עקזיסטענץ פון רוים אַלס אימפּעריע איז געווען אויף דער וואָגשאָל. עס איז דעריבער געווען אַ צייט וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו דער עפּיקורוסישער שיטה פון „כאַפּ און עס, כאַפּ און טרינק, ווייל דו ווייסט ניט וואָס מאָרגן וועט זיין". מיר וועלן דאָ דעריבער אַרויספירן פון דער גאַנצער ריי פון די רוימישע דענקער בלויז צוויי: פּלאָטיניוס און סענעקאַ.

* * *

פּלאָטיניוס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 204 (אָדער 205 לויט אַנדערע) פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג אין עגיפּטן, לויט אַ טייל היסטאָריקער אין דער שטאָט ליקאָפּאָליס. ער איז אויפגעצויגן געוואָרן אין אַלעקסאַנדריע און האָט דאָרטן באַזוכט עטלעכע פילאָזאָפישע שולן, וואָס זיינען נאָך געבליבן אין יענער צייט. אין זיין צייט האָט דאָרטן געלעבט אַ פילאָזאָף, וואָס האָט געהייסן אַמאָניוס סאַקאָס. וועגן אָט־דעם פילאָזאָף ווייסט מען כמעט גאָרניט, ווייל ער האָט קיין שום ווערק ניט איבערגעלאָזן. מען ווייסט אַפילו ניט, וואָס עס איז געווען זיין פילאָזאָפישע שיטה. אָבער פּלאָטיניוס האָט געלערנט ביי אים. פּלאָטיניוס איז שוין דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 28 און ער האָט געלערנט ביי אים 10 יאָר, ביז ער איז אַלט געוואָרן 38 יאָר. שפּעטער האָט פּלאָטיניוס געוואָלט מאַכן אַ שטודיום פון אַלע פילאָזאָפישע שיטות פון מזרח און צו דעם צוועק זיך אָנגעשלאָסן אין אַן עקספּעדיציע פון קייזער גאָרדיאַן קיין פּערסיע. אָבער ווען אין יאָר 244 איז דער יונגער קייזער דערמאָרדעט געוואָרן, האָט פּלאָטיניוס זיך אַוועקגעלאָזט אַהיים און איז נאָך פיל שוועריקייטן ענדלעך געקומען קיין רוים, וואו ער האָט געעפנט אַ שול פאַר פילאָזאָפיע און איז געוואָרן באַרימט. באַזונדערס איז ער געוואָרן באַליבט ביים קייזער גאַליענוס, וואָס האָט ליב געהאַט פילאָזאָפן. פּלאָטיניוס איז געשטאָרבן אין יאָר 269 (אָדער 270) פון קריסטלעכער צייט־רעכענונג.

פּלאָטיניוסעס פילאָזאָפישע שיטה איז אַ מין אָפּזונדערונג פון דער וועלט, איבערהויפּט פון דעם רעאַלן לעבן. ער איז נוטה מער צו מיסטיציזם. אַזוי, למשל, זאָגט ער, אַז דער נומער „דריי" איז אַ הייליקער נומער און ער רעכנט אויס פיל זאַכן וואָס קומען אין צאָל דריי און ווייזט אויף, אַז נאָר דורך דעם וואָס זיי זיינען דרייפאַכיק האַלטן זיי זיך און עקזיסטירן. ער זאָגט אויך אַז עס עקזיסטירן דריי וועלטן. די וועלט

וואָס מיר נעמען אויף דורך אונדזערע חושים; די וועלט פון געפילן און די וועלט פון גייסט, אָדער פון דענקען. ער איז אַן אַנטי־מאַטעריאַליסט און דאָס פּירט אים צו זאָגן, אַז די מאַטעריע (דער מענטשלעכער קערפּער, למשל) איז שלעכט. טיילמאָל אָבער גייט ער אַוועק אַזוי ווייט אין פאַרניינונג פון דער מאַטעריע, אַז ער זאָגט, אַז ס׳איז בכלל קיין מאַטעריע ניטאָ, נאָר עס איז בלויז אַן אילוזיע. ער זאָגט אויך, אַז מאַטעריע בייט זיך און דערפאַר איז עס ניט קיין זאַך אויף וואָס מען קען זיך פאַרלאָזן. זיין געדאַנקען־גאַנג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ בוך וואו עס זיינען געזאַמלט געוואָרן פיל פון זיינע ווערטער און אַפאָריזמען.

* * *

אַ צווייטער באַדייטנדיקער דענקער איז געווען סענעקאַ. זיין פולער נאָמען איז געווען לוציוס אַנאַעוס סענעקאַ. ער איז געבוירן געוואָרן פיל פריער פאַר פלאָטיניוסן (זיין געבורטס־דאַטע ווערט אָנגעגעבן אַלס דריי יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג). ער האָט געלעבט ביזן 65־טן יאָר פון דער צייט־רעכענונג, אַ קיימא־לן פון 68 יאָר. ער איז געווען אַ פילאָזאָף, אַ דראַמאַטורג און אַ שטאַטסמאַן. אָבער זיינע פילאָזאָפישע שאַפונגען זיינען פון אַ קליינער באַדייטונג. סענעקאַ איז געבוירן געוואָרן אין שפּאַניע אַלס אַ זון פון אַ פּראָפעסאָר. ער איז געקומען קיין רוים נאָך אַלס קינד און איז באַרימט געוואָרן אַלס גרויסער אָראַטאָר. ער איז צוליב אַ געוויסן חטא אַרויסגעטריבן געוואָרן פון רוים, אָבער ער איז איינגעלאַדן געוואָרן שפּעטער פון דער קייזערין אַגריפּינאַ צו ווערן דער לערער פון נעראָן. אין די ערשטע יאָרן פון נעראָס הערשאַפט איז סענעקאַ ווירקלעך געוואָרן דער גאַנצער בעל־דעה אין הויף און האָט געהאַט די זעלבע מאַכט ווי בורהוס דער קאַפּיטאַן פון דער גוואַרדיע. ער האָט דעמאָלט געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף דעם שוואַכזיניקן נעראָ. אָבער מיטן אַריינטרעטן פון פּאָפּאַעאַ אין הויף איז צום ערשטן אָפּגערוימט געוואָרן די קייזערין אַגריפּינאַ. דערנאָך בורהוס און שפּעטער אויך סענעקאַ, וועלכן נעראָ האָט באַפוילן צו באַגיין זעלבסטמאָרד און ער האָט זיך אויפגעשניטן די אָדערן פון זיין האַנט און איז געשטאָרבן.

סענעקאַ איז אין דער פילאָזאָפיע געווען אַ סטאָאיקער. זיין בעסט בוך איז „בריוו צו לוציליוסן". עס הייסט אָבער נאָר בריוו. אין דער אמתן איז עס אַ זאַמלונג פון געדאַנקען אַרויסגעזאָגט אין דער פאָרם פון אַפאָריזמען און מוסר־השכלס. סענעקאַ האָט געשאַפן נאָך פיל אַנדערע

ביכער אין וועלכע ער פּרעדיקט די סטאָאישע פילאָזאָפיע. ער האָט אויך געשאַפן עטלעכע דראַמעס און אויך ביכער וועגן פיזישער וויסנשאַפט.

אָט־די צוויי דענקער זיינען געווען פון די סאַמע באַדייטנדיקסטע אין דער געשיכטע פון דער רוימישער פילאָזאָפיע. עס זיינען נאַטירלעך געווען נאָך אַנדערע, אָבער שוין פון פיל קלענערער באַדייטונג.

* * *

וואָס שייך דער רוימישער קונסט און ליטעראַטור, איז פאַראַן אַ געוויסע צאָל פון שאַפונגען איןביידע געביטן, אָבער ניט פון גרויסער באַדייטונג. עס איז געווען אַ געוויסע צייט ווען רוימישע סקולפּטור איז געשטאַנען אויף אַ העכערער שטופע. דאָס איז געווען אין דער צייט פון אויגוסטוסן, אָבער שפּעטער איז עס אַראָפּ און אַראָפּ. דאָס זעלבע איז אויך ריכטיק וועגן רוימישע קונסט־בילדער. דערפאַר זיינען אין די מוזעאומס ניט פאַראַן קיין סך קונסט־שאַפונגען פון דער רוימישער עפּאָכע.

וואָס שייך דער רוימישער ליטעראַטור, זיינען געווען אַ טייל שאַפונגען פון פּאָעזיע, אָבער נאָר עפּישע, און ניט קיין ליריק. די רוימער האָבן ניט געהאַט קיין דראַמעס נאָר עטלעכע קאָמעדיעס. זיי האָבן אין דער הינזיכט נאָכגעמאַכט געוויסע שאַפונגען פון די עטרוסקאַנס (אַ פאָלק וואָס די רוימער האָבן פאַרניכטעט און צוגענומען זייער גייסטיקע ירושה). עס זיינען יאָ געווען עטלעכע דראַמאַטישע שאַפונגען, אָבער זיי זיינען געווען קאָפּיעס פון די גרויסע גריכישע מייסטערס. איבערהויפּט זיינען געווען פּאָפּולער צוויי קאָמעדיע־שרייבער, פּלאָטוס און טערענצע. פּלאָטוס איז געווען אַן אָרעמער אַרבעטער, וועלכער האָט אין דער פרייער צייט געשריבן קאָמעדיעס. טערענצע איז געווען אַ שקלאַף פון קאַרטאַגע, וואָס האָט געהאַט געוואַקסן אין זיין לאַנד אַ העכערע בילדונג. אָבער די צוויי קאָמעדיע־שרייבער האָבן געשריבן זייערע קאָמעדיעס לויט דער גריכישער שול פון מענאַנדער. איין ענדערונג אָבער האָבן זיי אַריינגע־טראָגן אין דער דראַמע, דערמיט וואָס ביז דעמאָלט איז געווען איינגעפירט אַז דער פּראָלאָג איז געווען דער ערשטער אַקט פון אַ טעאַטער־שפּיל. זיי האָבן אָבער איינגעפירט, אַז דער פּראָלאָג זאָל זיין באַזונדער, גאָר אין אָנהויב פון דער דראַמע און ערשט נאָכדעם זאָל קומען אַן ערשטער אַקט.

דאָס זעלבע איז אויך אמת וועגן דער רוימישער אַרכיטעקטור, וועלכע האָט נאָכקאָפּירט די גריכישע שטריכן און זיך מיט קיין שום

אָריגינעלקייט ניט אויסגעצייכנט. דעריבער קען מען איצט ניט רעדן פיל וועגן רוימישער אַרכיטעקטור, ווייל אויף דעם געביט האָבן זיך די רוימער ניט אויסגעצייכנט. עס האָט זיי געפעלט דער חוש דערפאַר.

מען וואָלט זיך געקענט אָפּשטעלן אויף נאָך אַנדערע ווייניקער וויכטיקע שאַפונגען אין געביט פון קונסט און ליטעראַטור אין פאַרלויף פון דער רוימישער עפּאָכע, אָבער צו דעם אַלגעמיינעם בילד פון רוים וועט עס ווייניק וואָס צוגעבן. מען קען נאָר זען דערפון די אָרעמקייט אין גייסט פון די רוימער, וועלכע האָבן אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן גאָרניט געשאַפן וואָס זאָל זיין פון גרויסער און אייביקער באַדייטונג. ווי מיר געפינען עס ביי אַנדערע פעלקער, וואָס זיינען ניט געווען אַזוי גרויס און שטאַרק און וועלכע זיינען געווען אויף דער לעבנס־אַרענע אַ פיל קירצערע צייט.

אַזוי ווי רוים איז געווען דער אָנהויב פון אונדזער איצטיקער ציוויליזאַציע, איז נאָר צו באַדויערן וואָס די ערשטע טויזנט יאָר פון ציוויליזאַציע־לעבן איז אַוועק אויף אַזאַ אופן. דאָס מיינט, אַז די יוגנט פון דער מענטשהייט איז אַוועק מיט מאָרד און רויב. מיט אַנדערע ווערטער, הייסט עס, ריידנדיק אין אונדזער היינטיקער טערמינאָלאָגיע, אַז דאָס איז געווען אַ קרימינעלע יוגנט פון דער מענטשהייט. איז דען אַ וואונדער, וואָס פון אַזאַ קרימינעלער יוגנט־עפּאָכע איז אַרויסגעקומען אַזאַ צערודערטע וועלט? עס איז, פאַרקערט, נאָך זיך צו וואונדערן, וואָס נאָך אַזאַ טרויעריקער יוגנט איז געקומען אַ צייט פון דערוואַקסנקייט, וואָס איז כלל ניט ענלעך צו דער יוגנט פון אַמאָל.

אָבער עס איז נאָך ניט אינגאַנצן אַזוי. מען דאַרף זיך ערשט צוקוקן צו דעם וואָס עס איז געשען נאָכן אונטערגאַנג פון רוים. יאָ, נאָכן אונטערגאַנג פון רוים הויבט זיך אָן אַן עפּאָכע וואָס רופט זיך אין דער געשיכטע „די פינצטערע צייטן”. נאָכן פאַלן פון רוים הויבט זיך אָן אַ צייט פון חורבן און פאַרוויסטונג וואָס רוים האָט הינטער זיך געלאָזט, און דער עיקר — אַ פאַרדאַרבענע וועלט. עס איז געווען אַ צייט אין וועלכער די מענטשהייט איז געגאַנגען צוריק צו איר אַלטן פרימיטיוון צושטאַנד. אָבער מיט פיל מער נייגונג צו מאָרד און רויב. אויך די נייע עפּאָכע האָט געדויערט אַן ערך פון טויזנט יאָר ביז צו דער צייט פון רענעסאַנס.

קוקט מען זיך צו צו אָט די צוויי טויזנט יאָר, וואָס עס זיינען כמעט די גאַנצע צייט פון אונדזער ציוויליזאַציע, זעט מען אין גרויסן פלעק פון בלוט וואָס הענגט איבער דער גאַנצער מענטשהייט. מען זעט ווי שלעכט עס איז געווען דער פונדאַמענט פון דעם מין מענטש און

ווי ווייניק ער האָט געגאָסן בילדונג און וויסן. מען זעט אויך, אַז מענטש האָט געקעמפט קעגן מענטש די גאַנצע צייט, אָן אויפהער, ווי חיות אין אַ דזשונגל; אַז עס איז קיינמאָל ניט געווען קיין צייט, ווען מענטש איז געווען מענטש — אַ צייט ווען עמיצער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו אַ צווייטן אין דער צייט פון נויט; ווען די אַלע גוטע רייד פון די רעליגיע־פּרעדיקער און מאָראַליסטן האָבן געהאַט אַ באַדייטונג אין לעבן; אַ צייט ווען עס האָט געהערשט די חשיבות פון מענטש.

אָבער עס איז דאָך געווען איין זאַך, וואָס רוים האָט איבערגעלאָזט, און דאָס איז — דאָס קריסטנטום, דאָס קריסטנטום וואָס זי האָט אַליין פריער באַהערשט. מיר וועלן זיך דעריבער אָפּשטעלן דאָ צו זען וואָס אָט די ירושה מיינט פאַר אונדז; וואָס עס איז איר מאָראַלישער כח.

26. קריסטנטום אין רוים

די ערשטע קריסטן אין ארץ ישראל זיינען געווען עטלעכע מנינים פון פרומע יידן. — ווי אַזוי שאול פון תרשיש (פאול) האָט צוגע־פּאַסט די נייע רעליגיע צו ניט־יידן און אָפּגעשאַפט פיל מצוות. — די אַפּאָסטאָלן נאָך שאולן, וועלכע האָבן שוין געפּרעדיקט יידן־האַס. — דער געמיש פון יידנטום — געצן־דינסט און דער פּערסישער גלויבן אין נייעם קריסטנטום. — ווי אַזוי קריסטנטום איז געוואָרן אין דער מאָדע.

די ערשטע דריי הונדערט יאָר פון קריסטלעכן גלויבן, וואָס זיינען אַריבער ביז דער צייט פון אַנערקענונג פון קריסטנטום דורך דער רוימי־שער מאַכט, ווען זי איז געוואָרן די רעליגיע פון דער אימפּעריע, זיינען געווען דריי עפּאָכן אין דער פאָרמירונג פון קריסטנטום. יעדע הונדערט יאָר איז געווען אַן עפּאָכע פאַר זיך און איין עפּאָכע איז ניט געווען גלייך צו דער אַנדערער. די ערשטע עפּאָכע איז געווען די פון יעזוסן און פון זיינע אַנהענגער. די צווייטע עפּאָכע איז די פון שאול פון תרשיש (פּאָול), וועלכער האָט פיל געביטן אין דער לערע פון יעזוסן. די דריטע עפּאָכע איז די פון די אַפּאָסטאָלן, וואָס זיינען געווען אין צווייטן און אין דריטן יאָרהונדערט, אַ קורצע צייט פריער איידער קריסטנטום איז אַנערקענט געוואָרן פון רוים.

די שרייבער פון נייעם טעסטאַמענט ווידערשפּרעכן זיך איינער דעם אַנדערן זייער שטאַרק אַזוי, אַז אַפילו בנוגע דער געשטאַלט פון יעזוסן האָט מען פון דאָרטן קעגנזעצלעכע באַגריפן. לויט די רייד פון די אַפּאָסטאָלן האָט יעזוס געפּרעדיקט, אַז אויב מען שלאָגט דיך אויף איין באַק שטעל אַרויס די צווייטע. און דאָך, פון אַן אַנדער שטעלע ווערט מען געוואָר, אַז ער האָט אַרויסגעטריבן די געלט־טוישער פון בית־המקדש מיט אַ בייטש; ער פּרעדיקט צופרידנקייט פאַר אַלע, און דאָך זאָגט ער אין אַן אַנדער אָרט: „ווי צו אייך, איר וואָס לאַכט היינט וואָס איר זענט צופרידן"; ער פּרעדיקט פאַרגעבונג און דאָס מוחל זיין די שונאים און דאָך אויף אַן אַנדער אָרט בעט ער צו גאָט צו פאַרניכטן זיינע פיינד; ער בענטשט אַפילו די, וואָס האַלטן ניט פון אים, אָבער ער שעלט אַ פייגנבוים, ווייל ער האָט ניט געפונען קיין פייגן אויף אים.

איינס איז זיכער: יעזוס איז געווען אַ ייד. אַ ייד צווישן יידן,

וועלכע האָט אָפּגעהיט יידישקייט. יעזוס האָט געוואָלט שפּילן די ראָל פון אַ נביא, ווען די צייט פון די נביאים איז שוין געווען אַריבער. די תנאים, די פירער פון די יידן אין ארץ־ישראל, האָבן די נביאים־עפּאָכע שוין געהאַט פאַרזיגלט און דער לעצטער נביא איז געווען מלאָכי. אַפילו דניאל איז צווישן די נביאים ניט אַריינגערעכנט. זיין ספר איז אַריין אין דער דריטער אָפּטיילונג וואָס מען האָט אָנגערופן „כתובים". דאָס הייסט שריפטן, אָבער ניט אַלס נביא.

די לאַגע איז געווען אַזוי: ווען עס האָט שוין געהאַלטן ביים סוף פון די נביאים האָט די סנהדרין איבערגענומען דעם גאַנצן ענין און האָט אַרויסגעגעבן איר דערקלערונג ווער עס איז אַ נביא און ווער ניט. די לעצטע דריי נביאים, חגי זכריה און מלאָכי זיינען שוין געזעסן אין בית המקדש און פון דאָרטן געזאָגט זייערע נביאותן אונטער דער אויפזיכט פון די סנהדרין. נאָך מלאכין האָט די קערפּערשאַפט פון די סנהדרין אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג „פסקה הנבואה מישראל" (די נבואה האָט ביי יידן אויפגעהערט). מער זיינען קיין נביאים ניט געווען.

עס זיינען געווען אויך שפּעטער אַזעלכע וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס נביאים, אָבער זיי זיינען שוין מער ניט אָנערקענט געוואָרן. פון פאַרשידענע קוואַלן איז צו זען, אַז די צאָל פון די „נייע" נביאים איז געווען ניט קיין קליינע, אָבער קיינער איז ניט געוואָרן פאַררעכנט פאַר אַ נביא. פאַר יעזוסן איז געווען אויך איינער אַן אַסקעט מיטן נאָמען יוחנן, וואָס האָט געפּרעדיקט שטאַרקע שטראָפן פאַר די זינדיקע און האָט גערופן זיינע אָנהענגער צו טובלען זיך אין ירדן („יוחנן המטביל"), אָבער ער איז ניט געוואָרן קיין נביא. נאָך יוחנן איז געקומען יעזוס, אָדער ריכטיקער ישו פון נצרת, זיין קוזין, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס נביא. ער האָט ווי אַלע אַנדערע נייע „נביאים" געהאַט אַ געוויסע צאָל נאָכפאָלגער. מייסטנס פּראָסטע מענטשן, פישער־לייט און טאָג־לוין אַרבעטער. אָבער מיט אים האָט פּאַסירט עפּעס וואָס האָט ניט געטראָפן מיט די פריערדיקע „נביאים". יענע זיינען געשטאָרבן אַ נאַטירלעכן טויט און זיינען פאַרגעסן געוואָרן, אָבער ישו איז געשטאָרבן דורך די רוימער אויפן קרייץ — לויט זייער אכזרישן וועג — און זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער האָבן דעריבער געגומען גלויבן, אַז ער וועט אויפשטיין תחית המתים און קומען צוריק. יעדנפאַלס האָט זיין טויט אַרויסגערופן אַ גרויסן אויפרודער אין לאַנד פון ישראל, ווייל עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס די רוימער האָבן אומגעבראַכט אַ רעוואָלוציאָנער (פאַר וואָס זיי האָבן אים באַטראַכט) אויף אַזאַ אופן. דאָס קרייציקן איז געווען אַ טויט־פאָרם

ביי די רוימער פאַר קרימינעלע פאַרברעכער, ווי גנבים א. ד. גל., אָבער ניט פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער. זיי האָבן טאַקע צוזאַמען מיט יעזוסן געקרייציקט צוויי גנבים. אַ פאַקט איז, אַז די „עשרה הרוגי מלכות", די צען גרויסע תנאים וואָס די מערדערישע רוימער האָבן אומגעבראַכט, זיינען אומגעקומען אַלע דורך אַנדערע טויט־פאָרמען און ניט אויפן קרייץ.

ווי עס זאָל ניט זיין, איינס איז זיכער, אַז די ערשטע נאָכפאָלגער פון ישו אין לאַנד פון ישראל, אין די ערשטע יאָרן זיינען געווען יידן און דורכאויס יידן (זיי האָבן ניט־יידן אין זייער גרופּע ניט אַריינגענומען). עס איז געווען אַ טייל פון דער אַסקעטישער סעקטע „אביונים", אָבער זיי האָבן זיך געפירט ווי אַלע יידן: זיי האָבן אָפּגעהיט שבת, געדאַוונט יעדן טאָג און אין געוויסע הינזיכטן געווען נאָך פרימער ווי אַנדערע יידן. דאָס איז געווען די ערשטע עפּאָכע פון קריסטנטום.

די צווייטע עפּאָכע פון קריסטנטום איז שוין געווען מיטן קומען פון שאול פון תרשיש, וועלכער ווערט אין נייעם טעסטאַמענט אָנגערופן פּאָול. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער גריכישער שטאָט תרסיס (תרשיש אויף העברעאיש), האָט געלערנט ביי איינעם וואָס האָט געהייסן גמליאל (ניט רבן גמליאל), דערנאָך איז ער געקומען קיין ירושלים. דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיט די אָנהענגער פון ישון, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען אַ קליינע גרופּע פון עטלעכע מנינים פון פּשוטע יידן. די גרופּע איז פון די פרומע יידן פאַרפאָלגט געוואָרן. שאול איז צוגעשטאַנען צו דער גרופּע און האָט געוואָלט עפּעס אויפטאָן. אָבער אין ירושלים האָט ער גאָרניט געקענט טאָן, ווייל די קעגנערשאַפט צו דער גרופּע איז געווען גרויס. ער איז דעריבער אַוועק קיין דמשק און דאָרטן גענומען רעדן אין גייסט פון דער גרופּע. ער האָט אויך גענומען זיך אויסברייטערן די גרענעצן פון דער לערע פון דער גרופּע, אַזוי, אַז מען זאָל קענען אַריינעמען אויך ניט־יידן. צוליב דעם צוועק האָט ער באַזייטיקט פיל שווערקייטן, ווי למשל, מצוות מילה, וואָס איז פאַר ניט־יידן געווען שווער אָנצונעמען. שאול האָט דערקלערט, אַז מען קען געהערן צו דער גרופּע אויך אָן מילה.

נאַטירלעך האָט דאָס אַרויסגערופן נאָך מער אויפרעגונג ביי די פרומע יידן. פּאָול האָט דעריבער איצט גענומען זיך דערווייטערן פון די יידן אינגאַנצן און ער האָט אויסגעביטן שבת אויף זונטיק און האָט אויך אָפּגעשאַפט דאָס דאַוונען אין טלית און תפילין און נאָך אַנדערע יידישע דינים. פאַרשטייט זיך, אַז די פרומע יידן, וועלכע האָבן אים

אַלץ געהאַלטן פאַר אַ ייד, האָבן אים נאָך מער גערודפט. 5 מאָל האָט מען אים געשלאָגן מלקות און איין מאָל האָט אַ יידישער המון אים באַוואָרפן מיט שטיינער, אַזוי אַז ער איז שיער ניט אומגעקומען. מען האָט אים אויך אַרעסטירט און ער איז געזעסן אין געפענגעניש אַ געוויסע צייט. ווען ער איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער זיך גענומען וואָס מער דערווייטערן פון יידן און האָט אַפילו גערעדט קעגן זיי. ער איז געווען דער ערשטער פון די קריסטלעכע שליחים (אַפּאָסטאָלן) וואָס האָט גענומען פאַרשפּרייטן האַס צו יידן און דער יידישער תורה. אַזוי האָט ער געזאָגט וועגן דער תורה, אַז „פון איר, פון דער תורה, קומט אַרויס דער געדאַנק פון זינד, ווייל אָן דער תורה איז ניטאָ קיין זינד״ (אין זיין בריוו צו די רוימער). ער זאָגט אויך, אַז „ווען די תורה וואָלט אונדז ניט געזאָגט „לא תחמוד״, דו זאָלסט ניט גלוסטן, וואָלטן מיר גאָר ניט געוואוסט פון גלוסטן. די תורה האָט ביי אונדז דערוועקט די תאווה צו זינדיקן״ (דאָרטן). פאַול האָט איצט געגעבן זיינע אָנהענגער אַ נייע תורה, וועלכע זאָגט, אַז יעזוס האָט מיט זיין טויט אָפּגעווישט די זינד פון אַלע דורות, אָבער יעזוס וועט קומען צוריק ווען עס וועט זיין נויטיק. ער האָט אויך דער־קלערט, אַז דאָס מל־זיין מיינט ניט אַ פיזישער פּראָצעס, נאָר אַ גייסטיקער. עס מיינט מל צו זיין דאָס האַרץ, אַז מען זאָל בעסער פאַרשטיין. ער האָט ווייטער דערקלערט צו זיינע אָנהענגער, אַז אַלע געבאָטן פון כשר און טריפה זיינען בטל. „אַלץ וואָס מען פאַרקויפט אין מאַרק, קענט איר עסן״ (אין זיין בריוו צו די קאָרינטיער).

אָבער מיט דעם אַלעם האָט ער קיין גרויסן דערפאָלג ניט געהאַט. עס איז זיכער, אַז פאַול האָט געמיינט, אַז נאָכדעם ווי ער וועט אָפּשאַפן געוויסע געזעצן פון דער תורה און וועט מאַכן לייכטער דאָס געהערן צו דער גרופּע, וועט ער געווינען דורך דעם אַ גרויסן עולם פון נאָכפאָלגער. עס איז ניט אַזוי געווען. לויט היסטאָרישע קוועלן האָט ער אויף אַלע זיינע רייזעס אין גריכנלאַנד, אין מאַקעדאָניע, אין דמשק און אויך אין אַנדערע ערטער ניט געוואונען מער ווי אַ טויזנט אָנהענגער. ער האָט טאַקע געגרינדעט דאָ און דאָרטן געוויסע גרופּן, אָבער זיי זיינען באַשטאַנען פון אַ קליינער צאָל מענטשן, ניט מער ווי פון צען, פופצן, אָדער צוואַנציק מיטגלידער אין אַ גרופּע. די גרופּע איז געווען אַ סאָרט יידן וואָס האַלטן אַ ביסל פון יידישקייט, אַ מין רעפאָרם, צו וועלכער עס זיינען צוגעשטאַנען אויך געוויסע ניט־יידן, געצן־דינער, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אין דער גרופּע זייערע מנהגים און זייער לעבנס־שטייגער.

דער דריטער יאָרהונדערט איז געווען דער יאָרהונדערט פון די אַפּאָסטאָלן, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן די לערע פון יעזוסן און פון פּאָולן און די אַנדערע תלמידים. אַזוי ווי אין ארץ־ישראל איז קיין אָרט ניט געווען פאַר די נייע קריסטן, האָבן זיי אַנגעפירט זייערע טעטיקייטן אין רוים, אָבער דאָרטן האָט מען זיי גערודפט. פיל פון זיי האָט מען פאַרמשפּט צום טויט דורך פאַרברענען. אַנדערע זיינען אומ־געקומען דורך פאַרשידענע מיתה־משונהס, און זיי האָבן זיך געמוזט צוזאַמענקומען אין היילן (קאַטאַקאָמבן) אויסער דער שטאָט און דאָרט פראַווען זייערע תפילות (דאָרטן האָבן זיי אויך באַגראָבן זייערע טויטע לויט זייערע צערעמאָניעס). די קריסטן אין רוים זיינען געווען אָנגעוויזן אויפן חסד פון די הערשער. געווען הערשער, וועלכע האָבן זיי שטאַרק גערודפט; אַנדערע ווידער האָבן זיי ווייניקער פאַרפאָלגט און נאָך אַנדערע האָבן זיי געלאָזט לעבן רואיק צוזאַמען מיט די געצן־דינער. אָבער די געצן־דינער זיינען אין יענע צייטן שוין געווען ניט אַזוי שטאַרק איבער־צייגט אין זייער גלויבן אין די געצן וואָס זיינען געוואָרן אימפּאָרטירט פון גריכנלאַנד. מען האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו צווייפלען צי יופּיטער איז ווירקלעך אַזאַ שטאַרקער גאָט.

דערצו זיינען געווען אין יענער צייט פיל אָנהענגער פון דעם פּערסישן גלויבן, מיטראַאיזם, וואָס שילדערט מיטראַן אַלס זון־גאָט (מיטראַ איז געבוירן געוואָרן ביים טאָג־אונטערגאַנג, פון א שטיין, אָבער זיין פאָטער איז געווען די זון). נאָך אַנדערע זיינען געווען געניגט צו דער סטאָאישער שיטה אין דער גריכישער פילאָזאָפיע, וועלכע האָט געפּרעדיקט אַסקעטיזם און דאָס באַגנוגענען זיך מיט ווייניק. דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעמישט מיט די יידישע געדאַנקען, מנהגים און לעבנס־שטייגער וואָס די ערשטע קריסטן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַלס יידן און עס איז געבוירן געוואָרן אַ מין פאַראייניקונג פון אַלע גלויבנס, פילאָזאָפישע שיטות און מנהגים אין איין גאַנצעס.

אָבער דערצו דאַרף מען ניט פאַרגעסן נאָך אַ זאַך, נעמלעך, אַז דעמאָלט ווען קריסטנטום האָט זיך גענומען אויסשפּרייטן אין דער וועלט, זיינען עס געווען די רוימער וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו זיי. די צאָל איז אין אָנהויב ניט געווען קיין גרויסע, אָבער טראָץ די פאַרפאָלגונגען אויפן קריסטנטום (אָדער אפשר טאָקע צוליב די פאַרפאָלגונגען) האָבן זיך אַ סך רוימער אָנגעשלאָסן אָן דעם נייעם גלויבן. אַלע וואָס האָבן געבעטן צו יופּיטערן און ער האָט זיי ניט געהאָלפן און אַזוי אויך אַלע וואָס זיינען געווען עלנט און שוואַך, און האָבן געבעטן צו די אַנדערע

אָפּגעטער און קיין הילף ניט געקראָגן — האָבן באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו דעם נייעם גאָט, צו די קריסטן און זען צי ער, דער נייער גאָט וועט העלפן. אַזוי־אַרום זיינען ביסלעכווייז צוגעשטאַנען די רוימער צום נייעם גלויבן.

דעריבער, זעען מיר, אַז אין אָנהויב פון פערטן יאָרהונדערט (אין יאָר 313 ווען קאָנסטאַנטין האָט אַרויסגעגעבן זיין באַפעל, אַז קריסטנטום זאָל זיין די רעליגיע פון לאַנד), זיינען געווען שוין אַן ערך פון עטלעכע טויזנט קריסטלעכע אָנהענגער אין דער רוימישער אימפּעריע. דאָס האָט נאַטירלעך געמיינט אַ סך קעגן די עטלעכע מנינים וואָס זיינען געווען אין אָנהויב, ווען יעזוס האָט געלעבט און געפּרעדיקט זיין תורה. דאָס איז אַפילו געווען פיל מער וויפל עס זיינען געווען אין דער צייט פון פּאָולן און פון די שפּעטערדיקע אַפּאָסטאָלן.

קריסטנטום האָט איצט אונטער קאָנסטאַנטינען גענומען וואַקסן. וואָס אַמאָל זיינען אַלץ מער רוימער צוגעשטאַנען צו דעם נייעם גלויבן. ערשטנס, ווייל אַזוי איז געווען דער ווילן פון קייזער קאָנסטאַנטין; צווייטנס, האָט מען אויך געצוואונגען גאַנצע שטעט און שטעטלעך איבער־צוגיין צום נייעם גלויבן; דריטנס איז קריסטנטום געוואָרן אַ מאָדע־זאַך, ווייל עס האָט אָנגעשפּאַרט אין די הויכע פענצטער. אויב דער קייזער, די מיניסטאָרן, די אַנדערע גרויסע לייט זיינען קריסטן, האָט עס שוין געפּאַסט אויך פאַרן פּשוטן מענטש צו ווערן אַ קריסט. אַזוי זעען מיר אַז אין גאָר אַ קורצער צייט פון בלויז 10 יאָר איז קריסטנטום געוואַקסן אין צאָל ביז הונדערט טויזנט און שפּעטער מיט פינף יאָר ביז אַ האַלבן מיליאָן און אַלץ נאָך מער און נאָך מער אין דער גרויסער רוימישער אימפּעריע.

אָבער קריסטנטום איז איצט ווייט ניט געווען דאָס וואָס יעזוס האָט געפּרעדיקט, און אַפילו ניט דאָס וואָס עס איז געווען אין דער צייט פון פּאָול און די אַפּאָסטאָלן. עס איז געווען גאָר אַ נייע זאַך, אַ רוימישער פּראָדוקט. ריכטיקער נאָך: אַ פּראָדוקט פון אַלע ציוויליזאַציעס פון יענער צייט, וואָס די טרעגער דערפון זיינען געווען — רוימער.

דאָס קריסטנטום פון רוים האָט זיך צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער פון די רוימער. עס איז געווען אַ געמיש פון געצן־דינסט מיט אַ פּאָר פּונקטן פון יידנטום און פון פּערסישן גלויבן. עס האָט ניט גוט האַרמאָ־נירט, אָבער דאָך האָט עס געגעבן דעם רוימער עפּעס בעסערס ווי די געצן פון גריכנלאַנד, וועלכע האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן זייער ווערט און האָבן אויפגעהערט צו שפּילן אַ ראָל אין לעבן.

אָבער דער געמיש פון קריסטנטום איז ניט געווען אַזוי שלעכט ווי עס איז געווען דאָס, וואָס די ערשטע טרעגער פון דער נייער רעליגיע, פון אָט דעם מישמאַש פון פאַרשידענע ציוויליזאַציעס, זיינען געווען — די מערדערישע רוימער, אָט־די גאָטלאָזע און האַרצלאָזע מענטשן, וואָס האָבן פון קיין שום רחמנות ניט געוואוסט. דאָס איז געווען דער אומגליק פון דעם נייעם גלויבן וואָס איז איצט געוואָרן אַ שטאַטס־רעליגיע.

לאָמיר דעריבער זען ווי אַזוי קריסטנטום האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דער וועלט דורך די פאַרהאַסטע רוימער.

27. דער קייזער קאָנסטאַנטין, וועלכער האָט אָנגענומען קריסטנטום

פאַרוואָס קאָנסטאַנטין האָט אָנגענומען קריסטנטום. — שוין אַלס קריסט דערמאָרדעט ער זיין ווייב, זיין עלטסטן זון און אַ פלימעניק. — ווי אַזוי ער האָט אויסגעבויט די קירכע אין רוים. — פון זעקס מיליאָן קריסטן האָט ער געשאַפן אַ זעכציק מיליאָן אין פאַרלויף פון זיין לעבן. — די נייע קריסטן אין רוים.

מיר קומען איצט צו צו דער עפּאָכע ווען רוים האָט אָנגענומען קריסטנטום און עס געמאַכט פאַר דער רעליגיע פון לאַנד. ווי אַזוי איז דאָס געשען? ווי אַזוי זיינען די מערדערישע רוימער מיטאַמאָל געוואָרן אידעאַלע קריסטן? ווי אַזוי זיינען די וואָס האָבן געפּרעדיקט מאָרד, רויב און זנות און עס אויך פּראַקטיצירט, פּלוצלינג געוואָרן אָנהענגער פון דער רעליגיע וואָס לערנט, אַז אויב עמיצער שלאָגט דיך אויף איין באַק, שטעל אים אַרויס די צווייטע. עפּעס האָט זיך דאָ געביטן, ווער? די רוימער אָדער דאָס קריסטנטום?

* * *

לאָמיר פריער באַטראַכטן די צייט און די סביבה איידער עס איז אָנגענומען געוואָרן קריסטנטום. אין קורצן זעען מיר עס אַזוי; נאָך מאַרקוס אורעליוס, דער פילאָזאָף, איז געקומען זיין זון קאָמאָדוס אויפן טראָן. וועגן דעם תכשיט קען מען זאָגן, אַז אַ חוץ פון נעראָן איז ער געווען דער גרעסטער אויסוואורף און אויך דער גרעסטער אידיאָט פון אַלע רוימישע קייזערס. ער איז געווען אַ מערדער, אַ רויבער, אַ נואף און וואָס איר ווילט נאָר. ניט פיל בעסער זיינען געווען די וואָס זיינען געקומען נאָך אים. די געשיכטע פון אַלע רוימישע הערשער קען מען אייגנטלעך אויפשרייבן אין דריי קורצע זאַצן, וועלכע זיינען אַזוי: „זיי האָבן דערמאָרדעט די יעניקע וואָס האָבן געהערשט; זיי האָבן געהערשט דורך מאָרד, רויב און זנות און — זיי זיינען דערמאָרדעט געוואָרן פון אַנדערע וואָס האָבן געוואָלט זייער פּלאַץ“. אָט די קורצע שילדערונג פּאַסט זיך פאַר אַלע רוימישע הערשער ביזן סאַמע סוף. קיין איינצלהייטן זיינען דאָ ניט וויכטיק. עס איז אַ מאָרד מער אָדער אַ מאָרד ווייניקער; רויב, אַ ביסל מער אָדער ווייניקער און דאָס זעלבע איז אויך וועגן זנות.

דערביי האָט מען זיך ניט אָפּגעשטעלט אַפילו, ווען די קרבנות זיינען געווען אייגענע. אַ טאַטע, אַ מאַמע, ברידער אָדער שוועסטער, אַ זון אָדער אַ טאָכטער. אויב עס האָט געלוינט צו מאָרדן די עלטערן, די קינדער, אָדער אַנדערע פון דער פאַמיליע, איז דאָס ניט געווען קיין אָפּהאַלט. אויב מען האָט געוואָלט זנותעווען מיט אייגענע איז דאָס אויך ניט געווען קיין מניעה. אָט דאָס איז געווען די מאָראַל פון רוים. פון אַלע די וואָס האָבן געוואָלט הערשן.

אַזוי גייט די טרויעריקע שפּיל ביז דעם קייזער קאָנסטאַנטין, וועלכער האָט אָנגענומען קריסטנטום און עס געמאַכט פאַר דער רעליגיע פון דער מלוכה.

* * *

קאָנסטאַנטין איז געוואָרן קייזער אין יאָר 307 (קריסטלעכע צייט־רעכענונג). ווי אַזוי איז ער געוואָרן קייזער? דורך דער געוויינ־לעכער אָנגענומענער רוימישער מעטאָדע פון קעמפן קעגן דעם וואָס הערשט כדי צוצונעמען זיין פּלאַץ. קאָנסטאַנטינס פאָטער איז געווען אַ גובערנאַטאָר אונטער דער הערשאַפט פון קייזער דיאָקלעטיאַן. זיין מוטער איז געווען אַ טאָכטער פון אַ האָטעל־אייגנטימער. אָבער זי איז געוואָרן באַקערט צו קריסטנטום פון אירן אַ פריינד וואָס איז געווען אַ קריסט. אַזוי־אַרום איז זי אויך געוואָרן אַ קריסטין.

קאָנסטאַנטין האָט נאָך פון די יונגע יאָרן אָן געשטרעבט צו מאַכט און האָט געפירט פיל קאַמפן. ער האָט יעדעס מאָל ווען ער איז אַרויס אין קאַמף געבעטן צו די געצן פון רוים, אַז זיי זאָלן אים העלפן. זיי האָבן אים אָבער ניט געהאָלפן און ער איז געוואָרן אין כעס אויף זיי. ענדלעך האָט ער איינמאָל, ווען ער איז אַרויס אין קאַמף געבעטן צום גאָט פון זיין מוטער, צום קריסטלעכן גאָט און — מערקווירדיק, ער האָט אים געהאָלפן. קאָנסטאַנטין איז איצט געוואָרן איבערצייגט, אַז די געצן זיינען קיין געטער ניט און אַז דער קריסטלעכער גאָט איז דער אמתער גאָט. ער האָט אויך דערציילט, אַז ער האָט בעת דער שלאַכט, ווען ער האָט מאַרשירט קעגן זיין קעגנער מאַקסענטיוס, געזען אויפן הימל אַ גרויסן צלם מיט אַן אויפשריפט אין לאַטיין: „אין האָק סיגנאָ ווינצעס", וואָס עס מיינט: דאָס איז אַ צייכן, אַז דו וועסט געווינען. קאָנסטאַנטין איז געווען אַזוי צופרידן מיט דעם נייעם גאָט, וואָס האָט אים געהאָלפן קומען צו דער מאַכט, אַז ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן קריסטנטום פאַר די רעליגיע פון לאַנד. ער האָט ניט אָפּגעשאַפט דאָס געצן־

דיגסט. עס איז געבליבן אויף אויף ווייטער. אויך די קרבנות וואָס די רוימער האָבן געבראַכט צו די געצן איז ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן. אָבער ער האָט געהייסן, אַז מען זאָל אַנטמוטיקן די מענטשן פון טאָן דאָס. קאָנסטאַנטין האָט אויך איינגעפירט, אַז מען זאָל רוען אום זונטיק און אויך נאָך אַנדערע קריסטלעכע געזעצן און מנהגים. פונדעסטוועגן האָט ער אַליין איבער זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעפירט די צערעמאָניע פון ווערן אַ קריסט. דאָס האָט ער ערשט געהייסן טאָן, ווען ער איז שוין געלעגן אויפן טויטן־בעט.

אָט דאָס איז געווען די עפּאָכע ווען רוים האָט אָנגענומען קריסטנ־טום. עס איז ניט געווען אַן עפּאָכע ווען עס איז אַוועק דאָס געצן־דינסט און עס איז געקומען קריסטנטום. ניין, געצן־דינסט מיט קריסטנטום זיינען געווען צוזאַמען. עס האָט זיך כמעט ווי אויסגעמישט און געוואָרן מיט דער צייט ווי איין זאַך.

וואָס אונדז אינטערעסירט אָבער דאָ, איז צו זען וואָס פאַר אַ מענטש קאָנסטאַנטין איז געווען. ווי ווייט מיר ווייסן, איז ער געווען אַן אמתער רוימער און ניט בעסער פון אַלע. צוליב געוויסע אינטריגעס אין הויף, ווען ער האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל ניט אונטערגראָבן זיין הערשאַפט, האָט ער באַפוילן, אַז מען זאָל דערמאָרדן פריער זיין ווייב, דערנאָך זיין עלטערן זון און שפּעטער זיינעם אַ פּלימעניק. קאָנסטאַנטין האָט געהערשט ווי אַן אמתער דעספּאָט. דער קייזער דיאָקלעטיאַן האָט געהאַט איינגעפירט פיל פאָרמען פון אַמאָליקן פּערסישן הויף, ווי צו קליידן זיך אין זיידנס און אַז דער קייזער זאָל האָבן אַ סצעפּטער, וואָס ער זאָל האַלטן אין דער האַנט און וועלכן מען מוז פריער באַרירן איידער מען האָט געקענט רעדן צו אים און אויך צו טראָגן אַ דיאַדעם פון אַ געוועב פון גאָלד מיט ברילאַנטן. קאָנסטאַנטין איז געגאַנגען נאָך ווייטער: ער האָט זיך דערקלערט פאַר אַ זעלבסט־הערשער, כמעט ווי אַ גאָט. ער האָט פאַר־קלענערט די מאַכט פון סענאַט אַזוי, אַז ער, דער סענאַט, האָט גאָר ניט געקענט טאָן אויב ער, קאָנסטאַנטין, האָט ניט אַזוי געוואָלט. דערפאַר האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט פיל משרתים, מיט פאַרשידענע סאָרטן באַאַמטע, וועלכע זיינען אַלע געווען שפּיאָנען. ער האָט זיך געפּוצט אין קליידער פון גאָלד און זילבער און האָט געמאַכט אַזוי, אַז ביז מען איז אָנגעקומען צו אים האָט מען געמוזט דורכגיין שבעה מדורי גיהנום און דערנאָך ערשט האָט מען מורא געהאַט צו רעדן צו אים.

אויף דער עצה פון די גלחים, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומ־גערינגלט, האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן אַן אַנדערע שטאָט אַלס די הויפּט־

שטאָט פון רוים, ווייל אין רוים האָט געהערשט צופיל געצן־דינסט אין יעדן ווינקל, אַזוי אַז עס איז געווען אוממעגלעך צו מאַכן איר פאַר אַ דורכאויס קריסטלעכער שטאָט. ער האָט דעריבער אויסגעבויט די שטאָט „ניי רוים" ביים באָספאָר און זי שפּעטער אַ נאָמען געגעבן נאָך זיך „קאָנסטאַנטינאָפּאָל" און באַשלאָסן, אַז די שטאָט זאָל זיין די נייע הויפּט־שטאָט פון דער רוימישער מאַכט. אַ שטאָט וואָס זאָל זיין קריסטלעך און וואו געצן־דינסט זאָל ניט צוגעלאָזן ווערן.

כדי דאָס אַלץ אויסצופירן האָט ער געדאַרפט אַרויפליגן אַלע מאָל נייע שטייערן אויף די איינוואוינער פון רוים, וועלכע זיינען שווער געפאַלן אויף דער באַפעלקערונג.

קאָנסטאַנטין איז אָבער געווען ניט נאָר דער ערשטער קייזער פון רוים, וואָס איז געוואָרן אַ קריסט, נאָר אויך דער ערשטער קייזער וואָס איז געוואָרן אַליין־הערשער. פון אים האָבן איבערגענומען שפּעטער די דייטשע קייזערס און אויך די רוסישע צאַרן, צו הערשן אַליין. ער האָט זיי געוויזן דעם וועג.

* * *

אָבער דאָס וויכטיקסטע (יעדנפאַלס דאָס וואָס די קריסטן האַלטן פאַר דעם וויכטיקסטן) אין קאָנסטאַנטינס טעטיקייטן — איז געווען דאָס, וואָס ער האָט גערופן די באַרימטע פאַרזאַמלונג פון גלחים אין דער שטאָט ניס, צו באַטראַכטן געוויסע פּראָבלעמען פון דער קריסטלעכער רעליגיע. די פאַרזאַמלונג איז געבליבן פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון קריסטנטום אַלס „דער ראַט פון ניס".

וואָס איז געווען דער צוועק פון אָט דער באַראַטונג? און צוליב וואָס האָט קאָנסטאַנטין זי גערופן?

קאָנסטאַנטין האָט זיך ניט געקענט אָריענטירן אין דער קריסט־לעכער רעליגיע און ניט געוואוסט ווי אַזוי מ'עסט דאָס. ער האָט געהערט, אַז עס זענען דאָ פיל מחלוקתן אין דער קריסטלעכער וועלט וועגן דער ראָל פון יעזוסן. עס איז דעמאָלט געווען איינער אַ גייסטלעכער וואָס האָט געהייסן אַריוס, וועלכער האָט געטענהט, אַז אַזוי ווי יעזוס איז דער זון פון גאָט, מוז זיין מאַכט זיין קלענער ווי די פון זיין פאָטער. דעריבער דאַרף מען הויפּטזעכלעך דינען און בעטן צום פאָטער און ערשט דערנאָך אויך צו יעזוסן, דעם זון. אַן אַנדערער גייסטלעכער מיטן נאָמען אַטאַנאַסיוס האָט אָבער געטענהט אַנדערש. ער האָט געזאָגט, אַז יעזוס איז געקומען

צו פאַרגעבן די זינד פון די מענטשן און צו פירן די וועלט אויף אַ נייעם אופן און דעריבער דאַרף מען בעטן צו אים פריער. אויסער דעם האָט אַט דער גייסטלעכער געשאַפן דעם געדאַנק פון דריי־איינקייט: גאָט, זון און הייליקער גייסט. צו די דיסקוסיעס האָט קאָנסטאַנטין איינגעלאַדן ניט ווייניקער ווי 2,500 גלחים, דערונטער אויך 318 בישאָפן. זיי האָבן געדאַרפט פירן די דיסקוסיעס אין זיין קעגנוואַרט. וואָס איז געווען וויכטיק פאַר קאָנסטאַנטינען אין דער גאַנצער זאַך, איז ניט געווען דער טעאָלאָגישער וויכוח וועגן יעזוסן און וועגן דער דריי־איינקייט, נאָר צו וויסן ווי אַזוי די מערהייט דענקט און דעריבער האַלטן מיט דער מערהייט. די דיסקוסיעס זיינען געפירט געוואָרן אין גריכיש, וואָס איז דעמאָלט געווען די אַריסטאָקראַטישע שפּראַך פון דער וועלט. קאָנסטאַנטין האָט ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט פון דעם וואָס די דיסקוטאַנטן האָבן גערעדט. אָבער ווען די אָנהענגער פון אַנאַסטאַסיוס האָבן צוויי חדשים לאַנג געשריען און געוואַלדעוועט און געמאַכט סקאַנדאַלן און שפּעטער האָט נאָך איינער פון זיי דערלאַנגט אַריוסן אַ פּאַטש אין באַק, וואָס האָט שטאַרק אָפּגעהילכט, האָט קאָנסטאַנטין שוין פאַרשטאַנען ווער עס איז גערעכט! עס איז געבליבן, אַז אַריוס האָט פאַרשפּילט. קאָנסטאַנטין האָט באַלד דערקלערט, אַז אַריוסעס ווערק זאָל מען פאַרברענען און אַז אַלע וואָס האַלטן מיט אים זאָל מען אַרויסשיקן פון לאַנד.

קאָנסטאַנטין האָט איצט גענומען אָרגאַניזירן די קירכע לויטן מוסטער פון דער רוימישער אימפּעריע, מיט אונטער־הערשער און אויבער־הערשער. אַ טייל פון די קליינע באַאַמטע פון דער קירכע האָט מען גע־רופן „פּרעסביטער", וואָס עס מיינט גייסטלעכע (דערפון איז שפּעטער געוואָרן דער באַגריף „פּריסט", פאַרקירצט פון פּרעסביטער און דערפון איז אויך דער נאָמען פון די קריסטן וואָס רופן זיך אָן „פּרעסביטאַריער"). די העכערע האָבן געקראָגן דעם נאָמען בישאָף (פאַרקירצט פון גריכישן וואָרט „עפּיסקאָפּוס", וואָס מיינט איינער וואָס האָט די השגחה איבער אַ געוויסן שטח לאַנד). יעדע קירכע האָט אויך געהאַט איינעם אָדער עטלעכע דיאַקאָנען. די בישאָפן האָבן געקראָגן די מאַכט פון אַ גובער־נאַטאָר (פון דער קירך).

די קריסטלעכע קירך האָט איצט זיך גענומען צו פאַרשפּרייטן קריסטנטום איבער אַלע לענדער וואָס רוים האָט געהאַט איינגענומען, און אַזוי ווי זיי זיינען געווען רוימער, האָבן זיי זיך דערביי באַנוצט מיט רוימישע מיטלען.

כדי צו וויסן ווי אַזוי די דאָזיקע קריסטן האָבן פֿאַרשפּרייט זייער נייעם גלויבן, איז כדאי צו ברענגען דאָ דאָס, וואָס דער באַוואוסטער היסטאָריקער גיבאָן זאָגט וועגן דעם אין זיין באַרימטע ווערק „דאָס אויפשטייגן און פֿאַלן פֿון דער רוימישער אימפּעריע". ער שרייבט אַזוי:

„אויב איינער פֿון די קאַנדידאַטן צו ווערן אַ בישאָף האָט זיך אויסגערימט מיטן יחוס פֿון זיין פֿאַמיליע, האָט אַ צווייטער שוין געזוכט צו קריגן דעם אַמט דורך איינלאַדן די וויכטיקסטע צווישן די ווילער צו אַ טיש מיט פֿיינע מאכלים און געטראַנקען און אַ דריטער האָט שוין אָפֿן געזאָגט צו די וואָס האָבן אים געדאַרפֿט אויסוויילן, אַז ער וועט זיך טיילן מיט זיי מיט די געלטער וואָס קומען אַריין אין דער קירך". עס איז אַזוי אַרום אויסגעקומען, אַז כדי צו ווערן אַ בישאָף האָט מען גע־דאַרפֿט אָפֿטאָן אַלדאָס בייז. מען דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז דאָס איז ניט געווען קיין וואַלן צו אַ פּאָליטישן אַמט, נאָר צו אַ הויך־גייסטלעכן, צו ווערן אַ פֿירער וואָס האָט געדאַרפֿט פּרעדיקן מאָראַל און גוטע אויפֿפֿירונג צווישן די אַלע וואָס זיינען אונטער אים.

קאָנסטאַנטין האָט אויך איינגעפֿירט, אַז עס זאָל אויסגעוויילט ווערן אַ הויפּט פֿון דער קירך אַזוי ווי די רעגירונג פֿון לאַנד האָט אַ הויפּט. ער האָט דעם הויפּט אָנגערופֿן „פּאַפּאַ" (פֿאָטער, און שפּעטער איז געוואָרן דערפֿון דאָס וואָרט „פּאָפּ"). אַזוי ווי ער איז געווען אַ זעלבסטהערשער, האָט ער ניט אַנדערש פֿאַרשטאַנען ווי אַז דער הויפּט פֿון דער קירך זאָל אויך זיין אַ זעלבסטהערשער און זאָל האָבן די איינציקע דעה אין אַלע ענינים פֿון דער קירך.

ווען קאָנסטאַנטין האָט אָנגענומען קריסטנטום אין יאָר 313 (קריסט־לעכע צייט־רעכענונג) זיינען אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע געווען ניט מער ווי אַן ערך פֿון 6 טויזנט קריסטן. איצט האָט מען גענומען פּרעדיקן און פֿאַרשפּרייטן קריסטנטום אומעטום, און וואו עס איז נויטיק געווען אויך מיט דער הילף פֿון דער שווערד. דער „באַפּטיזם" (ווערן אַ קריסט) האָט געהאַט צוויי פֿאָרמען, פֿריער דורך בלוט־פֿאַר־גיסונג, דורך צווינגען דערצו די ניט־גלויביקע, אַז זיי זאָלן ווערן קריסטן און דערנאָך — דאָס הייליקע וואַסער. אָבער ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, האָט קאָנסטאַנטין אַליין געוואָרט מיט זיין באַפּטיזם ביז צום טויטן־בעט. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פֿון 64 יאָר אין יאָר 337 (קריסטלעכע צייט־רעכענונג). אין דער צייט פֿון זיין טויט זיינען שוין געווען זעכציק מיליאָן קריסטן.

פון איצט אָן הויבט זיך אָן די געשיכטע פון קריסטנטום אַלס אַ הערשנדיקע רעליגיע. עס איז אַ ווייטער מהלך פון דעם וואָס קריסטנטום איז געווען אין ירושלים, ווען יעזוס האָט געפּרעדיקט זיינע אידעען צו אַ גרופּע יידן און אויך פון דעם וואָס עס זיינען געווען די ערשטע קריסטן אין רוים. ווען זיי האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן אין „קאַטאַקאָמבן״ (אַזעלכע היילן) צו קענען בעטן צו זייער גאָט און וואו זיי האָבן אויך באַגראָבן זייערע טויטע. מיר וועלן דעריבער אָפּשטעלן זיך גענויער אויף דעם ווי אַזוי דאָס קריסטנטום איז אַרויס איינצונעמען די וועלט.

28. די נייע רוימישע מאַכט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל

װי אַזױ רוים איז אונטערגעגאַנגען. — װער זײַנען געװען די „גאָטן"? װאָס טאַציטוס זאָגט װעגן זײ און װאָס זײ זײַנען געװען אין אמת'ן? װער זײַנען געװען די „הונען"? — זײַנען די אונגאַרן אַן אָפּשטאַמונג פֿון די הונען? — װער זײַנען געװען די „װאַנדאַלן"? — די נײַע יורשים פֿון רוים: קריסטנטום און ביזאַנטיום. — די נײַע רוימישע הערשער אין קלײן־אַזיע.

רוים איז אונטערגעגאַנגען. די רוימישע אימפּעריע װאָס האָט געהאַלטן אונטער איר קנוט גאַנץ קלײן־אַזיע און דעם גרעסטן טײל פֿון אײראָפּע, אַזש ביז ענגלאַנד, איז פֿאַרשװאונדן. דאָס איז ניט געשען מיט אַמאָל, נאָר ביסלעכװײז, אין פֿאַרלױף פֿון די לעצטע צװײ הונדערט יאָר פֿון רוימס הערשאַפֿט. ביסלעכװײז און אײנציקװײז האָבן זיך גענומען אָפּרײסן פֿון דער רוימישער אימפּעריע אײן פּראָװינץ נאָך דער אַנדערער, אײן פֿאַרשקלאַפֿט לאַנד נאָכן צװײטן. רוים איז געװאָרן אָפּגעשװאַכט פֿון די מאָרדן און רױבערײען אין אירע גרענעצן גופֿא און האָט ניט געהאַט אַזױ פֿיל אַרמײען צו שיקן צו די צענדליקער ערטער װאָס האָבן רעװאָלטירט מיט אַמאָל. עס איז דעריבער געװאָרן אין לאַנד אַן אַנאַרכיע און פֿיל פּראָװינצן האָבן זיך דערקלערט פֿאַר זעלבסטשטענדיק. אַזױ װי מען האָט ניט געשיקט מער קײן אַרמײען אױף צו אונטערדריקן די אױפֿשטאַנדן, האָבן אַנדערע נאָכגעטאָן זײער בײַשפּיל און אַזױ האָט זיך אײן פּראָװינץ נאָך דער אַנדערער אָפּגעריסן פֿון דער אימפּעריע און גענומען מאַכן שבת פֿאַר זיך.

צו דעם מוז מען אױך צוגעבן, אַז די אַרמײען, װאָס האָבן געקעמפֿט אין װײַטע לענדער, האָבן, װען זײ זײַנען געקומען צוריק, מיטגעבראַכט מיט זיך פֿאַרשידענע קראַנקהײטן און עס זײַנען אױסגעבראָכן מגפֿות װאָס האָבן פֿאַרניכטעט אַ גרױסע טײל פֿון דער רוימישער באַפֿעלקערונג.

מיר זעען, אַלזאָ, אַז די שװערד װאָס האָט געזײט טױט אין אַלע לענדער װאָס רוים האָט באַזיגט, האָט ענדלעך געבראַכט דעם טױט צו די רוימער אַלײן. לױט װי די געשיכטע־שרײַבער גיבן־אָן, האָט זיך די רוימישע מיליטערישע מאַכט אין גאַנצן צוזאַמענגעבראָכן װען די גאָטן האָבן אַרײַנמאַרשירט אין רוים.

װער זײַנען געװען די גאָטן? געװיסע היסטאָריקער שילדערן זײ

אַלס אַ פאָלק וואָס האָט געהאַט זיך באַזעצט אין די וויטסטע ערטער פון אייראָפּע, הינטער די אַלפּן־בערג, הינטער דעם דונאַי־טייך און אויך הינטער דעם ריין. די געגנט איז געווען אַ מין אור־וואַלד מיט פיל חיות און אויך מיט אַ ניט־איבעריק געזונטן קלימאַט, ווייל ער איז געווען פול מיט זומפּן און בלאָטעס וואָס האָבן פאַרשפּרייט מאַלאַריע און אַנדערע קראַנקהייטן. די לופט איז דאָרטן געווען אַ שווערע און אַ דעמפּע. ווינטער איז דאָרטן אויסגעפאַלן אַ סך שניי און די וועגן זיינען געווען פאַרפרוירן מיט אַ דיקער שיכט פון אייז. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז די איינוואוינער פון יענער געגנט האָבן געזוכט אַרויסצוראַטעווען זיך פון דעם וויסטן לאַנד און דעריבער זיך אַרויסגעלאָזט איבער אייראָפּע, איינצונעמען נייע לאַנד־טיילן.

דערצו האָבן די דאָזיקע גאָטן געטראָגן אַ פאַרבאָרגענעם כעס אויף רוים צוליב דעם, וואָס שוין יוליוס צעזאַר און זיין דראַנג איינצונעמען וואָס מער לענדער און צו באַהערשן די גאַנצע וועלט, איז צוויי מאָל אָנגעפאַלן אויף זיי.

דער רוימישער היסטאָריקער טאַציטוס האָט אין זיין בוך „גערמאַניא" געגעבן אַ ניט־צו־העל בילד פון די גאָטן פון יענער צייט, איידער זיי האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן. ער רופט זיי אָן באַרבאַרן מיט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן, וועלכע זיינען פּעאיק אויף אַלדאָס בייז. דאָס איז, זאָגט ער, אַ ווילד פאָלק, וואָס האָט ליב צו פירן מלחמות און זיי קעמפן מיט די גרעסטע אכזרישע מיטלען קעגן אַ שונא. ער שילדערט זיי אויך אַלס גרויסע פרעסער און טרינקער, אמתע זולל־וסובאס, און האָט נביאות געזאָגט, אַז די רוימער דאַרפן זיך באַזונדערס רעכענען מיט זיי, ווייל זיי וועלן אַמאָל זיין אַ געפאַר פאַר רוים.

אָבער פון אַנדערע היסטאָרישע קוועלן איז צו זען, אַז די גאָטן אין יענער צייט זיינען געשטאַנען אויף אַ פיל העכערער שטופע נאָך ווי די רוימער, יעדנפאַלס אין דער הינזיכט פון מאָראַל. אַזוי דערציילן אַנדערע היסטאָריקער, אַז די גאָטן זיינען טאַקע אַ קריגעריש פאָלק, ניט ווייניקער ווי די רוימער, אָבער זיי האָבן געהאַט פיל מעלות וואָס די רוימער האָבן ניט. נעמלעך, זיי זיינען געווען גאַסטפריינדלעך; זיי האָבן געהאַלטן וואָרט; זיי האָבן ליב געהאַט פרייהייט און געהאַסט יעדע פאָרם פון אונטערדריקונג. זייערע פירער האָבן געהערשט ניט לויט אַ דיקטאַטור, נאָר מיט קלוגע אַרגומענטן און לויט איבערצייגונג. אויסער דעם האָבן זיי געפירט אַן אנשטענדיק פאַמיליע־לעבן. אפילו טאַציטוס גיט־צו, אַז די גאָטן האָבן געפירט אַ שיין פאַמיליע־לעבן און

געהאַט ניט מער ווי איין ווייב. זייערע פירער האָט מען אויך ניט געקענט אונטערקויפן. און טאַציטוס פירט אויס, אַז „גוטע מנהגים טוען אויף ביי זיי פיל מער ווי גוטע געזעצן ערגעץ אַנדערשוואו".

דערצו קומט נאָך דאָס וואָס אין פאַרלויף פון דער צייט, ווען יוליוס צעזאַר איז אָנגעפאַלן אויף די גאָטן ביז צום סוף פון פינפטן יאָרהונדערט, ווען די רוימישע אימפעריע איז אונטערגעגאַנגען, האָבן די גאָטן געמאַכט אַ גרויסן פאַרשריט אויפן געביט פון ציוויליזאַציע. זיי האָבן געשאַפן שטעט אַנשטאָט די פריערדיקע אָפּגעלאָזענע דערפער, זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו שרייבן און צו לייענען אויף זייער שפּראַך, זיי האָבן זיך אַליין אויסגעלערנט צו נוצן געלט און צו מאַכן אַ געברויך פון פיל זאַכן וואָס די רוימער האָבן געהאַט, ווי למשל, צו געברויכן ווייַן, בשמים און אַנדערע לוקסוס־אַרטיקלען. אין פּאָליטישן זין האָבן זיי געהאַט אַ קעניג מיט מיניסטאָרן און פיל קלענערע הערשער, אָבער זייערע הערשער זיינען ניט געוואָרן כסדר דערמאָרדעט ווי עס איז געווען אין רוים.

מיטן גאַנג פון דער צייט האָבן אָט־די גאָטן געמוזט בייטן זייערע אַלטע מעטאָדן פון עקאָנאָמיע, פון אַ לעבן פון פישפאַנג אָדער געיעג אויף חיות צו אַן אָרעמער אַגריקולטור, ווייל ס'איז ניט געווען מעגלעך קיין בעסערע אין זייער זומפּיק לאַנד. זיי האָבן דעריבער געזוכט איינצו־נעמען נייע לענדער, וואו די ערד איז מער פּרוכטבאַר, און מיטן אַלטן כעס אין האַרצן אויף די רוימער, האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ מאַרש קעגן רוים אויף איינצונעמען און אָפּצורייסן פון איר גאַנצע פּראָווינצן, וואו זיי זאָלן זיך קענען באַזעצן. די גאָטן האָבן שוין אויך פריער געמאַכט עטלעכע מאָל אַזעלכע פּראָבעס זיך אַריינצורייסן אין אַזעלכע לענדער, וואָס זיינען געווען באַהערשט פון רוים, אָבער יעדעס מאָל האָט רוים זיי געגעבן אַ שטויס צוריק אַזוי, אַז זיי האָבן זיך ווידער אָפּגעהאַלטן פון אַזאַ מאַרש פאָראויס.

אָבער ווען רוים האָט גענומען גיין אַלץ אַראָפּ און אַראָפּ, ווען פיל פּראָווינצן האָבן זיך אַליין אָפּגעריסן פון מוטער־לאַנד און רוים האָט נישט געהאַט גענוג אַרמייען צו באַשטראָפן זיי און צו אונטער־דריקן די רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדן, איז דאָס געווען אַ צייכן פאַר די גאָטן, אַז איצטער איז די צייט אַרויסצולאָזן זיך אין אַ קאַמף קעגן רוים.

און אַזוי איז עס געשען. די גאָטן האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן

זייער גרויסן מאַרש פאַראויס. זיי זיינען אַריבער דעם דונאַי און גענומען גיין אַלץ נענטער צו רוים.

אין יענער צייט האָט שוין געלעבט אויף ביידע זייטן פון דונאַי טייך אַ גאָטן מחנה וואָס איז געווען געטיילט אויף צוויי לאַגערן. די פון דער מערב־זייט פון דונאַי האָבן זיך גערופן די מערב־גאָטן און די וואָס האָבן געוואוינט אויף דער אַנדער זייט פון דונאַי ביזן שוואַרצן ים האָבן זיך גערופן די מזרח־גאָטן. די לעצטע האָבן שוין אויך פריער געמאַכט אָנפאַלן אויף די רוימישע פּראָווינצן און שוין מאַרקוס אורע־ליוס אין זיין צייט האָט געמוזט זיי אָוועקגעבן די פּראָווינץ דאַקיאַ (די איצטיקע רומעניע).

די מזרח־גאָטן האָבן שוין גענאַשט אַ ביסל פון דעם רוימישן לעבנס־שטייגער און עס איינגעפירט אויך ביי זיך. אַ טייל פון זיי זיינען אַפילו אַריבער צו קריסטנטום און האָבן געהאַט אַ קריסטלעכע הויפּט־קירכע מיט אַ בישאָף, אולפילאַס, וועלכער האָט איבערזעצט די ביבל אויף גאָטיש.

דער מאַרש פון די גאָטן איבער דעם דונאַי און די רוימישע פּראָ־ווינצן איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג און זיי האָבן גענומען באַזעצן זייערע מענטשן אין די בעסערע לענדער וואָס רוים האָט געהאַט. אַזוי אַרום זיינען אין אַ קורצער צייט דאָרטן באַזעצט געוואָרן אַן ערך פון 200,000 גאָטן מיט זייערע פרויען און קינדער.

נאָך צענדליקער יאָרן פון קאַמפן האָבן די גאָטן פאַרכאַפּט פיל רוימישע פּראָווינצן און אפילו באַלאַגערט רוים אַליין. ענדלעך זיינען זיי אַריין קיין רוים, און די שטאָט וואָס האָט ביז איצט פאַרשקלאַפט אַנ־דערע לענדער אונטער זיך, איז אַליין געוואָרן אַ שקלאַף ביי אַנדערע, ביי די גאָטן. דאָס איז געווען אין יאָר 476, ווען רוים האָט זיך געמוזט אונ־טערגעבן אונטער דער פירערשאַפט פון דעם גאָטישן מיליטער־קאָמאַנדיר, אָלאָוק.

* * *

אין יענער צייט האָט נאָך אַ שבט געקעמפט קעגן רוים. דאָס זיינען געווען די הונען. אָבער מען דאַרף ניט צונויפמישן די הונען מיט די גאָטן. די הונען זיינען ווייט ניט געווען אַזוי אַנטוויקלט ווי די גאָטן. די הונען זיינען קודם־כל געווען באַרבאַרן. ווילדע מענטשן, וועלכע האָבן נאָר געזוכט צו צעשטערן האָב און גוטס.

ווי ווייט עס איז באַקאַנט, זיינען די הונען ניט געווען פון דער

ווייסער ראַסע. מיר ווייסן באמת זייער ווייניק וועגן זיי. וואָס מיר ווייסן יאָ, איז, אַז זיי האָבן ניט געהאַט קיין שייכות צו קיין שום אַנדער פאָלק אין אייראָפּע. אַ טייל געלערנטע האַלטן, אַז זיי האָבן געשטאַמט פון דער מאָנגאָלישער ראַסע. די רוימישע שרייבער פון יענער צייט שילדערן זיי ווי טייוואָנים. זיי האָבן געהאַט אַ טונקעלע הויט, זייער געווען נידעריק אין געבוי מיט פאַרשפּיצטע נעזער און שוואַרצע אויגן, און עס איז אָנגעפאַלן אַ מורא צו קוקן אויף זיי. זיי זיינען מערסטנס געריטן אויף פערד מיט אַ ווילדן אימפּעט און דערביי ניט געקוקט צי זיי צעשטערן עפּעס אָדער נישט. בכלל געזאָגט, איז יעדעס אָרט, וואו זיי זיינען געווען, באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חורבה.

ווען די הונען האָבן זיך פּלוצלינג באַוויזן אין אייראָפּע האָט קיינער ניט געוואוסט פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען. זיי האָבן זיך צום ערשטן באַזעצט אין דער געגנט וואָס איז איצט באַוואוסט אַלס עסטרייך און אונגאַרן. זיי האָבן געהאַט אַ פירער, וועלכער האָט געהייסן אַטילאַ. ווי איין שרייבער פון יענער צייט זאָגט, איז דאָרטן, וואו אַטילאַ מיט זיינע מחנות זיינען געקומען מער קיין גראָז ניט געוואַקסן. אַזאַ חורבן האָבן זיי איבערגעלאָזט נאָך זיך.

צום ערשטן איז אַטילאַ מיט זיינע מחנות (געשאַצט אין איבער אַ האַלבן מיליאָן) אַריבער דעם ריין און האָט דאָרטן צעשטערט פיל שטעט און דערפער. די הונען זיינען געוואָרן אַזאַ געפאַר פאַר דער וועלט, אַז די רוימער האָבן שלום געמאַכט מיט די גאָטן כדי צו קעמפן צוזאַמען קעגן די הונען. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען נאָך פעלקער פון יענער צייט. עס איז געווען אַ פאַראייניקונג פון אַלע פעלקער קעגן די הונען און די הונען האָבן ענדלעך פאַרשפּילט. אַטילאַ האָט זיך צוריקגעצויגן איבער דעם ריין צו זיין לאַנד. אטילאַ האָט נאָך געמאַכט עטלעכע פּראָבעס, אָבער אָן דערפאָלג. נאָך אַטילאַס טויט האָבן די הונען גענומען פאַרשווינדן פון דער סצענע אין אייראָפּע. זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער, איבערהויפּט אין אונגאַרן וואו די שפּראַך פון לאַנד, אונגאַריש, איז אין איר שורש, די הונישע שפּראַך. אַזוי־אַרום האָט רוים אויך אויסגעמיטן אַן אַריינמאַרש פון די הונען אין אירע גרענעצן. אָבער מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז אָנגעקומען אַן אַנדערע ווילדע מחנה וואָס האָט געהייסן „די וואַנדאַלן" וואָס זיינען געווען זייער ענלעך צו די הונען (אויף זייער נאָמען רופט מען אָן אַזעלכע וואָס פאַרניכטן סתם עמיצנס אייגנטום), אָבער רוים איז אויך פון זיי אין אַ קורצער צייט שפּעטער באַפרייט געוואָרן און צוזאַמען מיט איר האָט גאַנץ אייראָפּע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

וואָס איז געבליבן פון רוים? ווער האָט געירשנט אָט־די גרויסע מאַכט, וואָס האָט באַנקראָטירט?

דער ענטפער דערויף איז — עס זיינען געווען צוויי יורשים. זיי זיינען: קריסטנטום און ביזאַנטיום.

וועגן קריסטנטום האָבן מיר שוין גערעדט פריער ווי אַזוי עס איז געוואָרן די אָפיציעלע רעליגיע פון רוים און שפּעטער איבערגענומען די גאַנצע מאַכט. מען דאַרף נאָר צוגעבן, אַז דאָס קריסטנטום איז געווען דער גייסטיקער יורש, מיט אַ פּויפּסט אַלס גאָטס פאַרטרעטער אויף דער וועלט, אין וואַטיקאַן. קריסטנטום האָט אויך איצט געזוכט, ווי רוים אַמאָל, איינצונעמען די וועלט, אָבער ניט אַלס וואַסאַלן צו דער אימפּעריע, נאָר צו דער קירך. דאָס איז געווען נאָך אַ פּיל ברייטערער באַגריף ווי דער ערשטער, עס האָט געמיינט וועלט־הערשאַפט. עס האָט געמיינט איבערצוקערן אַלע וועלט־איינוואוינער אַלס קריסטן און אַלס אַזעלכע זיין אונטערגעוואָרפן דער מאַכט פון פּויפּסט, דעם נייעם זעלבסט־הערשער.

אין פיזישן זין אָבער (די רוימער האָבן קיינמאָל ניט אויפגעגעבן דעם פיזישן זין פון יעדער זאַך, ווייל דאָס איז ביי זיי געווען דער עיקר), האָט זיך געשאַפן אַ ניי רוים, אַ נייע רוימישע אימפּעריע אין מזרח. רוים איז איבערגעטראָגן געוואָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דאָרטן האָבן גע־הערשט די רוימער ווייטער, פּונקט אַזוי ווי אַמאָל. מיט אַנדערע ווערטער קען עס מיינען אַזוי: רוים האָט פאַרלוירן איר פיזישע הערשאַפט איבער אייראָפּע אין מערב, אָבער ניט אין מזרח, אין קליין־אַזיע. דאָרטן האָט זי נאָך געהאַלטן די לייצעס אין די הענט פיל הונדערטער יאָרן. אָט דאָס איז געווען דאָס ביזאַנטיום וואָס האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער רוימישער אימפּעריע.

29. דער קייזער יוסטיניאַן, דער געזעצגעבער

זוער איז ער געווען? — די גרויסע צאָל געזעץ־ביכער וואָס ער האָט געשאַפן. — איז ער געווען דער שעפער פון „רוימישן געזעץ“? — די קייזערין טעאָדאָראַ, וועלכע אַלע האָבן געהאַלטן פאַר אַ צנועה. — וואָס איינער, פּראָקאָפּיוס, האָט וועגן איר אין זיין צייט געשריבן.

ביזאַנטיום — דאָס איז געווען דער נייער נאָמען פאַר דער רוי־מישער הערשאַפט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס האָט געהערשט איצט איבער קליין־אַזיע. עס איז אָבער ניט געווען בלויז אַ נייער נאָמען, נאָר אויך אַ נייער אינהאַלט. עס איז געווען דאָס אַלטע רוים אָבער אין אַ נייער פאָרם. די דאָזיקע פאָרם איז געווען, צום ערשטן, דאָס קריסטנטום, ווייל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז שוין מער קיין שפּור פון אַלטן רוימיש־גריכישן געצן־דינסט ניט געווען, און צווייטנס, איז אויך דאָס לעבן פון די בירגער געווען אַנדערש. עס איז געווען מער ציוויליזירט. יעדנפאַלס זיינען אַזוי פיל מערדערייען, רויבערייען און זנות־פאַלן ניט פאָרגעקומען.

און ביזאַנטיום האָט געהערשט אין דער אַלטער וועלט זייער אַ לאַנגע צייט, כמעט אַ טויזנט יאָר, דאָס הייסט אַזוי לאַנג ווי די רוימישע מאַכט האָט געהערשט אין רוים. דער אָנהויב פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געווען אייגנטלעך נאָך אין פערטן יאָרהונדערט, ווען קאָנסטאַנטין האָט די שטאָט געשאַפן. די ביזאַנטישע הערשער האָבן דאָרטן געהערשט ביזן יאָר 1453 (קריסטלעכע צייט־רעכענונג) ווען די טערקן האָבן איינגענומען אָט די שטאָט און זי געמאַכט פאַר זייער הויפּט־שטאָט. אין מיטלאַלטער האָט מען די ביזאַנטישע מלוכה גערופן „דאָס נייע גריכישע קעניגרייך“. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס די ביזאַנטישע הערשער האָבן זיך באַמיט מער נאָכצוטאָן דעם אַמאָליקן גריכנלאַנד ווי דאָס אַמאָליקע רוים.

די ערשטע הונדערט יאָר פון דער ביזאַנטישער הערשאַפט זיינען געווען פון קליינער באַדייטונג. עס זיינען דאָרטן געווען הערשער, וועלכע האָבן ניט אַרויסגעוויזן צופיל קלוגשאַפט און אויך ניט פיל יושר. דער אָנהויב פון דער ביזאַנטישער מלוכה אין יענער צייט איז אויך באַשטאַנען בלויז פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט אַ געוויסער צאָל פון קליינע שטעטלעך אַרום דער שטאָט, אַזוי, אַז קיין גרויסע הערשער האָט מען ניט געדאַרפט.

דער אמתער גרויסער הערשער פון ביזאַנטיום איז געקומען ערשט

שפעטער, אין אָנהויב פון זעקסטן יאָרהונדערט, מיטן אויפשטייגן אויפן טראָן פון דעם קייזער יוסטיניאַן.

יוסטיניאַן ווערט געשילדערט פון די היסטאָריקער אַלס אַן איידע־לער מענטש, וואָס איז געקומען פון אַ גוטער פאַמיליע און איינער וואָס איז געווען דעמאָקראַטיש צו אַלע זיינע אונטערטאַנען. ער האָט זיך פאַרגענו־מען צו שאַפן פון ביזאַנטיום אַ גרויסע מלוכה. ער האָט האָט צום ערשטן איינגעפירט אין לאַנד האַנדל און אינדוסטריע און אַזוי־ארום פאַרבונדן קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט אַנדערע לענדער. ער האָט אויך אויסגעבעסערט די לאַגע פון די פויערים. אָבער באַזונדערס האָט ער זיך פאַרגענומען צו שאַפן אָרדענונג אין די געזעצן פון לאַנד. ער האָט דעריבער שטענדיק געאַרבעט אויף עפּעס וואָס זאָל אויסבעסערן זיין לאַנד. דערפאַר האָט מען אים אין יענער צייט גערופן „דער קייזער וואָס שלאָפט קיינמאָל ניט״. דאָס איז געווען אין אַ גרויסער מאָס אמת. ער איז טאַקע זייער ווייניק געשלאָפן. ניט מער ווי פיר שעה אַ נאַכט.

יוסטיניאַן האָט אויך פּרובירט צוריקצונעמען פון די גערמאַנישע באַנדעס אַ גרויסן טייל פון דעם וואָס זיי האָבן צוגענומען פון אַלטן רוים און דער עיקר די שטאָט רוים אַליין. אָבער ער האָט געוואוסט אַז קיין גרויסער מיליטער־מאַן איז ער ניט. האָט ער דעריבער די דאָזיקע אַרבעט איבערגעגעבן צו זיין פעלד־מאַרשאַל בעליסאַריוס, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אויסגעצייכנט אין פיל מלחמות און האָט געהאַט שוין פיל זיגן און בעליסאַריוס האָט אים ניט אָפּגענאַרט. אַזוי האָט ער, למשל, אין איין מאַרש, צעשטערט די נייע הערשאַפט פון די וואַנדאַלן אין צפון אַפריקע און זיי כמעט אינגאַנצן פאַרניכטעט. די רוימער וואָס האָבן געלעבט אונטער דער הערשאַפט פון די וואַנדאַלן, זיינען איצט געווען גליקלעך וואָס בעלי־סאַריוס האָט זיי באַפרייט פון די דאָזיקע באַרבאַרן.

בעליסאַריוס האָט אויך אונטערגענומען אַ מאַרש אין אייראָפּע מיט אַ גרויסער אַרמיי און האָט פאַרנומען סאַרדיניע און קאָרסיקאַ. ער האָט אויך צוריק איינגענומען סיציליע און גרויסע טיילן פון איטאַליע. ער איז דערנאָך געגאַנגען ווייטער ביז צום ברעג פון שפּאַניע און באַפרייט דעם גאַנצן דרום־מזרח טייל פון די גאָטן. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט ער דערקלערט דעם קייזער, יוסטיניאַן, אַז דער מיטללענדישער ים איז איצט צוריק אַ — רוימישער ים, ווייל אַרום אים זיינען נישטאָ קיין שום אַנדערע פעלקער, נאָר בלויז רוימער.

יוסטיניאַן אַליין האָט זיך אָבער אָפּגעגעבן מער מיט איין זאַך, נעמלעך צו שאַפן געזעץ און אָרדענונג אין לאַנד. פאַר דעם צוועק האָט

ער געאַרבעט אויף איבערצושרייבן און אויסבעסערן די עקזיסטירנדע גע־זעצן און וואו קיין געזעצן זיינען נישטאָ — צו שאַפן נייע. ביז יוסטיניאַנס צייט איז אין רוים ניט געווען קיין בוך, וואָס מען זאָל קענען זאָגן דערויף, אַז דאָס איז דאָס רוימישע געזעץ־בוך. עס זיינען געווען פאַרשריבן די געזעצן פון סענאַט; די דערקלערונגען פון די הערשער און אויך די אור־טיילן פון די געריכטן, אָבער דאָס אַלץ איז ניט געווען איינגעזאַמלט אין איין בוך. יוסטיניאַן האָט זיך גענומען דאָס צו טאָן. ער האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע פון מענטשן וואָס זיינען באַקאַנט מיטן געזעץ און זיי פאַר־געלייגט צונויפצוזאַמלען אַלע פאַרשיידענע געזעצן, אַלע אורטיילן און אַלע פאַרעפנטלעכונגען, און זיי איבערשרייבן פונקט ביי פונקט. אין דער אַרבעט האָט דער קייזער זיך אַליין באַטייליקט. נאָך עטלעכע יאָר פון שווערער אַרבעט האָט יוסטיניאַן פאַרעפנטלעכט אַ גרויס ווערק וואָס האָט געהייסן „קאָרפוס יוריס ציוויליס" (אַ באַנד פון ציווילע געזעצן). די דאָזיקע געזעצן זיינען באַלד געוואָרן די געזעצן אויך פון איטאַליע, שפּאַניע און פראַנקרייך און האָבן אַפילו געהאַט אַ השפעה אויף דער ענגלישער געזעצגעבונג און אַזוי אויך אויף אַנדערע לענדער. די דאָזיקע געזעצן זיינען נאָך עד היום גילטיק אין פיל ערטער ווי למשל אין אַלע טעריטאָריעס וואָס זיינען אונטער דער הערשאַפט פון פראַנקרייך און אין אַלע שפּאַניש־אַמעריקאַנישע לענדער. אין אַמעריקע זיינען די געזעצן עד היום גילטיק, אין לואיזיאַנאַ שטאַט, וואו עס האָבן אַמאָל געהערשט די פראַנצויזן און אין קאַנאַדע זיינען די געזעצן נאָך גילטיק אין דער פּראָווינץ פון קוויבעק.

יוסטיניאַן איז געווען אַן אויסנאַם צווישן אַלע הערשער פון דער רוימישער אימפּעריע דערמיט וואָס ער האָט ווירקלעך געוואָלט עפּעס טאָן פאַר זיין פאָלק און האָט אויך געטאָן. אַזוי האָט ער אַ חוץ די געזעצן אויך איינגעפירט אין לאַנד אַ ליבעראַלן גייסט. ער האָט אויך געבויט בריקן, געשאַפן נייע שאָסייען, פאַרשטאַרקט דעם האַנדל און אויסגע־בעסערט די לאַגע פון די באַלמעלאָכעס.

אין יענער צייט האָבן מיסיאָנערן געבראַכט מיט זיך פון כינע אייער פון דעם וואָרם וואָס שפּינט זייד. באַלד האָט מען אין אייראָפּע אָנגעהויבן צו קולטיווירן די זייד־ווערים. ווען יוסטיניאַן האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער ניט גערוט ביז מען האָט געבראַכט פיל אַזעלכע אייער פון די זייד־ווערים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און האָט באַפוילן אַז מען זאָל פּראָדוצירן זייד אין אַ גרויסער מאָס. יוסטיניאַן האָט זיך אויך אינ־טערעסירט אין בויען שיינע בנינים פאַר פאַרשידענע צוועקן און אויף

זיין באפעל האט מען געשאפן שיינע קירכן; ביוראס פאר דער רעגירונג און אויך פאלאצן, לויט דעם נייעם ביזאנטישן סטיל. אזוי האט ער אויס־געבויט די שיינע קירך „סאנקטא סאפיא״ אין קאנסטאנטינאפאל, וועלכע ווערט איצט גענוצט פון די טערקן אלס זייער הויפט־מאשעע.

* * *

דאס הארץ פון דער נייער ביזאנטישער ציוויליזאציע איז געווען קאנסטאנטינאפאל. די שטאט געפינט זיך אויף אן אינדזל צווישן דריי ימים; מארמאר־ים; דער שווארצער ים און דער מיטללענדישער ים. די שטאט גופא איז אין אייראפע, אבער זי איז דער טויער צו אזיע. צוליב דער געאגראפישער לאגע פון קאנסטאנטינאפאל איז זייער שווער אנצו־פאלן אויף איר און פאר איר, ווידער, איז זייער לייכט זיך צו פארטיידיקן. כדי אנצופאלן אויף קאנסטאנטינאפאל, מוז א שונא זיין שטארק סיי אויפן ים און סיי אויף דער יבשה. פאר א שונא וואס קומט אן פון מזרח שטייען אין וועג דער מארמאר־ים און דער באספאר. פאר א שונא וואס קומט פון מערב זיינען א שטארקע שוץ פאר דער שטאט די דארדאנעלן (די שמאלע קאנאלן פון וואסער וואס ציען זיך ביז צו דער שטאט אויף יענער זייט). דעריבער זעען מיר, אז אלע אנפאלן אויף קאנסטאנטינאפאל אין משך פון דורות זיינען ניט געלונגען. אין אלע הונדערטער יארן פון דער עק־זיסטענץ פון דער שטאט האט קיין שונא נאך ניט באטראטן איר ערד. קאנסטאנטינאפאל האט אויסגעהאלטן פיל באלאגערונגען אבער אלע זיינען דורכגעפאלן. אלע אירע שונאים האבן געמוזט צוריקטרעטן.

צוליב אט־דער מעלה פון קאנסטאנטינאפאל האט יוסטיניאן גע־קענט אויך פארגרעסערן זיין מלוכה און דאס האט ער אויך געטאן אין פארלויף פון זיין לאנגן הערשן. יוסטיניאן האט רעגירט 38 יאר, וואס דאס איז אליין געווען אן אויסנאם אין דער געשיכטע פון די רוימישע הערשער. ער האט אויך אלעמאל פארגרעסערט זיין טעריטאריע דורך איינגעמען די פראווינצן, וועלכע האבן זיך נאכן פאלן פון רוים געהאט אפגעריסן. אזוי, אז ביי דער ענדע פון זיין לעבן האט ער געהערשט איבער מאקעדאניע, גריכנלאנד, איבער גאנץ קליין־אזיע, איבער עגיפטן און אויך אין מערב איבער איטאליע ביז א העלפט פון שפאניע.

* * *

יוסטיניאן ווערט אנגערופן „דער גרויסער״, אבער דעם טיטל האט ער ניט געקראגן ווי־ צעזאר און אנדערע דערפאר, וואס ער האט

איינגענומען די לענדער, נאָר צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַ גרויסער געזעץ־געבער. ער איז עס געווען דער, וועלכער האָט געשאַפן, ווי מיר האָבן שוין פריער דערקלערט, דאָס געזעץ־בוך פון רוים. אָבער דאָס איז ניט געווען דאָס איינציקע ווערק וואָס ער האָט געשאַפן אויף אָט דעם געביט. עס לוינט זיך דעריבער באַזונדערס אָפּצושטעלן אויף די אַרבעטן, ווייל יוסטיניאַנס ווערק זיינען געוואָרן דער צענטער פון יעדן איינעם וואָס שטודירט געזעץ. עס איז ניט דאָס איינציקע וואָס ער האָט געשאַפן אויף דעם געביט, נאָר ריכטיקער דאָס סאַמע ערשטע. נאָך דעם איז געקומען דאָס בוך וואָס האָט געהייסן „קאָנסטיטוציעס" און וואָס איז דערשינען אין יאָר 528־529. אָבער נאָך דעם האָט זיך יוסטיניאַן גענומען צו שאַפן אַן אַנדער ווערק, וואָס איז געווען אַן איינזאַמלונג פון אַלע אויסטייטשונגען פון געזעצן און פון יעדע זאַך וואָס איז געשריבן געוואָרן ביז אים אויפן געביט פון געזעצגעבונג. דאָס ווערק האָט ער אַליין געשאַפן אין פאַרלויף פון פיר יאָר צייט און עס אַנטהאַלט 50 בענדער. עס גייט אונטער דעם נאָמען „דיגעסטאַ", אָדער אונטערן נאָמען „פּאַנדענטאַ". דאָס גרויסע ווערק איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 534. נאָך דעם האָט יוסטיניאַן געשאַפן נאָך אַ ווערק וועגן געזעצגעבונג וואָס טראָגט דעם נאָמען „אינסטיטוציעס". דאָס איז אַ ווערק, וואו ער באַהאַנדלט די פאַרשידענע געזעצן פון אַ לאָגישן שטאַנדפּונקט. דאָס לעצטע בוך איז אַבסאָלוט אַ מוז פאַר יעדן סטודענט פון געזעץ און איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „יוסטיניאַנס אינסטיטוציעס". דערנאָך ערשט האָט יוסטיניאַן געשאַפן נייע קאָנסטיטוציעס און נייע געזעצן וואָס זיינען ביז צו זיין צייט ניט געווען. די אַלע ווערק האָט ער על פי רוב געשריבן אין גריכיש. בסך־הכל האָט ער געשאַפן אַן ערך פון נייע 170 בענדער פון געזעצגעבונג. די דאָזיקע נייע געזעצן גייען אונטער דעם נאָמען „נאָוועלע" און זיינען אַ צוגאָב צו דעם ערשטן בוך „קאָרפּוס יוריס ציווילים".

* * *

אינטערעסאַנט אין דעם אַלעם איז איין זאַך, נעמלעך, וואָס פיל היסטאָריקער גיבן אָן, אַז ביים שאַפן זיינע ווערק, האָט זיך יוסטיניאַן אָפּט באַראַטן מיט זיין פרוי, טעאָדאָראַ. טעאָדאָרא איז ניט געווען בלויז די קייזערין פון לאַנד, ווייל איר מאַן איז געווען דער קייזער, נאָר זי איז געווען די קייזערין פּאַקטיש אין לעבן, ווייל ווען זי האָט מיט אים חתונה געהאַט, האָט זי זיך אויסגערעדט, אַז זי זאָל טיילן די הערשאַפט מיט אים צוזאַמען. אַזוי, אַז פיל מאָל איז זי געזעסן אויבן אָן ביים ראַט

פון די מיניסטאָרן אָנשטאָט איר מאַן, דער קייזער, און זי האָט געזאָגט די מיניסטאָרן וואָס צו טאָן. יוסטיניאַן האָט אויך גאָר ניט געקענט טאָן אָן איר צושטימונג. זי האָט געהאַט אַ דעה וועמען צו באַשטימען אַלס מיניסטער און וועמען אָפּצוזאָגן. די רעכט פון באַשטימען אַמבאַסאַדאָרן איז אינגאַנצן געווען אין אירע הענט. זי האָט אויך אַרויסגעגעבן געזעצן און פאַראָרדנונגען אפילו אָן דעם וויסן פון קייזער יוסטיניאַן.

ווער איז, דעריבער, געווען אַט־די פרוי, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ ראָל אין ביזאַנטיום פאַר גאַנצע 22 יאָר, אַז אַלע האָבן מורא געהאַט פאַר איר? פון וואַנען איז זי געקומען? און ווי אַזוי איז עס געשען אַז דער קייזער יוסטיניאַן האָט איר אַלץ נאָכגעגעבן און זי האָט געהאַט אַזאַ מאַכט אפילו איבער אים?

דאָס איז אייגנטלעך שווער אויסצוגעפינען פון די היסטאָריקער וועלכע פאַרדעקן כמעט אַלץ וועגן איר. פאַקטיש האָט מען ביז אין אָנהויב פון 17־טן יאָרהונדערט כמעט גאָר ניט געוואוסט וועגן איר, איבערהויפּט וועגן אירע ניט־שיינע מעשים פון אַמאָל. זי איז באַשריבן געוואָרן אַלס די גרויסע קייזערין, וועלכע האָט מיט איר קלוגשאַפט געהאָלפן יוסטיניאַן צו פירן די מלוכה, איינצונעמען פיל לענדער און דער עיקר צו שאַפן זיינע גרויסע און צאָלרייכע ווערק פון געזעצגעבונג. אָבער אין איר צייט האָט געלעבט איינער, וועלכער האָט אַלץ וועגן איר פאַרשריבן. דאָס איז געווען איינער פון דעם קייזערס ראטגעבער. זיין נאָמען איז געווען פּראָקאָפּיוס. ער האָט די קייזערין גוט געקענט נאָך פון דער צייט איידער זי איז באַשטיגן דעם טראָן און ער האָט אין דעם בוך דערציילט דעם גאַנצן אמת וועגן איר. ער האָט שפּעטער מורא געהאַט דאָס בוך צו פאַרעפנטלעכן. אָבער טעאָדאָראַ האָט זיך דערוואוסט אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן איר און זי האָט אים באַפוילן, אונטער דער געפאַר פון טויט, אַז ער זאָל דאָס בוך איר אָפּגעבן. עס פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט דאָס געמוזט טאָן. די קייזערין האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט האַלטן וואָרט און אים שענקען דאָס לעבן דערפאַר וואָס אין דעם בוך האָט ער אויך געזאָגט אַ ביסל שבחים וועגן איר.

דאָס בוך האָט געהייסן „די געהיימע געשיכטע פון אַ קייזערין״ און ער שילדערט ווי אַזוי אַט־די טעאָדאָראַ איז געווען פריער אַ ביליקע צירק־טענצערין און נאָך ערגער — אַ פּשוטע פּראָסטיטוטקע.

די קייזערין האָט געזאָלט פאַרברענען דאָס בוך, אָבער זי האָט עס ניט געטאָן און אַזוי האָט מען עס געפונען אין יאָר 1623 און עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

טעאָדאָראַ, די פּראָסטיטוטקע, וואָס איז געוואָרן אַ קייזערין

דאָס ביזאַנטישע קייזערטום אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז בדרך כלל געשטאַנען אויף אַ העכערער שטופע ווי די פון רוים אַמאָל. מען קען זאָגן, אַז עס איז געווען דאָרטן אַ העכערע ציוויליזאַציע. דאָרטן זיינען די הערשער אויך ניט געקומען צו דער מאַכט דורך דעם וועג פון אַ דינאַסטיע, דאָס הייסט, פון פאָטער צו זון, נאָר על פּי רוב דורך מאַכט. אָבער ניט אַזוי פיל דורך דערמאָרדן דעם פריערדיקן הערשער, ווי עס איז געווען איינגעפירט אין רוים. אין ביזאַנט האָט אויך יעדער איינער, וואָס האָט געקענט פאַרכאַפּן די מאַכט, דאָס געמעגט טאָן. דעריבער זיינען מערסטנס דאָס געוואָרן גענעראַלן און אַרמיי־פירער. נאָך אַ זאַך איז געווען איינגעפירט אין ביזאַנטיום, אַז ווער עס איז געוואָרן דער הערשער און האָט געטראָגן אויף זיינע אַקסלען דעם פּורפּור־מאַנטל (דעם מאַנטל פון אַ קייזער), דער איז דאָס געווען. מען האָט מער ניט געפרעגט קיין שאלות, ווי אַזוי ער איז געקומען דערצו. דער קייזער האָט אויך געמעגט נעמען זיך פאַר אַ ווייב וועמען ער האָט געוואָלט. אַפילו אַ דינסט־מויד און אַפילו אַ פּראָסטיטוטקע.

און אָט דאָ קומען מיר צו דער געשיכטע פון טעאָדאָראַ. די קייזערין פון ביזאַנט, דאָס ווייב פון יוסטיניאַן, וועגן וועלכער אַלע היסטאָריקער האָבן גערעדט אַ צייט לאַנג מיט גרויס דרך ארץ, אַזוי אַז אפילו דער היסטאָריקער גיבאָן זאָגט וועגן איר, אַז „מען דאַרף זי באַטראַכטן פאַר דאָס העכסטע פון פרויען־געשלעכט". גיבאָן האָט זעט אויס ניט געוואוסט פון פּראָקאָפּיוסעס בוך, כאָטש עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך אין 1623. אָבער עס קען זיין, אַז ער מיינט וועגן איר אויפפירונג אַלס קייזערין.

מיר וועלן דאָ דעריבער ברענגען אַ ביסל פון אָט דעם בוך און הערן וואָס דער מחבר, וועלכער האָט גוט געקענט די דאָזיקע קייזערין, דערציילט וועגן איר אין זיין ווערק, „די געהיימע געשיכטע פון אַ קייזערין".

אָט וואָס פּראָקאָפּיוס דערציילט:

יוסטיניאַן דער ערשטער איז געווען דער גרעסטער הערשער פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע און ער האָט זיך באַרימט געמאַכט דורך זיין ברענגען אין אָרדנונג די געזעצן פון לאַנד, וועלכע זיינען געווען פאַרשריבן אָבער אין אַ גרויסער אומאָרדענונג. ער האָט אויך, מיט דער הילף פון זיינע ראַטגעבער, געענדערט אַ טייל פון די געזעצן און געשאַפן נייע. איבערהויפּט דאָרטן, וואו קיין געזעצן וועגן אַ געוויסן

פאַרברעכן אָדער וועגן דער רעכט פון אַ מענטש זיינען ניט געווען. אָבער צוגלייך מיט יוסטיניאַן איז זיין ווייב טעאָדאָראַ אויך געווען גרויס אין אירע ליבעס, און אפשר האָט זי אין די דאָזיקע ליבע־אַפּערעס אַרויס־געוויזן נאָך מער טאַלאַנט ווי ער, בנוגע די געזעצן.

טעאָדאָראַ האָט אָנגעהויבן איר ליבע־קאַריערע פיל פריער, איידער זי איז געוואָרן די קעניגין פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע. זי האָט זיך אויפגעצויגן אין די קרייזן, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צום עמפּעראָר, און איז אַלס קינד שוין געווען זייער בראַוו. דאָס ווייזט דער פאַקט, וואָס נאָך אַלס אַ מיידל פון 12 יאָר האָט זי זיך געשפּילט מיט דער גריוועע פון אַ לייב. זי האָט אויך זיך איינגעשפּאַרט און אויסגעפירט, אַז מען זאָל צונעמען די קליינע קינדער פון אַ טיגערין, וועלכע האָט זיי נאָר־וואָס געהאַט געבוירן, און געבן זיי איר, צו שפּילן זיך מיט זיי, כאָטש עס איז געווען אַ געפאַר, אַז די טיגערין וועט צערייסן אויף שטיקער דעם וואָס וועט דאָס טאָן. זי האָט זיך אויך איינמאָל געלייגט שלאָפן אונטער אַ העלפאַנט. די קליינע טעאָדאָראַ האָט ניט געוואוסט וואָס עס איז אַזוינס מורא. ווען זי איז אַלט געווען 13 יאָר איז זי אַריינגעטראָטן אין אַ צירק, וואו איר פאָטער איז געווען באַשעפטיקט ביי די חיות, אויף צו זיין דאָרטן אַ טענצערין. זי האָט באַלד אַזוי אויסגענומען מיט איר טאַנצן, אַז דער בישאָף וויגילוס האָט, זעענדיק זי טאַנצן, געזאָגט צו זיין סוויטע: „דאָס יונגע מיידל וועט נאָך פאַרדרייען די קעפּ פון די גרעסטע מענטשן אין ביזאַנט״.

איין אָוונט, נאָכדעם ווי טעאָדאָראַ איז אַריין אין צירק, איז זי ניט געקומען אַהיים שלאָפן. ווען זי איז צומאָרגנס געקומען אַהיים צו איר פאָטער, האָט זי געהאַט אין איר קעשענע דריי גאָלד־שטיקלעך, וואָס זי האָט געקראָגן פאַר שלאָפן מיט אַ מאַן. טעאָדאָראַ איז איצט אַריין אין איר לאַנגער ליבע־קאַריערע צו שלאָפן מיט מענער, ניט צוליב אמתער ליבע, ווי עס פּאַסירט אַמאָל מיט יונגע מיידלעך, נאָר דורך פאַרקויפן זיך פאַר געלט. איר פאָטער, וועלכער איז געווען אַליין אַ צעלאָזענער, האָט זיך ווייניק וואָס געמאַכט דערפון, ווייל שוין זיינע צוויי עלטערע טעכטער, קאָמילע און אנאסטאסיא, זיינען געווען באַוואוסטע פּראָסטי־טוטקעס. אָבער טעאָדאָראַ איז געווען קליגער פאַר זיי און דעריבער האָט זי זיי באַלד אַריבערגעיאָגט. טעאָדאָראַ האָט, אָן ספק, געהאַט אויך אַרטיסטישע פעאיקייטן, ווייל ווען מען האָט אין צירק געדאַרפט האָבן אַ פּרוי פאַר פאַנטאָמינישע פאַרשטעלונגען, האָט זי זיך געמאָלדן, אַז זי וועט עס טאָן. עס זיינען דאָרטן געווען אַנדערע פרויען, אָבער זי האָט

אויסגעפירט, אַז מען זאָל די ראָל איר געבן, און זי האָט באַלד מיט איר פאָרשטעלן אַזוי שטאַרק אויסגענומען, אַז זי האָט געמוזט געבן אַ פאָר־שטעלונג יעדן טאָג. זי האָט פאַרגעשטעלט אַזעלכע פערזענלעכקייטן ווי די פרינצעסין ראָקסאַנאַ; די עגיפּטישע קעניגין קלעאָפּאַטראַ און אויך די מלכה שבא. דער עולם, וועלכער האָט בייגעוואוינט די פאָרשטעלונגען, האָט איר אַפּלאָדירט אָן אַן אויפהער, און די באַגייסטערטע אויסגעשרייען פון אירע פאַרערער, נאָך יעדער פאָרשטעלונג, האָבן געדויערט אַ צייט לאַנג.

איינמאָל, שרייבט פּראָקאָפּיוס, איז ער, אַלס דער הויפּט־סעקרעטאָר פון אימפּעראַטאָר יוסטיניאַן דער ערשטער, געקומען זען איר שפּילן.

אָבער ווען ער האָט געזען ווי זי שטעלט פאָר ביבלישע טיפּן אין אַ נאַקעטן צושטאַנד, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט הויך: „אומ־מאָראַלישע פרויען, וועלכע ווילן ווייזן זייער נאַקעטן קערפּער, כדי אַזוי אַרום צו קענען זיך שפּעטער בעסער פאַרקויפן צו מענער, דאַרף ניט זיין דערלויבט פאַרצושטעלן ביבלישע טיפּן“. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם און עס איז געווען אַזאַ קלאַפּ פאַר טעאָדאָראַן, אַז עטלעכע טעג האָט זי זיך מער ניט באַוויזן אויף די ברעטער פון צירק. אָבער זי האָט עס שוין דעמאָלט ניט געדאַרפט. זי האָט שוין געהאַט אַ גרויסן קרייז פון רייכע, צו וועלכע זי האָט פאַרקויפט איר לייב פאַר גוט געלט. זי איז געווען די פּאָפּולערסטע פּראָסטיטוטקע אין שטאָט און האָט יעדע נאַכט געקענט האָבן מער קליענטן וויפיל זי האָט געקענט באַפרידיקן.

אָבער באַלד, האָט טעאָדאָראַ צוריק אָנגעהויבן צו געבן אירע פּאַנ־טאָמינישע פאָרשטעלונגען און אין האַרצן האָט זי געזוכט צו נעמען נקמה פון פּראָקאָפּיוסן, פאַר זיינע קריטישע ווערטער. זי האָט דעריבער איצט געזוכט די באַקאַנטשאַפט פון מלוכה־מענער, כדי צו קענען אָנקומען צום אימפּעראַטאָר אַליין. איין טאָג האָט זי זיך באַקאַנט מיט דער פרוי פון דעם באַרימטן גענעראַל בעלאַסאַריוס. זי האָט געהייסן אַנטאָניאַ און איז געווען אַ טאָכטער פון אַ בעל־עגלה. די אַנטאָניא איז אויך ניט געווען קיין צדיקת, אָבער כאָטש אַלע האָבן געוואוסט אַז זי האָט אין געהיים פיל ליבהאָבער, האָט זי דאָך געוואָלט מאַכן אַלע צו גלויבן, אַז זי איז פאַר־ליבט אין איר מאַן, דעם העלד פון אַזוי פיל שלאַכטן. טעאָדאָרא האָט געהאָפט אַז דורך אַנטאָניא, דעם גענעראַלס ווייב, וועט זי קענען קומען אין קאָנטאַקט מיטן קעניג, און זי האָט זיך דעריבער געהאַלטן נאָענט צו איר און געזוכט עצות ווי אַזוי צו קומען אין פּאַלאַץ פון יוסטיניאַן.

אָבער אָט דאָס איז געקומען צו איר אומדערוואַרטעט, עס איז אַזוי

געוועז: ווען ער פּראָקאָפּיוס האָט איבערגעגעבן צו יוסטיניאַנען וועגן די פאָרשטעלונגען פון טעאָדאָראַ, און פאַרלאַנגט פון אים, אַז ער זאָל איר פאַרווערן פאַרצושטעלן ביבלישע טיפּן, איבערהויפּט דעם טיפּ פון דער מאַדאָנאַ, האָט יוסטיניאַן באַשלאָסן צו גיין אינקאָגניטאָ אין טעאַטער, כדי אַליין צו זען אירע פאַרשטעלונגען, און אַזוי האָט ער געטאָן. ער איז געקומען און האָט זי געזען אין האַלבער און כמעט גאַנצער נאַקעטקייט — און זי האָט אים געוואונען...

איינמאָל אין מיטן נאַכט איז געקומען צו טעאָדאָרא דער שליח פון אימפּעראַטאָר, קלאַטאַר, מיט אַ שנור פון עכטע גרויסע פּערל. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין איר טיר און געזאָגט, אַז דער קעניג האָט איר געשענקט פּערל און אַז ער וואַרט אויף איר אין זיין פּאַלאַץ. טעאָדאָראַ, וועלכע האָט פּונקט דעמאָלט געהאַט אַ מאַן ביי זיך אין צימער, האָט באַשלאָסן צו שפּילן אַ שטאָלצע. זי האָט ניט אַריינגעלאָזט דעם שליח פון קייזער און אים געהייסן צוריקטראָגן די פּערל און אים זאָגן, אַז איר, טעאָדאָראַן, קויפט מען ניט מיט קיין פּערל. און אויב ער וויל מיט די פּערל קויפן ליבע, זאָל ער זיי געבן צו אַן אַנדער מיידל, וועלכע פאַר־קויפט איר לייב, ווייל אויב זי ליבט עמיצן, איז עס ניט פאַר געלט, אָדער צירונג, נאָר פון איר האַרצן...

אויף יוסטיניאַן דעם ערשטן האָבן די דאָזיקע פאַלשע ווערטער פון דער געניטער אַקטריסע געמאַכט אַן איינדרוק, און ער האָט געשיקט אַ צווייטן שליח מיט אַ פיל גרעסערער מתנה. טעאָדאָראַ האָט איצט שוין געוואוסט, אַז זי האָט דעם קייזער געפאַנגען און האָט דעריבער באַ־פוילן דעם צווייטן שליח צו זאָגן דעם קייזער:

— אויב יוסטיניאַן האָט מיך ווירקלעך ליב, ווי ער זאָגט, זאָל ער קומען אַליין צו מיר, ניט שיקן מיר מתנות דורך פרעמדע מענטשן.

און טעאָדאָראַ האָט אויסגעפירט — יוסטיניאַן איז געקומען. אָבער זי האָט צוגעגרייט די סצענע זייער געשיקט, ווייל, ווען ער איז אַריינגע־קומען צו איר, האָט ער געטראָפן איר קניענדיק פאַר אַ גרויסן צלם, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, פאַרטיפט אין געבעט. נאָכדעם ווי זי האָט געענדיקט איר געבעט, האָט יוסטיניאַן געפרעגט:

— ווער ביסטו? ביסטו באמת אַזאַ פרומע?

— ניין, — האָט טעאָדאָראַ געענטפערט — איך בין נאָר אַ טענצע־רין אין צירק.

— איך ווייס, — האָט דער קעניג געזאָגט שוין בייז — דו, טעאָ־

דאַראַ, פאַרקויפסט זיך צו יעדן מאַטראָס אָדער סאָלדאַט פאַר עטלעכע מטבעות. איז דאָס אמת?

טעאָדאָראַ האָט זיך ניט דערשראָקן, זי איז אויך ניט געוואָרן בייז און האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו זאָגן אים, אַז עס איז אמת.

יוסטיניאַן איז איצט שוין געוואָרן שטאַרק אין כעס און האָט אויסגעשריען:

— אויב אַזוי, פאַרוואָס האָסטו ניט געוואָלט קומען צו מיר, אין מיין פּאַלאַץ?

— ווייל דו האָסט געוואָלט, ווי אַלע אַנדערע, קויפן מיך פאַר געלט.

— וואָס דען ווילסטו פון מיר?

— ליבע, אמתע ליבע, איך האָב דיך ליב.

— איז דאָס אמת? ווי אַזוי קען איך זיך דערין איבערצייגן?

— דורך טיילן מיט מיר דיין קרוין, דורך מאַכן מיך פאַר דיין קעניגין. דעמאָלט וועל איך זיין איינגאַנצן דיינע און וועל וויסן אַז דו מיינסט עס אמתדיק מיט מיר, און איך וועל געהערן נאָר צו דיר.

יוסטיניאַן איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט, ווי איינער וואָס דענקט נאָך, צי דער פּרייז איז ניט אַמאָל צו גרויס. אָבער דאָ האָט זי, טעאָדאָראַ, אים אַרומגענומען מיט אירע צוויי שלאַנקע, צאַרטע הענט, אים געדריקט צו איר האַרץ און באַדעקט זיין געזיכט מיט אַזעלכע ליידנשאַפטלעכע קושן, אַז ער האָט שוין שפּעטער אין די שטילע שעהן פון דער נאַכט, איר, אָן ווידערשטאַנד, אונטערגעשריבן דעם צוגעטראָגענעם פּאַפּיר, אַז זי וועט זיין די קייזערין פון ביזאַנט און הערשן צוגלייך מיט אים און אַז זייער חתונה זאָל פאַרקומען ניט שפּעטער ווי אין אַ מאָנאַט אַרום.

און אַזוי איז געשען, אַז טעאָדאָראַ האָט דערגרייכט איר חלום צו ווערן די קייזערין פון ביזאַנט און צו הערשן איבער מיליאָנען מענטשן.

* * *

22 יאָר האָט טעאָדאָראַ געהערשט איבער ביזאַנט. אין די יאָרן איז זי געוואָרן פרומער און עס הייסט, אַז זי האָט אָנגעהויבן צו פירן, זייט זי איז געוואָרן אַ קייזערין, אַ לעבן אָן זינד. זי האָט בלויז ביסלעכווייז אין דער שטיל אָפּגערוימט און פאַרניכטעט אַלע אירע געוועזענע פריינד און ליבהאָבער, וועלכע האָבן געקענט דערציילן וועגן איר ניט קיין שיינע זאַכן, באַזונדערס האָט זי געהייסן וואַרפן אין באָספאָר די יעניקע וועלכע האָבן זיך באַרימט אַז זיי זיינען אַמאָל געשלאָפן מיט איר.

טעאָדאָראַ האָט איצט געוואָלט עפּעס טאָן פאַר די געפאַלענע פרויען פון איר לאַנד און זי האָט אויסגעבויט אַ גרויס, שיין הויז ביים ברעג פון באָספאָר, אַלס אינסטיטוציע פאַר אַזעלכע מיידלעך. זי האָט אַהין געהייסן ברענגען פּראָסטיטוטקעס, וועלכע מען כאַפּט אין דער נאַכט רופן מענער. אָבער דער רעזשים איז דאָרטן געווען אַזאַ שווערער, אַז פיל פון די מיידלעך זיינען בעסער געשפרונגען אין ים אַריין ווי צו זיין אין יענעם פּאַלאַץ. אַזוי אַרום איז מיט דער צייט די אינסטיטוציע אונטערגעגאַנגען.

לויט די מיינונגען פון היסטאָריקער, האָט טעאָדאָראַ, זייט זי איז געוואָרן די קייזערין פון ביזאַנט, ניט געהאַט מער קיין געליבטע. טעאָדאָרא איז געווען קלוג. זי האָט געוואוסט אַז יוסטיניאַן איז זייער אַן איפערזיכ־טיקער מענטש און אַז ער קוקט אויף איר מיט חשד, האָט זי דעריבער קיינמאָל ניט געוואָלט ריזיקירן מיט איר הויכער פּאָזיציע אַלס קייזערין אויף צו פירן אַ ליבע מיט עמיצן וואָס איז נידעריקער אין ראַנג פון איר מאַן.

איר אַמביציע איז אָבער געווען צו האָבן אַ זון און צו זען, אַז ער זאָל ווערן דער קרוינפּרינץ, צו ווען עס זאָל איבערגיין די מלוכה נאָך יוסטיניאַנס טויט. אָבער דאָס האָט זיך איר ניט איינגעגעבן. זי האָט געבוירן פון יוסטיניאַנען אַ טאָכטער און מער קיין קינדער האָט זי ניט געקענט האָבן.

אָבער צי איז עס אמת, אַז זי האָט געהאָלפן דעם קייזער יוסטיניאַן אין דער פאָרמולירונג און גרופּירונג פון די געזעצן? — יאָ, דאָס איז מעגלעך. זי האָט אויפגעפּאַסט זאַכן פיל גיכער ווי יוסטיניאַן. זי האָט דעריבער מיטגעאַרבעט מיט אים און געפּועלט ביי אים אַז שווערע שטראָפן וואָס עס זיינען געווען אין די פאַרשידענע פאַראָרדענונגען פאַר געפאַלענע פרויען, ווי בכלל פאַר געשלעכטס־עבירות, זאָל ער אָפּשאַפן. טעאָדאָראַ האָט געגעבן צו פאַרשטיין יוסטיניאַנען, אַז נאָך אַלעם זיינען די זינד ניט אַזעלכע וואָס שאַדן דער געזעלשאַפט, קיינער ליידט ניט דערפון; עס איז בלויז אַ מאָראַלישע איינשטעלונג. דעריבער, אויב מען זאָל די דאָזיקע איינשטעלונג מאַכן אַנדערש, וועט דאָס נאָר זיין פון גרויס נוצן פאַר אַלעמען. יוסטיניאַן האָט איינגעזען אַז אירע אַרגומענטן זיינען ריכטיקע און ער האָט דעריבער אַלע געשלעכטס־עבירות באַ־האַנדלט אויף אַ פיל מילדערן אופן ווי עס זיינען געווען די געזעצן פון אַמאָל.

טעאָדאָרא האָט אויך געהאָלפן איר מאַן, דעם קייזער יוסטיניאַן,

אין פּאָליטישע פראַגן און איר וואָרט האָט אַלע מאָל געשפּילט אַ גרויסע ראָל.

אָבער טעאָדאָראַ האָט נאָך גאָר יונג בערך געקראָגן אַ ראַק, און נאָכדעם ווי זי האָט זיך אָפּגעמוטשעט אַ יאָר צייט, איז איר נשמה אויס־געגאַנגען. אירע יסורים זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט אַליין שוין געבעטן אויף זיך דעם טויט. יוסטיניאַן האָט אויסגעבויט אויף איר קבר אַ גרויסן מאָנומענט.

30. ווי אַזוי קריסטנטום האָט זיך אויסגעבויט אַלס וועלט־רעליגיע

קריסטנטום ווערט אַ וועלט־מאַכט און רופט זיך דעריבער אָן „קאַטאָליק". — די סיסטעם איז געווען ווי פון אַ מלוכה מיט אַ קייזער און גובערנאַטאָרן. — ווען האָט מען געשאַפן די קריסטלעכע געזעצן? — דאָס אָפּהיטן זונטיק אָנשטאָט שבת. — די טעאָלאָגישע פראַגן וועגן גאָט און זיין באַציאונג צו יעזוסן. — ווער איז מעכטיקער, דער „פאָטער" צי דער „זון"?

מיטן פאַלן פון רוים, איז די וועלט באַפרייט געוואָרן פון אַ גרויסן באַדריקער און נייע מלוכות און מלוכהלעך האָבן אָנגעהויבן אויפצוקומען, סיי אין אייראָפּע סיי אין אַזיע. אָבער אַזוי ווי די ביזאַנטישע מלוכה אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט גענומען וואַקסן און איר מאַכט האָט זיך פאַרשפּרייט סיי איבער אַזיע און סיי איבער אייראָפּע, האָבן די באַפרייטע לענדער געזען אין איר אַ נייע רוים און מורא געקראָגן פאַר איר. אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבן אין יענער צייט זיך געשראָקן אַז עס שטייט ווידער אויף רוים צו אַ נייע לעבן אונטער נייע פאָרמען. פאַקטיש איז עס טאַקע אַזוי געווען, ווייל וואָס איז געווען די ביזאַנטישע מלוכה אויב ניט אַ נייע רוימישע מאַכט? עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס בלויז אַ האַלב יאָרהונדערט נאָך יוסטיניאַנס טויט האָבן שוין אירע שונאים פון אייראָפּע און אַזיע פאַרפירט מיט איר מלחמות און געריסן פון איר שטיקער. אין אַזיע האָבן די פערסיאַנער אָנגעהויבן אַ גרויסע מלחמה קעגן ביזאַנט און אין אייראָפּע האָט דער גערמאַנישער שבט, די „לאַמבאַרדס", (מ'האָט זיי אַזוי גערופן, ווייל זיי האָבן געטראָגן לאַנגע בערד און זיך אַליין באַצייכנט אַלס „לאַנגבערד" אויף זייער דייטשישן דיאַלעקט. שפּע־טער איז דער נאָמען פאַרענדערט געוואָרן אויף „לאָמבאַרדס") זיך גערוקט אַלץ ווייטער אין איטאַליע און פאַרכאַפּט גרויסע טיילן פון לאַנד. די מלחמות מיט די פערסיאַנער, וועלכע האָבן געהאַט אַלטע חשבונות מיט רוים, האָבן זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט. גאַנצע צוויי צענדליק יאָר האָט דער פערסישער קעניג כאָסראָזעס דער צווייטער געקעמפט קעגן דעם ביזאַנטישן הערשער הערקליוס (געהערשט פון 610 ביז 641 — קריסט־לעכע צייט־רעכענונג). אין דער מלחמה איז דאָס ביזאַנטיום אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. די פאַרלוסטן אין מענטשן און אין פאַרמעגן זיינען געווען אַזוי גרויס,

אַז דאָס לאַנד איז געוואָרן פאַראָרעמט און שוואַך. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז ביזאַנט האָט זיך שפּעטער ניט געקענט מער קיין עצה געבן מיטן נייעם שונא — די אַראַבער, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אויף דער אַרענע.

אָט די אַראַבער האָבן זיך איצט געשטאַרקט און געמערט און זיי האָבן אָפּגעריסן פון ביזאַנט, צום ערשטן עגיפּטן און דערנאָך סיריע. זיי האָבן מאַרשירט ביזן באָספּאָר, אָבער פאַר די טויערן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן זיי געהאַט אַ מפּלה. זיי האָבן אָבער זיך ניט אָפּגעשטעלט און מאַר־שירט ווייטער אין צפון־אַפריקע, וועלכע זיי האָבן איינגענומען, און שפּעטער אויך שפּאַניע און אויך געוויסע טיילן פון איטאַליע, ווי די מיטללענדישע אינדזלען. זיי האָבן בכלל פאַרכאַפּט געוויסע טיילן פון אייראָפּע.

אין יענע יאָרן האָבן אויך די סלאַוון זיך באַוויזן אויף דער אַרענע און גענומען פאַרכאַפּן טיילן פון אייראָפּע. די סלאַוון (פון וואָרט „סלאַוואַ", וואָס מיינט אין אַלע סלאַווישע שפּראַכן: „וואָרט"), זיינען געוועזן אַ צוריקגעשטאַנענער שבט, וואָס האָט געוואוינט אין דער געגנט, וואָס איז היינט רוסלאַנד. זיי האָבן זיך פאַרשפּרייט אַרום דעם באַלטישן ים און אין געוויסע טיילן פון היינטיקן דייטשלאַנד.

אין יענער צייט איז אויך פאָרגעקומען אַ נייע דערשיינונג, אַ צוזאַמענשמעלצונג פון צוויי שטאַרקע כוחות: די ערשטע דייטשן, די גאָטן, מיט די רוימער. אַזוי ווי ביידע שטאַמען זיינען געוועזן קריגערישע פון נאַטור און אַזוי ווי די גאָטן וואָס האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן דעם פּלאַץ פון די רוימער האָבן דאָס ניט געקענט, איז געוואָרן צווישן זיי אַ שלום, וואָס האָט ניט נאָר געהאַט אַ פּאָליטישע באַדייטונג, נאָר אויך געבראַכט דערצו, אַז ביידע שטאַמען זאָלן זיך צוזאַמענשמעלצן און ווערן איין פאָלק. זיי האָבן חתונה געמאַכט זייערע קינדער צווישן זיך און די נייע דורות זיינען שוין געוועזן אַ געמיש פון דייטשיש מיט רוימיש בלוט. מיטגעהאָלפן דערצו האָט אויך דאָס, וואָס די דייטשן האָבן, אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן.

* * *

דאָס קריסטנטום האָט איצט אויך אָנגעהויבן שפּילן אַ פּאָליטישע ראָל אין דער וועלט. זי האָט געקראָגן פיל אָנהענגער אין אייראָפּע און אַזיע און איז געוואָרן אַ גרויסע מאַכט. זי האָט זיך דעריבער גענומען רופן „קאַטאָליק", וואָס עס מיינט „אוניווערסאַל", אַז די קריסטלעכע רעליגיע איז אַן אוניווערסאַלע רעליגיע. אָט די רעליגיע האָט זיך איצט

אויסגעבויט אינגאַנצן לויט דעם סיסטעם פון דער רוימישער מאַכט. יעדע שטאָט האָט געהאַט אַ בישאָף, וועלכער האָט געהאַט אונטער זיך אַ גאַנצע ריי פון גלחים. אַ פּראָווינץ־שטאָט, אָדער אַ גובערניע, האָט געהאַט אַן אַרכי־בישאָף (אָדער מעטראָפּאָליט), וואָס האָט געהאַט אַזאַ מאַכט ווי אַ גובערנאַטאָר. איבער עטלעכע גובערניעס איז געווען אַ "וויקאַר", אָדער אַ פּאַטריאַרך, ד. ה. אַזאַ איינער וואָס ווערט איצט גערופן קאַרדינאַל. איבער זיי אַלע איז געווען דער פּויפּסט אין וואַטיקאַן, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ מאַכט ווי אַ רוימישער הערשער.

אין יענער צייט, אין פינפטן יאָרהונדערט, האָט די קירך אין רוים אויך גענומען טראַכטן וועגן אַ ספּעציעלן סאָרט קליידונג, וואָס די נידעריקע גלחים און אויך די העכערע גייסטלעכע זאָלן טראָגן און עס זיינען אָנגענומען געוואָרן די פאָרמען, וועלכע זיינען גילטיק ביזן היינטיקן טאָג.

אָבער עס איז דאָך ניט אַלץ געווען אין בעסטער אָרדענונג אין דער קריסטלעכער וועלט, ווייל עס זיינען געווען פיל פראַגן וועגן דער רע־ליגיע, וואָס זיינען ניט געווען פאַרענטפערט. אַזוי, למשל, זיינען געווען פראַגן בנוגע די באַציאונגען צווישן יעזוסן און זיין "פאָטער", דעם גאָט פון דער וועלט. ווי אַזוי איז עס? האָט דער "זון" די זעלבע מאַכט, וואָס דער "פאָטער" אָדער ניט? אויב ניט, וואָס פאַר אַ מאַכט האָט דער "פאָטער" און וואָסערע דער "זון"? און וואָס פאַר אַ קראַפט שטעלט מיט זיך פאָר "די דריי־איניקייט"? דאָן די פראַגע וועגן געבורט פון יעזוסן דורך מרימען, דאַרף מען גלויבן, אַז עס איז געווען אַ גייסטיקע באַפרוכפּערונג אָדער ניט? — אַזוי זיינען געווען נאָך פיל אַנדערע פראַגן, וואָס האָבן געמאַטערט די קעפּ פון די גלויביקע.

מיר האָבן שוין דערמאָנט פריער וועגן דער באַראַטונג פון גייסט־לעכע, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין ניס, נאָך אין דער צייט פון קייזער קאָנסטאַנטין. יענע באַראַטונג אָדער פאַרזאַמלונג פון גייסטלעכע, איז געווען כדי צו לייזן די פראַגע, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פון איינעם פון די הויפּט־גייסטלעכע: צי יעזוס האָט די זעלבע קראַפט, וואָס גאָט, זיין "פאָטער". אַזוי ווי יעזוס איז דאָך נאָר אַ "זון" פון גאָט און גאָט איז דאָך מער ווי יעזוס, זיין "זון", דאַרף מען דעריבער בעטן פריער צו גאָט און ערשט דערנאָך צו יעזוסן. דער רוב פון די גלחים האָט גע־זאָגט, אַז אמת, גאָט איז מער ווי יעזוס, אָבער גאָט האָט איבערגעגעבן זיין מאַכט צו יעזוסן, אַז ער זאָל זיין זיין פאַרטרעטער אויף דער ערד. דע־ריבער דאַרף מען זיך ווענדן, קודם כל צו אים, צו יעזוסן און ערשט דערנאָך

צום „פאַטער". אַט די טעזע איז אָנגענומען געוואָרן אַלס די הויפּט־דאָגמע פון קריסטנטום, אַזוי אַז אַלע וואָס זאָגן אַנדערש דאַרפן ווערן באַטראַכט פאַר אפּיקורסים. באַלד נאָכדעם האָט דער קייזער טעאָדאָסיוס דערקלערט, אַז ער וועט רודפן אַלע די, וואָס זאָגן אַנדערש און אפילו זיי באַשטראָפן מיט טויט. ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט, און גערודפט אַלע קריסטן, וואָס האָבן געדענקט אַנדערש און אפילו פאַרמשפט צום טויט אַ בישאָף מיט זעקס פון זיינע תלמידים אין שפּאַניע, וועלכע האָבן זיך ארויסגעזאָגט אַנדערש ווי עס איז באַשלאָסן געוואָרן אין ניס. אַט דער פאַל איז געווען דער ערשטער פון אַן אינקוויזיציע פון קריסטנטום קעגן די, וואָס דענקען אַנדערש.

די הויפּט־קירך אין רוים האָט זיך איצט אויך גענומען אויסצובויען פיל קירכן איבער דער וועלט און צו זען, אַז די קירכן זאָלן זיין שיינע בנינים, מיט הויכע טורעמס; אַז זיי זאָלן האָבן אַ סך בילדער, איבערהויפּט, פון מאָזאַאיק־אַרבעט, עס איז אויך דעמאָלט איינגעפירט געוואָרן, אַז די קירכן זאָלן האָבן בילדער פון הייליקע און מאַרטירער און, איבערהויפּט, די פיגור פון יעזוס אויף דעם צלם, ווי בכלל בילדער און סטאַטועס פון דער הייליקער מוטער. די הויפּט־קירכע האָט אויך באַשלאָסן צו ברענגען ליכט אויפן אַלטאַר און רויכערן ווייררויך בעת די גאָטעס־דינסטן. אויך האָט אין יענער צייט די הויפּט־קירכע אויסגעאַרבעט אַ נוסח פון געבעטן און פון הימנען ווי, למשל, „גלאָריאַ אין עקסעלסיס" און „טע דעאום לאודאמוס" וואָס ווערן נאָך עד היום געזונגען אין די קירכן יעדן זונטיק. דאָס שפּילן אויף אַן אָרגל איז ערשט איינגעפירט געוואָרן שפּעטער, אין 7־טן יאָרהונדערט. אָבער דאָס קלינגען אויף די גלאָקן, כדי צו רופן דעם עולם צו קומען אין די קירכן איז שוין איינגעפירט געוואָרן אין יענער צייט.

די קריסטן האָבן זייט פאַולן געהאַט איינגעפירט, אָפּצוהיטן ניט שבת, נאָר זונטיק. אָבער אַזוי ווי שבת האָט געהאַט אַלס מאָטיוו דאָס, וואָס גאָט האָט גערוט אין 7־טן טאָג נאָך זיין שאַפן די וועלט אין זעקס טעג, א זאַך, וואָס קריסטן האָבן מער ניט געקענט אָנגעבן אַלס מאָטיוו, האָבן זיי געשאַפן אַ נייעם מאָטאָ, נעמלעך, דאָס וואָס יעזוס איז אויפגעשטאַנען צוריק צום לעבן אין זונטיק. אין יענע צייטן האָבן די קריסטן אין דעם טאָג, ד. ה. זונטיק, געבעטן אין די קירכן און אָפּגעהאַלטן רעליגיעזע פאַרזאַמלונגען, זיי האָבן זיך ניט צוריקגעהאַלטן פון אַרבעט און האַנדל. אָבער אַזוי ווי דאָס קריסטנטום שטאַמט דאָך פון יידן און פון יידישקייט, איז ביי פיל פון זיי נאָך געווען אַ באַגער פאַרן שבת. זיי האָבן

געוואָלט האָבן שבת אַלס רו־טאָג. אַזוי איז עס געווען באַזונדער אין אַזיע. די דאָזיקע קריסטן האָבן דעריבער געהוט אין שבת און דעם טאָג באַזונדערס געפייערט. שבת איז ביי זיי געווען אַ טאָג פון גאָטעסדינסט און פון פייערלעכע רעליגיעזע צוזאַמענקונפטן. אָבער דאָך ניט קיין רו־טאָג, ווייל די וואָס האָבן געוואָלט אַרבעטן האָבן דאָס געקענט טאָן. אַזוי אַרום איז געווען אַ גרויס צעטומלעניש און צעמישעניש ביי די קריסטן וועגן דער רו פון שבת און פון זונטיק. ענדלעך האָט די קירך אָנגעהויבן צו מאַכן אַן אָרדענונג אין דער זאַך און איינגעפירט, אַז זונטיק זאָל זיין אַ טאָג פון רו, אַזוי אַז זונטיק זאָל אין גאַנצן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון שבת ביי יידן.

אין יענער צייט האָט אויך די הויפּט־קירך אָנגעהויבן צו טראַכטן וואָס צו טאָן מיט די ימים טובים. זייער פיל פון די קריסטן האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן די יידישע ימים טובים ווי, למשל, ראש השנה, יום כיפור, סוכות, פסח און שבועות — איז אַנטשטאַנען די פראַגע, וואָס צו טאָן וועגן דעם: זאָל מען לאָזן די קריסטן אָנהאַלטן די יידישע ימים טובים, אָדער ניט?

די הויפּט־קירך האָט געהאַט אַ האַרטן נוס צו צעברעכן, ווייל פיל פון די ימים טובים זיינען געווען איינגעבאַקן אין די הערצער פון די אָנהענגער פון יעזוסן, וועלכע האָבן זיי איבערגענומען פון זייערע עלטערן און זיי אָפּגעהיט, אָבער נאָך פיל דעבאַטן, האָט די הויפּט־קירך מיט דער הילף פון גייסטלעכע סעמינאַרן, באַשלאָסן, אַז מ׳זאָל לעגאַליזירן פסח, וועלכע מען זאָל רופן „פּאַסכאַ״, אָבער דעם יום־טוב זאָל מען ניט האַלטן צוזאַמען מיט די יידן, נאָר בלויז אין דער צייט פון פרילינג און אַז מען זאָל אים געבן אַ נייעם מאָטיוו. דער יום טוב זאָל זיך אָנהויבן אין אַ זונטיק און זאָל זיין געווידמעט צו דעם אָנדענק פון יעזוסן, וועלכער איז אויפגעשטאַנען צוריק צום לעבן אין אַ זונטיק. פריער, פאַר פּאַסכאַ, זאָל זיין אַ צייט פון האַלב־פאַסטן, האַלבע תעניתים, וואָס זאָלן געדויערן 40 טעג. דער צווייטער יום טוב זאָל זיין שבועות, אויך דער יום טוב זאָל געפייערט ווערן אין אַ זונטיק (אַזוי ווי די צדוקים האָבן געטייטשט דעם פּסוק „ממחרת השבת״) און זאָל אויספאַלן 50 טעג נאָך „פּאַסכאַ״, (ענלעך צו דעם ציילן פון ספירה ביי יידן פון פסח ביז שבועות). דער מאָטיוו צו דעם יום טוב זאָל זיין דאָס וואָס יעזוס איז דעמאָלט אַרויף אין הימל. ראש השנה, יום כיפור און סוכות ווערן אָפּגעשאַפט. דערפאַר זיינען צוגעקומען שפּעטער צוויי פייער־טעג: ווייניאַכט, דעם 25־טן דעצעמבער, אַלס געבורטסטאָג פון יעזוסן און דעם 6־טן יאַנואַר, וואָס איז

געווען דער טאָג פון ברית פון יעזוסן. אָבער מיט דער צייט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער לעצטער יום טוב און עס זיינען צוגעקומען אַנדערע חגאות.

* * *

אַזוי ווייט אין דער קריסטלעכער וועלט. אָבער אויסער דער קריסט־לעכער ממשלה האָט זיך אין יענער צייט אויך פיל געטומלט מיט דער אַראַבישער וועלט. עס איז געקומען די צייט ווען געצן־דינסט האָט אויפ־געהערט צו שפילן אַ ראָל אין דער וועלט. די אַראַבער האָבן זיך שוין געהאַט פאַרשפּרייט אין אַזיע און אין אייראָפּע און האָבן געדאַרפט האָבן אַ רעליגיע, וואָס זאָל זיי געבן אַן אינהאַלט אין זייער לעבן. עס האָט זיי אויך געפעלט ציוויליזאַציע און אַ לעבנס־שטייגער. זיי האָבן אויך ניט געהאַט קיין שום געזעצן. דאָס זיינען אייגנטלעך געווען באַנדעס פון בע־דואינער, וואָס האָבן בלויז אויפגעגעבן זייער וואַנדער־לוסט איבער די מדבריות און זיך גענומען באַזעצן אין שטעט. אין יענעם מאָמענט איז געקומען צו זיי דער מאַן, וואָס האָט זיי געגעבן דאָס, וואָס זיי האָבן גע־דאַרפט און געזוכט — אַ רעליגיע און אַ וועג אין לעבן. דאָס איז געווען מאַכמעד מיט זיין נייער לערע, וועלכע ווערט אָנגערופן אויף זיין נאָמען „מאַכמעדאַניזם״, אָדער „איסלאַם״.

אָבער איידער מיר טרעטן צו, צו דער דערשיינונג פון מאַכמעדן און זיין נייער לערע, איז וויכטיק צו וויסן דעם כאַראַקטער פון די מענטשן און די געאָגראַפּיע פון דעם לאַנד וואו זיין ליכט איז אויפ־געגאַנגען, וואָרום כאָטש די אַראַבער האָבן זיך דעמאָלט געהאַט זייער שטאַרק פאַרשפּרייט, איז אָבער דאָך זייער מקור געווען דאָס לאַנד אַראַביע, אַ האַלב־אינדזל, וואָס ליגט צווישן פּערסישן גאָלף, דעם אינדישן ים און דעם רויטן ים און שטעלט מיט זיך פאָר די פאַרבינדונג צווישן אַזיע און אַפריקע. דאָס לאַנד איז אין שטח אַן ערך אַ דריטל פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָרטן איז קיינמאָל ניט געווען קיין צו גרויסע באַפעלקערונג, ווייל דאָס לאַנד באַשטייט פון מדבריות, אין וועלכע עס זיינען בלויז דאָ עטלעכע אָאַזיסן (פרוכטבאַרע ערטער). די איינוואוינער זיינען מערסטנס וואַנדערנדיקע בעדואינער. אין די ערטער נעבן די ימים, איז די ערד פרוכטבאַר און דער קלימאַט איז אַ גוטער. עס איז נישטאָ קיין צופיל רעגן, אָבער עס איז דאָ גענוג. ביי די ימים זיינען אויך די הויפּט־שטעט און די שטעטלעך. בכלל, אָבער, איז דאָרטן, אין יענע צייטן ניט געווען קיין הויכע ציוויליזאַציע. עס זיינען געווען שבטים, איבער וועלכע עס האָט געהערשט אַ „שייך״, דאָס הייסט, אַן עלטסטער, אַ הערשער. ער האָט געהאַט

אַ גרויסע מאַכט און דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען געזעץ. די אַראַבער זיינען געווען געצן־דינער.

אָט צו די האַלב־ווילדע שבטים איז דאָס געקומען דער קעמל־טרייבער, מאַכמעד, מיט אַ נייער לערע, וואָס האָט ביי זיי שטאַרק אויסגענומען.

.V

דאס אויפשטייגן פון איסלאם

31. ווער איז געווען מאַכמעד ?

32. וואָס איז אַזוינס דער קאָראַן ?

33. ווי אַזוי דער מאַכמעדאַנישער גלויבן האָט זיך פאַרשפרייט

31. ווער איז געווען מאַכמעד?

די אַראַבישע וועלט דערוואַכט ווי פון אַ טיפן שלאָף. — עס שטייט אויף מאַכמעד וואָס פּרעדיקט אַ נייע רעליגיע. — ער איז אַן אָרעם יינגל, אַ קיילעכדיקער יתום, אָבער אין אים האָט זיך פאַרליבט אַ רייכע פרוי, וואָס איז געווען נאָכאַמאָל אַזוי אַלט ווי ער. — ער זאָגט, אַז דער מלאך גבריאל איז געקומען צו אים מיט דער נייער לערע. — ער פּרעדיקט צו טאָן גוטס צו אַלע מענטשן. — די הויפּט־פּונקטן פון זיין נייער לערע.

די שטאָט מעקאַ אין אַראַביע, איז אַן אַלטע שטאָט, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן ביי דעם הייליקן טייך „זעם־זעם" (דער נאָמען פון טייך איז צוליב דעם קלאַנג פון וואַסער וואָס לויפט איבער שטיינער). אָט דער טייך איז פאַרהייליקט ביי די אַראַבער צוליב דעם וואָס זיי גלויבן, אַז דאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט הגר, די דינסט־ווייב פון אברהם אבינו, ווען ער, אברהם, האָט זי אַרויסגעטריבן מיט איר קינד, ישמעאל. וואַנדערנדיק אין דער מדבר, האָט זי זיך דאָ אָפּגעשטעלט, כדי צו טרינקען פון דעם וואַסער. נעבן דעם טייך געפינט זיך אַ שוואַרצער שטיין, וואָס זעט אויס צו זיין אַ מעטעאָר, וואָס איז אַמאָל אַראָפּגעפאַלן פון הימל. די אַראַבער אָבער זאָגן, אַז אויף דעם שטיין האָט זיך הגר אַוועקגעזעצט אָפּרוען, נאָך אירע וואַנדערונגען. די אַראַבער זאָגן אויך אַז הגר, וועלכע זיי באַטראַכטן אַלס זייער מוטער, האָט דאָ מתפלל געווען און דערפאַר האָבן זיי אויף יענעם פּלאַץ אויטגעבויט אַ טעמפּל, וועלכן זיי רופן אַן „קאַאַבאָ". דאָ אַהער פלעגן קומען פּילגרימען פון אַלע טיילן פון דער אַראַבישער וועלט, כדי צו בעטן צו די אָפּגעטער.

צוליב דעם שטראָם פון די פּילגרימען האָט די שטאָט מעקאַ געוואָנען וואַקסן און זיך וואָס אַמאָל מער אויסגעבויט. די געצן־גלויביקע אַראַבער האָבן אויך דאָ מקריב געווען קרבנות צו אַ גרויסן געץ פון האָלץ. עס איז ביי זיי געווען אָנגענומען, אַז דאָס בעסטע איבערצובעטן דעם געץ ווען ער איז בייז און צו פועלן ביי אים אַלץ וואָס מען וויל, איז ווען מען איז מקריב צו אים אַ יונג קינד, אַ מיידעלע, אין די ערשטע יאָרן פון איר לעבן. די האַלב־ווילדע אַראַבער האָבן טאָקע זייער אָפט געבראַכט אַהין זייערע גאָר יונגע טעכטערלעך, כדי זיי דאָ מקריב צו זיין אויפן מזבח פונעם געץ. אַרום דעם טעמפּל איז אַלע מאָל געווען

אַ וואַך פון באַוואָפנטע אַראַבער, וואָס האָבן געלעבט אין מעקאַ און וועלכע האָבן באַלאַנגט צום שבט קאַרייש.

אין יענער צייט איז אין דער שטאָט מעקאַ, אין יאָר 570 לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, געבוירן געוואָרן מאַכמעד אַלס אַ קינד פון דעם שבט קאַרייש. מעקאַ האָט אין יענער צייט געהאַט אַ באַפעל־קערונג פון אַן ערך 20.000 איינוואוינער, אָבער עס זעט אויס, אַז מאַכ־מעדס פאָטער איז געשטאָרבן באַלד נאָכדעם ווי ער איז געבוירן געוואָרן און זיין מוטער איז געשטאָרבן ווען ער איז אַלט געווען 6 יאָר. אַזוי אַרום איז מאַכמעד געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום. זיין דערציאונג האָט איבער־גענומען זיין זיידע, וועלכער איז דעמאָלט אַלט געווען 100 יאָר. מיט צוויי יאָר שפּעטער איז דער זיידע געשטאָרבן און מאַכמעד איז איבער־געגאַנגען צו זיין פעטער אָבו טאַלעב, וועלכער האָט אים אויפגעצויגן צו זיין אַ געטרייער דינער פון דעם הילצערנעם געץ. דער פעטער אָבו טאַלעב האָט גאַנץ וויניק געהאַלטן פון קענען שרייבן און לייענען. ער האָט דעריבער געמאַכט פון מאַכמעדן אַ קעמל־טרייבער פאַר זיינע קאַראַוואַנען, וועלכע ער זאָל פירן איבער די אומענדלעכע זאַמדן פון דער מדבר סאַהאַראַ. טיילמאָל איז דער פעטער אויך געפאָרן און דער יונגער מאַכמעד האָט באַגלייט זיין פעטער אויף די רייזעס מיט קעמלען, אויף וועלכע ער האָט געפירט סחורות פון סיריע און אַנדערע אַראַבישע לענדער קיין אינדיע. ווען מאַכמעד איז אַלט געוואָרן 14 יאָר, האָט ער איינמאָל אין סיריע געזען ווי אַ גרופּע קריסטן בעטן צו גאָט און ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט זיי. אַן אַנדער מאָל, ווידער, האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ גרופּע יידישע סוחרים און זיך פאַראינטערע־סירט מיט דעם אופן ווי אַזוי זיי בעטן צו גאָט. ער האָט געזען, אַז זיי דאַווענען און זאָגן אַ געבעט צו „האל הגדול, הגבור והנורא״ (דעם גרויסן, שטאַרקן און פאַרכטיקן גאָט). האָט ער זיי געפרעגט, ווער אָט־דער גאָט איז און וואו ער געפינט זיך. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז ער איז אין הימל, אָבער ער איז אויך אומעטום און אַז ער האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד. דער יונגער מאַכמעד האָט זיך וועגן דעם פאַרטראַכט. ער איז געווען אַ דענקנדיק יינגל און אָט־די רייד האָבן געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק.

אָבער מאַכמעד איז אייגנטלעך געווען אַ קראַנק קינד. ער האָט געליטן פון אַ נערוועזער קראַנקהייט שוין אין דער יוגנט, איבערהויפּט פון האַלוצינאַציעס און פון אַ מין קלינגען אין די אויערן, צוליב דעם פלעגט ער זער אָפט אַנטלויפן פון זיין פעטער אין מדבר אַריין, און איבערטראַכטן די רייד וואָס ער האָט געהערט פון די

קריסטן און פון יידן. איבערהויפט דאָס וואָס ער האָט געהערט פון די לעצטע. ער האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט צו גלויבן אין דעם געץ, אַז ער איז אַ גאָט און געזוכט אַן ענטפער צו זיינע פראַגן: וואו איז גאָט? און וואָס אַזוינס איז ער?

אַזוי זיינען אַריבער צוויי יאָר, פון 16 ביז 18. דעמאָלט איז מאַכמעד אַריינגעטראָטן אין דער אַרמיי, ווייל אַזוי איז געווען דער געזעץ אין זיין שבט קאָרייש, אַז יעדער איינער ווען ער ווערט אַלט 18 יאָר מוז דינען. דאָס איז געווען דערפאַר וואָס די אַראַבישע שבטים האָבן כסדר געפירט מלחמות איינער מיטן אַנדערן. מאַכמעד איז גראָד אין דער אַרמיי געוואָרן שטאַרקער און האָט זיך באַטייליקט אין עטלעכע קאַמפן. ער האָט זיך דעמאָלט אויסגעלערנט ווי אַזוי צו פירן אַ שלאַכט.

מיט פיר יאָר שפּעטער, ווען ער האָט פאַרלאָזן די אַרמיי, איז מאַכמעד געוואָרן צוריק אַ קעמל־טרייבער און האָט געאַרבעט ביי אַ רייכער פרוי, קאַדיאַ, וואָס האָט געהאַט אַ גרויס עשירות און פלעגט שיקן קעמלען מיט סחורות אין פאַרשידענע לענדער. די פרוי, איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 40, אָבער זי איז געווען נאָך זייער שיין און דערצו אויך זייער קלוג. זי איז אויך געווען זייער רעליגיעז, אָבער זי האָט ניט געגלויבט מער אין געצן־דינסט.

פון צייט צו צייט האָט זי פאַרפירט מיט מאַכמעדן געשפּרעכן וועגן גאָט און דער וועלט. ווען מאַכמעד האָט איר געענטפערט אויף די פראַגן, האָט זי באַמערקט באַזונדערס אַז זיינע אויגן שיינען־אויף און אַז בכלל איז ער געוואָרן עפּעס ווי גאָר אַן אַנדערער. אָט איז ער געווען מילד און גוט ווי אַ קינד און אָט בייז און שטורמיש ווי אַ טייוול. ער האָט דערמיט אַרויסגערופן ביי איר אַ געפיל פון ליבע און זי האָט זיך געטראַכט, אַז ער איז דער מאַן, וועלכן זי האָט געוואָלט און געזוכט שוין אַזוי לאַנג. זי האָט אים פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל מיט איר חתונה האָבן. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 25 און זי 40 (לויט אַנדערע — 50), אָבער זי איז אים אויך געפעלן געוואָרן און דערצו איז זי געווען אַזוי רייך, און ער אַזוי אָרעם. ער האָט צוגעשטימט און זיי האָבן גלייך חתונה געהאַט און געלעבט אַ גליקלעך לעבן ניט קוקנדיק דערויף, וואָס עס איז געווען אַזאַ אונטערשיד אין זייערע יאָרן. מאַכמעד האָט הנאה געהאַט פון איר פאַרמעגן, וועלכעס זי האָט אים אינגאַנצן איבערגעגעבן און זי האָט הנאה געהאַט פון זיין יוגנט־קראַפט. אָבער איינמאָל אין יאָר, אין הייליקן חודש פון ראַמאַדאַן, ווען עס איז ביי די אַראַבער איינגעפירט צו פאַסטן, האָט ער ניט נאָר געפאַסט, נאָר ער איז אַוועק פון דער היים. געלעבט אין אַ

הייל ניט ווייט פון זיין שטאָט מעקאַ און די גאַנצע 30 טעג געפאַסט און נאָר געטראַכט וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס גאָט. ווער פירט די וועלט? און וואָס אַ מענטש דאַרף טאָן כדי צו געפעלן אין גאָטס אויגן?

ביסלעכווייז און איינציקווייז האָט מאַכמעד גענומען אָפן זאָגן אַז דער געץ איז קיין גאָט ניט, ווייל ער איז געמאַכט געוואָרן פון מענטש. אָבער ווער איז גאָט? ער האָט געהערט פון די קריסטן, אַז זיי האָבן גענומען זייער לערע וועגן גאָט פון די יידן, אַז די ערשטע קריסטן זיינען געווען יידן, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין: אויב אַזוי, צו וואָס זאָל איך לערנען פון די קריסטן? עס איז דאָך בעסער אז איך זאָל עס נעמען פון ערשטן קוואַל, פון די יידן גופא, און ער האָט באַשלאָסן צו דינגען זיך אַ ייד, אָדער עטלעכע יידן וואָס זאָלן מיט אים לערנען די תורה וואָס די יידן האָבן.

אַזוי ווי דאָס לעבן מיט זיין פרוי איז געווען גליקלעך, האָט ער געהאַט מיט איר זעקס קינדער. 2 זין און פיר טעכטער. די זין זיינען געשטאָרבן נאָך ווען זיי זיינען געווען יונג. פון די טעכטער איז די עלטסטע פאַטימאַ געווען זייער אַ געראָטענע. שפּעטער האָט ער זי חתונה געמאַכט מיט אַ יונגגמאַן מיטן נאָמען אלי און זי האָט געבוירן צו אים צוויי קינדער, צוויי זין: „חסאַן" און „חאַסיין".

* * *

איינמאָל ווען מאַכמעד איז שוין אַלט געווען 40 יאָר, איז ער געקומען צוריק פון דער הייל, וואו ער האָט פאַרבראַכט די דרייסיק טעג, מיט נאַכטראַכטן וועגן גאָט און געזאָגט צו זיין פרוי, אַז ענדלעך האָט מען פון הימל אים געענטפערט אויף זיינע פראַגן. דער מלאך גבריאל האָט זיך באַוויזן צו אים און גערעדט צו אים, און צו אים געזאָגט, אַז ער זאָל וויסן, אַז די געצן זיינען ניט קיין געטער, נאָר שטיקער האָלץ אויס־געאַרבעט פון מענטשן און אַז בלויז אַללאַ אַליין איז דער גאָט און ער איז זייער מעכטיק. ער האָט אים אויך געזאָגט, אַז אָט דער גאָט איז דאָס דער „אל הגדול, הגבור והנורא"; דער גאָט „אלקים", וואָס די יידן בעטן צו אים. ער איז אָבער דער גאָט פון אַלע מענטשן און ער באַווייזט זיך צו יעדן פאָלק אין אַן אַנדער געשטאַלט. זיין פרוי האָט אים גע־גלויבט, אָבער זי האָט אים געזאָגט, אַז עס וועט זיין פאַר אים געפערלעך, אַז ער זאָל אַרויסקומען עפנטלעך מיט אָפלייקענען דעם כוח פון די אָפגעטער.

מאַכמעד האָט דעריבער פריער פּרובירט זאָגן זיינע געדאַנקען אין

אַן ענגן קרייז פון זיינע פריינד, אָבער אַלע פאַרזאַמלטע האָבן אויפגע־
נומען זיינע ווערטער מיט אַ געלעכטער, ווי ער וואָלט געווען איינער
וואָס רעדט פון וועג. מען האָט אים אָנגערופן „משוגענער" און „חסר
דעה". ס׳רוב איינוואוינער פון מעקאַ האָבן דעריבער אים גענומען אויס־
מיידן.

אָבער מאַכמעד האָט געהאַט אין זיך דעם כוח ניט אַראָפּצופאַלן
ביי זיך. פאַרקערט נאָך, ער האָט מיט מער שטאַרקייט נאָך דערקלערט
אַז די אַלע געצן זיינען קיין געטער ניט, און אַז גאָט איז אין הימל.
ער פלעגט זאָגן, אַז אין דער שטילקייט פון דער נאַכט הערט ער אַ שטימע
וואָס רופט צו אים: „ביי דער ליכטיקייט פון מאָרגן, פון דער זון וואָס
גייט אויף און ביי דער פינצטערניש פון דער נאַכט, נאָכדעם ווי זון
פאַרגייט, זאָג איך צו דיר, איך — דער מלאך גבריאל, — אַז גאָט האָט
דיך, מאַכמעד, ניט פאַרגעסן. זאָלסט וויסן, אַז עס איז דאָ אַ לעבן נאָכן
טויט און אַז דיר וועט זיין נאָך דעם ווי עס וועלן זיך ענדיקן דיינע טעג
אויף דער ערד, נאָך בעסער ווי ביים לעבן. וואָרום דיין גאָט וועט דיר
געבן אַ גרויסע באַלוינונג. האָט דען גאָט דיך ניט אָפּגעהיט ווען דו ביסט
געווען אַ קיילעכדיקער יתום? האָט דען גאָט ניט געגעבן דיר חכמה
אין דיין קאָפּ, אַז דו זאָלסט זען ליכט און וויסן, אַז די געצן זיינען קיין
געטער ניט? האָט גאָט דען ניט געמאַכט פון אַן אָרעם יינגל ווי דו
ביסט געווען דער רייכסטער מאַן אין מעקאַ? דעריבער גיי אַרויס צו די
מענטשן און זאָג צו זיי אַזוי: פייניקט ניט דעם יתום! העלפט אים!
זאָגט ניט אָפּ קיינעם וואָס שטרעקט אויס די האַנט פאַר אַ נדבה; גייט
אַרום איבער דער וועלט און דערקלערט די גוטסקייט פון גאָט" (גענומען
פון קאָראַן, וואו מאַכמעד באַשרייבט וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט).

און מאַכמעד איז אַרויס מיט נאָך מער שטאַרקייט צו פּרעדיקן
די נייע אידעען וואָס זיינען באמת ניט געווען ניי, ווייל דאָס זיינען דאָך
געווען די ווערטער פון אברהם אבינו, פון משה רבינו און אַנדערע
נביאים.

מאַכמעד האָט איצט שוין גערעדט אָפן צו אַלע און זיי געלערנט
זיין נייע רעליגיע. ער האָט צו זיי געזאָגט: „עס איז אַ פאַרגעניגן אונ־
טערצוואַרפן זיך אונטער דעם ווילן פון גאָט, ווייל זיין ווילן איז דער
ים, אין וועלכן אַלע אונדזערע באַגערן זיינען נאָר געציילטע טראָפּנס;
זיין אומענדלעכע חכמה איז ווי די זון וואָס מאַכט נאָר לעכערלעך אונדזערע
מאָגערע שטראַלן פון דענקען; לאָמיר זיך פרייען מיט דעם גרויסן ליכט
פון דער זון און מיט דער וואַרעמקייט וואָס זי שיקט אַראָפּ צו דער ערד,

אָבער מיר קענען ניט אַריינקוקן אין איר, ווייל מיר קענען דערפון נאָר בלינד ווערן. לאָמיר אַלע מיט פרייד און אָן צו פרעגן קשיות אָננעמען אונדזער גורל, וואָס עס זאָל ניט זיין, ווייל אַזוי איז דער ווילן פון אַללאַ. אַללאַ ווייסט בעסער פון אונדז וואָס צו טאָן און דער וואָס דינט אַללאַן און האָט ליב זיינע מיטמענטשן, לעבט צום בעסטן״ (פון קאָראַן).

און מאַכמעד האָט אויך אַזוי געטאָן. דאָס איז געווען די ערשטע עפּאָכע אין מאַכמעדס לעבן, ווען ער איז געווען נאָך פול מיט ליבע צו אַלע מענטשן. שפּעטער איז געקומען אַן אַנדערע עפּאָכע, אָבער וועגן יענער עפּאָכע שפּעטער.

מאַכמעד, כאָטש ער איז געווען זייער רייך, האָט דאָך זיך ניט פאַרגונען קיין שום פאַרגעניגנס און לוקסוסן. ער האָט געגעסן אַן אָרעם שטיקל ברויט פון גרויפּן און פאַרטרונקען עס מיט וואַסער. ער האָט ניט געוואָלט קיינעם באַליידיקן, אַפילו די, וואָס האָבן אים באַליידיקט, און ווער שמועסט שוין פון שלאָגן עמיצן. ווען מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער שעלט ניט זיינע שונאים, האָט ער געענטפערט: „איך בין ניט געשיקט געוואָרן אַהער צו שעלטן, נאָר פאַרקערט, אויף צו העלפן די מענטשן״. ער האָט זיך אפילו אַמאָל אַליין געטאַדלט פאַר ניט אַרויסווייזן צופיל פריינדשאַפט צו אַ בעטלער, וואָס האָט אים געבעטן אַ נדבה. ער האָט כסדר געפּרעדיקט ליבע און רחמנות. „רעליגיע, האָט ער געזאָגט, האָט דעם צוועק צו מאַכן דעם מענטש בעסער צו אַנדערע מענטשן. רעליגיע קען מען ניט ברענגען צו די מענטשן מיטן כוח פון דער שווערד!״ אַזוי האָט ער געזאָגט דעמאָלט, אין אָנהויב פון זיין מיסיע. מיר וועלן זען שפּעטער ווי ער האָט זיך געביטן און געזאָגט פּונקט פאַרקערט.

אָבער ביז איצט האָט מאַכמעד מיט דעם אַלעם קיין גרויסן דער־פאָלג ניט געהאַט. מען האָט טאַקע אויפגעהערט צו לאַכן פון אים. מען האָט אים באַטראַכט שוין אַלס אַ לערער און אַ וועגווייזער, אָבער ער האָט געהאַט ווייניק נאָכפאָלגער, אַ קליינער קרייז וואָס איז באַשטאַנען פון זיין ווייב, זיין קוזין אלי און נאָך אַ צענדליק פון זיינע חסידים. דאָס איז געווען אַלץ. אין דער זעלבער צייט האָט זיין פעטער, דער פאָטער פון אלי, אַבו טאַלעב, אים געבעטן, אַז ער זאָל אויפגעבן זיינע משוגענע און רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען, און ווערן אַ לייט. מאַכמעד האָט אים דערויף געענטפערט: „אפילו ווען די זון זאָל קומען צו מיר און שטיין ביי מיין רעכטער זייט און די לבנה זאָל קומען צו מיר און שטיין ביי מיין לינקער זייט און ביידע זאָלן מיך בעטן, אַז איך זאָל זיך אָפּזאָגן

פון מיינע געדאַנקען, וואָלט איך זיי אויך ניט געפאָלגט״ — דערנאָך האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

אָבער אויף די אַראַבער, סיי אייגענע און סיי די פון אַנדערע שבטים, האָבן מאַכמעדס רייד קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט. סיי ווען ער האָט גערעדט מיט פּאַטאָס און סיי אַפילו, ווען ער האָט פאַרגאָסן טרערן און זיך געבעטן ביי זיי צו עפענען די אויגן צו זען, אַז די געצן זיינען ניט קיין געטער. עס האָט גאָר ניט געהאָלפן. זיי האָבן אַלץ געזאָגט, אַז ער ווייסט ניט וואָס ער רעדט און אַז די געצן האָבן געהאָלפן אַלע אַראַבער און וועלן זיי ווייטער העלפן. זיי האָבן שוין איצט ניט געלאַכט מער פון אים אַליין, אָבער זיי האָבן גערודפט אַלע זיינע אָנהענגער. פיל פון זיי האָבן געקראָגן געשלאָגן מיט בייטשן, מיט שטעקנס און אַפילו מיט שטיקער אייזן. אַ סך האָבן אויך געמוזט אַנטלויפן פון מעקאַ און עטלעכע זיינען אפילו אומגעקומען פון די הענט פון די געצן־דינער פאַנאַטיקער.

ענדלעך האָבן זיי זיך גענומען צו מאַכמעדן אַליין און אים געסטראַשעט אים צו טויטן, אויב ער וועט ניט אויפהערן צו פּרעדיקן זיינע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען, דעמאָלט איז מאַכמעד אַנטלאָפן פון מעקאַ.

דאָס איז געווען אין יאָר 622.

מאַכמעד ווערט דער „נביא״ פון דער שווערד

מאַכמעד איז אַלט געווען 52 יאָר ווען ער איז אַנטלאָפן פון זיינע שונאים אין מעקאַ. די מאַכמעדאַנער באַטראַכטן דעריבער אָט־דאָס יאָר אַלס דער אָנהויב פון זייער צייט־רעכענונג, וואָס ציט זיך פון מאַכמעדן אָן. לויט זייער גלויבן, איז ערשט דעמאָלט מאַכמעד געוואָרן דאָס וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר: דער פירער פון דער מוסולמענישער וועלט (דאָס וואָרט „מוסלם״ אין אַראַביש מיינט: דער וואָס גיט זיך איבער צו גאָט אינגאַנצן (ווי אין העברעאיש „מושלם״ „השלמה״). די ציילונג פון די יאָרן ווערט אָנגערופן „העגיראַ״, דאָס יאָר פון מאַכמעדס אַנטלויפן פון מעקאַ. לויט אָט־דער רעכענונג איז איצט ביי די מוסולמענער דאָס יאָר 1370. די מאַכמעדאַנישע רעכענונג איז מיט 581 יאָר וויניקער ווי די קריסטלעכע.

אָבער די רעכענונג שטעלט מיט זיך פאָר נאָך אַן אַנדערע זאַך אַ חוץ דער צאָל פון יאָרן. זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ נייעם מאַכמעד. עס איז ניט מער דער גוטער, דער באַרמהאַרציקער נביא, וואָס האָט געפּרעדיקט צו טאָן נאָר גוטס און ניט צו זוכן קיין נקמה אַן שונאים.

ניין, מאַכמעד, אַ פאַרפאַלגטער, ווערט גאָר אַן אַנדערער. ער ווערט אַ קעמפער ניט מיטן וואָרט, נאָר מיט דער שווערד. ער פירט מלחמות מיט די, וואָס גלויבן ניט אין אים און רופט זיי צו פאַרניכטן. אַזוי רופט ער אויס (אין קאָראַן): „מיר וועלן ברענגען אַ חורבן אויף די, וואָס גלויבן ניט!". דאָס חזרט זיך איבער אין פיל אַנדערע שטעלן פון קאָראַן.

אָבער לאָמיר גיין כסדר און זען וואָס עס איז געשען מיט מאַכ־מעדן נאָך דער „העגיראַ". מיר וועלן עס אַרויסנעמען פון זיין אייגן ווערק, פון „קאָראַן", וואו ער דערציילט וועגן אַלעם, כאָטש אַ ביסל פאַר־דעקט, און אויך פון דעם וואָס עס גיבן איבער די היסטאָריקער פון יענער צייט.

* * *

דער גאַנג פון די געשעענישן איז, ווי עס זעט אויס, געווען אַזוי. מאַכמעד האָט איינגעזען, אַז ער קען אין זיין שטאָט, מעקאַ, ניט אויס־וואַקסן אַלס נביא (ער זאָגט דאָס אין קאָראַן: „עס איז נישטאָ קיין נביא אין זיין שטאָט"). ער האָט דעריבער געפּלאַנט צו זוכן זיך אַן אַנדער אָרט, וואו ער זאָל קענען פּרעדיקן זיין נייע לערע און אַנגעבן זיך אַלס פּראָפעט. ער האָט זיך דעריבער געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַ געגנט אין אַראַביע וואָס האָט געהייסן יאַטריב, וואו עס האָט זיך אויך געפונען די שטאָט מעדינאַ, מיט אַן ערך פון 15.000 איינוואוינער. ער איז ענדלעך געקומען אַהין מיט זיין סוויטע נאָך אַ רייזע פון 200 מייל איבערן מדבר און בערג.

אין יענער צייט איז שוין מאַכמעדס ווייב קאַדיאַ געווען טויט און זיין אייגענע פאַמיליע האָט ניט געוואָלט וויסן פון אים. ווען מאַכ־מעד איז געקומען קיין מעדינאַ, האָט די באַפעלקערונג, וועלכע איז אַלע מאָל געווען אין קאַמף מיט מעקאַ, אים גוט אויפגענומען, אויף צו־להכעיס מעקאַ. מאַכמעד איז געוואָרן דאָרטן אַנערקענט אַלס פירער פון די אַראַבער און פון דער גאַנצער געגנט. אין מעדינאַ האָבן אויך געוואוינט פיל יידן, נאָך פון די אַלטע צייטן אָן און זיי האָבן געלעבט זייער גוט מיט זייערע אַראַבישע שכנים. אויך האָבן זיך נעבן מעדינאַ, אין דער מדבר געפונען עטלעכע יידישע שבטים ווי די „באַנו קאַינוקאַ", „באַנו נאַדיר" און „באַנו קוראיזאַ" („בני חנוכה", „בני נאַדיר" און „בני קוראסאַ", שבטים, וואָס האָבן זיך גערופן אויף די נעמען פון די ערשטע פון זייער שטאַם, ווי למשל, „בני לוי" און אַנדערע).

מאַכמעד זייענדיק באַגייסטערט פון זיין זיג איבער די אַראַבישע

געצן־דינער פון מעדינאַ, האָט געוואָלט, אַז אויך די יידן זאָלן צו אים צושטיין. צו דעם צוועק האָט ער געפירט מיט זיי פאַרהאַנדלונגען. ער איז געווען גרייט אַריינצונעמען אין זיין רעליגיע פיל פון די געזעצן פון די יידן, ווי למשל, צו פאַסטן יום כיפור און אַנדערע געזעצן, אויב זיי וועלן צושטיין צו אים. די יידן האָבן אים אָבער דערויף געענטפערט, אַז זיי זיינען ניט קיין געצן־דינער און אַז זיי האָבן זייער רעליגיע נאָך פון משהן אָן און אַז דער עיקר איז דאָס, וואָס דאָס וויכטיקסטע פון זיין רעליגיע האָט ער דאָך גענומען פון זיי, פון די יידן, פון דער יידישער רעליגיע, טאָ ווי אַזוי קענען זיי אָננעמען זיין רעליגיע, וואָס איז אין אמתן נאָר אַ שלעכטע קאָפּיע פון דער יידישער תורה.

מאַכמעד איז געוואָרן בייז און האָט דערויף געענטפערט מיט שחיטות אויף יידן. אַזוי האָט ער געמאַכט אין אָנהויב קליינע אָנפאַלן אויף די יידן פון מעדינאַ און יעדעס מאָל אומגעבראַכט אַ געוויסע צאָל יידן. דערנאָך האָט ער זיין גאַנצן כעס אויסגעלאָזן אויף די יידישע שבטים. לויט ווי די היסטאָריקער גיבן איבער, האָט ער דאָס אָנגעהויבן מיט פאָרפירן אַ מלחמה מיטן שבט „באַנו קאַינוקאַ". אָט דער קאַמף האָט געדויערט איבער אַ יאָר ביז ער האָט אָט דעם שבט באַזיגט און געצוואונגען די רעשט פון זיי צו אַנטלויפן קיין סיריע. דערנאָך האָט ער געקעמפט מיטן יידישן שבט „באַנו קוראַיזאַ", ווייל זיי האָבן געשטיצט די שונאים פון מעקאַ. אין דעם קאַמף האָט ער אויסגעהרגעט 700 מאַן פון די „באַנו קוראַיזאַ" און די ווייבער און די קינדער האָט ער פאַרקויפט אַלס שקלאַפן. פונקט דאָס זעלבע האָט ער אויך געטאָן צו די מיטגלידער פון דריטן שבט „באַנו נאַדיר". אומעטום וואו ער איז געקומען, האָט ער געזייט חורבן. אָבער די יידן פון מעדינאַ האָט ער נאָך געזשאַלעוועט. ערשט שפּעטער, ווען די דאָרטיקע יידן האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט זיין פאַרלאַנג צוצושטיין צו אים, האָט ער געמאַכט אויף זיי אַן אמתן חורבן. ווי די היסטאָריקער גיבן איבער, זיינען פאָרגעקומען עטלעכע אמתע פּאָגראָמען אויף די יידן פון מעדינאַ, אַזוי אַז אין סך־הכל זיינען געפאַלן טויט 900 מאַן, און זייערע פאַמיליעס זיינען גענומען געוואָרן געפאַנגען. ער האָט אויך געמאַכט פּאָגראָמען און שחיטות אויף די יידן פון עטלעכע קליינע שטעטלעך אַרום מעדינאַ.

אין קאָראַן ווערט אַ ביסל דערציילט וועגן מאַכמעדס אונטער־האַנדלונגען מיט די יידן פון מעדינאַ. אין צווייטן קאַפּיטל דערציילט ער, אַז ער האָט געזאָגט צו די יידן, אַז ער איז ניט געקומען שאַפן קיין נייע רעליגיע, נאָר באַשטעטיקן דאָס וואָס די יידישע נביאים האָבן

געזאָגט פריער (אויך יעזוס האָט פונקט דאָס זעלבע געזאָגט צו די יידן, ווי עס ווערט דערציילט אין נייעם טעסטאַמענט). כדי צו געפינען חן אין זייערע אויגן, האָט מאַכמעד געהייסן זיינע אָנהענגער צו זאָגן זייערע תפילות מיטן פנים צו ירושלים. ער רעדט צו די יידן (דורך זיין סעקרע־טאַר־שרייבער): „געדענקט די טובות וואָס איך האָב אייך געטאָן און היט אָפּ מיינע געזעצן, און איך וועל זיין אייער פריינד. האַלט מיך טייער און גלויבט אין מיר, ווייל איך בין געשיקט געוואָרן צו אייך פון גאָט צו ווייזן אייך די ריכטיקייט פון אייער תורה. איר זאָלט מיך ניט אונ־טערשעצן און איר זאָלט פאַר מיר מורא האָבן", אָט־די ווערטער חזרן זיך איבער אויך אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך. ווען די יידן האָבן פון אים אַלץ ניט געוואָלט וויסן, האָט ער געהייסן זיינע אָנהענגער אַז ווען זיי דאַוו־נען זאָלן זיי שטיין מיטן פנים צו מעקאַ און אַז זיי זאָלן מער ניט פאַסטן יום כיפור אַזוי ווי די יידן, נאָר בלויז אין חודש ראַמאַדאַן, וואָס איז געווען אָנגענומען שוין לאַנג אַלס חודש פון פאַסטן ביי די אַראַבער. איצט האָט מאַכמעד אויך שוין געביטן זיין טאָן וועגן די יידן און גע־רעדט שוין ווען זיי מיט כעס און גאַל. ער וואַרפט זיי אַפילו פאָר, אַז „זיי האָבן אומגעבראַכט יעזוסן" און ער שטעלט זיך ניט אָפּ פון צו שעלטן די יידן און צו זאָגן נביאות, אַז זיי וועלן טייער באַצאָלן פאַר ניט גלויבן אין אים.

* * *

מאַכמעד האָט איצט אַרויסגעצויגן זיין שווערד אויף איינצוגעמען די וועלט פאַר זיין רעליגיע און ער האָט מיט דער שווערד מער אויפ־געטאָן ווי מיטן וואָרט. קעמפן מיט דער שווערד, אָט דאָס האָבן די צוריק־געשטאַנענע אַראַבער בעסער פאַרשטאַנען ווי די גוטע רייד, וואָס ער, מאַכמעד, האָט פריער צו זיי גערעדט. ער האָט אָנגעהויבן די קאַמפן דער־מיט וואָס ער האָט געהייסן זיינע מענטשן באַפאַלן די קאַראַוואַנען פון מעקאַ, איבערהויפּט די פון זיין שטאַם, די „בני קאַרייש". דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען אַ שטיק צייט. ענדלעך האָבן די איינוואוינער פון מעקאַ, וועלכע האָבן כמעט אַלע באַלאַנגט צום שטאַם פון קאַרייש, אים געענט־פערט דערויף מיט אַן אָפענעם קאַמף. מאַכמעד האָט אָבער דאָס מאָל געזיגט און פאַרניכטעט אַ גרויסן טייל פון דעם שטאַם, ביי באַדר (אין יאָר 624). שפּעטער האָט דער קאַרייש־שטאַם ווידער געמאַכט אויף אים אַן אָנפאַל נעבן אוהוד און זיי זיינען אַרויס די זיגער. געשטאַרקט דערפון, האָבן זיי באַלד באַלאַגערט מעדינאַ, וואָס איז איצט געוואָרן מאַכמעדס פעס־

טונג, אָבער מאַכמעד האָט אָפּגעשלאָגן די אָנפאַלן פון זיינע קעגנער און האָט ווידער אָפּגעהאַלטן איבער זיי אַ נצחון. נאָכדעם איז געשלאָסן געוואָרן צווישן זיי אַ שלום־אָפּמאַך און צוויי פון די פירער פון מעקאַ זיינען צוגעשטאַנען צו מאַכמעדס גלויבן.

מאַכמעד האָט אָפּגעהאַלטן איין זיג נאָכן אַנדערן און האָט אומעטום פּראָקלאַמירט זיין נייעם גלויבן. עס איז אַזוי געשען אַז עס האָט ניט לאַנג געדויערט און מעקאַ גופא האָט זיך אים איבערגעגעבן. אין יאָר 633, וואָס איז געווען דאָס לעצטע יאָר פון מאַכמעדס לעבן, איז ער געקומען קיין מעקאַ מיט גרויס פּאַראַד, אַלס דער זיגער. ער האָט באַפוילן, אַז איידער ער וועט קומען זאָל מען פאַרניכטן אַלע געצן פון דער שטאָט און אַזוי האָט מען געטאָן. מאַכמעד האָט דעמאָלט געהאַלטן אַ רעדע אינמיטן שטאָט פאַר פערציק טויזנט מענטשן. אַזוי ווערט דערציילט אין דער מאַכמעדאַנישער ליטעראַטור. זינט דעמאָלט איז זיין נאָמען געשטיגן וואָס אַמאָל מער און עס האָט ניט לאַנג געדויערט ביז גאַנץ אַראַביע האָט אַנערקענט מאַכמעדן אַלס נביא, אַלס שליח פון גאָט אַללאַ.

כאָטש מאַכמעד האָט אָנגעהויבן מיט שחיטות און פּאָגראָמען אויף יידן, האָט דאָס אים ניט געשטערט צוצונעמען ביי די יידן זייער לערע, די תורה, און מאַכן אַ סך פון די יידישע געזעצן פאַר זיינע אייגענע. ער האָט געהאַט פיל געשפּרעכן מיט קריסטן וועגן דער געטלעכקייט און זיי האָבן אים געזאָגט, אַז זיי גלויבן אין צוויי: אין גאָט־פאָטער און גאָטס זון. אַנדערע, ווידער, האָבן אים געזאָגט, אַז זיי גלויבן אין דריי־אייניקייט: „פאָטער, זון און הייליקער גייסט". מאַכמעד האָט זיי דערויף געענטפערט, אַז דאָס געפעלט אים ניט. אַ גלויבן אין צוויי געטער אָדער אין דריי וואָס פירן־אָן מיט דער וועלט איז ביי אים פונקט דאָס זעלבע ווי גלויבן אין אַ סך געטער, וואָס עס איז ניט ריכטיק. ווי ער פאַרשטייט, איז נאָר דאָ איין גאָט וואָס פירט־אָן מיט דער וועלט.

מאַכמעד האָט איצט אויפגעשטעלט אַ גאַנצע ריי פון עיקרים וועגן זיין נייעם גלויבן, און דערצו אַ גאַנצע ריי פון דינים, וועלכע ער האָט הויפּטזעכלעך גענומען פון יידישן גלויבן. אַנדערע דינים און געזעצן האָט ער איבערגעענדערט אויף אַן אייגענעם אופן. די אַלע געזעצן ווערן דערמאָנט אין זיין בוך, „קאָראַן".

מאַכמעד איז צוגעטראָטן פעסטצושטעלן ווער עס זאָלן זיין די פירער פון זיין נייער רעליגיע און האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ גאַנצע ריי פון קאַליפן (אַ קאַליף איז אַ הערשער פון אַ געגנט אָדער

טעריטאָריע), וועלכע זאָלן אָנפירן מיט דער איינפלאַנצונג און אַנטוויקלונג פון דער נייער רעליגיע.

ווען מאַכמעד איז נאָך געווען אין מעקאַ, איז צו אים צוגעשטאַנען אַ רייכער מאַן, וועלכער האָט אים געשטיצט און געגלויבט אין אים. זיין נאָמען איז געווען אַבו באַקר. ווען די לאַגע פון מאַכמעדן איז געוואָרן שלעכט און ער האָט מורא געקראָגן פאַר זיין לעבן, האָט מען אויך אַבו באַקרן געסטראַשעט מיט טויט אויב ער וועט ניט אויפגעבן זיין שטיצע צו מאַכמעדן. אָט צוליב דעם איז אַבו באַקר מיטגעפאָרן מיט מאַכמעדן, ווען ער האָט פאַרלאָזן מעקאַ און איז אויך די גאַנצע צייט געבליבן צו אים געטריי. מאַכמעד האָט אים דערויף אָפּגעדאַנקט דערמיט וואָס ער האָט אים באַשטימט פאַר דעם ערשטן קאַליף איבערן גאַנצן געגנט פון יאַטריב, וואָס דאָרטן איז אויך געווען די שטאָט מעדינאַ. אַלס צווייטן קאַליף האָט ער באַשטימט איינעם מיטן נאָמען עמיר, וואָס האָט שטאַרק געהאַלטן פון מאַכמעדן. ער איז געוואָרן שפּעטער דער אמתער אויסטייטשער פון מאַכמעדס לערע. אַלס דריטן קאַליף האָט ער באַשטימט זיין קוזין אַלי, דעם זון פון אַבו טאַלעב, וועלכן ער האָט גענומען פאַר אַן איידעם און האָט אים געגעבן זיין עלטסטע טאָכטער פאַטימאַ פאַר אַ ווייב.

מאַכמעד האָט אָפּגעלעבט 27 יאָר מיט זיין ערשטער פרוי קאַדיאַ אין גרויס צופרידנהייט. ער האָט די גאַנצע צייט ניט גענומען קיין אַנדערע פרוי, כדי איר ניט וויי צו טאָן. ערשט נאָך איר טויט האָט ער חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל מיט דער טאָכטער פון אַבו באַקר, וועלכע איז אינגאַנצן אַלט געווען צען יאָר. איר נאָמען איז געווען עישאַ, אָבער כאָטש זי איז געווען נאָך אַזוי יונג, האָט זי געהאַט שוין אַ געזעצטן שכל און האָט פיל געווירקט אויף איר מאַן, אַז ער זאָל האַנדלען מיט טאַקט, אפילו מיט זיינע שונאים. זי האָט אויך געשאַפן גאַנצע ווערק פון דעם וואָס איר מאַן האָט איר געזאָגט, וואָס עס ווערט באַטראַכט ביי די מאַכמעדאַנער אַלס אַ מין „תורה שבעל־פה״ (אַ לערע וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן בלויז מיטן מויל און איז ניט אויפגעשריבן געוואָרן). וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן געפאָדערט אַ דערקלערונג און וועלכע זיינען אין קאָראַן דערמאָנט, אָבער ניט קלאָר און אויך וועגן אַזעלכע, וועלכע זיינען אינגאַנצן אין קאָראַן ניט דערמאָנט האָט מען נאָך מאַכמעדס טויט אָנגעפרעגט ביי איר און אַזוי ווי זי האָט אַנטשידן אַזוי איז עס געווען.

אַבו באַקרס צוגעבונדנקייט צו מאַכמעדן האָט זיך געצויגן פון דער צייט ווען דער שבט פון וואַנען מאַכמעד האָט געשטאַמט האָט געמאַכט פלענער אים אומצוברענגען. די אַרבעט איז איבערגעגעבן גע־

וואָרן צו אַ גאַנצער גרופּע פון אַנגעזעענע אַראַבער. אָבער איינער פון זיי האָט פאַרטרויט דעם סוד צו אַבו באַקר און ער האָט דאָס געזאָגט צו מאַכמעדן. עס איז געבליבן אַז ער מוז שוין אַנטלויפן און אבו באַקר האָט אים באַגלייט. אַזוי ווי אַרויסצופאָרן פון שטאָט איז געווען אומ־מעגלעך, ווייל ביי אַלע אויסגענג האָבן געוואַרט אויף אים מיטגלידער פון דער דאָזיקער גרופּע, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אים אומצו־ברענגען, האָט ער און אַבו באַקר זיך באַהאַלטן אין אַ הייל, וואו זיי זיינען געווען דריי טעג. אויפן פערטן טאָג איז אבו באַקר ארויס און זיך אַרומ־געקוקט און האָט קיינעם ניט געזען. ערשט איצט איז ער צוריק אַריין צו מאַכמעדן און אים דאָס געזאָגט און זיי זיינען צוזאַמען אַנטלאָפן.

ווי די לעגענדע דערציילט איז מאַכמעד געפאַלן אין דער נעץ פון אַן אַנדערער פרוי (ער האָט געהאַט נאָך פיל פרויען), וועלכע האָט כלו־מרשט אים געזאָגט, אַז זי האָט אים ליב. דאָס איז געווען אַ יידיש מיידל פון יידישן שבט „בני קאַינוקאַ“. דער נאָמען פון דעם מיידל איז געווען צינב. זי איז געווען אַ שוועסטער פון איינעם רחב הגבור, וואָס האָט געקעמפט קעגן מאכמעדן. ווען מאַכמעד האָט באַזיגט אָט דעם שבט האָט ער אומגעבראַכט איר ברודער און אויך אירע עלטערן און די גאַנצע משפחה. צינב האָט באַשלאָסן צו נעמען נקמה אין אים און האָט בכיוון אים דערקלערט, אַז זי איז זייער שטאַרק פאַרליבט אין אים. ער האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין הויז. אָבער ביינאַכט האָט זי אים דערלאַנגט ברויט, וואָס זי האָט דערין אַריינגעטאָן גיפט. ער האָט שפּעטער עס אויסגעבראָכן, אָבער ער איז דערפון געשטאָרבן. פאַרן טויט האָט ער איר געפרעגט, פאַרוואָס זי האָט עס געטאָן און זי האָט אים געזאָגט אָפן, אַז זי האָט געוואָלט נקמה נעמען אין אים פאַרן טויט פון אַלע מיטגלידער פון איר פאַמיליע, און אַז אויב עס איז אמת אַז ער איז אַ נביא, האָט ער דאָס געדאַרפט וויסן פריער. מאַכמעד איז געשטאָרבן אין עלטער פון 62 יאָר, אין 6־טן חודש אין אַ פרייטאָג נאָכמיטיק.

32. וואָס איז אַזוינס דער קאָראַן?

מאַכמעד אַליין האָט ניט געקענט שרייבן און לייענען. — אַ בוך געשריבן פון זיינע סעקרעטאַרן און צוזאַמענגעשטעלט פון שטיקלעך און פיצלעך. — ווי אַזוי מאַכמעד שטעלט זיך פאַר דעם גן־עדן אויף יענער וועלט. — ווי אַזוי ער מישט צונויף די העלדן פון פאַרשידענע צייטן — די זיבן שבחים, וואָס מען קען נאָכזאָגן מאַכמעדן.

מאַכמעד האָט געגעבן זיינע אָנהענגער, די אַראַבישע שבטים, אַ נייע רעליגיע, וועלכע ער האָט אויפגעשריבן אין זיין ווערק „דער קאָראַן". אָבער וואָס איז אַזוינס דער „קאָראַן"?

עס איז אַ ווערק, וואָס איז דיקטירט געוואָרן פון מאַכמעדן צו זיין סעקרעטאַר אָדער סעקרעטאַרן, ווייל ער אַליין, האָט ניט געקענט שרייבן און ניט לייענען. ער האָט געהאַט עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן די אַרבעט געטאָן פאַר אים, דאָס רוב יידן. איינעם פון זיי דערמאָנט ער אפילו אין קאָראַן. זיין נאָמען איז געווען, „עבד אַללאַ בן סלאַם". (דער טייטש פון די אַראַבישע ווערטער איז: „דער דינער פון גאָט, דער זון פון שלום"). דאָס קען מיינען, אַז דער שרייבער האָט געהייסן אויף העברעאיש: עובדיה בן שלום. דאָס וואָרט „קאָראַן" מיינט אויף אַראַביש: „לייענען", און איז ענלעך צום וואָרט „קרא" אָדער „מקרא" אויף העברעאיש.

דאָס גאַנצע בוך „קאָראַן" האָט 114 קאַפּיטלעך. אויף אַראַביש הייסן זיי „סוראַה'ס" (פון וואָרט „סדרה" אָדער „שורה", אויף העברעאיש). אַ טייל קאַפּיטלעך (סוראַה'ס) זיינען לאַנגע, אַנדערע, ווידער, זיינען קורצע. צווישן די קאַפּיטלעך איז נישטאָ קיין שום פאַרבינדונג און אַמאָל פעלט אַפילו אַ פאַרבינדונג צווישן די שורות אין איין און דעם זעלבן קאַפּיטל. דאָס לענגסטע קאַפּיטל איז נומער צוויי, וואָס הייסט „פרה". דאָס קאַפּיטל האָט 186 לאַנגע פסוקים. דאָס דריטע קאַפּיטל, „דאָס הויז פון עמרם", האָט 200 פסוקים, אָבער קורצע. דאָס פערטע קאַפּיטל הייסט „די פרויען" און האָט 175 . דאָס קאַפּיטל פינף האָט 165 פסוקים א. א. וו. די סאַמע קלענסטע קאַפּיטלעך זיינען די לעצטע 20 וואָס באַשטייען פון דריי פיר, זעקס און העכסטנס צען שורות.

וועגן דעם ווערק גופא זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאַרשידענע מיינונגען. אַפילו דער גרויסער ענגלישער דענקער, קאַרלייל, וועלכער לויבט מאַכמעדן און דעם בייטראַג וואָס ער האָט געגעבן צו דער ציווילי־

זאַציע פון דער וועלט, זאָגט וועגן „קאָראַן“, אַז עס איז דאָס לאַנגוויי־ליקסטע בוך וואָס עס איז ווען אַמאָל געשריבן געוואָרן. ער דענקט, אַז מאַכמעד האָט עס דיקטירט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און ביי פאַר־שידענע שטימונגען, און אַז די ערשטע שרייבער וואָס האָבן אויפגעשריבן זיינע ווערטער, האָבן ניט אַלעמאָל געוואוסט וואָס ער רעדט. דאָס בוך איז ניט געשריבן געוואָרן, ווי געוויינלעך, אויף בויגנס פון פּאַפּיר, אָדער פּאַרמעט, נאָר אויף וואָס עס האָט זיך געמאַכט: אַמאָל אויף פּאַפּיר, אַמאָל אויף פּאַרמעט און אַמאָל גאָר אויף אַ בלאַט פון אַ טייטלבוים, אויף אַ ביין פון אַ קעמל אָדער גאָר אויף אַ ווייסן שטיין. עס האָט אויך קיינער ניט צוזאַמענגענומען מאַכמעדס שריפטן און זיי אויסגעשטעלט מיט אַ סדר. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז דאָס בוך איז ניט רעדאַגירט געוואָרן, נאָר עמיצער האָט צוזאַמענגענומען אַלץ וואָס מען האָט געפונען אויפגעשריבן נאָך מאַכמעדס טויט און עס אָוועקגעשטעלט איינס נאָך דעם אַנדערן אָן שום אָרדענונג. עס איז אַ ווערק זאָגט קאַרלייל, וואָס אַנטהאַלט אַנגעוואָרפענע רייד אָן אַ טעם און אָן אַ ריח. עס איז דעריבער ניט קיין ביבל; ניט קיין בוך פון עטיק. עס איז אַ בוך פון צופעליק צוזאַמענגעשטעלטע שטיקלעך, לויט דעם ווי זיי זיינען געקומען אין דער האַנט אַריין. דעריבער זיינען אַ טייל שטעלן פון בוך אפילו אָפּשטויסנד, ווייל עס ווערט אין זיי גע־פּרעדיקט האַס און מאָרד, פיינדשאַפט און פאַרניכטונג. עס איז אַ בוך געשריבן אָפט אין אַ שטימונג פון כעס און מיט אַ כוונה צו שרעקן די וועלט. אַזוי, למשל, זאָגט מאַכמעד אין „קאָראַן“: „קלייב אויס, מענטש, צווישן ,קאָראַן' און דעם טויט“. אַנדערע, ווידער פאַרקערט, לויבן דאָס ווערק אַלס אַ שאַפונג פון הויכער פּאָעזיע. יעדנפאַלס, די ערשטע קאַפּיטלעך.

* * *

ווי עס איז היסטאָריש פעסטגעשטעלט געוואָרן, איז דאָס ווערק, „דער קאָראַן“, צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן נאָך מאַכמעדס טויט פון אַלע שטיקלעך און פּיצלעך וואָס מען האָט געפונען אויפגעשריבן דורך די פאַרשידענע סעקרעטאַרן וואָס מאַכמעד האָט געהאַט. אָט די אַרבעט האָט געטאָן אבו באַקר, דער ערשטער קאַליף, אָבער ער האָט זיך ניט באַמיט און אפשר אויך ניט געוואוסט ווי אַזוי צוזאַמענצושטעלן אַזאַ בוך. ער האָט דעריבער אַריינגעגעבן די לאַנגע קאַפּיטלעך צום ערשטן און די קורצע שפּעטער, ביז ער איז געקומען צו די סאַמע קירצסטע און זיי געגעבן צום סאַמע סוף. ער האָט ניט געקוקט אויפן איינהאַלט און זיך ניט באַמיט,

אַז די קאַפּיטלעך זאָלן האָבן אַ שייכות און אַ פאַרבינדונג צווישן זיך. צו דעם האָט אַבו באַקר צוגעגעבן די לעגענדעס און די פאַרשידענע נביאותן, וואָס דאָס פאָלק האָט געוואוסט צו דערציילן וועגן מאַכ־מעדן. נאָכן טויט פון אַבו באַקר האָט דער דריטער קאַליף עטמאַן זיך גענומען אויסבעסערן דעם קאָראַן. ער האָט אַרויסגענומען שטעלן וואָס חזרן זיך איבער און אויך אויסגעבעסערט די גרייזן. ער האָט בכלל געמאַכט אַ נייעם נוסח פון קאָראַן. אָט דאָס איז דער קאָראַן וואָס מיר האָבן. עטמאַן האָט נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעטאָן זיין אַרבעט צוזאַמענ־גענומען אַלע אַלטע קאָפּיעס פון קאָראַן און זיי פאַרניכטעט, כדי עס זאָלן ניט זיין קיין שום אַנדערע נוסחאות. עטמאַן האָט אויך פיל שטעלן וואָס האָבן ניט געהאַט קיין פּראַקטישן אינהאַלט אַרויסגענומען פון קאָראַן און זיי אויפגעשריבן באַזונדער אין אַ צווייט בוך. אין דעם אַנדערן ספר זיינען אויך אַריין די רייד פון עישאַ, מאַכמעדס ווייב, וועלכע האָט איבער־געגעבן אַלץ וואָס זי האָט געהערט פון מאַכמעדס מויל און אויך די רייד פון אַלע זיינע סעקרעטאַרן. מיט דער צייט איז דאָס צווייטע בוך, צוזאַמען מיטן קאָראַן, געוואָרן דער יסוד פאַרן מאַכמעדאַנישן גלויבן און אויך פאַרן מאַכמעדאַנישן געריכט צו אורטיילן אַזוי ווי מאַכמעד האָט געזאָגט. אָט־די דאָזיקע געזעצן זיינען גילטיק עד היום אין אַלע אַראַבישע לענדער, און אַלע משפטים און פּראָצעסן ווערן געפירט לויט זיי.

די אויסטייטשער פון קאָראַן מאַכן אויך אַן אונטערשיד צווישן די רייד, וועלכע מאַכמעד האָט געזאָגט אין מעקאַ און צווישן די, וועלכע ער האָט געזאָגט אין מעדינאַ. די פון מעקאַ ווערן באַטראַכט פאַר פיל העכער אין גייסט, ווי די לעצטע. די קאַפּיטלעך פון מעקאַ זיינען געזאָגט געוואָרן מיט באַגייסטערונג און האָבן טיילווייז אַ פּאָעטישן שוואונג, בעת די פון מעדינאַ זיינען טרוקן, קאַלט און באַשטייען נאָר פון געזעצן און באַפעלן. טיילמאָל געפינען זיך ביים אָנהויב פון געוויסע קאַפּיטלעך עטלעכע אותיות, וואָס האָבן ניט קיין זין. די אויסטייטשער פון קאָראַן האָבן אין די אותיות אַריינגעטייטשט גאַנצע כוונות און סודות אָבער די אָנגענומענע מיינונג איז, אַז דאָס זיינען ראשי־תיבות (איניציאַלן) פון די סעקרעטאַרן, וואָס האָבן געשריבן די קאַפּיטלעך. אַ טייל נאָך ווען מאַכמעד האָט געלעבט און אַנדערע שפּעטער ווען עטמאַן האָט רעדאַגירט דעם קאָראַן, אויך מיט דער הילף פון סעקרעטאַרן.

דער „קאָראַן" ווערט אויך איינגעטיילט אין צוויי טיילן לויט אַן אַנדערן זין. לויט דעם וואָס מאַכמעד האָט געזאָגט ווען ער איז געווען יונג און וואָס ער האָט געזאָגט, ווען ער איז געוואָרן אַלט. ווען ער איז

געוועזן יונג (יעדנפאַלס, אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך געוועזן אין מעקאַ ביזן 52־טן יאָר פון זיין לעבן), האָט ער נאָר געפּרעדיקט צו טאָן גוטס צו מענטשן, צו פאַרגעבן אַלעמען זייערע זינד און ניט ווי טאָן קיינעם און אַוודאי ניט שלאָגן עמיצן, און ווער שמועסט נאָך צו באַגיין אַ מאָרד. דער אַנדערער מאַכמעד, אָבער, פון די לעצטע יאָרן (זייט ער האָט פאַרלאָזן מעקאַ), איז גאָר אַנדערש. ער רעדט נאָר פון אָפּרעכענען זיך מיט די שונאים, פון רודפן זיי און פון פאַרניכטן זיי. פריער איז ער געוועזן דער נביא פון וואָרט, איצט אָבער איז ער דער נביא פון דער שווערד און רופט כסדר צו האַס און נקמה, צו אומרועז און פאַרניכטונג, און אַפילו צו נאַרעריי און מאָרד, און אַלץ אין נאָמען פון גאָט. ער איז אויך אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן זייער פאַרענדערט דערמיט וואָס ער האָט געשאַפן אַ מין גן־עדן פאַר זיינע גלויביקע, וואָס באַשטייט פון אַ הימלישן פּראָסטיטוציע־הויז, וואו זיי וועלן קענען האָבן וויפל פרויען זיי וועלן נאָר וועלן און וועלן גאַנצע טעג קענען ליגן אין די אָרעמס פון אויסגעלאָסענע פרויען...

* * *

לאָמיר איצט זען פון וואַנען מאַכמעד האָט גענומען דאָס וואָס ער פּרעדיקט, און אויך וואָס אַזוינס ער האָט געפּרעדיקט.

לויט מאַכמעדן, האָט אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, געשטאַמט פון מלאך גבריאל, אָדער אַז ער האָט עס געהערט פון הימל, דורכן רוח הקודש. אַזוי זאָגט ער אין פיל שטעלן אין קאָראַן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געוועזן אַ פאַנטאַזיע פון אַ קראַנקן מענטש ווייל ווי באַוואוסט, האָט מאַכמעד געליטן פון דער פאַליקער קראַנקהייט און אויך פון האַלוצינאַציעס. דער אמת, דעריבער, איז, אַז אַלץ וואָס מאַכמעד האָט געזאָגט אין „קאָראַן”, האָט ער גענומען פון דריי קוועלן:

1) פון דעם וואָס ער האָט געהערט צווישן די קעמל־טרייבער, אַזעלכע ווי ער אַליין איז געוועזן, אָבער דאָס זיינען געוועזן מערסטנס אַראַבישע מעשיות און לעגענדעס.

2) פון דעם וואָס ער האָט געהערט פון די רייכע סוחרים וואָס האָבן באַגלייט די קאַראַוואַנען אין דער מדבר. די סוחרים זיינען באַשטאַנען פון אַראַבער, געצן־דינער און אויך פון יידן און קריסטן.

3) פון דעם וואָס עס האָבן אים געזאָגט די יידישע מלמדים (אָדער רבנים), וועלכע ער האָט געדונגען כדי צו לערנען מיט אים.

אָט דאָס זיינען די דריי קוועלן, וועלכע האָבן געליפערט דעם

מאַטעריאַל, וואָס מאַכמעד האָט גענוצט אין זיין „קאָראַן״, אָבער אַזוי ווי מאַכמעד האָט ניט געקענט, שרייבן און לייענען, האָט ער דאָס וואָס ער האָט געהערט ניט געקענט פאַרצייכענען צו האָבן עס שוואַרץ אויף ווייס אויפן פאַפיר. ער האָט אינגאַנצן זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף זיין זכרון. אָבער דער זכרון האָט אים ניט אַלע מאָל געדינט.

דעריבער זעען מיר, אַז עס מישט זיך ביי אים אין קאָפּ ווען ער רעכנט אויס די יידישע אבות און אַלע גרויסע יידישע פירער. עס קומט ביי אים אויס דער סדר פון די דורות אָט אַזוי: צום ערשטן — אברהם, יצחק און יעקב. דערנאָך ישמעאל און נח. דאַן קומען דוד המלך און שלמה המלך. נאָך זיי — איוב און יוסף הצדיק, און ערשט נאָך זיי אַלע — משה רבינו און אהרן הכהן. אַן אַנדערש מאָל, אָבער, ברענגט ער די אַלע נעמען מיט אַן אַנדערן סדר, אַזוי אַז עס איז רעכט ביי אים, אַז אברהם אבינו האָט געלעבט נאָך משה רבינו.

אָבער ניט נאָר בלויז אין דער כראָנאָלאָגיע פון די יידישע פירער מאַכט ער טעותן, נאָר אין אַלעם וואָס ער האָט געהערט פון די יידן וועגן דער יידישער תורה. אָט אַזוי, למשל, זאָגט ער וועגן פרעה מלך מצרים, אַז ער האָט געהייסן שעכטן (!) יידישע קינדער און אַז פרעה האָט, צו־זאַמען מיט המנען(!) און מיט קורחן געוואָלט אומברענגען משה רבינו. ער דערציילט אויך, אַז דעם עגל הזהב האָט געמאַכט איינער שמירי (אויסגעמישט זיך ביי אים אין קאָפּ מיטן נאָמען „זמרי״). ער דערציילט אויך פון אַ באַגעגעניש פון משה רבינו מיט איינעם „אַלחאַציר״, ווי ער רופט־אַן אליהו הנביא. מרים, די שוועסטער פון משה און אהרן, מישט זיך ביי אים אויס אין קאָפּ מיט מרים, דער מוטער פון יעזוסן, און עס הייסט ביי אים, אַז מרים, די שוועסטער פון משה און אהרן, איז געווען די מוטער פון יעזוסן.

* * *

איצט לאָמיר זען וואָס מאַכמעד האָט אַזוינס געלערנט מיט די אַראַבישע שבטים. לויטן קאָראַן האָט ער זיי געגעבן פאָלגנדע פּרינציפּן:

1) גלויבן אין איין גאָט וואָס איז אין הימל, און אויך אַז מאַכמעד איז געווען זיין נביא (איל אַללאַ אַל אַללאַ ומאַכמעד ראזיל אַללאַ!) אָט דאָס דאַרף יעדער מאַכמעדאַנער זאָגן 5 מאָל אַ טאָג, ביי די פינף תפילות. דער טייטש פון די אַראַבישע ווערטער איז: עס איז נישטאָ קיין גאָט אויסער גאָט און מאַכמעד איז דער שליח (נביא) פון גאָט.

2) עס איז נישטאָ קיין צווייטער גאָט. ניט אין דער פאָרם פון אַ גאָט אַ זון און ניט אין קיין אַנדערער פאָרם.

3) גאָט האָט געשאַפן די וועלט און ער שפּייזט אַלעמען.

4) די וואָס גלויבן אין גאָט וועלן קריגן אַ באַלוינונג אין גן־עדן, און די רשעים וועלן פאַלן אין גיהנום.

5) איינער וואָס איז אַ גאָט־גלויביקער און האַלט פון מאַכמעדן אַלס נביא, דאַרף בעטן צו גאָט פינף מאָל אַ טאָג, אין דער פרי, מיטיק־צייט, פאַרנאַכט איידער די זון פאַרגייט, דערנאָך נאָכדעם ווי די זון איז פאַרגאַנגען און אין אָוונט. ביי יעדער תפילה דאַרף מען פאַלן כורעים, אויסציען זיך אויף דער ערד.

וואָס איז שייך דער פילאָזאָפיע פון מאַכמעדאַניזם, לערנט דער קאָראַן, אַז דער מענטש האָט ניט קיין פרייען ווילן און אַז אַלץ איז אָנגעצייכנט פון גאָט. ווען גאָט וויל, גייט אַ מענטש אַראָפּ פון גלייכן וועג און טוט שלעכטס.

מאַכמעד האָט דאָס ערשטע פאַרבאָטן זיינע האַלב־ווילדע אַראַבער צו טאָן אַכזרישע טאַטן, וועלכע זיי זיינען געווען געוואוינט צו טאָן, ווי למשל, צו באַגראָבן ניי־געבוירענע מיידלעך לעבעדיקערהייט, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט האָבן קיין מיידלעך. זיי פלעגן אויך בכלל, צוליב אָרעמקייט, אומברענגען אַלע יונגע קינדער, אַפילו ייִנגלעך, כדי ניט צו דאַרפן זיי שפּייזן. זיי פלעגן אויך אָפּרייסן שטיקער פלייש פון אַ לעבעדיקער בהמה און עס עסן, אָדער אָפּשניידן די אויערן פון בהמות. אָט דאָס אַלץ האָט מאַכמעד זיי שטרענג פאַרבאָטן.

מאַכמעד ברענגט אויך אין „קאָראַן" אַ גאַנצע ריי פון יידישע געזעצן וואָס ער האָט געגעבן צו זיינע שבטים. אַזוי, למשל, טאָר מען ניט עסן קיין פלייש פון אַ בהמה וואָס איז געפּגרט. מען טאָר ניט עסן קיין בלוט. מען טאָר ניט עסן קיין חזיר־פלייש. ער פּרעדיקט אויך אַז מען זאָל באַשטראָפן איינעם וואָס באַשעדיקט עמיצנס אַן אויג, דורך באַשעדיקן זיין אויג. (עין תחת עין). אין דער הינזיכט פון חתונה האָבן מיט פרויען, האָט ער כמעט אָנגענומען אַלץ וואָס עס איז פאַרבאָטן ביי יידן וועגן חתונה־האָבן מיט אייגענע און קרובים. אַזוי האָט ער אויך נאָך פיל אַנדערע דינים און געזעצן פון דער יידישער תורה, ווי למשל, בנוגע גטן, ירושה און אַנדערע זאַכן.

צום שבח פון מאַכמעדן דאַרף מען זאָגן פאָלגענדיקס:

ע ר ש ט נ ס: ער האָט ניט געוואָלט אָננעמען פאַר זיך קיין געטלעכע ראָל, ווי אַ טייל פון זיינע אָנהענגער האָבן אים געראָטן, ווי למשל,

צו זאָגן, אַז ער איז דער זון פון גאָט, אָדער דעסגלייכן. ער האָט כסדר דער־קלערט, אַז עס איז דאָ נאָר איין גאָט און אַז ער איז ניט קיין גאָט, נאָר אַ מענטש, בלויז אַ נביא פון גאָט.

צווייטנס: ער האָט אָפּגעשאַפט געצן־דינסט .אין יענעם טייל וועלט, ביי די האַלב־ווילדע אַראַבער און האָט זיי געלערנט מאָנאָטעאיזם, דאָס הייסט, צו גלויבן אין איין גאָט אין הימל, אין אַ גייסטיקן גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט.

דריטנס: ער האָט אָפּגעשאַפט די אינסטיטוציע פון אַ בלוט־אויסלייזער וואָס ווען עס איז געשען אַ מאָרד האָט עס געפירט צו כסדרדיקע מאָרדן און הריגות אין אייגענעם שטאַם.

פערטנס: ער האָט אָפּגעשאַפט דאָס אומברענגען קליינע קינדער, מיידלעך און ייִנגלעך.

פינפטנס: ער האָט געלערנט גאַסט־פריינטלעכקייט, צו זיין אַ מכניס אורח, אַ זאַך, וואָס די אַראַבער פּראַקטיצירן ביזן היינטיקן טאָג.

זעקסטנס: ער האָט פאַרבאָטן שטרענג יעדע פאָרם פון דינען צו אַ מענטש און פון מאַכן אַ פּערזאָנען־קולט.

זיבעטנס: ער האָט געפּרעדיקט צו העלפן די שוואַכע און אַרבעטער, און האָט איינגעפירט פיל אינסטיטוציעס צו העלפן קראַנקע, צו באָרגן געלט אין אַ נויט, צו האָבן איינזעעניש מיט אַלטע, און פיל אַנדערע סאָציאַלע אַנשטאַלטן.

33. ווי אַזוי דער מאַכמעדאַנישער גלויבן האָט זיך פאַרשפּרייט

מאַכמעד האָט געפירט מלחמות מיט ניט־גלויביקע. — דאָס האָבן געטאָן שפּעטער נאָך אים אַלע זיינע פאַרטרעטער אין פאַרלויף פון הונדערט יאָר. — די צייט, ווען די אַראַבער האָבן איינגענומען אַ האַלבע וועלט. — די שפּאַלטונג אין אַראַבישן לאַגער און די שפּע־טערדיקע פאַראייניקונג. — ווי אַזוי די קריסטלעכע וועלט האָט געקעמפט קעגן מאַכמעדאַנערטום.

כמעט אין איין און דערזעלבער צייט האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער דער וועלטביידע רעליגיעס: קריסטנטום און מאַכמעדאַנערטום (אָדער דער איסלאַם). דאָס איז געווען אין זיבעטן יאָרהונדערט. קריסטנטום איז טאַקע געקומען פריער, אָבער אויסגעשפּרייט זיך איבער דער מערב־וועלט האָט זי זיך ערשט זעקס הונדערט יאָר נאָך איר געבורט. דערפאַר האָט דאָס מאַכמעדאַנערטום געמאַכט אַ גרויסן דערפאָלג באַלד נאָך איר געבורט און האָט שוין אין זיבעטן יאָרהונדערט איינגענומען דעם מזרח, ד. ה. די אַזיאַטישע לענדער. דאָס איז געשען דערפאַר וואָס די פעלקער פון דער וועלט האָבן מיט אייניקע אויסנאַמען זיך ניט געקענט באַפרייען פון געצן־דינסט ביז צו יענער צייט. ערשט אין זיבעטן יאָרהונדערט איז געקומען די דערוואַכונג פון יענע פעלקער און זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע געצן און אָנגענומען די לערעס וואָס די מיסיאָנערן פון די צוויי נייע רעליגיעס האָבן זיי אונטערגעטראָגן. אין דער מערב־וועלט האָבן דעמאָלט שטאַרק געווירקט די קריסטלעכע מיסיאָנערן און געהאַט דערפאָלג. אין מזרח האָבן ווידער מער געווירקט די נייע מיסיאָנערן פון איסלאַם און אויך זיי האָבן געהאַט דערפאָלג.

* * *

די אַראַבישע שבטים אין יענער צייט זיינען באַשטאַנען פון צוויי באַזונדערע מענטשן־גרופּן, צוויי קאַטעגאָריעס: אַראַבער און בעדו־אינער. די אַראַבער זיינען געווען די, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אויף אַ שטיק לאַנד וואָס זיי האָבן עס שפּעטער באַטראַכט פאַר זייער טערי־טאָריע און האָבן באַאַרבעט די ערד. אַנדערע זיינען געוואָרן בעלי־מלאכות און נאָך אַנדערע — האַנדלס־מענטשן, וועלכע האָבן געפירט

אויף קעמלען קאַראַוואַנען מיט פאַרשידענע סחורות, ווי קליידער און בשמים אין פאַרשידענע לענדער און אפילו אַזוי ווייט ביז צו אינדיע. אַט־די אַראַבער זיינען געווען איינגעטיילט אין שבטים. יעדער שבט האָט געהאַט אַן עלטסטן, וועלכן זיי האָבן גערופן „שייך".

די אַנדערע גרופּע, די בעדואינער, זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט צובינדן צו אַ געוויסן שטח. זיי האָבן נישט געהאַט קיין טעריטאָריע וואָס זיי זאָלן זי אָנרופן זייער אייגנס. זיי האָבן ניט באַאַרבעט קיין לאַנד, נאָר האָבן געהאַט סטאַדעס פון שאָף און אַליין זיינען זיי געריטן אויף פערד, קעמלען אָדער אייזלען. זיי האָבן כסדר אַרומגעוואַנדערט מיט זייערע סטאַדעס פון אָרט צו אָרט. זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום פאָרם פון אַ רעגירונג. זיי האָבן געהאַט אַן עלטסטן, אַ „שייך", אָבער ניט מער.

צווישן די אַראַבער און בעדואינער זיינען כסדר פאָרגעקומען גרויסע קאַמפן, ווייל די בעדואינער האָבן אַלע מאָל געזוכט פאַר זייערע סטאַדעס נייע גרינע לאַנקעס און זיי האָבן זיך ניט גערעכנט דערמיט צו וועמען די לאַנקעס געהערן. זיי פלעגן דעריבער אַרויספאָרן מיט זייערע סטאַדעס אויף די באַאַרבעטע פעלדער פון די אַראַבער און אָנמאַכן דאָרטן אַ חורבן. פאַרשטייט זיך, אַז די אַראַבער האָבן דאָס ניט געוואָלט דולדן און געקעמפט קעגן די בעדואינער און אַזוי־אַרום זיינען כסדר פאָרגעקומען גרויסע קאַמפן צווישן די אַראַבער און די בעדואינער.

אָבער דאָס איז געווען אַזוי לאַנג, ווי זיי זיינען געווען געצן־דינער. נאָכן קומען פון מאַכמעדן, ווען אַלע אַראַבער, סיי די וואָס זיינען געווען איינגעאָרדנט אויפן לאַנד און סיי די וואַנדערנדע בעדואינער, האָבן אָנגענומען זיין רעליגיע, איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אויך אויף דעם געביט. וואָרום מאַכמעד האָט אָנגעזאָגט סיי די אַראַבער און סיי די בעדואינער, אַז זיי זאָלן ניט קעמפן צווישן זיך און זאָלן אַלע זיין פאַראייניקט אין איין רעליגיע. אויסער דעם האָבן זיי אַלע, סיי די אַראַבער און סיי די בעדואינער געפילט איצט מער נאָענטקייט איינער צום אַנדערן. עס איז דעריבער געווען דאָס גרויסע פאַרדינסט פון מאַכמעדן וואָס ער האָט אָפּגעשטעלט די קאַמפן צווישן די צוויי מחנות.ביידע לאַגערן האָבן איצט געמוזט קומען בעטן אין די מעטשעטן 5 מאָל אַ טאָג און באַזונדערס פרייטיק (וואָס איז דער טאָג פון רו, ווי שבת ביי די יידן און זונטיק ביי די קריסטן). ביידע לאַגערן האָבן אָנגעהויבן צוזאַמען זייערע תפילות מיט די ווערטער „אַללאַ אַקבאַר" (דער גרויסער גאָט) און דאָס האָט זיי פאַרברידערט.

אַט צוליב דעם וואָס די קאַמפּן זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן, האָבן די מיסיאָנערן פון איסלאַם געקענט פאָרן אומעטום צו פאַרשפּרייטן די לערע פון דער נייער רעליגיע, און זי האָט זיך באַלד אָנגענומען. דאָס איז געשען דערפאַר וואָס די איסלאַם־רעליגיע איז זייער פשוט. זי האָט ניט קיין שום צערעמאָניעס. די מאַכמעדאַנער האָבן ניט קיין באַ־לעמער אין זייער געבעט־הויז אָדער זאַכן וואָס זאָלן באַנוצט ווערן אויס־שליסלעך פאַר גאָטעס־דינסט. עס טאָרן אויך ניט הענגען ביי זיי אין מעטשעט קיין שום בילדער פון מאַכמעדן אָדער פון הייליקע. די מאַכ־מעדאַנישע רעליגיע האָט אַפילו ניט געהאַט אין אָנהויב קיין גלחים, ווייל לויטן קאָראַן קען יעדער איינער זיין, זיין אייגענער גלח. עס איז בלויז געווען איינער, וואָס האָט געזאָגט דעם עולם, ווי אַזוי צו בעטן צו גאָט. ער האָט אויך געהאַלטן שפּעטער אַ דרשה, אָבער מען האָט אים באַטראַכט ניט ווי אַ הייליקן, ווי למשל ביי אונדז אַ רב אָדער ביי די קריסטן אַ גלח, נאָר בלויז ווי אַ שמש. עס איז אויך געווען איינגעפירט ביי די מאַכמעדאַ־נער אין יענער צייט, אַז זיי האָבן ניט געאַרבעט פרייטיק בלויז ביז נאָך דעם געבעט אין מעטשעט. באַלד דערנאָך איז יעדער איינער אַוועק צוריק צו זיין אַרבעט.

אַ גרויסע זאַך האָט מאַכמעד אויפגעטאָן פאַר זיינע אָנהענגער דערמיט וואָס ער האָט זיי פאַרבאָטן צו טרינקען וויין, ווי בכלל אַלע אַלקאָהאָלישע געטראַנקען. מאַכמעד רופט אָן אַלקאָהאָל „די מוטער פון אַלע צרות". ער האָט אָנגעזאָגט זיינע שבטים, אַז טרינקען אַלקאָהאָל איז אַ זינד. דערמיט האָט ער ניט צוגעלאָזט קיין שיכּרות אין זיינע רייען און מיר זעען טאַקע אַז דאָס האָט געהאַט גאָר אַ גרויסע ווירקונג אויף די אַראַבער אין יעדער הינזיכט. אַזוי־אַרום איז געשען, אַז אין דער צייט ווען די אַראַבישע וועלט האָט דעמאָלט אויפגעבליט און דערגרייכט אַ הויכע ציוויליזאַציע, איז די קריסטלעכע וועלט, וואו דאָס טרינקען אַלקאָהאָל איז ניט געווען קיין זינד, געוואָרן וואָס אַמאָל מער פאַרזונקען אין שיכּרות און אין גרויס אומוויסנהייט.

* * *

מיר האָבן שוין פריער דערקלערט, אַז ווען מאַכמעד האָט געזען, אַז ער קען ניט ווירקן אויף די אַראַבישע שבטים בלויז מיט זיין וואָרט, האָט ער אויך אַרויסגעצויגן די שווערד און האָט, נאָך שווערע קאַמפן, אומברענגענדיק טויזנטער לעבנס געצוואונגען די אַראַבער אָנצונעמען זיין גלויבן. דאָס האָבן נאָך זיין טויט אויך געטאָן די, וואָס זיינען געווען

זיינע נאָכפאָלגער. גאַנצע הונדערט יאָר נאָך מאַכמעדס טויט האָבן זיינע יורשים געפירט מלחמות מיט די געצן־דינערישע אַראַבער און זיי גע־צוואונגען אָנצונעמען דעם נייעם גלויבן. זיי האָבן אַזוי־אַרום איינגע־נומען איין לאַנד נאָכן אַנדערן און האָבן געשאַפן אַ נייע אימפּעריע, אַ נייע ציוויליזאַציע. די פון די אַראַבער מיט זייער נייעם גלויבן, דעם איסלאַם. די מלחמות וואָס זיי האָבן געפירט, האָבן זיי אָנגערופן „הייליקע מלחמות״, אָדער ווי עס האָט געהייסן אויף אַראַביש „דזשיהאַד״, דאָס זיינען געווען קאַמפן פון די גלויביקע אַראַבער, פון אַלע שבטים קעגן די אומגלויביקע. דערצו איז געשאַפן געוואָרן אַן אילוזיע, אז דער וואָס וועט שטאַרבן אויפן שלאַכט־פעלד, פאַרן איסלאַמישן גלויבן, וועט באַלד ווי ער וועט צומאַכן זיינע אויגן, באַגריסט ווערן פון צוויי שיינע הימלישע מיידלעך, מיט גרויסע אויגן און פון זיי אָוועקגעטראָגן ווערן אין אַ גן־עדן פון פאַרגעניגן. ער וועט ליגן אויף אַזאַ סאָפע פון זיידנס, אָדער אויף אַ דיוואַן פון טייערן שטאָף און אַרום אים וועלן זיין די שענסטע מיידלעך פון דער וועלט, און ער וועט פאַרברענגען מיט זיי און הנאה האָבן פונקט אַזוי ווי ער וואָלט געווען לעבעדיק.

„ווער עס וועט פאַלן אין קאַמף פאַר מיין רעליגיע, ווערט גע־זאָגט אין קאָראַן, דעם וועלן זיינע זינד פאַרגעבן ווערן, און ער וועט קריגן פליגל, און אַ ניי לעבן, און האָבן אַזאַ הנאה פון אַלע זאַכן וואָס פאַרשאַפן פאַרגעניגן ווי נאָך קיינמאָל ניט פריער״. פאַרשטייט זיך, אַז אָט־די ווערטער האָבן דערמוטיקט פיל אַראַבער צו קעמפן מיט איבער־געבנקייט פאַר דער נייער רעליגיע און זיינען אַפילו געווען גרייט אָפּצו־געבן דערפאַר זייערע לעבנס.

אַזוי אַרום איז די צאָל פון די אָנהענגער פון דער נייער רעליגיע אַלץ מער געוואַקסן. מיר זעען שפּעטער ווי די פאַנאַטישע אַראַבער זיינען אַריבער די גרענעצן פון זייער לאַנד און געוואָרן פאַרוויקלט אין מלחמות מיט רוים און פּערסיע, די צוויי שטאַרקסטע מלוכות אין יענער צייט. די אַראַבער האָבן געקעמפט קעגן דער רוימישער מאַכט און אָפּגעריסן פון איר די לענדער סיריע און פאַלעסטינע און די שטעט דמשק, אַנט־יאָכיע און ירושלים. דערנאָך האָבן זיי אָפּגעריסן פון פּערסיע גאַנץ מע־סאָפּאָטאַמיע, זיי זיינען אַריין אין טעהעראַן, די הויפּט־שטאָט פון פּערסיע, און איבערגענומען דאָס גאַנצע לאַנד. אַ ביסל שפּעטער האָבן זיי געקעמפט קעגן עגיפּטן און אויך דאָס לאַנד באַזיגט.

לויטן קאָראַן דאַרף מען די וואָס ווילן ניט אָננעמען דעם איסלאַם אומברענגען אָדער מאַכן אים פאַר אַ שקלאַף, אָבער די אַראַבישע זיגער

אונטער די קאַליפן האָבן ניט געהאַנדלט אַזוי עקסטרעם און האָבן אַפילו דערלויבט געוויסע לענדער צו פירן זיך ווײַטער לויט זייער אייגענער רעליגיע. זיי האָבן נאָר געדאַרפט אָפּצאָלן דערפאַר אַ געוויסע סומע צו דער אַראַבישער מאַכט. אַזוי איז געווען אין אַנהויב אין פּערסיע, וואו עס האָט געהערשט די רעליגיע פון זאָראָאַסטער און אַזוי אויך אין אַנדערע לענדער, וואו עס האָט געהערשט קריסטנטום, אָבער מיט דער צייט האָט דאָס פאָלק פון פּערסיע און פון עגיפּטן אויך אָנגענומען די איסלאַמישע רעליגיע און זיינען געוואָרן מאַכמעדאַנער.

אָבער די אַראַבער האָבן זיך ניט באַגנוגנט מיט זייערע נצחונות און מאַרשירט ווײַטער. זיי האָבן געשיקט זייערע גרויסע אַרמייען ביז טיף אין צענטראַל אַזיע און אַפילו ביז אינדיע. זיי האָבן איינגענומען דאָס אינדזל ציפּערן, אַ גרויסע טייל פון אַרמעניע און מאַרשירט אויף קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל, אָבער דאָ זיינען זיי דורכגעפאַלן און די ביזאַנטישע הער־שאַפט איז געבליבן אין קראַפט אויף נאָך עטלעכע הונדערט יאָר.

ווען די אַראַבער האָבן געזען, אַז זיי קענען ניט נעמען קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל, זיינען זיי אַוועק קיין צפון־אַפריקע און עס איינגענומען און געמאַכט דאָרטן אַ פעסטונג און אַ צענטער פאַר זייער גלויבן.

נאָך צפון־אַפריקע האָבן די אַראַבער גענומען מאַרשירן אויף שפּאַניע און אין אָנהויב פון 8־טן יאָרהונדערט האָט אַ גרויסע אַרמיי וואָס איז באַשטאַנען פון אַראַבער און בערבערן איינגענומען אַ העלפט פון שפּאַניע און מאַרשירט ביז צו די פּירענייען־בערג, צווישן שפּאַניע און פראַנקרייך. דערנאָך זיינען זיי אַריבער די דאָזיקע גרויסע בערג און איינגענומען געוויסע טיילן פון גאול, ווי פראַנקרייך האָט דעמאָלט געהייסן. ערשט שפּעטער האָט אַ פראַנצויזישער הערשער צוריקגעטריבן די אַראַבער איבער די פּירענייען־בערג.

* * *

אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט און אין אַראַבישן לאַגער איז אויסגעבראָכן אַ קאַמף און צעטיילט די אַראַבישע וועלט אין צוויי פיינטלעכע מחנות: די פון מערב און די פון מזרח. עס איז אַזוי געווען: דער טיטל קאַליף אַלס הערשער איז געשאַפן געוואָרן פון מאַכמעדן און ער האָט דעם טיטל געגעבן צום ערשטן צו זיין פריינד און דערנאָך שווער (דער פאָטער פון זיין ווייב עישא) אבו באַקר, וועלכער איז גע־וואָרן דער פאַרטרעטער פון מאַכמעדן. נאָך אים איז געקומען דער צווייטער קאַליף אָמאַר (אָדער „עומר״), וועלכער איז געווען מאַכמעדס אַ הייסער

אַנהענגער. נאָך אים איז געקומען אַטמאַן (אָדער עטמאַן) און אַלי. די לעצטע צוויי זיינען געווען די איידעמס פון מאַכמעדן. אַט די פיר קאַליפן ווערן אָנגערופן „אָרטאָדאָקסישע" הערשער, ווייל זיי זיינען באַשטימט געוואָרן פון מאַכמעדן אליין און זיינען אַלס קאַליפן אָנערקענט געוואָרן פון אַלע.

אָבער ניט אַזוי איז עס געווען שפּעטער. נאָך אַליס טויט האָט דער גובערנאַטאָר פון סיריע מיטן נאָמען מאָאַוויאַ אַליין זיך אויסגערופן אַלס קאַליף. ער האָט געהערשט מיט אַן אייזערנער האַנט און האָט איינגעפירט, אַז זיין אַמט זאָל אַריבערגיין בירושה פון פאָטער צו זון, אַנשטאָט דעם וואָס פריער האָט מען אויסגעקליבן אַ קאַליף. ער האָט אַזוי אַרום געשאַפן אַ דינאַסטיע וועלכע האָט זיך גערופן „די דינאַסטיע פון אָממי־אַדס". זיי האָבן געפירט די ממשלה ניט פון מעקאַ אָדער מעדינאַ, ווי די פריערדיקע קאַליפן, נאָר פון דמשק. אָבער די יורשים פון מאַכמעדן האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען די אָממיאַדס אַלס הערשער, און אין יאָר 750 איז אויסגעבראָכן קעגן זיי אַ רעוואָלוציע און עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ נייע דינאַסטיע פון קאַליפן, וואָס האָט זיך גערופן, די אַבאַסאַידס (אַבאַסאַיד איז געווען אַ פעטער פון מאַכמעדן און ער האָט געהאַלטן, אַז די הערשאַפט דאַרף געהערן צו אים און צו זיינע קינדער). די אַבאַסאַידס האָבן אויסגעהרגעט אַלע מיטגלידער פון די אָממיאַדס און ניט געלאָזן פון זיי קיין שריד ופליט, אָבער איינער פון דער משפחה האָט זיך געראַ־טעוועט און איז אַנטלאָפן קיין שפּאַניע און ער האָט אין קאָרדאָווע (שפּאַניע) געגרינדעט אַ נייעם אָממיאַדס קאַליפאַט. צו אים איז צוגעשטאַנען צפון־אַפריקע און נאָך אַנדערע לענדער. אַזוי אַרום זיינען איצט געווען צוויי קאַליפאַטן פון מוסולמאַנישן גלויבן. דער קאַליפאַט פון מעקאַ און דער קאַליפאַט פון קאָרדאָווע.

די דינאַסטיע „אַבאַסאַיד" האָט געהערשט איבער דער אַראַבישער וועלט אַרום 300 יאָר. דער באַרימטער קאַליף פון דער דינאַסטיע איז געווען — האַרון אל ראַשיד (וואָס עס מיינט: אהרן דער גערעכטער). ער האָט געלעבט אין דער צייט פון שאַרלעמאַן פון פראַנקרייך (וועגן אים וועלן מיר ריידן שפּעטער) שפּעטער איז די מאַכט פון די אַבאַסאַידס געוואָרן קלענער און קלענער, ביז אין יאָר 1058 האָט אַ טערקישער פירער געקעמפט קעגן זיי און זיי באַזיגט און זייער מאַכט איז געפאַלן. דער נייער הערשער האָט זיך גערופן „דער קאַליף פון מזרח און פון מערב" און האָט אַזוי אַרום פאַראייניקטביידע צדדים.

איצט ווען מיר זיך אומקערן צוריק צו דער קריסטלעכער וועלט און זען ווי אַזוי יענע האָבן עס געטאָן, איבערהויפּט ווי אַזוי עס האָבן געהערשט די פּויפּסטן אין רוים, צוזאַמען מיט די הערשער פון פאַר־שידענע לענדער אין יענער צייט.

VI.

דער אנהויב פון מיטלאלטער

34. די ערשטע פויפסטן אין רוים

35. די פעאָדאַלע הערשאַפט אין אייראָפע

36. מענטשן־רעכט אין פעאָדאַלן סיסטעם

37. אין דער ניי־יאָר־נאַכט פון יאָר טויזנט

34. די ערשטע פויפסטן אין רוים

ווי אַזוי קריסטנטום האָט זיך פאַרשפרייט אין דער וועלט. — דאָס מזרח־קריסטנטום און דאָס מערב־קריסטנטום. — גלחים, וועלכע טייטשן אויס פיל זאַכן אַנדערש. — אין ביזאַנט איז די קירך און דער שטאַט געווען פאַראייניקט, אָבער ניט אין רוים. — פאַרוואָס רוים איז געוואָרן די שטאָט פון פויפסט. — די פאַרשידענע פויפסטן און די קאַמפן וואָס זיי האָבן געפירט. — די מאָנאַכן און די מאָנאַש־קעס און די גרינדונג פון מאָנאַסטירן.

אין 7־טן יאָרהונדערט איז דער הויפּט פון דער קריסטלעכער וועלט געווען קעניג פון נייעם רוים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די קריסטלעכע רעליגיע און די מלוכה זיינען געווען דעמאָלט איין זאַך. אַלע גייסטלעכע פון די פאַרשידענע ראַנגען זיינען געווען אונטערגעוואָרפן אונטער דעם קעניג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אַזוי איז עס געווען אין ביזאַנט און אין אַלע לענדער, וואָס האָבן געהערט צו איר. עס איז אָבער אויך געווען אַ מערב־קריסטנטום מיט אַ הערשער אין רוים, וואָס איז געווען גאַנץ אַנדערש.

דאָס קריסטנטום פון ביזאַנט האָט זיך איבערהויפּט אויסגעצייכנט מיט גריבלערייען וועגן דעם וואָס קריסטנטום איז אַזוינס. דאָס האָט אַרויסגערופן פיל פראַגן וועגן דער געטלעכקייט פון יעזוסן, וועגן דער ראָל פון דער מוטער מאַריאַ און נאָך פיל אַנדערע פראַגן. פאַרשטייט זיך, אַז ווען עס ווערט אַרויסגערוקט פראַגן, קומען אויף זיי פאַרשידענע ענטפערס. דאָס האָט דעריבער געפירט צו מיינונגס־פאַרשידנהייטן וועגן די עיקרים פון קריסטנטום. איינער פון די הויפּט־גייסטלעכע אין יענער צייט, נעסטאָריוס, אַ פּאַטריאַרך פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט געגעבן זיינע אייגענע אויסטייטשונגען וועגן קריסטוסן און וועגן דער מוטער מאַריאַ. ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף וואָס ווייניקער צושרייבן מענטש־לעכע אייגנשאַפטן צו קריסטוסן און אַז מען טאָר ניט זאָגן וועגן מאַריאַן, אַז זי איז די מוטער פון קריסטוסן, ווייל דערמיט גיט מען צו מענטשלעכע אייגנשאַפטן צו יעזוסן. די געבורט פון קריסטוסן איז געווען לויט אים אַ הימלישע דערשיינונג, און מאַריאַס ראָל אין דער זאַך איז געווען פון אַ קליינער באַדייטונג. די מיינונג האָט געקראָגן פיל אָנהענגער. אָבער דאָך האָט די אָפיציעלע קירך אין ביזאַנט פאַרבאָטן די דאָזיקע מיינונג פון נעסטאָריוסן און עס באַטראַכט פאַר אַן אפיקורסות. די מיינונגען פון נעסטאָריוסן האָבן אָבער אַלץ ווייטער געקראָגן פיל אָנהענגער אין אַנדערע

לענדער און זיינען פארשפרייט געווארן אפילו אזוי ווייט ווי אינדיע און כינע.

צוליב דעם וואס עס זיינען געווען נאך אנדערע אפנויגונגען פון דער אפיציעלער לערע וועגן קריסטנטום, האט די גריכישע קירך, וועלכע איז געווען די הויפט פון דער ביזאנטישער וועלט, זיך אנגעהויבן צו רופן „די הייליקע ארטאדאקסישע קירך״. זי איז ביז א געוויסער מאס גע־גאנגען האנט־אין־האנט מיט דער רוימישער קירך, אבער שפעטער האבן זיי זיך צעקריגט און זיך אפגעטיילט איינע פון דער אנדערער.

די רוימישע קירך אדער דאס מערב־קריסטנטום איז געווען אין פיל הינזיכטן אנדערש ווי דאס מזרח־קריסטנטום. ערשטנס דערמיט, וואס אין מערב זיינען ניט געווען אזוי פיל סעקטעס אין דעם לאגער פון די קריסטן ווי עס איז געווען אין מזרח. צווייטנס, איז אין מערב, אין רוים, ניט געווען קיין שום פארבינדונג צווישן דער מלוכה און דער קירך. דארטן האט מען ניט אנערקענט דעם הויפט פון לאנד אלס דעם הויפט פון דער קירך, נאר דער הויפט פון דער קירך איז געווען דער פויפסט אין וואטיקאן.

די געשיכטע פון די פויפסטן איז זייער אן אינטערעסאנטע און שטעלט מיט זיך פאר א גאר באזונדער קאפיטל אין דער וועלט־געשיכטע. אין רוים איז גאר אין די סאמע ערשטע טעג פון קריסטנטום געשאפן געווארן די ערשטע קריסטלעכע קירך (אין נייעם טעסטאמענט געפינט זיך א בריוו וואס פאול האט געשריבן צו די קריסטן אין רוים. פאול איז אויך אליין געקומען קיין רוים, ווי מיר זעען עס פון אן אנדערע שטעל אין דעם נייעם טעסטאמענט). די קריסטן גלויבן, אז דער הייליקער פעטער איז אויך געווען אין רוים. עס איז דא א לעגענדע, אז ער איז אין רוים אומגעקומען דורך די הענט פון קייזער נעראס שליחים. אט צוליב דעם אלעם איז די רוימישע קירך פארהייליקט געווארן. עס הייסט, אז זי איז געגרינדעט געווארן פון צוויי פון די אפאסטאלן, וועלכע האבן דארטן פיל געליטן — דורך דעם הייליקן פאול און הייליקן פעטער.

צו דעם קומט צו דער פאקט, וואס די רוימישע קירך האט צום ערשטן ארויסגעשיקט מיסיאנערן צו באקערן די געצן־דינער צום קריסטנ־טום. דערמיט איז די רוימישע קירך געווארן א צענטראלע און די „מוטער־קירך״ פון וואנען קריסטנטום איז פארשפרייט געווארן אין פיל לענדער. פיל פון די ערשטע קירכן וואס זיינען געשאפן געווארן אין שפאניע, פראנקרייך און אין צפון־אפריקע, האבן געהאט זייער אנהויב דורך די שליחים פון דער רוימישער קירך. אויך האבן אלע קירכן אין דער וועלט

זיך געווענדעט מיט אַלע זייערע פראַגן צו דער רוימישער קירך, און ווי אַזוי די רוימישע קירך האָט געפסקנט, אַזוי איז געבליבן.

די רוימישע קירך האָט אויך געהאַט די מעלה, וואָס זי איז ניט געווען אָפּהענגיק פון שטאַט און דער פּאַטריאַרך פון רוים האָט געקענט טאָן וואָס ער האָט געוואָלט אָן אַנצופרעגן ביי דער רעגירונג פון לאַנד. די רוימישע קירך האָט זיך אויך אויסגערימט דערמיט וואָס אין אירע רייען זיינען ניט געווען קיין אַפּיקורסים, אַזוי ווי אין ביזאַנט. דאָס האָט געשאַפן מער גאַנצקייט פון דער קירך צוזאַמען מיטן פאָלק.

די קריסטלעכע וועלט האָט אויך באַטראַכט דעם הייליקן פּעטער אַלס דעם הויפּט פון אַלע אַפּאָסטאָלן, צו וועלכן אַלע האָבן אַרויפגעקוקט און אַז דער הייליקער פּעטער איז געווען דער גרינדער פון דער קירך אין רוים און איז אויך געווען איר ערשטער גייסטלעכער. צוליב דעם האָט זיך געשאַפן די טראַדיציע, אַז דער הויפּט פון דער קירך אין רוים איז אויך דער הויפּט פון קריסטנטום אין דער גאַנצער וועלט. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז מען זאָל דעם רוימישן גייסטלעכן אָנרופן „פּויפּסט", וואָס עס מיינט: דער פאָטער, דער הויפּט פון אַלע.

די רשימה פון די פּויפּסטן, וואָס זיינען געזעסן אויף דעם הייליקן פּעטערס שטול, איז זייער אַ לאַנגע. ביז איצט זיינען שוין געווען אַזוי פיל ווי 263 פּויפּסטן. אָבער אין דער ערשטער צייט האָבן די פּויפּסטן ניט געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג. ביז אין מיטן פון פינפטן יאָרהונדערט זיינען געווען 45 פּויפּסטן, וועלכע האָבן זיך גערופן בלויז: „בישאָף פון רוים". דער וויכטיקסטער צווישן זיי איז געווען „דער גרויסער לעאָ". אין זיין צייט האָבן די דייטשן געפירט קאַמפן מיט די רוימער און האָבן פאַרכאַפּט גרויסע שטיקער לאַנד וואָס האָבן געהערט צו רוים. די דייטשן זיינען אויך געווען קריסטן, אָבער זיי האָבן געהאַלטן פון דעם גייסטלעכן אַריאַס וואָס די רוימישע קירך האָט באַטראַכט זיינע רייד אַלס אַפּיקורסות. אַריאַס האָט געזאָגט אַז אַזוי ווי יעזוס איז נאָר דער זון פון גאָט, דאַרף מען אין תפילות זיך ווענדן מער צום פאָטער, צו גאָט אַליין, איידער צו זיין זון, יעזוס. די קריסטן פון רוים, וועלכע האָבן געהאַלטן מיט דעם אָפיציעלן רוימישן קריסטנטום, זיינען דעריבער גערופן געוואָרן צו קומען צו הילף דעם פּויפּסט לעאָ אויף צו באַקעמפן די דייטשן, וועלכע זיינען אַפּיקורסים. לעאָ האָט אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן זיי און אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. ער האָט אויך אונטערגעהאַנדלט מיט דעם דעמאָלטיקן פירער פון די הונען, אַטילאַ, אַז ער זאָל שאַנעווען די שטאָט רוים, וואָס ער האָט אויך געטאָן.

נאָך לעאָנען איז ניט געווען קיין באַזונדערס וויכטיקע פיגור, וואָס

איז געזעסן אויף דעם הייליקן פעטערס שטול, ביז צום פויפסט גרעגארי, א זון פון א רייכן רוימישן סענאטאר. ער האט גערירשנט פון זיין פאטער א גרויס פארמעגן און האט עס אויסגעגעבן אויף צו בויען מאנאסטירן. ער אליין איז אויך געווארן א מאנאך, און דעם גרויסן פאלאץ וואס ער האט געירשנט פון זיין פאטער האט ער פארוואנדלט אין א מאנאסטיר. ער האט געפאסט זייער אפט ביז ער איז קראנק געווארן און זיין לעבן איז געווען אין גרויס געפאר. גרעגארי האט אויפגעטאן פאר דער רוימישער קירך צוויי זאכן: ערשטנס, האט ער איינגעפירט, אז די מאכט פון א פויפסט זאל זיין אזוי ווי די פון א הערשער איבער א לאנד. דער פויפסט איז דער קייזער פון אלע קריסטן, האט ער דערקלערט און באלד האט ער אליין זיך גענומען אזא מאכט און האט אפילו זיך ארייגעמישט אין ציווילן לעבן דורך דעם וואס ער האט אין די לענדער, וואו עס האט געהערשט אין יענער צייט אן אנארכיע, באשטימט גובערנאטארן פון פראַ־ווינצן און הויפטן פון שטעט. ער האט אויך געגעבן באפעלן צו גענעראלן און געשאפן אן ארמיי פאר רוים, וואס זאל זיין פעאיק צו קעמפן מיט אלע אירע שונאים. צווייטנס האט ער געפירט א שטארקן קאמף מיט אלע וואס האבן געהאט אן אנדערע מיינונג וועגן קריסטנטום ווי די וואס איז געווען די אפיציעלע מיינונג וועגן קריסטנטום פון רוים.

נאכן טויט פון גרעגארן איז דער אמט פון א הויפט פון דער קריסט־לעכער קירך, דער פויפסט, געווארן די העכסטע שטעלע אין דער וועלט, ווייל דער פויפסט איז ניט נאר געווען דער גייסטיקער פירער, נאר אויך פאר א סך לענדער דער פאקטישער פירער פון זייערע מלוכות. אין יענער צייט, אין אכטן יארהונדערט, האבן די פירער פון פראנקרייך פארבונדן זיך מיטן פויפסט אויף אזא מאס, אז ער, דער פויפסט, איז געווארן א מין נייער מאנארך, וואס האט געהערשט ניט נאר איבער די נשמות, נאר אויך איבער די גופים פון די קריסטן. זיי זיינען אלע געווען זיינע אונטערטאנען.

באזונדערס האט דער פויפסט פון רוים אין יענער צייט געפונען זיין הויפט־שטיצע אין די מאנאכן און מאנאשקעס. דאס זיינען געווען זיינע אמתע טרייע דינער און דער הויפט פון זיין ארמיי.

אבער ווי אזוי איז געשאפן געווארן דאס גאנצע סיסטעם פון מאנאכן און מאנאשקעס? — דאס פאדערט א גרעסערע אויפקלערונג.

* * *

דער ענין מאנאכן און מאנאשקעס איז אייגנטלעך שוין זייער אלט.

דאָס איז נאָך געווען אין דער צייט ווען די יידן זיינען געווען אַ פאָלק אויף זייער לאַנד. נאַטירלעך זיינען דעמאָלט ניט געווען קיין מאָנאַכן און מאָנאַשקעס, ווי מיר זעען עס איצט, מיט די באַזונדערע קליידער און צלמים. אָבער עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס ווערן אָנגערופן אין העברע־איש „נזיר" (די מערצאָל איז „נזירים"). דאָס זיינען געווען מענטשן וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון צו טרינקען ווייַן, כדי צו קענען בעסער דינען צו גאָט. אַנדערע האָבן אויך ניט געגעסן קיין פלייש. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע נזירים וואָס האָבן זיך געלאָזט וואַקסן די האָר און זיי ניט אָפּגע־שוירן. אַזאַ נזיר איז געווען, למשל, שמשון הגבור. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשוירן די האָר, ביז דלילה האָט זי אים אָפּגעשוירן. אַ „נזיר" האָט געמיינט איינער וואָס וויל ניט געניסן די תענוגים פון דער וועלט. איבער־הויפּט ניט קיין לוקסוסן. עס איז אַפילו געווען אַ דין, אַז אַ נזיר האָט ניט געטאָרט זיין נעבן אַ טויטן, און אַפילו ניט נעבן זיינע אייגענע טויטע עלטערן („על נפש מת לא יבוא וגם לאביו ולאמו לא יטמא להם במותם כי נזר אלקים על ראשו קדוש הוא לה'").

אויך אבשלום איז געווען אַ נזיר, אָבער אבשלום האָט זיך אָפּגע־שוירן די האָר איינמאָל אַ יאָר און שמשון הגבור קיינמאָל ניט. עס איז אַ סברה, אַז דעם ענין פון נזירות האָבן די יידן געהאַט איבערגענומען פון די אַנדערע פעלקער, פון די געצן־דינער, וואו עס זיינען געווען אַזעלכע „הייליקע", סיי מענער און סיי פרויען.

אָט דעם גאַנצן ענין נזירות האָט דאָס קריסטנטום איבערגענומען און געשאַפן דערפון די פאַרשידענע אָרדנס פון מאָנאַכן און מאָנאַשקעס, מיט ספּעציעלע הייזער וואו זיי זאָלן זיך אויפהאַלטן — די מאָנאַסטירן. די מאָנאַכן און מאָנאַשקעס האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער וועלט און פון אירע תאוות און פאַרגעניגנס, כדי צו לעבן אַ לעבן געווידמעט נאָר צו גאָט (צו יעזוס קריסטוס) צו בעטן צו אים און צו פאַרטיפן זיך אָפּט אין רעליגיעזע מחשבותן.

דאָס רוב פון די מאָנאַכן און מאָנאַשקעס אין די גאָר אַלטע צייטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון הייראַטן און פון פירן אַ פאַמיליע־לעבן, גלויבנדיק אַז אַזוי אַרום וועלן זיי זיין ריינער און גיכער קענען דינען גאָט.

דער אָנהויב פון די קריסטלעכע מאָנאַכן איז געווען אין דריטן יאָרהונדערט, ווען אַ סך עגיפּטישע קריסטן זיינען אַוועק אין מדבר אַריין צו לעבן אַן איינזאַם לעבן. זייער אָנפירער איז געווען דער הייליקער אַנטאָני, וועלכער ווערט אָנגערופן דער ערשטער קריסטלעכער מאָנאַך און וועגן וועמען עס ווערט דערציילט, אַז ער האָט אָפּגעלעבט צוואַנציק

יאָר אין אַ פּאַרלאָזטן פּלאַץ אויף דעם מזרח־ברעג פון טייך ניל. ער האָט אין די צוואַנציק יאָר ניט געזען קיין שום מענטשלעך געשטאַלט. אַנדערע מאָנאַכן האָבן געגלויבט, אַז מען דאַרף אָפּקומען אויף דער וועלט און אַז ס׳איז גוט ווען מען פּייניקט די נשמה, און צו דעם צוועק האָבן זיי זיך אַליין געשמיסן און זיך געפּייניקט מיט פאַרשידענע מיטלען. זיי האָבן געוואוינט אין גריבער אין דר׳ערד, אָדער אין אַ פּאַס, האָבן געפאַסט גאַנצע טעג און אַפילו ניט געטרונקען קיין וואַסער. זיי זיינען אויך ניט געשלאָפן גענוג און געקליידעט זיך אין שמאַטעס. זיי האָבן זיך ניט געבאָדן און בכלל ארומגעגאַנגען אָפּגעריסן און אָפּגעלאָזן.

אַזוי ווי די מאָנאַכן האָבן זיך געוואָלט אָפּזונדערן פון די זינדיקע מענטשן, האָבן זיי געזוכט אַן אַנדער סאָרט געזעלשאַפט, נעמלעך פון אייגענע, פון אַזעלכע מאָנאַכן ווי זיי זיינען. דאָס האָט געפירט צו שאַפן אָרדנס פון מאָנאַכן און צו בויען מאָנאַסטירן. דאָס איז געשען אין פערטן יאָרהונדערט, ווען דער הייליקער באַזיל האָט געשאַפן אָרדנס פון מאָנאַכן און אויך תקנות און רעגולאַציעס ווי אַזוי זיי זאָלן זיך אויפפירן. ער האָט בכלל איבערגענומען די גאַנצע פירונג פון די מאָנאַכן. זיינע אָרדנס און תקנות זיינען געבליבן די גרונד־פּרינציפּן פאַר אַלע מאָנאַכן און מאָנאַש־קעס ביזן היינטיקן טאָג. נאָך דעם הייליקן באַזיל איז געווען דער הייליקער בענעדיקט, וועלכער האָט נאָך מער ווי דער ערשטער אָרגאַניזירט די מאָנאַכן און געשאַפן אַ גאַנצן סיסטעם פאַר זייער לעבן און טעטיקייט. דער הייליקער בענעדיקט האָט אויסגעבויט דעם באַרימטן מאָנאַסטיר וואָס רופט זיך מאָנטע קאַסינאָ, צווישן רוים און נעאַפּאַל, וואָס עקזיסטירט ביזן היינטיקן טאָג. ער אַליין איז געוואָרן דער עלטסטער פון אַלע מאָ־נאַכן און מען האָט אים גערופן „אַבאָט״ (פון וואָרט „אבא״, אויף אַראַמע־איש — פאָטער). אָט צוליב דעם ווערט אויך אָנגערופן אַ מאָנאַסטיר „אַבבע״.

די צייט ווען קעניגן האָבן זיך געמוטשט בוקן צום פּויפּסט

מיר האָבן שוין פריער געהאַט געשילדערט ווי אַזוי דער בישאָף בענעדיקטוס האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן אויף צו שאַפן מאָנאַסטירן. ער האָט געוואָלט, אַז די מאָנאַכן און די מאָנאַשקעס זאָלן זיין אין גאַנצן אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. צוליב דעם האָט ער פאַרטראַכט, אַז יעדער מאָנאַסטיר זאָל זיין אַ גאַנצע וועלט פאַר זיך, אַ מין דאָרף פון מאָנאַכן אָדער מאָנאַשקעס, וואָס זאָלן האָבן דאָרטן אַלץ וואָס זיי דאַרפן אויף צו לעבן. אַזאַ גרופּירונג האָט ער אָנגערופן מיטן

נאָמען „קלויסטער". אַ „קלויסטער" זאָל באַשטיין פון אַ גאַנצער ריי בנינים וואָס זאָלן מאַכן מעגלעך די מאָנאַכן און די מאָנאַשקעס צו ווידמען זייער לעבן צום דינסט פון גאָט. צוליב דעם האָט אַ „קלויסטער", אַ חוץ אַ קירך, אויך געהאַט הייזער פאַר די מאָנאַכן, אָדער פאַר די מאָנאַשקעס וואו צו וואוינען. אַ קיך וואו מען גרייט צו עסנס; אַ גרויסן עס־צימער; אַ צימער, וואו מען נעמט אויף געסט און אַ צימער וואו מען פירט אָן מיט די געשעפטן אָדער די אַדמיניסטראַציע פון מאָנאַסטיר. אַ חוץ דעם זיינען דאָ בנינים וואו עס געפינען זיך אַ וועשעריי, אַ בעקעריי, אַ פּלאַץ וואו מען מאַכט קליידער, שיך און אַנדערע געברויך־אַרטיקלען; אַ סקלאַד וואו עס ווערן געהאַלטן אַלע שפּייז־אַרטיקלען און אויך שטאַלן פאַר פורן און פערד. אַנדערע האָבן אויך גערטנער, וואו עס וואַקסן גרינס און בלומען, און אַפילו אַ מיל צו מאָלן מעל, אויב עס איז דאָרטן דאָ אויך אַ שטיקל פעלד וואו עס וואַקסט תבואה. אָפט ווערט אַזאַ „קלויסטער" אויסגעבויט נעבן אַ טייך וואו אויף דער אַנדערער זייט, קעגנאיבער דעם טייך, ווערט אָוועקגעשטעלט אַ הויכע דיקע וואַנט, וואָס טיילט אָפּ דעם „קלויסטער" פון דער וועלט.

די מאָנאַכן און מאָנאַשקעס דאַרפן זיך אָפּגעבן מיט אַלע זאַכן פאַר זייער געברויך כדי צו קענען פירן זייער אָפּגעזונדערט לעבן, אָבער דער גרעסטער טייל פון יעדן טאָג דאַרף אָפּגעגעבן ווערן צום דינסט פון גאָט. דער טאָג אין אַ „קלויסטער" פון הייליקן בענעדיקטוס (עס זיינען אויך דאָ אַנדערע קלויסטערס) ווערט איינגעטיילט אין זיבן טיילן. דער אָנ־הייב איז אַרום צוויי אַ זייגער ביינאַכט (אָדער אין דער פרי, ווי עס הייסט אין ענגליש). דער אָנהייב איז מיט אַ תפילה אין דער קירך. אַזעלכע תפילות גייען־אָן אַזוי אַ גאַנצן טאָג. די לעצטע תפילה ווערט געזאָגט, ווען די זון גייט אונטער און די מאָנאַכן און מאָנאַשקעס הערן אויף צו אַרבעטן. פיל פון די מאָנאַכן און מאָנאַשקעס קענען ניט זאָגן, ווען זיי אַרבעטן, די אַלע תפילות, אָבער דער הייליקער בענעדיקטוס האָט דערויף געהאַט אַ לאָזונג, וואָס זאָגט: „צו אַרבעטן אויף צו קענען פירן אַ לעבן אין דינסט פון גאָט, איז פונקט אַזוי גוט ווי מען בעט צו גאָט".

אָט דער סאָרט מאָנאַסטירן (אָדער, ריכטיקער געזאָגט, „קלויס־טערס") האָט זיך אין יענע יאָרהונדערטער פאַרשפּרייט איבער איטאַליע, פראַנקרייך, און אין שפּאַניע און אויך אין אַנדערע לענדער, אָבער מיט דער צייט זיינען אָט די קלויסטערס אונטערגעגאַנגען אין פיל לענדער. דערפאַר אָבער זיינען זיי געבליבן אין אַ גרויסער מאָס עד היום אין פראַנקרייך און אַ טייל אויך אין איטאַליע.

* * *

אָט־די „קלויסטערס״ זיינען מיט דער צייט געוואָרן ניט נאָר פלעצער פון גאָטעס־דינסט, נאָר אויך פעסטונגען מיט אַרסענאַלן אויף צו פירן אַ קאַמף קעגן די „ניט גלויביקע״ (אַזוי האָבן די קריסטן גערופן די מאַכמעדאַנער). זיי זיינען געווען די שטיץ־פונקטן פון די פויפּסטן אויף איינצונעמען די וועלט פאַרן קריסטלעכן גלויבן. אין יענער צייט, ווען די מאַכמעדאַנער האָבן מאַרשירט אויף שפּאַניע, האָבן די פויפּסטן אין רוים אַרויסגעשיקט גרויסע באַוואָפנטע אַרמייען קעגן זיי, כדי צוריקצוהאַלטן זייער מאַרשרוט. די אַרמייען האָבן געפונען אין די דאָזיקע קלויסטערס אַלץ וואָס זיי האָבן באַדאַרפט, איידער זיי זיינען אַרויס אין קריג. דאָ האָט מען מיט זיי אויך געלערנט די טאַקטיק פון מלחמה. דאָ האָט מען זיי גרו־פּירט אין דיוויזיעס און זיי געמאַכט קאַמפּס־פעאיק. מיט איין וואָרט: די קלויסטערס זיינען אָפּט געוואָרן קאַזאַרמעס פאַר אַ קעמפּענדיקער אַרמיי. די דאָזיקע קאַמפן זיינען אָנגעגאַנגען כסדר ביז עס איז געקומען צו אַ וואָפנשטילשטאַנד וואָס עס איז געשלאָסן געוואָרן אין טאוּרס אין יאָר 732, פונקט אַ הונדערט יאָר נאָכן טויט פון מאַכמעדן. דער פירער פון די קריסטלעכע אַרמייען וואָס איז געקומען צו שליסן דעם וואָפנשטיל־שטאַנד איז געווען דער פּרעמיער־מיניסטער פון די פרענקן טשאַרלס מאַר־טעל (מען האָט אים אויך גערופן: „דער האַמער״). אָבער דאָ קומען מיר צו צו אַ ווענד־פונקט אין דער געשיכטע פון קריסטנטום און אויך אין דער וועלט־געשיכטע.

טשאַרלס מאַרטעל איז געווען, ווי געזאָגט, דער פּרעמיער־מיניסטער פון די פרענקן, ווי זיי האָבן דעמאָלט געהייסן. די פרענקן זיינען געווען אַ פאָלק וואָס האָט געלעבט אין אַ מדינה וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן, פון צוויי באַזונדערע לענדער. איין לאַנד האָט געהייסן נויסטריאַ (דאָס איז דאָס איצטיקע פראַנקרייך); דאָס אַנדערע לאַנד האָט געהייסן אויסטראַסיאַ (וואָס עס איז דאָס איצטיקע דייטשלאַנד). אין נויסטריאַ האָט מען גערעדט אַ מין לאַטייניש וואָס דערפון איז אויסגעוואַקסן דאָס איצטיקע פראַנצויזיש, און אין אויסטראַסיאַ האָט מען גערעדט אַ שפּראַך וואָס האָט זיך דעמאָלט גערופן „טיאָטיק״ און פון וועלכער עס האָט זיך אַנטוויקלט דאָס איצטיקע דייטש. אָבער ניט קוקנדיק דערויף וואָס די פרענקן האָבן גערעדט צוויי באַזונדערע שפּראַכן, זיינען זיי געווען איין פאָלק און האָבן געפירט איין מלוכה און האָבן געהאַט איין קעניג.

אין יענער צייט, אין סוף פון זיבעטן יאָרהונדערט, איז דער קעניג

געוועזן אַ שוואַך מענטשעלע. דעריבער האָט די גאַנצע דעה געהאַט דער פּרעמיער־מיניסטער מאַרטעל. ווען עס איז געשלאָסן געוואָרן אַ וואָפן־שטילשטאַנד אין טאורס, איז עס געוועזן מאַרטעל, וועלכער האָט באמת געהאַט באַקעמפט די מאַכמעדאַנער און צוריקגעהאַלטן זייער מאַרש אין אייראָפּע. אַזוי ווי ער האָט געזיגט אין נאָמען פון קריסטנטום, איז ער אַנערקענט געוואָרן פון פּויפּסט אַלס אַן אמתער קעמפער פאַר קריסטנטום. ער איז דערפאַר איינגעלאַדן געוואָרן פון פּויפּסט צו קומען קיין רוים, וואו מען האָט אים צוגעטיילט פיל כבוד. אָבער דערביי האָט אים דער פּויפּסט געבעטן אַ טובה, וואָס איז געווען, ניט מער און ניט ווייניקער, אַז ער זאָל פאַרפירן אַ מלחמה מיט די איינוואוינער פון לאָמבאַרדיע (אַ געגנט אין איטאַליע), וועלכע האָבן ניט געוואָלט אַנערקענען יעזוסן. מאַרטעל האָט זיך אונטערגענומען, אָבער אויפן וועג אַהיים איז ער געשטאָרבן.

זיין אָרט אין דער פירונג פון די פראַנקן האָט איצט איבערגענומען זיין זון, פּעפּין, וועלכן מען האָט גערופן „דער קליינער פּעפּין" (ווייל ער איז געווען אַ נידעריקער אין וואוקס). ער איז איצט געפאָרן קיין רוים און האָט דערקלערט דעם פּויפּסט, אַז ער וועט פאַרזעצן די אַרבעט פון זיין פאָטער. דער פּויפּסט האָט באַלד באַפוילן, אַז פּעפּין זאָל ווערן דער פּרעמיער־מיניסטער פון די פראַנקן אויפן פּלאַץ פון זיין פאָטער און אַזוי איז עס געווען.

אָבער דער „קליינער פּעפּין" איז ניט געווען צופרידן מיט זיין ראָל צו זיין בלויז דער פּרעמיער־מיניסטער פון די פראַנקן. ער האָט געשטרעבט און געוואָלט זיין — דער קעניג. דעריבער ווען ער איז גע־קומען נאָך אַמאָל קיין רוים צו זען דעם הייליקן פאָטער און צו מעלדן אים אַז ער גייט מאַרשירן מיט זיינע אַרמייען, האָט ער דערקלערט דעם פּויפּסט, אַז ער וועט מאַכן אַז די לאָמבאַרדיער און אַלע אַנדערע אַפּ־טרינניקע זאָלן ווערן גוטע קריסטן, אָבער ער וויל דערפאַר עפּעס פון פּויפּסט, בעמלעך, אַז ער זאָל ווערן דער קעניג פון די פראַנקן, נאָכדעם ווי ער וועט אָפּהאַלטן אַ נצחון אויפן שלאַכט־פעלד. דער פּויפּסט האָט אים דאָס צוגעזאָגט.

פּעפּין איז איצט אַריין מיט אַ גרויסער אַרמיי אין לאָמבאַרדיע און האָט אומגעבראַכט זייער פיל לעבנס, ביז ער האָט אַלע געמאַכט פאַר גוטע קריסטן, אַנהענגער און גלויביקע פון פּויפּסט.

אויפן וועג אַהיים האָט פּעפּין זיך ווידער אָפּגעשטעלט אין רוים, כדי צו קריגן זיין באַלוינונג. דער פּויפּסט האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט

באפוילן דעם קעניג פון די פרענקן, טשילדעריע, אַז ער זאָל אַראָפּגיין פון טראָן און צו לאָזן, אַז פעפּין זאָל ווערן קעניג. טשילדעריע האָט געפאָלגט, ער איז געוואָרן אַ מאָנאַך און פעפּין איז געוואָרן דער קעניג פון די פרענקן, ווייל „אַזוי איז געווען דער ווילן פון גאָט", ווי דער פּויפּסט האָט דערקלערט.

באַלד דערנאָך האָט פעפּין זיך ארויסגעלאָזט אויף אַ נייעם קאַמפּס־מאַרש און האָט איינגענומען פיל שטעט אין איטאַליע און די איינוואוינער זיינען געצוואונגען געוואָרן צו ווערן קריסטן. איצט האָט פעפּין געמאַכט אַ נייעם שריט, וואָס עס האָט געמיינט זייער פיל פאַר דער קירך. אָבער עס האָט אויך געמיינט אַ נייע עפּאָכע אין דער וועלט־געשיכטע. נעמלעך, פעפּין האָט געשאָנקען די איינגענומענע שטעט צום פּויפּסט, אַז ער זאָל ווערן דער פאַקטישער הערשער איבער זיי. דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה פון פאַקטישער הערשאַפט פון די פּויפּסטן איבער שטעט און לענדער. אין אַנדערע לענדער ווידער, איז פאָרגעקומען אַ פאַראייניקונג פון דער קירך מיט דער מלוכה, וואָס עס האָט געמיינט, אַז דער פּויפּסט הערשט איבער אַלע, אַפילו איבערן קעניג. דער פּויפּסט איז אַזוי־אַרום געוואָרן אַ „מלך המלכים", דער קעניג פון די קעניגן. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז דער פּויפּסט האָט אַמאָל אַרויסגערופן צו זיך אַ קעניג פון איירעפּע צו באַשטראָפן אים. דער קעניג האָט געמוזט קניען פאַר אים און אַמאָל האָט דער פּויפּסט אַפילו אים צוגעטיילט שמיץ, אויב ער האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט. אָט־די הערשאַפט פון די פּויפּסטן, ניט בלויז איבער די נשמות, נאָר אויך די גופים פון די קריסטן און איבער זייערע שטעט און לענדער האָט אָנגעהאַלטן אַ צייט פון איבער 500 יאָר, פון 8־טן ביזן 13־טן יאָרהונדערט.

„די מתנה פון פעפּין" אונטער דעם נאָמען איז פאַרצייכנט אין דער געשיכטע דער אָנהויב פון דער נייער גרויסער מאַכט פון דער קירך. מיר וועלן זען ווייטער ווי ווייט אָט־די הערשאַפט האָט דערגרייכט, אָבער לאָמיר פריער זען וואָס עס האָט ווייטער פאַסירט.

* * *

„דער קליינער פעפּין" איז געשטאָרבן אין יאָר 768 און אויף זיין אָרט איז געקומען זיין זון שאַרל, אָדער ווי ער האָט זיך גערופן שאַרלעמאַן (וואָס מיינט: שאַרל דער גרויסער) אַלס קעניג פון די פרענקן, איבער נויסטריא און אויסטראַסיאַ.

שאַרלעמאַן איז, אַזוי ווי זיין פאָטער פעפּין, געווען אַן אַמביציעזער

מענטש. ער איז געווען אַ מלחמה־העלד און אַ קעמפער פאַר דער קירך. באַלד ווי ער איז געוואָרן קעניג, האָט ער אונטערגענומען אַ מאַרש קעגן די מאַכמעדאַנער אין צפון־שפּאַניע מיטן ציל זיי אינגאַנצן צו פאַר־טרייבן פון אייראָפּע. אָבער דאָס איז אים ניט געלונגען — עס איז אים אָבער יאָ געלונגען ניט אַריינצולאָזן די מאַכמעדאַנער קיין פראַנקרייך. ער האָט זיי אָפּגעשטעלט ביי די פּירעניייען־בערג. דערביי האָט ער דער־קלערט, אַז ער וועט ניט דערלאָזן קיין מאַכמעדאַנער איבערטרעטן איבער די בערג צו קומען אויף דער ערד פון פראַנקרייך. שאַרלעמאַן האָט כסדר פאַרשפּרייט קריסטנטום אין אַלע לענדער פון אַמאָליקן אייראָפּע, וועלכע האָבן געהאַט דעמאָלט גאָר אַנדערע נעמען, ווי למשל: פריזיא, אַק־וויטאַניא, בורגונדי, באַוואַריא (דאָס איצטיקע בייערן), לאָמבאַרדי און סאַקסאָניאַ (איצט — זאַקסן). אין סאַקסאָניאַ האָט שאַרלעמאַן אָנגעפירט גרויסע שלאַכטן. די זאַקסן זיינען געווען ביטערע שונאים פון קריסטנ־טום און האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. שאַרלעמאַן האָט דעריבער דאָרטן אָנגעפירט בלוטיקע מלחמות. עס איז געקומען אַזוי־ווייט, אַז ער האָט אין איין טאָג (ווי עס איז פאַרשריבן אין דער כראָניק פון יענער צייט) אויסגעהרגעט 4.500 מענטשן. נאָך די בלוטיקע שחיטות זיינען די זאַקסאַנער געוואָרן גוטע קריסטן. ביס־לעכווייז און איינציקווייז האָט שאַרלעמאַן אומעטום איינגעפירט קריסטנ־טום מיט דער שווערד, פּונקט אַזוי ווי אַבו באַקר דער פאַרשטייער פון איסלאַם האָט עס געטאָן מיט דער שווערד אין די אַזיאַטישע לענדער.ביידע רעליגיעס האָבן איינגעפירט זייערע גלויבנס מיט דער הילף פון געווער און האָבן פאַרגאָסן פיל בלוט.

* * *

איצט קומען מיר צו די מעשים תעתועים פון שאַרלעמאַנען און פון די פּויפּסטן אין יענער צייט.

דאָס איז געווען אין יאָר 799. שאַרלעמאַן איז איצט איינגעלאַדן געוואָרן פון פּויפּסט לעאָ דעם דריטן צו קומען קיין רוים, כדי אים, דעם פּויפּסט, צו העלפן. דאָס מאָל האָט דער פּויסט געראָפן דעם קעניג צו בעטן ביי אים הילף, אַז ער, דער קעניג, זאָל אים ראַטעווען. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן גאָר ניט קיין שיינער מעשה. און לויט ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין אַ טייל ווערק איז עס אַזוי געווען:

דער הייליקער פּויפּסט לעאָ דער דריטער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צום שיינעם געשלעכט. האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג וואָס האָט כסדר

אַנגעהאַלטן, אַז דער פּויפּסט איז פאַרקראָכן אין שלאָף־צימער פון אַ פרוי פון זיינעם אַ פריינד און מיט איר אונטערגעזינדיקט. מען האָט ווייטער געזאָגט, אַז דער מאַן האָט געכאַפּט דעם הייליקן פאָטער ביי דער מיאוסער מעשה און אים צעבראָכן דיביינער. צי דאָס איז געווען אינגאַנצן אמת צי ניט, יעדנפאַלס האָט דער פּויפּסט געהאַט קעגן זיך דעם צאָרן פון דער געזעלשאַפט. די לאַגע איז געוואָרן זייער שלעכט און דער פּויפּסט איז אַנטלאָפן אין אַ קלויסטער. פון דאָרטן האָט ער געשיקט אַ ביטע צו שאַרלעמאַנען, אַז ער זאָל אים העלפן.

שאַרלעמאַן איז באַלד געקומען קיין רוים, האָט דורכגעפירט אַן אויספאָרשונג און האָט פעסטגעשטעלט אַז... דער פּויפּסט איז אומשולדיק.

מילא, דער פּויפּסט ווי דער פּויפּסט, אָבער שאַרלעמאַן איז זיכער ניט געווען קיין צדיק וואָס זאָל מעגן גאָר רעדן וועגן דעם ענין, ווייל ווי ווייט עס איז באַקאַנט, האָט ער אויך שטאַרק ליב געהאַט דאָס שיינע געשלעכט. ער האָט געהאַט פיר ווייבער, פינף מעטרעסעס, און 17 קינדער, וואָס דער רוב פון זיי זיינען געווען ממזרים.

אָבער ווען שאַרלעמאַן האָט געזאָגט, אַז דער פּויפּסט איז אומשולדיק, איז דער פּויפּסט צוריקגעקומען קיין רוים און צוריק פאַרנומען זיין אָרט אין וואַטיקאַן. דער פּויפּסט לעאָ דער דריטער איז געווען שאַרלעמאַנען זייער דאַנקבאַר פאַר זיין הילף, דעריבער האָבן דערנאָך פאַסירט עטלעכע זאַכן ממש לויט אַ „צופאַל". דער ערשטער „צופאַל" איז געווען, אַז ווען דער קעניג שאַרלעמאַן האָט מיט אַ יאָר שפּעטער, אין יאָר 800, געקניט פאַר אַ גרויסן צלם אין דער סט. פּעטערס קירך, איז פּלוצים אָנגעקומען פון הינטן דער פּויפּסט מיט אַ גרויסער גאָלדענער קרוין אין דער האַנט. באַלד האָט פאַסירט דער צווייטער „צופאַל": לעאָ דער דריטער האָט פּלוצים געקראָגן אַן אינספּיראַציע אַנצוטאָן די קרוין אויפן קאָפּ פון שאַרלעמאַנען און אים צו מאַכן פאַר אַ קעניג איבער אַלע לענדער וואָס ער האָט איינגענומען פאַרן קריסטנטום. זייט דעמאָלט איז שאַרלעמאַן אַריין אין דער געשיכטע אַלס אַ גרויסער קעניג און אַ הייליקער. שאַרלעמאַן איז געשטאָרבן אין עלטער פון 72 יאָר און אין זיין לעבן האָט ער, אַ חוץ וואָס ער האָט געפירט מלחמות, אויך געבויט קירכן און מאָנאַסטירן, און האָט איבערגעלאָזט אַ בוך (כאָטש ער אַליין האָט ניט געקענט שרייבן און ניט לייענען). מיט דריי הונדערט יאָר שפּעטער, איז ער פון וואַטיקאַן פאַרשריבן געוואָרן אין דעם רעגיסטער פון די הייליקע. דאָס הייסט, אַז ער איז קאַנאָניזירט געוואָרן אַלס דער הייליקער שאַרלעמאַן.

35. די פעאָדאַלע הערשאַפט אין אייראָפּע

די אַנאַרכיע וואָס עס האָט געהערשט אין אייראָפּע אין 9־טן יאָר־הונדערט. — עס זיינען נאָך ניט געווען קיין באַשטימטע לענדער און קיין פעסטגעשטעלטע נאַציעס. — די קריסטלעכע רעליגיע האָט געהערשט מיט פולער מאַכט. — ווי אַזוי עס זיינען אַנט־שטאַנען די הערשאַפטן פון די פּריצים. — גרויסע לאַנד־באַזיצער קריגן טיטלען און עס אַנטשטייען פירשטן, גראַפן, מאַרקיזן און באַראָנען. — ווי אַזוי די באַפעלקערונג איז געווען פאַרשקלאַפט אונטער זיי.

דאָס זיבעטע יאָרהונדערט איז געווען אַ שווערע צייט אין אייראָפּע. עס איז געווען דער אָנהויב פון פינצטערן מיטלאַלטער וואָס האָט אָנגע־האַלטן ביז צום רענעסאַנס אין איטאַליע. אין פיל לענדער אין אייראָפּע האָבן זיך די האַלב־ווילדע שבטים ערשט אויפגעכאַפּט צו אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן און זיי האָבן ערשט געמאַכט די ערשטע שריט אין דער היגזיכט פון ציוויליזאַציע. בכלל געזאָגט, האָט אין אייראָפּע, אין די דריי הונדערט יאָר, פון אָנהויב זיבעטן ביז ענדע פון ניינטן יאָרהונדערט, געהערשט אַ גרויסע אַנאַרכיע. עס זיינען אַפילו ניט געווען קיין פעסט־באַשטימטע פעלקער און לענדער. די גרענעצן זיינען ניט געווען גענוי אָנגעצייכנט און וואָס שייך די הערשער, איז געווען דער כלל, אַז ווער עס האָט מער מאַכט, דער האָט די רעכט.

שאַרלעמאַן דער שטאַרקער קעניג פון די פרענקן, איז געווען אַן אויסנאַם צווישן אַ גאַנצער ריי פון קעניגן, וואָס האָבן גאָר ניט געטאָן אויפן געביט פון קולטור און ציוויליזאַציע. ער האָט פאַראייניקט פיל דייטשע און פראַנצויזישע שבטים אונטער איין קעניגלעכער הערשאַפט. ער האָט אויך געשאַפן וועגן און פּרובירט צו ברענגען אין אָרדענונג דאָס ציווילע לעבן פון זיינע אונטערטאַנען, אָבער די, וואָס זיינען געקומען נאָך אים, האָבן ווידער גאָרניט געטאָן פאַר זייערע אונטערטאַנען.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אַז די קירך, די קאַטוילישע רעליגיע, האָט זיך איצט וואָס אַמאָל מער פאַרשפּרייט און אַז וואָס אַמאָל זיינען אַלץ מער האַלב־ווילדע שבטים צוגעשטאַנען צום קריסטנטום. דאָ האָט זיך אויך געלאָזט פילן שטאַרק שאַרלעמאַנס טעטיקייט. ער האָט געמאַכט די פרענקן פאַר די בעסטע קריסטן און זיין מלוכה פאַרן ערשטן קריסטלעכן לאַנד אין אייראָפּע. נאָך די פרענקן איז געקומען דאָס צושטיין

פון די אַנגלאָ־זאַקסן צום קריסטלעכן גלויבן צווישן די איינוואוינער פון די בריטישע אינדזלען. דאָס איז געווען די אַרבעט פון דעם הייליקן אויגוסטוס. ער איז עס אויך געווען דער, וואָס האָט געמאַכט אַז די בריטישע אינדזלען זאָלן ווערן פאַראייניקט אונטער איין הערשער.

און פונקט אַזוי ווי אויגוסטוס אין ענגלאַנד אַזוי איז אויך פון דעם פּויפּסט אין יענער צייט געשיקט געוואָרן אַלס מיסיאָנער דער הייליקער באָניפּעיס צו די דייטשע שבטים. באָניפּעיס איז דערביי אַרויסגעהאָלפן געוואָרן פריער פון מאַרטעלן פון פראַנקרייך און שפּעטער פון „קליינעם פּעפּין״. באָניפּעיס האָט געווירקט אין דייטשלאַנד פערציק יאָר און האָט כסדר געפּרעדיקט קריסטנטום. ער האָט אויך געבויט קירכן, מאָנאַסטירן און באַזונדערס שולן צו דערציען די קינדער אין קריסטלעכן גייסט. וועגן אים גייט אַרום אַ לעגענדע, אַז ווען ער איז געקומען אין דער שטאָט העסע אין דייטשלאַנד, האָט ער דאָרטן געטראָפן אַ באַפעלקערונג פון לויטער געצן־דינער. זייער דינסט איז געווען צו אַ בוים, אויף וועלכן זיי האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ גאָט און אַז ער העלפט זיי אין אַלע זייערע נויטן. באָניפּעיס האָט מיט זיינע הענט אַרויסגעריסן דעם בוים פון דער ערד און אַלעמען געוויזן, אַז ער איז ניט קיין גאָט, נאָר אַ שטיק האָלץ. שפּעטער האָט ער פון דעם בוים געבויט אַ קירך געווידמעט דעם הייליקן פּעטער. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 754. זיין אַרבעט צווישן די דייטשן אַז זיי זאָלן אָננעמען קריסטנטום איז פאָרגעזעצט געוואָרן פון שאַרלעמאַנען, וועלכער האָט געצוואונגען די דייטשן מיט דער שווערד אָנצונעמען אָט דעם גלויבן.

* * *

אין אָנהויב פון יאָר 800 האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער קאַמף צווישן דעם קריסטלעכן פּאַטריאַרך פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס איז געווען דער פירער פון קריסטנטום אין מזרח, און צווישן דעם פּויפּסט פון רוים אַלס פאָרשטייער פון די קריסטן אין די מערב־לענדער. דער קאַמף איז געווען וועגן דעם צי מען זאָל אַריינשטעלן אין דער קירך בילדער פון די הייליקע (איקאָנעס). דער פּאַטריאַרך פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט פאַרווערט דאָס אַריינשטעלן פון אַזעלכע בילדער אין דער קירך, זאָגנדיק, אַז די מענטשן וואָס ווייסן ניט קיין סך וועגן קריסטנטום וועלן זיי באַטראַכטן פאַר געצן און אַזוי אַרום וועט צוריק איינגעפירט ווערן ביי זיי געצן־דינסט. דער פּויפּסט פון רוים האָט אָבער געהאַלטן אַנדערש. ער האָט געזאָגט, אַז די בילדער העלפן־צו צו פאַרשפּרייטן דעם קריסטלעכן געדאַנק אין דער

וועלט און דערפֿאַר האָט ער דערקלערט, אַז אַזעלכע בילדער זיינען גוט פֿאַר יעדער קירך. אין דער דיסקוסיע האָט זיך אַריינגעמישט אויך אַ קעניג פֿון רוים אין יענער צייט, וועלכער האָט פֿאַרבאָטן אריינצושטעלן די בילדער אין דער קירך, אָבער באַלד איז דער פּויפּסט אַרויסגעטראָטן קעגן דעם קעניג און דערקלערט, אַז דער פֿאַרבאָט האָט קיין ווערט ניט, ווייל ער האָט שוין אַרויסגעגעבן פֿריער זיין מיינונג, אַז די בילדער זיינען נויטיק. דער פּויפּסט איז געגאַנגען אַפּילו אַזוי ווייט, אַז ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אויסשליסן פֿון דער קירך די אַלע, וואָס לאָזן ניט אַריינשטעלן קיין בילדער. דאָס האָט געפֿירט דערצו, אַז דער ריס צווישן די צוויי קירכן פֿון מזרח און פֿון מערב איז געוואָרן גרעסער.

אָבער עס זיינען אויך געווען נאָך אַנדערע חילוקי־דעות.ביידע קירכן האָבן אָנגענומען, אַז מען דאַרף אַ קינד מאַכן פֿאַר אַ קריסט באַלד ווי עס ווערט געבוירן, אָבער די קירך פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף עס טובל זיין טיף אין וואַסער און אַז דעמאָלט זאָל מען אויך מאַכן די צערעמאָניע פֿון ווערן אַ קריסט. די קאַטוילישע קירך פֿון רוים האָט אָבער געזאָגט, אַז די צערעמאָניע דאַרף געמאַכט ווערן ערשט שפּעטער, ווען דאָס קינד וואַקסט אויס און ווייסט, וואָס עס מיינט צו זיין אַ קריסט. די צערעמאָניע רופֿן די קאַטאָליקן אַן „קאָנפֿירמאַציע”. אויסער דעם האָט מען נאָכן גאָטעס־דינסט געטיילט אין דער גריכישער קירך (די פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָל) צווישן עולם ברויט געטונקען אין ווייַן. די רוימישע קירך האָט אָבער ניט געברויכט קיין ווייַן, נאָר בלויז ברויט געטונקען אין וואַסער און אַזוי זיינען געווען נאָך אַנדערע מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן צווישן ביידע קירכן. מיט דער צייט זיינען צוגעקומען נאָך אַנדערע ענינים וועגן וועלכע ביידע קירכן האָבן געהאַט פֿאַרשידענע מיינונגען, אָבער אַזוי ווי די צאָל אָנהענגער פֿון דער רוימישער קירך איז געווען פֿיל גרעסער ווי די פֿון דער גריכישער, איז ממילא אויסגעקומען, אַז די גרעסטע צאָל פֿון די קריסטן זיינען אין יענע צייטן געווען קאַטאָליקן.

די רוימישע קירך האָט זיך אַזוי אַרום אויסגעבויט אַלס נאָכפֿאָלגערין פֿון דער רוימישער הערשאַפֿט. דער וואַטיקאַן האָט איצט פֿאַרנומען דעם פּלאַץ פֿון דעם רוימישן קייזערלעכן פּאַלאַץ אין אַמאָליקע יאָרן, וואָרום דער וואַטיקאַן האָט געהערשט ממש איבער די לעבנס פֿון אַלע קריסטן אין מערב אין יענער צייט. די קריסטלעכע קירך האָט עס געקענט טאָן, ווייל עס האָט דעמאָלט געהערשט אַ גרויסער כאַאָס אין אייראָפּע. אַזוי אַרום איז עס געשען אַז די קאַטוילישע קירך, וועלכע האָט געוואוסט

וואָס זי וויל און האָט געהאַט אַ פעסטגעשטעלטן ציל, האָט געהערשט איבער אַלע לענדער און איר וואָרט איז געוואָרן אַ געזעץ פאַר אַלע מאָל.

אָבער אויב עס איז געווען אַ כאַאָס און אומאָרדענונג אין זיבעטן און אין אַכטן יאָרהונדערט איז דאָס נאָך מער געוואָרן בולט אין ניינטן יאָרהונדערט, וואָס איז געווען אַ צייט פון מאָרד, רויב, ווילדקייט און אַנאַרכיע. עס זיינען געווען עטלעכע קעניגן אין אַ טייל לענדער, וועלכע האָבן יאָ געקענט איינפירן אָרדענונג אין ציווילן לעבן, אָבער זיי האָבן דאָס ניט געטאָן. די דאָזיקע האָבן נאָר געהייסן קעניגן אין נאָמען, אָבער זיי האָבן זייער ווייניק געהערשט. עס איז איצט געווען פאַר דער מענטשהייט די ערגסטע צייט, זינט דער אַנטשטייאונג פון מין מענטש. און אָט דאָ קומען מיר צו צו דעם, וואָס עס איז געוואָרן די קללה פון דער מענטשהייט פאַר פיל הונדערטער יאָרן שפּעטער. נעמלעך, צום אַריינטרעטן אין לעבן פון די פעלקער, די פאָרם פון קנעכטשאַפט אונטער האַרן, דער סיסטעם פון פעאָדאַליזם.

אָט דאָס סיסטעם פון פעאָדאַליזם (פּריצים־הערשאַפט) איז אויס־געוואַקסן פון דער אַנאַרכיע, וואָס עס האָט געהערשט אין פיל לענדער. איבערהויפּט אין 9־טן יאָרהונדערט. פריער זיינען אונטער דער הער־שאַפט פון שאַרלעמאַנען אַלע פּריצים, די גרויסע לאַנד־באַזיצער געווען אונטערטעניק אונטער אים. ער איז געווען דער בעל הבית איבער זיי און זיי האָבן געמוזט טאָן אַלץ וואָס ער האָט געהייסן. נאָך שאַרלעמאַנס טויט אָבער איז אין פראַנקרייך ניט געווען מער קיין שטאַרקער קעניג, וואָס זאָל פירן דאָס לאַנד מיט אַ שטאַרקער האַנט, און די זעלבע לאַגע איז אויך געווען אין אַלע אַנדערע לענדער פון אייראָפּע. ממילא איז אויסגעקומען, אַז די פּריצים האָבן גענומען מאַכן שבת יעדער איינער פאַר זיך. יעדער פּריץ איז געוואָרן אַ הערשער אין זיינע גיטער און אַלע וואָס האָבן גע־וואוינט אין זיי האָט ער געמאַכט פאַר זיינע קנעכט, צי זיי האָבן עס געוואָלט אָדער ניט. יעדער איינער פון די גוט־באַזיצער איז געוואָרן אַ מין קליין קעניגל, אַ הערשערל, אין זיינע אימעניעס. די אַלע פּריצים און הערשער האָבן, ווידער, געהאַט צווישן זיך אַ פאַרשטענדיקונג, ווי אַזוי אַמבעסטן צו פאַרשקלאַפן די איינוואוינער פון זייערע לענדערייען אונטער זיך, אַז זיי זאָלן זיך ניט קענען בונטעווען קעגן זיי.

אָט דאָס איז געווען דאָס נייע סיסטעם וואָס הייסט פעאָדאַליזם, וועלכער איז דאַן אַריין אין לעבן.

אָט דער פעאָדאַליזם האָט זיך אָנגעהויבן אין דריי לענדער: אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד און אין צפון־איטאַליע. שפּעטער האָט ער

זיך פאַרשפּרייט ביז באָהעמיע, אונגאַרן און אין די קריסטלעכע שטעט פון שפּאַניע.

עס איז געוואָרן אַ סיסטעם פון לאָקאַלע רעגירונגען. אַנ־שטאָט צו האָבן אַ פעדעראַלע רעגירונג וואָס זאָל הערשן איבער אַלע קרייזן און שטעט פון לאַנד, זיינען איצט געווען לאָקאַלע הערשאַפטן, אָנגעפירט פון די אַריסטאָקראַטן, די רייכע גוט־באַזיצער און יעדע לאָקאַלע מאַכט איז געווען אומאָפּהענגיק פון דער אַנדערער. דער פריץ, דער רייכער לאַנד־אייגנטימער, האָט אַלע איינוואוינער פון זיין טעריטאָריע באַטראַכט פאַר זיינע אונטערטאַנען און ער האָט געקענט טאָן מיט זיי וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט געקענט אַרויפלייגן אויף זיי גרויסע שטייערן. ער האָט געקענט פאַרלאַנגען פון זיי, אַז זיי זאָלן דינען אין זיין אַרמיי, צו קעמפן מיט אַן אַנדערן פריץ, אָדער מיט וועלכער ניט איז מאַכט, וואָס איז געווען קעגן אים. דער פריץ האָט אויך געקענט פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן זיינע אונטערטאַנען אין די געריכטן וואָס ער האָט איינגעאָרדנט און באַשטראָפן זיי מיט שמיץ, אַרעסט און אפילו מיט טויט־שטראָף. גאָר אַ גרויסער פריץ וואָס האָט געהאַט פיל לענדערייען האָט געקענט אַפילו דערקלערן קריג קעגן אַן אַנדערן רייכן פריץ און אַרויסשיקן קעגן אים אַ באַוואָפנטע אַרמיי. די פריצים האָבן אויך, על־פּי־רוב, אַרויסגעגעבן זייער אייגן געלט.

מיט דער צייט איז די מאַכט פון די פריצים אַלץ מער געוואַקסן. צוליב דער אַנאַרכיע וואָס עס האָט געהערשט אין די דאָזיקע לענדער, וואָס האָט ניט געמאַכט מעגלעך קיין שום האַנדל אָדער אינדוסטריע, איז די איינציקע זאַך וואָס האָט געהאַט אַ ווערט, געווען לאַנד. דאָס האָט דעריבער געגעבן די געלעגנהייט צו די לאַנד־אייגנטימער, אַז זיי זאָלן זיין אומעטום אויפן פערד און אַזוי ווי לאַנד איז געווען דער איינציקער אַרטיקל וואָס האָט געהאַט אַ ווערט, האָט לאַנד באַקומען די באַדייטונג פון געלט. דער קעניג, למשל, האָט געהאַט אַ סך לאַנד און ער האָט באַצאָלט מיט שטיקלעך לאַנד פאַר די אַרבעטן און דינסטן וואָס מען האָט געטאָן פאַר אים. אַפילו פריצים, וועלכע האָבן געהאַט אַ סך לאַנד, האָבן געגעבן צו מענטשן שטיקלעך ערד אַלס באַלוינונג און באַצאָלונג פאַר זייערע אַר־בעטן פאַר זיי.

צווישן די דאָזיקע פעאָדאַלע הערשער זיינען אויך פאָרגעקומען קאַמפן. עס האָט געטראָפן, אַז איין פריץ וואָס האָט געהאַט טענות צו אַן אַנדערן פריץ, האָט אַריינגעשיקט זיין אַרמיי אין דער טעריטאָריע פון זיין קעגנער און געצוואונגען אַלע איינוואוינער צו ווערן זיינע שקלאַפן. עס האָט אויך געטראָפן, אַז קליינע לאַנד־באַזיצער האָבן אַוועקגעגעבן

זייער אייגן שטיקל לאַנד צו אַ גרויסן לאַנד־אייגנטימער, כדי אַז ער, דער גרויסער פּריץ, זאָל ווערן זייער באַשיצער.

עס זיינען אויך געווען פּאַכטערס, אַזעלכע, וועלכע האָבן אָפּגעקויפט פאַר אַ געוויסער צייט אַ שטיקל לאַנד צו באַארבעטן עס און געגעבן דעם לאַנד־אייגנטימער דערפאַר אַ געוויסע סומע געלט. אַנדערע האָבן געדונגען ביי אַ פּריץ די רעכט צו געברויכן די פּראָדוקטן פון לאַנד, אָדער פון די בהמות, ווי מילך און אַנדערע זאכן. די דאָזיקע רעכט איז שפּעטער אָפּגעשאַפט געוואָרן אין דעם רוב אייראָפּעאישע לענדער און אויך אין אַמעריקע. אָבער עס איז נאָך אַלץ געבליבן ווייטער אין קראַפט אין ענגלאַנד. די רעכט פון אַ פּאַכטער האָט זיך גערופן „וואַסאַל־רעכט״ (קנעכטשאַפט), ווייל יעדער פּאַכטער איז געווען אין אַ געוויסן זין אַ קנעכט פון דעם פּריץ. אין דעם סיסטעם איז געווען אַן אָרט אויך פאַרן קעניג אַלס דער גרעסטער לאַנד־באַזיצער (עס האָט געהייסן, אַז ער האָט געקראָגן די רעכט אויפן לאַנד פון גאָט). נאָכן קעניג זיינען געקומען אין דער ריי די גרויסע לאַנד־אייגנטימער, וועלכע האָבן געהאַט ספּעציעלע טיטלען, ווי גרויס־פירשט, מאַרקיז, גראַף און נאָך זיי די לעצטע אין דער ריי, די באַראָנען. אָט־די טיטלען האָט מען געקראָגן פון קעניג לויט דער מאָס פון לאַנד, וואָס מען האָט געהאַט, אָדער אַמאָל אויך וויפל מען האָט דערפאַר איינגעצאָלט. אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן אַ לאַנד־אַריסטאָקראַטיע. נאָך איר איז געקומען אַ צווייטע אַריסטאָקראַטיע, פון קלענערע לאַנד־אייגנטימער, וועלכע האָבן שוין געהאַט דעם טיטל פון „ריטער״.

די וואַסאַלן האָבן געהאַט צו דערפילן געוויסע רעכט פאַר זייער האַר. אין דער צייט פון מלחמה האָבן זיי געקעמפט פאַר אים און געגאַנגען וואוהין מען האָט זיי נאָר געשיקט. אין שלום־צייט האָט דער וואַסאַל זיך באַמיט צו טאָן פאַר זיין האַר אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט. ער האָט אַלע מאָל געדאַרפט זיין גרייט צו דינען אים.

אונטער געוויסע אומשטענדן האָט דער וואַסאַל אָדער פּאַכטער געדאַרפט מאַכן געוויסע געלט־איינצאָלונגען, איבערהויפט האָט זיך געפירט, אַז ווען אַ פּריץ איז געשטאָרבן און זיין זון האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ, האָט דער פּאַכטער אים געדאַרפט געבן עקסטראַ אַ סומע געלט וואָס איז געווען אַזוי פיל וויפל די געווינלעכע איינצאָלונג וואָס ער פלעגט צאָלן צום אַלטן פּריץ פאַר אַ יאָר. דאָס געלט האָט געהייסן „הילף״־געלט. דאָס האָט געמיינט: אַרויסצוהעלפן דעם יונגן פּריץ אָנצופירן זיינע געשעפטן.

36. מענטשן־רעכט אין פעאָדאַלן סיסטעם

די פיר קלאַסן פון בירגער אין דער צייט פון דער פריצים־הער־שאַפט. — די פאַכטערס און זייער ראָל אין לעבן. — די שבועה, וואָס זיי האָבן געדאַרפט אָפּגעבן — די שטאָטישע איינוואוינער, וועלכע האָבן געצאָלט צווייערליי שטייערן. — די יידן וועלכע האָבן געצאָלט דרייערליי שטייערן. — די שקלאַפן און די פויערים, וועלכע מען האָט געקענט קויפן און פאַרקויפן אַלס קנעכט. — די פאַרמען פון גערעכטיקייט אין יענע צייטן.

דאָס לעבן אונטער דער הערשאַפט פון די פריצים איז געווען זייער שווער. די פריצים, אָט־די ניי־געשאַפענע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס האָבן דורך פאַרשידענע מיטלען דערוואָרבן זיך אַ גרויסן לאַנד־באַזיץ (און האָבן דערפאַר געהאַט אַזעלכע טיטלען ווי גרויס־פירשט, מאַרקיז, גראַף און באַראָן), האָבן זיך אויפגעפירט שוידערלעך קעגן די אונטערטעניקע איינוואוינער פון זייערע לענדערייען. דאָס זיינען געווען קליינע זעלבסטהערשער וואָס האָבן געטאָן מיט דעם פשוטן פאָלק וואָס זיי האָבן געוואָלט, אָבער דאָך איז אָט דאָס שלעכטע סיסטעם געווען בעסער ווי די אַנאַרכיע וואָס עס האָט פריער געהערשט. די פריצים, ווי שלעכט זיי זאָלן זיך ניט האָבן אויפגעפירט אַנטקעגן די גרויסע פאָלקס־מאַסן אונטער זייער הערשאַפט, האָבן זיך דאָך באַמיט אַז עס זאָל זיין אָרדענונג אין די ערטער וואו זיי האָבן געהערשט. זיי האָבן דעריבער ניט דערלאָזט צו קיין רויבערייען און אָנפאַלן, און האָבן מיט אַ שטרענגער האַנט פאַרפאָלגט אַלע רויבער־באַנדעס וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרמערט אין יענער צייט. זיי האָבן אויך פאַרפאָלגט אַלע פיראַטן אויף די ימים און זיי אומעטום פאַרניכטעט. אין דעם זין איז זייער ממשלה געווען פיל בעסער ווי די הערשאַפט פון די שוואכע קעניגן, וועלכע האָבן די אַלע זאַכן צוגעלאָזן און געבראַכט דערצו אַז קיינער איז ניט געווען זיכער, ניט מיט זיין האָב־און־גוטס און ניט מיט זיין לעבן.

איידער מיר גייען ווייטער, דאַרפן מיר זאָגן, אַז אונטער דעם פעאָדאַלן סיסטעם זיינען געווען פיר קאַטעגאָריעס פון איינוואוינער אין אַ טעריטאָריע פון אַן אַדלמאַן. מיר וועלן דאָ דערקלערן אָט־די אַלע פיר קאַטעגאָריעס פון אונטערטאַנען אונטער דעם פריץ און ווי אַזוי זיי האָבן געפירט זייער לעבן.

צום ערשטן, ווי געזאָגט, קומען די פאַכטערס אָדער ווי זיי האָבן

געהייסן (לויטן לאַטייניַשן באַגריף): „פעפס״. אָבער כדי צו ווערן דאָס האָט מען איינגעאָרדנט אַ גאַנצע צערעמאָניע. איינער וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ פּאַכטער, האָט געמוזט זיך ווענדן צום פּריץ און אים פאַרזיכערן, אַז ער וועט אים זיין אַ געטרייער דינער, אַ וואַסאַל. אַזאַ איינער האָט אין אַ געוויסן טאָג געדאַרפט קומען צום פּריץ מיטן בלויזן קאָפּ, צוגיין צו אים און אַנידערקניען פאַר אים. דערנאָך אויפהויבן זיינע הענט און זיי אַוועקלייגן צווישן די הענט פון פּריץ און דערקלערן, אַז ער וויל דינען דעם פּריץ און זיין געטריי צו אים. דער פּריץ האָט אים דעמאָלט געהייסן אויפשטיין, אים געגעבן אַ קוש אויפן שטערן אין אים געזאָגט, אַז ער נעמט אים אונטער זיין שוץ און ער וועט ווערן איינער פון „זיינע מענטשן״. אַ דינער האָט אַריינגעבראַכט די „ביבל״ און דער פּאַכטער האָט געשוואוירן ביי דער ביבל, צו בלייבן געטריי דעם פּריץ זיין גאַנץ לעבן. אַזאַ שבועה האָט געהייסן „די שבועה פון געטריישאַפט״, די שבועה פון „פעאָלטי״ (געטריישאַפט. דערפאַר האָט זיך דאָס גאַנצע סיסטעם גערופן „דאָס פעאָדאַלע סיסטעם״, צוליב אָט־דער געטריישאַפט־שבועה). דער פּריץ האָט דאַן געגעבן עפּעס אַ זאַך זיין נייעם וואַסאַל אַלס צייכן פון שוץ און פּראָטעקציע. דאָס האָט געקענט זיין אַ שטעקן אָדער אַ שפּיז (פון האָלץ מיט אַן אייזערנעם הענטל). אָדער גאָר אַ שטיק ערד (אין אַ געוויסער כלי) און אויך אַמאָל — אַ הענטשקע. דאָס איז געווען אַן אָנווייזונג, אַז ער זאָל אָנגיין מיט דער פּאַכט וואָס ער האָט נאָר וואָס געקראָגן צוגע־טיילט פון פּריץ און אַז ער זאָל אויך רעגלמעסיק איינצאָלן די שולדיקע געלטער.

די גוט־באַזיצער האָבן דאָס געטאָן כדי צו האָבן זיכערקייט און שלום אין זייערע רייען, אַזוי ווי די קעניגן זיינען אין יענער צייט געווען שוואַכ־לינגען, האָבן די לאַנד־אייגנטימער געמוזט אָננעמען מיטלען צו פאַר־זיכערן זייער אייגנטום און דאָס האָבן זיי געקענט טאָן נאָר דורך האָבן מענ־טשן וואָס זיינען אונטערטעניק צו זיי. דער פּריץ איז צו זיינע מענטשן געווען סיי אַ פירער, סיי אַ העלפער, סיי אַ באַשיצער און סיי אַ פריינד. עס האָט אויך פּאַסירט, אַז ניט אַלע מאָל האָט דער שידוך צווישן פּריץ און פּאַכטער אָנגעהאַלטן זייער לאַנג. אַזוי, למשל, האָט זיך געמאַכט, אַז דער פּריץ האָט זיך ניט גוט אויפגעפירט קעגן זיינע פּאַכטער און דער פּאַכטער איז געוואָרן בייז און האָט אים פאַרלאָזן. אַמאָל האָט אויך דער פּאַכטער געקראָגן בע־סערע באַדינגונגען ביי אַן אַנדערן פּריץ. בכלל גענומען זיינען די באַ־ציאונגען צווישן פּריץ און פּאַכטער געווען ווי צווישן אַ באַלעבאָס און אַן אַרבעטער היינטיקע צייטן, מיטן אונטערשיד וואָס אין אַ פעאָדאַלן

סיסטעם זיינען די באַציאונגען געווען מער פּערזענלעכע און ניט בלויז עקאָנאָמישע, ווי עס איז, למשל, היינט צווישן אַ באַלעבאָס און זיינע אַרבעטער.

דאָס פעאָדאַלע סיסטעם האָט אויך געהאַט זיין אייגן יוסטיץ־סיסטעם. די פּריצים האָבן געהאַט געריכטס־הייזער. אויך דער קעניג האָט געהאַט זיין געריכט־הויז וואָס איז געווען איבער אַלע פּריצישע געריכט־הייזער. די מערסטע שטראָפן זיינען געווען — צו באַצאָלן אַ געוויסע סומע געלט.

דער צווייטער קלאַס איז באַשטאַנען פון שטאָטישע איינוואוינער. זיי האָבן אויך געדאַרפט די שוץ און פּראָטעקציע פון פּריץ, און זיי האָבן עס ניט געקראָגן אומזיסט, נאָר פאַר געוויסע שטייערן, וועלכע מען האָט געצאָלט צום פּריץ, אַ חוץ די שטייערן וואָס מען האָט געדאַרפט צאָלן צום קעניג. אין דער הינזיכט זיינען געווען פאַרשידענע פּריצים. אַזעלכע, וועלכע האָבן אַרויפגעלייגט גרויסע שטייערן אויף די איינוואוינער און אַנדערע, וועלכע זיינען געווען מילד צו די אונטערטאַנען. געווען פּריצים וועלכע האָבן גענומען די יונגע זין פון די איינוואוינער אין דער אַרמיי וואָס זיי האָבן געשאַפן, און געווען אַזעלכע, וואָס האָבן עס ניט געטאָן. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך געמישט אין פּריוואַטן לעבן פון די איינוואוינער און אַפילו אַרויסגעגעבן שווערע געזעצן, אַזוי, למשל, האָבן געוויסע פּריצים געהאַט איינגעפירט ביי זיך, אַז ווען עמיצער פון די אונ־טערטאַנען מאַכט חתונה זיין טאָכטער, מוז די כלה, אין דער נאַכט פון דער חתונה געפירט ווערן צום פּריץ, כדי ער זאָל מיט איר שלאָפן פריער איידער זי גייט איבער אין רשות פון איר מאַן, אַנדערע, ווידער, האָבן בכלל זיך ניט געמישט אין אינערלעכן לעבן פון זייערע איינוואוינער.

די יידן, וועלכע האָבן געוואוינט אין די טעריטאָריעס פון די פּריצים, האָבן גאָר געהאַט אַ באַזונדערע מערכה. געווען אַזעלכע שטעט, וואו די יידן האָבן געדאַרפט באַצאָלן צו דעם פּריץ אַ באַזונדערן שטייער פאַר שוץ און פּראָטעקציע אַלס יידן. די יידן האָבן אויף אַזאַ אופן געצאָלט אַ דרייפאַכיקן אָפּצאָל. צום ערשטן צום קעניג, דערנאָך צום פּריץ, אַזוי ווי אַלע איינוואוינער, און ערשט דערנאָך באַזונדער, אַלס יידן. געווען פּריצים וואָס זיינען געווען גוט צו יידן און האָבן זיי געלאָזט אויסבויען שולן און בתי מדרשים, און אַפילו זיי געהאָלפן דערין אויך. און געווען, על־פּי־רוב, אַזעלכע, וואָס זיינען געווען גרויסע יידן־פיינד, און וועלכע האָבן כסדר געפּייניקט די יידישע איינוואוינער און אַלעמאָל אויסגעזוכט אויף זיי נייע גזירות און בלבולים.

דער דריטער קלאַס איז באַשטאַנען פון אמתע שקלאַפן, וועלכע מען האָט געקענט קויפן און פאַרקויפן ווי בהמות אָדער אַנדערע באַוועגלעכע גיטער. נאָך זיי איז געקומען נאָך אַ קלאַס פון קנעכט, וועלכע זיינען ניט געווען קיין שקלאַפן און דאָך ניט קיין פרייע מענטשן. דאָס זיינען געווען מערסטנס די פויערים, וועלכע האָבן באַאַרבעט די ערד פון פריץ. זיי האָט דער פריץ ניט געקענט קויפן אָדער פאַרקויפן ווי די שקלאַפן. דער פויער האָט געהערט צו דער ערד וואָס ער האָט באַאַרבעט. ער איז געווען צוגעבונדן צו איר. ער האָט ניט געקענט בייטן זיין לאַגע אָן אַ דערלויבעניש פון פריץ. למשל, צו הייראַטן מיט עמיצן פון אַן אנדערן פריץ אָדער אויף צו מאַכן וועלכע־ניט־איז ענדערונג אין זיין לעבן האָט ער געדאַרפט האָבן די דערלויב־ניש פון זיין בעל־הבית. פאַרן באַאַרבעטן די ערד פון פריץ האָט ער גע־קראָגן זיין אויסקומען. ער האָט געמוזט באַאַרבעטן דאָס לאַנד פון פריץ, אַפילו ווען ער אַליין האָט געהאַט אַן אייגן שטיקל לאַנד איז דאָס לאַנד פון פריץ געקומען פריער, אַמווייניקסטנס צוויי דריי טעג אַ וואָך. אין דער צייט פון שניידן די תבואה און פון אַן אַנדער אַרבעט, וואָס דער פריץ האָט פאַרלאַנגט, האָט ער געמוזט אַרבעטן מער. דער פויער האָט אויך געמוזט איינצאָלן אַ געוויסן אָפּצאָל צום פריץ פאַר זיין פעלד אין געלט, אָדער אין ווערטפולע זאַכן, ווי תבואה, האָניק, אייער אָדער אַנדערע פּראָדוקטן. ווען דער פויער האָט געהאַט תבואה צו מאָלן, האָט ער געדאַרפט מאָלן אין פריצס מיל און באַצאָלן דערפאַר. פאַקטיש האָט דער פריץ געקענט אַרויפלייגן אויפן פויער שטייערן וויפל נאָר ער האָט געוואָלט און קיינער וואָלט דעם פויער אין דער הינזיכט ניט געקענט העלפן. די פריצים האָבן אָבער דאָס ניט געטאָן, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז די פויערים וועלן עס ניט קענען אויסהאַלטן און אונטערגיין.

* * *

אינטערעסאַנט איז אויך די פאָרם פון יוסטיץ און גערעכטיקייט וואָס איז געווען אונטער דער פריצים־הערשאַפט. מען האָט זיך בכלל ניט אָנגענומען פאַר גערעכטיקייט אָדער קעגן עוולות וואָס זיינען באַ־גאַנגען געוואָרן. דאָס געריכט האָט אָפּגעהאַלטן זיצונגען בלויז דעמאָלט ווען עס זיינען אַריינגעקומען אָנקלאָגן. אין אַזאַ פאַל האָט מען ביידע, סיי דעם וואָס האָט געמאַכט די אָנקלאָגע און סיי דעם וואָס איז געוואָרן אָנגעקלאָגט, אַריינגעזעצט אין געפענגעניש ביז צום טאָג פון משפט. אויב דער אָנקלאָ־גער האָט פאַרלוירן, האָט ער געקראָגן דערפאַר אַ שטראָף פונקט אַזוי ווי

עס וואָלט געקראָגן דער אָנגעקלאָגטער, ווען ער וואָלט געפונען געוואָרן שולדיק. אַזוי איז געווען דעמאָלט דאָס געזעץ און דער יושר.

אין אַ פעאָדאַלן געריכט האָט מען ניט פאַרלאַנגט פון קיין אָנ־קלאָגער, אַז ער זאָל באַווייזן, אַז ער האָט אַ גערעכטע טענה, דורך ברענגען עדות וואָס זאָלן עס באַשטעטיקן. ניין, גראָד פאַרקערט: עס איז געווען אַזוי — דער אָנגעקלאָגטער האָט געדאַרפט באַווייזן, אַז ער איז ניט שולדיק. ער האָט קודם־כל געדאַרפט אָפּגעבן אַ שבועה, אַז ער איז ניט שולדיק, אָבער דאָס איז, על־פי־רוב, געווען צו ווייניק. ער האָט געוויינלעך געדאַרפט ברענגען שבועה־אַרויסהעלפער (אַזוי האָט מען די עדות גערופן), וועלכע זאָלן באַווייזן אַז ער איז ניט שולדיק. אַמאָל האָט עס געקענט זיין זיינע קרובים און אייגענע. אמאָל אויך שכנים, אָבער זיי אַלע האָבן געדאַרפט שווערן, אַז דער אָנגעקלאָגטער איז ניט שולדיק. די צאָל פון אַזעלכע אַרויסהעלפער איז געווען פאַרשידן. עס האָט זיך געווענדעט לויט דעם וואָס פאַר אַן אָנקלאַגע עס איז און אויך לויט אָנזען פון דעם אָנגע־קלאָגטן, די שבועה איז געווען גאָר פשוט. דער מאַן וואָס האָט אָפּגעגעבן די שבועה, האָט דערקלערט, אַז אויב ער זאָגט ניט דעם אמת, זאָל אים גאָט באַשטראָפן. דערפאַר, אָבער, נאָך דער שבועה איז ערשט געקומען דאָס רעכטע און געדעכטע: דער מענטש, וואָס האָט געשוואוירן, אַז ער איז ניט שולדיק, האָט געמוזט דורכגיין אַ פּראָבע אויף צו באַווייזן זיין אומשולד.

עס זיינען געווען עטלעכע פאָרמען, דאָס צו טאָן, ווי למשל, צו גיין דורך פייער; דורך הייס וואַסער און דורך קאַלט וואַסער. די פּראָבע דורך פייער איז געווען אַזוי: דער אָנגעקלאָגטער האָט געדאַרפט גיין באָרוועס־סערהייט אויף הייסע קוילן, אָדער אריינשטעקן די הענט אין אַ פלאַם פון פייער אָדער טראָגן אַ הייס אָנגעגליטן רויטן אייזן אַ געוויסע שטרעקע. ביי דער פּראָבע פון הייס וואַסער, האָט ער געדאַרפט אַריינשטעקן זיינע הענט אין זודיק־קאָכעדיקן וואַסער. אויב דער מענטש האָט געקראָגן וואונדן פון אַזאַ פּראָבע און די וואונדן האָבן זיך פאַרהיילט אין פאַרלויף פון דריי טעג, איז עס געווען אַ באַוויז, אַז ער איז אומשולדיק. אויב עס האָט געדויערט לענגער ווי דריי טעג, איז עס געווען אַ באַוויז, אַז ער איז יאָ שולדיק. די פּראָבע פון קאַלט וואַסער איז געווען שוין גאָר אַן אַנדערע. דאָרטן האָט מען אָנגענומען אַז דאָס וואַסער וויל ניט האָבן אין זיך אַ מענטש וואָס איז שולדיק, דעריבער האָט מען אַריינגעוואָרפן אַזאַ אָנגע־קלאָגטן אין אַ טייך און געוואַרט צו זען צי ער וועט זינקען אַראָפּ צי ניט. אויב ער איז ניט געזונקען איז עס געווען אַ סימן, אַז דאָס וואַסער וויל אים

ניט און ער איז שולדיק, אויב ער איז יאָ געזונקען אַראָפּ אין וואַסער, איז עס געווען א באַווייז, אַז דער מענטש איז ניט שולדיק און אַז מען דאַרף אים ראַטעווען. אָבער כאָטש דאָס זיינען געווען שרעקלעכע פאָרמען אויף פעסטצושטעלן ווער עס איז גערעכט און ווער ניט, האָט עס אָבער געהאָלפן דערמיט וואָס פיל פון די, וואָס האָבן געדאַרפט דורכמאַכן אַזאַ פּראָצעדור, האָבן בעסער זיך מודה געווען, איידער איינצושטעלן זייער לעבן.

אַן אַנדערע פאָרם פון דערליידיקן סכסוכים איז געווען דאָס אַרויס־רופן עמיצן אויף אַ דועל. דאָס איז געווען איינגעפירט נאָר צווישן די פּריצים. דער אָנגעקלאָגטער און דער אָנקלאָגער האָבן עס אויסגעקעמפט צווישן זיך און ווער עס האָט געזיגט, דער איז געווען גערעכט. עס האָט געהייסן, אַז גאָט איז מיטן גערעכטן. אויב איינער פון די, וואָס מען האָט אַרויסגערופן אויף אַ דועל האָט צוליב געוויסע סיבות ניט געקענט עס אָננעמען, האָט ער געקענט שיקן אַ צווייטן, וואָס זאָל אים פאַרטרעטן. אַט־די פאָרם פון דערלעדיקן סכסוכים צווישן זיך האַלט נאָך איצט אויך אָן טיילווייז צווישן מענטשן פון דער אַריסטאָקראַטיע. באַזונדערס בנוגע פראַגן וואָס רירן־אָן דעם כבוד פון אַ מענטשן. די אַלע פאָרמען פון די דערמאָנטע שבועות, פּראָבעס און דועלן, האָבן געשטאַמט פון די דייטשן וועלכע האָבן עס איינגעפירט אויך אין אַנדערע לענדער.

37. אין דער נײַ־יאָר־נאַכט פון יאָר טויזנט

אַ פּאַסירונג וואָס ווייזט דעם גייסטיקן צושטאַנד פון די מענטשן אין יענער צייט. — דאָס יאָר 999, ווען מען האָט זיך געגרייט אַז מיטן אָנהויב פון יאָר טויזנט גייט־אונטער די וועלט. — וואָס אין אייראָפּע האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן. — די נײַ־יאָר נאַכט אין דער סט. פּעטערס קירכע אין רוים. — דער פּויפּסט סילוועסטער דער צווייטער, וועלכער האָט געשוויגן. — די צוויי מינוטן פאַר צוועלף. — ווי אַזוי די וועלט איז געראַטעוועט געוואָרן. — וואָס עס איז דערנאָך געוואָרן.

מיר קומען־צו צום יאָר 1.000 נאָך קריסטוסעס געבורט לויטן קריסטלעכן קאַלענדאַר. עס איז דעמאָלט געווען אַ צייט פון גרויס פינצ־טערניש איבער דער וועלט. די מאַסן זיינען געווען אומוויסנדיק. אין די לענדער פון אייראָפּע האָט געהערשט אַ כאַאָס. פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער האָבן נאָך ניט געהאַט קיין פעסטגעשטעלטע מלוכה־פאָרמען און איבער די לענדער האָבן געהערשט שוואַכע קעניגן, וואָס האָבן אַליין ניט געוואוסט וואָס זיי ווילן. עס איז געווען די צייט פון שוואַרצן מיטלאַלטער, וואָס האָט זיך געצויגן זייט עס איז חרוב געוואָרן די שטאַרקע רוימישע מאַכט. דאָ און דאָרטן האָבן געהערשט די פּריצים מיט אַן אייזערנער פויסט און די באַפעלקערונג פון אַלע לענדער האָבן געלעבט אין נויט און אין שמוץ.

אָבער איבער אַלעם האָט געהערשט זייער שטאַרק די קאַטוילישע קירך, וואָס האָט געהאַט איר הויפּט־צענטער אין רוים, אין וואַטיקאַן. רוים האָט זיך געהאַלטן פאַר דער מאַכט איבער אַלע מאַכטן און דער פּויפּסט איז באַטראַכט געוואָרן פאַרן „מלך המלכים”. עס איז געווען אַ דיקטאַטור וואָס האָט געפאָדערט אונטערטעניקייט פון יעדן איינעם און אַפילו פון די קעניגן וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין דער וועלט. אַלע האָבן געדאַרפט קומען קיין רוים, אויב דער הייליקער פאָטער האָט אַזוי געוואָלט, און פאַלן צו זיינע פיס, און אַמאָל אויך אויסהערן באַליידיקונגען און אפילו אַרייג־כאַפּן קלעפּ אויך. עס איז געווען די צייט פון די גלחים, וועלכע האָבן זיך גערופן „די פּרינצן פון דער קירך”.

אין יענער צייט האָט פּאַסירט עפּעס אַזעלכעס וואָס מען קען זיך איצט גאָר ניט פאָרשטעלן, אַז עס זאָל האָבן געווען מעגלעך! אַ פּאַסירונג וואָס האָט אַרומגענומען מיליאָנען מענטשן און זיי געהאַלטן אין טעראָר מאָנאַטן לאַנג.

די גאַנצע געשעעניש האָט געדויערט אייגנטלעך ניט מער ווי צוויי מינוט. יאָ, צוויי מינוט. אָבער וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן פאַר די צוויי מינוט און וואָס נאָך זיי, איז אַזאַ גרויסע געשעעניש, אַז אַלע כראָניקעס פון יענער צייט זיינען פול דערמיט.

מיר וועלן עס איבערגעבן גאַנץ געטרוי לויט ווי עס דערציילן די היסטאָריקער פון יענער צייט. איבערהויפּט די כראָניקעס וואָס זיינען פאַרשריבן אין די אַלטע קירכן־ביכער. עס ווערט דערציילט אַזוי:

ווען ס׳איז געקומען דאָס יאָר 999, האָבן די גייסטלעכע אין אַלע שטעט און דערפער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אַן ענדע פון דער וועלט, וואָס עס דאַרף קומען ווען עס וועט זיך אָנהויבן דאָס יאָר 1.000. די גלחים האָבן עס גערופן „דאָס מילעניום״, וואָס עס הייסט „דאָס יאָר טויזנט פון משיחן״. עס האָט געהייסן, אַז אין דער נאַכט פון ניי־יאָר פון יאָר טויזנט, ווען דער זייגער וועט שלאָגן צוועלף, וועט קומען אַ סוף פון דער וועלט, אַזוי ווי יעזוס און די אַפּאָסטאָלן האָבן עס פאָרגעזען. עס וועט קומען דער טאָג פון משפּט. 12 אַ זייגער ביינאַכט פון יאָר 1.000 וועט דער מלאך גבריאל בלאָזן שופר און אָנזאָגן דעם סוף, אָבער שפּעטער וועלן די טויטע צוריק לעבעדיק ווערן.

מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלן וואָס אין דעם יאָר 999 האָט זיך אָפּגעטאָן אין אייראָפּע. די מענטשן, אומוויסנדיק און פאַנאַטיש, האָבן געגלויבט באמונה שלמה, אַז עס קומט טאַקע די ענדע פון דער וועלט. אָנהויבנדיק פון יאָר 999 האָבן אַלע גלחים דערפון גערעדט ווי פון אַ זיכערער זאַך, און ווען עס איז געקומען אַזוי נאָענט ווי דריי חדשים פאַר ניי־יאָר, איז דער טעראָר און פּאַניק וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין אייראָפּע גאָרניט מעגלעך צו באַשרייבן. די קירכן זיינען כסדר געווען אָפן און די מענטשן האָבן געבעטן כסדר צו גאָט. יעדער טאָג איז געווען אַזוי ווי זונטיק. מען האָט ניט געזייעט די פעלדער און ניט געאַקערט, וואָרום צו וואָס? אַז אָט־אָט ענדיקט זיך אַלץ. די מענטשן האָבן אויך ניט געאַרבעט און ניט געהאַנדלט. אַלע געשעפטן אין יעדער שטאָט זיינען געווען פאַרמאַכט און די מענטשן זיינען געווען גרייט אַוועקצוגעבן אַלץ וואָס זיי האָבן, וואָס זיי פאַרמאָגן, ווייל צו וואָס דאַרף מען עס? און עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן כסדר צוגענומען דאָס האָב־און־גוטס פון די אַנדערע, פון די, וואָס האָבן עס געגעבן.

וואָס עס וועט ווירקלעך געשען, איז ביי די מענטשן אייגנטלעך ניט געווען קלאָר, ווייל ביי די גלחים, וואָס האָבן עס געפּרעדיקט, איז עס אויך ניט געווען קלאָר. לויט אַ טייל האָט עס געהייסן, אַז די וועלט וועט

אונטערגיין, און עס וועט דערנאָך זיין תחית־המתים, לויט אַנדערע, ווידער, וועט יעזוס קומען צוריק, און עס וועט זיך אָנהויבן דאָס יאָר פון משפט, ווען די פרומע און ערלעכע וועלן באַלוינט ווערן און די רשעים און זינ־דיקע וועלן באַשטראָפט ווערן. יעזוס וועט קומען איינצופירן אָרדענונג און גערעכטיקייט אין דער וועלט.

אין יענעם יאָר, 999, האָט יעדער איינער אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט און זיך נאָר געלאָזט אין שיינעם אָנצוג, כדי אויפצו־נעמען אין אים דעם מלך המשיח, יעזוס קריסטוס. ביי יעדן איינעם זיינען די טירן און פענצטער געווען אָפן, ווייל מען האָט ניט מורא געהאַט פאַר קיין גנבים און גזלנים. דער בעקער האָט געבאַקן ברויט און עס צעטיילט אומזיסט, און די וויין־געשעפטן האָבן געהאַט גרייט פלעשער וויין, אַוועקצוגעבן אומזיסט צו יעדן איינעם, וואָס עס וועט עס נאָר פאַרלאַנגען.

און אין אַלע קירכן זיינען געשטאַנען מענטשן אין לאַנגע רייען, כדי צוצוקומען צו דער בודקע פון גלח פאַר ווען מען האָט געזאָגט „ווידוי״ און מ׳האָט דערציילט אַלע זינד וואָס מען איז באַגאַנגען. און אַזוי האָט זיך צוגערוקט דאָס יאָר 1.000 אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין אייראָפּע.

* * *

דאָס רוב מענטשן זיינען אַוועק צו די פעלדער. דאָרטן זיינען זיי געשטאַנען, אין די הונדערטער טויזנטער, און געקוקט צום הימל צו זען וואָס עס וועט געשען. אין איין אָרט האָט איינער, אַ רייכער מאַן אונטער־געצונדן אַ פּאַק מיט פּאַפּירן און באַלד דערנאָך אויסגעשריען הויך:

— אין נאָמען פון אַלמעכטיקן גאָט! הערט זיך אַלע צו: איך האָב נאַרוואָס פאַרברענט אַלע וועקסלען און פאַרפליכטונגס־פּאַפּירן וואָס מענטשן האָבן מיר געגעבן אַלס באַווייז, אַז זיי זיינען מיר שולדיק געלט. איצט זיינען זיי מיר מער גאָרניט שולדיק. פּונקט אַזוי וויל איך בעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל אויך אָפּמעקן אַלע מיינע שולדן קעגן אים אין בוך פון מיין לעבן. איך נעם אויף זיך צו ליידן פאַר אַלע יסורים וואָס איך האָב פאַרשאַפט אַנדערע. זאָל אַ פייער פאַרניכטן מיך פאַר די זינד וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן פון מיר, און אַזוי ווי די פלאַמען שטייגן צום הימל אַזוי וויל איך מיטגיין מיט זיי!

און מיט די ווערטער איז ער אַריינגעשפּרונגען אין דעם פייער וואָס האָט זיך געהאַט צעפלאַקערט און איז אַזוי געבליבן שטיין מיט די

הענט אויסגעשטרעקט ווי צו אַ תפילה ביז דאָס פייער האָט אים פאַרצערט.

פון יענעם אוונט זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן פון פאַרשידענע ערטער נאָך פיל אַזעלכע מעשיות.

א יונגערמאַן און אַ יונגע פרוי, וואָס האָבן זיך געליבט, זיינען צוזאַמען אַריינגעשפרונגען אין טייך טיבער אין רוים און האַלטנדיק זיך צוזאַמען, זיינען זיי אונטערגעגאַנגען.

פון רוים איז, אַגב, געווען אַ באַריכט, אַז דאָרטן האָט זיך עס אָנ־געהויבן שוין פון 12 בייטאָג, ערב ניי־יאָר. פונקט 12 אַ זייגער זיינען געעפנט געוואָרן לויט אַ באַפעל פון דער רעגירונג אַלע טורמעס און די אַרעסטאַנטן האָט מען אַרויסגעלאָזט פריי, אָבער ניט בלויז דאָס, נאָר נאָך פיל מער: די אַרעסטאַנטן האָבן אָפגעוואַרט די שענסטע דאַמען פון דער אַריסטאָקראַטיע און זיי געקושט און זיי איינגעלאַדן צו זיך אין זייערע הייזער אַלס העלדן און מאַרטירער, און סענאַטאָרס און הויכע לייט האָבן זיי באַדינט, און איניקע פון די אַריסטאָקראַטישע דאַמען האָבן אַפילו געוואַשן זייערע פיס.

אומעטום וואו מען איז געגאַנגען האָט מען נאָר געקענט הערן די ווערטער פון ווידוי און תשובה: — מיר האָבן געזינדיקט! מיר האָבן גאָר־ניט מיט וואָס צו זיין שטאָלץ!

די קראַנקע אין די שפּיטאָלן האָט מען אַראָפּגענומען פון די בעטן און זיי אַרויסגעטראָגן אין גאַס ארויס. על־פּי־רוב געטראָגן פון שיינע, איידעלע דאַמען.

עס איז געקומען אַזוי וויט, אַז די מאַסן־משוגעת וואָס האָט אַלע־מען אַרומגעכאַפּט האָט זיי דיקטירט צו באַפרייען אַפילו די פייגל פון די שטייגן און אַפילו די פערד אַרויסצולאָזן פון די שטאַלן.

וואָס נענטער עס איז געקומען צום אָוונט, אַלץ מער האָט די משוגעת אַרומגעכאַפּט אַלץ גרעסערע מאַסן, האַר און שקלאַף האָבן זיך געקושט. שונאים האָבן זיך איבערגעבעטן און זיך געהאַלדזט.

* * *

איצט קומען מיר צו צו דעם וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער באַסיליקאַ־קירך פון סט. פּעטערס אין רוים. דאָ האָט געדאַרפט פאַרקומען דאָס גרעסטע מיטן־נאַכט געבעט. דעמאָלט איז געזעסן אויף פּעטערס שטול אין וואַטיקאַן דער פּויפּסט סילוועסטער דער צווייטער. נאָענט צו האַלבער נאַכט, איז דער פּויפּסט אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דער קירך און זיך אָוועקגעשטעלט פאַר דעם הויפּט־אַלטאַר. די קירך איז געווען איבערגע־

פולט מיט מענטשן. עס האָט געהערשט אַזאַ שטילקייט, אַז מען האָט געקענט הערן דעם קלענסטן שאָרך. באַלד האָט דער גאַנצער עולם, לויט אַ וואונק פון פויפּסט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. די שטילקייט איז געוואָרן נאָך שטאַרקער און האָט געדריקט אויף אַלע ווי אַ שווערע מאַסע. פיל פון די, וואָס זיינען געפאַלן אויף די קני האָבן צוגעדריקט זייערע געזיכטער צו דער ערד און האָבן מורא געהאַט אויפצוהויבן זייערע קעפּ, אָדער אַפילו אויסצודרייען זיך. פאַרן אַלטאַר איז אַלץ געשטאַנען דער אַלטער פויפּסט מיט אַ בלאַס געזיכט און מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אָבער ער האָט גאָרנית געזאָגט. דער גרויסער עולם האָט געוואָרט אויף עפּעס א וואָרט, אַ פּיפּס, אָבער ער האָט נית אַרויסגעלאָזט פון זיין מויל קיין שום קלאַנג. אויך די קאַרדינאַלן און די בישאָפן וואָס האָבן פאַר־נומען דעם אויבנאָן, צוזאַמען מיט דעם פויפּסט, האָבן גאָרנית געזאָגט. דאָס האָט נאָך מער געשראָקן דעם עולם און אָנגעוואָרפן נאָך מער פחד.

באַלד האָט מען געזען ווי דער פויפּסט פאַרשטעלט מיטביידע הענט זיין געזיכט. דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז ער בעט צו גאָט. דער עולם האָט געוואַרט שטיל צו זען צי ער וועט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט כסדר געהאַלטן זיינע הענט פאַר זיין געזיכט און גאָרנית געזאָגט.

ענדלעך האָט דער וואַסער־זייגער געוויזן עלף. עס איז געבליבן נית מער ווי איין שעה פאַרן אונטערגאַנג פון דער וועלט. וואָס וועט אין דער שעה געשען? עס איז דאָך נית מעגלעך, אַז די שעה זאָל זיין פונקט אַזעלכע ווי די שעה פריער! עס איז דאָך עפּעס די לעצטע שעה פון דער וועלט! אין אַ שעה ארום, אין נאָך 60 מינוט, וועט דאָך די וועלט אונטערגיין — אין דעם זיינען אַלע געווען איבערצייגט. טאָ וואָס וועט איצט געשען און פאַרוואָס שווייגט דער הייליקער פאָטער? פאַרוואָס זאָגט ער גאָרנית?

אָבער ער זאָגט אַלץ גאָרנית. עס איז שוין אַ צייט לאַנג ווי ער פאַרשטעלט מיט זיינע הענט זיין געזיכט. מען זעט אַז ער בעט צו גאָט, אָבער וואָס איז זיין געבעט? בעט ער אַז די וועלט זאָל אונטער־גיין און עס זאָל קומען אַ בעסערע וועלט? אַ וועלט פון מער ליבע פון איינעם צום אַנדערן? בעט ער, אַז גאָט זאָל פאַרגעבן אַלעמען די זינד איידער די וועלט גייט אונטער? אָדער בעט ער אפשר, אַז די וועלט זאָל נית אונטערגיין און אז גאָט זאָל זי איבערלאָזן אויף נאָך 1.000 יאָר, ביזן יאָר 2.000, צי אפשר נאָך לענגער?

אַ קאַלטער שווייס באַדעקט די גרויסע מאַסע. מענטשן ציטערן און פלאַטערן וואָס מער די צייט רוקט זיך אָן. מ׳הערט שטילע קרעכצן און אמאָל אויך אַ פאַל צו דר׳ערד, און מען שטויסט זיך אָן, אַז דאָס איז

עמיצער אפשר געשטאָרבן פון שרעק; עמיצנס אַ האַרץ האָט ניט געקענט אויסהאַלטן די אָנגעצויגנקייט און האָט געפּלאַצט, אָבער קיינער רירט זיך ניט פון אָרט, קיינער טראַכט ניט פון העלפן דעם געפאַלענעם אָדער אפילו וועגן ארויסנעמען דעם טויטן קערפּער פון גרויסן זאַל.

מיטאָמאָל — דער וואַסער־זייגער ווייזט 12... אַן אימה באַפאַלט אַלעמען... איצט וועט עס געשען!...

פּלוצים — דער פויפּסט נעמט־אַוועק די האַנט פון פּאָרן פּנים און רעדט צו אַלע:

— מיר זיינען געראַטעוועט!...

א מינוט שפּעטער הויבן־אָן אַלע גלאָקן, לויט אַ באַפעל, צו קלינגען פריילעכע קלאַנגען און באַלד זינגט שוין דער גאַנצער עולם די אַלטע לאַטיינישע תפילה: „טע דעאום לאודאַמוס״ (דיך, גאָט, לויבן מיר) און אַ פרייד באַפאַלט דעם עולם.

און נאָך איידער דאָס געזאַנג הערט אויף, גלייכן זיך אויס די געפאַ־לענע רוקנס און מענטשן פאַלן זיך אין די אָרעמס און מען קושט זיך און מען האַלדזט זיך... אַנדערע לאַכן הויך אויפן קול... נאָך אַנדערע לאָזן זיך אין אַ טאַנץ...

אַזוי איז אַריינגעקומען אין מיטלאַלטער דאָס יאָר 1,000,
די וועלט איז ניט אונטערגעגאַנגען...

א. שטיינבאַרג	משלים
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואָרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש ווײַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער — עסייען
ד״ר ח. שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
משה ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פּ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראַנשטיין	איינאיינעם און באַזונדער
פּ. בערמאַן	אָפענע פענצטער
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון — פּאָעמע
א. סוצקעווער	אָאַזיס — לידער
א. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט.
א. אליצקי	מיין האָרץ־רייזע — לידער
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
נ. דרוזדוב	יידן אין מיטלאַלטערלעכן איטאַליע
ספר זרבבל	צו זיין 75טן יובילעום

אין עברית:

יוסף רוזן	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פּאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. ברלנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות
נ. חנין	ברלה
י. זרבבל	עלי חיים
אפרים אויערבך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס

אין פאַרלאַג י. ל. פּרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגענדע ביכער:

אין יידיש:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1) — אויספאַרקויפט
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין געראַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל דיכטער
יצחק פּאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פּרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד־העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון ווייַ און גלויבן
דוד זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יחיאל האָפער	ר׳ זלמן